STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00505

# EYROPE--TSVISHN MILHOME UN SHOLEM

P. Novik

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Herbert & Betty Sherman*
*in memory of*
*Joseph & Rebecca Sherman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אייראָפּע — צווישן מלחמה און שלום

פ. נאָוויק

# אייראָפּע —
## צווישן מלחמה און שלום

●

רייזע־בילדער • באַטראַכטונגען

איקוף פארלאג

ניו־יאָרק, 1948

# EUROPE—ZWISHEN MILCHOME UN SHOLEM

## Europe—Between War and Peace

By P. NOVICK

Copyright 1948 by
YKUF
189 Second Avenue
New York 3, N. Y.

געדרוקט אין 3,000 עקזעמפּליאַרן

אותיות אויפֿן פֿאָדערבלאַט געצייכנט פֿון קינסטלער אהרן גודעלמאַן

209

PRINTED IN U.S.A.

# אינהאַלט

וואָס ווייסן מיר וועגן אייראָפּע (אַריינפיר) — 7

## פּאַריז — פּראַג

קיין אייראָפּע — 19
אַן אַמעריקאַנער אין פּאַריז — 25
די ווענט פון פּאַריז — 28
אידן אין פּאַריז — 33
„מיר קומען" (די קינדערהיים אין אַנדרעזי) — 38
דורך דייטשלאַנד קיין פּראַג — 42
אידן אין פּראַג — 46
דאָס לאַנד פון דער נייער דעמאָקראַטיע — 52

## פּוילן — ערשטער טייל

מיין רייזע איבער פּוילן — 59
וואַרשעווער פּאַנאָראַמע — 67
דאָרט וואו ס'איז אַמאָל געווען די אידישע וואַרשע — 74
דער פּאָגראָם אין קעלץ—1 — 80
דער פּאָגראָם אין קעלץ—2 — 90
די מלחמה קעגן אַנטיסעמיטיזם — 94
די פּוילישע רעגירונג — 100
אַ נייע אידישע היים: נידערשלעזיע (וורָאָצלאַוו, ריכבאַך, פּעטראָ־ליעשיע, זאַגוזשע, בעליאַווע, וואַלבזשיך, ליגניץ) — 106

## פּוילן — צווייטער טייל

אידן אין פּוילן — 129
פאַרוואָס זיינען פּוילישע אידן אַוועק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד? — 144
עס וואָלטן איצט געלעבט נאָך צענדליקער טויזנטער פּוילישע אידן — 149

לעין, מיקאַלאַיטשיק, קעלץ — 154
די לאָדזשער געטאָ — 158
דריי שעה אין אָשווענטשים — 168
ווען די געטאָ האָט געברענט — 186
אַ זיי־געזונט פּוילן — 206
די פּונקען פון דער וואַרשעווער געטאָ — 212

## סאָוועטן־פאַרבאַנד — ערשטער טייל

די באַן קומט אָן אין מאָסקווע — 223
אויף די מאָסקווער גאַסן — 227
ביים לענין־מאַוזאָלעי — 231
אַ נייע מאָסקווע שטייט אויף — 235
זיצונגען פון העכסטן סאָוועט — 239
סטאַנציע מאַיאַקאָווסקאַיאַ — 246
נאָוועמבער־טעג אין מאָסקווע — 251
איבער אוקראַינע (קיעוו, זשיטאָמיר, בערדיטשעוו, אָדעס; שטעט און שטעטלעך) — 256
אין מינסק — 299
אין ווילנע — 309
אין מיין געבורט־שטאָט בריסק — 329

## סאָוועטן־פאַרבאַנד — צווייטער טייל

אידן אין מאָסקווע—1 — 349
אידן אין מאָסקווע—2 — 355
אידיישקייט אין קולטור — 364
קולטור און לעבן — 371
בירא־בידזשאַן — 389
צאָלן מיר דעם חוב? — 399
עס געדענקט זיך (אַ זיי־געזונט) — 405

# וואָס ווייסן מיר וועגן אייראָפּע?

(אַריינפיר)

אין די יאָרן פאַר דער פאַרגאַנגענער, צווייטער, וועלט־מלחמה איז מיר עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו זיין אין אייראָפּע: אין 1929; אין 1932, איינגעשלאָסן פּאַלעסטינע; אין 1936, איינגעשלאָסן ביראָ־בידזשאַן. מיטן אויסנאַם פון אַ ביכל וועגן פּאַלעסטינע, אין 1933, און אַ ביכל וועגן ביראָבידזשאַן, אין 1937, האָב איך ניט געהאַלטן פאַר נויטיק אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרם די רייזע־אַרטיקלען, וואָס איך האָב בשעת יענע באַזוכן אין אייראָפּע געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" און אַנדערע אויסגאַבן. איך האַלט אָבער, אַז עס איז נויטיק אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרם אַ צאָל פון מיינע אַרטיקלען, וואָס איך האָב געדרוקט פון מיין רייזע אין אייראָפּע אין 1946־1947. דער עיקר אַרטיקלען וועגן פּוילן און סאָוועטן־פאַרבאַנד.*)

פאַרוואָס? ווייל ווען איך בין געקומען פון אייראָפּע צוריק קיין אַמעריקע האָט מיך באַהערשט דאָס געפיל — און דאָס געפיל לאָזט מיך ניט אָפּ — אַז מיר, אין אַמעריקע, ווייסן ניט וואָס אין אייראָפּע טוט זיך! מיר ווייסן ניט ווי אייראָפּע קוקט אויס, מיר ווייסן ניט וואָס פאַר אַ פּראָבלעמען די פאָלקס־מאַסן אין אייראָפּע האָבן צו לייזן, מיר ווייסן ניט וועגן זייערע דערגרייכונגען — סאָציאַלע, קולטורעלע, אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע — מיר ווייסן ניט! מיר ווייסן ניט וואָס אונדזערע ברידער און שוועסטער האָבן איבערגעלעבט און אין וואָס פאַר אַ שטימונג זיי געפינען זיך! די פּרעסע אין אַמעריקע, די ראַדיאָ, אַלערליי רעגירונגס־דעפּאַרט־מענטן און פאַרשיידענע אינסטיטוציעס טוען אַלץ אין זייערע כחות, טאָג־טעגלעך, פיל מאָל אין טאָג, כדי צו מיסאינפאָרמירן דעם עולם, צו מאָלן אַ פאַלש בילד פון אייראָפּע.

---

*) די רייזע האָט געדויערט אַכט חדשים, פון מאַי 1946 ביז (איינגעשלאָסן) יאַנואַר 1947, און האָט אַרומגעכאַפּט פראַנקרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן, סאָוועטן־פאַרבאַנד, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, — דער עיקר פּוילן (קאַרגע דריי חדשים) און סאָוועטן־פאַרבאַנד (דריי און אַ האַלב חדשים).

געוויס, אַ סך אינטערעסירן זיך צו דערגיין דעם אמת. געוויס, עס זיינען פאַראַן שרייבער — ניט קיין סך — וואָס האָבן פּרובירט ברענגען דעם אמת. אָבער דער מאַטעריאַל פון דעם מין איז וווּט ניט גענוגנדיק. עס פאָדערט זיך נאָך און נאָך. און צוליב אַ סך סיבות — כדי מיר זאָלן בעסער פאַרשטיין די לענדער פון אייראָפּע, פאַרשטיין די נייע דעמאָקראַטיעס — פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע, אַלבאַניע, פאַרשטיין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; כדי מיר זאָלן קאָנען טאָן אונדזער פליכט; כדי מיר זאָלן בעסער קאָנען באַקעמפן די מלחמה־העצער.

מיר דאַרפן וויסן וואָס אין אייראָפּע טוט זיך. האָף איך, אַז דאָס דאָזיקע בוך וועט זיין אַ ביישטראָג צו דער דערקענטעניש פון דער איצטיקער אייראָפּע.

אַ באַשיידענער ביישטראָג. ווייל ניט אַלע פראַגן וועגן אייראָפּע, באַזונדערס וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווערן אין דעם בוך באַריירט. דאָס בוך פאַרמאָגט דער עיקר רייזע־בילדער.*) דורך די דאָזיקע בילדער, באַגעגענישן מיט מענטשן, ווערן איבערגעגעבן די שטימונגען פון די מאַסן, ווערן באַלויכטן פּראָבלעמען — אַלגעמיינע און אידישע. עס ווערט ניט געגעבן קיין טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונג פון די פּראָבלעמען. איך האַלט דעריבער פאַר נויטיק צו אָנוואַרפן דאָ עטלעכע גרונט־שטריכן פון דער איצטיקער אייראָפּע. זאָלן זיי דינען ווי אַ הינטערגרונט, אָדער פונדאַמענט, פאַר די שילדערונגען דאָ אין דעם בוך.

●

1. די אייראָפּע, וואָס האָט עקזיסטירט פאַר 1939, איז מער ניטאָ.

עס איז ניטאָ מער דער קאַפּיטאַליזם, וואָס אַמאָל. וועגן אַ ריי לענדער — מיר רעדן, פאַרשטייט זיך, ניט וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן קאַפּיטאַליזם נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — וועגן אַ ריי לענדער קאָן מען זאָגן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג איז דאָרט שוין, אין גרונט גענומען, ניטאָ. די לענדער זיינען: פּוילן,

*) די מייסטע אַרטיקלען ווערן געדרוקט ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן אין אייראָפּע — אין פּאַריז, פּראַג, וואַרשע, קראָקע, מאָסקווע, ווי אָנגעצייכנט אויף יעדן פון זיי. די אַרטיקלען, וואָס ווערן ניט באַצייכנט, צום אָנהויב, מיט איינער פון די שטעט, זיינען געשריבן געוואָרן אין ניו-יאָרק, נאָכן צוריקקומען. די פאָלגנדיקע קאַפּיטלען פון דעם בוך זיינען נאָך אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט: „אידן אין פּוילן", „3 שעה אין אָשווענטשים", „אידן אין מאָסקווע—2", „ביראָבידזשאַן".

טשעכאָסלאָוואַקיע, יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע, רומעניע, אונגאַרן, אַלבאַניע. עס איז ניטאָ נאָך דאָרט קיין סאָציאַליזם. עס איז נאָך פאַראַן קאַפּיטאַליזם, קליין־קאַפּיטאַליזם אין דאָרף און שטאָט, קליין־אייגנטום, אָבער די קאַפּי־טאַליסטישע אָרדענונג איז שוין ניטאָ. וועגן די אַנדערע לענדער פון אייראָפּע, אַפילו וועגן ענגלאַנד, און אין נאָך אַ גרעסערער מאָס וועגן פראַנקרייך, איטאַליע, קאָן געזאָגט ווערן: עס איז ניטאָ מער דאָרטן דער קאַפּיטאַליזם וואָס אַמאָל. אמת, דער דראַנג פון די מאַסן פאַר נאַציאָ־נאַליזאַציע, קאָנפיסקאַציע פון אָנגערויבטן פאַרמעגן, פון מלחמה־פּראָ־פיטן, איז געהאַמעוועט געוואָרן. אמת, דער פאַשיזם איז ניט אויס־געראָטן געוואָרן. ער הויבט אויף דעם קאָפּ. אָבער דער קאַפּיטאַליזם איז פאָרט שוין ניט דער, וואָס געווען. פון דעם „קלאַסישן” קאַפּיטאַליזם, וואָס דאָס הייסט מאָנאָפּאָליסטישע קאָנצענטראַציע, אַרויספיר פון קאַפּי־טאַל, פינאַנץ־אינוועסטירונגען אין קאָלאָניעס און אַנדערע לענדער, מיטן צוועק פון עקספּלואַטאַציע, — פון אָט־דעם „קלאַסישן” קאַפּיטאַליזם זיינען געבליבן נאָר רעשטלעך. זיי האָבן נאָך קראַפט, קאָנען נאָך אָנטאָן שאָדן, אָבער ס'איז ניט דאָס, וואָס אַמאָל.

אַמעריקע איז איצט דאָס איינציקע לאַנד פון דעם דאָזיקן „קלאַסישן” קאַפּיטאַליזם.

די פאַר־מלחמהדיקע רעגירונגען פון אייראָפּע, אינסטרומענטן פון קאַפּיטאַליזם, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומפעיאיק צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די פעלקער, באַשיצן זיי פון אַריינפאַלן אין היטלערס הענט. די קאַפּיטאַליסטישע שיכטן און זייערע רעגירונגען האָבן פאַר־ראַטן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די פעלקער. די פאָלקס־מאַסן האָבן דערזען אין קאַפּיטאַליזם אַ שונא פון פאָלק. דעם קאַמף קעגן פאַשיזם און פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג האָבן געפירט די ברייטע פאָלקס־מאַסן, צווישן וועלכע די קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן פאַרנומען אַן אָנפירנדיק אָרט. דער זיג איבערן פאַשיזם און זיינע קאַפּיטאַליסטישע אונטער־שטיצער, אַרויסהעלפער און קאָלאַבאָראַטאָרס, האָט געגעבן אַ גרויסן שטויס פאָראויס די קרעפטן פון סאָציאַליזם. סאָציאַליזם איז געשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג פון אייראָפּע. אַפילו אין ניט־סאָציאַ־ליסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס זיינען שטאַרק די שטרעבונגען צו נאַציאָ־נאַליזירן די וויכטיקסטע אינדוסטריע־צווייגן.

דער פאַקט וואָס דאָס סאָציאַליסטישע סאָוועטישע לאַנד איז געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט באַוויזן אָפּצושטעלן די מעכטיקע נאַצישע קריגס־מאַשין און צעברעכן זי, שוין נאָכדעם ווי די מאַשין האָט באַוויזן

ארײנצונעמען אין זיך די רעסורסן און אינדוסטריען פון גאַנץ אײראָפּע; די גרויסע ראָל פון דער רויטער ארמײ אין באַפרײען אײראָפּע פון נאַציזם; די אויסגעוואַקסענע קראַפט און דער פארשטארקטער אײנפלוס פון דעם סאָציאַליסטישן לאַנד, האָבן ווידעראַמאָל פארשטארקט דעם אימפּעט אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם, אין גאַנץ אײראָפּע.

2. די נײַע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס: פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, יוגאָסלאַוויע, רומעניע, בולגאַריע, אונגארן, אַלבאַניע, געפינען זיך אין א פּעריאָד פון איבערגאַנג צום סאָציאַליזם. ניט אומעטום אין דער זעלביקער מאָס, ווײַל די עקאָנאָמישע און אַנדערע באַדינגונגען פון די לענדער זײַנען געווען און זײַנען פארשײדן. אָבער אין די אַלע לענדער איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער גרויס־קאַפּיטאַל. ניטאָ קײן באַנקירן, קײן פּריצים. די אוצרות פון די לענדער געהערן צום פאָלק. אַזוי די גרויסע פאַבריקן. די ווירטשאַפט ווערט געבויט לויט א פּלאַן. די דאָזיקע לענדער, וועלכע זײַנען געווען ניט מער ווי קאָלאָניעס, זײַנען עקספּלואַטירט גע־וואָרן פון דײַטשלאַנד און אויך פון אַמעריקע און ענגלאַנד, ווערן אַלײן אינדוסטריאַליזירט, דורך דער מלוכה.

אין די אַלע לענדער זײַנען פארענדיקט געוואָרן די רעוואָלוציעס קעגן פעאָדאַליזם, וואָס האָבן געהאַט זײער אָנהויב אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ניטאָ מער דער קלאַס פּריצים, וועלכער האָט די לענדער באַהערשט. ער איז אראָפּ פון דער היסטאָרישער אַרענע.

דערבײַ דאַרף מען אויך געדענקען, אַז די רעוואָלוציע קעגן פעאָ־דאַליזם איז פארענדיקט געוואָרן אין נאָך א שטיק אײראָפּע — אין דעם טײל דײַטשלאַנד, וואָס געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון דער סאָוועטישער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע.

3. דער אויפשטײג פון די קאָמוניסטישע פארטײען, און פון די טרעיד־יוניאָנס (פראָפֿפאראײנען), אָנגעפירט פון די קאָמוניסטן, שטעלט פאָר מיט זיך א פאַקטאָר פון אַנטשײדנדיקער באַדײַטונג פאַר די קאַמפּן פון די מאַסן פאַר סאָציאַליזם, — אַנטשײדנדיק אין די לענדער פון די נײַע דעמאָקראַטיעס, מאָסגעבנדיק אין די מערב־לענדער, וואו די רעאַקציע האָט מיט דער הילף פון דעם דאָלער פארצײכנט געווויסע, צײַטווײליקע, מעג מען זאָגן, געווינסן. פאַראַן לענדער, וואו די קאָמוניסטישע פארטײ שטעלט פאָר מיט זיך דאָס פאָלק. אַזוי איז דער פאַל אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע, א לאַנד מיט זיבן מיליאָן נפשות, וואָס פארמאָגט א קאָמו־ניסטישע פארטײ פון אַן ערך א מיליאָן מיט דרײ פערטל (זע קאַפּיטלעך וועגן פּראַג). אין יעדן פון די לענדער פון די נײַע דעמאָקראַטיעס זײַנען די

קאָמוניסטישע פּאַרטייען די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע, באַזונדערס צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן און דער אינטעליגענץ. די פּאַרטייען געפינען זיך אין אַ פּאַראייניקטן פראָנט מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַרטייען, וואָס פאַרטרעטן דאָס פאָלק, שטייען זיי ביים רודער פון דער רעגירונג. אין כמעט אַלע לענדער, וואָס זיינען געווען אונטער דער הערשאַפט פון נאַציזם־פאַשיזם, איינגעשלאָסן פראַנקרייך און איטאַליע, זיינען די קאָמוניסטישע פּאַרטייען די מאַסן־פּאַרטייען פון אַרבעטער־קלאַס. זיי מאָביליזירן אויך אַרום זיך גרויסע פויערים־מאַסן, באַדייטנדיקע שיכטן פון דער אינטעליגענץ.

די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון אייראָפּע געפינען זיך בראש פון די קרעפטן, וואָס טרייבן די ראָד פון דער געשיכטע פאָראויס. דער מאַסן־כאַראַקטער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, דער כאַראַקטער פון דער פירערשאַפט איבער די טרעיד־יוניאָנס (פּראָפפאַראיינען), וועלכע זיינען שטאַרק אויסגעוואַקסן, די איבערלעבונגען פון די פעלקער, די צענדליקער מיליאָנען קרבנות, וואָס זיי האָבן געבראַכט אין דער מלחמה, וואָס איז געווען אַ פּראָדוקט פון קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע, פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, — די אַלע קרעפטן און איבערלעבונגען זיינען פאַקטאָרן אין דעם פאָראויס־מאַרש פון דער געשיכטע אין אייראָפּע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע זיינען אַ בויענדיקע, שאַפנדיקע קראַפט. אין די לענדער פון די נייע דעמאָקראַטיעס זיינען די קאָמוניסטן צווישן די הויפּט־בויער פון דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן, אויף נייע יסודות. זיי זיינען צווישן די הויפּט־קרעפטן, פירנדיקע קרעפטן, אין די אָנשטרענגונגען פון די פעלקער צו ליקווידירן דעם חורבן. אויך אין די אַנדערע לענדער פון אייראָפּע זיינען די קאָמוניסטישע פּאַרטייען בויענדיקע, שאַפנדיקע פאַקטאָרן, אויפן ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן געביט.

מיט די דריי גרונט־עלעמענטן פון דער איצטיקער אייראָפּע—1) דאָס, וואָס אייראָפּע איז איינגאַנצן אַנדערש; 2) דאָס, וואָס זי פאַרמאָגט די לענדער פון די נייע דעמאָקראַטיעס, און 3) קאָמוניסטישע מאַסן־פּאַרטייען, וועלכע זיינען אויסגעפּרובירט געוואָרן אין דעם פייער פון קאַמף קעגן נאַציזם — מוז מען זיך כסדר רעכענען.

●

דאָס אידישע לעבן, ווי דאָס לעבן אין אייראָפּע בכלל, געפינט זיך צווישן חורבן און אויפבוי. דער אויסערלעכער, פיזישער, חורבן, און

דער אינעווייניקסטער חורבן, דער חורבן פון די נשמות, איז אַזוי גרויס, אַז מען קאָן אים גאָרניט אָפּשילדערן.

די שילדערונגען אין דעם בוך וועלן געבן נאָר אַ געוויסן באַגריף וועגן דעם חורבן, אָבער דער טראָפּ איז געשטעלט געוואָרן אויף אויפבוי. און אויך אין אידישן לעבן גייען די קאָמוניסטן בראש פון די קאָנסטרוקטיווע קרעפטן פונעם פאָלק.

יציאת אייראָפּע איז געווען אַ פאַלשער לאָזונג. אַז ער איז פאַרבליבן אַ פוסטער לאָזונג, איז שוין קלאָר פאַר אַלעמען. די אידישע ישובים בויען זיך — מיט שוועריקייטן, מיט פּיין. עס זיינען נאָך ניט פאַרשוואונדן די שאָטנס פון דעם גרויליקן נעכטן. די פאַרזוכן פון דער רעאַקציע, פון דעם פאַשיזם, אויפצוהויבן דעם קאָפּ, וואַרפן נייע שאָטנס. אָבער די ישובים בויען זיך.

איך האָב געזען דעם נייעם אידישן ישוב אין פּ ו י ל ן אין די טעג פון זיינע טראַגישסטע איבערלעבונגען, בשעת און נאָך דעם פּאָגראָם אין ק ע ל ץ. איך האַלט פאַר נויטיק צו רעגיסטרירן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל אין דעם בוך. אָבער איך האָב געזען ווי די נייע קרעפטן, פון דער נייער אייראָפּע, וועלכע זיינען באַזונדערס שטאַרק געקומען צום אויסדרוק אין דעם נייעם פּוילן, האָבן גענומען די אויבערהאַנט.

דער אידישער ישוב אין פּוילן איז אַ מוסטער פון דער לעבנס־קראַפט פון די לעבן־געבליבענע אידן אין אייראָפּע בכלל. די אויסראָטונג פון דעם אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, דאָס שטעלן דעם אַנטיסעמיטיזם אויסערן געזעץ, איז אויך אַ מוסטער, ווייל דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע לענדער פון דער נייער דעמאָקראַטיע.

דאָס איז אַ היסטאָרישער שטריך. צום סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען צוגעקומען נאָך אַ ריי לענדער, וואו דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ מלוכה־פאַרברעכן. דאָס איז אַ וויכטיקער עלעמענט פון דאָס נייע אין דער נייער אייראָפּע.

ווייל דער אידישער ישוב אין פּוילן האָט אַזוי פיל איבערגעלעבט, ווייל ער איז לויט זיין בויאונג, ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער, מיט דער הילף פון דער מלוכה, אַ ביישפּיל, און ווייל די אויסראָטונג פון אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן איז אַ ביישפּיל פון דער נייער דעמאָקראַטיע אין אייראָפּע בכלל, פאַרנעמט פּוילן אַזאַ גרויס אָרט אין דעם בוך, זייט ביי זייט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. רעדט מען אָבער וועגן אידיש לעבן, מוז מען אינזינען האָבן דער עיקר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין דעם קאַפּיטל וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט ביי עטלעכע געלעגנ־

היינט אונטערגעשטראָכן דאָס גאַר גרויסע אין דער געשיכטע פון די אידן אין אייראָפּע, און אין דער גאַנצער וועלט, זינט 1939 — דאָס, וואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געפינען זיך מיליאָנען אידן, וועלכע זיינען כמעט אַלע עוואַקואירט געוואָרן דורך דער סאָוועטן־רעגירונג, אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

נאָר ווען מען פאָרט אַרום איבער אייראָפּע, און באַזונדערס איבער פּוילן, וואו אידיש לעבן איז אויסגעראָטן געוואָרן, קאָן מען באַגרייפן וואָס דאָס הייסט אידיש לעבן, וואָס דאָס באַטייט מיליאָנען לעבעדיקע אידן.

דאָס איז אַ שאַרפער שטריך, וואָס קריצט זיך איין אינעם מוח, אינעם האַרצן, נאָך אַ רייזע אין אייראָפּע, וואָס שליסט איין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

שוין אין פּוילן האָב איך דערפילט, ווי פון מזרח, פון דער סאָ־וועטישער זייט, האָט געשטראָמט אידיש לעבן, האָבן געשטראָמט מאַסן לעבעדיקע פּוילישע אידן, אין די פילע צענדליקער טויזנטער, וועלכע האָבן אַדאַנק דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויסגעמיטן טרעבלינקע און אָשווענטשים. ווען איך בין אַריין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גופא, האָב איך זיך דערפילט צום ערשטן מאָל — נאָכן פאַרלאָזן אַמעריקע — אין אַ לאַנד פון מיליאָנען אידן, לעבעדיקע מיליאָנען.

די דערשיינונג נאָך דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע פון די אידן אין אייראָפּע בכלל, בשעת אין כמעט אַלע אייראָפּייאישע לענדער האָבן זיך געראַטעוועט נאָר רעשטלעך, מוז און וועט אָן ספק פאַרנעמען איר געהעריק אָרט אין דער אידישער געשיכטע.

●

ווייל מען ווייסן וואָס די פעלקער פון אייראָפּע טראַכטן וועגן אַמעריקע, זאָל מען נעמען אין אכט:

1. ווי אַזוי זיי, די פעלקער פון אייראָפּע, לעבן, און דעם חורבן וואָס זיי האָבן ביייצוקומען, — אַ חורבן וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ מלחמה, וועלכע איז אויך געווען אַמעריקעס מלחמה. מען מוז אינזינען האָבן די צענדליקער מיליאָנען קרבנות, וואָס די פעלקער פון אייראָפּע האָבן געבראַכט, אין געפאַלענע, אומגעקומענע, אומגעבראַכטע, און די נאָך צענדליקער מיליאָנען פיזיש און גייסטיק צעבראָכענע.

2. אַז אַמעריקע, וועלכע האָט פאַרהעלטניסמעסיק ווייניק קרבנות געבראַכט — כאָטש הונדערטער טויזנטער זיינען געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער — האָט נים נאָר נים געוואוסט פון חורבן, פון מאַנגל און נויט,

נאָר איז, ניט געקוקט אויף אַ זייער גרויסן בייטראָג צו דער מלחמה אין דאָלאַרן, אומגעהויער רייך געוואָרן פון דער מלחמה. אין דער זעלביקער צייט האָט אַמעריקע „אָפּגעוואַשן די הענט" פון דעם חורבן אין אייראָפּע, וועלכער איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער זעלביקער מלחמה.

3. אַז צווישן דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין אייראָפּע און אין אַמע־ריקע הערשט אַ טיפער אָפּגרונט. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם חורבן אין הייזער, אינדוסטריען, קאָמוניקאַציע־מיטלען, מאַשינעריע, אַרבעט־קראַפט, איז אין אייראָפּע אָפּגעשטאַנען די אינדוסטריעלע ווירטשאַפט און די לאַנדווירטשאַפט, פעלט שפּייז, קליידער, קוילן. זאַכן, וואָס זיינען אין אַמעריקע זעלבסט־פאַרשטענדלעך, זיינען אין אייראָפּע ערנסטע פּראָב־לעמען. דער לעבנס־סטאַנדאַרד אין אַמעריקע איז ניט סתם אַ העכערער — ער איז גאָר אַן אַנדערער, ווי אויף אַן אַנדער פּלאַנעט.

4. אַז בשעת די אָפיציעלע אַמעריקע, דער הערשנדיקער קאַפּי־טאַליסטישער קלאַס אין אַמעריקע, האָט „אָפּגעוואַשן די הענט" און וויל ניט וויסן, אַז דער חורבן אין אייראָפּע, די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע, איז אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה, וועלכע האָט אויך אַמעריקע גע־ראַטעוועט; בשעת די אָפיציעלע אַמעריקע וויל ניט וויסן, אַז וואַרשע, קיעוו, מינסק, האַוור זיינען חרוב געוואָרן, כדי ניו־יאָרק, וואַשינגטאָן, שיקאַגאָ, לאָס־אַנדזשעלעס זאָלן בלייבן גאַנץ, מישט זי זיך אָבער, אָט די אָפיציעלע אַמעריקע, אין אייראָפּע, זוכט זי אויסצונוצן דעם חורבן, כדי צו דיקטירן, אַרויפצווינגען איר דעה. אַ בילד דערפון האָב איך געזען אין פּוילן. דאָס פּרוביר איך שילדערן. דאָס איז אַ ביישפּיל.

5. די קרבנות, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געבראַכט. און דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס אין מיינע רייזע־איינדרוקן פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד שטעל איך זיך אַזוי אָפּ אויפן חורבן. מען מוז עס בסדר האַלטן פאַרן אויג. ווען מען געדענקען די פיל מיליאָנען קרבנות, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געבראַכט, און דעם חורבן, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעמאַכט — די גרעסטע קרבנות, דער גרעסטער חורבן, כדי דער זיג זאָל קומען; וועט מען דערביי איינזינען האָבן, אַז די אַמערי־קאַנער רעאַקציע וויל עס אויסנוצן כדי צו נעמען די אויבערהאַנט, כדי צו דיקטירן; וועט מען איינזינען האָבן, אַז אַמעריקע, דאָס איינציקע לאַנד פון „קלאַסישן" קאַפּיטאַליזם, וויל דרייען אויף צוריק די ראָד פון דער געשיכטע אין אייראָפּע, וויל ניט דערלאָזן קיין סאָציאַליזם, וויל ברענגען צוריק דעם פאַר־מלחמהדיקן, אָבער „אַמעריקאַניזירטן" קאַפּיטאַליזם, ברענגען צוריק דעם פעאָדאַליזם, מיט אַ סך פון די פריערדיקע פאַשיס־

טישע, אַנטיסעמיטישע שטריכן ; וועט מען אינזינען האָבן, אַז צוליב דעם און צוליב דער פּאָליטיק פון דיקטירן און באַהערשן וויל דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם צוריק אויפבויען די דייטשע שווער־אינדוסטריע, אויפהאַלטן דעם יונקערטום, קעגן דעם געבאָט פון רוזוועלטן, קעגן דעם פּאָטסדאַמער אָפּמאַך, — וועט מען דאָס אַלץ אינזינען האָבן, וועט מען באַגרייפן פון וואַנען עס נעמען זיך די מיספאַרשטייענישן און קאָנפליקטן מיט די פאָרשטייער פון דעם לאַנד, וואָס איז אַ פעסטונג פון סאָציאַליזם, אַנטי־פאַשיזם, אַנטי־אַנטיסעמיטיזם, די פאָרשטייער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועט מען אויך באַגרייפן די קאָנפליקטן מיט די לענדער פון די נייע דעמאָקראַטיעס, די „מיספאַרשטייענישן" מיט ענגלאַנד און מיט אייראָפּע בכלל.

דער צוועק פון דעם בוך איז צו העלפן די אידישע מאַסן באַגרייפן די דאָזיקע לעבנס־וויכטיקע ענינים, פון וועלכע עס הענגט אָפּ דער פרידן פון דער וועלט און דער קיום פון אידישן פאָלק. דער צוועק איז צו העלפן די אידישע מאַסן אין אַמעריקע באַגרייפן זייער פליכט בנוגע די אידן אין אייראָפּע, וועלכע גייען, מוזן גיין, פון חורבן צו אויפבוי.

**פּ. נאָוויק**

ניו־יאָרק,
אָקטאָבער, 1947.

# פּאַריז — פּראַג

# קיין איראָפּע

אויף דער שיף „בראַזיל".

ס'איז דער אייגענער ים, וואָס אַמאָל, ווי פאַר דער מלחמה, — „אַפילו" ווי אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אפשר איז ער טיפער געוואָרן — אַזוי פיל טרערן און בלוט איז פאַרפלאָסן — אָבער קענטיק איז עס נישט. ס'איז דער אייגענער ים.

אַרום און אַרום ליגט די אומענדלעכע וואַסער־מאַסע, ערטערווייז טונקל־גרין, ערטערווייז טונקל־בלוי. ווי גייט עס אינעם נעגער־ליד „אָלד מען ריווער" ? „הי דזשאַסט קיפּס ראָלינג עלאָנג". אָן אויפהער באַוועגט זיך די וואַסער־מאַסע, שפּילעוודיק, צום גליק, און אָן אויפהער טראָגט זיך אונדזער שיף אויף מזרח, צו איראָפּע.

ס'איז דער אייגענער ים, ס'איז די אייגענע ים־לופט — טערפּקע און שטאַרקנדיק — און ס'איז די אייגענע מאַי־זון. און די אויבערשטע דעק האָט שיער ניט דעם אויסזען פון אַמאָליקע רייזעס. ווער עס באָקט זיך אויף דער זון, ווער עס שפּאַצירט, ווער עס שטייט ביי דער סאַמע לעצטער פאַרענטש צום סוף פון שיף, מיטן בליק צום מערבדיקן האָריזאָנט, אַהין וואו עס ליגט ניו־יאָרק, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזן מיט עטלעכע טעג צוריק.

דעם 25טן מאַי פונעם יאָר 1946 איז עס געווען. די „בראַזיל" האָט זיך פּאַמעלעך דורכגעשלייכט דעם האָדסאָן, אַראָפּצו, פאַרביי דער ניו־יאָרקער „הימל־ליניע", די וואָלקן־קראַצערס, פאַרביי אַ געפּאַקטן האַפן מיט שיפן און באַרקעס, וועלכע זיינען געשטאַנען אָן מלאכה צוליב דעם באַן־סטרייק, און פאַרביי דער פרייהייט־סטאַטוע, און פאַרביי דעם לעצטן ברעג פון אַמעריקע־לאַנד, וואו עס איז מיט גרויסע ווייסע אותיות אָנגעצייכנט : „יו. עס. קאַראַנטין".

אַלערליי געדאַנקען זיינען דעמאָלט געקומען אין קאָפּ אַריין. למשל, אין יאָר 1933 זיינען מיר דאָ אַרויף אויף דער שיף, וואָס האָט געבראַכט ליטווינאָוון קיין אַמעריקע צום ערשטן מאָל. ס'האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די רוזוועלט־צייט פון באַציאונגען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד...

די שיף גייט איר ריטמישן גאַנג. די וואַסער־מאַסע אַרום און אַרום

באַוועגט זיך אַן אויפהער, און אַן אויפהער טראָגן זיך די געדאַנקען — אויף יאָרן צוריק, צו אַנדערע רייזעס איבערן אַטלאַנטיק, צו דער ערשטער רייזע, צום ערשטן אָנבליק פון אַמעריקע־לאַנד...

שוין דעם פינפטן טאָג, אַז מיר פאָרן. ביז איצט איז געווען ממש איבעראַשנדיק רואיק (עס בענקט זיך שוין נאָך אַ שטיקעלע שטורעם). „שטילער אָקעאַן" וואָלט געווען אַ פּאַסנדיקער נאָמען פאַר דער וואַסער־מאַסע אַרום. עטלעכע מאָל האָבן זיך אויפן האָריזאָנט באַוויזן פּראַכט־שיפן און עס האָט אויסגעקוקט ווי אויף די פּאָסט־קאַרטל־בילדער. „שטיל לעבן" אויפן ים.

ניט מער, אַמאָל שטעלט איר זיך אָפּ ביי דער פּאַרענטש, וואָס ביים „נאָז" פון שיף, און איר פאַרקוקט זיך אויף אַן אַנדער האָריזאָנט, אויף מזרח, אין דער ריכטונג פון אייראָפּע, און אַלערליי פּראַגע־צייכנס שווימען־אויף פאַר אייך...

●

איז טאַקע אַלץ דאָס אייגענע, וואָס אַמאָל, און ס'איז גאָרניט דאָס אייגענע. ווייל ווי נאָר איר קומט אַרויף אויפן שיף דערזעט איר און דערפילט איר דאָס, וואָס מיר וועלן אַפּנים זען און פילן אין אייראָפּע: ס'איז נאָך מלחמה־צייט.

די שיף האָט ערשט נעכטן טראַנספּאָרטירט סאָלדאַטן. אויף איר וועג קיין אַמעריקע פירט זי נאָך אַלץ סאָלדאַטן, דער עיקר זייערע אייראָפּייאישע ווייבלעך, די „מלחמה־כלות". די שיף איז אויסגעליידיקט פון יעדן מין לוקסוס, פון יעדער באַקוועמלעכקייט, פון די אַלע העפלעכ־קייטן און פאַרוויילונגען און שפּייזן און געטראַנקען, מיט וועלכע מען האָט אַמאָל געקעכלט דעם פּאַסאַזשיר. איר שלאָפט אויף אַ זייער שמאָל און זייער האַרט אַרמיי־בעטל. ווען עס גליקט אייך אָפּ, זייט איר אין אַ קאַבינע פון זעקס — דריי בעטלעך אונטן, דריי בעטלעך אויבן. אין דעם צעטל פון דער שיפסקאַרטע וואָרנט מען אייך, אַז איר קאָנט אַריינפאַלן אין אַ קאַבינע פון צוועלף און מער. עס זיינען אָבער פאַראַן קאַבינעס, וואו מען האָט אַריינגעשפּאַרט אכצן (18) פערזאָן, פרויען מיט קינדער...

ס'איז נאָך מלחמה־צייט. פון די באַדינגונגען אויף דער שיף דער־שפּירט איר דעם ערשטן טעם פון אייראָפּע, וואו די מלחמה איז נאָך אַפּנים אַ ווירקלעכקייט. איר דערשפּירט עס פון די גרוסן, וואָס קומען אייך אַנטקעגן אין די שמועסן אויפן דעק, ביים עס־טיש, מיט די שיף־ברידער אין קאַבינע.

איין גרוס פון האוור: „ווער ווייס" וויפיל מיר וועלן אין דער חרובער האפן־שטאָט דארפן ווארטן אויף א באן קיין פאריז. די וואָס פאָרן ווייטער פון פאריז, קיין דרום־פראנקרייך און שווייץ, האָט מען געוואָרנט, אז זיי קאָנען פארהאלטן ווערן א פּאָר טעג און נעכט אויף א פאריזער וואָקזאל.

„ס'איז ניט וואָס אמאָל", זאָגט ביים עס־טיש א שכנטע, וועלכע פאָרט באזוכן איר אלטע היים, די שווייץ.

אירע ווערטער האָבן א טרויעריקן קלאנג, און ניט אזוי צוליב דעם, וואָס זי וועט דארפן באאומרואיקן ווייטע באקאנטע אין פאריז.

אונדזער שכנטע וואוינט שוין 37 יאָר אין אמעריקע, אין ברוקלין. געקומען איז זי א יונג מיידל און עטלעכע מאָל איז זי געפאָרן באזוכן די אלטע היים. די לעצטע רייזע האָט זי געמאכט אין 1922. זי האָט דעמאָלט דערוואַרט צו ווערן א מוטער — און האָט געבאָרן א זון. איצט פאָרט זי ווידער קיין אייראָפּע, און אן אויפגאַבע האָט זי — געוואָר צו ווערן וואו דער דאָזיקער איינציקער זון אירער איז אהינגעקומען. ער איז געווען א פליער, שוין געהאט פערציק מיסיעס, און איז אראָפּגעשאָסן געוואָרן איבער דייטשלאנד, ניט ווייט פון דער שווייץ...

דאָס איז אלץ וואָס זי ווייסט. זיין קערפּער האָט מען קיינמאָל ניט געפונען. פאָרט זי איצט טאַקע אין דער שווייץ צוגאַסט (קיין דייטשלאנד האָט זי ניט געקאָנט קריגן קיין דערלויבעניש אריינצופאָרן), אָבער זי וועט פרעגן, זוכן, פּרובירן אריבער די גרענעץ. אפשר האָט עמעצער געהערט, אָדער געזען...

די שווייצערקע פון ברוקלין ווייזט מיר דאָס בילד פון איר יונגן פליער, בשעת זי טרעפט מיך אויפן דעק. דערביי קוקט זי אזוי אויפן ים, איך זאָל ניט זען אירע אויגן...

איז שוין דער ים אויך ניט דער אייגענער...

די שווייצערקע וואונדערט זיך, צי איר שוועסטער, אין דער שווייץ, וועט זי דערקענען. איך טרייסט איר: זי איז גליקלעך, וואָס זי פאָרט צו א לעבעדיקער שוועסטער און צו א היים, וואָס איז ניט חרוב געוואָרן. און איך דערצייל איר וועגן א שטאָט, וואָס הייסט בריסק, וועגן א שוועסטער מיט קינדער, וואָס האָט דאָרט געלעבט.

איז מיין שווייצערקע אָבער ניט געטרייסט געוואָרן. טוט איר שוין ווי דאָס הארץ פאַר א שוועסטער אין בריסק אויך. ס'איז דאָך א הארץ פון א מאמען, וואָס פאָרט געוואָר ווערן וואו איר אינגל איז אראָפּגעפאלן. קוקט זי שוין ווידער אזוי מאָדנע אויפן ים.

ניין, ס׳איז ניט דער אייגענער ים וואָס אַמאָל.

●

וואָס נעענטער צו אייראָפּע, אַלץ שטורמישער דער ים.

ס׳איז שוין דער 31טער מאַי. מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן מיר פאַרלאָזט דעם גאָלף־שטראָם פּאַס, וואָס שניידט דורך דעם אַטלאַנטישן ים פון מעקסיקאַנער גאָלף ביז נאָרוועגיע און העכער אויפן צפון. ס׳איז געוואָרן קעלטער. די כוואַליעס האָבן זיך צעשפּילט, ווי עס פּאַסט טאַקע פאַר א ים. ס׳איז אָן סכנות — ס׳איז פאַרט סוף מאַי — אָבער די וואַסערן אַרום זיינען צעשוימט. גרויסע, ווייסע שוים־פלעקן, ווי פלאַכטעס שניי, אַרום און אַרום, ווי ווייט דאָס אויג קאָן פאַרוואַרפן. ס׳איז דאָ קראַפט אין דער „לאַנדשאַפט”, איבער וועלכער די שיף, א וואַקלדיקע, טראָגט זיך — מיט גרעסערער קראַפט. די טונקל־בלויע וואַסערן ווערן צעברויזט אַרום שיף, ווערן מילד־שוימיק און ליכטיק־גרין. זיי שטעקן אָן מער מיט א געפיל פון יום־טובדיקייט, איידער פון שרעק. און אפילו ווען די שיף פאַרנויגט זיך א ביסעלע צו שטאַרק, בלייבט איר רואיק. איר קריגט דעמאָלט דאָס געפיל פון דערהויבנקייט, וואָס איר זייט א טייל פון דער סטיכיע, פון דעם געוועט צווישן דער שיף און די כוואַליעס.

עס איז שוין דער זיבעטער טאָג אַז מיר פאָרן, און די גאַנצע מעשה הויבט שוין אָן ווערן דערעסן.

זאָגט אָבער טאָני, מיין שכן פון דעם בעטל אונטער מיר, א גע־וועזענער סאָלדאַט, וואָס פאַרט קיין בעלגיע חתונה האָבן, כדי זיין ווייבל זאָל קאָנען אַריבערקומען צו אים אין אינדיאַנאַ, אַז מען טאָר ניט ווערן אומגעדולדיק. און ער דערציילט מעשיות.

א מעשה אין דעצעמבער 1943, ווען מען האָט אים, צוזאַמען מיט א סך סאָלדאַטן געפירט מיט דער באַן צום ניו־יאָרקער האַפן און „אָנ־געלאָדן” אויף דער „קווין מערי”. אכצן (18) טויזנט זייערע האָט מען אַריינגעפּאַקט! אכצן טויזנט אויף דער איין שיף! וואו מען איז גע־שלאָפן? מען האָט „זיי” אָנגעשטאָפּט אינעווייניק ווי די סאַרדינס און א סך האָבן פּשוט זיך אויסגעצויגן אויפן דעק, אין דעם גאַנצן אָנטאָן זייערן.

— און אויב — זאָגט אונדז דער געוועזענער סאָלדאַט — איר מאַכט א וועזן בשעת עס ווערט אייך איצט צו קאַלט אויפן דעק, טאָ שטעלט זיך פאָר ווי עס איז געווען אין דעצעמבער. קאַלט און נאַס! און אויב איר האָט פאַראיבל, וואָס איר עסט איצט אין דריי וואַכטעס (שיפטס), טאָ געדענקט, אַז דעמאָלט האָבן מיר געגעסן אין זעקס וואַכטעס. אָבער

ווען יעדער מאַלציט וואָלט געדויערט שיער ניט א שעה, ווי איצט, וואָלט מען אין קיך קיינמאָל ניט פאַרטיק געוואָרן. די „באָים" פלעגן דאַרפן אַראָפּשלינגען דאָס ביסל „חזירײַ" אין פופצן מינוט. אַריין — און באַלד אַרוים. איר פאַרשטייט? קאָכט זיך ניט! צוועלף טעג זײַנען מיר אַזוי געפאָרן ביז גלאַזגאָו! און אָפט געפאָרן אין זיגזאַגן, אויסצודרייען זיך פון סובמאַרינס.

איר קאָנט א געוועזענעם סאָלדאַט מיט גאָרניט איבעראַשן. און אז אַן אַנדער שכן פון אונדזער קאַבינע, א געוועזענער פראַנצויזישער סאָלדאַט, ראָזענפעלד, הערט וואָס מאַני פון אינדיאַנאַ זאָגט, הויבט ער אָן דערציילן — וועגן די וואַגאָנען „פאַר פערציק מענטשן, אָדער אַכט פערד" אין פראַנקרייך, אין וועלכע מען האָט אַריינגעפּאַקט א היפּש ביסל מער ווי פערציק; וועגן דעם ווי די דייטשע „שטוקאַס" האָבן אין 1940 געמאַכט פון זיי א תל.

נאָר אַז די געוועזענע סאָלדאַטן, די „דזשי־אַי׳ס", הויבן אָן שמועסן צווישן זיך, הויבט זיך אָן אַן אייגענע וועלט פאַר זיי. דער, וואָס איז קיין סאָלדאַט ניט געווען, קאָן אַהין ניט אַריין. ניט ער פאַרשטייט דעם אַרמיי־לשון, ניט ער קאָן זיי נאָכלויפן אין זייערע איבערלעבונגען. ס׳איז א פרעמדע וועלט פאַר אים, די וועלט פון געוועזענעם סאָלדאַט.

●

קאָלאָמבוס האָט געמאַכט זײַן רייזע מיט אַן ערך 450 יאָר צוריק. דעם געשריי „לאַנד! לאַנד!" האָט מען זינט דעמאָלט א שפּאָר ביסל מאָל געהערט אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן. אָבער „לאַנד" איז נאָך אַלץ א דערהויבנדיק, אויפרודערנדיק וואָרט, נאָכדעם ווי איר געפינט זיך אַכט טעג צווישן הימל און וואַסער.

דער פרימאָרגן איז געווען א גרויער, שבת, דעם 1טן יוני. דער ים, אָפּשפּיגלענדיק דעם אַש־גרוי פון אויבן, האָט פשוט קיין טעם ניט געהאַט. וואָלט ער כאָטש געשטורעמט און געברויזט (חלילה!) — איז דאָס אויך ניט. א פאַרהעלטניסמעסיק רואיקע, בלאַטיק־גרויע וואַסער־מאַסע. אָבער עטלעכע פריילעכע פלעקן האָט זי געהאַט אויף זיך, העט־ווייט: פישער־שיפלעך.

די ים־פייגל, וועלכע האָבן שוין פריער געבראַכט גרוסן, האָבן זיך איצט געמערט.

נאָר פרי אין אָוונט האָט מען שוין דערזען דעם ערשטן לייכט־טורעם. וואונדער איבער וואונדער! לאַנד! לאַנד! לאַ טער! זעמליאַ! מען האָט זיך אָנגעזאָגט א בשורה אויף אַלערליי לשונות. מיר זײַנען אַרויף

אויפן וועג צום ענגלישן קאַנאַל, פאַרבייגעפאָרן דעם סאַמע אָנהויב פון די ענגלישע אינזלען, די „ס׳סילי איילענדס״.

מיר זיינען שוין אין אייראָפּע. מיר האָבן נאָך צו „מאַכן״ אַ פּאָר הונדערט מייל ביז האַוור, פראַנקרייך, און אינצווישן דאַרפן מיר אָפּשטאַטן דעם וויזיט אין סאַוטהעמפּטאָן, אָבער מיר זיינען שוין אין אייראָפּע.

אפשר איז בעסער וואָס מיר שטעלן זיך אָפּ אין סאַוטהעמפּטאָן. ווען מיר וועלן זיך אויסדרייען פון דאָרט קיין האַוור, איבער דער ברייט פון ענגלישן קאַנאַל, וועלן מיר דורכמאַכן דעם וועג, וואָס מיין שכן, דער געוועזענער סאָלדאַט, האָט געמאַכט פּונקט מיט צוויי יאָר צוריק, דעם 6טן יוני, 1944, „די־דעי״, ווען די אינוואַזיע, דער צווייטער פראָנט, האָט זיך אָנגעהויבן, ווען ער האָט געלאַנדעט אויפן פראַנצויזישן ברעג. איך האָב אויפן שיף דורכגעלייענט ראַלף אינגערסאָלס בוך „טאָפּ סיקרעט״, און דאָס בילד פון דער היסטאָרישער לאַנדונג אין נאָרמאַנדי שטייט מיר פאַר די אויגן. אַ מערקווירדיק קאַפּיטל אין אַ מערקווירדיקן בוך! אָבער מיין „דזשי־אַי״ וועט מיר געבן זיין אייגענע ווערסיע פון דער לאַנדונג אין פראַנקרייך. עס רעדט פון אים צרות.

וועלן מיר זען, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. און דער איבערמאָרגן.

# אַן אַמעריקאַנער אין פּאַריז

פּאַריז.

האָט איר געזען דעם פילם „ראַפּסאָדי אין בלו״, וועגן דעם לעבן און שאַפן פון דזשאָרדזש גוירשווין?

איין סצענע איז דאָרטן פאַראַן, ווי דער יונגער גוירשווין, דאָס אידישע בחורל פון דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד, וואָס איז באַרימט געוואָרן (מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק) מיט זיינע „היטס״ אויף בראָדוועי, קומט קיין פּאַריז. דאָ שרייבט ער אָן זיין טאָן־פּאָעמע: „ען אמעריקען אין פּעריז״, אַן אַמעריקאַנער אין פּאַריז.

ווייזט אייך דער פילם, ווי גוירשווין עפנט אויף דעם פענצטער פון זיין האָטעל־צימער און דערזעט דעם איַיפעל־טורעם. ווערט אים גוט אויפן האַרצן: ער איז אין פּאַריז. גייט ער אַראָפּ אין גאַס און זעט ווי ביי דער סענע שטייען מענטשן געמיטלעך און בלעטערן אַלטע ביכער. איז אים ווידער גוט. אין די טיולעריי־גערטנער שפּילן זיך קינדער. איז אים וואויל. נעמט ער אַ טאַקסי און טראָגט זיך איבער פּאַריז. שוועבן אים פאַרביי דער קאָנקאָרד־פּלאַץ און שאַנז עליזעי און דער טריאומף־טויער און די אָפּערע־הויז און נאָטער־דאַם און די אַלע שיינקייטן פון דער שיינער שטאָט פּאַריז. און ווידער פאַרקוקט ער זיך אויפן מילדן שטראָם פון דער סענע, און ווידער אויף די געמיטלעכע ליבהאָבער פון אַלטע ביכער און גראַווירן, — און די טאָן־פּאָעמע פאַרגייט זיך אין אַזאַ מתיקות, אין אַזאַ פייערלעכער זיסקייט. דער אַמעריקאַנער פרייט זיך, וואָס די מאַמע האָט אים געהאַט: ער איז אין פּאַריז.

פּאַריז האָט אַלע אירע טויזנט חנען, ווי אַמאָל. שפּעט ביינאַכט, אָנקומענדיק קיין פּאַריז, האָט מיך די טאַקסי געפירט פון סאַן־לאַזאַר וואָקזאַל דורך אַ רחבותדיקן סקווער ניט ווייט פון דער סענע און איך האָב דערקענט דעם קאָנקאָרד־פּלאַץ. עס שטייען נאָך דאָ די פאָנטאַנען, און דער אָבעליסק, וועלכן לואי פיליפּ האָט געבראַכט פון עגיפּטן. און אויפן מאָרגן, ביי טאָג, האָט דער סקווער געבלאַנקט מיט זיין יום־טוב־דיקייט, ווי שטענדיק. און העט־ווייט, איבער די עליזעי־פעלדער (די גאַס

שאַנז־עליזעי) האָט זיך אַרויסגעהויבן דער טריאומף־טויער, אַרק די טריאָמף, אויף וועלכן עס זיינען אויסגערעכנט נאַפּאָלעאָנס זיגן (ניט זיינע מפּלות). און אין די טיולערי־גערטנער, הינטערן סקווער, איז געווען אויפגעראַמט און צוגעקעמט. און עס האָבן זיך געשפּילט קינדער. און ווידער אַ טריאומף־טויער, אין די גערטנער. און דער לוּאווער, און די אָן אַ שיעור שיינע געביידעס, ריזן־געביידעס, וואָס פאַרמאָגן דעם פּראַכט פון זעלטענע אַנטיקן. ניט קיין געביידעס זיינען עס, נאָר שטיקער געשיכטע. אין די שטיקער געשיכטע געפינען זיך: דער באַסטיל־פּלאַץ, און דער פּלאַץ פון דער רעפּובליק, און דער סקווער פאַרן שטאָט־ראָט, „האָטעל דע ווי". און וואָס פאַר אַ ווייכע, מילדע יוני־טעג! און וואָס פאַר אַ ווייכע, מילדע קאָלירן עס שוועבן אַרום אין דער אַטמאָספערע! ניט קיין וואונדער, וואָס פּאַריז איז דער גן־עדן פאַר מאַלער!

כאָטש קוועל זיך פאַנאַנדער, ווי אַ באָקסער: אַן אַמעריקאַנער אין פּאַריז!

איך בין אָבער אַן אַמעריקאַנער איד אין פּאַריז, נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע. און צו דער געשיכטע, מיט וועלכער פּאַריז איז רייך, איז צוגעקומען נאָך אַ קאַפּיטל.

דער טונק איז אָפּגעטשיפּעט ביים שטאָט־ראָט, און ביים לוקסעמבורגער פּאַלאַץ, און ביי דער געביידע פון פּאַרלאַמענט, און אין נאָך ערטער אָן אַ צאָל: סימנים פון די שיסערייען אין די טעג פון באַפרייאונג. און כאָטש היטלער האָט ניט געטשעפּעט די מאָנומענטן פאַר נאַפּאָלעאָנען און די בורבאָנען, האָט ער געלאָזט נאַקעט די פּעדעסטאַלן פאַר די סטאַטועס פון וויקטאָר הוגאָ, שעקספּיר און אַנדערע, צוגענומען די בראָנזענע פיגורן. עס איז אמת, אַז די־אָ ענדערונגען באַמערקט מען קוים. עס דאַכט זיך, אַז אַלץ איז ווי אַמאָל: די שטאָט, און די מענטשן, וואָס שטראָמען פאַרביי. זעצט זיך אָבער אַוועק ביי אַ טישל אויפן טראָטואַר פון איינעם פון די באַרימטע בולווארן און קוקט זיך נעענטער צו.

ס'איז ניטאָ דער אַמאָליקער פּאַריזער „שיק". מענטשן זיינען פאַראָרעמט, אויסגעמאַטערט. דאָס אָנטאָן איז שלעכט. זייער אַ סך פרויען גייען אָן זאָקן. די שיך הילכן צופיל, ווייל די פּאַדעשוועס זיינען פון האָלץ.

ניט אַלע. ניט אַלע זיינען אָרעם. פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן געמאַכט געוואַלדיק געלט ביים דייטש. אפשר דאַרפט איר זיך אַוועקזעצן ביי אַ טישל אויפן טראָטואַר פון אַן אַרבעטער־גאַס, אָדער וואו מען קאָן זען דורכגיין אַ אידן.

איך האָב געזען דאָס פּאַריזער אַרבעטער־פאָלק ביים מאַרש אויף אַ

מאַסן־דעמאָנסטראַציע. פּאַראַרעמט, אויסגעמאַרעט. זעלטן ווען עמעצער איז געגאַנגען „אָנשטענדיק" אָנגעטאָן (און דאָס איז דאָך געווען זונטיק, יעדערער האָט געזוכט אָנצוטאָן דאָס בעסטע). זעלטן ווען אַ פרוי האָט געטראָגן זאָקן, אַ הוט. אַ פּאָר „אמתע" שיך האָט מען געזען ניט צו אָפט. די קינדערלעך — פיזיש שוואַך אַנטוויקלט.

אָבער די אַלע בילדער פאַרשווינדן, ווען איר קומט צווישן אידן. איר דערזעט אַזוינס, וואָס צעטרייסלט אייך. איר שטויסט זיך אָן אָן מענטשן און זאַכן און פּראָבלעמען, וואָס צערודערן אייך, וואָס לאָזן אייך ניט רוען, וואָס האַקן אייך באַלד אָפּ אייערע אַמעריקאַנער פליגל. מ'זאָגט אייך גאָרניט; פאַרקערט, מ'איז זייער פריינטלעך. אָבער איר אַליין זאָגט זיך כסדר: שעמען האָט איר זיך געמעגט צו לעבן אַזוי ווי איר האָט געלעבט, בשעת זיי...

איך האָב דאָ גערעדט מיט אַ סך אידן. איך בין געווען אין אינ־סטיטוציעס, קינדער־היימען, קיכן, אין אידישן קונסט־טעאַטער, אין היימען פון פּאָלקס־מענטשן. כסדר האָב איך געהאַט — און האָב — דאָס געפיל פון אַ פאַרשולדיקטן. עס פרעגט מיך מיין ברודער, עס פרעגט מיך מיין שוועסטער: וואו ביסטו געווען, ווען ?...

דאָס געפיל האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן באַלד ווי איך האָב געלאַנדעט אין האַוור, און וועט אַפּנים ניט אָפּלאָזן די גאַנצע צייט אין אייראָפּע.

אויפן שיף, בשעת די אימיגראַציע־אינספּעקטאָרן האָבן דורכ־געקאָנטראָלירט די פּאַפּירן פון די פּאַסאַזשירן, האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז אין האַפן וואַרט אויף מיר „אַ דאַמע מיט אַ צייטונג". ווען איך בין אַראָפּ פון שיף און מען האָט מיר נאָכגעפירט די אַמעריקאַנער טשעמאָדאַנעס, און איך האָב דערזען ווי אַ פאַרשטייערין פון דער פּאַריזער „נייע פּרעסע" האַלט אַ נומער פון דער צייטונג — די פאַרשטייערין איז געקומען פון פּאַריז צו באַגעגענען מיך ביים שיף, אין נאָמען פון דער צייטונג און פון דער „אוניאָן" — איז דאָך מיר אַוודאי געוואָרן גוט אויפן האַרצן. היימישער איז געוואָרן די פראַנצויזישע ערד. איך האָב זיך אָבער גאָר אינגיכן דערוואוסט, אַז די יונגע פרוי קומט פון — אַשוויענטשים. אויפן האַנט האָט זי אַ נומער: 52313, מיט אַ דריי־עק אונטערן נומער, דער צייכן פאַר אידישע פרויען אין די דייטשע לאַגערן...

איך האָב אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. וואָס בין איך דאָ אַזוי אויפ־געלייגט? וואָס איז דאָ די גדולה אויף מיר? איך האָב געקוקט אויף מיינע חתן־בחור קליידער, אויף די נייע טשעמאָדאַנעס און איך האָב זיך געשעמט.

# די ווענט פון פּאַריז

פּאַריז.

די ווענט פון פּאַריז דערציילן די געשיכטע פון אַמאָל. די ווענט פון פּאַריז דערציילן די געשיכטע פון הײַנטיקן טאָג.

איך וויל זיך אָפּהיטן ניט צו שרײַבן פון דער שיינקייט פון פּאַריז. דער נסיון איז גרויס. בפרט ווען איר זייט נאָך אַ שפּאַציר — פון קאָנקאָרד־פּלאַץ איבער שאַנז־עליזעי צו דער סענע און איבער דער בריק פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן צום אינוואַלידן־פּלאַץ און צום פּאַרלאַמענט. די פּאַנאָראַמע אַרום דער בריק פאַרכאַפּט דעם אָטעם. ניט אַזוי די בריק, ווי דער שוואונג פון די סקווערן אויף בײַדע זײַטן סענע און די אימ־פּאָזאַנטע געבײַדעס, מיט וועלכע זיי זײַנען „אַרומגענומען".

און אפשר זײַנען דער עיקר געווען די געבײַדעס. און אפשר — די ווענט זייערע.

פּאַריזער ווענט רעדן. זיי דערציילן געשיכטע. און דאָ האָב איך אינזײַנען ניט אַזוי די געשיכטע פון די בורבאָנען און פון נאַפּאָלעאָנען. איך האָב אינזײַנען די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון דער קאָמונע. און איך האָב אינזײַנען די געשיכטע פון נעכטן און אייערנאַכטן, און פון הײַנט.

איך האָב געהערט ווי דער קאָמוניסטישער פירער מאַרטעל קאַשען האָט גערעדט וועגן דער־אָ געשיכטע פון דער טריבונע פון פּאַרלאַמענט. איך האָב געזען שורות פון דער געשיכטע — „אויסגעשטופּלט" מיט קוילן־לעכער. איך האָב געזען שטיקער פון דער געשיכטע אין די פּלאַקאַטן צו די ווענט, וואָס זײַנען דאָ פאַרגעקומען איידער איך בין געקומען.

די ווענט זײַנען נאָך פול מיט אויפשריפטן פון דער פריערדיקער אָפּשטימונג וועגן דער קאָנסטיטוציע. אין די אַרבעטער־געגנטן זעט איר כמעט דורכאויס דעם אויפשריפט: „אואי" (יאָ). אין די מער־פּאַר־מעגלעכע געגנטן זעט איר דער עיקר דעם אויפשריפט: „נאָן" (ניין). אָבער דערהויפּט ציען אייך צו די וואַל־פּלאַקאַטן פון די דריי הויפּט־

פארטייען: קאמוניסטישע, סאציאליסטישע, מ.ר.פ. (מואוומאן רעפובליקען פאפולעיר — רעפובליקאנער פאלקס־באוועגונג). איר זעט אויך פלאקאטן פון די פאשיסטן, וואס פאראדירן אונטער א שיינעם נאמען: רעפובלי־קאנער פארטיי פון פרייהייט (פ.ר.ל.).

וואס זאגן די פלאקאטן? וואס זאגן די ווענט?

עס איז דא געווען א שלאכט פון אלעמען קעגן די קאמוניסטן. די פאשיסטן, די טראצקיסטן, די סאציאליסטן, די קאטוילישע מ.ר.פ. מיט דער קירכע — אלע האבן געהאט איין שונא: די קאמוניסטישע פארטיי. הינטער זיי זיינען געשטאנען די קרעפטן פון דער פראנצויזישער בור־זשואזיע, פון היטלערס קאלאבאראטארס, ווישי־לייט, ספעקולאנטן, פון אינטערנאציאנאלן מאנאפאל־קאפיטאל. עס האט ניט געפעלט קיין געלט, קיין דרוק. מען האט אנגעצויגן די אנטי־קאמוניסטישע סטרונעס ביז צום פלאצן. עטלעכע האבן געפלאצט.

די ס.פ. האט ביטער באצאלט פאר איר „רעד־בעיטינג" (העצע קעגן „רויטע"). זי האט פארלארן א האלבן מיליאן שטימען און 15 דעפוטאטן. אבער באצאלט האט דער ארבעטער־קלאס בכלל. כאטש די קאמוניסטן האבן געקראגן מיט קארגע 400 טויזנט שטימען מער ווי אין אקטאבער 1945, האבן זיי אבער מיט פיר דעפוטאטן ווייניקער. די קאמוניסטן און סאציאליסטן צוזאמען האבן איצט ניט קיין מערהייט אין פארלאמענט. ווען זיי וואלטן זיך איינע די אנדערע געשטיצט אין די וואלן, ווי די קאמוניסטן האבן פארגעלייגט, וואלטן זיי ביידע געהאט מיט ווינציקסטנס 21 דעפוטאטן מער — א זיכערע מערהייט.

די רעאקציע איז געווען פאראייניקט. אין א ריי דיסטריקטן האבן זיך די פאשיסטן (פ.ר.ל.) צוריקגעצויגן לטובת דער מ.ר.פ.

די קאמוניסטישע פארטיי איז דורכגעגאנגען א פייער־פראבע. אויב זי האט געקאנט נאך צוקריגן שטימען, איז עס א סימן, וואס פאר א טיפע ווארצלען זי פארמאגט.

פינף מיליאן מיט 202 טויזנט שטימען האט די קאמוניסטישע פארטיי געקראגן, העכער 26 פראצענט פון אלע שטימען. (דא רעדט זיך וועגן די וואלן פון יוני 1946.)

די סאציאליסטן האבן געקראגן פיר (4) מיליאן שטימען. די קאמו־ניסטן האבן 153 דעפוטאטן, די סאציאליסטן — 125. אבער די קאטוי־לישע מ.ר.פ. איז ארויסגעקומען די ערשטע פארטיי מיט 165 דעפוטאטן. ס'זיינען אויך דערוויילט געווארן דאלאדיע און פאול רעינא, די רעאקציע

איז געשטאַרקט געוואָרן. ווען עס וואָלט געווען אַרבעטער־איינִיקייט, וואָלט די לאַגע געווען אַ סך אַן אַנדערע.*)

נאָר לאָמיר זען ווי די דעפּוטאַטן קוקן אויס אויף די בענק פֿון פּאַרלאַמענט.

●

עס הערט זיך אַ געשריי: „לע פּרעזידאַן”, דער פּרעזידענט גייט. אַלע אַנוועזנדע דעפּוטאַטן שטעלן זיך אויף. עס באַווייזט זיך דער 77־יעריקער מאַרסעל קאַשען, קאָמוניסטישער דעפּוטאַט, רעדאַקטאָר פֿון דער היגער טעגלעכער קאָמוניסטישער צייטונג „הומאַניטע”. ער איז דער צייט־ווייליקער פּרעזידענט פֿון דער דעפּוטאַטן־קאַמער, ווייל ער איז דער עלטסטער צווישן די דעפּוטאַטן.

פֿון דעם אָרט, וואו איך זיץ, זע איך צום בעסטן דעם לינקן פֿליגל. די 153 קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן פֿאַרנעמען שיער ניט אַ דריטל פֿון דעם אַמפֿיטעאַטער מיט דעפּוטאַטן־בענק. די מיט רויטן טוך באַדעקטע בענק הויבן זיך ווי אַ באַרג. יעדע סעקציע פֿון די בענק הויבט זיך אָן אונטן שמאָל, מיט צוויי ערטער אויף אַ באַנק, ווערט ברייטער, ווי אַ פֿעכער, און פֿאַרענדיקט זיך אויבן מיט פֿינף ערטער. אונטן, אין דער צווייטער ריי פֿון דעם לינקן פֿליגל פֿון דעם אַמפֿיטעאַטער, אויף אַ באַנק פֿון דריי ערטער, זיצן דיוקלאָ און מאַרטי, צווישן זיי — טאָרעז.

---

*) אין די וואַלן פֿון אָקטאָבער 1946 האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געקראָגן זעקס (6) מיליאָן שטימען — די ערשטע פּאַרטיי אין לאַנד — מיט 186 דעפּוטאַטן (אויף 618). אין פּאַריז און אומגעגנט האָבן די קאָמוניסטן געקראָגן 24 דעפּוטאַטן (פֿון דער אַלגעמיינער צאָל: 56), 35.4 פּראָצענט פֿון אַלע שטימען, אין מאַרסעיל — 39 פּראָצענט, טולאָן — 40 פּראָצענט. אויך אין געוויסע פּויערים־געגנטן האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געקראָגן ביז 39 פּראָצענט פֿון אַלע שטימען (דעפּאַרטאַמענט גאַראָן) אָדער אַפֿילו נאָענט פֿון 40 פּראָצענט (דעפּאַרטאַמענט קאָרעז).

בשעת די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט פֿון אָקטאָבער 1945 ביז אָקטאָבער 1946 פֿאַרגרעסערט איר שטימען־צאָל פֿון פֿינף אויף זעקס מיליאָן, האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פֿאַרצייכנט אַזאַ רעקאָרד: אָקטאָבער 1945 — פֿיר מיליאָן מיט אַ האַלב, אָקטאָבער 1946 — דריי מיליאָן מיט 200 טויזנט.

די מ.ר.פּ., די צווייטע פּאַרטיי אין די וואַלן פֿון אָקטאָבער 1946, האָט דעמאָלט געקראָגן פֿינף מיליאָן מיט 200 טויזנט שטימען. אין אָקטאָבער 1947, אין די מוניציפּאַלע וואַלן, איז זי כמעט ווי „אויסגערונען” צו דער אויפֿגעשוואוּמענער דע־גאָל באַוועגונג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אָבער באַוויזן אין די וואַלן איינצוהאַלטן איר פּאָזיציע ווי די ערשטע פּאַרטיי אין לאַנד (געקראָגן העכער 30 פּראָצענט פֿון אַלע שטימען).

איך באטראכט דעם האלב־רונדן זאל. ער איז געבויט זייער קאמ־פאקט. די קאלירן פון די רויטע בענק, פון די טונקל־ברוין פאלירטע שמאלע שרייב־טישן לענג־אויס די בענק, דער רויטער און ראזעווער מארמאר פון די קאלאנען, הינטער וועלכע עס געפינען זיך די לאזשעס פאר די דעפלאמאטן, קארעספאנדענטן, פובליקום. די גאלד־באפוצונגען, די ראזעווע און ברוינע געשטיקטע שטאפן אויף די ווענט, שאפן א געלונגענע הארמאניע פון קאלירן — כאטש עס איז א ביסעלע צו טונקל, ווען די זון שיקט ניט אירע שטראלן דורך דעם באמאלטן גלאז פונעם סופיט. הינטערן פארזיצער, סאמע אויבן אויף דער פלאכער וואנט, פון ביידע זייטן, צוויי טאבלעטן מיט אויפשריפטן: „ליבערטע, עגאליטע, פראטערניטע" — פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט.

דאס בילד פון דעם פארלאמענט איז מיר געווען באקאנט פון דעם יאר 1936. פונקט מיט צען יאר פריער, ווען בלום איז געווארן פרעמיער פון דער ערשטער פאלקס־רעגירונג, בין איך געזעסן, דאכט זיך, אין דער זעלביקער לאזשע, און געהערט זיין פראגראם־רעדע. און איצט, צוהערנ־דיק זיך צו דער רעדע פון מארסעל קאשען, זיינען מיר אפט די געדאנקען געגאנגען צוריק צו יענעם טאג, פאר־צען־יארן, דעם 6טן יוני, 1936.

בלום איז דעמאלט געווארן דער פרעמיער פון דער פאלקס־פראנט־רעגירונג. קעגן דעם פאלקס־פראנט האט מען אינטריגירט ניט נאר פון רעכטס. אויף די סאציאליסטישע דעפוטאטן־בענק איז דעמאלט געזעסן פאל פאר, דער גענעראל־סעקרעטאר פון דער סאציאליסטישער פארטיי. ער, און די וואס זיינען געגאנגען מיט אים, האבן געהאלטן, אז דער פאלקס־פראנט איז ניט „לינק" גענוג. ערגער נאך: דער פאלקס־פראנט איז א „פארראט קעגן סאציאליזם". (די סאציאליסטן האבן דעמאלט געהאט 158 דעפוטאטן, די קאמוניסטן — 72.)

פאל פאר און פיל פון זיינע אנהענגער זיינען שפעטער אריבער צו פעטעינען און צוזאמען מיט אים געדינט די נאציס. אבער מאדנע, ווי די געשיכטע חזרט זיך איבער, כאטש אונטער גאר אנדערע באדינגונגען. צווישן די סאציאליסטן זיינען איצט אויך פאראן אזעלכע, וואס האלטן, אז די קאמוניסטישע פראגראם איז „צו רעכט"... וואס הייסט, מען דארף דאך איינפירן סאציאליזם, שוין!

איך זאג ניט, אז די וואס האבן אזא שטעלונג גייען אויפן וועג פון פאל פאר'ן, אבער אז זיי העלפן דער רעאקציע, ווייל זיי שפאלטן די אר־בעטער־רייען, כלומרשט אין נאמען פון סאציאליזם, איז קלאר.

בלום איז איצט ניטא אין פארלאמענט. וועגן זיין וואקלדיקער ראל

אַמאָל וועלן מיר ניט רעדן; אויך ניט וועגן זיין ראָל אין דער „ניט־אריינמישונג" אין שפּאַניע. לאָמיר רעדן וועגן זיין ראָל איצט. בשעת די „לינקע" אין דער ס.פּ. טוען זייער שעדלעכע ארבעט פון „לינקס", טוט עס בלום, האַנט אין האַנט מיט זיי, פון רעכטס. ער רעדט ווייניק וועגן סאָציאַליזם, ער רעדט וועגן „אומאָפּהענגיקייט". די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז, הייסט עס, ניט אומאָפּהענגיק. אָבער וועגן דעם שמייכלט שוין דאָ דער דורכשניטלעכער בירגער אפילו, ווייל מען זעט שוין צו גוט, ווי בלום טוט דאָס, וואָס לאָנדאָן און וואַשינגטאָן ווילן.

נאָר צוריק צום פּאַרלאַמענט.

עס קלינגט די שטימע פון מאַרסעל קאַשען — א שיינע, וואַרעמע שטימע פון א שיינעם, וואַרעמען מענטשן. ער רעדט וועגן די טראַדיציעס פון פראַנקרייך, די טראַדיציעס פון דער פּאַריזער קאָמונע, די טראַדיציעס פון זשיול געד און זשאַן זשאָרעס.

צום אָנהויב האָט עס געהילכט פון אַפּלאָדיסמענטן נאָר אויף דער קאָמוניסטישער זייט. באַלד שליסן זיך אָן די סאָציאַליסטן. ווען קאַשען רעדט וועגן דעם גייסט פון קאַמף קעגן די נאַציס, שליסן זיך אָן כמעט אַלע דעפּוטאַטן. קיינער קאָן זיך ניט פאַרגינען עפנטלעך ניט אָנצושליסן זיך אָן אַזעלכע ווערטער. קאַשען רעדט וועגן דער רעזיסטאַנץ־באַוועגונג אין פראַנקרייך. אַלע אַפּלאָדירן. ער הויבט אָן מיט פייערלעכע ווערטער צו דערמאָנען די דעפּוטאַטן, וואָס זיינען געפאַלן פון די נאַציס, און אַלע שטעלן זיך אויף. ווען ער פאַרענדיקט דעם טייל, קריגט ער אַן אַלגעמיינע אָוואַציע. אָבער באַלד גייט ער איבער צו פּונקטן, וועלכע ווערן ווידער־אַמאָל אַפּלאָדירט דער עיקר פון די קאָמוניסטן (די סאָציאַליסטן גייען־מיט שוואַך). ער רעדט וועגן העכערן דעם לוין פון די ארבעטער און באַאַמטע.

קאַשען פאַרענדיקט זיין פּראָגראַם־רעדע (פון דריי פערטל שעה) און ער שליסט די זיצונג. דער בורבאָנען־פּאַלאַץ (פּאַרלאַמענט) ליידיקט זיך אויס.

אויפן גאַס איז נאָך געוועזן ליכטיק און זוניק. ביי דער סענע זיינען נאָך די פאַרקויפער פון אַלטע ביכער געשטאַנען ביי זייערע אָפענע ביידלעך. פון דער אַנדערער זייט סענע האָבן אַריבערגעקוקט די ווענט פון לואוור.

פאַרנאַכט האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן נייע פּלאַקאַטן: דאַלאַדיע און אַלע מינכען־לייט טאָרן ניט זיצן אין פּאַרלאַמענט! זייער מאַנדאַט דאַרף אַנולירט ווערן!

די ווענט פון פּאַריז הערן ניט אויף צו רעדן.

# אידן אין פּאַריז

פּאַריז.

דער ערשטער איד, וואָס איז מיר אַנטקעגן געקומען אין פראַנקרייך, אין האַוור, האָט איבערגעלעבט צוויי יאָר אָשוויענטשים און אַנדערע לאַגערן, ווי איך האָב שוין דערציילט (איך מיין דאָ די יונגע פרוי, וואָס איז מיר געקומען באַגעגענען אין נאָמען פון דער „נייער פרעסע"). אין פּאַריז האָב איך געטראָפן אַ סך אַזעלכע — פון אָשוויענטשים, פון בירקענאַו, פון בוכענוואַלד.

איך בין געווען אין אַ קאָלאָניע „בוכענוואַלדער קינדער" לעבן פּאַריז. איך האָב גערעדט מיט אַזעלכע, וואָס זיינען פון אָשוויענטשים גענומען געוואָרן קיין וואַרשע, נאָכן אויפשטאַנד פון דער געטאָ, אָפּצוראַמען די ציגל פון די אויפגעריסענע אידישע הייזער. איינער פון זיי האָט זיך אויסבאַהאַלטן, האָט פינף חדשים „געלעבט" אין דער קאַנאַליזאַציע („סיוערס") און דערלעבט דאָס אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי אין וואַרשע. איך האָב גערעדט מיט אַן אַרטיסטקע פון היגן אידישן קונסט־טעאַטער, פריער פון „פּיאַט", וועלכע איז געהאַלטן געוואָרן אין דעם טייל אָשוויענטשים, וואו מען האָט געמאַכט „עקספּערימענטן" אויף פרויען. (זי האָט אויך געשפּילט טעאַטער פאַר די פרויען פון איר באַראַק און אַריינגעגעבן קראַפט אין די צעבראָכענע און פאַריאושטע.)

זיי זיינען ניט קיין סך, די צוריקגעקומענע פון די לאַגערן — „דע־פּאָרטירטע", ווי זיי הייסן אין פּאַריז. היטלער האָט אַרויסגעריסן פון צווישן די פראַנצויזישע אידן הונדערט און פינף און צוואַנציק טויזנט, — מייסטנס, אָדער כמעט דורכאויס, פון אָרעמען פאָלק (די מערהייט רייכע, וואָס פיל פון זיי האָבן געמאַכט געלט „ביים דייטש", זיינען אַוועק אויף דרום־פראַנקרייך, אָדער גאָר אין דער שווייץ). פיל פון די דעפּאָר־טירטע זיינען געווען פּאַרטיזאַנען, קאָמוניסטן, וואָס זיינען געכאַפּט גע־וואָרן ביי דער אַרבעט קעגן די נאַציס. פון די 125 טויזנט זיינען צוריקגעקומען עטוואָס איבער דריי (3) טויזנט..

אָבער זיי זעען זיך אָן, די דריי טויזנט. זייער צייכן (זשעטאָן, באָטן)

אויפֿן לאַץ און זייערע טאַטואירטע נומערן אויף די אָרעמס זאָגן־אָן ווער זיי זיינען. און פיל פון זיי זיינען דער שטאָלץ פון דעם פאַריזער אידנטום — כאָטש מען טראָגט זיי ניט אויף די הענט...

דאָס איז איין קאַטעגאָריע אידן אין פראַנקרייך. אַן אַנדער קאַטעגאָריע איז — געוועזענע קריגס־געפאַנגענע. זיי טראָגן שטאָלץ זייערע צייכנס אויף די לאַצן: אַן אָנווייז אויף שטעכיק דראָט. זיי מאַכן אויס אין פאַריז אַרום פינף טויזנט.

אַן אַנדער קאַטעגאָריע איז — באַהאַלטענע. אידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די פראַנצויזן. דאָס איז די גרעסטע קאַטעגאָריע. און דאָ פאַרנעמען זייער אַ גרויס אָרט — קינדער. מיט וועמען איר רעדט, הערט איר איין ענטפער: „מיין קינד איז געווען ביי די פראַנצויזן.” דאָס האָט מיר אויך געזאָגט די אויבנדערמאָנטע אַרטיסטקע. ווען זי איז געקומען צוריק פון אָשוויענטשים און אַנדערע לאַגערן, אַן דעם מאַן, אַן דער שוועסטער און דעם שוואָגער (אַהין איז זי געפאָרן מיט זיי...), האָט זי, די אַליין־געבליבענע, געהאַט אַ טרייסט: איר קינד איז געווען ביי די פראַנצויזן, אָפגעהיט געוואָרן!

אַרום פופצן טויזנט אידישע קינדער האָבן די פראַנצויזן געהאַלטן ביי זיך, חוץ די אידישע קינדער, וואָס זיינען געווען באַהאַלטן צוזאַמען מיט זייערע עלטערן. אין דער אידישער געזעלשאַפט „אָזע” האָט מען מיר דערציילט וועגן פאַלן, ווען פראַנצויזן האָבן אַריינגענומען אידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפֿן גאַס, געהאַלטן זיי די גאַנצע צייט פון דער מלחמה, און נאָך דער באַפרייאונג געקומען און געזאָגט: איצט גיבן מיר זיי אייך אַוועק.

עס פרייט דאָס האַרץ און איר קריגט צוטרוי צו דעם מין מענטש, ווען איר הערט זיך אַן מיט די געשיכטעס וועגן דעם, וואָס די פראַנצויזן האָבן געטאָן צו ראַטעווען אידן, ראַטעווען אידישע קינדער, כאָטש דאָס איז געווען אַ „פאַרברעכן”, פאַר וועלכן די נאַציס האָבן שטרענג באַשטראָפט.

אין אַמעריקע האָט מען אָנגעגעבן ניט־געשטויגענע ציפערן וועגן געשמדטע אידישע קינדער, פאַרהאַלטענע אין מאָנאַסטירן. דער אמת איז אַזאַ: פון דריי טויזנט קינדער, וועלכע זיינען איצט אונטערן אויפזיכט פון „אָזע” און וואָס האָבן זיך פריער געפונען אין פראַנצויזישע היימען און מאָנאַסטירן, האָבן זיך געשמדט צוואַנציק (20), אַלע מיידלעך. אַזאַ קליינער פּראָצענט, האַלט מען, איז מעגלעך געווען אפילו אין פרידנס־צייט. פאַקטיש, האָט מען מיר געזאָגט אין „אָזע”, איז די פּאָליטיק פון

דער קירכע געווען ניט צו באַוועגן די קינדער אָנצונעמען די קריסטלעכע רעליגיע.

מען האָט געראַטעוועט אידישע קינדער צוליב ראַטעווען. מען האָט אויסגעאיבט אַ דרוק אויף די דייטשן. געוויסע פראַנצויזישע אידן האָט מען אינגאַנצן ניט געטשעפּעט אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכקייט.

מען דערציילט דאָ, אַז ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן זייער פאַראָרדענונג, אַז אידן זאָלן אָנטאָן די געלע לאַטע, האָבן פראַנצויזן דעמאָנסטראַטיוו אַרויסגעוויזן זייער סימפּאַטיע צו די אידן. פרעמדע מענטשן האָבן זיי באַגריסט, אָפּגעגעבן דאָס אָרט אין מעטראָ (סאָבוועי).

דאָס הייסט ניט, אַז דאָ איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם. דעמאָלט וואָלט דאָך געהייסן, אַז דאָ איז ניטאָ קיין פאַשיזם! פאַשיזם איז לײדער פאַראַן. ווישי־לייט זיינען ניט אויסגעראַמט געוואָרן. די וואָס זיינען רייך געוואָרן פון די דייטשן, זיינען רייך. די ריינוקונג איז דאָ ווייט־ווייט ניט געמאַכט געוואָרן. די בורזשואַזיע האָט ניט געוואָלט קיין ריינוקונג, אַמעריקע און ענגלאַנד אויך ניט. די אײדעלע לייט, איינגעשלאָסן אַזעלכע ווי לעאָן בלום, זיינען געקומען צוהילף מיט „אײדעלע״ רייד: פע, מען טאָר נישט גיין צו־ווייט...

זיינען פאַראַן פאַשיסטן, ווישי־לייט, וועלכע האָבן ניט געקראָגן זייער שטראָף. הויבן זיך ביי זיי שטאַרקער די הענט. שרייבן זיי אָן דאָ און דאָרט, אויף די ווענט, אַנטי־אידישע און אַנטי־קאָמוניסטישע אויפשריפטן. די אַלע, וואָס זיינען געווען געצוואונגען אָפּצוגעבן צוריק אידישע וואוינונגען, אונטערנעמונגען, זיינען אויפגעבראַכט (כאָטש זיי האָבן פריער חרוב געמאַכט די מעבל, אַרויסגעפירט מאַשינען, געצייג).

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אָבער פאָרט די שטאַרקסטע אין פאַריז. די טראַדיציעס פון פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט, זיינען שטאַרק ביי די אַרבעטער־מאַסן בכלל, ביי די ברייטע שיכטן פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג. מען דאַרף זיי ניט משפטן לויט פעטעינען, דאַלאַדיען, לאַוואַלן, און די אַנדערע. די דאָזיקע מאַסן, בראש מיט די קאָמוניסטן, האָבן אין משך פון דער מלחמה באַוויזן מיט מעשים וואָס די טראַדיציעס באַדייטן. אַדאַנק דעם זיינען אידן געראַטעוועט געוואָרן.

רעכנט איר צו צו די דריי קאַטעגאָריעס אידן אין פראַנקרייך — דעפּאָרטירטע, קריגס־געפאַנגענע, באַהאַלטענע — אויך די וואָס האָבן זיך ציטווייליק געראַטעוועט אין דער שווייץ, שפּאַניע, אפשר אויך פּאָרטוגאַל (עס האַנדלט זיך דער עיקר וועגן רייכע), האָט איר פאַר זיך דעם צוזאַמענשטעל פון די אידן אין פראַנקרייך. און אַזוי ווי אין פראַנקרייך זיינען

איצט דאָ אַן ערך צוויי הונדערט טויזנט אידן (פאַר דער מלחמה — 350 טויזנט), וועט קלאָר זיין, אַז דער ווייט־גרעסטער טייל באַשטייט פון די, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן.

איצט שאַפט זיך אַן אַנדער קאַטעגאָריע. עס קומען אָן כמעט יעדן טאָג פוילישע און אַנדערע אידן פון די לאַגערן. זיי ליקווידירן די לאַגערן אויף אַן אינדיווידועלן שטייגער. כמעט יעדן טאָג קומען אָן קיין פאַריז נייע מאַסן אידן.

פאַריז איז איצט אַ צענטער פון אייראָפּייאישן אידנטום. איר דערפילט דאָ דעם קוואַל פון אידישע צרות, איר קומט אין קאָנטאַקט מיט די געליטענע פון אַלערליי לענדער פון אייראָפּע. עס זיינען דאָ פאַראַן אַלערליי אידישע אַפּאַראַטן — שוין אביסל צופיל. צופיל באַזונדערע פאָנדן זיינען דאָ אין אַמעריקע, מיט פאָרשטייערשאַפטן און אַפּאַראַטן דאָ. צופיל אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס זוכן צו באַזאָרגן די אידן פון אייראָפּע — ניט פרעגנדיק ביי זיי. צופיל דעלעגאַטן קומען קיין פראַנקרייך, קיין פוילן מיטן צוועק איינצורעדן די אידן, אַז זיי האָבן ניט קיין צוקונפט, אַז זייער איצטיקס לעבן איז — בלאָטע.

נאָר די אידן פון פראַנקרייך גייען זיך זייער וועג. די אַפּאַראַט־לייט זיינען זיך איין זאַך און די פאָלקס־מאַסן זיינען גאָר עפּעס אַנדערש. די אידישע פאָלקס־מאַסן האָבן גענומען בויען זייער לעבן, בויען די אידישע קולטור.

דער וויכטיקסטער צענטער פון אידישער פאָלקס־אַרבעט, קולטור־אַרבעט, איז דער פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזייטיקער הילף, די „אוניאָן". דאָ זיינען פאַראַן די אָרגאַניזאַציעס פון אידישע אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, פוילישע אידן, אַלערליי לאַנדסמאַנשאַפטן א. אז. וו. די „אוניאָן" האָט אַכט (8) קינדער־היימען, איינגעשלאָסן די היים אין אַנדרעזי, וואָס איז געקויפט געוואָרן און ווערט אויפגעהאַלטן מיט דער הילף פון אידישן פּראָגרעסיוון פּאָלקס־אָרדן אין אַמעריקע. די „אוניאָן" האָט איצט איינגעאָרדנט אַ פאָלקס־הויז און קולטור־צענטער, אַ צענטער פאַר די אַלע אַרבעטער פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, מיט אַ קליניק, לייך־קאַסע, לייען־זאַל, אויסשטעלונג־זאַל א. א. דאָס האָט געקאָסט צוויי מיליאָן פראַנק. דאָס דאָזיקע געלט איז געזאַמלט געוואָרן צווישן די געוועזענע דעפּאָרטירטע, געפאַנגענע, באַהאַלטענע, וואָס האָבן ערשט אָנגעהויבן היילן זייערע וואונדן...

**דער היגער אידישער ישוב, מיט אַלע זיינע וואונדן, האָט זיך גענומען בויען. ווענן דעם קאָן קיין פראַגע ניט זיין. נאָר די וואונדן זענען**

זיך שטאַרק אָן. דער אידישער ישוב אין פראַנקרייך האָט געקראָגן אַ טיפן שניט.

איר זעט איין פרוי און נאָך אַ פרוי, ביי וועמען דער מאַן איז „ניט צוריקגעקומען". עס קומט אריין אַן אַנדער פרוי, רעדט אַזוי שיין און רואיק און פּאַרזיכטיק, און מיטאַמאָל קאָן זי זיך מער ניט קאָנטראָלירן און וויינט זיך פּאַנאַנדער: „פּאַרוואָס שרייבט מיר ניט מיין ברודער אין אַמעריקע קיין בריוועלע אפילו? איך דאַרף ניט קיין פּעקלעך, איך דאַרף אַ פּאָר ווערטער, איך בין דאָך געבליבן אליין!"

מען דאַרף באַנייען אין אַמעריקע דאָס ליד: „אַ בריוועלע דער מאַמען"... און דער שוועסטער, און דעם ברודער.

מיר שטויסן זיך אָן אין פּאַריז אויף שטיקער פון חורבן־פּוילן. צווישן די קינדער אין דער אַנדרעזי־קינדערהיים האָב איך געטראָפן אַ אינגל פון וואַרשע, פּאַל פּעלענבאָק. צוזאַמען מיט זיין טאַטע־מאַמע (יעקב און גוטשע פּעלענבאָק) איז ער געווען באַהאַלטן ביי אַ פּוילישער פאַמיליע אַלע יאָרן פון דער מלחמה, ביז צען טעג פאַר דער באַפרייאונג! דעמאָלט האָבן אים די עלטערן אָפּגעשיקט קיין אָטוואָצק און זיי האָבן געזאָלט אונטערקומען (דער טאַטע איז געווען קראַנק און די מאַמע האָט אים ניט געוואָלט איבערלאָזן). נו, זיינען זיי ניט אונטערגעקומען...

„זיי האָבן ניט געדאַנזשעט" (ניט באַוויזן), זאָגט מיר דער 14־יאָריקער אינגל...

אַן אַנדער אינגל האָב איך דאָרט געטראָפן, מענדעלע קאַמיען — דאָס איינציקע קינד אין דער אַנדרעזי־היים, וואָס האָט טאַטע־מאַמע. די פאַמיליע האָט זיך געראַטעוועט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זי איז צוריק־געקומען קיין פּוילן, קיין ביאַלע (דער טאַטע הייסט שמחה קאַמיען). איצט פאָרט זי קיין אַמעריקע. דאָס אינגל, וואָס האָט פאַרבראַכט אין „סרעדניע אַזיע", ווי ער זאָגט, אין סאָוועטיש אוזבעקיסטאַן, איז קלוג, רירעוודיק, מיט עלנבויגנס, קען גוט אידיש, רוסיש, פּויליש און טענהט זיך שוין אויס אויף פראַנצויזיש. ער ווייסט וואָס אַ טראַנזיט־וויזע איז, אַן אמתע וויזע, אַן אַפידעיווויט פון פעטער אין אַמעריקע, ער ווייסט שוין אַלץ. אָבער ער איז אַ קליינינקער, אַ ניט־דערוואַקסענער. עס ליגט אויף אים דער שטעמפּל פון יאָרן עוואַקואַציע, מלחמה, וואַנדערונג.

**פּאַריז איז ניט נאָר אַן אָרט פון אַלערליי אַפּאַראַטן. פּאַריז איז אויך אַ „צענטראַלע" פון אידישע טראַגעדיעס אין פאַרשיידענע לענדער.**

# „מיר קומען אָן"

פּאַריז.

„דער פאַרכישופטער שלאָס" — אַזוי האָבן די קינדער אַ נאָמען געגעבן זייער היים, אַ מאַיאָנטעק לעבן שטעטל אַנדרעזי (מיטן טראָפּ אויפן „ז"), ביי פּאַריז.

אַ מאַיאָנטעק — אַ קינדערהיים, געקויפט און אויפגעהאַלטן פון דער „אוניאָן", מיט דער הילף פון אידישן פראַטערנאַלן פאַלקס־אָרדן אין אַמעריקע, דער עיקר פון דעם עמאַ לאַזאַרוס אָפּטייל פון אָרדן.

דאַרף מען זען די קינדערהיים, כדי אָנצוזעטיקן זיך מיטן צויבער פון דער לאַנדשאַפט אַרום און טאַקע פון דעם מאַיאָנטעק גופא. אַזאַ פאַרמעגן — אַ אידישע קינדער־היים — וואָלט מען אויך אין אַמעריקע געגאַנגען אָנקוקן אויף חידושים.

ווי אַזוי איז דער מאַיאָנטעק אַריינגעפאַלן צו די פּראָגרעסיווע אַרבעטער פון פּאַריז, וועלכע האָבן דאָ געשאַפן איינע פון זייערע אַכט קינדער־היימען? אין דעם ענטפער אויף דער פראַגע ליגט אויך אַ געוויסער צויבער.

צווישן די אַלע געזימסן, באַלקאָנען און טורעמס פון דעם פּאַלאַצל, אָדער שלאָס, אויף דעם מאַיאָנטעק, איז דאָ אַן אויפשריפט, אין מאָזאַאיק: „אַננאָ 1907", דאָס יאָר 1907. עמעצער האָט אין יענעם יאָר אויס־געבויט פאַר אַן אַמעריקאַנער לעידי אַ שלאָס לעבן פּאַריז, אין אַ וועלדל ביים טייכל, צווישן פעלדער וואָס הויבן זיך און לאָזן זיך אַראָפּ ביז פּאַריז, און אויף אַלע זייטן. אַ שלאָס מיט פיין־אויסגעלייגטע האַלב־רונדע וועראַנדעס, אַרומגענומען מיט פאַרענטשעס פון געשמאַקפולער אייזן־אַרבעט, מיט געמאָלטע מעטאַלענע וואַזן אין די ווינקלען. איין וועראַנדע, פון דעם עס־צימער — אַ גרויסער זאַל — קוקט אַרויס אויף אַ פאַר־בענקטער לאַנדשאַפט און אויף אַ שטיקל ברעג פון דעם טייך, וואָס שלענגלט זיך דאָ פאַרביי. דער עס־צימער גופא פאַרכאַפּט מיט זיין שיינ־קייט — מיט די פון האָלץ־אויסגעאַרבעטע ווענט, מיטן קאַמין, מיט די נישן אין די ווענט, מיטן גלעזערנעם סופיט...

נאָר עס וואָלט געווען א צו־גרויסע מלאכה צו באַשרייבן די זאַלן. מיר וועלן נאָר זאָגן, אז חוץ נאָך א שיינעם עס־זאַל איז אויפן ערשטן שטאָק דאָ א גרויסער זאַל, וואָס פאַרמאָגט אַן אָרגל. דער סופיט איז דאָ זייער א הויכער. די האַלץ־אויסאַרבעטונגען אויף די ווענט, אויפן סופיט, אויף דער פּאַרענטש וואָס פירט אַרויף צו די אַנדערע שטאָקן, ווי צו א באַלקאָן אין א טעאַטער, זיינען באמת מוסטערן פון הויכער קונסט. אַט אין דעם זאַל, אויף דער טריבונע, אונטערן אָרגל, האָט מען לכבוד אונדזער באַזוך אויפגעהאַנגען א שילד — א גרוס די עמאַ לאַזאַרוס קלובן ביים אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַט אין דעם זאַל האָבן זיך פאַרזאַמלט די העכער הונדערט קינדער פון דער היים און געזונגען לידער.

„מיר קומען אָן, מיר קומען אָן", האָבן זיי געזונגען, און איר האָט געפילט אין זייער געזאַנג דעם זיג איבערן שונא. עס האָט מיר אויף קיין איין מאָמענט ניט פאַרלאָזט דאָס געפיל, אז איך האָב פאַר זיך העכער הונדערט יתומים, פיל פון זיי אָןביידע עלטערן, אָבער גלייכצייטיק דערמיט האָב איך געפילט אין דעם געזאַנג פון די קינדער דעם זיג איבערן שונא. עס גייט אויף א יונגער אידישער דור. „מיר קומען אָן."

מיט א טאָג פריער האָט מען מיר אין פּאַריז געוויזן פאָטאָגראַפיעס פון א „געזעלשאַפטלעכער חתונה". עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרבעטס־מענטשן צו דער חתונה פון א מיידל, וואָס האָט פאַרלאָרן טאַטע־מאַמע... זיי האָבן זי, הייסט עס, געבראַכט צו דער חופּה, אויסגעגעבן. מען האָט געוויינט און — מען האָט זיך געפרייט, געטרונקען וויין, געזונגען. און איצט געפין איך זיך אין אַן אינסטיטוציע, וואָס איז „טאַטע־מאַמע" צו העכער הונדערט קינדער.

וואָס פאַר א שיינע קינדערלעך! וואָס פאַר א גלאַנציקע, צאַפּלדיקע, אידישע אייגעלעך! און ווי גוט עס איז צו זען אין די אייגעלעך אַן אָפּשיין פון קינדערשער פרייד ביים זינגען און ביים שטיפן!

נאָר מיר זיינען נאָך ניט פאַרטיק מיט דער צויבער־געשיכטע פון דעם שלאָס.

א געוויינלעך פּאַלאַץ האָט, פאַרשטייט זיך, אַרום זיך אַלייען, לאָנקעס, גערטנער, אָבער דער „פאַרכישופטער שלאָס" אין אַנדרעזי פאַר־מאָגט חוץ דעם אָראַנזשערייען, צום האָדעווען גרינסן אום ווינטער. עס איז דאָ א „פאַרכישופטער" אַראָפּגאַנג צום ברעג פון טייך, צו באָדן זיך און שיפלען זיך (ניטאָ קיין שיפלעך). עס זיינען דאָ סטאַטועס אַלערליי

אין דעם גאָרטן אַרום פּאַלאַץ. צוויי סטאַטועס באַגעגענען אײַך באַלד ביים אַריינפאָר.

ווי־זשע פּאָרט קומט עס אַלץ צו די פּאַריזער פּראָגרעסיווע אַרבעטער? טאָ לאָמיר ווייטער דערציילן די מעשה.

מיר ווייסן ניט וואָס עס איז געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער לעידי, פאַר וועמען דער שלאָס איז געבויט געוואָרן. מיר ווייסן יאָ, אַז פאַר דער מלחמה איז דער באַלעבאָס געווען אַ רייכער פראַנצויז; מיר ווייסן אויך, אַז בשעת דער מלחמה האָט ער מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס און אין דעם שלאָס האָבן זיך געפונען דייטשע אָפיצערן. נאָך דער באַפרייאונג האָט זיך דער פראַנצויז דערשראָקן: מען וועט קאָנפיסקירן זיין מאַיאָנטעק. האָט ער אים אויף גיך פאַרקויפט, בחצי חינם. און אַזוי ווי די אָנפירער פון דער פּראָגרעסיווער אידישער באַוועגונג אין פּאַריז פאַרמאָגן איניציאַטיווע, געוואַגטקייט און אַ ווייטן קוק, האָבן זיי דעם מאַיאָנטעק פריער געקויפט און דערנאָך געקראָגן ווי עס איז די נויטיקע סומען. די צען טויזנט דאָלער, וואָס דער אָרדן האָט אין דער ריכטיקער צייט אונטערגעשיקט, האָבן זיכער געמאַכט, אַז אין דעם פּאַלאַץ, וואו ס'האָבן זיך געפונען דייטשע אָפיצערן, זאָלן זיך, אָנשטאָט זיי, געפינען אידישע קינדער. און דער שלאָס, וואָס איז אַמאָל געבויט געוואָרן פאַר דער „פעיר לעידי" פון אַמעריקע, געפינט זיך איצט אונטער דער אַפּיטראָפּסות פון די באמת טאַקע „פעיר לעידים" פון די עמאַ לאַזאַרוס קלובן אין אַמעריקע.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די קינדער — אָנגעזעטיקט מיט פרייד. די קינדערלעך האָבן זיך געקושט מיט די טויער און טוערינס — זייערע טאַטעס און מאַמעס. זיי האָבן געגריסט מיט די הענטלעך, ווען די מאַשינען האָבן זיך גענומען רירן. אַ שטיקל צייט זיינען מיר געפאָרן שווייגנדיקע און בשעת מעשה געטראַכט ניט נאָר פון דער שיינקייט, וואָס מיר האָבן געזען, נאָר אויך דערפון, אַז די קינדער שלאָפן אויף ליילעכער פון צו־גראָבן לייוונט; אַז עס איז ניטאָ גענוג ליילעכער, האַנטוכער; אַז עס איז כמעט ניטאָ קיין פּאַדזשאַמעס; אַז די שיכלעך זיינען צעריסן; אַז סוועטערלעך איז דאָ זייער ווייניק, און נאָך און נאָך... מיר האָבן אויך געטראַכט וועגן די בילדער, וואָס מיר האָבן געזען ביי די בעטלעך פון די קינדערלעך: אַ בילד פון טאַטע־מאַמע, פון ברידערלעך, שוועסטערלעך, וואָס זיינען ניטאָ...

און עס האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט געבן די קינדערלעך וואָס מער פרייד!

אויפן וועג האָט מיר דער פאַרוואַלטער פון די קינדער־היימען ביי דער

„אוניאָן" (די מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון די אידישע אַרבעטער אין פראַנק־רייך, וועלכע פּאַרמאָגט, ווי געזאָגט, אַכט קינדערהיימען און נײַן שולן אין פּאַריז, איין שול אין ליאָן און איין שול אין טולוז, אַ קולטור־צענטער אין פּאַריז, אויף 14 רי פּאַראַדיז, מיט אַ ביבליאָטעק, לייען־זאַל, אויסשטעלונג־זאַל, כאָר, מיט לאַנדסמאַנשאַפטן, אַן אַרכיוו פאַר דאָקו־מענטן, א. אז. וו.) — האָט מיר דער פאַרוואַלטער פון די קינדער־היימען דערציילט, אַז פיל פון די קינדער זיינען מיט געווער אין די הענט אַרויס־געריסן געוואָרן פון די נאַצים! ספּעציעלע אידישע קאַמף־גרופּן, אָנגע־פירט מייסטנס פון קאָמוניסטן, מיט דער הילף פון די פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנען און דער באַפעלקערונג בכלל, האָבן זיך פאַרנומען מיט ראַטעווען אידישע קינדער פון די רוצחישע הענט אויף אַזאַ שטייגער.

אין די אַכט קינדער־היימען זיינען פאַראַן 350 קינדער. נאָך 350 קינדער געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון דער „אוניאָן", אָבער דערווייל זיינען זיי נאָך אַלץ אין די היימען פון די פראַנצויזן, וואו זיי זיינען געווען באַהאַלטן בשעת דער מלחמה. מען דאַרף נאָך קינדער־היימען! און מען דאַרף ראַטעווען אַ סך קינדער, וואָס ליידן אויף טובערקולאָז!

מען דאַרף! די קינדער פאַרדינען אַ וואַרעמע היים, אַן אַטמאָספערע פון פרייד, וואָס מער פרייד!

אַריינקומענדיק אין פּאַריז האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז עס איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט נייע קליידער, וואָס די עמאַ לאַזארוס קלובן האָבן געשיקט. מיר זיינען אַריין אין דעם סקלאַד ביי דער „אוניאָן" און געזען די סוועטערלעך, די וועש, די שיך און זאָקן, נאָך זאַכן — אַלץ נייע — און זיך דערפרייט מיט דער פרייד פון די קינדערלעך אין אַנדרעזי, ווען זיי וועלן די זאַכן אינגיכן קריגן.

אַ דאַנק אייך, עמאַ לאַזארוס קלובן! אַ דאַנק אייך, מיטגלידער פון אָרדן, אין דעם נאָמען פון די קינדער!

# דורך דייטשלאַנד קיין פּראַג

פּראַג.

איך בין אין פּראַג, — וואו היטלער האָט אָנגעהויבן זיין מלחמה קעגן דער וועלט.

איך קוק ארויס פון מיין האָטעל־פענצטער אויף דער ברייטסטער גאס אין פּראַג, די וויכטיקסטע הויפּט־גאס: וואצלאַוווסקי נאמעסטי, וואצלאַוו־פּלאַץ. אָט דאָ האָבן עס אין מערץ 1939, ווי אַ רעזולטאַט פון מינכען־אָפּמאַך, חוצפּהדיק מארשירט היטלערס לעגיאָנען. אָט דאָ איז עס געשטאַנען דאָס פאָלק און געוויינט (איך געדענקט דאָס באַרימטע בילד פון יענער וויינענדיקער פרוי מיט דער אויפגעהויבענער האַנט, דער געצוואונגענער נאַצי־סאַלוט?).

איך קוק אויף דער גאַס, איבער וועלכער עס מאַרשירן איצט געמיטלעך די פּראַגער איינוואוינער (ס'איז זונטיק פאַרנאַכט) און אין מוח מישן זיך מחשבות וועגן מינכען, צוזאַמען מיט די איינדרוקן, וואָס איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך אין משך פון אַ גאַנצן טאָג פאָרן, נעכטן — דורך דייטשלאַנד, וואו די היטלערישע חוצפּה איז נאָך ניט אויסגעראָטן.

עס איז ווערט געווען צו פאָרן דורך דייטשלאַנד. עס איז ווערט געווען כאָטש פאַרבייצופאָרן — נירענבערג!

עס איז ווערט געווען צו זען דעם באַרג אַש, וואָס די שטאָט פון היטלערס און שטרייכערס גרעסטע פּאַראַדן שטעלט איצט פאָר מיט זיך.

אָט דאָס איז, הייסט עס, נירענבערג! אָט דאָ האָט מען, הייסט עס, געקלאַפּט מיט די שטיוול, געשפּילט די מאַרשן, געפּויקט מיט די פּויקן, געזונגען דאָס „האָרסט וועסל" ליד וועגן דער נאַכט פון די לאַנגע מעסערס... היינט דייטשלאַנד — מאָרגן די גאַנצע וועלט, האָבן געהילכט די מייסטערזינגער פון נירענבערג, און טאַקע פאַרביסן מיט וואַגנערס מוזיק, וואָס דער „פירער" האָט אַזוי ליב געהאַט.

איז אָט דאָס, הייסט עס, נירענבערג!

זעט אָקאָרשט די סקעלעטן־ווענט, די לאַנגע קוימענער, וואָס סטאַר־טשען ארויס, ווי די שדים! באַטראַכט נאָר די חורבעס אָנגעשאָטענע ציגל און ציגל־פאָרעך — דאָרט וואו עס זיינען אַמאָל געווען גאַסן!

פּיל גאַסן זיינען אינגאַנצן פאַרשאָטן. מען האָט נאָר באַוויזן דורכ־צופירן אינמיטן אַ שמאָלע סטעזשקע: פון ביידע זייטן איז געבליבן ליגן דאָס ציגל־מיסט.

גאַס נאָך גאַס—חורבות. ווי אויף דער דלאָניע זיינען זיי אַלע געווען אויסגעלייגט פאַר אונדז, פּאַסאַזשירן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן צוג: פּאַריז—פּראָג—ווין. וואָס פאַר אַ פאַרשטעלונג, וואָס פאַר אַ דעקאָ־ראַציעס! האַלבע ווענט, שפּיצן פון ווענט, „גאַנצע" הייזער מיט פּוסטע אויגן־לעכער, וואו ס'איז אַמאָל געווען פענצטער. אַ וואַלד מיט סקעלעטן, אַ וואַלד מיט קוימענס — ווי מאָנומענטן! און ס'איז פּוסט און וויסט אַרום און אַרום, מען זעט קוים אַ מענטשן דורכפּלאָנטערן זיך דורך אַ גאַס.

די באַן איז געשטאַנען לאַנג און מיר האָבן די גאַנצע צייט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון דער באמת וואַגנערישער פּאַנאָראַמע. ווי דאָ האָט געמוזט דונערן און בליצן בשעת אונדזערע מייסטערזינגער, פון אַמערי־קאַנער לופט־פלאָט, האָבן דאָ געזונגען דאָס פּרייז־ליד זייערס! וואַגנערס באַטויבנדיקער מאַרש פון „די וואַלקירע", זיינע העכסטע פּויקן־אַרגיעס זיינען קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט דער ערד־ציטערניש, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען! אַלע זיינע טעאַטראַלע שטורקאַצן זיינען עלנטע שוועבעלעך אין פאַרגלייך מיט די כוואַליעס פייער, וואָס האָבן זיך דאָ געוויגט פון גאַס צו גאַס!

מיט מיר אין וואַגאָן זיינען געפאָרן טשעכן. וואָס פאַר אַ שנאה עס ברענט אין זיי קעגן די דייטשן בין איך געוואָר געוואָרן ווי נאָר אונדזער באַן איז אַרויף אויף דייטשער ערד... די טשעכן האָבן אַ גאַנצן טאָג געקלאָגט, אַז מען האָט ניט געגנוג חרוב געמאַכט דייטשלאַנד. און באמת: שטעטלעך, דערפער, פאַרם־ישובים זיינען קוים אָנגערירט געוואָרן. אָבער פאַרנאַכט־צו, ביי נירענבערג, האָבן זיי גאָר אויפגעלעבט. זיי האָבן זיך גאָרניט געקאָנט אָנזעטיקן מיטן בילד. זיי האָבן געוואָלט, אַז די באַן זאָל דאָ שטיין וואָס לענגער.

נאָר דער אמת איז, אַז מען האָט פאָרט ניט געגנוג חרוב געמאַכט. נאָר נאָך איין שטאָט אויף אונדזער וועג — פּפאָרצהיים — איז געווען חרוב, שיער ניט אַזוי ווי נירענבערג.

פאַר דעם איז געווען קאַרלסרוע, וואו די סטאַנציע איז געווען „צו־רעכט" געמאַכט. די פאַרטע גרעסערע שטאָט, וואָס מיר זיינען פאַרביי־געפאָרן — שטוטגאַרט — איז געווען ווייניק אָנגערירט, קוקנדיק פון באַן. אין קלענערע פּונקטן האָט זיך די באָמבאַרדירונג געזען נאָר ביי די סטאַנציעס, בריקן, און ווייט ניט אומעטום. די באַנען, אין וועלכע די

דייטשן זיינען פאַרבייגעפאָרן, האָבן כמעט אַלע ניט געהאַט קיין שויבן. אַנשטאָט שויבן האָבן די פענצטער (אָדער טירן־פענצטער פון די גוט־באַקאַנטע דייטשע באַנען) געהאַט ברעטלעך און אין סאַמע מיטן פון די ברעטלעך — קליינע שייבעלעך. אַפּט האָט מען געזען דייטשן פאַרביי־פאָרן אין פראַכט־וואַגאָנען און מען האָט זיך געזאָגט: גוט אַזוי. אָבער ווי נאָר איר האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער לאַנדשאַפט, אויף די פאַרביי־שווענדיקע פאַרמס, פעלדער, גערטנער, דערפער, שטעטלעך, האָט איר זיך מיט אומצופרידנקייט געזאָגט: ס'איז אַלץ ווי געווען.

דריי מינוט פאָרן נאָך נירענבערג איז שוין אַלץ געווען רואיק, געמיטלעך. די פעלדער — גוט באַאַרבעט. גערטנער — אַזש ביז די רעלסן. די מענער, פרויען, קינדער, וואָס מען האָט פונעם באַן געזען — געזונט, בשום אופן ניט קיין קרבנות פון שלעכטער דערנערונג. לויטן אויסזען און לויט דער קליידונג זיינען די דייטשן אין אַ בעסערער לאַגע פון די פראַנצויזן (און מען קאָן זיך גרינג פאַרשטעלן — אין אַ בעסערער לאַגע, ווי די איינוואוינער אין מזרח־אייראָפּע).

אויף די באַן־סטאַנציעס האָבן אַרומגעמאַרשירט די גוט־באַקאַנטע אַמאָליקע דייטשע באַן־באַאַמטע, אָנגעטאָן אין די זעלביקע משונהדיק־ברייטע, פון פאָרנט אַרויפגעריסענע, רויטע אָדער גרינע היטלען. אַלע זיינען זיי געווען גוט אָנגעטאָן, בעסער ווי די פראַנצויזישע באַן־באַאַמטע, וועלכע איך האָב געזען ביים דורכשניידן גאַנץ פראַנקרייך מיט דער באַן, פון האַוור ביז שטראַסבורג.

עס האָט פאַרדראָסן די זאַטקייט און די צופרידנקייט פון דער לאַנדשאַפט. וואָס פאַר אַ רוח שטעקט אין דעם דייטשן צוויי־פּיסיקן, וואָס קאָן עס אַלץ אַזוי פיין באַוויזן, און — קאָן אַזוי פיין און מיט אַזוי פיל „אָרדענונג" אויפרייסן צענדליקער טויזנטער שטאָט און דערפער, אומ־ברענגען מיליאָנען מענטשן, פאַרניכטן אַ וועלט מיט קינדער?

דער רוח איז — נאַציזם, יונקערטום, קאַיזערטום, ביסמאַרקיזם. דעם רוח דאַרף מען ערשט אַרויסטרייבן.

פאַרנאַכט־צו, אַ פּאָר שעה איידער מיר זיינען צוגעקומען צו דער טשעכאָסלאָוואַקישער גרענעץ, האָב איך באַמערקט די פאַרשאָלטענע סוואַסטיקאַ אויף אַ פעלז, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו דער באַן (די אויפ־שריפט דערביי האָב איך ניט באַוויזן איבערצולייענען). איך האָב עס שפּעטער דערציילט דעם אַמעריקאַנער סאָלדאַט, אַ יונג בחור פון פענ־סילווייניע, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן דורכגעקוקט די דאָקומענטן ביי די פּאַסאַזשירן. ער האָט געענטפערט,

אַז עס באַווייזן זיך טאַקע סוואַסטיקאַס, נאָר מען צווינגט די איינוואוינער אָפּצוריבן זיי. דאָס בחורל פון פּענסילווייניע האָט מיך ניט בארואיקט, ווייל — אַפילו אויפן קליינגעלט, וואָס די דייטשן נוצן, און וואָס די אַמעריקאַנער נוצן, צוזאַמען מיט יעדן איינעם אין דייטשלאַנד, איז נאָך פאַראַן די פאַרשאָלטענע סוואַסטיקאַ! און דאָס איז נאָר איין צייכן פון אַ סך, גרעסערע, וועגן דעם וואו מען האַלט מיט דער רייניקונג.

אָפּנים, געוועז אַ שאָד אַרויסצוואַרפן היטלערס קליינגעלט... מיט־אַמאָל איז מען געוואָרן עקאָנאָמיש, אין אַ מלחמה, וואָס האָט אָפּגעקאָסט הונדערטער ביליאָנען דאָלער.

די טשעכן זיינען שוין גאָרניט עקאָנאָמיש אין דעם פּרט. דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט האָט אין די צען מינוט, וואָס ער האָט זיך פאַר־האַלטן ביי מיין קופּע, דערציילט וועגן דעם ברענענדיקן האַס צווישן טשעכן און דייטשן אין דער גרענעץ־געגנט. אָבער דעם האַס קאָן מען ערשט אָנטאַפּן אין פּראָג.

●

פּראָג — די ערשטע הויפּט־שטאָט פון אַ לאַנד פון דער נייער דעמאָ־קראַטיע; אַ לאַנד וואו מען האָט געמאַכט די ריכטיקע רייניקונג, הלוואי אויף פראַנקרייך געזאָגט געוואָרן (וגם, און אויך, אויף אַמעריקע). פּראָג — וואָס איבערראַשט מיט איר „פּראָספּעריטי", אין פאַרגלייך מיט פּאַריז. און פּראָג — וואו אונדזער־איינער שטויסט זיך אָן אויף נייע אידישע וואונדן. אויב אין פּאַריז האָב איך זיך אָנגעהערט פון אַשוויענטשים (און וועל ערשט הערן אין פּוילן), האָב איך שוין אין די ערשטע שעהען דאָ זיך אָנגעהויבן באַקענען מיטן קאַפּיטל: טערעזיענשטאַט.

זיינען מיר אין פּראָג, וואו אַלע קענען דייטש און וואו קיינער וויל אַ דייטש וואָרט ניט אויסרעדן, — אין פּראָג, וואו מען וויל גאָרניט פאַרגעסן און גאָרניט פאַרגעבן, סיי פאַר דער דייטשער אָקופּאַציע און סיי פאַר דעם קאַפּיטל מינכען.

# אידן אין פּראַג

**פּראַג.**

עס שטייט נאָך די אַלטע היסטאָרישע שול אין פּראַג, — דאָרט, וואו עס איז אַמאָל געווען די געטאָ, מיט פיל הונדערטער יאָרן צוריק.

ס'איז די שול פון מהר"ל, די שול, אַרום וועלכער עס איז אויס־געוועבט געוואָרן די לעגענדע פון דעם גולם, פון דעם פּראַגער גולם.

די פאַרכאַפּנדיק־אינטערעסאַנטע געביידע, געבויט אין יאָר 1265, איז גאַנץ. נאָך מער, די דייטשע האָבן געזען מען זאָל לייגן אַ נייעם דיל, פון ציגל. פאַרוואָס? די פּראַגע וועלן מיר ווען עס איז פּרובירן פאַר־ענטפערן, ווען מיר וועלן שמועסן וועגן די אַלערליי וועגן, מיטלען און שמד־שטיק, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעווענדט צו צעטיילן אידן, פאַר־פירן אידן, פאַרנאַרן זיי צו דער שחיטה. דאָ פאַרנעמט גאָר אַן „אָנגעזעען" אָרט דער קאָנצענטראַציע־לאַגער פון די טשעכאָסלאָוואַקישע אידן — טערעזיענשטאַט. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ מין אידישע אויטאָנאָמיע. איך האָב ביי זיך דאָס „אידישע געלט", וואָס די דאָרטיקע „אידישע באַנק" האָט אַרויסגעגעבן, מיט אַ בילד פון משה רבנו און די לוחות אויף יעדן געלט־פּאַפּירל...

נאָר איך בין שוין ווידער, ווי אין פּאַריז, אַוועק אויף דער טעמע: שחיטה־לאַגערן. אַזוי איז שוין ווען מען איז צווישן אידן אין אייראָפּע. וועגן וואָס מען זאָל ניט אָנהויבן רעדן, קומט מען אַרויף אויפן לאַגער... עס וועט דויערן יאָרן ביז זיי וועלן זיך אַראָפּרעדן. איך האָב אָנגעהויבן איינזאַפּן אין זיך די געשיכטע טערעזיענשטאַט שיער ניט די מינוט וואָס איך בין דאָ אַראָפּ פון באַן.

צוריק צו דער היסטאָרישער שול. זי שטייט, ווי אַ מאָנומענט פון אַמאָליקן געטאָ־לעבן. ביי דער מזרח־וואַנט איז דאָ דעם מהר"לס שטענדער. אינמיטן שול שטייט די פאָן, אונטער וועלכער אידן האָבן זיך אין דער צייט פון קעניג קאַרל דעם צווייטן געשלאָגן קעגן שוועדן. אין פאָדער־שטיבל פון דער שול שטייען צוויי געמויערטע קאַסעס, וואו די אידן פון דער געטאָ האָבן געהאַלטן זייערע פאַרמעגנס. און פון דרויסן זעט מען נאָך די טרעפּלעך פון דעם אייזערנעם לייטער, אויף וועלכן דער

גולם איז „ארויף" אויפן בוידעם (אדער איז „אראפ" פון בוידעם), ווי די לעגענדע זאגט.

קעגנאיבער דער שול שטייען נאך צוויי שולן, איינע זייער א שיינע פון אינעווייניק, און ביידע זיינען גאנץ. דארט האט מען געעפנט א אידישן מוזיי — פון די אלע אנטיקן, וואס די דייטשן האבן געהאלפן אויפזאמלען, צוליב זייערע טייוולשע חשבונות. און טאקע דא, צווישן די שולן און הייזער, אין מיטן אלט־שטאט, אינגאנצן פינף מינוט גאנג פון פארלאמענט, שטייט נאך דער בית־עולם פון דער אמאליקער געטא, מיטן קבר פון מהר"ל, מיט אן ערך צוואנציק טויזנט מצבות, איינגעפראפט אין א זייער קליינעם שטח.

פון די דאזיקע מערקווירדיקע אידישע מאנומענטן האבן אראפ־געקוקט און ארויפגעקוקט צו מיר הונדערטער יארן אידישע געשיכטע, אידישער פיין. די שול, ווי געזאגט, איז געבויט געווארן אין 1265; די עלטסטע מצבה, וואס מען האט באוויזן איבערצולייענען, איז פון יאר 1389.

זיי זיינען דא, די מאנומענטן. דאס זעלביקע קאן איך אבער ניט זאגן וועגן די פראגער אידן...

ווי אומעטום, האנדלט זיך עס אויך אין פראג וועגן א שארית הפליטה, א רעשטל, און דאס רעשטל איז כמעט ווי אן קינדער...

פאר מינכען (אין פראג הויבט מען אן ציילן דעם אומגליק פון דעם ריכטיקן אנהויב, פון מינכען) האט פראג געהאט 38 טויזנט אידן. נאך מינכען זיינען אהער אנגעלאפן אידן פון די סודעטן, פון קלענערע שטעט און עס איז געווארן 45 טויזנט. איצט פארמאגט פראג צווישן זיבן און אכט טויזנט אידן. אהער גייען אריין די אידן, וואס האבן אלע מאל גערעדט טשעכיש, און אידן, וואס האבן גערעדט דייטש און מוזן זיך איצט שטארק אויסהיטן — און מיט רעכט — דייטש ניט צו רעדן. (אידיש־רעדנדיקע איז דא פריער געווען זייער ווייניק, גאר ווייניק). אהער גייען אויך אריין צווישן צוויי און דריי טויזנט „ראסן־אידן", אידן וואס זיינען געווען פארהייראט צו קריסטן (זיי האט דא היטלער צורו געלאזט). זעט איר שוין: דער אידישער ישוב דא איז גאר־גאר ארומגעשניטן געווארן. א שארית הפליטה...

נאכן בלוטיקן שטורעם האט מען זיך אנגעהויבן צונויפקומען אהער. אין טערעזיענשטאט, וואוהין די דייטשן האבן פארשלעפט ארום 150 טויזנט אידן, האט מען נאך דער באפרייאונג געטראפן 12 טויזנט אידן, צווישן זיי דריי־פיר טויזנט פון פראג.

דאָ מוז איך מאַכן אַ זייטיקע באַמערקונג. אַ היגער טוער פון דעם „דזשאָינט”, וועלכער איז געווען אין טערעזיענשטאָט, אַשוויענטשים, דאַכאַו, האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען ממש מיטן בלוט פונעם האַרצן — בשעת ער האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון טערעזיענשטאָט — אַז ווען די מלחמה וואָלט זיך געענדיקט מיט אַ האַלב יאָר פריער, וואָלטן הונדערטער טויזנטער אידן, וואָס זיינען אומגעקומען, הײַנט געלעבט. דאָס האָט מען מיר אויך געזאָגט אין פּאַריז, און מ'האָט געפרעגט: וואָס האָט דער אָדער יענער אידישער שרייבער, דיכטער אין אַמעריקע געטאָן פאַר דעם צווייטן פראָנט? ווען איך האָב אַ פאַרשעמטער באַמערקט, אַז עס זיינען געווען אידן, וואָס ניט נאָר האָבן זיי ניט געהאָלפן, נאָר האָבן געקעמפט קעגן אַ צווייטן פראָנט, האָט מען מיר אָפּגעענטפערט מיט שטיל־שווייגן...

זיינען, הייסט עס, דריי־פיר טויזנט געקומען אַהער פון לאַגער. אַ טויזנט האָבן זיך דאָ באַהאַלטן די גאַנצע צייט, אָדער געקעמפט צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנען. אַ געוויסע צאָל אידן איז אָנגעקומען אַהער פון אַנדערע ערטער פון לאַנד. נאָך אַ צאָל אידן איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט די טשעכאָסלאָוואַקישע אַרמייען, פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַנדערע לענדער.

ווען די ערשטע טשעכישע באַטאַליאָנען האָבן זיך אָרגאַניזירט, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען אַ העלפט פון זיי געווען אידן. שפּעטער, ווען די באַטאַליאָנען האָבן זיך פאַרגרעסערט, האָבן אידן אויסגעמאַכט 25 פּראָצענט. אין די טשעכישע באַטאַליאָנען אין מיטעלן מזרח, אין טאָברוק, האָבן אידן אויסגעמאַכט פון 70 ביז 80 פּראָצענט! אין די באַטאַליאָנען אין ענגלאַנד — 25 פּראָצענט אידן.

די ציפערן זיינען אינטערעסאַנט פאַר זיך אַליין, אָבער מען דאַרף זיי געדענקען, ווי מיר וועלן באַלד זען.

איז אָט האָט איר דעם חשבון. עס איז אַ שארית הפליטה, כמעט אָן קינדער, ווי געזאָגט. און דאָך האָט זיך אָנגעהויבן פּאַרציען הויט אויף די ביינער. עס עקזיסטירט אַ קהילה, וואָס האַלט אויס געוויסע אינסטיטוציעס, איינגעשלאָסן אָן אינסטיטוציעס פאַר די, וואָס מען רופט דאָ קינדער — פון 13 ביז 18 יאָר. צו דער קהילה געהערן ציוניסטן, רעליגיעזע, אויך קאָמוניסטן. דער פּאָרזיצער פון דער קהילה, דר. קאַרל שטיין, וועלכער האָט פאַרלאָרן זיין פרוי, קינד, עלטערן, איז פאַרנומען מיט אַ גרויסן פּראָיעקט: שאַפן אַ רעזערוואַציע פון אַלטער אידישער קולטור אין אַ ריי מוזייען אַרום דער אַלטער שול.

דערוויילע האָט מען מיר דערציילט אַ נייעס: אַ אידיש פּאָרל האָט חתונה געהאַט. דאָס איז אַ געשעעניש אין פּראַג. אַלע באַטראַכטן זיך פאַר מחותנים...

●

ווען אידישע צייטונג־מענטשן קומען אַהער, אָדער — אויב פון אַמעריקע — אפילו ניט־אידישע, ווילן זיי וויסן דעם „גאַנצן אמת" וועגן דער „באַרימטער" דערקלערונג פון פּרעזידענט בענעש, — אַז אידן מוזן זיך אַסימילירן, אָדער פאָרן קיין פּאַלעסטינע. אויך איך האָב געשמועסט וועגן דעם — אין אינפאָרמאַציע־מיניסטעריום, מיט דעם געהילף פון מיניסטער קאָפּעצקי (קאָמוניסט), אין דער אידישער קהילה, אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איר פּאָרזיצער איז קלעמענט גאָטוואַלד, דער נייער פּרעמיער פון טשעכאָסלאָוואַקיע. וואָס־זשע איז דער „גאַנצער אמת" וועגן בענעשעס דערקלערונג?

איידער מיר ענטפערן אויף דעם, לאָמיר דערציילן וואָס מיר האָבן דאָ אַליין געזען.

עס איז געעפנט געוואָרן דער אידישער מוזיי אין צוויי געביידעס, ווי שוין אויבן געזאָגט. צו דער דערעפענונג איז געקומען דער גרייז־גרויער פּראָפעסאָר נאַהעדלי, בילדונג־מיניסטער, אַ קאָמוניסט. עס איז אויך געקומען אַ געהילף פון אינפאָרמאַציע־מיניסטער קאָפּעצקי. עס איז געקומען וויצע־פּרעמיער סטראַנסקי, צוויי גענעראַלן, אַ וויכטיקער קאַטוי־לישער גלח. די אַמאָליקע געטאָ־גאַס איז געווען פול מיט אויטאָמאָבילן פון אַלערליי רעגירונגס־מענטשן, וואָס זיינען געקומען עפענען דעם אידישן מוזיי. מיניסטער נאַהעדלי האָט געהאַלטן אַ רירנדיקע רעדע, אָנגעוויזן אויף דער באַדייטונג פון אַ מוזיי אָפּצוהיטן אידישע קולטור־אוצרות, וועלכע זיינען אויך טשעכישע אוצרות.

דאָס שטימט עפּעס ניט מיט דער אויסטייטשונג, וואָס געוויסע אידישע צייטונגען און אידישע טוער האָבן געמאַכט — און הערן ניט אויף צו מאַכן — פון בענעשעס דערקלערונג.

וועגן וואָס־זשע האַנדלט זיך? עס האַנדלט זיך ניט וועגן גע־צוואונגענער אַסימילאַציע. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז אידן זאָלן זיך באַהעפטן מיטן אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד, ווי למשל אידן אין פראַנק־רייך, אין אַמעריקע. אָבער די דאָזיקע איינפאַכע דערקלערונג וועט ניט זיין גענוג. מען דאַרף האָבן אינזינען די היגע ספּעציעלע באַדינגונגען.

איך האָב שוין געשריבן וועגן דעם, ווי מען האָט דאָ פיינט דייטש און דייטשן. תכלית השנאה! מען האָט זיך דאָ פאַרמאָסטן די דייטשן

עוקר מן השורש זיין, זייער געדעכעניש זאָל ניט זיין דאָ אין לאַנד! ווי־זשע איז אָבער דער דין, אַז פיל אידן האָבן זיך אַמאָל, אין דער ציילונג פון 1930, רעגיסטרירט ווי דייטשן? ווי איז דער דין, אַז פיל אידן זיינען געגאַנגען אין דייטשע שולן, דייטשע אוניווערסיטעטן, און זיינען דאָ געווען אַ גערמאַניזירנדיקער פאַקטאָר?

האָט מען דאָס אין זינען, וועט מען פאַרשטיין, פון וואַנען עס נעמען זיך פיל פון די שוועריקייטן פון אידן דאָ, טראַגישע שוועריקייטן. ווען מען וועט אויך געדענקען, אַז ניט נאָר האָבן די מערסטע אידן אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע געהערט צום מיטל־קלאַס, נאָר אויך צו דער בורזשואַזיע, גע־ווען באַנקירן און פאַבריקאַנטן, וועמענס געשעפטן מען האָט נאַציאָנאַלי־זירט (צוזאַמען מיט די געשעפטן פון ניט־אידן), וועט איר נאָך מער פאַר־שטיין, פון וואַנען עס נעמען זיך די שוועריקייטן פון פיל היגע אידן, ביים קריגן בירגערשאַפט, ביים איינוואָרצלען זיך, ביים קריגן צוריק דאָס פריערדיקע אייגנטום.

יענע „באַרימטע" דערקלערונג פון פרעזידענט בענעש האָט גע־שטאַמט פון דעם פאַרלאַנג, אַז אידן זאָלן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַרויס־רייסן פון זיך דאָס, וואָס זיי האָבן פריער געלערנט אין די דייטשע שולן. זיי דאַרפן זיין טשעכן, — ווי אַמעריקאַנער אידן, למשל, זיינען אַמערי־קאַנער, אָבער נאָכמער ווי זיי, ווייל אַלץ וואָס שמעקט מיט דייטש איז טריף. און יענע אידן, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט איבערברעכן, ניט אויפגעהערט רעדן דייטש (ניט אומישנע, נאָר ווייל ס'איז זיי אפּנים שווער צו רעדן טשעכיש), האָבן אָנגעהויבן פילן, אַז זיי שטעלן זיך אין געפאַר.

מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וואָס ווילן אונטערגראָבן די נייע פאָלקס־דעמאָקראַטיע דאָ אין לאַנד, הערן ניט אויף צו שרייען, אַז מען ראַמט ניט אויס דעם דייטשן איינפלוס, מען ליקווידירט ניט די מינאָריטעטן־פראַגע. די רעגירונג וויל זיך ניט שלאָגן מיט די רעאַקציאָנערן אויף פּאָזיציעס, וואָס זיי קלייבן אויס, און אַריינ־לאָזן זיך אין דער פראַגע פון „גוטע דייטשן" און „שלעכטע דייטשן", גוטע מינאָריטעטן און שלעכטע. אויב געוויסע אידן ווערן באַעוולהט, איז עס די שולד פון די רעאַקציאָנערן — וועלכע ווערן, אגב, געשטיצט פון אַמעריקע און ענגלאַנד...

געדענקען דאַרף מען, אַז אידן, וועלכע האָבן זיך אַמאָל רעגיסטרירט אַלס אידן, ווער שמועסט אַלס טשעכן, האָבן ניט קיין שוועריקייטן. דאָס זעלביקע — און נאָכמער — מיט אידן, וואָס זיינען געווען פאַרטיזאַנען,

אָדער האָבן זיך געפונען אין די באַוואָפנטע קרעפטן פון טשעכאָ־סלאָוואַקיע (סיידן עס האַנדלט זיך וועגן גרויס־קאַפּיטאַליסטן, — דאָ ליידן זיי שוין ניט אַלס אידן).

ערגער איז די לאַגע אין סלאָוואַקיע, וואו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט ניט געקראָגן די גרעסטע צאָל שטימען, ווי אין טשעכיע. אין סלאָ־וואַקיע איז די „דעמאָקראַטישע פּאַרטיי" די הערשנדיקע (און זי געפעלט זייער שטאַרק אַמעריקע און ענגלאַנד) און אין דער פּאַרטיי זיינען פאַראַן אַ סך פאַשיסטן פון היטלערס צייטן.

נאָר מען שמועסט, אַז די נייע רעגירונג מיטן קאָמוניסטן גאָטוואַלד בראש וועט שטעלן סלאָוואַקיע באַדינגונגען: מען דאַרף רייניקן... דאָס וועט זיך אויך אָפּרופן לטובת די אידן.

●

אָט אַזוי פיל — וועגן די סענסאַציעס. צו בויען דאָס אידישע לעבן, צו פאַרשטיין די גרויסע שוועריקייט, צו היילן די טיפע וואונדן — קומט עס ניט.

ווען דאָס לעבן איז שווער און די וואונדן זיינען פריש, איז גרינג פאַנאַנדערצושרייען זיך, אַפילו ווען מען איז אויסן בשום אופן ניט די טובה פון די אידן...

דאָס לעבן איז שווער. די וואונדן זיינען פריש. וואָלט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן אויף אַ גולם, וואָלט מען געדאַרפט זאָגן, אַז ערשט איצט דאַרף מען אים אַרױפּנעמען פונעם בוידעם, דאָרט אונטער דעם הויכן שאַרף־קרומען דאַך פון דער אַלטער שול, וואו מען האָט אים „אוועקגע־ליינט"—אָדער „געשאַפן"—ווי עס זאָגט זיך אין דער לעגענדע. אָבער דער גולם האָט אַפילו אין דער לעגענדע ניט געטויגט. און כאָטש עס שטייט די שול פון דער מיטלאַלטערלעכער געטאָ, און כאָטש אין מוזיי זיינען צונויפגעקליבן די אַנטיקן פון יענעם פעריאָד, מוז מען זיך מיט ביידע פיס שטעלן אויפן באָדן פון דער נייער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, וואָס וואָר זי פאַרמאָגט דעם שם־המפורש צום נייעם לעבן. דער פּראָצעס קאָן אין פיל פאַלן זיין אַ פיינלעכער. אָבער אַזוי איז עס: אידן, אפשר נאָך מער ווי אַנדערע, מוזן זיך איינוואָרצלען אין דער נייער פאָלקס־דעמאָקראַטיע.

# דאָס לאַנד פון דער נייער דעמאָקראַטיע

**פראַג.**

טשעכאָסלאָוואַקיע איז דאָס סאַמע מערבדיקע לאַנד צווישן די לענדער פון די נייע דעמאָקראַטיעס אין צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע. ווי קוקט זי אויס?

איידער מיר טרעטן צו צום ענין, לאָמיר פריער אַ קוק טאָן אויף פראַג, דורך די אויגן פון אַ גאַסט.

דער ווילסאָן־וואָקזאַל, דורך וועלכן איך בין אָנגעקומען, האָט געמאַכט אויף מיר אַ קנאַפּן איינדרוק. די עטלעכע גאַסן, וואָס מיר זיינען דורכגעפאָרן אויפן וועג צום האָטעל, איינגעשלאָסן די הויפּט־גאַס (אָדער סקווער), וואַצלאַווסקע נאַמעסטי, האָבן מיר געגעבן דאָס געפיל, אַז איך בין אַריינגעפאָרן אין אַ פּראָווינץ־שטאָט. שולדיק אין דעם איז געווען פּאַריז, פון וואַנען איך בין געקומען קיין פּראַג. נאָך די פּאַריזער סקווערן און בולוואַרן איז שווער צוצוגעוואוינען זיך צו אַזאַ שטאָט ווי פּראַג. שולדיק איז אָבער פּראַג אַליין. איר שיינקייט איז גאָר פון אַן אַנדער מין. „שיינקייט" איז אפשר ניט דאָס ריכטיקע וואָרט.

פּראַג איז אַ טויזנט־יאָריקע שטאָט, וואָס איז ניט איבערגעבויט געוואָרן אין די לעצטע פּאָר יאָרהונדערטן, ווי פּאַריז. עס זיינען טאַקע אויפגעשטעלט געוואָרן אַ סך מאָדערנע הייזער אויפן אָרט וואו אַלטע זיינען געשטאַנען, נייע גאַסן זיינען צוגעקומען, פיל — מאָדערנע, אָבער דער פּלאַן פון דער שטאָט איז ניט געביטן געוואָרן. די אַלט־שטאָט גיט דעם טאָן. פון דער ברייטער וואַצלאַווסקע נאַמעסטי כאַפּט איר זיך מיט־אַמאָל אַריין אין אַ שמאָל געסל, וואו עס איז פּאַר צוויי מענטשן שווער צו גיין צוזאַמען אויפן טראָטואַר. די געסלעך דערמאָנען אין האַוואַנאַ, אָדער גאָר אין די ווילנער זאַוואַלקעס, וואו מען איז געגאַנגען און געגאַנגען און געקומען צוריק צום אָנהויב.

די מיטלאַלטערלעכע אידישע געטאָ איז דאָ אָפּגעראַמט געוואָרן ערשט צום אָנהויב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט. די הייזער, געבויט אין די געטאָ־צייטן, זיינען געוואָרן צו אומסאַניטאַריש — האָט מען זיי אַראָפּ־

געריסן. אָבער די מייסטע אַנדערע גאַסן פֿון שטאָט זיינען די זעלביקע ווי מיט פֿיל הונדערטער יאָרן צוריק.

איז פּראַג אינטערעסאַנט מיט אירע אַנטיקן. צווישן צוויי מאָדערנע געביידעס קאָנט איר באַמערקן אַ מיטלאַלטערלעכן טורעם, געבויט אין גאָטישן סטיל, אין ראָמאַנישן סטיל, אָדער — אַן אַלטע קירכע. פֿיגורן און אָרנאַמענטן אויף אַן אַ שיעור געביידעס זיינען אמתע מוזיי־שטיקער. דער היסטאָרישער סקווער פֿאַרן אַלטן שטאָט־ראַט, וואו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האַלט אירע מיטינגען, און וואו די רעגירונג מאַכט אירע פּאַראַדן, איז אַ טיפּישער מיטלאַלטערלעכער סקווער, מיט גאַסן און געסלעך, וואָס גיסן זיך אַריין אין אים אויף אַלערליי אופנים (דעם שטאָט־ראַט, געבויט אין 12טן יאָרהונדערט, האָבן די דייטשן פֿאַרברענט און אויפגעריסן).

דער טייך ווּלטאַווע (אויף דייטש: מאָלדאַו) שניידט דורך די שטאָט, טיילט אָפּ דעם געשעפטס־טייל פֿון דער שטילערער וואוין־געגנט. ער איז אַזוי ברייט (אָדער שמאָל) ווי די פּאַריזער סענע, אָבער די בריקן איבער אים זיינען ניט פֿאַרשייט, מיט פֿיגורן פֿון באַגילדעטע שפּרינגענדיקע פֿערד, נאָר באַפּוצט מיט פּאַרצייטיקע טורעמלעך און אַנדערע אָרנאַמענטן, וואָס פּאַסן זיך אַריין אין דעם אַנטיק־כאַראַקטער פֿון די אַלטע געביידעס.

דער אַנטיק איבער אַלע אַנטיקן איז דער הראַדטשין פּאַלאַץ, דער פּאַלאַץ פֿון די אַלטע טשעכישע קעניגן, וואו דער פּרעזידענט וואוינט איצט. ער פֿאַרמאָגט קרעמל־אַרטיקע באַפֿעסטיקונגען. דער פּאַלאַץ שטייט אויף אַ גרינעם באַרגיקן שטח ביים ברעג פֿון דער ווּלטאַווע, אויף דער שטילערער זייט.

●

סטראַטעגן האָבן געזאָגט אין משך פֿון דער מלחמה, אַז די אַרמיי וואָס קאָנטראָלירט באָהעמיע (די געגנט, פֿון וועלכער פּראַג איז דער צענטער), קאָנטראָלירט אייראָפּע. מן הסתם האָבן זיי געוואוסט, וואָס זיי רעדן. אפשר. איך ווייס איינס: די גאַסן פֿון פּראַג קאָכן און רודערן. און נאָך עפּעס: איר האָט דאָ אַ צונויפֿטרעף פֿון אַלע טיילן אייראָפּע.

יעדערן צים צו זיין פֿאַך. איך קאָן זיך ניט אָפּרייסן פֿון די צייטונגען, וואָס ליגן דאָ אויסגעלייגט. אַ קיאָסק (סטענד) פֿאַרנעמט אָפֿט אויף די הויפּט־גאַסן שיער ניט דעם גאַנצן פֿראָנט פֿון אַ מאָדערנער געביידע. ביי איין קיאָסק האָב איך געזען אַ צענדליק צייטונגען פֿון פּאַריז, אַ האַלב טוץ פֿון לאָנדאָן, די וויכטיקסטע צייטונגען און זשורנאַלן פֿון מאָסקווע, צייטונגען פֿון בעלגראַד, ציריך, באַזעל, וואַרשע, שטאָקהאָלם, — ניט

אויסצורעכענען! היינט היגע ציטונגען און זשורנאַלן! אַלץ צוזאַמען צײלט זיך ממש אין די הונדערטער.

פּראָג איז אַ סטאַנציע פאַר שוועדישע, פראַנצויזישע און ענגלישע עראָפּלאַן־ליניעס. די „פּאַן אַמעריקען" האָט איינגעשטעלט איבער פּראָג איר עקספּרעס־ליניע: ווין־פּראָג־בריסעל־לאָנדאָן־ניו־יאָרק.

זייער אַ סך מענטשן קענען דאָ ענגליש, פראַנצויזיש (דײַטש קענען אַלע, אָבער קיינער ווײַל ניט קענען). רוסיש פאַרנעמט איצט דאָס אָרט פון דײַטש אין די שולן, ווי די אויסלענדישע שפּראַך.

איר טרעפט אַמעריקאַנער מיליטער־לייט און סאָוועטישע. עס פליען פאַרביי — כאָטש ניט זייער אָפט — אַמעריקאַנער דזשיפּס און סאָוועטישע מאָטאָרציקלעטן. אַז מען וויל קאָן מען זאָגן: דאָ איז דאָס אָרט וואו דער מזרח באַגעגנט זיך מיטן מערב. און דערפאַר ווײַל פּראָג, ווי טשעכאָ־סלאָוואַקיע בכלל, איז אַ ווינקלשטיין פון אייראָפּע, ברענט עס אַזוי גרויסע קרעפטן אין אַמעריקע און ענגלאַנד וואָס די נייע דעמאָקראַטיע באַ־פעסטיקט זיך דאָ.

און זי באַפעסטיקט זיך. עס אַרבעט. דער זייגער גייט!

די מענטשן אויף די קאָכיקע גאַסן און אַלטע טראַמוויען קוקן אויס מונטער. דער אויסזען זייערער איז אַ בעסערער ווי ביים „מענטש אין גאַס" אין פראַנקרייך. די געשעפטן פאַרמאָגן סחורה. ניט גענוג, אָבער ווען מען נעמט אין אַכט דעם צושטאַנד פון אייראָפּע בכלל, איז דער אויסזען פון די היגע געשעפטן אַן איבעררראַשנדיקער. איר טרעפט אַלערליי אַרטיקלען, „נאָוועלטיס", גלאַזוואַרג, לייוונטן, מיט וועלכע טשעכאָ־סלאָוואַקיע איז געווען באַקאַנט פאַר דער מלחמה.

דער שוואַרצער מאַרק עקזיסטירט כמעט ניט. כמעט! וואָס דער איינוואוינער דאַרף קריגן אויף קאַרטן — קריגט ער. אויף כמעט אַלע מינים שפּייז און קליידונג איז דאָ קאַרטן. די מעגלעכקייטן פאַר דעם, וואָס האָט געלט, „אַריינצוכאַפּן" אויפן חשבון פון אַנדערע, זיינען רעדוצירט ביז אַ מינימום.

די פאַרטיילונג איז אַ גוטע. די פּראָדוקציע וואַקסט. קוילן ווערן שוין אויסגעגראָבן אַזוי פיל ווי פאַר דער מלחמה. אַנדערע אינדוסטריע־צווייגן שטייען נאָך אָפּ, באַזונדערס אַרטיקלען פון מאַסן־געברויך, אָבער עס ווערט כסדר בעסער. איך האָב גערעדט מיט אַמעריקאַנער, וואָס האָבן מיר געזאָגט, אַז אין די עטלעכע חדשים, וואָס זיי זיינען אין פּראָג, איז פאָרגעקומען ממש אַ דערשטוינענדיקע פאַרבעסערונג.

פון וואַנען נעמט זיך עס?

איך האָב געלייענט אין אַ לאָנדאָנער זשורנאַל: דער טשעכישער כאַראַקטער איז די סיבה דערפון. פאַראַן קענער פון דער נייער דעמאָקראַטיע, וואָס ווילן זיך אפילו איינרעדן, אַז טשעכאָסלאָוואַקיע האָט ניט געליטן פון דער מלחמה. די אַלע מענטשן ווילן ניט באַמערקן דעם העלפאַנט.

נעמט אָקאָרשט די מעשה מיט געלט. ווען מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט די דייטשן, זיינען געווען אין צירקולאַציע הונדערט און צוואַנציק (120) ביליאָן קראָנען, — אין פאַרגלייך מיט צען־צוועלף ביליאָן פאַר דער מלחמה. ווען מען נעמט ניט אָן קיין שאַרפע מיטלען, וואָלט געווען אינפלאַציע. וואָס האָט געטאָן די היגע רעגירונג פון נאַציאָנאַלן פראָנט, וואו די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז די גרעסטע קראַפט? זי האָט בלאָקירט, פאַרחתמעט אַלע פאַרמעגנס אין די בענק. מער ווי 500 קראָנען האָט קיינער ניט געקאָנט אַרויסנעמען (ס'איז זייער אַ קליינע סומע: אַ קראָן איז עטוואָס מער פון צוויי סענט, כאָטש לויט די היגע פרייזן קאָן מען אָפט דערפאַר קויפן אַ סך מער ווי מ'קאָן קויפן פאַר אַזאַ סומע אין אַמעריקע). געשעפטסלייט קאָנען באָרגן ביז פופציק טויזנט קראָנען (אַרום טויזנט דאָלער). האָט זיך אויפגעהויבן די גרויסע יללה. אָבער דאָס געלט איז געוואָרן סטאַביליזירט. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אינגאַנצן ניי געלט, און די ברייטע מאַסן, איינגעשלאָסן די מערהייט קליינבירגער, האָבן זיך אַרומגעזען, אַז עס איז גוט געווען.

די רייכע זיינען, פאַרשטייט זיך, „באַעוולהט" געוואָרן. עס דאַרף נאָך באַשטעטיקט ווערן דער געזעץ וועגן די בלאָקירטע רעכענונגען, אָבער צופיל וועלן שוין די רייכע פון זייערע געלטער ניט קריגן. נאָר זיי האָבן פאַרוואָס צו זיין אומצופרידן חוץ דעם. זיי דאַרפן צאָלן זייער הויכע שטייערן. גאָר אַ הויכן שטייער צאָלן די וואָס האָבן זיך דערוואָרבן פאַרמעגנס אין משך פון דער מלחמה. דער שטייער שניידט זיך טיף אַריין אין די פאַרמעגנס. דירעקטע מלחמה־פּראָפיטן ווערן אינגאַנצן צוגענומען.

אַזוי אַרבעט די נייע דעמאָקראַטיע! אַזאַ יושר האָט זי! מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם ענין נאַציאָנאַליזאַציע, אָבער קלאָר איז, אַז נאָר אַדאַנק דעם, נאָר אַדאַנק דער קאָנטראָלירטער פּראָדוקציע, נאָר אַדאַנק די שאַרפע מיטלען קעגן גרויס־קאַפּיטאַל, קעגן פּראָפיט־מאַכער, נאָר אַדאַנק דער ערד־רעפאָרם, אַדאַנק די אַלע באמת־דעמאָקראַטישע מיטלען, איז געלונגען אויסצומיידן אינפלאַציע, אָנהויבן היילן דעם חורבן און גיין פאָראויס.

די דייטשן האָבן אין משך פון העכער זעקס יאָר צייט אויסגערויבט

דאָס לאַנד. דער שאָדן ווערט געשאַצט אין 429 ביליאָן קראָנען, לויטן פאַר־מלחמה קורס (די קליינע טשעכאָסלאָוואַקיע האָט אויך אַ מלוכה־חוב פון 250 ביליאָן קראָנען). די דייטשן האָבן ארויסגעפירט באַנען און לאָקאָמאָטיוון, אַן שיעור מאַשינעריע. פון די באָמבאַרדירונגען זיינען חרוב געוואָרן פיל פון די גרעסטע פאַבריקן (די באַרימטע שקאָדאַ־פאַבריקן און אַנדערע גרויסע אונטערנעמונגען זיינען באָמבאַרדירט געוואָרן פון אַמעריקאַנער און ענגלישן עראָפּלאַנען אינגאַנצן צוויי וואָכן פאַרן סוף פון קריג, און אין פּראַג מורמלט מען, אַז מען האָט דערביי ניט אינגאַנצן אינזינען געהאַט די מלחמה קעגן די דייטשן...). אין די מזרח־טיילן פון לאַנד, וואו די רויטע אַרמיי האָט געהאַט צו פירן ביטערע שלאַכטן, איז דער חורבן גרויס.

מען האָט ערשט אָנגעהויבן היילן. דאָס לעבן איז נאָך שווער. דער לוין פון דעם אַרבעטער איז נאָך ווייט פון צו דעקן זיינע באַדערפענישן. געוויסע פּראָדוקטן פעלן גאָר שטאַרק אויס.

ס'איז נאָך שווער. אָבער עס גייט צום בעסערן און יעדערער פילט עס. דאָס איז אַדאַנק דער רעוואָלוציע, — אַזוי ווערן דאָ באַצייכנט די לעצטע טעג פון דער מלחמה. דאָס איז אַדאַנק די טיפע, ווייט־גייענדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעפאָרמען פון דעם נאַציאָנאַלן פראָנט.

# פוילן

ערשטער טייל

# מיין רייזע איבער פוילן

### וואַרשע.

דער פרימאָרגן, ווען איך בין געפלויגן קיין וואַרשע, האָט געעפנט פאַר מיר אַ ניי קאַפּיטל. וואָס פאַר אַ קאַפּיטל?

אין פּראַג, פאַרן אַרויספאָרן, האָט מען מיך באַדויערט, געגעבן עצות. אין דעם ווינקל פון יאָזעף־גאַס און מייזעל־גאַס, וואו עס געפינען זיך דער „דזשאָינט", דער וועלט־קאָנגרעס, די קהילה; וואו מען טרעפט „אידישע פאַרשטייער", וואָס זיינען שוין „אָפּגעקומען", שוין געווען אין פוילן, האָב איך געהערט וואָרנונגען ווי אַזוי אין פוילן זיך אָפּצוהיטן, ווי צו פאָרן, וואו צו גיין און שטיין. און מען האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיר געוואונטשן, איך זאָל וואָס גיכער „איבערקומען".

כמעט אַלע עצה־געבער האָבן געהערט צו די, וואָס האַלטן, אַז מען דאַרף די אידן פון פוילן „אַרויסנעמען". זיי האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין קאָמפּלימענטן דער פוילישער רעגירונג, אָבער עס איז אין די קאָמ־פּלימענטן געווען מער רחמנות, ווי ליבע. און וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן די, אויף וועמען די פוילישע רעגירונג דאַרף זיך שטיצן — און שטיצט זיך — אויף די פוילישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, וועט בעסער זיין צו פאַרשווייגן. און געווען איז עס פאַר קעלט...

בין איך, דער „מאַרטירער", וואָס פאָרט קיין פוילן, געזעסן אין דעם עראָפּלאַן און זיך אָפּט געפרעגט: וואָס שטעקט אין אַזעלכע רייד? איז פוילן שולדיק? אויף וויפיל? זיינען אפשר די עצה־געבער שולדיק? אויף וויפיל?

דער עראָפּלאַן איז געווען אַ סאָוועטישער. די פּאַסאַזשירן, מייסטנס סאָוועטישע בירגער, זיינען געפאָרן קיין מאָסקווע. איך בין געווען דער איינציקער, וואָס האָט געדאַרפט אָפּשטייגן אין וואַרשע. אַזוי ווי מיט סאָוועטישע מענטשן באַקענט מען זיך זייער גיך, אָן שום צערעמאָניעס, האָב איך זיך באַלד פאַנאַנדערגעשמועסט מיט מיינע שכנים. זיי האָבן זיך מיט מיר דערפרייט, ווי מיט אַ געלעגנהייט צו שיקן גרוסן צו באַקאַנטע אין וואַרשע. זיי האָבן מיך ניט באַדויערט. פאַרקערט, זיי האָבן געהאַלטן,

אַז עס איז זייער וויכטיק צו זיין אין פּוילן, איינע פון די וויכטיקסטע נייע דעמאָקראַטיעס.

א צעשמעטערטע בריק האָט באַגעגנט מיין בליק, ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן ביי וואַרשע. אַן אויטאָמאָביל האָט מיך באַלד געפירט אויף אַ וועג, וואָס אויף דער לינקער זייט פון אים האָבן זיך געצויגן חורבות: סקעלעטן פון מויערן, האַלבע, צעבראָכלטע סקעלעטן, גאַנצע „לאַמטערנעס" און גאָר הויפנס ציגל־ברוך. מיר וועלן נאָך רעדן באַזונדער וועגן די חרובע וואַרשעווער גאַסן, אָבער איך בין איינגעשלונגען געוואָרן פון דער לאַנדשאַפט. אויב יענע, שיינע לאַנדשאַפט, קוקנדיק פון עראָפּלאַן, האָט מיך ניט פאַרשיכורט, האָט מיך אָבער די לאַנדשאַפט צעמישט.

פאַרן האָטעל פּאָלאָניע, וואו מיר האָט אָפּגעגליקט צו קריגן אַ צימער, בין איך געשטאַנען און געקוקט אויף צוויי גראָטעסקע שטאָלענע ריזן־שטיקער, רעשטלעך פון דעם אַמאָליקן וויינער וואָקזאַל (ביים ראָג מאַר־שאַלקאָווסקע). ווען אַ מאָלער וואָלט אויסגעמאָלט אַזאַ סטראַשידלע — צוויי צעלאָמטע, אָט־אָט איינפאַלנדיקע, צום הימל אַרויפסטאַרטשענדיקע, אַכט־שטאָקיקע ריזן־רעשטלעך פון אַ געוועזענעם ריזן־סקעלעט, מיט די אַמאָל מעכטיקע אייזערנע פּרענטן, וואָס הענגען אַראָפּ ווי לאָקשן — און הינטער דעם אַלעם דער וואַלד פון חורבות, — ווען אַ מאָלער וואָלט אַזוינס אויסגעמאָלט, וואָלט מען אים געהאַלטן פאַר אַ מענטשן מיט אַ משונהדיקער פאַנטאַזיע.

דער חורבן וואַרשע האָט צעמישט. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן ווי אין הינער־פּלעט. אַלץ, וואָס מען לייענט וועגן חורבן וואַרשע, און אַלץ, וואָס מען זעט אויפן פילם, קאָן קיין באַגריף ניט געבן, ווי וואַרשע זעט באמת אויס. מען דאַרף עס אַליין זען.

נאָר דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר־זיך. מיר וועלן קומען צו דעם שפּעטער.

מען האָט אָבער, חוץ דעם חורבן, אויך געקאָנט זען ווי עס שפּראָצט אַ נייע קראַפט אויף די וואַרשעווער גאַסן. עס איז דאָ ליכט אויך, ניט נאָר שאָטן.

איך בין אָנגעקומען אין וואַרשע אַ טאָג פאַרן רעפערענדום. איבער די גאַסן זיינען געפאָרן אָנגעפּאַקטע לאַסט־אויטאָס מיט רויטע פאָנען פון פּע־פּע־ער (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטניטשאַ, פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי, קאָמוניסטן), פּע־פּע־עס (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטיטשנאַ, פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), אָדער גאָר מיט גרינע פאָנען פון מיקאָלאַיטשיקס פּאַרטיי, און געוואָרפן לאָזונגען, פּראָקלאַמאַציעס. עס

איז געפירט געווארן מצד די דעמאקראטישע עלעמענטן א קאמף פאר נאציאנאליזירן די פאבריקן, צעטיילן די מאיאנטקעס, פאר די נייע גרעניצן, קעגן א סענאט. וועגן דעם האט מען געשטימט אין רעפערענדום. אידן האבן צוזאמען מיט דער גאנצער דעמאקראטיע געקעמפט פאר די לאזונגען פון דער פאלקס־רעוואלוציע אין פוילן (נים אלע אידן).

עס איז געווען נייע קראפט אויף די ווארשעווער גאסן. און כאטש עס האט זיך נים געגלויבט, אז דער חורבן האט געקאנט זיין גרעסער, האט איר זיך אבער דערוואוסט, אז איצט איז שוין „גאלד" אין פארגלייך מיט דעם, וואס עס איז געווען באלד נאך דער באפרייאונג, און אז ווארשע בויט זיך.

אויף מארגן נאך מיין אנקומען האב איך באזוכט די אידישע קינדער־היימען ביי ווארשע — אין פאלעניצע, אטוואצק, שווידער. דארט, און אין צענטראלן אידישן קאמיטעט, האב איך אנגעהויבן אנכאפן די פעדים פון א ניי אידיש לעבן אין פוילן.

אבער באלד איז געקומען — קעלץ... צוזאמען מיט דער דעלעגאציע פון צענטראל־קאמיטעט בין איך געפלויגן קיין קעלץ צו דער לוויה... און דערנאך צום פראצעס איבער די מערדער... קעלץ האט דערשיטערט דעם אידישן קיבוץ אין פוילן. קעלץ האט א טרייסל געטאן די פוילישע דעמאקראטיע, געשטעלט זי אויף דער וואך קעגן א גרויסער געפאר פארן גאנצן לאנד.

די רייזע אין נידערשלעזיע איז געווען א היילונג פאר דער וואונד, וואס קעלץ האט געמאכט. איך האב געזען בליענדיקע אידישע ישובים אין א שיין, בליענדיק לאנד. עס איז געווען א היילונג צו זען, ווי אידן, וועלכע זיינען געווען שקלאפן אין די לאגערן טאקע אט־דא, זיצן אין געוועזענע דייטשע הייזער, וואו די שיינע מעבל, געשיר, זילבערווארג, וואס איז געקומען פון אידן, איז צוריק אין אידישע הענט... אדער — זיצן אין פארם־באלעבאטישקייטן, וואו עס זיינען פריער געזעסן דייטשע קולאקעס.

זינט דעמאלט האב איך מער־ווייניק ארומגערייזט פוילן. געווען אויך אין אויבערשלעזיע — קאטאוויץ, סאסנאוויץ, בענדין, — און אין לאדזש, שטעטין, לובלין, קראקע און אנדערע ערטער. איך בין געווען אויף אלע זיצונגען און קאנפערענצן פון אידישן צענטראל־קאמיטעט (סיידן ווען כ'בין נים געווען אין ווארשע). און איך האב געהאט דעם כבוד אויפגענומען צו ווערן מער ווי איין מאל אין דעם פרעזידיום פון מיניסטארן־ראט אויף קראקאווער פארשטאט, לעבן האטעל בריסטאל (אמאל איז פאר

אַ אידן געווען געפּערלעך צוצוגיין נאָענט צו דעם טראָטואַר). און איך בין געווען אויף פאַרזאַמלונגען פון די אַקטיוון פון יעדע אַרבעטער־פּאַרטייען, פּע־פּע־ער און פּע־פּע־עס, איינקייט־פאַרזאַמלונגען קעגן רע־אַקציע און אַנטיסעמיטיזם. און איך בין געווען אין אָשוויענטשים, דער שרעקלעכסטער און גרעסטער פון אַלע שחיטה־לאַגערן (צוזאַמען מיט בירקענאַו), און אין מאַידאַנעק...

אין אָשוויענטשים האָב איך געזען געוועזענע געפאַנגענע, וועלכע בויען דאָרט אַ מוזיי, וואָס זאָל פאַראייביקן די נאַצישע גרויזאַמקייטן. איך האָב געזען אַ אידיש מיידל פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכע האָט דאָ אין לאַגער פאַרלאָרן אירע עלטערן. זי וואוינט דאָ איצט מיט איר מאַן, אויך אַ געוועזענער געפאַנגענער, און דאַרף ערשט ווערן אַ מוטער פון אַ נייעם דור. און צווישן אידן האָב איך געזען די, וואָס פילן אויס דעם אָנזאָג פון די קעמפער אין געטאָ — אַז היטלערס געבאָט, פוילן זאָל זיין „יודענ־ריין", זאָל ניט צו־שטאַנד קומען. די דאָזיקע אידן בויען אַ ניי אידיש לעבן מיט אַ סך מסירת־נפש, שטייענדיק פעסט אויפן באָדן פון דער נייער דעמאָקראַטיע. איך בין צוגעבונדן געוואָרן צו די שאַפנדיקע, בויענדיקע אידן, און ס'איז מיר שווער צו שיידן זיך מיט זיי.

איך האָב זיך געטראָפן כמעט טאָג־טעגלעך מיט די פירער פון אַלע אידישע פּאַרטייען, געטראָפן זיך ווי פריינט, כאָטש איך האָב זיי געהאַט צו קריטיקירן, ווי אַ פריינט. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצו־טרעטן אויף מיטינגען, צו וועלכע עס זיינען געקומען נאָענט צו 20,000 אידן. אויף עטלעכע מיטינגען (לאָדזש, קאַטאָוויץ, קראָקע, ביעלסקאָ) זיינען ציוניסטן געווען די פאָרזיצערס און מיר האָבן זיך געזעגנט ווי פריינט, כאָטש מיר זיינען זיך שאַרף פאַנאַנדערגעגאַנגען אין וויכטיקע פראַגן.

דאָס זיינען אַלץ קאַפּיטלעך פאַר־זיך. אָבער אַזוי־אָ זיינען אוועק עלף וואָכן אין פוילן.

זיינען געווען — און זיינען — גערעכט די שוואַרץ־זעער אין פראַג (און אין ניו־יאָרק, פּאַריז, און וואו זיי זאָלן ניט זיין) ?

●

איך באַשולדיק קיינעם ניט אין בייזוויליקייט. וועגן די בייזוויליקע רעד איך דאָ ניט. אָבער קלאָר איז, אַז מען דאַרף זיך ניט צופיל אָנ־שטרענגען אויף צו זיין אַ שוואַרץ־זעער, אַ פעסימיסט. עס איז דאָ אַזוי פיל אין פוילן און אין גאַנץ אייראָפּע אויף וואָס צו קרעכצן!

דער גרעסטער ווייטיק איז — עס איז ניטאָ גענוג אידן אין אייראָפּע.

ווען עס וואָלט אין פוילן אַלץ געגאַנגען כשורה, וואָלט דער גורל פון דעם שארית הפליטה, אין פוילן, אויך געווען אַ שווערער. אַזוי איז שווין מיט אַ רעשטל, וואָס איז געבליבן פון אַ גאַנצן אָרגאַניזם...

דער אידישער ישוב אין פוילן איז אַ קליינער. דאָס איז אַ טראַגישער, האַרץ־רייסנדיקער פאַקט, אַ רעזולטאַט פון אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס מען קאָן קוים באַנעמען. אַלעמאָל אין אונדזער מאַרטירער־געשיכטע, ווען מיר זיינען געבליבן אַ רעשטל פון אַ געוועזענעם גרויסן ישוב, איז דער וויטיק פון די איבערגעבליבענע געווען טיף ווי דער ים. דאָס האָבן מיר ביז איצט געוואוסט פון די געשיכטע־ביכער — איצט ווייסן מיר עס פון דער ווירקלעכקייט...

דאָס הייסט, ווען מען קומט קיין אייראָפּע און מען זעט. פון דער וויטנס, אין אַמעריקע, אָדער אַן אַנדער לאַנד, האָט מען קיין שום באַגריף ניט וואָס דאָס באַטייט...

פאַרנדיק פון וואַרשע קיין לאָדזש האָט זיך אונדזער מאַשין אָפּגעשטעלט אויפן מאַרק־פּלאַץ אין לאָוויטש. קיין אידן האָט מען ניט באַמערקט. אין קאָפּ איז מיר דעמאָלט געלעגן אַ קאַפּיטל פון י. ל. פּרצעס רייזע־בילדער: „די לאָוויטשער רביצין" (אַזוי דאַכט זיך)... און אין סאָכאַטשעוו האָט מען ניט געזען קיין אידן. און ווען מיר זיינען דורכגעפאָרן די שיינע וועלדלעך הארט פאַר לאָדזש, האָט דער יונגער אידישער פּע־פּע־עראָוועץ, וואָס האָט אונדז באַגלייט, עטלעכע מאָל אַ זאָג געטאָן: „דאָ איז געווען פול מיט אידן"... אין שטאָט גופא, אין לאָדזש, האָב איך כסדר געהערט פון אונדזערע באַגלייטער איבערן שטאָט: „די גאַס איז אַמאָל געווען פול מיט אידן." און אַזוי האָט מען מיר געזאָגט אויף אַ שפּאַציר אין סאָסנאָוועץ: „דאָס איז געווען אינגאַנצן אַ אידישע גאַס..."

עס זיינען פאַראַן אַ סך לענדער מיט קליינע אידישע ישובים. אין פוילן מוז זיך אָבער איינאָרדענען אַ קליינער אידישער ישוב אויפן אָרט, וואו עס איז געווען אַ ישוב פון צוויי־דריי מיליאָן (נעמענדיק אין אַכט, אַז די אַמאָליקע „קרעסן", אויף מזרח, וואו עס האָט געוואוינט אַן ערך אַ מיליאָן אידן, געהערן ניט צו פוילן). דאָס איז אַ ביטערער פּראָצעס. ער מוז זיך איינאָרדענען — בעל ברחך אתה חי, מיט געוואַלד וועסטו לעבן — אָבער ס'איז שווער.

פאַר די שוואַרץ־זעער איז דער ענין אַ לייכטער (איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אַז עס טוט זיי ניט וויי). היטלער, און אויך די אַנטיסעמיטישע העצער פון דעם פאַר־מלחמהדיקן פוילן, האָבן איבערגעלאָזט אַ „פיינע" ירושה. עס איז דאָ געגוג שאָטן אין פוילן, אין אַלגעמיינעם לעבן און

אויך אין אידישן. אָבער — וואָס איז מכח אַן אויסוועג? אַ אידישער ישוב וועט דאַך פאָרט זיין — וועגן דעם זיינען אַלע מסכים, כאָטש זיי זיינען ניט מסכים וועגן דער „גרוים". דאַרף ער דאַך זיין אַ געזונטער ישוב, אַ פּראָדוקטיווער. דאַרף ער מיט קוואַליטעט פאַרגיטיקן פאַר דעם מאַנגל אין צאָל.

אַזאַ ישוב בויט מען. מיט מאַטערנישן, מיט אַ סך שטערונגען — און אומגעהויערע שטערונגען מצד אידן אַליין — אָבער מען בויט! און דאָס פירט צו דער ליכטיקער זייט פון דער מטבע, — וואָס די שוואַרץ־זעער ווילן ניט זען.

אַזוי פיל ליכט, למשל, אין איין טאָג אין דער אידישער קינדער־קאָלאָניע אין שוועדער. הונדערטער קינדער, קינדער פון מאַידאַנעק, פון די קלויסטערס, קינדער וואָס האָבן געשפּרונגען פון די צוגן קיין טרעב־לינקע, האָבן געזונגען און געטאַנצט. עס איז געווען אַ טאָג פון פרייד.

עס איז דאָ אַ סך ליכט אין פּוילן, און דאָס זאָגט, אַז די שוואַרץ־זעער זיינען ניט גערעכט, פאַקטיש און היסטאָריש ניט גערעכט.

אין פּוילן זיינען די פאָלקס־מאַסן ביי דער מאַכט. די רעגירונג אין פּוילן, וועלכע שטיצט זיך אויף גרויסע קרעפטן, דער עיקר אַרבעטנדיקע, איז אַ קוואַל פון גרוים פרייד, פון גרויסע צוזאָגן פאַר דער נאָענטער צוקונפט, פון גרויסע דערגרייכונגען שוין היינטיקן טאָג! אין דער רעגי־רונג, אין די רעגירונגס־אינסטיטוציעס, זיינען פאַראַן אידן — וויפיל דאָס זאָל די רעאַקציאָנערן ניט געפעלן. די וואָס האָבן אַמאָל געשמאַכט אין קאַרטוז־בערעזע, אָדער זיינען געפאַלן קעמפן אין שפּאַניע, האָבן דער־לעבט אַן אמת־דעמאָקראַטישע רעגירונג. דערלעבט! אַזעלכע אידן זיינען ניט קיין הילפלאָזע שאָף. זיי זעצן פאָר דעם אַמאָליקן קאַמף, אָבער שוין אונטער אַ סך בעסערע באַדינגונגען.

די אידן, אַלטע און נייע קעמפער, שטעלן פאָר מיט זיך דעם פּאָזיטיווסטן עלעמענט אין דעם היגן ישוב — די בויער. צוזאַמען מיט זיי גייען די אידישע אַרבעטנדיקע בכלל (דערווייל אַ מינדערהייט) און די, וואָס ווילן ניט פאַרפוילט ווערן, פיזיש און גייסטיק, אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד, פאַגראַמירט ווערן דאָרטן באמת אַן שום אויסזיכט צו שטעלן זיך קעגן (אין פּוילן ווערן אידן באַשיצט ניט נאָר פון דער רעגירונג, נאָר אויך מיט געווער, וואָס די רעגירונג גיט די אידן גופא; די גרויסע טראַגעדיע — און די גרויסע לעקציע — פון קעלץ איז געווען, וואָס אידן האָבן זיך געלאָזט פאַרנאַרן און אָפּגעגעבן דאָס געווער). די־אַ אידן, וואָס ווילן ניט ווידער גיין אין לאַגער אַריין, זאָגן זיך: מיר זיינען דאָ —

דאַרף מען אַרבעטן, דאַרף מען פּראָדוקטיוויזירן אידן, דאַרף מען שאַפן קולטורעלע ווערטן. צווישן זיי זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז כאָטש מען געפינט זיך אין פוילן — לויט זייער איינשטעלונג — אויף „דערוויילע", דאַרף מען פונדעסטוועגן בויען. וועגן די קאַטעגאָריעס אידן דאַרף מען רעדן, אַ סך רעדן. זיי מוז מען שטאַרקן.

די שוואַרץ־זעער זיינען היסטאָריש אומגערעכט. זיי זעען נים די ליכטיקע מאָמענטן, זיי אָנערקענען ניט די־אַ מאָמענטן. נאָך ערגער — זיי שרעקן זיך פאַר די גרויסע סאָציאַלע ענדערונגען אין פוילן. פיל פון זיי זיינען גראָד גרייט אויף קאַמף — ניט אין פוילן. ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ קאַמף, אין וועלכן זיי גלויבן, וועלן זיי ניט זאָגן, אַז מען טאָר ניט הייסן די אויסגעמאַטערטע פון זעקס יאָר מלחמה און היטלעריזם וויטער צו קעמפן. אָבער דער קאַמף פאַר דער נייער דעמאָקראַטיע, דער קאַמף פאַר אַן אמת־דעמאָקראַטישן פּראָדוקטיוון אידישן ישוב אין פוילן אין פיל פון זיי ניט צום האַרצן. און אַזוי ווי דער אַנטיסעמיטיזם איז איינגעפלאַנצט און דער פּראָצעס פון אויסוואָרצלען אים וועט זיין אַ שווערער, און אַזוי ווי עס איז געווען די גרוילהאַפטע קאַטאַסטראָפע קעלץ, מיינען זיי, אַז זיי זיינען בארעכטיקט צו זייער שטעלונג.

זיי זיינען ניט בארעכטיקט. זיי אַליין גיבן צו, אַז אַ אידישער ישוב אין פוילן וועט זיין, אויב אפילו „מען" וויל ניט. מוז עס דאָך זיין אַ געזונטער ישוב. אָבער עס גייט אין פיל מער.

עס גייט אין דעם, אַז די דעמאָקראַטיע מוז באַזיגן דעם אַנטי־סעמיטיזם. ווען ניט, ווען אין פוילן זאָל דער אַנטיסעמיטיזם זיגן איבער דעמאָקראַטיע, וועט דערמיט געעפנט ווערן אַ וועג פאַרן אומקום פון די אידן אין אַנדערע לענדער, אומעטום (עס וועט ניט מעגלעך זיין אייך אידיש איינגעלע, וואו עס זאָל ניט זיין, אין אַ וועלט פון אַנטיסעמיטיזם!).

גראָד דאָ, וואו אַזוי פיל אידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן; וואו אַזוי פיל אידן האָבן געקעמפט אַ העלדן־קאַמף קעגן אַ „יודענריינער" פוילן, דאַרף זיין דער קבר פון אַנטיסעמיטיזם! און די רעגירונג און אַלע אמת־דעמאָקראַטישע עלעמענטן, אויף וועלכע זי שטיצט זיך, טוען אַלץ עס זאָל אַזוי זיין!

די פאָלקס־רעוואָלוציע אין פוילן קוקט אויס גאָר אַנדערש, ווי ס'האָט אויסגעקוקט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אין פוילן איז דער קאַפּיטאַליזם ניט אָפּגעשאַפט, כאָטש עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער גרויס־קאַפּיטאַל און דער פּריצים־קלאַס. אַ געוויסער פאַרגלייך איז אָבער פאַראַן צווישן די צוויי רעוואָלוציעס אין דעם אופן ווי אַזוי די

רעגירונג קעמפט קעגן די אַנטיסעמיטן. און אַן אַנדער פּאַרגלייך איז פאַראַן: פּונקט ווי די שרעקלעכע כוואַליע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, נאָך 1917 (דעניקין, פּעטליורע, באַלאַכאָוויטש, יודעניטש, קאָלטשאַק, וראַנגעל א. א.) איז געווען אַ רעזולטאַט ניט נאָר פון די אַנטיסעמיטישע איבערבלייבענישן פון אַלטן רוסלאַנד, נאָר, אין אַ גרעסערער מאָס, פון אינטערווענציע, אַזוי אין פּוילן.

דאָס דאַרף מען בסדר געדענקען. עס האָט קיין זין ניט סתם צו פאָדערן יושר אין נאָמען פון אונדזערע קרבנות אין פּוילן. געוויס דאַרף מען פאָדערן יושר! אָבער כדי מ'זאָל ניט בלייבן ביים פאָדערן, מוז מען קעמפן — קעגן אַ ביטערן שונא פון אינעווייניק און פון דרויסן. און אַפּיצערן.

דאָ פירט מיך דער געדאַנק קיין אָשווענטשים.

דריי שעה בין איך געווען אין דעם לאַגער פון שרעק און שוידער. איך בין געווען אין דעם „בלאָק 10", וואו מען האָט געפּייניקט טויזנטער אידישע מיידלעך, געמאַכט אויף זיי „עקספּערימענטן". איך בין געווען אין די תּפיסה־קאַמערן אין דעם „בלאָק 11". איך בין געווען אין דעם דערבייאיקן בירקענאַו, דער גרעסטער לאַגער אין פּוילן, וואו די באַראַקן האָבן זיך געצויגן אויף מיילן. איך בין געשטאַנען לעבן די צעשמעטערטע גאַז־קאַמערן, וואו מען האָט דערשטיקט פיל הונדערטער טויזנטער פון אונדזער פאָלק. געראַטעוועט פון אָשווענטשים־בירקענאַו האָבן זיך הייפעלעך. און געמיינט האָבן זיי, מיט רעכט, אַז די וועלט וועט זיי אָפּצאָלן פאַר אַלע ליידן, וועט זיי פאַרזיכערן אַ רואיק און גליקלעך לעבן.

זיי זיינען אַנטוישט געוואָרן. פיל פון זיי זיינען אומגעקומען אין די לאַגערן נאָך דער באַפרייאונג. אַנדערע וואַלגערן זיך נאָך אין לאַגערן, אין דייטשלאַנד. און כאָטש די מאַרטירער פרעגן זיך נאָך אַלץ נאָך אויפן געוויסן פון דער וועלט, ווייסן זיי שוין, אַז ביי די איצטיקע הערשער פון דער אַנגלאָ־זאַקסישער וועלט איז דער דאָזיקער אַרטיקל ניטאָ.

די־אַ הערשער דערלאָזן נים, אַז פּוילן זאָל אָפּכאַפּן דעם אָטעם; אַז דער שארית הפּליטה אין פּוילן זאָל רואיק זיך קאָנען איינאָרדענען. זיי דערלאָזן עס ניט אין אַנדערע לענדער אויך.

איז וואָס? זאָל דאָס פאָלק אונטערגיין?

פּוילן גיט דעם ענטפער: דאָס פאָלק וועט לעבן! דורך בויען, דורך קאַמף — זייט ביי זייט מיט די אמת־דעמאָקראַטישע שיכטן פון אַנדערע פעלקער, אומעטום וואו אידן געפינען זיך.

פּוילן גיט דעם ענטפער.

# וואַרשעווער פּאַנאָראַמע

וואַרשע.

איר פאָרט פון וואַרשעווער פלי־פעלד אין שטאָט אריין. עס קומט אייך אַנטקעגן דאָס ערשטע הויז. צעשמעטערט. עס שטייט אַ סקעלעט פון אַ הויז, און אינעווייניק און פון אויסנווייניק איז אָנגעשאָטן מיט ציגל־ברוך, ציגל־שטויב.

זייט איר ניט איבערראַשט. איר „ווייסט", אַז איר פאָרט אריין אין אַ חרובער שטאָט.

אָבער דאָס צווייטע הויז איז אויך חרוב. און דאָס הויז נאָכדעם. און די גאַנצע גאַס. און נאָך אַ גאַס. און נאָך. און נאָך.

הויבט איר שוין אָן שטוינען. איר האָט טאַקע „געוואוסט", אַז וואַרשע איז חרוב, אָבער אַזוי ווי איר האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין חרובע שטאָט פון דער נאָענט, ניט געווען אויף די גאַסן פון אַזאַ שטאָט, האָט איר קיין שום באַגריף ניט געהאַט ווי אַזוי טאָטאַלער חורבן קוקט אויס. איצט זעט איר אַ בילד, וואָס איז פאַר אייך מוראדיק ניי, און — מוראדיק!

דער אויטאָ פירט אייך מיטאַמאָל ארויס אויף אַ גרויס פעלד. אַזוי דאַכט זיך אייך. איר וואַרפט אייער בליק צום האָריזאָנט איבערן פעלד און איר זעט אַ וואַלד מיט חורבות.

— נו, מיר זיינען אָנגעקומען, — זאָגט מען. — אָט איז דער פּאַלאַניאַ האָטעל.

וואו? דאָ אויפן פעלד?

ווייזט זיך ארויס, אַז מיר געפינען זיך אויף דער אַמאָל־באַרימטער יערוזאַלימסקער אַליע, לעבן מאַרשאַלקאָווסקע. די דרום־זייט פון דער גאַס איז דאָ געבליבן טיילווייז גאַנץ. ס'הייסט, דער עיקר איז געבליבן דער האָטעל פּאַלאַניאַ (וואו די דייטשע מאַכט האָט זיך אויפגעהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט און ניט באַוויזן אים אויפצורייסן איידער די רויטע אַרמיי און די פּוילישע אַרמיי זיינען אַריין). מיין בליק איז געווען געווענדעט אויף דער אַנטקעגנדיקער זייט, וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען

דער הויפּט־וואָקזאַל (אָדער „ווינער וואָקזאַל" פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה). מיטן אויסנאַם פון צוויי אָפּשרעקנדיקע אַנט־שטאָקיקע שטאָלענע ראַמען, צעבויגענע סטראַשידלעס, וואָס זיינען דאָ געבליבן שטיין, איינגעהויקערטע, ווי אָט־אָט איינצופאַלן, זעט איר פאַר זיך אַ ברייטן, פּוסטן פעלד, דאָ און דאָרטן אָנגעוואָרפן מיט ברוכוואַרג. און אויף יענער זייט פעלד — דער חרובער צענטער פון דער אַמאָליקער שטאָט וואַרשע.

„איר וועט גיין אויף מאַרשאַלקאָווסקע, וועט איר עפּעס זען", זאָגט מען מיר.

בין איך געגאַנגען. דעם זעלביקן טאָג טאַקע, ווען איך בין אָנגעקומען, און טאָג נאָך טאָג — געגאַנגען, געפּאָרן איבער דער אַמאָל־באַרימטסטער גאַס פון וואַרשע, די גאַס פון די „גלאַנציקע" געשעפטן.

אַלץ איז דאָ חרוב אויף ביידע זייטן גאַס — פון דער יערוזאַלימסקע אַלייע ביז אַרויף, ביז דער קרולעווסקע, ביים זאַקסישן גאָרטן (אָדער געוועזענעם גאָרטן). אין אַ סך חרובע הייזער — דאָרט וואו די סקעלעטן זיינען ניט אויפגעריסן — האָט מען אונטן אויסגעלאַטעט קראָמען. ערגעץ אין אַ הויז איז געלונגען אויסצולאַטן אַ וואוינונג, אָדער וואוינונגען. אָבער די דאָזיקע דערגרייכונגען זינט דער באַפרייאונג פון וואַרשע ענדערן ניט דאָס גאַנצע בילד, אַ בילד פון חורבן.

עס שטייען גאַנצע סקעלעטן, טיילווייזע סקעלעטן, רעשטלעך פון סקעלעטן. עס איז ניטאָ קיין גלייכע „הימל־ליניע" פון אויבן. איין סקעלעט איז ניט ענלעך אויפן אַנדערן. ביי פיל פון זיי זיינען די פראָנט־ווענט ניטאָ און עס סטאַרטשעט אַרויס דער איינגעווייד פון דער חורבה. פון אַנדערע הייזער איז גאָר געבליבן אַ באַרג ציגל־מיסט. עס סטאַרטשען אַרויס קוימענער, שווערע פּרענטן. אַנדערע פּרענטן און שטאַנגען הענגען אַראָפּ הילפלאָז — אָט־אָט פאַלן זיי, דאַכט זיך, אַראָפּ. דאָס אייזנוואַרג איז צעקרימט און צעבויגן (פון פייער). די „הימל־ליניע" איז פול מיט זיגזאַגן, זי פאַלט אינגאַנצן אַראָפּ און הויבט זיך אויף — גראָטעסק, דראָענדיק...

איר שטוינט. איר ווערט אַלץ מער צעטומלט. איר האָט זיך אַזוינס ניט געקאָנט פאָרשטעלן — וויפיל איר האָט ניט געלייענט און געזען וועגן דעם חורבן וואַרשע. איר דרייט דעם קאָפּ אויף דער זייט און אויף דער אַנדערער. איר הערט ניט אויף צו שטוינען.

אויף קרולעווסקע — דאָס זעלביקע, וואָס אויף מאַרשאַלקאָווסקע —

חורבן. דער אַמאָליקער קונסט־מוזיי — אַ סקעלעט. אַלץ אַרום איז אויפֿ־געריסן. פֿעלדער גאַנצע מיט ציגל־ברוך.

עס באַגעגנט אייך דער אומגעהויער ברייטער זיגל־פּלאַץ (אַמאָל — פּילסודסקי־פּלאַץ; נאָר אַמאָל איז דאָ געשטאַנען אַ ריזיקער פּראַוואָ־סלאַווער סאָבאָר, וועלכער איז אָפּגעראַמט געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה). אַלץ אַרום איז דאָ צעשטערט. דאָס מאַכט דעם סקווער נאָך ריזיקער. דער אַמאָליקער האָטעל אַנגלעסקי, האָטעל אייראָפּעיסקי — סקעלעטן. די שיינע געביידע פֿון אויסערן־מיניסטעריום — אַ באַרג מיסט. איר גייט אַרויף אויף קראַקאָווער פּאַרשטאָט און איר זעט ווי עטלעכע „אָנשטענדיקע" סקעלעטן זיינען שוין פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואוין־הייזער. דער פֿון אינעווייניק צעשטערטער האָטעל בריסטאָל ווערט שוין טיילווייז גענוצט. אָבער דאָס בילד פֿון חורבן לאָזט ניט אָפּ. איר גייט אַראָפּ צו דער אַמאָליקער „נאָווי שוויאַט" (ניי־וועלט) און איר דערקענט ניט, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ באַרימטע גאַס אין וואַרשע. דאָ איז נאָך ערגער, דאַכט זיך, ווי אויף מאַרשאַלקאָווסקע. און אפֿשר ניט.

אַזוי גאַס נאָך גאַס, סקווער נאָך סקווער.

דער באַרימטסטער סקווער, טעאַטער־פּלאַץ, איז שוין ניט סתּם חרובֿ. דאָ איז אַ וויסטעניש. מען זעט קוים עטלעכע מענטשן אין מיטן העלן טאָג — דאָ, וואו ס'האָט אַמאָל געשוויבלט און געגריבלט. עס שטייט דער סקעלעט פֿון דער אַמאָליקער באַרימטער אָפּערע־געביידע, אַ „גע־שטופּלטער", צעשאָסענער סקעלעט. דאָס ראָטהויז אַנטקעגן (שטאָט־ראָט) איז צעשאָסן אויף פּאָרעך, איז אַ געפֿלעכט פֿון צעדרייטע שטאַנגען און רעשטלעך פֿון ווענט.

אויפֿן טעאַטער־פּלאַץ זיינען ניטאָ קיין שום אויסגעלאַטעטע קראָמען, דירות. דאָ איז אַ וויסטעניש.

ריכטיקער — דאָ איז דער אָנהויב פֿון דער וויסטעניש, וואָס הייסט: ג ע ט אָ . דאָ באַלד איז די בעלאַנסקע גאַס, און עטוואָס העכער — די טלאָמאַצקע, און ווייטער . . . דאָ הויבט זיך אָן דער געביט פֿון יענער, אויף אייביק פֿאַרשוואונדענער אמתער וואַרשע (פֿאַר מיר און פֿאַר אייך)... דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל...

איצט רעדן מיר וועגן דעם, וואָס ס'איז געבליבן, זאָל זיין חורבות אפֿילו. גייען מיר צוריק צו דעם אומגעהויער גרויסן זיגל־פּלאַץ. פֿון דאָרט פֿאַרנעמען מיר זיך אין דער געגנט, וואָס האָט געהייסן „אַלט־שטאָט", „סטאַרע מיאַסטאָ".

דאָ קאָן מען שוין ניט גיין אפֿילו, אַזוי איז עס נאָך אָנגעשאָטן מיט

שטיקער ווענט, ציגל, שטאַנגען. מען ווייזט אייך אָן אויף אַן איינגעשאָטן הויז. דאָ איז פאַרשאָטן געוואָרן דער גאַנצער שטאַב פון דער „ארמיאַ לודאָווא", די פאָלקס־אַרמיי (ניט צו פאַרבייטן מיט באָר'ס און אַנדערסעס „אַרמיאַ קראַיאָווא", די לאַנד־אַרמיי), בשעת דעם טראַגישן און פאַר־ברעכערישן באָר־אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944.

וואַרשע איז דריי מאָל חרוב געוואָרן: ווען די דייטשן האָבן זי באַלאַגערט, אין 1939; ווען די רויטע אַרמיי האָט געפירט די שלאַכט פאַר איר באַפרייאונג אין אָנהויב 1945, און — אינצווישן, אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1944, בשעת דעם פאַרברעכערישן באָר־אויפשטאַנד (אַ פאַרברעכן ניט מצד דעם פאָלק, וואָס האָט באמת געוואָלט באַפרייען וואַרשע און גאַנץ פוילן, נאָר מצד דער אָנפירונג, וועלכע האָט אַרויס־גערופן דעם אויפשטאַנד צוליב פּאָליטישע טעמים, כדי צו פאַרלויפן דעם וועג דער רויטער אַרמיי, מיט וועלכער זי האָט זיך ניט געוואָלט צונויפ־רעדן אַפריער, און אויך ניט בשעת דעם אויפשטאַנד). פיל שטעט און גאַסן זיינען חרוב געוואָרן בשעת די שלאַכטן אין שטאָט. נאָכן אויפ־שטאַנד האָבן די דייטשן אַרויסגעטריבן אַלע איינוואוינער, פיל דערשאָסן, פאַריאָגט אין לאַגערן, און אויפגעריסן הויז נאָך הויז, סיסטעמאַטיש און „וויסנשאַפטלעך" אויפגעריסן, מיטן אויסנאַם פון די הייזער, וואָס די נאַצים אַליין האָבן געדאַרפט. אָט צוליב דעם איז וואַרשע די סאַמע חרובע שטאָט אין אייראָפּע.

אויף די וואַרשעווער גאַסן זעט איר אַזוי פיל אויסטערלישע, גראָטעסקע בילדער פון פאַרניכטונג, אַזוי פיל דערשטוינענדיקע „אַנ־סאַמבלען" פון חורבן, אַז איר קאָנט דאָס ניט אַלץ אַרומכאַפּן מיט אייער געדאַנק. ווען עס דאַכט זיך אייך, אַז איר האָט שוין אַלץ געזען און אַז ערגער קאָן שוין ניט זיין, גיט זיך מיטאַמאָל אַן עפן אויף פאַר אייך אַ נייע „גאַס" און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך אַזאַ פּאַנאָראַמע פון פאַר־ניכטונג, אַז אייך פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

דער עיקר באַהערשט אייך די צאָל. דאָס, וואָס ס'איז דאָ אַזוי פיל סקעלעטן און חורבות; דאָס, וואָס דאָס בילד פון חורבן הערט ניט אויף; דאָס, וואָס אינסטיטוציע נאָך אינסטיטוציע — טעאַטער, מוזיי, אוני־ווערסיטעט, שול — איז אויפגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט הויז נאָך הויז. די צאָל באַהערשט אייך.

און וואַרפט איר אַ בליק סאַמע אויבן, אין צענטער שטאָט, זעט איר דעם סקעלעט פון אַמאָליקן וואַרשעווער „וואָלקן־קראַצער" (הויז פון דער

„פּרודענשיעל״ פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט). ער האַלט וואך איבער לעגיאָנען סקעלעטן אונטער אים...

●

מוזט איר זיך אויפן ערשטן מאָמענט פאַנאַנדערלאַכן ווען מען זאָגט איך: „וואַרשע בויט זיך.״

וואָס „בויט״ מען — דעם חורבן, וועלכן איר זעט אומעטום? ווייזט זיך אַרויס, אַז יאָ, מען בויט. רעדט איר זיך פאַנאַנדער מיט איינעם, וואָס איז געקומען אַהער באַלד נאָך דער באַפרייאונג, דערוויסט איר זיך ערשט וואָס דאָ האָט זיך געטאָן! מען האָט אַ גאַס ניט געקאָנט דורכגיין! אויף מאַרשאַלקווסקע האָט מען געמוזט קריכן אויף בערג מיט ציגל־ברוך. ווער מיר עלעקטריע, קאַנאַליזאַציע! פון טראַמווייען איז שוין אָפּגערעדט!

איר זעט אויף פיל ערטער פאָטאָגראַפיעס פון דער וואַרשע נאָך דער באַפרייאונג. איין פאָטאָגראַפיע ווייזט אייך ווי מ׳האָט געמאַכט פון טראַמוואַי־וואַגאָנען — זופּ־קיכן. אַן אַנדער פאָטאָגראַפיע ווייזט אייך ווי מ׳איז געפאָרן: אויף די גאַסן — אין פויערשע וועגעלעך, איבערן ווייסל — אין פּאַראָמען. איצט גייען טראַמוואַיען, אויטאָבוסן (כאָטש ווייניק און עס איז מוראדיק געפּאַקט). די רויטע אַרמיי האָט געהאַט אויסגעבויט אין צוועלף טעג אַ הילצערנעם בריק איבער דער ווייסל. אַ שטיק צייט איז דאָס געווען די איינציקע פאַרבינדונג צווישן פּראַגע און וואַרשע. דאָ האָט זיך געצויגן אַן אומאויפהערלעכער געדיכטער שטראָם פון וועגענער און פוסגייער. עס זיינען שוין דאָ נייע בריקן איבערן ווייסל. מען בויט.

וואַרשע בויט זיך באמת — פּריוואַט און מיט געזעלשאַפטלעכע מיטלען. די פּריוואַטע פאָרם פון בויאונג קאָן ניט זייער שטאַרק אַפּלאָדירט ווערן. זי גייט דער עיקר אין דער ריכטונג פון בויען קראָמען. וואו נאָר אַ סקעלעט מיט מער־ווייניק זיכערע ווענט, לאַטעט מען אונטן אויס קראָמען. די חורבה בלייבט חורבה, אָבער קראָמען זיינען דאָ. איז מאַרשאַלקאָווסקע, למשל, פול מיט חורבות און מיט קראָמען. אַזוי אַנדערע גאַסן.

פאַרוואָס אַזוי פיל קראָמען? ווייל דירה־געלט אויף וואוינונגען איז קאָנטראָלירט און אויף קראָמען ניט. און ווייל ס׳הערשט דער פּריוואַט־האַנדל.

די שטאָטישע און רעגירונגס־בויאונג גייט דערווייַלע דער עיקר אין

דער ריכטונג פון אויפשטעלן אינסטיטוציעס, שאַפן די מיטלען פון אַל־געמיינעם געברויך. דאָ איז וואַרשע שטאַרק געהאָלפן געוואָרן פון דער סאָוועטן־מאַכט — און ניט נאָר צוליב דעם, וואָס די רויטע אַרמיי האָט איבערגעלאָזט דער שטאָט אַלערליי בויאונגען (ווי, למשל, די בריק איבער דער ווייסל), וואָס זי האָט געהאָט אויפגעשטעלט צוליב אירע אייגענע נויטן. אַהער גייט אַריין דירעקטע הילף.

ביי די וויכטיקסטע טראַמוואַי־פּונקטן אין וואַרשע זיינען אויס־געהאַנגען בילדער און דיאַגראַמען וועגן דעם וואוקס פון דער קאָמוני־קאַציע און עס ווערט דערציילט וויפיל טראַליבוסן און וואַגאָנען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט צוגעשטעלט. די סאָוועטישע הילף דריקט זיך אויך אויס אין צושטעלן ספּעציאַליסטן אויפן געביט פון בויאונג. למשל, ס'איז געווען אינגאַנצן אויפגעריסן און צעשמעטערט די וואַרשעווער סטאַנציע פאַר קראַפט און עלעקטריע. מ'האָט געפּלאַנעוועט בויען אַ נייע. האָבן סאָוועטישע ספּעציאַליסטן באַוויזן, אַז ווען מען וועט זיך באַנוצן מיט דער אַלטער, וועט מען איינשפּאָרן געלט און צייט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין משך פון געציילטע חדשים האָט וואַרשע געקראָגן עלעקטריע.

דער בוי־פּלאַן פון וואַרשע איז אַ גראַנדיעזער. מען וועט „אויסנוצן" די צעשטערונג, כדי צו פאַרוואַנדלען פריערדיקע שמאָלע גאַסן אין ברייטע בולוואַרן. אָבער מיר וועלן דאָ ניט אַריינגיין אין די פּלענער. מיר שרייבן דאָ וועגן דעם חורבן...

דערווײַלע איז אין וואַרשע שווער צו לעבן. די ענגשאַפט איז אין לשער.

עס איז שוין דאָ אַ האַלבער מיליאָן מענטשן אין וואַרשע (פאַר דער מלחמה איז געווען אַ מיליאָן מיט אַ פערטל). וואו וואוינען אַזוי פיל מענטשן אין אַ חרובער שטאָט — אפילו ווען מען „וואוינט" ווי די סאַרדינען ?

קודם — אין פּראַגע, וועלכע איז פאַרנומען געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי פאַרן אויפשטאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער אַנדערער זייט ווייסל, אין וואַרשע גופא. די הייזער אין פּראַגע זיינען „געשטופּלט" פון קוילן, אָפט היפּש אָפּגעשאָסן פון האַרמאַטן־קוילן. דער טונק איז אָפּ־געהאַקט. דאָ און דאָרט איז אַ הויז אינגאַנצן חרוב, אָבער אין די מייסטע הייזער קאָן מען וואוינען. פּראַגע איז דאָ.

ווייטער זיינען פאַראַן די פאָרשטעט פון וואַרשע — מאָקאָטאָוו, אָכאָטע, זשאָליבאָזש און אַנדערע — וואו אַ סך הייזער זיינען גאַנץ. אין

שטאָט גופא זיינען גאַנץ געבליבן פיל הייזער, וואָס די נאַציס האָבן גע־דאַרפט פאַר זיך, פאַר די אַרמיי־ און געשטאַפּאָ־שטאַבן, פאַר סאָלדאַטן און אָפיצערן.

פיל הייזער זיינען צופעליק געבליבן שטיין. אין אַ קוואַרטאַל פון חורבות דערזעט איר מיטאַמאָל אַ גאַנץ הויז. אין אַנדערע ערטער זיינען נאָר די פראָנט־הייזער אויפגעריסן געוואָרן, בשעת אין הויף איז עטוואָס געבליבן. חוץ דעם לאַטעט מען אויס דירות וואו נאָר עס לאָזט זיך. איר קאָנט זען אַ הויז, וואָס איין העלפט אירער איז אויפגעריסן און אין דער אַנדערער העלפט וואוינט מען. ווען איר קוקט ביינאַכט אויף דעם וואַלד חורבות, דערזעט איר פייערלעך דאָ און דאָרטן. מען האָט דערשנאַפּט פיר ווענט מיט אַ פּאָדלאָגע ערגעץ אויף אַ שטאָק און מען האָט געמאַכט אַ וואוינונג.

צו ווייניק דייטשן זעט מען ביים בויען וואַרשע. מען האָט געלאָזט וויסן, אַז וואַרשע וועט קריגן פינף טויזנט דייטש דערויף, אָבער דאָס איז פאַרדראָסיק ווייניק.

מען זעט אַמאָל, ווי מען פירט פאַרביי אַ באַטאַליאָן דייטשן. מען זעט אַמאָל, ווי זיי אַרבעטן. עס איז אַ פאַרגעניגן בשעת מעשה צו קוקן אויף זיי... וואָס פאַר אַ פּנים די „הערן־ראַסע" האָט! אָבער — צו ווייניק דייטשן. מען וואָלט דאָ געדאַרפט אַוועקשטעלן ביי דער בויאונג כאָטש אַזאַ אַרמיי, ווי יענע וואָס האָט וואַרשע חרוב געמאַכט — כאָטש אַן אַרמיי פון אַזאַ גרויס. נאָר דאָ גייען מיר שוין אַריין אין אַנדערע ענינים. מיר שרייבן וועגן דעם חורבן.

וואַרשע שטעלט פאַר מיט זיך אַ מאָנומענט פון חורבן. און איידער די בויאונג דערגייט צו ווייט, וואָלט מען געדאַרפט מאַכן אַ לאַנגן פילם, אַ פיל בעסערן און ניט אין פאַרגלייך גרעסערן פון דעם, וואָס מ'האָט אַמאָל געוויזן אין אַמעריקע, — אַ פילם, וואָס זאָל זיין אַ דאָקומענט אויף דורות.

אַזאַ דאָקומענט וועט אָבער אין די קומענדיקע צייטן אַפילו דעם פאַרשער געבן נאָר אַ געוויסן באַגריף וועגן חורבן וואַרשע. קיין שום דאָקומענט וועט ניט קאָנען רעגיסטרירן דעם גאַנצן חורבן, די אַטמאָס־פערע פון חורבן, דעם קאָליר פון חורבן, דעם ריח פון חורבן, אויב איר ווילט, דעם שטויב זיינעם ביים מינדסטן ווינטל... דאָס דאַרף מען אַליין זען, פילן, איבערלעבן. חורבן וואַרשע איז אַ דערשיטערנדיקע איבער־לעבונג.

# דאַרט וואו ס'איז אַמאָל געווען די אידישע וואַרשע

וואַרשע.

איך קום נאָר־וואָס פון דער „געטאָ" — דאָרט וואו ס'איז אַמאָל געווען וואַרשע, די אידישע וואַרשע...

איך בין דאָרט געווען דעם זעלביקן טאָג, וואָס איך בין אָנגעקומען קיין פּוילן. זינט דעמאָלט בין איך געווען אין געטאָ אַ סך מאָל. געפאָרן צוזאַמען מיט אַנדערע, געגאַנגען, אַליין געשפּאַצירט. ווייל צו אָפט, ווען מען געפינט זיך ניט ווייט פון טעאַטער־פּלאַץ, גיט עס אַ צי צו „אייגענע" — צו דער בעלאַנסקע און די נאַלעווקעס און גענשע און פּאַוויע און נאָוואָליפּקי און טלאָמאַצקע. האָב איך זיך אָפט פאַרנומען אַהין. האָב איך געבלאָנקעט איבער די בערגלעך צעהאַקטע און צעשטויבטע ציגל, אַרויפגעשטעלט זיך אויף אַ העכער בערגל און געקוקט אַרום און אַרום, ווי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט פאַרוואַרפן...

זייער ווייט. ווייל עס איז פון דער אַמאָליקער אידישער וואַרשע ניטאָ קיין איין הויז, קיין איין סקעלעט פון אַ הויז. די דייטשן האָבן עס גרינטלעך געמאַכט. דאָ און דאָרט סטאַרטשעט אַרויס אַ שטיקל פון אַ וואַנט. די שטאָלענע ראַם פון אַ טויער שטייט ערגעץ איינגעבויגן, אַרומגעשאָטן מיט ציגל־ברוך... אַן איינזאַמער לאַמטערנע־סלופּ שטייט אַ צעקנייטשטער, ווי אַ פראַגע־צייכן... עס ליגן, אָדער עס סטאַרטשען אַרויס, ווי וואָרנענדיקע פינגער, אייזערנע שטאַנגען, צעדרייט און צעבויגן פון דעם פייער, וואָס האָט דאָ געבושעוועט. די געוועזענע גאַסן־לאַמטערנעס, די סלופּעס, ביז העלפט פאַרשאָטן מיט ציגל־ברוך, ווייזן אָן וואו עס איז אַמאָל געווען אַ טראָטואַר. נאָר אַזעלכע סימנים זעט מען ניט צו אָפט. צום מייסטן איז עס אַזוי אָנגעשאָטן, אָדער „אויסגעגלעטיקט" מיט חורבן, אַז מען קאָן זיך קוים פאַנאַנדערקלייבן וואו די אָדער יענע גאַס האָט זיך געפונען.

היינט בין איך געשטאַנען אויף אַ הויך בערגל ציגל־ברוך אויף דער

געוועזענער נאָוואָליפּיע־גאַס און געוואָרפן אַ בליק איבער דער געגנט אַרום — פּאַראַוויס, וואו עס זיינען אַמאָל געווען די גאַסן נאָוואָליפּקי, דזשעלנע, פּאַוויע, ביז דער גענשע; און אויף רעכטס ביז די נאַלעווקעס און ווייטער, און אויף לינקס ביז קאַרמעליצקע און סמאָטשע. בערגלעך, בערגלעך מיט צעבראָכענע און צעשטויבטע ציגל, מיט זאַמד וואָס איז רויטלעך — פון די ציגל? — און מיט ווילדגראָז...

שטייט איר אַזוי — צווישן איינענע... אַרום איז שטיל. מען זעט קוים אַ מענטשן. פון צייט צו צייט דערטראָגט זיך פון די נאַלעווקעס דער גערויש פון אַ פאַרביילויפנדיקן לאַסט־אויטאָ, וואָס פירט מענטשן — פון דעם אַנדערן טייל שטאָט, וואָס אויף דרום פון טעאַטער־פּלאַץ, צום פּאַרשטאָט זשאָליבאָזש, אויף צפון פון דער „געטאָ". ווען דער גערויש הערט אויף, דערפילט מען ערשט די שטילקייט.

עס איז שטיל אַרום און עס איז שטיל דאָס אייגענע האַרץ, דאָס איינענע אינגעווייד.

מען האָט מיר דערציילט פון „אַמעריקאַנער געסט", וואָס האָבן דאָ געהלשט, ביטער געוויינט. איך פאַרשטיי זיי, אָבער איך קאָן נאָר שווייגן. איך ווייס ניט ווי אַזוי מען קאָן דאָ שרייען מיטן געוויינלעכן קול, וויינען מיט געוויינלעכע טרערן. אויב שרייען, דאַכט זיך מיר, וואָלט די ערד געדאַרפט אַזש ציטערן, וואָלט דער הימל זיך געדאַרפט שפּאַלטן. אויב וויינען — איז אַ מבול!

זאָל שוין די שטילקייט שרייען!

גייט מען שטיל איבער די אויף אייביק שטיל־געוואָרענע גאַסן, — אַמאָל אַזעלכע רוישיקע, אַמאָל אַזעלכע נאָענטע. דער בליק גלעט יעדן סימן פון אַ הויז, גלעט די בערגלעך, אויף וועלכע מיר טרעטן. און דער מוח פיבערט. עס יאָגן זיך איינדרוקן פון וואַרשע אין 1936, אין 1932, אין 1929; וואַרשע אין זומער 1920, וואַרשע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה... פּיצלעך זכרונות שיטן זיך איינס איבערן אַנדערן, ווי דער ציגל־ברוך דאָ. און ווי די שטיקלעך ציגל זיינען זיי טייער. און זיי מישן זיך אויס צוזאַמען. און איר דערפילט זיך היימיש — אין דער אַמאָליקער וואַרשע...

אויף דער אַמאָליקער מאַנופאַקטור־גאַס גענשע, אויף די אַמאָליקע נאַלעווקעס, שטייען דאָ און דאָרט איינגעבויגענע און צעלאָמטע ראַמען פון טירן פון אַמאָליקע געשעפטן. הינטער די ראַמען און פאַר זיי וואַקסט ווילד־גראָז. אָבער מאָמענטנווייז דאַכט זיך אייך, אַז איר זעט די מחנות אידן, וואָס האָבן דאָ אַרומגערוישט, האָבן געאַרבעט, געהאַנדלט, געפירט

וואַל־קאַמפּאַניעס. אויף א שטיקל וואַנט אויף גענשע האָב איך באַמערקט א אידישן אויפשריפט: „שטימט פאַר נומער 5”...

●

איך בין געגאַנגען אין „געטאָ” מיט א יונגנמאַן, וועלכער האָט געהאַט „זיין” בונקער אויף באָניפראַטן־גאַס און פון דאָרטן זיך געשלאָגן, פּרימיטיוו זיך געשלאָגן, קעגן די דייטשן בשעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

ווי נאָר מיר זיינען אַרויף אויפן כמעט פּוסטן טעאַטער־פּלאַץ, — וועלכער איז פון די דייטשן „דעקאָרירט” געוואָרן מיט א ריזיקן, אימפּאָזאַנטן סקעלעט, די אַמאָליקע אָפּערע־הויז, און מיט א גרויסן באַרג ציגל און אייזערנע שאַנגען, דאָס אַמאָליקע ראָטהויז — ווי נאָר מיר זיינען אַרויף אין מיטן העלן טאָג אויפן כמעט פּוסטן טעאַטער־פּלאַץ, האָט עס א צי געטאָן. עס האָט אַרומגענומען א געפיל . . . ווי זאָל מען עס אויסדריקן? פּחד? היימישקייט? יראת־הכבוד? פּיין? בענקשאַפט? צאָרן? דאָס זיינען פאַר־היסטאָרישע ווערטער. באַלד, דאָ־אָ, אויף בעלאַנסקע גאַס, זיינען מיר צוגעקומען צום שוועל פון אַן אַנדער עפּאָכע...

אויף דער בעלאַנסקע גאַס דערקענט מען נאָך די אַמאָליקע באַנק פּאָלסקי, כאָטש די געביידע איז א צעבראָכענער שאַרבן. אַנטקעגן איז געווען א האָטעלכל, „קראַקאָווסקי”, וואו איך בין אַמאָל איינגעשטאַנען. דער טויער איז נאָך דאָ. עס קומען גיך אויפן געדאַנק געשטאַלטן פון טוער, שרייבער, מיט וועמען איך האָב זיך דאָ געזען.

פון בעלאַנסקע פאַרקערעוועט מען אויף טלאָמאַצקע גאַס. דאָ פלעגט אייך אַמאָל באַלד אַנטקעגן קומען די קאָר־שול. פון איר איז ניטאָ קיין זכר; א ליידיק אָרט, באַוואַקסן מיט ווילד־גראָז. די דייטשן האָבן עס אומעטום גרינטלעך געמאַכט, זיי האָבן אָבער געלאָזט שטיין די ביבליאָטעק־געביידע ביי דער שול — ווער ווייסט פאַרוואָס? (די רעגירונג האָט אָפּגעגעבן די געביידע דעם אידישן צענטראַל־קאָמיטעט; אהער האָט זיך אַריבערגעקליבן די צענטראַלע אידישע היסטאָרישע קאָמיסיע.)

איין טריט ווייטער איז טלאָמאַצקע 13, וואו עס איז אַמאָל געווען דער ליטעראַטן־פאַראיין. ס'הייסט, מען דאַרף זיך אָנשטויסן, אַז ס'איז טלאָמאַצקע 13. עס איז שווער צו דערגיין וואו דער טויער איז געווען. דער טראָטואַר און א האַלבע גאַס זיינען פאַרשאָטן. מיר פאַרנעמען זיך אין פּשעיאַזד אַריין. דאָ שטייען נאָך סקעלעטן, ווייל די געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן ערשט ביי נאַוואָליפּיע. איז די נאַוואָליפּיע כמעט אינגאַנצן

פאַרשאָטן מיט ציגל־ברוך. מיר קלעטערן אין דער ריכטונג פון קאַר־מעליצקע, און דאָ איז ערשט אָנגעשאָטן!

אין מיטן ברוק ציט זיך, דורכן ציגל־ברוך, אַ שמאָלע סטעזשקע. איך דערמאָן מיין מיטגייער ווי עס האָט זיך דאָ, אויף דער קאַרמעליצקע, אַמאָל געטומלט. גיט ער אַ ביטערן שמייכל און זאָגט:

— איר האָט דאָ געדאַרפט זיין אונטערן דייטש. די „גרויסע געטאָ", מיט די נאַלעווקעס אַלס צענטער, איז געווען פאַרבונדן מיט דער „קליינער געטאָ" אויף טוואַרדע—דורך קאַרמעליצקע. דאָס איז געווען די איינציקע פאַרבינדונג. איז דאָ, אויף קאַרמעליצקע, געווען אַזאַ ענגשאַפט, אַז מען איז געווען צונויפגעפּרעסט אין דער געדיכטער מאַסע, וואָס האָט זיך באַוועגט צווישן די צוויי געטאָס. מען האָט קוים געקאָנט טראָגן אַ פּעקל מיט זיך — ס'איז קיין אָרט ניט געווען.

די געוועזענע קאַרמעליצקע ענדיקט זיך ביי דער געוועזענער דזשעלנע. דאָ, לינקס, שטייען נאָך די פונדאַמענטן פון דעם אַמאָליקן „פּאַוויאַק". אויף זיי, און אויפן גאַנצן ריזיקן שטח, וואָס ווערט פון זיי אַרומגענומען, איז אָנגעשאָטן, אָנגעוואָרפן. שטאָלענע שטאַנגען ציען זיך אַרויף פונעם באָדן און זייערע שפּיצן הענגען אַראָפּ ווי אויסגעבויגענע פינגער, וואָס ווילן אייך אַ כאַפּ טאָן. דאָ און דאָרט זעט מען נאָך אַ טייל פון אונ־טערשטן שטאָק מיט אַ רעשטל פון אַ פענצטערל, מיט גראַטעס. עס שטייט אַ העלפט פון דעם הויפּט־מויער, ווי אַ „ד", מיט שטעכיקן דראָט פון אויבן. דער בוים לעבן טויער האָט זיך געראַטעוועט ווי דורך אַ וואונדער. איז ער איצט — אַ מצבה. לעבן אים — אַ סימבאָלישער קבר. דער קבר איז פּוסט, אויבן באַדעקט מיט גראַטעס פון איינעם פון די פענצטער. אויפן בוים איז דאָ אַן אויפשריפט: „פאַר די געפאַלענע פאַר דער פריי־הייט"...

שיינע ווערטער, אָבער עפּעס פּאַסן זיי זיך ניט אריין אהער. דאָ דאַרף מען אַ ניי לשון.

אַ קליין געסל („ווענזשאַנאַ") פירט אריין אין דער פּאַוויע. אין די צאַרישע צייטן, געדענקט זיך, פלעגט מען זיך שאַרן ביי דער וואַנט אַנטקעגן דער טורמע.

אויף פּאַוויע 9 האָב איך אַמאָל, זייער לאַנג צוריק, געוואוינט. זוך איך פּאַוויע 9 און געפינען ניט...ביים ראָג פּאַוויע און דזשיקע (זאַמענ־האָפאַ) האָט געוואוינט דר. לודוויג זאַמענהאָף, דער פּראָפעסער פון עספּעראַנטאָ. זוכן מיר...

„אָט דאָ האָט ער געוואוינט", ווייזט מיר אָן מיין מיטגייער אויף אַ

בערגל ציגל־ברוך. ער ווייס גענוי, ווייל אַן אנדער בערגל, טאַקע ניט ווייט, באַצייכנט דאָס אָרט, וואו זיין היים איז געווען.

נאָר זיין אמתע היים איז געווען אויף באָניפראַטן־גאַס, וואו „זיין" בונקער האָט זיך געפונען. אהין גייען מיר טאַקע, דורך דער גענשע. מיר שניידן דורך די נאַלעווקעס און זיינען אויף דער פראַנציסקאַנער, וואו די הויפּט־קאַמפן זיינען פאָרגעקומען בשעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד. ניט ווייט, אויף שווענטאָ־יערסקאַ, איז געווען אַ בארשטן־ווערקשטאַט, וואו די אידישע אַרבעטער האָבן זיך באַפעסטיקט.

מיין מיטגייער זאָגט: „באָניפראַטן־גאַס איז מיינע." ער איז געווען איינער פון אַ „ווילדער דיוויזיע" פון 31 אינגלעך און מיידלעך, וואָס האָט געקעמפט „זעלבשטענדיק". 24 זיינען געפאַלן איידער דאָס רעשטל פון זיבן איז אַריין אין בונקער. צווישן די זיבן זיינען געווען צוויי מיידלעך, און איינע, שרהלע ראָזענבוים — זאָגט מיין מיטגייער — איז געווען אַזאַ העלד, וואָס אויף די שלאַכטפעלדער האָט מען עס ניט געזען. און ער דערציילט מיר ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, אַז פון אַלע 31 איז ער איינער געבליבן לעבן.

נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד, ווען דער זאַפּאַס שפּייז זייערער איז פאַר־סמ'ט געוואָרן פון אַ גאַז־באָמבע, האָט ער מיט נאָך צוויי באַשאָלסן אַריבערצוכאַפּן זיך אויף דער „אַרישער" זייט. איינער איז געפאַלן ביים אַריבערקריכן די געטאָ־וואַנט. דער אַנדערער איז געכאַפּט געוואָרן שפּע־טער. נאָר ער, מיין מיטגייער, האָט זיך דערקליבן צו זיין שוועסטער, וועלכע האָט געלעבט ווי אַן „אַרישע". ביי איר האָט ער „פאַרבראַכט" אַנדערהאַלבן יאָר אין איין ווינקל פון אַ צימער, ניט אָפּטרעטנדיק פון דעם אויף קיין איין מאָמענט...

אַזוי שמועסנדיק, זיינען מיר ווידער אַרויס אויף די נאַלעווקעס — וואו עס וואַקסט גראָז אויף די צוויי שורות בערגלעך מיט ציגל־ברוך פון ביידע זייטן גאַס. פאַר דער צייט וואָס איך בין אין וואַרשע איז מיר די־אָ גאַס, מיט די זעלטענע רעשטלעך, ברוך־שטיקלעך, פון קראָמען דאָ און דאָרט, מיט צעבויגענע אייזערנע ראַמען פון קראָמען־טירן אויף עטלעכע בערגלעך ציגל־שטויב, געוואָרן אַזוי באַקאַנט, אַז דער זכר פון די אַמאָליקע נאַלעווקעס האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן... אָט אַזוי האָבן זיך שוין פיל וואַרשעווער איינוואוינער צוגעוואוינט צו די היינטיקע נאַלעווקעס.

ביי קראַשינסקיס גאָרטן (אָדער וואָס דערפון איז פאַרבליבן) האָבן מיר זיך פאַרנומען צוריק אויף די נאַלעווקעס און פון דאָרט אויף דער גענשע, ביזן ראָג זאַמענהאָף (דזשיקע). דאָ געפינט זיך די איינציקע

געביידע, וואָס איז פון דער געטאָ געבליבן — די אמאָליקע מיליטערישע טורמע, וואו עס איז געווען דער יודען־ראַט... ס'איז אַ סקעלעט פון אַ געביידע, אָבער אַ פעסטער, ניט קיין אויסגעברענטער, ניט קיין צע־שאָטענער.

אויף די גרויסע הויפן פון דער געוועזענער טורמע און דעם יודען־ראַט טרעט מען אויף אַש, געמישט מיט פיצלעך פון ביינער... איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרעסערן ביין און אים אויפגעהויבן, געהאַלטן אין האַנט, געקוקט, געשוויגן...

אויפן ראָג פון זאַמענהאָפא און גענשע, טאַקע אַנטקעגן דער־אַ געביידע, איז פאַראַן אַ ברייטער פּלאַץ. אינעם צענטער פון דעם פּלאַץ איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר אַ דענקמאָל פאַר די קעמפער אינעם אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ.

איר טרעט אַרויף צוויי טרעפּלעך און איר געפינט זיך אויפן פונ־דאַמענט — אַ קיילעכיקער שטח פון רויטן, גלאַטן שטיין, אַרומגענומען מיט אַ גרויער ראַם, צוויי פויסטן די הויך. ביי איין ברעג פון דעם קיילעכיקן שטח, אַנטקעגן אייך, הויבט זיך אַרויס אַ פיל קלענערער קיילעכיקער שטיין, פון זעלביקן קאָליר, און אויף אים איז אויסגעקריצט אויף אידיש, העברייאיש, פויליש:

19.IV.1946

צום אָנדענק פון די
וואָס זיינען געפאַלן
אינעם ביישפּיללאָזן קאַמף
פאַרן כבוד און פרייהייט
פונעם אידישן פאָלק,
פאַר אַ פריי פּוילן,
פאַר דער אויסלייזונג פונעם מענטש.

**די פּוילישע אידן**

ריינע, הייליקע ווערטער. דאָס וואָס זיי דריקן ניט אויס די געפילן וואָס באַהערשן אייך אין געטאָ, איז ניט די שולד פון די, וואָס האָבן די עטלעכע שורות צונויפגעשטעלט.

אויך איך בין ניט שולדיק, וואָס אַלע מיינע שורות דאָ אויבן האָבן ניט אויסגעדריקט די געפילן, וועלכע האָבן מיך באַהערשט היינט און אין די אַלע טעג ווען איך בין געגאַנגען אַהין, וואו עס איז אַמאָל, אַמאָל געווען די אידישע וואַרשע.

# דער פּאָגראָם אין קעלץ—1

וואַרשע.

אַ פרימאָרגן אויפן וואַרשעווער פלי־פעלד האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון.

דעם 8טן יולי איז עס געווען, אין יאָר 1946.

עטלעכע צענדליק אידן זיינען געשטאַנען אַרום צוויי סאָוועטישע עראָפּלאַנען. צווישן די אידן זיינען געווען פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די אידן אין פּוילן, פאָרטרעטער פון די רעליגיעזע אידן, פון שרייבער־פאַראיין, פון אידן אין אויסלאַנד.

מיט זיך האָבן די אידישע פאָרטרעטער געהאַט קרענץ בלומען מיט אויפשריפטן, טרויער־קרענץ...

מען איז געווען אויפן וועג קיין קעלץ, צו דער לוויה פון אַ פּאָגראָם.

שווייגנדיקע איז מען געשטאַנען לעבן די עראָפּלאַנען, שווייגנדיקע, ווי אבלים, איז מען איינגעשטיגן, שווייגנדיקע, אין אנגסטן און אין טרויער, איז מען געזעסן בשעת די עראָפּלאַנען האָבן זיך געטראָגן קיין קעלץ.

די זומערדיקע זון האָט געשיינט. אונטער אונדז זיינען געלעגן אויס־געשפּרייט, ווי טעפּיכער, די באַארבעטעטע פעלדער. אַלץ האָט אויסגעקוקט אַזוי פרידלעך, — אפילו די וועלדער, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די באַנדעס. אַראָפּגעלאָזט האָבן זיך די עראָפּלאַנען אין אַ באמת מאָלעריש־שיינעם ווינקל אין דער פרוכטבאַרער און שיינער לאַנדשאַפט אַרום קעלץ. דאָס גראָז האָט געשמעקט, די לופט איז געווען פריש און די העלע זון האָט ניט אויפגעהערט צו שיינען. און מיר זיינען געקומען — צו אַ לוויה נאָך אַ פּאָגראָם...

ס'איז שווער איבערצוגעבן די געפילן, מיט וועלכע מיר זיינען אַריינ־געפאָרן אין קעלץ. אונטער אַנדערע אומשטענדן וואָלט קעלץ, וועלכע איז פיזיש ניט באַשעדיקט געוואָרן פון דער מלחמה, געמאַכט אַן אָנ־גענעמען, היימישן איינדרוק. אָבער אין יענעם פרימאָרגן האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז די שטיינער פון די גאַסן זיינען אָנגעזעטיקט מיט אידיש

בלוט. דאָס הארץ האָט געדריקט, פון די ליפּן האָבן זיך געריסן ביטערע, צאָרנדיקע ווערטער, קללות, וואָס זיינען דערשטיקט געוואָרן אין הארצן, אין גאָרגל...

צו יעדן איינעם, וואָס האָט געקוקט אויף די לאַסט־אויטאָמאָבילן, וועלכע האָבן געפירט די דעלעגאַטן פון די אידן אין פּוילן, האָבן מיר זיך באַצויגן מיט חשד: איז ער — אָדער זי — ניט געווען אַמאָל אין דעם המון, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט מאָרד? איז פאַראַן ביי זיי, ביי די מענטשן אויף די טראָטוארן, אַ פּונק יושר אין די הערצער, אַ פּונק פון חרטה, שאַנד? וואָס האָבן זיי צו זאָגן וועגן דער שחיטה איבער אַ הייפעלע אידן — אַ רעשטל פון דער אַמאָליקער צוואַנציק טויזנט קעפּיקער אידישער באַפעלקערונג אין קעלץ?

אין דער לאַנגער געשיכטע פון שחיטות אויף אידן, פון בלוטיקע פּאָגראָמען, איז דער פּאָגראָם אין קעלץ געווען איינער פון די שרעקלעכסטע, סיי לויט דער צאָל קרבנות, סיי לויט דעם אופן ווי מען האָט די קרבנות אומגעבראַכט, סיי לויטן כאַראַקטער פון די קרבנות גופא, ווי לויטן כאַראַקטער פון די מערדער.

פון אַ ישוב פון צוואַנציק טויזנט אידן האָבן זיך געראַטעוועט הייפעלעך. אַרום צוויי הונדערט זיינען געקומען צוריק אַהיים, קיין קעלץ. טייל זיינען געקומען — פון אַשווענטשים און אַנדערע לאַגערן, מיט נומערן אויף די הענט און דעם שטעמפּל פון די לאַגערן אויף די פּנימער. די מערהייט פון די צוויי הונדערט אידן איז געקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיטן שטראָם פון 160 טויזנט לעבעדיקע אידן, וואָס האָבן זיך פון דאָרטן אומגעקערט. זייערע דירות און פאַרמעגנס האָבן זיי נאָך ניט געהאַט געקראָגן צוריק. געלעבט האָט דאָס הייפעלע אידן אין איין גרויס הויז (פּלאַנטי־גאַס נומער 7) און אין נאָך אַ קלענערער הויז, וואו עס איז געווען אַ קיבוץ פון יונגע אידן. האָט דאָס הייפעלע אידן געשטאַכן די אויגן די באַנדיטישע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אָנגעזעטיקט מיט אָנגערויבט אידיש אייגנטום (פיל פון די לעבן־געבליבענע אידן האָבן שוין געהאַט אָנגעהויבן אָננעמען מיטלען צו קריגן זייער אייגנטום צוריק, ווי דאָס געזעץ באַוואָרנט).

די דאָזיקע עלעמענטן וואָלטן ניט געוואָגט אויפהויבן זייערע הענט אויף די אידן, ניט געוואָגט שטעלן זיך קעגן דער מאַכט פון דעם נייעם פּוילן. זיי האָבן אָבער געהאַט אַן אַנדער מאַכט, אויף וועלכער זיי האָבן זיך אָנגעשפּאַרט. די מאַכט האָט אָרגאַניזירט דעם פּאָגראָם אין קעלץ.

**די מאַכט — די באַוואָפנטע באַנדעס אין די וועלדער און אין קעלץ**

גופא, ווי אין אנדערע שטעט. געווען זיינען זיי געצייג פון דער רעאַקציע אין פּוילן, ווי אין אויסלאַנד.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין קעלץ האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אין די וועלדער אַרום קעלץ פלעגן זיך אַראָפּלאָזן פּאַראַשוטן. דער ציל זייערער איז געווען גוט באַוואוסט (ניט נאָר אין קעלץ). אַזעלכע פּאַראַ־שוטן פלעגן געוויינלעך ברענגען געלט און געווער פון אויסלאַנד. אַמאָל פלעגן זיי זיך אַראָפּלאָזן ניט לויטן פּלאַן און פלעגן אַריינפאַלן אין די הענט פון דער רעגירונגס־מאַכט. האָט מען זיך געגוי דערוואוסט...

די פאַרשווערער האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט גענעראַל אַנדערס און גענעראַל סאָסנקאָווסקי אין לאָנדאָן, און מיט זייערע אַגענטן. צווישן די אָנפירער פון פּאָגראָם אין קעלץ זיינען געווען אַגענטן פון גענעראַל אַנדערס.

עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז אידן האָבן באַהאַלטן אַ קריסטלעך אינגל, האָבן געטויט קריסטלעכע אינגלעך. אַן המון האָט זיך פאַרזאַמלט ביים הויז אויף פּלאַנטי 7. די אידן האָבן געהאַט געווער, וואָס די מאַכט האָט זיי געגעבן, און זיי האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט פון אינעווייניק. זיי האָבן זיך אָבער געלאָזט אָפּנאַרן פון אַ באַנדיטישן אַגענט צווישן די מיליציאַנטן, וועלכער האָט זיי פאַרזיכערט שוץ, ווען זיי וועלן דאָס געווער אָפּגעבן, און זיינען אַרויס אויפן גאַס.

דאָ איז מען דאָס הייפעלע אידן באַפאַלן מיט העלצער, שטיינער, מיט די פויסטן און אָפּצאַסן... מען איז זיי באַפאַלן מיט דער רציחה פון די פּאָגראָמשטשיקעס בשעת די אַמאָליקע פּוילישע פּאָגראָמען און מען איז זיי באַפאַלן מיט דער דייטשער רציחה, מיט דער רציחה פון מאַידאַנעק און אָשווענטשים. די לעקציעס, וואָס די דייטשן האָבן געלאָזן, אַז אַ אידיש לעבן איז גאָרניט ווערט, זיינען נאָך ניט פאַרגעסן געוואָרן. אַ אידן מעג מען צעטרעטן מיט די פיס...

עטלעכע צענדליק אידן זיינען געבליבן ליגן טויטע — פיל ניט צום דערקענען... מען האָט ניט געשאָנעוועט קיין אַכציק־יאָריקע פרוי, קיין שוואַנגערע פרוי (צווישן די פאַרוואונדעטע). מען האָט ניט געשאָנעוועט הענט, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך די שטעמפּלען פון אָשווענטשים...

בשעת דעם איבערפאַל אויף פּלאַנטי 7 איז מען, אין דער זעלביקער צייט, באַפאַלן דעם קיבוץ, באַפאַלן אידן אויף די באַנען, ביים וואָקזאַל. אַלץ איז געווען אָרגאַניזירט פון פריער.

אַרום און אַרום זיינען געטויט געוואָרן פערציק אידן, איינגעשלאָסן צוויי עופהלעך.

האָבן מיר זיך געטראָגן איבער די גאַסן פון קעלץ מיט ברענענדיקע הערצער, מיט קללות אין די אויגן. באַלד האָבן מיר אָבער דערזען אַזוינס, אויף וואָס מיר האָבן זיך ניט גערעכנט.

געווען מענטשן אין וואַרשע וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די לוויה וועט נאָר אונטערשטרייכן די עלנטקייט פון די אידן אין פּוילן. עס וועט זיין אַ לוויה אין אַ שטאָט מיט צעררייצטע חיות. די מענטשן האָבן אַ טעות געהאַט. אַריינפאָרנדיק אין צענטער פון קעלץ, זיינען מיר איבערראַשט געוואָרן פון אַ בילד, וואָס האָט אונדז געגעבן אַ שטיקל טרייסט, אָבער וואָס האָט אין דער זעלביקער צייט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם שרעקלעכן פּאַרנעם פון דעם פאַרברעכן פון דאָנערשטיק, דעם 4טן יולי, — דער שוואַרצער דאָנערשטיק אין קעלץ.

די גאַסן זיינען געווען פול מיט מאַרשירנדיקע פּוילישע אַרבעטער, טויזנטער איינוואוינער פון קעלץ זיינען אַרויס פון די הייזער, רעגירונגס־אַנשטאַלטן און פאַבריקן, צו דעמאָנסטרירן קעגן די מערדער. די אויפ־שריפטן האָבן געפאָדערט טויט־שטראָף, האָבן פאַרדאַמט אַנטיסעמיטיזם, האָבן געפאָדערט די אויסראָטונג פון פאַשיזם.

עס האָבן מאַרשירט יוגנטלעכע, פרויען. עס האָט מאַרשירט מיליטער. די פאָנען פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען (מיטן אויסנאַם פון מיקאָלאַי־טשיקס „פּע־עס־על" פּאַרטיי), פון די יוניאָנס, פון די מיליטער־אָפּטיילן, זיינען געווען באַזוימט מיט שוואַרצן.

זיינען צווישן די צענדליקער טויזנטער מאַרשירנדיקע ניט געווען קיין אַנטיסעמיטן, אָדער אפילו שולדיקע אינעם פּאָגראָם? אפשר. אָבער צענדליקער טויזנטער האָבן מאַרשירט. די לוויה־דעמאָנסטראַציע פון דער פּוילישער באַפעלקערונג נאָך אַ פּאָגראָם — אפילו ווען געוויסע פּאָליאַקן זיינען געווען געצוואונגען צו דעמאָנסטרירן — איז געווען אַן אויסדרוק פונעם באמת נייעם פּוילן.

עס איז געווען אַ שטיקל טרייסט, צו זען ווי אַזוי די אַרבעטער פון קעלץ האָבן זיך מאָביליזירט צו דער לוויה. אָבער אויף איין גאַס, נאָענט צום אָנהויב פון לוויה־מאַרש, זיינען לענג־אויס פון עטלעכע קוואַרטאַלן געשטאַנען פּוסטע לאַסט־אויטאָס. קיינער איז דאָרט ניט געזעסן. דער אָנבליק פון די רייען נאָך רייען פּוסטע לאַסט־אויטאָס (טראָקס) האָט צע־מישט — נאָך איידער איר האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז זיי זיינען ניט פּוסט. באַלד האָט איר דערזען: אויף יעדן איינעם פון זיי איז געשטאַנען אַן אָרון פון אַ דערהרגעטן...

דער מאָמענט, ווען די לוויה האָט זיך אָנגעהויבן און ווען אויטאָ

נאָך אויטאָ איז פאַרבייגעפאָרן מיט אַן אָרון אויף זיך, וועט זיך געדענקען דאָס גאַנצע לעבן. דאָס איז געווען אַזוי אויסטערליש־גרוילעך, אַזוי אומגלויבלעך!

עס דונערן פאַרביי אויף די קאָפּ־שטיינער פונעם ברוק פּוסטע לאַסט־אויטאָס, מיט בלויז צו איינציקע קאַסטנס אויף זיי. אַן אויפהער דונערט עס. דער מוח ווערט פאַרטויבט. עס מישט זיך אין קאָפּ. וואָס איז עס, אַ ווינסטער חלום? אָדער — איז דאָס טאַקע אויף דער וואָר? פון וואַנען קירעווען זיך עס אַריין די לאַסט־אויטאָס פון טויט? וויפיל זיינען זיי? איינער, צוויי, פינף, אַכט, צען, פופצן, צוואַנציק, דרייסיק... דאַכט זיך, אַז שעהען־לאַנג ציט זיך שוין אַזוי די פּראָצעסיע פון טויט. און ווער איז עס די גרופּע פון זיבעציק־אַכציק וויינענדיקע פרויען, מענער, קינדער?

דאָס איז דאָס רעשטל פון דעם רעשטל, וואָס האָט זיך געפונען אין קעלץ. פון אַן ערך צוויי הונדערט זיינען פערציק טויט, העכער פערציק געפינען זיך אין שפּיטאָל, אַ פּאָר צענדליק זיינען אַנטלאָפן...

טראָגט זיך דער געיאָמער פון דעם רעשטל פון דעם רעשטל בשעת די לאַסט־אויטאָס קלאַפּן אויס זייער טויטן־מאַרש איבער די קאָפּ־שטיינער פון די קעלצער גאַסן...

ווי לאַנג — אָ, ווי לאַנג — ס'האָט געדויערט ביז אַלע אויטאָס זיינען פאַרבייגעפאָרן! בראש איז געווען דער לאַסט־אויטאָ מיטן אָרון פון דעם פאָרזיצער פון אידישן קאָמיטעט אין קעלץ, דר. סעווערין קאַהאַנע, וועלכער איז פינף יאָר צייט געווען אַ פּאַרטיזאַן...

מײַלן־לאַנג האָט זיך געצויגן דער לוויה־מאַרש צום אידישן בית־עולם אין קעלץ, אַ גאַנץ־געבליבענער בית־עולם. איך בין געגאַנגען מיט די לעבן־געבליבענע קעלצער אידן און איינגעזאַפּט אין זיך זייער ביטער־קייט, זייער ווייטיק. דער ערשטער פאָרזיצער פון קעלצער אידישן קאָמיטעט באַלד נאָך דער באַפרייאונג, אברהם שוואַרטשאַרטשיק, האָט גערעדט מיט גאַל און פייער.

ווידער האָט מען דערציילט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט. און מען האָט אויך גערעדט וועגן פּאָליטיק. „ווען ענגלאַנד מישט זיך ניט, וואָלט מען דאָ אפשר געקאָנט לעבן", האָט איינער געזאָגט. ער האָט פאַרגעסן די אַמעריקאַנער רעאַקציע, אָבער איך האָב זיך ניט געוואָלט מיט אים שפּאַרן. עס איז געווען צאָרן, גאַליקער צאָרן ביי יעדערן אויף די ליפּן. נאָר די קרובים זיינען געגאַנגען ווי פאַרחלשטע.

לאַנג האָט זיך געצויגן דער מאַרש פון די מאַסן, פון סאָלדאַטן, הויכע

מיליטער־קאָמאַנדירן און רעגירונגס־פאָרשטייער צום בית־עולם. דער אַלטער קעלצער בית־עולם, וועלכער ווערט איצט קוים באַזוכט, האָט זיך ניט געריכט אויף אַזוי פיל מענטשן... און אוודאי האָט מען אויף דעם בית־עולם ניט געזען אַזאַ קבר — אַ ברודער־קבר פאַר פערציק קדושים.

מען האָט אָנגעהויבן טראָגן די אָרונס איינעם נאָכן אַנדערן און אַלץ איז געווען אומרעאַל, ווי אין אַ קאָשמאַרנעם חלום! אָבער אָט פאַלט אַרויף אַ קרוב אויף אַן אָרון. נאָך איינער — אויף אַן אַנדערן. דער געיאָמער שפּאַלט די זומערדיקע לופט. אויף איין אָרון שטייט אַ קליין, שמאָל קעסטעלע און דערביי שטייט אַ יונגערמאַן מיט רויטע אויגן. איך קוק אויף אים מיט פרעגנדיקע בליקן און ער גיט אַ זאָג: „דאָס איז מיין פאַמיליע." ער איז דער מאַן פון דער דערהרגעטער רעגינאַ פיש און דער טאַטע פונעם דריי־וואָכיקן קינד, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן אין וואַלד צוזאַמען מיט דער מוטער... געטריי איז ער געשטאַנען און געהיט זיין פאַמיליע אין די צוויי קאַסטנס און אָפּט געוואָרפן אַ בליק: זעט, וואָס מען האָט געטאָן מיט אַ מאַמען און אַ קינד! ערשט ווען ער האָט געהאָלפן אַריינטראָגן די קאַסטנס אין ברודער־קבר איז ער אַרוים מיט אַ געיאָמער...

דאָס האַרץ איז צעפּלאַצט געוואָרן פון ווייטיק, פון גאַליקן, סמ'יקן, העלישן פאַרדראָס. און קיינמאָל האָב איך ניט געהערט אַזעלכע שאַרפע, צאָרנדיקע, שעלטנדיקע ווערטער, ווי דאָ, ביים ברודער־קבר. „צוועלף מיליאָן אידן איבער דער גאַנצער וועלט קוקן אַראָפּ אויף דעם ברודער־קבר דאָ־אָ", האָט אויסגערופן דר. אַדאָלף בערמאַן, פון צענטראַלן אידישן קאָמיטעט, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פון קאָמיטעט, פון אַלע אידישע פאַרטייען, פון אַלע אידן. עס האָט זיך געהערט אין זיינע ווערטער דאָס געשריי פון פוילישן אידנטום, פון אַלע אידן. דער הויפּט־ראַבינער פון דער פוילישער אַרמיי, פּאָלקאָווניק דר. דוד קאַהאַנע, האָט געהאַט ביטערע ווערטער צו זאָגן דער קאַטוילישער קירכע אין פוילן, אַלע אַנ־ווענדיקע טויזנטער פּאָליאַקן. און די פאָרשטייער פון דער רעגירונג, פון די יוניאָנס, פון דער אַרמיי און מיליץ, האָבן גערעדט וועגן דער שאַנד, מיט וועלכער פוילן איז באַדעקט געוואָרן, געפאָדערט אַ טויט פאַר די מערדער, געשוואָרן אויסצוראָטן דעם פאַשיזם.

עס איז געבליבן אַ פרישער גרויסער קבר אויפן קעלצער בית־עולם, באַדעקט מיט די בלומען פון די קעלצער פוילישע אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס. עס איז שוין געווען טונקל, ווען מיר זיינען צוגעקומען צום עראָפּלאַן, — און זיינען געטרייסט געוואָרן פון די וואַרעמע בליקן פון דער רוסישער מאַנשאַפט (ס'איז געווען אַ סאָוועטיש־מיליטערישער עראָ־

פּלאַן). מיר זיינען געפלויגן צוריק קיין ווארשע און אויפן הארצן איז געווען שווער.

●

אויף מאָרגן בין איך ווידער געפלויגן קיין קעלץ — צום פּראָצעס איבער די מערדער, די הויפּט־אָנטיילנעמער פון דער שחיטה. א פּראָצעס — באַלד אויף מאָרגן נאָך דער לוויה.

קעלץ האָט אויסגעזען גאָר אַנדערש, ווי מיט א טאָג פריער...

די שטאָט איז ממש צעדריקט געוואָרן פון דער מיליטערישער וואך איבער איר. אונדזער אויטאָמאָביל — פון עראָפּלאַן אין שטאָט אריין — איז דריי מאָל דורכגעגאַנגען א שטרענגען קאָנטראָל. אָפּגערעדט שוין פון אַנדערע אויטאָס, פון וועגענער, אָדער פוסגייער, וואָס קומען פון אויסערן שטאָט. אויף די ראָגן גאַסן זיינען געשטאַנען פּאַטרולן מיט אויטאָמאַטישע ביקסן. ביי די גאַסן, וואָס האָבן געפירט צום געריכט, זיינען געשטאַנען מאַשין־ביקסן. די גאַס פון געריכט האָט אויסגעזען ווי א באַוואָפנטער לאַגער.

עס זיינען, פאַרשטייט זיך, נויטיק געווען די גרעסטע פאָרזיכט־מיטלען קעגן די באַנדעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער געגנט. ווי געפערלעך די באַנדעס זיינען געווען, קאָן מען זען פון דעם פאָלגנדיקן טרויעריקן פאַקט: א פּאָר טעג פאַרן קעלצער פּאָגראָם האָבן באַוואָפנטע באַנדעס געמאַכט אן איבערפאַל אויף א טראַנספּאָרט דעמאָביליזירטע רויט־אַרמייער, וואָס זיינען געפאָרן פון דייטשלאַנד אהיים. ניינצן רויט־אַרמייער זיינען אומגעקומען.

קעלץ איז מיט עטלעכע חדשים פריער שוין באַפאַלן געוואָרן פון באַנדיטן. איצט, ווען זייערע לייט ווערן געמשפּט פאַר א פּאָגראָם, האָט מען אוודאי געדאַרפט האָבן א געהעריקע וואך.

ניט ווייניקער וויכטיק איז די אומגעהויערע מיליטערישע באַלאַגערונג געווען צוליב דעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמוזט מאַכן אויף די איינוואוינער. יעדערער האָט געמוזט פילן, אז עפּעס קומט פאָר אין שטאָט — ווייל עפּעס איז פאָרגעקומען! און אויב עס וואָלט נאָר געקאָנט זיין א טרייסט פאַר דער קעלצער קאַטאַסטראָפע, וואָלט מען געקאָנט זאָגן: ס'איז אוועק די צייט פון פּשיטיק, ווען מען האָט געקאָנט מאַכן פּאָגראָמען אומבאַשטראָפט!

די שנעלקייט, מיט וועלכער דער פּראָצעס איז אָרגאַניזירט געוואָרן, די טיכטיקייט פון דער אויספאָרשונג, דער מאַסן־אַרעסט פון די פאַר־

ברעכער (אַרום 200 אין די ערשטע 3—4 טעג ; איין פרוי איז אַרעסטירט געוואָרן אין טאָג פון דער לוויה, פאַר מיינע אויגן), דער מיליטערישער דרוק אויף דער באַפעלקערונג, דער פּראָצעס גופא — אַלץ האָט באַשטעטיקט, אַז מיר האָבן נאָר אַן אַנדער סאָרט רעגירונג אין פּוילן.

און ניט נאָר די רעגירונג. איינער פון די וויכטיקסטע שטריכן אויף דעם פּראָצעס איז געווען — די גרויסע צאָל ניט־אידישע עדות, וואָס זיינען אויפגעטראָטן פאַר דער אָנקלאַגע ! אַזוינס איז אין פריערדיקע צייטן ניט געזען געוואָרן.

ווען איך בין אריין אין געריכט־זאַל, איז מיר אויסגעקומען גלייך פאַרבייצוגיין דאָס טישל, אויף וועלכן עס זיינען געלעגן די באַווייזן — שטיינער, העלצער, רערן, באַדעקט מיט פאַרטריקנט בלוט. עס זיינען אויך געלעגן צוויי פאַרבלוטיקטע רעקלעך פון די אַרעסטירטע און אַ פאַרבלוטיקט היטל פון איינעם פון זיי.

דאָס בלוט פון די מאַרטירער.

אויף אַ קליינער פּלאַטפאָרמע, אַרומגעצאַמט מיט אַ שטאַכעט, זיינען געזעסן ענג צונויפגעפּרעסט צוועלף אוממענטשן — די ערשטע גרופּע געמשפּט צו ווערן. אַלע — טיפּישע פאַרשווינען פון דעם פינצטערן המון. ענג צונויפגעפּאַקט לעבן דער שטייג מיט די אָנגעקלאָגטע זיינען געזעסן עדות און הינטער זיי אַן ערך הונדערט פאָרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס, פאַבריקן (אויך פון דער קירך), בייצוזיין אויפן פּראָצעס. אַזוי ווי דער צימער איז געווען צו קליין, זיינען פיל פאָרשטייער געווען פאַרזאַמלט אין פּאָדערהויז, הינטער דער אָפענער טיר.

ס׳איז געווען אַ מיליטער־געריכט. דאָס האָט פון פאַראויס באַוואָרנט אַ געהעריקע שטראָף. דאָס האָט אויך באַוואָרנט, אַז דער אורטייל זאָל אַרויסגעגעבן ווערן גיך.

דער פּראָצעס האָט געדויערט אינגאַנצן צוויי טעג. די ריכטער האָבן אַרויסגעגעבן זייער אורטייל : פאַר ניין אָנגעקלאָגטע — טויט־שטראָף, פאַר איינעם — לעבנסלענגלעכע תפיסה, פאַר אַן אַנדערן — 10 יאָר, פאַר דער איינציקער פרוי צווישן די אָנגעקלאָגטע — 7 יאָר. זי איז באַשולדיקט געוואָרן „בלויז” אין העצן צו מאָרד.

די צום טויט פאַראורטיילטע זיינען מיט צוויי טעג שפּעטער הינגעריכטעט געוואָרן.

דאָס איז געווען דער ערשטער פון אַ ריי פּראָצעסן — און אַנדערע מיטלען — קעגן די, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום פּאָגראָם, אָדער זיינען פאַרדעכטיקט געוואָרן אין פינצטערע מעשים.

איך האָב פריער גערעדט וועגן דעם אונטערשייד צווישן דעם אופן פון אויסטיילן גערעכטיקייט צו פּאָגראָמשטשיקעס און אמאָל. איך האָב דערמאָנט די גרויסע צאָל ניט־אידישע עדות. דאָס איז וויכטיק. פּוילישע אַנטי־פאַשיסטן — פּאָליאַקן — האָבן נאָך דעם פּאָגראָם אָנגעהויבן אַ געיעג אויף פאַרדעכטיקע אין דעם פּאָגראָם. עס וואָלטן ניט געקאָנט אין משך פון אַ טאָג־צוויי אַרעסטירט ווערן אַזוי פיל פאַרדעכטיקע, ווען ניט די איניציאַטיווע פון פּאָליאַקן. איין פּאָליאַק, וולאַדיסלאַוו טשערווינסקי, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן ווי אַן עדות, האָט געהערט ווי איינער פון די באַנדיטן, רוראַש, האָט זיך באַרימט מיט זיין אָנטייל אין דער שחיטה אויף אידן. רוראַש איז באַלד אַרעסטירט געוואָרן. זיינע קליידער זיינען געווען פאַרפלעקט פון בלוט.

עס זיינען אַרויסגעטראָטן אַ ריי דאָקטוירים, שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן דערציילט וועגן דעם שרעקלעכן אויסזען פון די דער־מאָרדעטע און פאַרוואונדעטע. עס איז אַרויסגעטראָטן אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען הענריק וויטעלים, וועלכער האָט געזען, ווי אַזוי איינער מיט אַ מונדיר פון דער געוועזענער אַנדערס־אַרמיי (מיטן וואָרט „פּאָלאַנד" ביי די אַקסלען) האָט אָנגעפירט מיטן מאָרד אויף פינף אידן ביי דער סטאַנציע פּריעקאַרזשאָווי, ביי קעלץ (זיי זיינען געווען צווישן די פּרציס באַערדיקטע). און אַרויסטרעטן ווי אַן עדות קעגן די באַנדיטן האָט דאָך געשמעקט מיט לעבנס־געפאַר!

די האַנדלונג פון דער רעגירונג, פון די פּאָליטישע פּאַרטייען, פון די יוניאָנס (פּראָפּאַראיינען), די מאָביליזאַציע פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, די האַנדלונג פון איינצלנע פּאָליאַקן, — אַלץ צוזאַמען שאַפט די גאַראַנטיע, אַז דער קאַמף קעגן די פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן וועט זיין ערנסט און גרינטלעך. אָבער ס'איז אין די „קעלצער טעג" קלאָר געווען, אַז דער קאַמף וועט זיין אַ לאַנגער און אַ שווערער. ווי לאַנג און ווי שווער — דאָס האָט אָפּגעהאַנגען פון אויסלאַנד.

אויסלאַנד איז געווען שולדיק אין דעם פּאָגראָם אין קעלץ. ווען ניט די מאָראַלע און — טאָקע דער עיקר — די מאַטעריעלע הילף, וואָס אַנדערס און קאָמאַראָווסקי האָבן געקראָגן פון ענגלאַנד און אַמעריקע, וואָלטן די באַנדיטן ניט געקאָנט אַזוי בושעווען אין פּוילן; זיי וואָלטן פאַרלאָרן דעם וויכטיקסטן אָנשפּאַר זייערן. די הילף פון אויסלאַנד — און אַהער גייען אויך אַריין די העצעס קעגן דער פּוילישער רעגירונג, די אַלערליי דיפּלאָמאַטישע און פינאַנציעלע מאַכינאַציעס קעגן איר — האָט נעגעבן די באַנדיטן די מעגלעכקייט צו קריגן שטיצע ביי געוויסע

עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג. אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן געקאָנט אויס־רעכענען אויף דער הילף פון אויסלאַנד, האָבן זיי געקאָנט פאַרזעצן זייער „פּאַרטיזאַנישן״ קאַמף אין די וועלדער. אַ שטאַרקע האַנט קעגן זיי איז ניט געווען געגנוג. די היטלער־מאַכט איז געווען גענוג שטאַרק, אָבער זי האָט ניט געקאָנט אויסראָטן די פּאַרטיזאַנען, וועלכע זיינען געווען זיכער, אַז דער טאָג פון באַפרייאונג וועט קומען; אַז די רויטע אַרמיי וועט זיי קומען צו הילף. פּונקט אַזוי — להבדיל — מיט די „קעלצער״ באַנדיטן אין די וועלדער: דער פאַקט, וואָס זיי האָבן געקאָנט אויס־רעכענען אויף אויסלאַנד, האָט פאַרלענגערט און געמאַכט שווערער דעם קאַמף קעגן זיי.

דער קאַמף פון דער פּוילישער דעמאָקראַטיע, מיט דער רעגירונג בראַש, איז געווען און איז פאַרבליבן אַ קאַמף סיי קעגן דער פּוילישער און סיי קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע. די אידן האָבן עס באַ־גריפן. צוזאַמען מיט אַלע דעמאָקראַטן זיינען זיי געווען דער ציל־ברעט פון דעם שונא, און צוזאַמען מיט אַלע דעמאָקראַטן האָבן זיי זיך געשטעלט אין קאַמף — ניט אויף טויט, נאָר אויף לעבן.

# דער פּאָגראָם אין קעלץ—2

וואַרשע.

דער קעלצער פּאָגראָם האָט געטראָפן אַלעמען ווי אַ דונער. און עס איז ניט געווען קיין וואונדער, וואָס צווישן באַדייטנדיקע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט זיך באַלד אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אַ פּאַניק. דערצו האָבן בייגעטראָגן די פּראָוואָקאַציעס, וואָס באַנדיטן האָבן פּרובירט אַרויסרופן אין אַנדערע שטעט, אַלץ מיט דער הילף פון דעם עקלהאַפטן, פינצטערן בלבול: ריטועלע מאָרדן פון פּוילישע קינדער, דער מענדל ביילים בלבול... די רעאַקציע האָט גלייכצייטיק, אין פאַרשיידענע ערטער מיטאַמאָל, אָפּעריִרט מיט דעם דאָזיקן מיטל.

דער קעלצער פּאָגראָם האָט געשאַפן אַ טיפע וואונד אין דער גאַנצער פּוילישער געזעלשאַפטלעכקייט. די דעמאָקראַטישע שיכטן גיבן זיך אָפּ אַ קלאָרן חשבון וועגן פּאָגראָם: ער איז געווען געווענדעט קעגן דער נייער דעמאָקראַטישער אָרדענונג אין פּוילן. ער איז געווען אַן ענטפער פון די עלעמענטן, וואָס האָבן פאַרשפּילט דעם רעפערענדום.*) זיי ווילן ניט אָננעמען דעם אורטייל פון פאָלק. זיי ווילן דורך אַלערליי בלוט־פאַר־גיסונגען האַלטן דאָס לאַנד אין אַן אויפגערודערטן צושטאַנד. זיי מאָרדן פּוילישע דעמאָקראַטן אויף אַ „געוויינלעכן״ שטייגער. קעגן אידן זוכן זיי צו באַנוצן זיך מיטן אַלטן צאַריש־נאַציִשן מיטל — דער בלוט־בלבול, דער גרויליקער אָפּקלאַנג פון מיטלאַלטער.

אין די טעג נאָכן פּאָגראָם זיינען די פּוילישע צייטונגען (איך רעד וועגן די צייטונגען אין וואַרשע) געווען פול מיט נייעס, מיט צאָרנדיקע אַרטיקלען, מיט פּראָטעסטן. דער אורטייל איבער די מערדער איז געמאָלדן געוואָרן מיט די גרעסטע קעפּ און איז באַגריסט געוואָרן. די אָרגאַניזאַציע

---

*) דעם 30טן יוני (1946), פינף טעג פאַרן פּאָגראָם, איז פאָרגעקומען אין פּוילן אַ פאָלקס־רעפערענדום אויף די פאָלגנדיקע פראַגן: 1) נאַציאָנאַליזירן די מאָנאָפּאָלן... 2) איין פּאַרלאַמענט־הויז, אָן אַ סענאַט; 3) די מערב־גרענעצן פון פּוילן זאָלן זיין ביי די טייכן אָדער און ניסע. דער רעגירונגס־בלאָק האָט געוואונען מיט 67 פּראָצענט פון אַלע שטימען.

פֿון פּוילישע שרײַבער און שרײַבער־יחידים באַזונדער האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט פּראָטעסטן. די פּאָליטישע פּאַרטייען, די יוניאָנס האָבן אָנגענומען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס און דערקלערט אַ מאָביליזאַציע קעגן אַנטיסעמיטיזם. די ליגע קעגן ראַסיזם האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפֿעסט צום פּוילישן פֿאָלק, פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, גערופֿן זיצונגען פֿון אַלע פּאַרטייען, יוניאָנס, פּרויען־אָרגאַניזאַציעס, יוגנט. פֿיל שטאָטראַטן האָבן אָנגענומען רעזאָלוציעס — און שטרענגע מיטלען. און עס ווערט פֿאַרשטאַרקט דער געזעץ קעגן אַלע, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט מלוכה־פֿאַרברעכנס. דאָס שליסט איין דעם פֿאַרברעכן: אַנטיסעמיטיזם.

דער אָרגאַן פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּע־פּע־ער), „גלאָס לודו”, שטעלט ברייט אַוועק די פֿראַגע: די פּראָבלעם פֿון אַנטיסעמיטיזם און פֿון קאַמף קעגן אים איז די פּראָבלעם פֿון דער פּוילישער ווירקלעכקייט. די צייטונג ווײַזט אָן, אַז עס איז טאַקע ריכטיק, אַז די באַנדיטן מאָרדן דעמאָקראַטן, באַפֿאַלן מיטגלידער פֿון דער זיכערקייט־וואַך, באַפֿאַלן זעלנער, צעראַבירן דערפֿער. געוויס זײַנען די אָנפֿאַלן אויף אידן אַ טייל פֿון דעם גאַנצן קאַמף פֿון דער רעאַקציע קעגן דער נײַער דעמאָקראַטיע. פֿונדעסטוועגן, פֿרעגט די צײַטונג, האָבן מיר געטאָן גענוג אויסצוראָטן דעם אַנטיסעמיטיזם? האָבן די אַלע קולטור־אינסטיטוציעס אין פּוילן, די פּראָפֿעסאָרן, אינטעלעקטואַלן, זיך ווי געהעריק באַטייליקט אין קאַמף קעגן ראַסיזם?

דאָ גייט דער אַרטיקל איבער צום ענין מיקאָלאַיטשיק. האָט מען גענוג אָנגעוויזן אויף זײַן ראָל אין העלפֿן שטאַרקן די אַנטיסעמיטישע באַנדעס?

קעלץ איז אַ סימבאָל, פֿירט אויס דער אַרטיקל; אַ סימבאָל, וואָס ווײַזט ווי טיף די רעאַקציע איז געזונקען, ווי צעפֿוילט זי איז. אָבער קעלץ איז אַ דונער, וואָס מוז אויפֿטרייסלען יעדן אָרנטלעכן פּאָליאַק.

אַזעלכע אַרטיקלען דערשײַנען איצט אין די מייסטע פּוילישע צײַטונגען — מיטן אויסנאַם פֿון דער מיקאָלאַיטשיק־פּרעסע. וועגן דער־אָ פּרעסע דאַרף מען נאָך עפּעס זאָגן.

דרײַ טעג צײַט נאָכן קעלצער פּאָגראָם האָט מיקאָלאַיטשיקס אָרגאַן, די וואַרשעווער „גאַזעטאַ לודאָוואַ” — און מיקאָלאַיטשיק אַליין — געשוויגן. אויפֿן פֿערטן טאָג, מאָנטיק, דעם 8טן יולי, האָט מיקאָלאַיטשיק ענדלעך אָפּגעדרוקט אַ דערקלערונג אין דער צײַטונג, וואו ער האָט גערעדט וועגן די קעלצער „געשעעניש” (ניט „פּאָגראָם”) — וועגן וועלכע ער האָט נאָך ניט קיין גענויע אינפֿאָרמאַציע... אין די „געשעענישן”, זאָגט

מיקאַלאַיטשיק, זיינען אומגעקומען 34 „פּערזאָן" — „ווי עס זאָגט דער רעגירונגס־קאָמוניקאַט"... מיקאַלאַיטשיק אַליין דאַרף נאָך אַפּנים אונטערזוכן די מעשה מיט 34 „פּערזאָן"...

בשעת די ציימונג איז דערשינען, האָט מען אין קעלץ זיך געגרייט צו דער לוויה פון פערציק אידן...

●

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער אַנטיסעמיטישער סם, וועלכער איז גע־גאָסן געוואָרן אין דער פּוילישער באַפעלקערונג אין משך פון יאָרן, באַזונדערס אין דער צייט פון פּילסודסקי און בעק און רידז־שמיגלי, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַ גרעסערע ראָל האָט געשפּילט דער היטלערישער סם און די היטלערישע אויסראָטונג. פּאָליאַקן, וואָס זיינען געווען פון פריער פאַרסמט, האָבן זיך באַטייליקט אין דער אויסראָטונג. אַנדערע האָבן געירשנט אידיש אייגנטום. די אַלע וואָס האָבן אין פּילסודסקיס צייטן נאָר געפּיקעט אידישע קראָמען, געוואָרפן שטיינער, האָבן זיך אונטער די דייטשן איינגעאיבט אין מאָרדן און שעכטן, און געוויזן אַ מוסטער אַנדערע. אָבער דאָס אַלץ וואָלט ניט געווען גענוג אויף צו דערקלערן דעם קעלצער פּאָגראָם און די אַנדערע אָנפאַלן אויף אידן.

געדענקען דאַרף מען, אַז די עלעמענטן שטעלן פאָר מיט זיך אַ קליינע מינדערהייט פון דער באַפעלקערונג. דער פּראָצענט אַנטיסעמיטן איז דאָ טאַקע אַ גרעסערער, ווי אין אַנדערע לענדער, אָבער זיי זיינען פאָרט אַ קליינע מינדערהייט אין פאַרגלייך מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג. דאָס האָט מען קלאָר געזען אין דעם רעפערענדום. מיקאַלאַיטשיק האָט טאַקע געזאָגט, אַז ער וועט קריגן 75 פּראָצענט פון אַלע שטימען. ווען דאָס וואָלט פּאַסירט, וואָלט געווען זייער שלעכט. אָבער אַלע אָפענע און באַהאַלטענע אַנטיסעמיטן, וואָס זייער פּאַן איז געווען מיקאַלאַיטשיק, האָבן, צוזאַמען מיט מיקאַלאַיטשיקן, מיט סתם קאָנסערוואַטיווע און זייערע פאַרפירטע אָנהענגער — געקראָגן אַרום דרייסיק פּראָצענט שטימען. 67 פּראָצענט האָט געקראָגן דער דעמאָקראַטישער רעגירונגס־בלאָק, וועלכער איז פאַרשריגן געוואָרן פאַר אַ „אידישן". די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן, ווי אויך באַדייטנדיקע טיילן פון די פּויערים־שיכטן, זיינען גע־גאַנגען מיט דעם „אידישן" בלאָק.

מען דאַרף אינזינען האָבן די־אָ מערהייט און — איר רעגירונג, די דעמאָקראַטישסטע אין דער געשיכטע פון פּוילן; אַ רעגירונג, וואָס שענקט אידן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, זאָרגט פאַר זיי, גיט זיי פון אירע

קאַרגע מיטלען, זוכט צו שאַפן פאַר זיי מעגלעכקייטן איינצואָרדענען זיך. וואָר־זשע ליגט דער אומגליק? פאַרוואָס האָט מען נאָך ניט אויסגעראָטן די באַנדעס, ניט געצאַמט די רעאַקציע, וועמענס אַלט און אויסגעפּרוּווט מיטל עס איז — פּאָגראָמען?

דער ענטפער איז: אַמעריקע און ענגלאַנד מישן זיך אַריין אין די געשעפטן פון פּוילן, פּראָוועון אינטערווענציע, לטובת דער רעאַקציע, לטובת די אַנטיסעמיטן און פּאָגראָמשטשיקעס!

אַמעריקע און ענגלאַנד האָבן ניט געלאָזט אויסריינִיקן פּוילן, ווי זיי האָבן ניט געלאָזט אויסריינִיקן אַנדערע לענדער. אין פּוילן וואָלט מען געדאַרפט בודק זיין דעם רעקאָרד פון הונדערטער טויזנטער מענטשן, זען וואָס זיי האָבן געטאָן בשעת דער היטלער־צייט; געוואָר ווערן וועגן זייער ראָל בשעת דער אויסראָטונג פון אידן, און אַזוי ווייטער. ווען די רעגירונג וואָלט זיך אָבער אַ נעם געטאָן צו זיי, וואָלטן די מיקאָלאַיטשקס און אַנדערע אויפגעהויבן אַ געשריי, די „גרויסע" פּרעסע אין אַמעריקע און ענגלאַנד וואָלט געמאַכט גוואַלדן וועגן „באָלשעוויסטישן טעראָר".

ניט נאָר האָט מען ניט געלאָזט אויסריינִיקן פּוילן — מ'האָט אַרויפגעצוואונגען אויף פּוילן, ווי אויף אַנדערע לענדער, פּריצייטיקע וואַלן.

אין פּוילן, ווי אין דייטשלאַנד, דאַרף פריער פאָרקומען אַ דע־נאַצי־פיקאַציע, אַן אויסריינִיקונג פון נאַצישע פּאָגראָם־עלעמענטן. האָט מען אָבער אַרויפגעצוואונגען וואַלן און אַרויפגעצוואונגען מיקאָלאַיטשיקן, וועלכער נוצט די אַנטיסעמיטישע באַנדעס פאַר זיינע פּאָליטישע צוועקן. דאָס הייסט — אַמעריקע און ענגלאַנד נוצן די באַנדעס!

דער קעלצער פּאָגראָם איז געווען אַ. טייל פון אַ בלוטיקן אָנגריף פון דער רעאַקציע אין פּוילן, בשותפות מיט דער רעאַקציע אין אויסלאַנד, אויף דער נייער דעמאָקראַטיע דאָ אין לאַנד!

# די מלחמה קעגן אַנטיסעמיטיזם

וואַרשע.

אין אויסערן־מיניסטעריום, אויף אַ זיצונג מיט די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז צווישן דעם 1טן יאַנואַר און דעם 1טן אויגוסט 1946 זיינען אין פּוילן אַרעסטירט געוואָרן צען טויזנט מענטשן פאַר טעראָריזם, פאַר העלפן טעראָריסטן, אָדער אַלס פאַר־דעכטיקטע אין טעראָריזם, אָדער אין העלפן טעראָריסטן. פיל זיינען באַ־פרייט געוואָרן, ווייל ס'זיינען קעגן זיי ניט געווען קיין באַווייזן, אָבער דער גרעסטער טייל האָט געקראָגן אַ שטראָף. אין שלאַכטן מיט די טעראָריסטן, אין משך פון דער זעלביקער צייט, זיינען 1,735 טעראָריסטן דערהרגעט געוואָרן, פיל זיינען געוואָרן פאַרוואונדעט. עס זיינען דערביי אויך אומ־געקומען 286 פון דער זיכערקייט־פּאָליציי, 335 מיליציאָנערן, 430 סאָלדאַטן.

מלחמה.

מלחמה פאַר דעמאָקראַטיע, קעגן דער רעאַקציע, קעגן די פּריצים, גרויס־קאַפּיטאַליסטן, וואָס ווילן צוריק זייערע מאַיאָנטקעס, פאַרמעגנס. מלחמה קעגן אינטערווענציע. און במילא — מלחמה קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן פּאָגראָמען.

זינט דעם פּאָגראָם אין קעלץ האָט זיך די מלחמה פאַרשטאַרקט. קעלץ איז געווען אַ שאַרפע וואָרנונג, אין פיל פּרטים.

קעלץ איז געוואָרן אַ שאַנד־וואָרט צווישן פּוילישע דעמאָקראַטן.

איך בין געווען אין אַ שול פאַר אַגיטאַטאָרן ביי דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּע־פּע־ער) אין קאַטאָוויץ, די פּיטסבורג פון פּוילן. נאָך אַ לאַבאָראַטאָריע־רעפעראַט וועגן דער רעאַקציע, האָבן זיך אויפ־געשטעלט שילער — שטאָל־אַרבעטער, באַן־אַרבעטער — און געפרעגט מיט איין קול: פאַרוואָס האָט דער רעפערענט, איינער פון די שילער גופא, אויסגעלאָזט קעלץ! דער אומדערפאַרענער רעפערענט, וועלכער האָט אַ סך ענינים אויסגעלאָזט, האָט זיך שטאַרק אַנטשולדיקט.

עס קומען פּאַר שותפותדיקע מיטינגען פון פּע־פּע־ער און פּע־פּע־עס קעגן אַנטיסעמיטיזם.

ווי מיר האָבן געזען, קעמפט מען קעגן די באַנדיטן ניט נאָר מיט רעפּרעסיעס. אומעטום, וואו עס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן צו פּראָוואָצירן דעם המון קעגן אידן, זיינען זיי אונטערדריקט געוואָרן מיט אַן אייזערנער האַנט, נאָך איידער עפּעס האָט פּאַסירט. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן, באַרואיקנדיקן איינדרוק אויף דער אידישער באַפעלקערונג.

וועגן דעם האָבן געוויסע צייטונגען אין אַמעריקע ניט געדרוקט קיין גרויסע קעפּ — ווי זיי האָבן יאָ געדרוקט וועגן די פאַלשע באַריכטן וועגן „פּאָגראָמען" און „מאָרדן". אָבער דער עיקר איז: מען האָט די אָנפאַלן אויף אידן אָפּגעשטעלט.

ווי אַזוי — האָבן מיר שוין טיילווייז געזען אויבן. אָבער אַט זיינען נאָך פאַקטן, וואָס מען דאַרף מיט דעם זיין באַקאַנט.

ווען איך האָב געקראָגן צוגעשיקט פון ניו־יאָרק אַן אויסשניט וועגן דעם דערמאָנטן אינטערוויו, וואָס דער „טאַימס"־קאָרעספּאָנדענט, לאָרענס, האָט אין וואַרשע געהאַט מיטן מיניסטער פון זיכערקייט, סטאַניסלאַוו ראַדקעוויטש, בין איך געגאַנגען אין זיכערקייט־מיניסטעריום קאָנטראָלירן די פאַקטן, וואָס לאָרענס האָט אָנגעגעבן, און געוואָר וואָרן צי עס זיינען פאַראַן נייעס. לאָרענס האָט איבערגעגעבן, אַז ראַדקעוויטש האָט אים געזאָגט, צווישן אַנדערעס, אַז אין משך פון די לעצטע דריי חדשים פון 1945 און די ערשטע דריי חדשים פון 1946 האָט די זיכערקייט־מאַכט פאַרכאַפּט ביי די שפּיאָנען און באַנדיטן פיר הונדערט און פערציק טויזנט דאָלער און ניינצן קילאָגראַם גאָלד. און ווייטער, אַז די טורמעס אין פּוילן זיצן אַרעסטירט אַכט און זעכציק טויזנט מענטשן.

אין דעם זיכערקייט־מיניסטעריום האָב איך אויך געוואָלט וויסן עטוואָס מער וועגן די ציפערן, וואָס מען האָט מיר געגעבן אין אויסערן־מיניסטעריום — וועגן דער צאָל טעראָריסטן אין לאַנד, וועגן דער צאָל דערהרגעטע טעראָריסטן און דערהרגעטע מיליציאַנטן, סאָלדאַטן, מיט־אַרבעטער פון דער זיכערקייט־מאַכט.

העכער אַ שעה צייט האָב איך פאַרבראַכט אין קאַבינעט פון אַ וויכטיקן אָנפירער פון דעם מיניסטעריום. ער איז גרייט געווען צו געבן מיר וואָס מער אינפאָרמאַציע וועגן די ענינים, ווייל זיי האָבן צו טאָן אויפן סאַמע דירעקטן אופן מיט דער פראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם און וועגן זיכערן די עקזיסטענץ פון די אידן אין פּוילן.

לאָמיר גיין כסדר. צי עס וועלן נאָך אויסגעראָטן די באַנדעס? צי

מען כאַפּט נאָך ביי די באַנדיטן דאָלאַרן און געווער, וואָס ווערן צוגעשטעלט פון אויסלאַנד?

יאָ. לעבן אָלשטיין, געוועזענעם מזרח־פּרייסן, האָבן פּאַראַשוטיסטן ניט לאַנג צוריק אַראָפּגעלאָזט געווער און געלט. דאָס זעלביקע לעבן רזשעשאָוו און ניט ווייט פון קעלץ. מען האָט פאַרכאַפּט ביי די באַנדיטן אַ גרויסע צאָל אויטאָמאַטישע ביקסן פון דייטשער אויסאַרבעטונג און — דאָלאַרן.

עס איז ליקווידירט געוואָרן די באַנדע פון דעם אָנפירער „וואַרשיץ". זי האָט „געאַרבעט" אין די געגנטן פון לאָדז און קעלץ. מען האָט אַרעס־טירט דעם אָנפירער צוזאַמען מיט זיין גאַנצן שטאַב. אין אַן אַנדער באַנדע, אָנגעפירט פון איינעם „אָרליק", האָט מען אַרעסטירט ענגלישע פּאַראַשוטיסטן.

צווישן די אַרעסטירטע זיינען דאָ אַ סך געוועזענע סאָלדאַטן פון אַנדערסעס אַרמיי. פיל פון זיי קומען אַריין אין לאַנד לעגאַל, כלומרשט ווי רעפּאַטריאַנטן, און אין צען־פופצן טעג אַרום כאַפּט מען זיי אין די באַנדעס.

די שטרענגע מיטלען וואָס מען האָט קעגן די באַנדיטן אָנגענומען, האָט געשאַפן אַ שווערע לאַגע פאַר די „העלדן פון די וועלדער". געוויסע באַנדעס גיבן זיך אַליין אונטער.

וואָס איז שייך די ציפערן וועגן דערהרגעטע באַנדיטן און דער־הרגעטע מיליציאַנטן און אַנדערע, איז די לאַגע אַזאַ: אויב פאַר די ערשטע זיבן חדשים פון 1946 זיינען דערהרגעט געוואָרן 1,735 באַנדיטן, דאָס הייסט אַרום 250 אַ חודש, איז די חודשלעכע צאָל דערהרגעטע באַנדיטן געוואָרן גרעסער. פאַרקערט ווידער, אויב פאַר די זעלביקע זיבן חדשים זיינען אומגעקומען 1,051 מיליציאַנטן, סאָלדאַטן און פאַרשטייער פון דער זיכערקייט־מאַכט, דאָס הייסט אַרום 150 אַ חודש, איז די חודש־לעכע צאָל פאַרלוסטן געוואָרן קלענער.

ווען די באַנדיטן וואָלטן ניט געקראָגן קיין הילף פון אויסלאַנד, וואָלטן זיי שוין אפשר געווען אינגאַנצן ליקווידירט. זייער צאָל איז ניט גרויס, אַרום פופצן טויזנט אין גאַנצן פוילן, צעוואָרפן אין קליינע באַנדעס אין די וועלדער (אַנדערע פאַרנעמען זיך מיט פאַרשיידענע באַשעפטיקונגען און אויך מיט באַנדיטיזם). אָבער דער פאַקט, וואָס זיי קאָנען צאָלן מיט דאָלערן, גיט זיי די מעגלעכקייט אונטערצוקויפן געוויסע פּערזאָנען דאָ און דאָרטן, קריגן הילף אין וועלכע עס איז פּרטים, אָדער ווירקן מען זאָל זיי ניט אַרויסגעבן. די דאָלאַרן און דער פּרעסטיזש פון אויסלאַנד זיינען

אַ הילף ביים רעקרוטירן נייע באַנדיטן, אויפן אָרט פון אַרעסטירטע און דערהרגעטע.

דאַרף מען כסדר אינזינען האָבן: אין פּוילן האָבן מיר צו טאָן מיט אינטערוועניציע פון אויסלאַנד. און אויב עס קומען אום פאַרשטייער פון דער רעגירונג, פון די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, טראָגט אויסלאַנד די שולד דערפאַר (פּונקט ווי אויסלאַנד טראָגט אין זייער אַ גרויסער מאָס די שולד פאַרן קעלצער פּאָגראָם). אָבער ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, ראַמט מען די באַנדיטן אויס. עס ווערט פאַר זיי צו „היים".

דאָס האָט געשאַפן אַ מער־זיכערע לאַגע פאַר די אידן.

מיר האָבן אויבן געזען, אַז דער רעגירונג קומט אוים צו פירן אַ מלחמה מיט אַ טייל פון דער באַפעלקערונג. אירע אייגענע מענטשן — פון דער זיכערקייט־פּאָליציי, פון דער אַרמיי, און אַזוי ווייטער — ווערן דערהרגעט כמעט יעדן טאָג, כאָטש זי וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט גאַראַנטירן זייער לעבן.

וואָס איז עס פאַר אַ טייל פון דער באַפעלקערונג, קעגן וועמען זי פירט מלחמה?

דער ענטפער אויף דער פראַגע וועט קלאָר מאַכן, אַז איצט, אין פּוילן, קאָן מען ניט אָנווענדן דעם אַמאָליקן כלל, אַז דאָרט וואו די רעגירונג וויל ניט, קומען ניט פאָר קיין פּאָגראָמען.

עס האַנדלט זיך איצט ניט נאָר וועגן דער ירושה פון אַמאָליקן אַנטי־סעמעטיזם. עס האַנדלט זיך אויך ניט נאָר וועגן דער גיפטיקער אַנטי־סעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע פון די נאַצים אין משך פון דער אָקופּאַציע־צייט. דאָס אַליין וואָלט געווען גענוג. מען דאַרף אָבער נעמען אין אכט נאָך עטוואָס.

די מלחמה האָט אין פּוילן באַשאַפן אַ נייעם שיכט. מען רופט אים — „לומפּן־בורזשואַזיע". דער שיכט באַשטייט פון די, וואָס האָבן זיך פריער, מיט דער הילף פון די דייטשן, אָנגערויבט מיט אידישע פאַר־מעגנס, און וואָס האָבן שפּעטער, נאָך דער מלחמה, זיך אָנגערויבט מיט דייטשע פאַרמעגנס. דאָס לעצטע איז אפשר, פאַר־זיך אַליין, ניט אַזאַ עוולה, אָבער אַ שיכט פון דער פּוילישער באַפעלקערונג איז דעמאָראַליזירט און קאָרומפּירט געוואָרן. ער האָט זיך צוגעוואוינט צום רויבן. ער האָט געשאַפן אַ רויב־אַטמאָספערע (אין אַנדערע לענדער איז אויך געשאַפן געוואָרן אַזאַ שיכט, אָבער אין אַ קלענערער מאָס ווי אין פּוילן).

ערגער איז, פאַרשטייט זיך, מיט דער רויבעריי נומער איינס, פון אידישע פאַרמעגנס. דאָ איז די „לומפּן־בורזשואַזיע" אין שטענדיקער

שרעק. דאָס געזעץ באַוואָרנט, אַז לעבן־געבליבענע אידן קאָנען קריגן צוריק זייערע הייזער. קלאַפּט יעדן רויבער דאָס טריפהנע האַרץ: טאָמער באַווייזט זיך „זיין" איד. צווישן די געקומענע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וואָס זיינען צוליב אייגנטום (און צוליב אַנדערע מאָטיוון) געקומען קיין פּוילן. צווישן די קעלצער קרבנות זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען פאַרקויפן זייערע הייזער (ס'הייסט, אָפּנעמען קויף־געלט ביי די פּאָליאַקן, וואָס וואוינען אין זיי, אָדער פאַר־שטענדיקן זיך וועגן אַ סומע רענט). אָבער די רויבער ווילן זיך ניט שיידן מיט זייער רויב.

אויך פאַר דער מלחמה איז דער אַנטיסעמיטיזם דער עיקר געווען אַן עקאָנאָמישער. איצט איז די „עקאָנאָמיק" אַן אַנדערע און דער קאַמף איז אַן אַנדערער.

איצט האָבן די רויבער — אַ רויבער־אַרמיי. אין יעדן לאַנד זיינען צווישן די פּאַרטיזאַנער געווען עלעמענטן, וואָס זיינען ווייט געווען פון צו זיין רעוואָלוציאָנער, אַנטי־פאַשיסטיש. אין פּוילן זיינען צווישן די פּאַרטיזאַנען ניט נאָר געווען די אַמאָליקע אַנטיסעמיטן, נאָר עס איז געווען אַן אַנטיסעמיטישע און אַנטי־סאָוועטישע קליקע אין לאָנדאָן, וועלכע האָט אָרגאַניזירט אַן אַנטיסעמיטישע און אַנטי־סאָוועטישע אַרמיי, די „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" פון סאָסנקאָווסקי און אַנדערס. די דאָזיקע אַרמיי, דער אַזוי־גערופענער „אונטערגרונט", האָט זיך פאַרנומען מיט מאָרדן אידישע פּאַרטיזאַנער בשעת דער מלחמה. די אַרמיי האָט געמאָרדעט אידן בשעת דעם פּראָוואָקאַטאָרישן באַר־אויפשטאַנד אין וואַרשע (פּראָוואָקאַטאָריש אַרויסגערופן און אָנגעפירט). ס'הייסט, זי האָט אויך געמאָרדעט אידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם אויפשטאַנד. די רעשטלעך פון דער אַרמיי, וועלכע געפינען זיך אין די וועלדער (אָדער — צייטנווייז אין שטאָט, אין דאָרף, און צייטנווייז אין וואַלד), זיינען איצט — באַוואָפנטע רויב־ און פּאָגראָם־בריגאַדעס פון דער „לומפּן־בורזשואַזיע" און פון דער גאַנצער רעאַקציע, אין פּוילן און אין אויסלאַנד. זי מאָרדעט עס רעגי־רונגס־פאַרשטייער, אַרבעטער־פּאַרטעטער, זי מאָרדעט אידן, אָרגאַניזירט פּאָגראָם־פּראָוואָקאַציעס.

קעגן איר פירט די רעגירונג אַ מלחמה, און די מלחמה האָט שוין געבראַכט רעזולטאַטן.

דאָס אידישע לעבן איז געוואָרן זיכער. די לאַגע איז אָבער ניט זיכער — פאַר אַנטיסעמיטן. זיי קאָנען ניט פריי באַוועגן מיט דער צונג, ווי אין אַמאָליקע יאָרן (און ווי אַפילו געוויסע אַנטיסעמיטן טוען עס אין אַמע־

ריקע...). עס שמעקט מיט אַרעסט! און דער אָנפירער אין זיכערקייט־מיניסטעריום האָט מיר טאַקע געזאָגט: עס ווערן כמעט יעדן טאָג אַרעס־טירט מענטשן פאַר אַנטיסעמיטישע זידלערייען, פאַר פאַנאַנדערלאָזן זיך, אַז „אידן זיינען שולדיק" און אַזוי ווייטער. וואָס טוט מען זיי? מען פאָרשט זיי אויס. גאַנץ אָפט פירט עס צו פאַרבינדונגען מיט באַנדיטן! אויב עס האַנדלט זיך וועגן עמעצן, וואָס האָט סתם פריַיגעלאָזן די צונג, לויט אַמאָליקע געוואוינהייטן, וועט דער אַרעסט, אויב אַפילו אויף עטלעכע טעג, זיין אַן אָנלערנונג: דאָס מויל האַלטן!

אָט אַזוי ווערט געפירט מלחמה קעגן אַנטיסעמיטיזם: 1) דורך דער אַלגעמיינער מלחמה קעגן רעאַקציע, קעגן די באַנדיטן; 2) דורך דעם, וואָס אַנטיסעמיטיזם ווערט באַטראַכט ווי אַ מלוכה־פאַרברעכן; 3) דורך אויפקלערונג.

# די פוילישע רעגירונג

ווארשע.

איך בין געווען אין דעם פאלאץ אויף קראקאווער פארשטאט, וואו עס געפינט זיך דער פרעזידיום פון מיניסטארן־ראט פון פוילן. דארט, ביי זיך אין קאבינעט, האט מיך דער פרעמיער פון דער פוילישער רעפובליק אויפגענומען אויף א ספעציעלן אינטערוויו.

שוין אזעלכע אינטערוויוען גופא, שוין די פריינטלעכקייט, וואס די איצטיקע רעגירונג פון פוילן ווייזט ארויס צו פארשטייער פון דער אידישער פרעסע, פון אידישע ארגאניזאציעס, שטעלט פאר מיט זיך א גאנצע רעוואלוציע. אבער מען דארף זיין דא, כדי צו דערפילן די גרויסע באדייטונג דערפון.

קומט איר אריין אין פוילן, קערן זיך אום צו אייך איינדרוקן, בילדער און שטימונגען פון אייערע באזוכן אין אמאליקן פוילן. אט, גיט א טראכט וועגן דעם ארט אויף קראקאווער פארשטאט, וואו עס געפינט זיך דער פאלאץ פון דעם פרעזידיום פון דער רעגירונג. עס געדענקט זיך מיר זייער גוט א שפאציר אויף דער זעלביקער גאס אין 1936. פאר א אידן איז געווען געפערלעך צוצוגיין נאענט צום טראטואר לעבן דעם פאלאץ. נאך געפערלעכער איז געווען דורכצוגיין דעם אוניווערסיטעט, נים ווייט פון פאלאץ. די סטודענטלעך, די זינדלעך פון די פאנעס, פלעגן זיך לאזן „וואוילגיין" איבער אידן...

דער אוניווערסיטעט איז פארברענט, ווי די מערסטע געביידעס אויף דער אמאל שיינער גאס, קראקאווער פארשטאט; פארברענט און אויפ־געריסן. דער פאלאץ פון מיניסטארן־ראט איז אפגעהיט געווארן, ווייל דא זיינען די דייטשן געווען ביזן לעצטן מאמענט. אלץ איז דא ווי אמאל — די שיינע געוועלבטע סופיטן, אין נאטישן סטיל, איבער די זייער ברייטע, ליכטיקע קארידארן. די ווייכע רויטע טעפיכער אויף די רחבות־דיקע טרעפ. די ריטערלעכע סטאטועז, די קונסט־בילדער אויף די ווענט — אלץ איז ווי ס'איז געווען אין די צייטן פון רידז־שמיגלי, יוזעף בעק און דעם „אוושעם"־מיניסטער סקלאדקאווסקי, אויב מיין זכרון נארט

מיך ניט אַפּ (אָוושעם — אדרבה, זאָל מען אויסראָטן די אידן!). אַלץ איז ווי געוועזן — נאָר די מענטשן, וואָס זיצן אין די קאַבינעטן פון דער נעביידע, זיינען אַנדערע. מער ניט...

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין היפּשע עטלעכע מאָל אין דער נעביידע. דאָ האָב איך געהאַט דעם כבוד און דעם באמת זייער גרויסן פּערזענלעכן פאַרגעניגן צו באַגעגענען זיך מיטן מיניסטער יעקב בערמאַן — אַ פּערזאָן, וואָס פּאַנגט אייך ממש מיט זיין פּשוטער, פריינטלעכער באַציאונג, מיט זיינע קלוגע שמייכלענדיקע אויגן און דער עיקר טאַקע מיט זיין ברייטער באַקאַנטשאַפט אין אַלערליי פראַגן וואָס זיינען נוגע פּוילן, איינגעשלאָסן אידישע פראַגן. דריי מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי מיניסטער בערמאַן. איך האָב אים אויך געזען אין די טעג פון קעלץ, און אין קעלץ גופא, בשעת דער לוויה, ווי אַזוי ער האָט רעאַגירט... יעקב בערמאַן איז אַ גרויסע פיגור אין דעם היינטיקן פּוילן (ער איז איינער פון די הויפּט־פירער פון דער „פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטשניטשאַ" — פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי, פּע־פּע־ער). ער איז איינער פון די סאַמע וויכטיקע מלוכה־לייט אין די נייע דעמאָקראַטיעס אין איירָאָפּע. עס פאַרשטייט זיך, אַז זיין באַדייטונג פאַר די אידן פון פּוילן איז זייער אַ גרויסע.

דער אמת איז אָבער, אַז דער פּרעזידענט פון פּוילן, ביערוט, דער פּרעמיער פון פּוילן און אַנדערע רעגירונג־פירער אינטערעסירן זיך זייער שטאַרק מיט דער לאַגע פון די אידן אין פּוילן, פּשוט דערפאַר, ווייל זיי אינטערעסירן זיך מיט די פּראָבלעמען פון אַלע בירגער און באַזונדערס מיט די בירגער, וועמענס פּראָבלעמען עס זיינען מער קאָמפּליצירט. דערפאַר איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער אַמט פאַר אידישע ענינים, צו העלפן אידן זיך פּראָדוקטיוויזירן, ווי אויך צו העלפן די, וואָס ווילן און מוזן אַרויספאָרן (לעגאַל אַרויספאָרן). דאָס איז ניט סתם עפּעס אַן אַמט. דער קאָמיסאַר, וואָס שטייט בראש פון דעם אַמט, איז דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך צום פּרעמיער און אַרבעט צוזאַמען מיט אים.

„ס'איז די בעסטע רעגירונג, וואָס מען קאָן זיך ווינטשן" — די באַמערקונג הערט איר אָפט צווישן אידן. אויסזעצן קעגן דער באַמערקונג גופא איז, פאַרשטייט זיך, ניטאָ וואָס. ניט מער, אין דעם טאָן, ווי אַזוי די באַמערקונג ווערט געמאַכט, איז פאַראַן אַן „אָבער". עס הייסט אַזוי: וואָס קומט דערפון אַרויס — אַז דאָס פאָלק טויג ניט! און „גוטע פריינט" אין אויסלאַנד מאַכן עס פּשוט: די רעגירונג איז טאַקע גוט, נאָר קיין מאַכט האָט זי ניט (כאָטש די זעלביקע מענטשן וועלן אויך זאָגן, אַז די רעגירונג האַלט זיך דורך מאַכט...).

וועט גוט זיין ווען מען וועט געדענקען, אַז די פּוילישע רעגירונג שטיצט זיך אויף גרויסע קרעפטן.

די פּוילישע רעגירונג איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטייער פון די פאָלגנדיקע פּאַרטייען:

1. די פּע־פּע־ער, די פּאַרטיי מיט דער גרעסטער אָנהענגערשאַפט צווישן די אַרבעטער, די וויכטיקסטע פּאַרטיי אין לאַנד. בשעת אַנדערע פּאַרטייען האָבן זיך געוואַקלט, איז זי מיט דער גרעסטער ענערגיע און מסירת־נפש צוגעטראָטן צו בויען דאָס נייע פּוילן. צו דער פּאַרטיי גע־הערן: וויצע־פּרעמיער וויעסלאַוו־גאָמולקאָ, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי; יעקב בערמאַן, און אַ ריי אַנדערע.

2. די פּע־פּע־עס (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי). דאָס איז די עלטסטע פּאַרטיי, אָבער זי איז צווישן די אַרבעטער ניט אין פאַרגלייך שוואַכער ווי די פּע־פּע־ער. די וואַקלדיקע ראָל פון געוויסע פירער, אָפּ־געריסן שוין די פאַררעטערישע ראָל פון אַזעלכע ווי אַרצישעווסקי, קוואַפּינסקי און אַנדערע, האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג. די פּאַרטיי איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן און בראש פון איר שטייען פירער (גענעראַל־סעקרעטאַר ציראַנקעוויטש, וויצע־פּרעזידענט שוואַלבע, א. אַ.), וואָס שטיצן זיך אויף אַ פּאָליטיק פון פריינטשאַפט און מיטאַרבעטער־שאַפט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. צו דער פּאַרטיי געהערן דער פּרעמיער אָסובקאַ־מאָראַווסקי (ער איז פּרעזידענט פון דער פּאַרטיי), וויצע־פּרעזי־דענט פון דער מלוכה, שוואַלבע (וועלכער איז, ווי געזאָגט, אויך וויצע־פּרעזידענט פון דער פּאַרטיי) און אַנדערע.*)

3. דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אַ פּאַרטיי פון מיטל־קלאַס עלעמענטן און אינטעליגענטן.

4. אַרבעטער־פּאַרטיי (סטראָניצטוואָ פּראַצי), אַ מין קריסטלעכע אַרבעטער־פּאַרטיי מיט אַ געוויסער אָנהענגערשאַפט.

5. „סטראָניצטוואָ לודאָווע" (פאָלקס־פּאַרטיי), די פּאַרטיי וואָס שטיצט זיך אויף די פּויערים.

מיקאָלאַיטשיקס פּאַרטיי, „פּאָלסקאַ סטראָניצטוואָ לודאָווע" (פּוילישע פאָלקס־פּאַרטיי), איז, ווי באַוואוסט, אין דער אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג. איר קראַפט אין פאָלק איז ניט קיין גרויסע. דער עיקר באַשטייט איר קראַפט אין דעם, וואָס אַלע קעגנערישע עלעמענטן באַהאַלטן זיך הינטער איר פאָן. אַהער גייען אַריין די אַמאָליקע ענדעקעס, די פּאָגראָמשטשיקעס,

*) נאָך די וואַלן, אין יאַנואַר 1947, איז ציראַנקעוויטש געוואָרן פּרעמיער.

די באנדיטן אין די וועלדער. מען קאן דיסקוטירן ווי גרויס די דאזיקע מינדערהייט איז, אבער זי איז א מינדערהייט. די ערשטע פינף פארטייען שטעלן פאר מיט זיך א מערהייט פון פאלק, צווישן זיי — דער סאמע רוקן־ביין, דער ארבעטער־קלאס. ווער עס פלאפלט וועגן דעם, אז די רעגירונג האט קיין מאכט ניט, רעדט נאך מיקאלאיטשיקן, די ענדעקעס, די „העלדן פון די וועלדער"...

●

עס האט זיך אזוי געמאכט, אז מיט א טאג פריער, איידער איך בין אויפגענומען געווארן פון דעם פרעמיער, בין איך צוזאמען מיט אנדערע אויסלענדישע צייטונגס־לייט געווען אויף אן אויפנאמע ביים קריגס־מיניס־טער, מארשאל ראלא־זשימיערסקי.

אויך דאס איז געווען אן אויסדרוק פון א גאנצער רעוואלוציע! איך בין געפארן צום בעלוועדער־פאלאץ, וואו דער פרעזידענט פון דער רע־פובליק וואוינט, אפגעשטעלט זיך ביים פאלאץ פון קריגס־מיניסטער, וואס געפינט זיך דערנעבן. א הויכער ארמיי־קאמאנדיר האט מיך ארייגעפירט אין דעם ווארט־צימער (ווי ער האט עס געטאן מיט די אנדערע צייטונגס־לייט) און איך האב בשעת מעשה געטראכט וועגן דעם פוילן פון פאר דער מלחמה, ווען דא, אין דעם פאלאץ, איז געזעסן רידז־שמיגלי און ווען אין בעלוועדער איז געזעסן פילסודסקי...

אנדערע מענטשן זיצן אין די פאלאצן!

מען האט די צייטונגס־לייט פארבעטן אין א שיין, געשמאק זאלעכל און באלד איז ארייגעקומען דער הויפט פון דער פוילישער ארמיי, מארשאל ראלא־זשימיערסקי, צוזאמען מיט זיין פארטרעטער, גענעראל שפיכאלסקי. מיט זיי צוזאמען איז געווען דער הויפט פון פרעסע־אפטייל פון אויסערן־מיניסטעריום, דער זייער פייאיקער גענעראל וויקטאר גראש. נאכדעם ווי זיי האבן זיך ווארעם באגריסט מיט יעדן איינעם פון די צייטונגס־לייט, האט דער מארשאל אנגעהויבן רעדן וועגן דער ראל פון דער איצטיקער פוילישער ארמיי — אין פארגלייך מיט דער פוילישער ארמיי פאר דער מלחמה.

די ארמיי דארף זיין איינער פון די פאקטארן צו דעמאקראטיזירן דאס לאנד. אוועק זיינען די צייטן, ווען נאר זינדלעך פון די פריצים און רייכע האבן געקאנט זיין אפיצערן. איצט זוכט מען ארויסצורוקן די זין פון ארבעטער און פויערים. די אמאליקע קלאסן־דיקטאטור איז פארביטן געווארן מיט דער הערשאפט פון פאלק. און בשעת די אמאליקע קליקע

פאָלקאָוויקעס האָט געבויט די אַרמיי ווי אַ געצייג קעגן סאָוועטן־פאַר־באַנד, אין פריינטשאַפט מיט נאַצי־דייטשלאַנד, מיט גערינגן און אַנדערע, וואָס פלעגן קומען קיין פוילן צוגאַסט, אויף „פּאָלעוואַניע״ (יאַגד), ווערט די איצטיקע אַרמיי געבויט ווי אַן אינסטרומענט צו באַשיצן זיך קעגן די דייטשן, אין גייסט פון פריינטשאַפט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מען האָט געפרעגט דעם מאַרשאַל וועגן דער ראָל פון סאָוועטישע אָפיצערן אין דער פוילישער אַרמיי. דער מאַרשאַל האָט געענטפערט, אַז די פוילישע אַרמיי איז דאַנקבאַר דער סאָוועטן־רעגירונג דערפאַר, וואָס ניט נאָר האָט זי געגעבן די ערשטע פוילישע דיוויזיעס קליידער, שטיוול און געווער, נאָר אויך אָפיצערן. קיין פוילישע אָפיצערן זיינען דעמאָלט ניט געווען. פופצן טויזנט זיינען געווען געפאַנגען פון די דייטשן, אַרום צען טויזנט זיינען אַוועק קיין רומעניע און אַנדערע לענדער. טויזנטער אָפיצערן זיינען אַוועק מיט אַנדערסן. האָט די רויטע אַרמיי געגעבן אָפיצערן, צו העלפן שאַפן אַ פוילישע אַרמיי. פאַר דעם איז פוילן דאַנק־באַר (מען דאַרף ניט פאַרגעסן, ווי נויטיק די רויטע אַרמיי האָט געדאַרפט די אַמוניציע און די קליידער און די אָפיצערן פאַר זיך, האָט דער מאַרשאַל אָנגעוויזן).

איצט איז אַזוי. דורך דער דעמאָביליזאַציע זיינען שוין אַ סך סאָוועטישע אָפיצערן אַוועק צוריק אַהיים, צו דער סאָוועטישער אַרמיי. וואָס מער עס ווערן אויסגעבילדעט פוילישע אָפיצערן, אַלץ מער סאָ־וועטישע אָפיצערן קערן זיך אום אַהיים.

דערביי האָט מאַרשאַל זשימיערסקי אָנגעוויזן, אַז די פוילישע אַרמיי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געשאַפן געוואָרן פון פראַנצויזישע אָפיצערן (ווער געדענקט עס ניט וואָס פאַר אַ ראָל דער טרויעריק־בארימטער גענעראַל וועיגאַן האָט געשפּילט?). אַזוי שפּעט ווי אין יאָר 1928 איז דער הויפּט פון די מיליטערישע שולן אין וואַרשע נאָך געווען אַ פראַנצויזישער מיליטער־מאַן.

איך האָב דאָ דערציילט — בקיצור — וועגן דער אויפנאַמע ביי מאַרשאַל ראָלאַ־זשימיערסקי, נישט נאָר כּדי פאַרצושטעלן נאָך אַ פיגור פון דער פוילישער רעגירונג. דאָס אויך. אָבער איך האָב דאָ אויך איג־זינען געהאַט די פראַגע: מאַכט, צי די רעגירונג האָט מאַכט.

די פוילישע דעמאָקראַטישע רעגירונג פאַרלאָזט זיך ניט אויף קיין נסים. זי שפּאַרט זיך אָן אויף ברייטע פאָלקס־שיכטן און זוכט מיט זייער הילף צו שאַפן די אינסטרומענטן פון מאַכט. אַהער גייט אַריין די אַרמיי. אַהער גייט אַריין די זיכערקייט־שוץ און די מיליציע. דאָ און דאָרטן

קייקלט זיך אריין א ווערעמדיקער עפּל, א רעשטל פון אמאָל, אָבער די שטרעבונג איז צו בויען א געזונטע, אמתע דעמאָקראַטיע.

●

דאָס פירט מיך צום אינטערוויו, וואָס דער פּרעמיער איז געווען פריינטלעך מיר צו געבן.

אין משך פון די דערקלערונגען, וואָס ער האָט פאַר מיר געמאַכט, האָט דער פּרעמיער מיט צאָרן אויסגערופן:

— מיר וואָלטן שוין אפשר פּטור געוואָרן פון די באַנדיטן, ווען זיי קריגן ניט קיין הילף פון אויסלאַנד!

ער האָט אָבער מסכים געווען מיט דער דערקלערונג, וואָס מאַרשאַל זשימיערסקי האָט געמאַכט פאַר די אויסלענדישע צייטונגס־לייט (ווי איך האָב דעם פּרעמיער איבערגעגעבן), אַז די באַנדיטן ווערן ביסלעכווייז אויסגעראָטן. און דאָס האָט א דירעקטע שייכות צו דער אידישער לאַגע.

מיט באַרעכטיקטן שטאָלץ האָט דער פּרעמיער אָנגעוויזן, אַז אין פּוילן אַרעסטירט מען פאַר אַנטי־אידישע אַטאַקעס, בשעת אין אַנדערע לענדער, וואוהין אידן לויפן, טוט מען עס ניט. און דאָ האָב איך דערפילט א געוויסע ביטערקייט אין די רייד פון דעם פּרעמיער.

צו וואָס זאָל מען באַהאַלטן? צווישן די, וואָס אַגיטירן מען זאָל לויפן פון פּוילן, זיינען פאַראַן אַנטי־דעמאָקראַטישע עלעמענטן, וועמען די רעגירונג פון פּוילן געפעלט ניט. ס'איז קיין סוד ניט, אַז די שונאים פון איצטיקן פּוילן האָבן אויסגענוצט די בהלה כדי צו דיסקרעדיטירן פּוילן. עס הייסט, ס'איז ניטאָ קיין צוטרוי צו דער איצטיקער רעגירונג. די פּוילישע רעגירונג האָט אַזאַ „אָנערקענונג" ניט פאַרדינט.

דאָס זיינען אַלץ מיינע אייגענע אויספירן. דער פּרעמיער האָט מיר וועגן דעם גאָרניט געזאָגט. פאַרקערט, ער האָט — ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן — שטאָלצירט דערמיט, וואָס די רעגירונג טוט פאַר די אידן. די רעגירונג איז גרייט אויפצונעמען אידן וואָס קומען צוריק, און וועט זיי ווידער געבן א גלעגנהייט צו שטעלן זיך בויען זייער לעבן.

בין איך געזעסן און זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם פּרעמיער פון פּוילן. אין מוח האָבן מיר געקלונגען די ווערטער פון אַמאָליקע פּוילישע פּרעמיערן, — אַז אידן מוזן אַוועק... בין איך געזעסן אין דעם גרויסן און מיט געשמאַק איינגעאָרדנטן קאַבינעט פון דעם פּרעמיער־מיניסטער פון דער פּוילישער מלוכה, צוגעהערט זיך צום פּרעמיערס ווערטער, און האָב זיך ניט נאָר געזאָגט, אַז מיר האָבן א ניי פּוילן — איך האָב עס איבערגעלעבט!

# אַ נייע אידישע היים: נידערשלעזיע

שיין איז נידערשלעזיע. אַ שפּע איז אויסגעשפּרייט אויף די פעלדער, אויף די בערג, וואָס באַצירן דעם האָריזאָנט מיט אַזעלכע וואונדערלעכע אוזאָרן. טיף זיינען די וועלדער, וואָס ציען זיך אויף מיילן. פעט איז די ערד, וואָס שפּייזט מיט אַ ברייטער האַנט און וואָס שטעלט צו „שוואַרצע בריליאַנטן" — קוילן — פאַר פּוילן, פאַר פּראַנקרייך. קוראָרטן — גן־עדן ווינקעלעך — גיבן היילונג און טרייסט.

שיין איז נידערשלעזיע, די נייע אידישע היים אויף דרום־מערב פּוילן.

אַ נייע? פּונקט ווי נידערשלעזיע איז ניט ניי פאַר די פּאָליאַקן — די נידערשלעזישע ערד איז אַ פּוילישע, און איז מיט גוואַלד פאַרדייטשט געוואָרן — אַזוי איז זי ניט ניי פאַר אידן.

מיט טויזנט יאָר צוריק האָבן אידישע האַנטווערקער, אידישע ערד־אַרבעטער, סוחרים, אָנגעהויבן איינפּלאַנצן דאָ אַ לעבן. דער בית־עולם ביי ריכבאַך דערציילט אייך וועגן דורות אידן. און די געביידעס פון אַמאָליקע אידישע אינסטיטוציעס, די גרויסע שול אין מיטן ריכבאַך דער־ציילן וועגן אידיש לעבן ערשט נעכטן, איידער דער נאַצישער היישעריק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט.

ווען דער היישעריק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, איז אידיש לעבן אויף אַ ווײַלע אָפּגעווישט געוואָרן. אידישע היימען זיינען צערויבט געוואָרן, באַזעצט געוואָרן מיט „פאָלקס־גענאָסן", אָדער סתם מיט דייטשן, וועלכע האָבן נעבעך גאָרניט געוואוסט וואָס היטלער טוט מיט די אידן (אַזוי האָבן זיי געזאָגט — אָבער מען האָט ביי זיי, נאָכן זיג איבערן נאַציזם, אַנטדעקט דאָס זילבערוואַרג פון אידישע אינסטיטוציעס). איצט איז צוריק געקומען אידיש לעבן קיין נידערשלעזיע. ס'איז געקומען געזעכטיקייט קיין נידערשלעזיע.

געקומען — מיט פּיין און ליידן. אָט דאָ, אין דעם געבענטשטן נידערשלעזיע, האָט היטלער אויסגעבויט לאַגערן פאַר אידישע שקלאַפן, לאַגערן מיט שיינע נעמען: „ספּאָרט־פּלאַץ", „גראָס־ראָזען". אידישע לעבנס זיינען צעריבן געוואָרן אין די גרובן, ביים בויען דעם ברייטן אויטאָמאָביל־וועג צווישן וראָצלאַוו (ברעסלוי), ליגניץ, בערלין. און ביים

בויען אַנטי־טאַנק־גראָבנס און באַריקאַדעס זײַנען אידן אומגעקומען. ווען די רויטע אַרמיי איז אַרײַן מיט אירע טאַנקען, קאַטיושאַס און הייסע לאָזונגען וועגן פרייהייט פאַר פעלקער — רוסישע לאָזונגען, וואָס מען האָט נאָך אין 1946 און 1947 געזען אויף די ווענט — זײַנען די אידישע שקלאַפן אַרויס פון די לאַגערן און זיך געזאָגט: נעם. און די רויטע אַרמיי האָט געזאָגט: נעם. און די פּוילישע רעגירונג, ווי נאָר זי האָט איבער־גענומען די אַדמיניסטראַציע, האָט געזאָגט: נעמט צוריק וואָס ס'איז אײַערס, מיט פּראָצענט! און די אידישע שקלאַפן, וואָס זײַנען דורך דער רויטער אַרמיי אָפּגעראַטעוועט געוואָרן — צווישן זיי פינף הונדערט מיידלעך, און פיל אידן פון קאַטאָוויץ, סאָסנאָוויץ, קראָקע — האָבן גע־נומען נקמה און גענומען. און די פּוילישע רעגירונג הערט ניט אויף צו געבן.

איז גוט צו זען אין נידערשלעזיע אידן פון די נאַצישע לאַגערן, אידן וואָס זײַנען פאַרוואָגלט געוואָרן אויף טויזנטער מײַלן, אין שיינע דײַטשע שטיבער, מיט גערטנדלעך. דײַטשע? ניין, ניט אַלע מאָל. פיל פון די הײַזער זײַנען אַמאָל געווען אידישע. דאָס זילבערוואַרג, דאָס שיינע גלאָז־וואַרג, די גוטע בעטן און די באָד־צימערן, די אויטאָס און מאַיאָנטקעס — ס'איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אידיש האָב און גוטס. האָט עס איצט געקראָגן אַ תּיקון: צוריק ביי אידן. די שיינע ראַסאָווע קי אין דער גרויסער לאַנדווירטשאַפט ביי ריכבאַך האָבן פאַרביטן זייערע גרעטכען־נעמען אויף אידישע (און אידישע טעכטער וועט עס געוויס ניט פאַרדריסן).

היסטאָרישע גערעכטיקייט איז געקומען קיין נידערשלעזיע. די צייט שפּינט ווײַטער איר כשרן פאָדעם. אידיש לעבן איז צוריקגעקומען, אויב אפילו פאַר די אידן, וואָס וואוינען איצט אין דער געגנט — כמעט אַ העלפט פון אידישן קיבוץ אין גאַנץ פּוילן, אידן פון צענטראַל־פּוילן, פון מזרח־פּוילן — איז דאָס לאַנד ניי.

אָן ערך זעקס טויזנט אידישע שקלאַפן זײַנען אַרויס פון די לאַגערן און גרובן דאָ־אָ, אויף דער שיינער ערד, וואָס זיי האָבן אויסגעוויקסט מיט זייער שוויס, מיט זייערע טרערן, מיט זייער בלוט. אַנטקעגן זײַנען זיי געקומען זייערע ברידער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָבן זיך דאָרט אָנגעשלאָסן אָן די פּוילישע בריגאַדעס, וועלכע האָבן מאַרשירט זייט ביי זייט מיט דער רויטער אַרמיי, גענומען נקמה, געשטורעמט די ברעגן פון דעם אָדער, אָנטייל גענומען אין דער באַלאַגערונג פון ווראָצלאַוו (ברעסלוי). האָבן זיך אידן מיט אידן באַגעגנט

און פיל פון זיי האָבן זיך געזאָגט: דאָ בלייבן מיר, מיר האָבן דאָ אַ חלק.

אָט אַזוי זיינען אידן געקומען אין דעם שיינעם לאַנד, אין אַן אַלט־נייער היים.

●

דעם 10טן מאַי 1945, איינגאַנצן איין טאָג נאָכן סוף פון דער מלחמה, ווען אין שכנישן טשעכאָסלאָוואַקיע האָט מען זיך נאָך געשלאָגן, זיינען געשאַפן געוואָרן די ערשטע אידישע קאָמיטעטן אין נידערשלעזיע. עס ווערט איבערגעשיקט דער דעמאָקראַטישער רעגירונג אין וואַרשע אַ מעמאָ־ראַנדום, וואָס האָט געזאָגט:

„אידן, וועלכע זיינען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן פאַר׳יתומ׳ט גע־וואָרן, ווילן אָנהויבן צו לעבן אַ ניי, שעפעריש לעבן, אין אַן אייגענער, נאָענטער סביבה. דאָס אַריבערוואַרפן די אידן פון די ערטער, וואו זיי האָבן נישט די מעגלעכקייט פּראָדוקטיוו זיך אויסצולעבן — אויף די ערטער, וואו עס זיינען פאַראַן די מעגלעכקייטן פון קולטורעלן און מאַטעריעלן אויסלעבן זיך, ליגט אין די אינטערעסן פון דעם לאַנד און איז אַ געבאָט פון יושר און מענטשלעכקייט.״

אַ היסטאָרישער דאָקומענט. אין נאָמען פון יושר און מענטשלעכ־קייט איז די פּוילישע רעגירונג אַנטקעגנגעקומען די אידן מיט אַ ברייטער האַנט. דער ענערגישער און ענטוזיאַסטישער פאָרזיצער פון דעם צענט־ראַלן (וואָיעוואָדישן, גובערניאַלן) קאָמיטעט פון גאַנץ נידערשלעזיע, י. עגיט, וועלכער איז געקומען אַהער ווי אַ קעמפער אין די פּוילישע בריגאַדעס, קריגט אין וואַרשע די באַפולמעכטיקונג פון דעם אידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין פּוילן צוצוטרעטן צום בויען דעם אַלט־נייעם אידישן צענטער.

דאָס ערשטע אידישע קינד אין נידערשלעזיע איז געווען טאַקע עגיט׳ס טעכטערל, וואָס איז דריי און אַ האַלב יאָר צייט געלעגן באַהאַלטן ביי אַ פּאָליאַק, צוזאַמען מיט דער מאַמען, מיט זיידע־באָבען און אַנדערע אידן (צוועלף נפשות). איצט זיינען פאַראַן פיל טויזנטער קינדער אין די נידערשלעזישע קינדער־היימען, שולן, היימען פאַר זויג־קינדער.

ריכטיק איז אין יענעם מעמאָראַנדום אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אין נידערשלעזיע דאַרף מען באַזעצן אידן — נישט נאָר ווייל דאָס לאַנד ווערט אָפּגערייניקט פון די דייטשן, ניט נאָר ווייל דאָ האָבן אידן געשקלאַפט און געקעמפט, נאָר ווייל דאָ זיינען פאַראַן פאַר זיי מעגלעכקייטן צו ווערן

פראָדוקטיוו. אַט דאָס איז אַן עיקר־זאַך, צו אַלע מעלות, וואָס נידער־שלעזיע פאַרמאָגט.

קומט איר אַריין קיין וורצלאַוו (ברעסלוי), וואו עס געפינט זיך דער צענטראַלער (וואָיעוואָדישער) אידישער קאָמיטעט פאַר נידערשלעזיע, ווייזט מען אייך באַלד אָן אויף דער וואַגאָנען־פאַבריק, די גרעסטע אין פוילן און איינע פון די גרעסטע אין אייראָפּע: דאָ זיינען פאַראַן אַ פּאָר הונדערט אידישע אַרבעטער. אין די טעקסטיל־פאַבריקן פון ריכבאַך און בעליאַווע און אַנדערע ערטער זיינען פאַראַן נאָענט פון צוויי טויזנט אידישע טעקסטיל־אַרבעטער. אין דעם קוילן־צענטער וואַלבזשיך (וואַל־דענבורג) זיינען פאַראַן נאָענט פון אַכט הונדערט אידישע קוילן־גרעבער. עס ווערט געשאַפן אין נידערשלעזיע אַ נייער טיפּ אידישער אַרבעטער. ס׳הייסט, פיל פון די דאָזיקע אידן אין די גרונט־אינדוסטריען האָבן אָנ־געהויבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער פאַר פוילן איז דער טיפּ אידישער אַרבעטער פון אַ סך שטאַנדפּונקטן ממש אַ רעוואָלוציע, ווי אַ סך זאַכן אין דעם נייעם פוילן.

פּראָדוקטיוויזאַציע איז אַן עיקר־פּונקט אין נידערשלעזיע. ניט גע־קוקט אויף שוועריקייטן, ניט געקוקט אויף דער שווערער אַרבעט „אויס־צולעבן" די טראַדיציעס פון דעם אַלטן פוילן, אַז די גרויס־אינדוסטריע דאַרף זיין „יודענריין", און ניט געקוקט אויף יענע אידישע עלעמענטן, וועלכע רייסן אַרונטער די פּראָדוקטיוויזאַציע דורך דער פּאָליטיק פון „אַרויסנעמען" די אידן, — גייט די פּראָדוקטיוויזאַציע פאָראויס.

דאָס איז צו פאַרדאַנקען דעם ענטוזיאַזם פון אַ סך אידישע טוער און פון באַדייטנדיקע טיילן פון די פאָלקס־מאַסן פאַר נידערשלעזיע. דאָס איז צו פאַרדאַנקען די מעגלעכקייטן, וואָס דאָס לאַנד גיט.

זאָל דאָ נאָך עטוואָס דערציילט ווערן וועגן נידערשלעזיע, כדי מיר זאָלן האָבן אַ בעסערן באַגריף וועגן דעם נייעם אידישן צענטער און זיינע מעגלעכקייטן.

כאָטש די לאַנדווירטשאַפט איז דאָ שטאַרק אַנטוויקלט, און עס זיינען פאַראַן וויכטיקע צוקער־פאַבריקן, גרויסע מילן, איז די אינדוסטריע דער וויכטיקסטער עלעמענט אין דער ווירטשאַפט פון נידערשלעזיע. פאַר דער מלחמה האָט דער אינדוסטריע־צווייג פון דער ווירטשאַפט אויסגעמאַכט 35 פּראָצענט, בשעת דער אַגריקולטורעלער צווייג האָט אויסגעמאַכט 20 פּראָצענט.

די טעקסטיל־אינדוסטריע און די קוילן־אינדוסטריע פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט אין דער אַלגעמיינער אינדוסטריע פון דער געגנט. עס זיינען

אָבער פאַראַן ווינציקע מאַשינען־פאַבריקן און בכלל פאַבריקן פון מעטאַל־אויסאַרבעטונגען, גלאָז־הוטעס, פאַבריקן פון קינסטלעכן זייד, פון האָלץ־אויסאַרבעטונגען, פון קאָנסערוון און אַזוי ווייטער. דאָ האָט היטלער געהאַט קאָנצענטרירט ווינציקע צווייגן פון דער אַמוניציע־אינדוסטריע און פיל פון די געוועזענע קריגס־פאַבריקן זיינען אַריבער אויף פרידלעכער אַרבעט.

די דאָזיקע ברייטע אינדוסטריעלע באַזע און אַלס צוזאַג דער פאַקט, וואָס די דייטשן ווערן ביסלעכווייז אָפּגעריניקט פון נידערשלעזיע (דאָרט וואו מען קאָן זיי ניט פאַרבייטן, לאָזט מען זיי ניט אַרויס באַלד, נאָר מען גרייט פריער צו אַנדערע אויף זייער אָרט) שאַפט ממש אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פאַרן אידישן ישוב. און גוט האָט מען געטאָן, וואָס מען האָט די אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד צום גרעסטן טייל געפירט אַהער. ווען ניט די מעגלעכקייטן און ווען ניט דער ענטוזיאַזם און דער מסירת־נפש פון די טוער, וואָלט געקומען צו אַ קאַטאַסטראָפע. זיבעציק־אַכציק טויזנט אידן זיינען אָנגעקומען אין אַ קורצער צייט. אויפנעמען און באַזעצן אַזאַ צאָל האָט געפאָדערט אומגעהויערע מיטלען — וועלכע זיינען כמעט ניט געווען. ווען אַמעריקאַנער הילף האָט אָנגעהויבן קומען, סוף יוני (1946), איז שוין די רעפּאַטריאַציע כמעט געווען ווי פאַרענדיקט. נאָר אַדאַנק דער רעגירונג און אירע מיטלען איז אויסגעמידן געוואָרן אַ קאַטאַסטראָפע. און — אַדאַנק דעם, וואָס מען האָט געקאָנט קומען אין אַ דייטשער הויז און זאָגן: מאַכט אָרט!

דער ביטערער מאַנגל אין מיטלען האָט אָבער אויך מיטגעווירקט, אַז פיל אידן זאָלן אַוועק.

די אידן אין נידערשלעזיע קאָנצענטרירן זיך אין וורָאָצלאַוו, ריכבאַך, בעליאַווע, וואַלבזשיך, ליגניץ, קלאָדזק, יעלענאַ גורא. דאָס זיינען אינדוסטריעלע צענטערן. אָבער אידן וואוינען אין 43 שטעט און שטעטלעך פון נידערשלעזיע — אויפן לאַנד, אַרום די קוראָרטן.

ריכבאַך פאַרמאָגט קאָמפּאַקטע אידישע קוואַרטאַלן, וואו עס קלינגט שפּעט ביינאַכט דאָס אידישע ליד, וואו מען שפּילט אידיש טעאַטער און וואו די אידישע קולטור האָט שוין געשלאָגן וואָרצלען. עס גייט אַרויס אַ אידישע צייטונג אין נידערשלעזיע. עס איז דאָ אַ ברייטע נעץ אידישע שולן, קולטור־הייזער, ביבליאָטעקן, קולטור־זאַלן, דראַמאַטישע קרייזן, אַ באַוועגלעכער פאָלקס־אוניווערסיטעט, אַ אידישער טעאַטער. עס איז דאָ אַ ברייטע נעץ קאָאָפּעראַטיוון. די ווענט פון ריכבאַך און אַנדערע ערטער זיינען פול מיט אידישע אַפישן וועגן פאָרשטעלונגען, רעפעראַטן, אַרויס־

טרעטונגען פון געסט און אזוי ווייטער. א שטיק אידיש לעבן פון דעם אַלטן פוילן, געזונט אידיש לעבן, איז אין נידערשלעזיע אויפגעשטאַנען תחית המתים... די וואָס בויען דאָס דאָזיקע לעבן פאַרדינען אונדזער ברכה און אונדזער קאָאָפּעראַציע.

נאָר לאָמיר זיך אַוועקלאָזן אויף א רייזע איבער די שטעט און שטעטלעך פון דער נייער אידישער היים.

# ווראָצלאַוו

ווראָצלאַוו איז די גרעסטע שטאָט און הויפּט־שטאָט אין נידער־שלעזיע. שוין פון עראָפּלאַן, וואָס האָט אונדז אין אַנדערהאַלבן שעה צייט געבראַכט פון וואַרשע, האָט מען געקאָנט זען, אז די געוועזענע ברעסלוי, ביים טייך אָדער, איז באמת טאַקע א געוועזענע, א סקעלעט פון אַן אמאָליקער גרויסער שטאָט.

דער פלי־פעלד האָט באַגעגנט מיט צעשמעטערטע געביידעס פון איין זייט און אויפגעראַמטע הייזער מיט רוסישע לאָזונגען פון דער אַנדערער זייט, לאָזונגען פון פאַרגאַנגענעם ערשטן מאַי, לאָזונגען וועגן פעלקער־פריינטשאַפט, און — דער באַקאַנטער פּסוק פון סטאַלינס קאָמוניקאַטן און רעדעס: א טויט דעם דייטשן פאַשיזם! דער אריינפאָר אין שטאָט זאָגט עדות, אז די ווערטער האָבן געהאַט גאָר וואַזשנע קראַפט הינטער זיך.

איר געדענקט די מלחמה־קאָמוניקאַטן וועגן דער געוועזענער דייטשער שטאָט ברעסלוי? 85 טעג האָט מען זיך דאָ געשלאָגן. 85 טעג! די רויטע אַרמיי איז שוין געווען אין בערלין און דאָ האָט מען זיך נאָך געשלאָגן. וואָס האָט עס באַדייט פאַר דער שטאָט? א חורבן, וואָס דער־מאָנט אָן דעם חורבן וואַרשע.

איר פאָרט אריין אין שטאָט איבער צעבראָכענע בריקן, דורך רייען צעשמעטערטע הייזער און טראָטואַרן. דאָ און דאָרט זעט איר נאָך דעם אויפשריפט פון עפּעס א „שטראַסע". עס לאָזן זיך מערקן שלעכט אויס־געמעקטע דייטשע שילדן. און — דייטשן.

עס איז אייך מקבל־פּנים א לאַנגע שורה דייטשן, מיט שטופּ־וועגעלעך, שלעפּ־וועגעלעך. פאַמיליעס דייטשן ציען זיך אזוי מיט זייערע בעבעכעס איבערן ברוק פון גאַס, נאָענט צום אַנטקעגנדיקן טראָטואַר, ציען זיך צו דער באַן. דאָס געזעגענען זיי זיך אזוי מיט נידערשלעזיע. א פאַמיליע קאָן מיטנעמען מיט זיך אזויפיל, וויפיל זי קאָן ארויפלייגן אויף א וועגעלע, טראָגן אויף די אַקסלען. מער נית.

דאָס איז אַ טאָג־טעגלעך בילד אין וראָצלאַוו, די געוועזענע ברעסלוי, וואו עס האָבן פאַר דער מלחמה געלעבט העכער זעקס הונדערט טויזנט איינוואוינער, די מערהייט דייטשן. פון די דריי און אַ האַלב מיליאָן איינ־וואוינער אין נידערשלעזיע זיינען צוויי מיליאָן געווען דייטשן. טראָגן זיי זיך אָפּ — פּאַמעלעך, ביסלעכווייז, לויט דער ריי.

דער פּראָצעס פון אָפּרייניקן די געגנט פון דייטשן גייט אָן כסדר.

דאָס הארץ ווערט מיר ניט צעבראָכן קוקנדיק אויף די דייטשע פאַמיליעס, וואָס ציען זיך צום באַן. זיי אַליין זיינען ניט קיין צעבראָכענע פּליטים, פּליכטלינגען. איבער זייערע קעפּ פליען ניט קיין „שטוקאַ“־עראָפּלאַנען מיט היהשן קוויטש און העלישן פייער. דער וועג זייערער איז ניט פאַרלייגט מיט טויטע קינדער און זקנים. זיי לויפן ניט הוילע, נאַקעטע. מען לאָזט זיי מיטנעמען וויפיל זיי קאָנען, און זיי שטופּן, אָדער שלעפּן די וועגעלעך פּאַמעלעך, ניט געאיילט.

ניין, דאָס הארץ ווערט מיר ניט צעבראָכן קוקנדיק אויף זיי. פאַר־קערט, עס פאַרדריסט, וואָס די דייטשן קוקן ניט אויס אַזוי געשלאָגן און דערשלאָגן, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין.

דערפאַר אָבער איז די שטאָט געשלאָגן, צעדריקט פון 85 טעג „קאַטיושאַס“ און „שטורמאָוויקעס“. און אפשר דאָס מונטערט די דייטשן: זיי לאָזן איבער אַ סקעלעט, ניט קיין שטאָט.

דער אונטערשייד פון וואַרשע ביז וראָצלאַוו איז, וואָס בשעת די וואַרשעווער הייזער זיינען אויפגעריסן געוואָרן פון אונטן, מיט דינאַמיט, און אָפט צעשאָסן געוואָרן אויף שטיקער און שטיקלעך (ס׳הייסט, די הייזער וואָס זיינען פריער ניט חרוב געוואָרן פון באָמבאַרדירונגען), איז ברעסלוי דער עיקר „אויפגעגעסן“ געוואָרן פון פייערן. ציען זיך גאַסן נאָך גאַסן מיט אויסגעברענטע סקעלעטן.

מיר קומען צו צו אַן „אינזעלע“ פון עטלעכע קוואַרטאַלן גאַנצע הייזער. דאָ געפינט זיך די גאַס פון דער אַמאָליקער אידישער געמיינדע אין אַמאָליקן ברעסלוי. די געביידעס זיינען גאַנץ און זיי זיינען אריבער צו די אידן. דאָ געפינט זיך דער וואָיעוואָדישער (צענטראַלער) אידישער קאָמיטעט פאַר גאַנץ נידערשלעזיע, דער אידישער קאָמיטעט פון וראָצ־לאַוו, די רעליגיעזע געמיינדע, אַ פאָלקס־קיך, אַ שול צום דאַוונען. דאָ האָט די רעליגיעזע געמיינדע אויסגעבויט אַ מקוה אפילו...

מאַסן אידן, וואָס זיינען נאָר־וואָס געבראַכט געוואָרן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, לעבעדיקע פּוילישע אידן, האָבן מיר געטראָפן אויף דער גאַס, אויף די טרעפּ פון די געביידעס, אין גרויסן הויף, אין די קאָרידאָרן, ביי

די „פענצטערלעך", וואו מען קריגט הילף, אינפאָרמאַציע און וואָס ניט. אידן האָבן געדאַרפט דירות, אַרבעט, געזוכט קרובים.

קודם האָט מען זיך רעגיסטרירט. דערווײַלע האָט מען זיך נאָכגעפרעגט, צי עס איז ניטאָ דער און דער, די און די. איז מען אָפט געוואָר געוואָרן: יאָ, פאַראַן, טאַקע אין וורעצלאַוו! אָדער — אַוועקגעפאָרן אין דעם און דעם שטעטל זיך צו באַזעצן. איז געלאָפן אַ מאַן זוכן ווייב און קינד, אַ קינד — אַ טאַטן, אַ מאַמען. געמיינט, אַז זיי לעבן ניט... די סצענעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט, ווען מען האָט זיך געפונען, קאָן מען זיך קוים פאָרשטעלן. איך האָב געזען אַ פּאָר אַזעלכע סצענעס.

●

נאָך דער פייערלעכער זיצונג אין פרעזידיום פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט, כאַפּט מען זיך אַרוים אַ קוק צו טאָן אויף דער שטאָט.

אַ פּרעכטיקע שטאָט איז עס געווען. אויף די גאַסן און סקווערן פון צענטער ציען זיך ריזיקע, גלייכמעסיקע געביידעס, געבויט אין פאַרשיידענע סטילן. די מאָדערן־געבויטע געביידע פון אוניווערסאַל־געשעפט (דעפּאַרטמענט־סטאָר) „אוואַג" ציט זיך אויף אַ גאַנצן קוואַרטאַל. אָבער די גאַסן און סקווערן זיינען פוסטע אין מיטן העלן טאָג, ווייל די געביידעס זיינען — „לאַמטערנעס", פון אינעווייניק אויסגעברענטע סקעלעטן, דאָ און דאָרט צעשאָסענע פון אַרטילעריע. דער פינף־שטאָקיקער „אוואַג" קוקט אַרוים מיט ברייטע, מאָדערנע, אויגן־לעכער...

עטוואָס אָפּגערוקט פון צענטער זיינען געבליבן דאָ און דאָרטן גאַנצע הייזער. דער עיקר זיינען זיי געבליבן אין די פאָרשטעט.

מיר פאָרן צו צו אַ פאַרמאַכטן הויף. פון אינעווייניק, אַרומגערינגלט מיט אַ גאָרטן, שטייט אַ גרויסע גאַנצע געביידע. אַמאָל איז עס געווען אַ הויז פאַר שטורעם־טרופּערס. איצט איז דאָ אַ אידישע קינדער־שול.

אָבער די אַרבעט פון די שטורעם־טרופּערס זעט זיך אָן. מיר שטעלן אָפּ אַ אינגעלע, לייב גלאָבער, וואָס קוקט אויס צו זיין זיבן יאָר אַלט. ערשט ער איז אַלט עלף יאָר. צווישן די 125 קינדער, וואָס מיר האָבן געטראָפן אין דער קינדער־היים (ס'איז געווען וואַקאַציע־צייט און די שול האָט ניט פונקציאָנירט), זיינען געווען אַ סך אַזעלכע, פיזיש ניט־אַנטוויקלטע, און מייסטנס יתומים.

אויף אַן אַנדער גאַס, וואָס פאַרמאָגט צוויי־דריי גאַנצע הייזער, איז אין איין הויז אַ בייטאָגיקע היים פאַר אַכציק אידישע קינדערלעך, וועמענס עלטערן עס זיינען ביי דער אַרבעט, אָדער האָבן נאָך ניט קיין געהעריקע

דירות. עסן איז דאָ גענוג — פון דער רעגירונג, פון דזשאָינט — אָבער מיט קליידער און שיכלעך איז ניט גוט. און מען דערציילט אונדז די געוויינלעכע געשיכטע וועגן די אַמעריקאַנער שמאַטעס, מיט וועלכע עס זיינען פול די שפּיכלערס...

מיר זעען אַ קאָאָפּעראַטיוו פון העבער פּופּציק שניידער און היטל־מאַכער. עס פעלט נאָך געצייג, מאַשינען, ס'איז ניטאָ גענוג רוי־מאַטעריאַל, ניטאָ קיין קאַפּיטאַל אויף אינוועסטירן. אָבער אידן ווילן אַרבעטן. מיר זעען אַ קאָאָפּעראַטיוו פון באַרבערס — ווידער דאָס אייגענע: עס פעלט געצייג, שטולן. מיר באַזוכן אַ היים פאַר יוגנט, וואָס לערנט זיך אַ פאַך, וואָס שטודירט. אַ שיינע, מחיהדיקע יוגנט, וואָס מען דאַרף העלפן אַנטוויקלען! דאָ זע איך עטוואָס פון די שוואַכע אָנהייבן פון „אָרט" אין פּוילן.

דער שטאָלץ פון אידישן ווראָצלאַוו — ס'הייסט פון די עלעמענטן, וואָס ווילן פּראָדוקטיוויזירן די אידן — זיינען די אַרום צוויי הונדערט אידישע אַרבעטער אין דער אָרטיקער וואַגאָנען־פאַבריק, איינע פון די גרעסטע אין גאַנץ אייראָפּע.

דער פּראָצעס פון אוועקשטעלן אידן אויף אַרבעט איז ניט קיין גרינגער, צוליב אַ סך סיבות. פיל אידן, וואָס האָבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געמוזט אַרבעטן, גיט עס אַ צי צו דער אַלטער פּרנסה: אַרויסגיין אין מאַרק... בפרט נאָך ווען דער אַרבעטער פאַרדינט ווייט ניט גענוג, ער זאָל זיך קענען באַלד איינאָרדענען, באַקליידן זיך, פון זיינע פאַרדינסטן. בפרט נאָך ווען עס קומט אויס צו באַקעמפן אויך אַנדערע טראַדיציעס, צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג, די ירושה פון אַמאָל, אַז אידן טאָרן זיך ניט געפינען אין דער גרויס־אינדוסטריע. אין נידערשלעזיע איז גרינגער צו באַקעמפן די טראַדיציעס, ווייל דאָס אַרויסשטויסן פון די דייטשן מאַכט אָרט פאַר אַרבעטער, אָבער פאַנדן פאָדערן זיך צו העלפן אידן ווערן אַרבעטער, זיין אין קאָאָפּעראַטיוו.

●

מיר זיינען צוריק אין קאָמיטעט. עס שווינבלט און גריבלט פון מענטשן. און עס פאַרשטייט זיך, אַז „אַמעריקאַנער געסט" רינגלט מען באַלד אַרום. יעדערער האָט אַ קרוב אין אַמעריקע. פיל רופן אָן דעם נאָמען פון קרוב און פרעגן, צי איר קענט אים ניט. אַנדערע נעמען אַרויס אַדרעסן. די וואָס קאָנען ווייזן בריוו פון אַמעריקע, זיינען גליקלעכע. ווער שמועסט נאָך אַזעלכע, וואָס האָבן אַפידעיוויטס! (עס זיינען דאָ אין פּוילן

פיל טויזנטער אידן מיט אַפידעיווויטס פון קרובים אין אַמעריקע, גענוג אויף אויסצונוצן די פּוילישע קוואָטע, בלויז פאַר זיי אַליין, אין משך פון עטלעכע יאָר... אַ סך יאָרן...).

עס הענגען פיל צעטלעך: אידן זוכן זיך. עס הענגען פּלאַקאַטן. עס ווערט אַנאָנסירט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. עס ווערן אַנגעזאָגט רעפעראַטן, פאַרזאַמלונגען פון פאַרשיידענע פּאַרטייען.

דער פּאָרזיצער פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט און די פּאָרזיצער פון אַ ריי אָרטיקע קאָמיטעטן אין נידערשלעזיע זיינען פּע־פּע־ער׳אָווצעס און אונטער זייער אָנפירונג פאַרנעמען זיך די קאָמיטעטן מיט בויען קינדער־שולן, יוגנט־היימען, היימען פאַר זקנים, קאָאָפּעראַטיוון; מיט איינ־אָרדענען אידן אין די פאַבריקן. אין פיל פון די אינסטיטוציעס געפינען זיך אויף פירנדיקע פּאָזיציעס טוער פון כמעט אַלע ריכטונגען. מען טוט קולטור־אַרבעט. פאַר אונדזער קומען איז אין דער גרויסער אָפּערע־הויז פון אַמאָליקן ברעסלוי, וועלכע איז געבליבן גאַנץ, פאָרגעקומען אַ שלום עליכם־אָוונט. אַ פּרץ־אָוונט איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ גרויסן פאַרנעם. עס זיינען דאָ לייען־זאַלן, עס בויט זיך די ביבליאָטעק (ביכער זיינען נויטיק!). עס קומען פאַר ביאַליק־אָוונטן. עס טרעטן אויף דראַמקרייזן. באַלד וועט דאָ, אין ווראָצלאַוו, באַפעסטיקט ווערן אַ שטענדיקער אידישער טעאַטער פאַר גאַנץ נידערשלעזיע. עס גייט אַרויס אַ מאָנאַטלעכע אידישע צייטונג אויף פּויליש „נאָווע זשיטשיע" (ניי לעבן) און אַ אידישע צייט־שריפט: „נידערשלעזיע".

ווראָצלאַוו איז אַ פאַרהעלטניסמעסיק נייער פּונקט. דער אָנגעקומענער עולם האָט, בשעת אונדזער באַזוך, זיך נאָך געדאַרפט „אָפּשטיין", צובינדן זיך צו עפּעס. דאָס וואָס די שטאָט איז חרוב, איז ניט אַזוי גוט. דאָס שאַפט ניט די בעסטע לאַגע אויף באַפעסטיקן אַ ישוב. וויכטיקער אין דעם פּרט זיינען שוין די ישובים אין נידערשלעזיע, וואָס האָבן שוין הינטער זיך אַ לענגערע געשיכטע פון אידיש לעבן, ווי ברעסלוי.

דער וויכטיקסטער ישוב איז — ריכבאַך.

# ריכבאַך און פּעטראָליעשיצע

ריכבאַך, וואָס האָט אַמאָל געהייסן רייכענבאַך, איז דאָס האַרץ פון דער אידישער נידערשלעזיע. פאַרוואָס? ווייל ניט ווייט פון שטאָט זיינען געוועזן די לאַגערן פון אידישע שקלאַפן? ווייל די דאָזיקע אידן, נאָכדעם ווי די רויטע אַרמיי האָט זיי באַפרייט, האָבן אין דעם שיינעם, ניט צע־

שטערטן ריכבאַך, זיך געקאָנט נעמען באַקוועמע דייטשע הייזער (דאָס הייסט, געוועזענע אידישע הייזער) און זיך באַזעצן אין זיי? און אפשר טאַקע דערפאַר איז ריכבאַך דאָס הארץ פון דער אידישער נידערשלעזיע, ווייל דאָס איז אַ שטעטל אַ געשמאַקס, אַ מחיהדיקס, וואָס קאָמבינירט אין זיך סיי דאָס אידילישע און נאַאיווע פון דעם אַמאָליקן אידישן שטעטל און סיי דאָס גרויס־שטאָטישע, די הויכע אַנטוויקלונג פון נידערשלעזיע?

אָדער גאָר אפשר דערפאַר, ווייל ריכבאַך האָט אַזאַ אַלטן און טשיקאַוון אידישן בית־עולם און אַ גרויסע שול מיט הויכע פענצטער אין סאַמע מיטן שטאָט?

ווי דאָס זאָל ניט זיין — מען רופט ריכבאַך די „ווילנע פון נידער־שלעזיע", „ירושלים פון נידערשלעזיע", „תל־אביב", ווי עמעצן פאַלט איין. דער עיקר איז איינס: ריכבאַך גנבעט זיך אריין צו אייך אין הארצן, ווי נאָר איר פאָרט אריין און איר דערזעט דאָס אידישע קולטור־הויז, און די געביידע פון אידישן קאָמיטעט (עפּעס אַ גרויסער דייטשער פריץ האָט אין דעם שיינעם הויז געוואוינט), אַנטקעגן דער גרויסער שול, — מיט אידן און נאָך אידן אויף די טראָטואַרן, אין מיטן גאַס; אידן פון די לאַגערן, אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד; שוין־איינגעאָרדנטע אידן, פיין אָנ־געטאָן; נאָך ניט קיין איינגעאָרדנטע, אין נעבעכדיקע בגדים. דער עיקר — לעבעדיקע פּוילישע אידן!

נאָר די רייזע קיין ריכבאַך טאָר ניט געמאַכט ווערן בחפזון, אין איילעניש. ס'איז אַ צו שיינע רייזע, מען זאָל פון איר גיך אַנטלויפן.

די זעכציק קילאָמעטער (אַן ערך פערציק מייל) פון וורואַצלאַוו קיין ריכבאַך ציען זיך דורך מאָלערישע לאַנדשאַפטן, מיט זאַטע פעלדער, גערטנער, סעדער, מיט באַרגיקע האָריזאָנטן פוןביידע זייטן, וועלכע אַנט־פּלעקן אַלע מאָל ווינקלען, וואָס זיינען אַ חיות פאַרן אויג און פאַרן הארצן. ס'איז נידערשלעזיע!

שוין ביים ארויספאָרן פון וורואַצלאַוו הויבט זיך אָן דער שיינער גלאַטער וועג. אָבער — האַלט! — פאַרגעסט ניט ווי אַזוי דאָס איז אָנגעקומען!

ניט ווייט פון וורואַצלאַוו זעט איר אַן אָפּגעצאַמטן שטח מיט אַ טויער, וואָס פאַרמאָגט אויף זיך צוויי טאַנקען סאַמע אויבן, פון ביידע זייטן. דאָס איז אַ בית־עולם פאַר געפאַלענע רויט־אַרמייער — די וואָס האָבן געשטורעמט די אַמאָליקע ברעסלוי. אַ גרויסער בית־עולם... אינמיטן — אַ הויכער מאָנומענט מיט אַ רויטן שטערן פון אויבן.

לזכר עולם! מען זאָל ניט פאַרגעסן ווער עס האָט באַצאָלט דעם העכסטן געצאָלט!

פאַרטראַכטע, מיט אַ נייעם גלאַנץ אין די אויגן, פאָרן מיר ווייטער.

דאָס לעבן איז שטאַרקער. דער וועג, די לאַנדשאַפט, שטילן איין, פאַנגען אייך. און דער ענערגישער, ענטוזיאַסטישער פּאָרזיצער פון צענטראַלן (וואָיעוואָדישן) נידערשלעזישן קאָמיטעט, י. עגיט, וועלכער פּאָרט אין דער מאַשין, דערציילט „ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט", ווי אַזוי אידן זיינען אַרוים פון די לאַגערן און האָבן זיך געזאָגט: דאָ מאַכן מיר אונדזער היים.

די שעה צייט — וואָס עס דויערט פון וורָאָצלאַוו קיין ריכבאַך — גייט פאַרביי זייער גיך. אָט הויבט זיך שוין אָן דער אַריינפאָר.

ס'איז אַן אמתער דרך־המלך. אַ לאַנגע־לאַנגע אַליע שטעלט פאָר מיט זיך דער וועג ביים אַריינפאָר קיין ריכבאַך. פון ביידע זייטן — צוויי זייער לאַנגע רייען גלייכמעסיק־אויסגעשטעלטע מאַסיווע ביימער מיט ברייטע, געדיכטע קרוינען, ווי צו אַ פּייערלעכן פּאַראַד.

ריכבאַך. אויפגעראַמטע איין־שטאָקיקע, צוויי־שטאָקיקע, געמויערטע הייזער, מיט גערטלעך צום פראָנט, אָדער אין הויף. עס באַווייזט זיך אַ ברייטער פּלאַץ, אַ פיר־עקיקער, ווי אַ מאַרק־פּלאַץ אין אַמאָליקן שטעטל, אָבער ס'איז פאָרט ניט קליינשטעטלדיק. די הייזער און קראָמען אַרום זיינען ווי פון אַ מיטלמעסיקער שטאָט.

די מאַשין פאָרט ווייטער און דאָס אויג גיט אַ כאַפּ־אויף אַ אידישן נאָמען אויף אַ שילד איבער אַ קראָם. באַלד זיינען מיר אין אַ לאַנגער שמאָלער גאַס, מיט אידן אויף די טראָטואַרן. איר דערזעט די אידישע ווערטער: „קולטור־הויז". די מאַשין שטעלט זיך אָפּ ביים עק, וואו עס שניידט דורך אַן אַנדער גאַס. אויף איין ראָג איז אַ רויט, געמויערט צוויי־שטאָקיק הויז, מיט באַלקאָנען, ווינקל־שטיבלעך, געזימסן, פענדלעך, אַרומגענומען מיט אַ גאָרטן און אַרומגעצאַמט מיט אייזערנע שטאַכעטן. דאָס איז דער אידישער קאָמיטעט. (שפּעטער האָט י. עגיט דערקלערט די זאַך זייער פּשוט. ער איז אין מאַי 1945 אַריין אין ריכבאַך, אויסגעקליבן זיך דאָס שענסטע דייטשע הויז און געזאָגט: דאָס איז עס! דאָ וועט זיין דער קאָמיטעט! און מען האָט דאָ איינגעשטעלט דעם צענטראַלן אידישן קאָמיטעט פאַר נידערשלעזיע. דאָ איז דער קאָמיטעט געווען ביז מיטן זומער 1946, ווען ער איז אַריבער קיין וורָאָצלאַוו. געבליבן איז דער לאָקאַלער אידישער קאָמיטעט פון ריכבאַך און אומגעגנט.)

אויפן אַנדערן ראָג, אַנטקעגן דעם קאָמיטעט, איז די גרויסע שול.

און אינצווישן — אַ מאַסע אידן, קיין עין־הרע. דאָס אָנקומען פון די „אַמעריקאַנער דעלעגאַטן" (ר. זאַלצמאַן און איך) האָט געבראַכט אַהער אַ גרעסערן עולם ווי געוויינלעך.

מיר ווערן איינגעקוואַרטירט אין י. עגיט'ס וואוינונג, באַלד דערנעבן. די דייטשן האָט מען, אין מאַי 1945, געהייסן מוחל זיין פון דאַנען און דאָס הויז מיט פיר צימערן און אַ קיך, מיט אַ באַד־צימער, מיט שיינע מעבל, געשיר, גלאָזוואַרג, און בכלל הויז־מכשירים, וואָס אַמאָל־אַמאָל האָט עס געהערט צו אידן, איז ווידער אין אידישע הענט (אַזוי אַ סך הייזער אין נידערשלעזיע). איז גוט צו זיצן אין די ווייכע שטולן ביי די אָפענע פענצטער, וואָס גייען אַרויס פונקט אַנטקעגן דעם גאָרטן ביי דער גרויסער שול, אויף דער אַנדער זייט גאַס, און באַטראַכטן די פאַרבייגייער, און וואַרפן אַן אויג אין דעם ווינקל, וואו עס געפינט זיך די געביידע פון קאָמיטעט.

די „אַמעריקאַנער געסט" אינטערעסירט כסדר „ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט" און „וואו איר זייט געווען בשעת...". דערציילט די שיינע, האַרציקע און גאַסטפריינטלעכע קלאַראַ עגיט, ווי אַזוי זי איז דריי און אַ האַלב יאָר געווען באַהאַלטן ביי אַ פּאָליאַק. דריי און אַ האַלב יאָר, צו־זאַמען מיטן מיידעלע, מאַרושיאַ, וואָס דרייט זיך איצט אַרום אין שטוב, צוזאַמען מיט אַלטע טאַטע־מאַמע, און נאָך אַנדערע, — צוועלף אידן זיינען זיי געווען באַהאַלטן ביי אַ פּאָליאַק אין באָריסלאַוו, גאַליציע. צוועלף מענער און פרויען, מייסטנס פרויען, און אַ קינד, זיינען דריי און אַ האַלב יאָר געווען אין איין צימער — און אַ שאָרך האָט זיך ניט געטאָרט הערן פון זיי, כדי די שכנים זאָלן זיך ניט דערוויסן. שכנים פון זעלביקן הויז! זיי, די שכנים, פלעגן גראָד יאָ הערן, און ווען זיי פלעגן באַקן ברויט, פלעגן די אידן לאַנג שטיין ביי די שפּאַרונעס און שמעקן דעם ריח פון פרישן ברויט און אָפּקומען מיט אַ מאָלצייט...

איינמאָל זיינען ס. ס. באַנדיטן אַריין אין הויז, זוכן אין די צימערן, מיט געשרייען: „דאָ זיינען פאַראַן אידן!" די צוועלף נפשות, מיט אַ קינד פון דריי און אַ האַלב יאָר, מיט זקנים, זיינען געשטאַנען הינטער אַן אַלמער און זיך צוגעהערט ווי די באַנדיטן זוכן, און קיין שאָרך האָט ניט געטאָרט קומען! ס'קינד האָט געוואוסט און איינגעהאַלטן דעם אָטעם!

און איינמאָל, ווען די רויטע אַרמיי איז שוין געווען אין שכנישן דראָהאָביטש, זיינען, שפּעט אין אָוונט, אַריין דייטשע באַנדיטן. קלאַראַ האָט נאָך געהאַט באַוויזן אַרונטערצושטופּן אַלע צוועלף אידישע נפשות

הינטערן אַלמער, אָבער אַליין איז זי געבליבן מיט די ס. ס. לייט. זי האָט זיך געמאַכט פאַר אַ פּוילישע און דערביי האָט זי געהערט, ווי הינטערן אַלמער ווערט זיך די מאַמע און וויל אַרויסגיין (אויב זיי נעמען קלאַראַן, וויל זי אויך מיטגיין!). די באַנדיטן זיינען געווען טויט־מיד, געשריען „שלאָפן" און די „פּוילישע" קלאַרא האָט „קוים" פאַרשטאַנען, וואָס זיי זאָגן אויף דייטש און זיי אָנגעוויזן, וואו זיי קאָנען זיך אַוועקלייגן. אַליין איז זי באַלד אַרויס פון הויז, זיי זאָלן ניט דערזען איר ווייס־בלאַסן אויס־געצערטן פּנים און די פאַרשוואָלענע אויגן. דרויסן איז זי אַרויף אויפן דאַך, אַריין אין בוידעם און פון דאָרטן געלאָזט וויסן די אייגענע, דורכן באַלקן, אַז זי איז דאָ.

ווען קלאַרא האָט דערציילט איר געשיכטע, און ווען עגיט האָט דער־ציילט וועגן זיין מאַרש מיט דער פּוילישער און רויטער אַרמיי, וועגן זיין אָנקומען קיין באָריסלאַוו, וואו ער האָט געטראָפן ווייב און קינד, האָט אַ דייטשקע אָנגעקלאַפּט אין טיר. זי וויל וויסן צי זי דאַרף מאָרגן קומען ראַמען דאָס הויז — ראַמען דאָס אידישע הויז... מיר האָבן באַשיינפּער־לעך דערפילט, אַז מיר זיינען אין דער באַפרייטער נידערשלעזיע...

איז געשמאַק געווען צו זיצן ביים פענצטער און קוקן אויפן זון־אונטערגאַנג אין ריכבאַך. איז געשמאַק געווען צו גיין צו דער פאַרזאַמלונג, טרעפן זיך מיט די ריכבאַכער אידן.

פון אַלע זייטן האָט מען זיך געצויגן צום קולטור־הויז, אָבער מער קיין מענטשן האָבן שוין ניט געקאָנט אַריין. אינעווייניק, אין גרויסן זאַל, איז געווען קאָפּ אויף קאָפּ. דער אָוונט איז געווען אַ הייסער, אין זאַל האָט ממש געברענט. אַלע האָבן געפּאַכעט מיט צייטונגען, מיט טיכלעך, אָבער קיינער האָט זיך ניט גערירט. מ'האָט אויסגעהערט די געסט און דערנאָך דאָס פיינע שפּילן פון דעם סטרונע־קוואַרטעט ביים קלוב, די רעציטאַציעס און דאָס געזאַנג פון די אַרטיקע קרעפטן, פון דראַמקרייז און געזאַנג־קוואַרטעט.

דער זאַל איז געווען אויסגעצירט מיט די בילדער פון מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, שלום אַש, און מיט לאָזונגען.

ס'איז געווען שפּעט ביינאַכט ווען דער עולם האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן פון ריכבאַך. עס האָבן זיך דערהערט אידישע לידער.

אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, האָט גערוישט דאָס דאַוונען פון דער שול אַנטקעגן.

מיר זיינען אַוועק איבער די קאָאָפּעראַטיוון, באַזוכט די יוגנט־היים און די טעקסטיל־פאַבריק וואו זיי אַרבעטן, געזען אַנדערע אינסטיטוציעס.

די העכער צען טויזנט אידן אין ריכבאַך פאַרמאָגן קאָאָפּעראַטיוון, קינדער־היימען, קינדער־שולן. עס איז פאַראַן אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל, וואָס געפינען זיך אין קולטור־הויז, וואו עס זיינען קאָנצענטרירט אַלערליי קולטור־טעטיקייטן. עס זיינען אויך פאַראַן אַ ריי קלובן פון די אידישע פּאַרטייען.

●

איינע פון די שענסטע קינדער־היימען אין גאַנץ פּוילן איז די היים אין באַצויבערנדיקן ווינקל צווישן די בערג אין ריכבאַכער געגנט, פּעטראָ־ליעשיע (אַמאָל — פּעטערסוואַלד). די אַרום 125 אידישע קינדער, וואָס געפינען זיך דאָ, קינדער פון די בונקערס, פון די פּוילישע יתומים־הייזער, אויך געבראַכטע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן געקראָגן פון דער רעגירונג אַ רייכן מאַיאָנטעק. די גרויסע דריי־שטאָקיקע געביידע פאַרמאָגט ליכטיקע שלאָף־צימערן, עס־זאַל, לייען־צימערן, צימערן אויף צוגרייטן לעקציעס, אַ מאָדערנע קיך, באָד־צימערן. אין דער ווירטשאַפט געפינען זיך ציגן, קראָליקעס, בהמות, פערד. דאָס לאַנד אַרום (32 העקטאַר) ווערט באַ־אַרבעט מיט דער הילף פון די עלטערע קינדער. עס איז אַ גרויסע פרייד געווען אָנצוקוקן די אינסטיטוציע — וועלכע הייסט איצט: קינדער־היים פון אידישן פאָלקס־אָרדן אויפן נאָמען פון דר. יאַנוש קאָרטשאַק (דער באַרימטער אידישער קינדער־דערציער פון וואַרשע, וועלכער האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיט די קינדער און איז מיט זיי צוזאַמען אַוועק צום טויט). דאָ האָבן מיר געטראָפן לערערינס, דערציערינס, קעכינס, מיט נומערן פון אַשווענטשים אויף די אָרעמס. צווישן די קינדער, קיילעכדיקע יתומים, האָבן מיר געטראָפן אַ מיידעלע, וואָס האָט ניט קיין נאָמען (מען רופט זי: „דאָראָטי ען”). בשעת דער מלחמה האָט אַ פּוילישע „באַרעמהאַרציקע שוועסטער” געפונען דאָס מיידעלע אויף אַ פעלד, מיט אַ דורכגעשאָסן פיסל. זי איז דעמאָלט אַלט געווען אַ אָנדערהאַלבן יאָר...

האָט איר זיך געזאָגט: אַזעלכע קינדער קומט אַזאַ שיינע נעסט אין די בערג פון נידערשלעזיע!

עס האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם פון דער מאַלערישער לאַנדשאַפט אַרום, און — פון די שיינע, שטיפנדיקע קינדער.

אָנגעזעטיקטע מיט איינדרוקן זיינען מיר געפאָרן צוריק קיין ריכבאַך, כדי אויף מאָרגן צו פאָרן צו די טעקסטיל־אַרבעטער אין בעליאַווע און צו די קוילן־גרעבער אין וואַלבזשיך, און — אַ קוק טאָן אויף אידן, וואָס באַאַרבעטן די ערד.

# קוילן־גרעבער און טעקסטיל־אַרבעטער

וואָס אַזוינס האַלט איך אין אַ געהויבענער שטימונג, ווען איר פאָרט איבער נידערשלעזיע? איז עס דאָס שיינע לאַנד? איז עס די פרייד צו זען אידישע האַרעפּאַשניקעס — קוילן־גרעבער, טעקסטיל־אַרבעטער, פאַרמער? איז עס די פרייד צו זען קינדער פון די בונקערס, וואָס קומען צום לעבן, וואָס קוקן אויס אַזוי שיין און בליענדיק?

אַלץ צוזאַמען, אַפּנים. זעצן מיר פאָר אין אַ געהויבענער שטימונג אונדזער רייזע איבער די אידישע ישובים פון נידערשלעזיע.

נאָר מיר זיינען נאָך ניט פאַרטיק מיט ריכבאַך. אַלץ האָבן מיר דאָרט ווייט ניט באַוויזן צו זען, לאָמיר כאָטש ניט פאַרפעלן צו זען אַ אידישע פאַרם.

אַ שיינע, גרויסע אידישע פאַרם. דער פאַרוואַלטער, וועלכער איז טיילוויז אייגנטימער (די אַרבעטער קריגן ביי אים, חוץ געהאַלט, אויך אַ טייל פון דער געוועטעניש) טראָגט אַ פּאַסנדיקן נאָמען: אַרבעטסמאַן. אַ זשוואַווער, לעבעדיקער, מיטלוואַוקסיקער איד אין די פופציקער. געווען איז ער אַ שקלאַף אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער דאָ ניט ווייט, „ספּאָרט־פּלאַץ" (פיינעם „ספּאָרט" האָבן דאָרט די נאַציס באַטריבן!). נאָך דער באַפרייאונג האָט ער זיך צוגעקליבן די פיינע פאַרם־ווירטשאַפט און געלאָזט וויסן דעם אידישן קאָמיטעט אין ריכבאַך: אַט דאָס־אָ וואָלט ער געוואָלט האָבן פון די דייטשן.

האָט ער עס. ער און זיינע צוויי זין מיט די שנירן, מיט די קינדער. און די דרייצן אידן, וואָס אַרבעטן אויף דער פאַרם.

מיט שטאָלץ האָט ער אונדז אַרומגעפירט איבער די שטאַלן, איבער די גערטנער, אָנגעוויזן מיטן האַנט אויף די פעלדער, וואָס האָבן זיך גע־צויגן העט־ווייט. און ער האָט געשטעלט פיינעם כיבוד, אייגענע פּראָדוקטן.

מיר קאָנען זיך דאָ לאַנג ניט האַלטן. עס איז דאָ אַ סך צו זען. זאָל אָבער געזאָגט ווערן, אַז אין נידערשלעזיע זיינען שוין אין 1946 געווען 130 אידישע לאַנדווירטשאַפטן.

מיר שטעלן זיך אָפּ אין אַ שיין שטעטעלע זאַגוזשע. מיר טרעפן דאָ אַן אויסערגעוויינלעך־פּרעכטיקע, וויסנשאַפטלעך־געבויטע קליידער־פאַבריק — מאָדערן, ריין, לופטיק. צווישן די 350 אַרבעטער זיינען שוין פאַראַן אַכציק אידן. די פּראָבלעם איז דאָ די זעלביקע וואָס אומעטום: מען דאַרף העלפן דעם אידישן אַרבעטער זיך איינאָרדענען, באַקליידן זיך.

פון געהאַלט סטייעט ניט אויף דעם באַלד צום אָנהויב. און מען דאַרף שאַפן אַ קלוב.

עס איז דאָ פאַראַן אַ בייטאַגיקע קינדער־היים (נוירסערי) און דאָס איז גוט. עס איז אויך פאַראַן אַ יוגנט־היים, אָבער זי איז אין אַ שווערן צושטאַנד. עס איז געווען אַ ווייטיק צו זען ווי אַזוי די יוגנטלעכע זיינען געווען אָנגעטאָן (אפשר האָט מען זיי געשענקט די „אַמעריקאַנער שמאַטעס", וועלכע גייען אונדז נאָך אומעטום).

מיר קערעווען אַריין מיט דער מאַשין קיין בעליאַווע. מיר פאָרן צו דער פאַרזאַמלונג מיט די „אַמעריקאַנער געסט" און צו אַ יום־טוב. די בעסטע אידישע טעקסטיל־אַרבעטער וועלן פרעמירט ווערן פון אידישן קאָמיטעט פאַר אויסגעצייכנטער אַרבעט, טאַקע לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דער פאַבריק.

די „דירינג" טעקסטיל־פאַבריק איז עס. באַשעפטיקט פיר טויזנט אַרבעטער. געפינען זיך דאָ פינף הונדערט אידישע טעקסטילער. אויף וויפיל די דייטשן „פאַרט מען אַרויס", קאָנען כסדר אַריין נאָך אידישע אַרבעטער. עס פאָדערט זיך דאָ הילף, ווי אין זאַגושע און אומעטום, און עס פאָדערט זיך, אַז געוויסע אידישע ריכטונגען זאָלן ניט שלעפן די אידישע אַרבעטער פון דער פאַבריק, צוזאָגנדיק זיי „אויף יענער זייט" אַלערליי גליקן (לאַגערן בלע"ז...).

דער מיטינג מיט די „אַמעריקאַנער געסט" (ס'הייסט ר. זאַלצמאַן און איך) איז פאָרגעקומען אין דעם קלוב פון דער פאַבריק. אַ פרעכטיקער זאַל. צוזאַמען מיט די הונדערטער אידישע טעקסטיל־אַרבעטער האָבן זיך פאַרזאַמלט נאָך מאַסן אידן, אָרים און אָרים אַן עולם פון צוועלף הונדערט. דער „קאָמפּאָט" פון דעם מיטינג איז באמת געווען די פייערלעכע סצענע, ווען די 55 אידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געקראָגן אויסצייכענונגען, זיינען איינער נאָכן אַנדערן אַרויפגערופן געוואָרן אויף דער טריבונע. אידישע טעקסטילער, וואָס פילן אויס זייער נאָרמע אויף 140, 180, און 200 פראָצענט, האָבן געקראָגן געלט־סומען און וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן.

אַ גרויסע בייטאַגיקע קינדער־היים (נוירסערי) מיט אַן אייגענער פאַרם־ווירטשאַפט האָבן מיר דאָ באַזוכט אויף מאָרגן אין דער פרי. און פון דאַנען — קיין וואַלבזשיך.

●

די לאַנדשאַפט ענדערט זיך שאַרף. די זעלביקע שפּע, די זעלביקע העלע, אָבער מילדע קאָלירן. נאָר ס'איז באַרגיקער און וואַלדיקער. ניט

אומזיסט האָט וואַלבזשיך פריער געהייסן: „וואַלדענבורג". און די שטאָט גופא איז שוין גאָר אַן אַנדערע, ווי, לאָמיר זאָגן, ריכבאַך. איר האָט דאָס געפיל, ווי איר וואָלט געווען אין סקרענטאָן, פּענסילווייניע, אָדער אין אַן אַנדער מיטלמעסיקער קוילן־שטאָט אין אַמעריקע. ניט מער, ס'איז ציכטיקער...

וואַלבזשיך האָט אַ אידישן פּראָלעטאַריאַט פון העכער צוויי טויזנט אין דער גרויס־ און מיטל־אינדוסטריע, איינגעשלאָסן די גלאָז־הוטע, די עלעקטראָ־סטאַנציע, די עראָפּלאַן־פאַבריק. דאָ זיינען פאַראַן קאָאָפּעראַ־טיוון, פאָלקס־שולן, איין יוגנט־היים. דאָ זיינען אויך פאַראַן אידישע קרעמער.

די סמעטענע פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אין וואַלבזשיך און אין גאַנץ נידערשלעזיע זיינען די אידישע קוילן־גרעבער.

זיי האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז אין זייער קולטור־קלוב, די אידישע קוילן־גרעבער. און פון אַלע באַגעגענישן אונדזערע אין נידער־שלעזיע איז דאָס געווען איינע פון די רירנדיקסטע. איר האָט געזען פאַר זיך גאָר אַן אַנדער טיפּ איד — גאַרניט דער איד, וואָס איר זעט, לאָמיר זאָגן, אויף דער בערזע אין קאַטאָוויץ, אין ביטאָם...

יעדער פון די אָנוועזנדיקע קוילן־גרעבער האָט אוודאי געהאַט זיין טרויעריקע געשיכטע צו דערציילן. איינער האָט מיר געוויזן אַ שטיקל ביאָגראַפיע. האָט זיך דאָרט דערציילט וועגן ווייב און קינדער, וואָס זיינען אומגעקומען אין לובלין... אָבער עס האָט זיך געפילט אויף די פאַרזאַמלטע דער שטעמפּל פון דער חשובער אַרבעט. מער געזעצטקייט, ווייניקער נערוועז. זיי פילן, אַז זיי זיינען עפּעס, די אידישע קוילן־גרעבער, וויכטיקע מענטשן: אַ כבוד פאַרן אידישן נאָמען און פאַר זיך אַליין! זיי זיינען באַהאָפטן מיט דער ערד, מיטן לעבן, זיי זיינען בוייער! און זייער טאָג־טעגלעכע מי, בשותפות מיט די פּוילישע אַרבעטער, גיט זיי מער פעסטקייט.

נאָך דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך פאַרוויקלט פערזענלעכע שמועסן פון די „אַמעריקאַנער געסט" מיט די קוילן־גרעבער. אין די שמועסן איז געווען ווייניקער אָנפראַגעס וועגן פעטערס אין אַמעריקע — כאָטש די קוילן־גרעבער, ווי אַלע פּוילישע אידן, ווילן זייער שטאַרק הערן פון זייערע קרובים. מען האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף טוער, וואָס זיינען פאַר דער מלחמה אוועק קיין אַמעריקע. מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט וועגן דער אַרבעט אין די קוילן־גרובן. יאָ, האָט מיר איינער דערציילט, עס איז ניט אָנגעקומען גרינג אויסצולערנען זיך מאַנעווּרירן מיטן לאָמפּ און דעם

רידל, אָדער עקבער, אין די געדערים פון דער ערד. אָבער איצט גייט די ארבעט גלאַט און געוויסע אידישע קוילן־גרעבער שטייגן אריבער די נאָרמע. די פאָרשטייער פון פּע־פּע־ער (פּאָלסקא פּארטיא ראָבאָטניטשאַ, פּוילישע ארבעטער־פּארטיי) האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן.

איין אידישער קוילן־גרעבער איז אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ מיט־גליד אינעם ארבעטער־ראַט פון די קוילן־גרובן אין געגנט פון וואַלבזשיך. און עס איז אפשר ניט געווען קיין צופאַל, וואָס אין דער שטאָט האָבן מיר געזען צוגרייטונגען צו אַ מיטינג קעגן קעלצער פּאָגראָם, אויפן צענטראַלן סקווער פון שטאָט, גערופן און אָרגאַניזירט פון שטאָט־ראָט.

אין אָוונט האָבן מיר זיך געזען מיט אידן פון וואַלבזשיך אויף אַ גרויסן פאָלקס־מיטינג פון ארום פופצן הונדערט מענטשן, אין דער גע־ביידע, וואָס די רעגירונג האָט אָפּגעגעבן דעם אידישן קאָמיטעט פאר אַ קולטור־הויז און טעאַטער.

●

ניט ווייט פון וואַלבזשיך איז דאָ אַ קוראָרט, סאָליטשי־זדרוי (פריער: זאַלצברון). איז עס אַ גן־עדן ווינקל — איינס פון אַ סך אַזעלכע ווינקלען אין נידערשלעזיע. דאָרט האָבן מיר איבערגענעכטיקט און באַלד אין דער פרי זיינען מיר ארויסגעפאָרן קיין ליגניץ.

דער וועג איז דאָ געווען אַ שווערער, אַ ביטערער. אויף דעם וועג זיינען געגאַנגען טאַנקען קיין בערלין. איז דער וועג צעלעכערט, צעאַקערט. און כאָטש ער האָט אונדז צעטרייסלט די ביינער, האָבן מיר אים מוחל געווען. פאַרקערט, עס איז געווען גאָר אַ פיינער וועג, ווייל די מאַשינען פון דער רויטער ארמיי, אויטאָס מיט קאָמאַנדירן, לאַסט־אויטאָס מיט מאַטעריאַלן, זיינען געווען כמעט די אויסשליסלעכע שותפים אונדזערע אויפן וועג.

פאַרן אריינפאָר אין ליגניץ דערזעען מיר אַ סך צעשאָסענע דייטשע עראָפּלאַנען. דאָ איז אַפנים געווען אַ באַזע פאר געריננגס פּלאַט און די „שטורמאָוויקעס" האָבן ניט געגעבן קיין געלעגנהייט די דייטשע פליער אויפצוהויבן זיך אפילו, דערלאַנגט דעם ריכטיקן פייער! דאָ און דאָרט זשאַווערט אַ צעשאָסענער טאַנק און ניט אַלע מאָל איז עס אַ דייטשער.

ליגניץ איז אַ שיינע שטאָט, כאָטש זייער שטאַרק צעשעדיקט. פיל דייטשע סימנים זיינען דאָ נאָך ניט אָפּגעווישט געוואָרן. איר זעט נאָך אַמאָליקע דייטשע שילדן: „גאַסטהאָף צום שטאַדטהאָף", „וואָורשט־

געשעפט הערבערט שוּבערט", „פּאַפּירהאַנדל ווילהעלם סיטשקע"... נאָר לאַנג וועלן די סימנים שוין ניט רייסן די אויגן.

הארציקע אידישע טוער האָבן אונדז באַגעגנט אין ליגניץ, אויף אַ זיצונג פון פּרעזידיום פון אידישן קאָמיטעט. ענטוזיאַסטישע בויער, מענטשן מיט אַ באַציאונג צו אַ פּראָדוקטיוו אידיש לעבן, צו דער אידישער קולטור. דער ישוב איז דאָ נאָך אַ יונגער, אַ קליינער (זעקס טויזנט בשעת אונדזער באַזוך), אָבער עס זיינען שוין דאָרט דאָ — ריכטיקער, שוין געווען בשעת אונדזער באַזוך — דריי קאָאָפּעראַטיוון, אַ קינדער־היים מיט 135 קינדער, נאָר אַ פיינע קינדער־שול מיט 160 קינדער, אַ קולטור־היים, אַ פאָלקס־קיך, אַ יונגנט־היים א. אַז. וו. פיל פון זיי האָבן מיר באַזוכט און אַרויסגעטראָגן וואַרעמע איינדרוקן. געבענטשט זאָלן זיין די בויער!

באַגלייט מיט ברכות און מיט אַן אָנזאָג „ניט צו פאַרגעסן", זיינען מיר אַוועק אויפן גרויסן גלאַטן וועג צוריק קיין ווראָצלאַוו, די הויפּט־שטאָט פון נידערשלעזיע, וואו מיר האָבן פאַרענדיקט דעם קרייז פון אונדזער באַזוך אין דער געבענטשטער געגנט מיט אַ פאָלקס־מיטינג. דער וועג גופא, דער שענסטער אין גאַנץ פּוילן, האָט אַרויסגערופן ניט נאָר פרייד. די ברייטע אויטאָ־סטראַדע: ווראָצלאַוו (ברעסלוי)—ליגניץ—בערלין, איז געבויט געוואָרן מיט דער „הילף" פון אידישע שקלאַפן. ווי־פיל צענדליקער טויזנטער אידן זיינען אומגעקומען ביים פלאַסטערן דעם זייער ברייטן, גלאַטן וועג, אויף וועלכן מיר פאָרן?...

פיל פון די אידן, וואָס וואוינען איצט אין נידערשלעזיע, האָבן מיט זייערע טרערן, מיט זייער שווייס און בלוט זיך איינגעשאַפט זייער רעכט אויף דער געגנט. דאָס דאָזיקע רעכט איז אָנערקענט געוואָרן פון דער פּוילישער רעגירונג, פון דער פּוילישער געזעלשאַפטלעכקייט. אויף דעם דאָזיקן רעכט באַשטייען יענע אידן, וואָס זוכן צו בויען אַ פּראָדוקטיוו אידיש לעבן, צו בויען די אידישע קולטור, צו היילן די וואונדן פון אונדזער פאָלק.

נידערשלעזיע איז אַ נייע היים, וואָס אידן האָבן זיך מיט אַזוי פיל קרבנות איינגעשאַפט. זאָל זי בליען! לאָמיר העלפן, זי זאָל בליען!

# פוילן

## צווייטער טייל

# אידן אין פוילן

איך בין געווען אין ווארשע, לאָדז, לובלין, קעלץ, קראָקע, קאַטאָוויץ, סאָסנאָוויעץ, ביעלסקאָ, שטשעטשין און אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין נידערשלעזיע: ווראָצלאַוו, ריכבאַך, ביעלאַווע, וואַלבזשיך, ליגניץ און אַנדערע. איך בין געווען אויף אַלע זיצונגען פון פּרעזידיום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די אידן אין פוילן די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין ווארשע (העכער אַ העלפט פון מיינע עלף וואָכן אין פוילן האָב איך פאַרבראַכט אין דער הויפּט־שטאָט פון לאַנד). איך בין געווען אויפן צוזאַמענפאָר פון די אידישע קאָמיטעטן אין פוילן באַלד נאָכן קעלצער פּאָגראָם, און נאָכדעם אויף צוויי אַנדערע צוזאַמענפאָרן. איך האָב גערעדט מיט פאָרשטייער פון אידן אין ביאַליסטאָק, טשענסטאָכאָוו, טאַרנאָוו, ביאַלע, מעזריטש, ראַדאָם, וולאָצלאַוועק, פּויזן, בידגאָשטש, גדאַנסק (דאַנציג). איך בין דורכגעפאָרן קליינע שטעטלעך, וואו עס זיינען אַמאָל געווען אידן (סאָכאַטשאָוו, לאָוויטש, און אַנדערע) און געווען אין אָטוואָצק און אַנדערע זאַטשע־שטעטלעך אַרום ווארשע, וואו עס געפינען זיך אידישע קינדער־היימען, סאַנאַטאָריעס.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין פוילן, איז געגאַנגען פון מזרח, קיין פוילן, אַ ברייטער איינוואַנדערונג־שטראָם פון אידן, וואָס האָבן זיך בשעת דער מלחמה געראַטעוועט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלאַף, אַ בהלה, פון פוילן — אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד. צענדליקער טויזנטער אידן זיינען אַרויסגעפאָרן. ביז — דער ישוב האָט זיך אָנגעהויבן „איינשטעלן”, מיט שוועריקייטן און העלדישע אָנשטרענגונגען. סוף כל סוף האָט ער זיך סטאַביליזירט. וואָס איז עס פאַר אַ ישוב? ווי קוקט ער אויס?

אכציק טויזנט אידן זיינען געווען אין פוילן, נאָכדעם ווי דאָס לאַנד איז באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי און די פּוילישע דיוויזיעס, צום אָנהויב פון יאָר 1945. פריער, ווען דער מזרח־טייל פון פוילן איז באַפרייט געוואָרן, אין דער צווייטער העלפט פון 1944, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין לובלין אַרום צוואַנציק טויזנט אידן. זיי זיינען געקומען פון

באַהעלטעניש בײַ פּאָליאַקן, פון לאַגערן, פון די וועלדער. ווען גאַנץ פּוילן איז באַפרײַט געוואָרן, זײַנען פון די אַלע ערטער, דער עיקר פון די לאַגערן אין דרום־פּוילן, נידערשלעזיע און פּרײַסן, געקומען הײַפעלעך „לעבעדיקע מתים אין שמאַטעס", ווי אַ פּירער פון די פּוילישע אידן האָט זיך אויסגעדריקט. און אָט אַזוי איז געוואָרן — אַכציק טויזנט. דער שארית הפליטה פון מיליאָנען.*)

פּוילן איז נאָך געווען צעבראָכן און צערודערט. עס איז אַוועק די זעקס־יאָריקע נאַכט פון נאַצישער אָקופּאַציע. אין פּראָצעס פון פאַרטרײַבן דעם אָקופּאַנט איז דאָס לאַנד צעאַקערט געוואָרן. מיליאָניקע אַרמייען האָבן זיך איבערן לאַנד דורכגעטראָגן. אין יעדער שטאָט, שטעטל, דערפל, איז דאָס אַלטע לעבן צעטרייסלט געוואָרן, סײַ דאָס „לעבן" פון דער אָקופּאַציע־צײַט, סײַ די דורות־לאַנגע לעבנס־פאָרמען פון פריצישן, שליאַכטשישן פּוילן. אַ נײַ לעבן איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אָבער האָט ערשט געדאַרפט אָננעמען פעסטע פאָרמען. אַלץ איז נאָך געווען אין אַ פליסעווע־דיקן, אויפגעבראַזטן צושטאַנד, פיזיש און גײַסטיק, אַ לאַנגע צײַט נאָך געווען — ביז סוף 1946, ביז 1947...

צו אַלעמען איז נאָך צוגעקומען דאָס אַריבערוואַנדערן פון מיליאָנען פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אין די מערב־געגנטן, וואָס האָבן פריער געהערט צו דײַטשלאַנד.

שווער איז געווען פאַר די אַכציק טויזנט געראַטעוועטע אידן אָנצו־הויבן בויען אַ לעבן אין פּוילן, — ניט געקוקט אויף דעם, וואָס צווישן זיי זײַנען געווען פעסטע, אויסגעפּרוּווטע עלעמענטן, וואָס זײַנען פאַר־האַרטעוועט געוואָרן אין דעם פײַער פון אָקופּאַציע, פון געטאָ־קאַמפן און פּאַרטיזאַנישע קאַמפן. אָבער צום סוף 1945 און דער עיקר אין אָנהויב 1946 האָבן זיך אָנגעהויבן אַרײַנגיסן נײַע מחנות אין פּוילישן אידנטום. עס האָבן אָנגעהויבן קומען צענדליקער טויזנטער אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט פרויען און קינדער, מיט אַלטע טאַטע־מאַמע, מיט זיידע־באָבעס (זע קאַפּיטל: „פאַרוואָס זײַנען פּוילישע אידן אַוועק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד?").

לויט דער אָפיציעלער רעגיסטראַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די אידן אין פּוילן, זײַנען הונדערט זיבן און פופציק טויזנט אידן (157,000)

*) לויטן „סטאַטיסטיש-באַריכט פון צענטראַל-קאָמיטעט פון די אידן אין פּוילן" (וואַרשע, 1947), זײַנען צום ערשטן יאַנואַר 1946 געווען אין פּוילן 106,492 אידן. אַחער גײען שוין אַרײַן פּוילישע אידן פון סאָוועטן-פאַרבאַנד, וועלכע האָבן אין 1945 שוין אָנגעהויבן אומקערן זיך קיין פּוילן.

געקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.*) אויך די אידן זיינען אין משך פון די מלחמה־יאָרן דורכגעגאַנגען גרויסע שוועריקייטן, אָבער גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די, וואָס עס זיינען דורכגעגאַנגען די אידן, וואָס זיינען געווען אין פוילן. די שוועריקייטן — אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — זיינען געקומען פון די גרויסע אָנשטרענגונגען פון די סאָוועטישע פעלקער, איינגעשלאָסן די אידן, צו באַזיגן היטלערן. די מערהייט פון די אָנ־געלאָפענע פוילישע אידן איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו פאַבריק־אַרבעט, צו פיזישער אַרבעט בכלל; איז געווען אָפּגעריסן פון די פאַמיליעס, האָט זיך געדאַרפט איינלעבן אין אַ פרעמדער סביבה. אָבער אַ סביבה איז עס געווען אַזאַ, וואָס האָט זיי געגעבן זיכערקייט, גלייכהייט, די זעלביקע גע־לעגנהייטן, וואָס דער דורכשניטלעכער סאָוועטישער בירגער האָט געהאַט, און אין געוויסע פאַלן אויך פּריווילעגיעס. גערן צי ניט גערן, האָבן זיי זיך אויסגעלערנט אַרבעטן און האָבן באַגריפן, אַז אַרבעט איז אַ כבוד־זאַך.

ביי גינסטיקע באַדינגונגען וואָלטן די אכציק טויזנט און די גע־קומענע 160 טויזנט געווען געשאַפן אַ ישוב פון העכער צוויי הונדערט טויזנט. די באַדינגונגען זיינען אָבער געווען ניט גינסטיק — ניט אין פוילן בכלל און ניט צווישן די אידן בפרט. אין דעם צעברויזטן פוילן האָט אויפגעריסן דער קעלצער פּאָגראָם, האָט זיך צעטראָגן אַן אַנטיסעמיטישע כוואַליע (וועגן דעם ווערט גערעדט אין די קאַפּיטלעך אין דעם בוך, וואָס רירן אָן קעלץ, דעם אַנטיסעמיטיזם, די אינטערווענציע). די לאַגע איז אויך געווען ניט גינסטיק אינערלעך, צווישן די אידן גופא. עס איז פאַר פיל אידן ניט נאָר געווען פּסיכאָלאָגיש שווער איינצואָרדענען זיך דאָרט, וואו מיליאָנען אידן זיינען אומגעקומען. עס זיינען געווען ריכטונגען צווישן די אידן — כמעט אַלע ציוניסטישע ריכטונגען, אייגנטלעך — וואָס האָבן געהאַט אַן איינשטעלונג „אַרויסצוגעמען" די אידן פון פוילן. ניט אַלע ריכטונגען האָבן געאַרבעט אויפן זעלביקן שטייגער; ניט אַלע האָבן זיי אָוועקגעשטעלט די אַרבעט פון „אַרויסנעמען" אויפן זעלביקן מאַסשטאַב. כמעט טייל פון זיי זיינען געגאַנגען אויף אַוואַנטורעס — ס'הייסט, אַלע מיטלען זיינען געווען הייליק צוליב דעם צוועק — האָבן זיי

---

*) געגויער, לויטן אויבן־דערמאָנטן „סטאַטיסטיש-באַריכט", 157,420 — ביזן 1טן יולי 1946. קלענערע גרופּן, יחידים, זיינען נאָך געקומען שפּעטער. די קיילעכדיקע ציפער פון 160 טויזנט פוילישע אידן, געקומענע פון סאָוועטן-פאַרבאַנד, איז אַ קאָנסערוואַטיווע. עס זיינען פאַקטיש געקומען מער, ווי די וויטערדיקע באַריכטן פון צענטראַל-קאָמיטעט פון די אידן אין פוילן וועלן אָן ספק באַווייזן.

אָבער נים דערגרייכט די אוואַנטורע־מדרגה פון די רעוויזיאָניסטן און פון די ספּעקולאַנטן, די „שוואַרצערס", וואָס האָבן געמאַכט פּאַרמעגנס פון דער בהלה קיין עסטרייך און דייטשלאַנד.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז פון די 240 טויזנט אידן אין פּוילן — 80 טויזנט באַלד נאָך דער באַפרייאונג און 160 טויזנט געקומענע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד—האָבן העכער אַ העלפט אויסגעוואַנדערט, די מייסטע פון זיי אין די לאַגערן אין עסטרייך און דייטשלאַנד.

האָט מען געהאַט דאָס רעכט צו ברענגען די אידן פון פּוילן אין די לאַגערן אריין?

די מענה האָבן אַרויסגערוקט די עלעמענטן, וואָס שטעלן דעם טראָפּ אויף בויען — די טוער פון פּע־פּע־ער, טיילווייז אויך די בונדיסטן. די אַנטוויקלונגען האָבן באַוויזן, אַז גערעכט זיינען זיי געווען. די אידן, וואָס זיינען אריינגעפאַלן אין די לאַגערן, צו לעבן אין די באַראַקן, פון קעסל, צווישן די דייטשן, וואָלטן אין פּוילן געקאָנט פּראָדוקטיוויזירט ווערן, — און וואָלטן דערביי נים געדאַרפט אויפגעבן די האָפענונג אויף פּאָרן, אויב זיי וואָלט געוואָלט אומבאַדינגט פּאָרן. צענדליקער טויזנטער אידן, וואָס זיינען פּראָדוקטיוויזירט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָלטן נים, צום גרעסטן טייל, פאַרלאָרן זייער קוואַליטעט, וואָלגערנדיק זיך אין די לאַגערן.

עס האַנדלט זיך אויך וועגן קוואַליטעט ביים בויען אידישע קולטור. ווען מען זעט, וואָס דער ישוב פון 100 טויזנט אידן האָט אויפגעטאָן און טוט אויף (וועגן דעם שפּעטער), קאָן מען זיך גרינג פאָרשטעלן אויף וויפיל גרעסער עס וואָלטן געווען זיינע אויפטואונגען, ווען ער וואָלט געהאַט נאָך אַ הונדערט טויזנט אידן.

## דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל

ווען דער ישוב אין פּוילן האָט זיך סטאַביליזירט, צום אָנהויב 1947, האָט ער געהאַט, הייסט עס, העכער 100 טויזנט אידן. איבער אַ העלפט פון זיי האָט זיך קאָנצענטרירט אין נידערשלעזיע (פּאַרוואָס — זע קאַפּיטלעך וועגן נידערשלעזיע), די איבעריקע — דער עיקר אין לאָדזש, קראָקע, וואַרשע, שטשעטשין, קאַטאָוויץ, ביטאָם, וואו די אידישע באַפעלקערונג ציילט זיך אין די טויזנטער, מיט קלענערע ישובים פון אַנדער־האַלבן טויזנט, טויזנט, עטלעכע הונדערט — אין ביאַליסטאָק, טשענ־סטאָכאָוו, לובלין, ראַדאָם, וולאָצלאַוועק, גדאַנסק (דאַנציג), בידגאָשטש

(בראמבערג), ביעלסקא (אויבערשלעזיע), אטוואצק, און גאר קליינע ישובים אין א ריי שטעט און שטעטלעך, באזונדערס ארום ווארשע און לאדזש.

וואס זיינען עס פאר א אידן?

מיר ווייסן, מער־וויינער, ווי אזוי זיי זיינען לעבן־געבליבן. דאס אליין דערציילט א סך וועגן דעם כאראקטער און געמיט־צושטאנד פון די אידן. עפעס מער דערוויסן מיר זיך וועגן די אידן, ווען מיר זעען פון וואס זיי ציען זייער חיונה.

פון די 100 טויזנט אידן אין פוילן, זיינען פעריצק טויזנט — ארבעטער. רעכנט מען צו די פרויען, קינדער, אלטע לייט, באקומט זיך, אז די איבערוועגנדיק־גרעסטע מערהייט פון די אידן אין פוילן לעבט פון ארבעט. דערפון איז קלאר, אז די עקאנאמישע סטרוקטור פון דעם פוילישן אידנטום איז גאר אן אנדערע, ווי פאר דער מלחמה, — און גאר אן אנדערע ווי ביי אידן אין אמעריקע און אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער.

5,000 אידן זיינען אין אקטאבער 1947 געווען באשעפטיקט אין די 200 פראדוציר־קאאפעראטיוון, וואס האבן זיך געפונען אונטער דער אנפירונג פון צענטראל־קאמיטעט פון די פוילישע אידן און זיינע לאקאלע קאמיטעטן. העכער טויזנט אידן האבן געלעבט פון פארמעריי. די מערהייט אידישע ארבעטער איז געווען באשעפטיקט אויף די פאבריקן, איינגעשלאסן אונטערנעמונגען פון דער גרויס־אינדוסטריע.*)

אידישע קאפיטאליסטן, גרויס־אונטערנעמער, זיינען כמעט ווי ניטא, פונקט ווי די צאל קאפיטאליסטן און גרויס־אונטערנעמער איז, רעלאטיוו, אומבאדייטנדיק קליין אין פוילישן לעבן בכלל. עס איז פאראן א צאל אידישע באלמעלאכעס, וואס ארבעטן „פאר זיך". זיי דארפן צוגערעכנט ווערן צום רוב ארבעטנדיקע.

עס איז נאך אן ספק פארבליבן א געוויסער עלעמענט לופט־מענטשן, ספעקולאנטן, בערזע־הענדלער. געווען אפילו אזעלכע, וואס זיינען רייך געווארן פון ספעקולאציע, פון האנדל מיט „דעפיציטנע" ארטיקלען, אדער מיט וואליוטע, אדער פון „אריבערשווארצן" עמיגראנטן קיין דייטשלאנד און עסטרייך. פיל פון זיי זיינען אוועק פון פוילן, צוזאמען מיטן שטראם אויסוואנדערער. עס זיינען אוועק געוועזענע קאפיטאליסטן, וועלכע האבן

---

*) די ציפערן, וואס מיר ברענגען דא, ווי די וויטערדיקע ציפערן וועגן סאציאלן צוזאמענשטעל פון די אידן אין פוילן, זיינען גענומען פון דעם מאטעריאל, וואס די פוילישע אמבאסאדע אין וואשינגטאן האט ארויסגעלאזט דעם 1טן יולי, 1947: „דזשואיש לאיף אין פאלאנד" (אידיש לעבן אין פוילן).

באַגריפֿן, אַז פּוילן איז פֿאַר זיי קיין אָרט נישט. עס זיינען אַוועק טיילווייז אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַרקויפֿט זייערע הייזער צו פּאַליאַקן. פֿיל פֿון די, וואָס זיינען רייך געוואָרן פֿון ספּעקולאַציע, האָבן מורא געקראָגן זיי זאָלן נישט פֿאַרלירן זייערע פֿאַרמעגנס. אַ געוויסער נישט־אַרבעטנדיקער עלעמענט איז אָבער געבליבן. עס זיינען אויך פֿאַראַן קליינבירגער, קרעמער — אין נידערשלעזיע, צי אין וואַרשע, אונטער אייגענע, אָדער „אַרישע" נעמען. אָבער דער נישט־אַרבעטנדיקער עלעמענט איז אין קיין פֿאַל נישט מאַסגעבנדיק פֿאַרן אידישן ישוב אין פּוילן. איינגאַנצן־גענומען, לויט זיין איבערוועגנדיקער מערהייט, איז עס אַ ישוב, וואָס לעבט פֿון פּראָדוקטיווער אַרבעט.

אין די קאַפּיטלען פֿון דעם בוך, וואו עס ווערט דערציילט וועגן די אידן אין נידערשלעזיע, ווערט דערציילט וועגן אידישע קוילן־גרעבער, טעקסטיל־אַרבעטער, מיט וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך אויף מיין רייזע איבער פּוילן. עס זיינען אויך דאָ אידישע אַרבעטער אין די טעקסטיל־פֿאַבריקן אין לאָדזש. אין דער גרויסער וואַגאָנען־פֿאַבריק אין וורעצלאַוו, איינע פֿון די גרעסטע אין אייראָפּע, זיינען פֿאַראַן הונדערטער אידישע אַרבעטער. די טראַדיציע פֿון אַמאָליקן פּוילן, אַז די גרויסע פֿאַבריקן מוזן זיין אידן־ריין, איז געבראָכן געוואָרן, — כּמעט דאָ און דאָרטן איז אויסגעקומען צו באַגעגענען אַ ווידערשטאַנד. טראַדיציע פֿאַרשווינדט נישט אַזוי גרינג...

פֿון די 40 טויזנט באַשעפֿטיקטע אידן, אַרבעטן 15 טויזנט אין די גרויסע מלוכהשע טעקסטיל־פֿאַבריקן, מעטאַל־פֿאַבריקן, מינען.

מיר האָבן, הייסט עס, אין פּוילן אַ אידישן ישוב פֿון אַ נייעם טיפּ. דאָס איז נישט סתם אַ פּראָדוקטיווער ישוב. די פּראָדוקטיוויטעט פֿאַרמאָגט אַ באַזונדערע קוואַליטעט. כּמעט די מערהייט פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון זיינען פֿון דעם אַלטן שניידער־שוסטער טיפּ — און אַ טיפּ וואָס ברענגט אַ נוץ אין איצטיקן פּוילן און פּאַסט זיך אריין אין דער אַלגעמיינערווירטשאַפֿט פֿון לאַנד — געפֿינען זיך אָבער טויזנטער אידישע אַרבעטער, ווי שוין אָנגעוויזן, אין דער גרויס־אינדוסטריע, ביי טעקסטיל, מעטאַל, און אין די קוילן־מינען. די שול־סיסטעם, וואָס געפֿינט זיך אונטער דער אויפֿזיכט פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די אידן אין פּוילן, איינגעשלאָסן אַ גרויסע צאָל פֿאַך־שולן, גרייט צו דעם נייעם דור צו לעבן אַ נוצלעך, פּראָדוקטיוו לעבן. אין די הויך־שולן פֿון לאַנד געפֿינען זיך נאָענט פֿון טויזנט אידישע סטודענטן — אַ גרויסע צאָל פֿאַר אַ קליינעם ישוב, מיט אַ באַגרענעצטער צאָל יוגנט.

## דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די אידן אין פוילן

אַ ריי פאַקטאָרן האָבן מיטגעווירקט צו דער אויספורעמונג פון דעם נייעם, פּראָדוקטיוון אידישן ישוב אין פּוילן.

אין דער ערשטער ריי — די סאָציאַלע באַדינגונגען אין פּוילן גופא, וואו דער קלאַס פּריצים איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, די מאַיאָנטקעס זיינען צעטיילט געוואָרן צווישן די פּויערים און וואו אַלע אינדוסטריעלע אונטער־נעמונגען, וואָס פאַרמאָגן מער ווי 50 אַרבעטער, זיינען אַריבער צום פאָלק. צוזאַמען דערמיט האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל אין דער פּראָדוקטיוו־זאַציע פון די פּוילישע אידן — דער רעזשים, וואָס האָט דורכגעפירט די דאָזיקע גרויסע סאָציאַלע רעפאָרמען. אין זיין אַרבעט צו רעאַביליטירן, געזונט־מאַכן, די באַפעלקערונג בכלל, איז אַריין די אויפגאַבע געזונט צו מאַכן די אידישע באַפעלקערונג.

דאָ שפּילט, פאַרשטייט זיך, אַ ראָל די שטעלונג פון דער דאָזיקער אמת־דעמאָקראַטישער רעגירונג צו אַנטיסעמיטיזם. אַנטיסעמיטיזם איז אַ מלוכה־פאַרברעכן אין פּוילן. דער דורות־לאַנגער אַנטיסעמיטיזם ווערט אויסגעראָטן. דאָס איז ווידער אַ טייל פון דאָס גרויסע, דאָס נייע אין דעם נייעם פּוילן. דאָס פּראָדוקטיוויזירן די אידישע באַפעלקערונג איז אויך אַ טייל פון דער אַרבעט אויסצוראָטן דעם אַנטיסעמיטיזם (זע קאַפּיטלעך וועגן קעלצער פּאָגראָם און וועגן דעם קאַמף קעגן אַנטי־סעמיטיזם).

ווען די רעגירונג איז נאָך געווען אַ צייטווייליקע, אין לובלין, סוף 1944 און אָנהויב 1945, בשעת עס האָט זיך נאָך געטראָגן אַ רויך פון די חורבות און עס איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט די מלחמה, האָט די רעגירונג געהאָלפן שאַפן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די אידן אין פּוילן, געגעבן אים פון אירע קאַרגע מיטלען — קודם כל צו ראַטעווען די לעבן־געבליבענע אידן. שפּעטער איז דער טראַפּ געשטעלט געוואָרן אויף איבער־בויען, געזונט מאַכן. אין אויגוסט 1946 איז ביי דער פּוילישער רעגירונג געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער אַמט פאַר העלפן פּראָדוקטיוויזירן די אידן. די אויפגאַבע פון דעם דאָזיקן אַמט, וועלכער געפינט זיך דירעקט אונטערן רשות פון פּרעמיער, איז געווען צו העלפן אידן אַריינקומען אין די גרויסע אונטערנעמונגען, מיטהעלפן געפינען רוי־מאַטעריאַלן פאַר די קאָאָפּעראַ־טיוון און אָן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר זייערע סחורות, און אַזוי ווייטער. די רעגירונג האָט געגעבן געביידעס פאַר די קאָאָפּעראַטיוון, פאַך־שולן, ווי זי האָט געגעבן געביידעס פאַר די אידישע קאָמיטעטן, קינדער־שולן, אינטער־

נאַטן, ביבליאָטעקן, טעאַטערס און אַזוי ווייטער. זי האָט געהאָלפֿן דעם צענטראַל־קאָמיטעט און די לאָקאַלע קאָמיטעטן איבערנעמען פֿריערדיקע אידישע געזעלשאַפֿטלעכע געביידעס. אין נידערשלעזיע, וואו עס איז פֿאַר דער מלחמה ניט געווען קיין ברייט־אַנטוויקלט אידיש לעבן און וואו עס איז קאָנצענטרירט געוואָרן העכער אַ העלפֿט פֿון דעם ישוב, מיט דער גרעסטער צאָל שולן, קולטור־אינסטיטוציעס, האָט די רעגירונג איבער־געגעבן די אידישע קאָמיטעטן אַ גרויסע צאָל געביידעס, וואָס האָבן פֿריער געהערט צו דייטשן, צו דייטשע אינסטיטוציעס. אויך די קיבוצים פֿון די פֿאַרשיידענע ציוניסטישע ריכטונגען האָבן געקראָגן געביידעס.*)

*) די אַלע ציוניסטישע ריכטונגען, וואָס זיינען פֿאַרטראָטן אין צענטראַל־קאָמיטעט (זע ווייטער), האָבן אין 1946, בשעת איך בין געווען אין פּוילן, פֿאַרמאָגט קיבוצים, וואו אידן, מייסטנס יוגנטלעכע, האָבן געלעבט אָפּגעשלאָסן, ווי אין אַ קאָמונע, און געהאַלטן געוואָרן אונטערן איינפֿלוס פֿון דער באַטרעפֿנ־דיקער ריכטונג, מיטן צוועק אַריבערצופֿירן זיי איבער דער גרענעץ. אין אָנהויב יולי (1946) האָט מיר אַן אָנפֿירער פֿון די קיבוצים פֿון איחוד (אַלגעמיינע ציוניסטן) געזאָגט, אַז אין אַלע קיבוצים האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען פֿופֿצן טויזנט אידן. דאָס הייסט, אַזאַ צאָל האָט זיך געפֿונען אין די קיבוצים אין איין באַשטימטער צייט. אַזוי ווי אָבער די איינוואַוינער פֿון די קיבוצים זיינען ביסלעכווייז אַרויסגעפֿאָרן פֿון לאַנד, אויף אַן אָרגאַניזירטן שטייגער, און זייער אָרט אין די קיבוצים האָבן פֿאַרנומען אַנדערע, קאָן מען אויף זיכער אָננעמען, אַז דורך די קיבוצים זיינען דורכגעגאַנגען עטלעכע צענדליק טויזנט אידן! חוץ קיבוצים פֿון די „אָנערקענטע" ציוניסטישע ריכטונגען, זיינען אויך געווען קיבוצים פֿון „גאָרדאָניאַ", פֿון רעוויזיאָניסטן. צווישן די קיבוצים איז פֿאַר־געקומען אַ קאָנקורענץ, בשעת אידן האָבן געשטראָמט פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד קיין פּוילן, אַריינצוקריגן צו זיך וואָס מער פֿון די אידן, באַזונדערס יוגנטלעכע. די ריכטונגען פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָבן געהאַט די איינשטעלונג אויף בויען דעם פּוילישן אידישן ישוב, זיינען אָפֿט שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די קיבוצים. איינע פֿון זייערע הויפּט־טענות איז געווען, אַז אין די קיבוצים אַרבעט מען ניט. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען ריכטיק. אין השומר הצעיר און אין ספּעציעלע אַרבעט־קיבוצים, „העובד", האָט מען זיך יאָ פֿאַר־נומען מיט אַרבעט, אָבער עס איז קלאָר, אַז די וואָס זיינען געווען אָריענטירט אויף אַוועקפֿאָרן האָבן ניט געקאָנט מאַכן קיין אָנשטרענגונגען צו בויען קאָ־אָפּעראַטיוון, אַריינצוגיין אין די גרויסע פֿאַבריקן. געווען קיבוצים, וואָס זיינען אין זייער אייפֿער אַריינצוכאַפּן וואָס מער רעפּאַטריאַנטן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, באַזונדערס אַריבערגעבראַכטע קינדער, דערגאַנגען ביז מעטאָדן, וואָס זיינען שאַרף געשטעמפּלט געוואָרן אויף די זיצונגען פֿון צענטראַל־קאָמיטעט. שול־טוער, אויפֿזעער פֿון אינטערנאַטן, האָבן באַשולדיקט, אַז מען „צעגנבעט די קינדער". ביי די ריכטונגען, וואָס האָבן זיך אָריענטירט אויף „יציאת פּוילן", זיינען די קיבוצים געווען די הויפּט־אינסטרומענטן אויף אַרויספֿירן אידן קיין אויסלאַנד.

פון דעם איז שוין קלאָר, אַז אַ זייער וויכטיקער פאַקטאָר אין דער פּראָדוקטיוויזירונג פון די פּוילישע אידן איז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די אידן אין פּוילן, אַ קאָמיטעט, אין וועלכן אַלע ריכטונגען פון אידישן לעבן זיינען פאַראייניקט.

לאָמיר אַ קוק טאָן אויף דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור פון דעם קאָמיטעט, וועלן מיר פון דעם אַליין קריגן אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ ראָל ער שפּילט אין אידישן לעבן אין פּוילן.

דער אָרגאַניזאַציאָנעלער געבוי פון צענטראַל־קאָמיטעט איז אַזאַ (איך האָב דאָ אינזינען די צייט, ווען איך בין געווען אין פּוילן, זומער 1946, אָבער מען מעג אָננעמען, אַז די סטרוקטור איז געבליבן די זעלביקע, סיידן עס זיינען צוגעקומען נייע אָפּטיילונגען):

1) סעקרעטאַריאַט. 2) פּערסאָנאַלע אָפּטיילונג. 3) אָפּטיילונג פאַר אָרגאַניזאַציע און קאָנטראָל. 4) אָפּטיילונג פאַר סטאַטיסטיק און עווידענץ. 5) רעפּאַטריאַציע־אָפּטיילונג. 6) פינאַנץ־אָפּטיילונג. 7) אָפּטיילונג פאַר געזעלשאַפטלעכער שוץ. 8) אָפּטיילונג פאַר קינדער־שוץ. 9) שול־אָפּטיילונג. 10) יוגנט־אָפּטיילונג. 11) פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילונג. 12) עמיגראַציע־אָפּטיילונג. 13) יורידישע אָפּטיילונג. 14) אָפּטיילונג פאַר פּראָפּאַגאַנדע און קולטור. 15) ווירטשאַפט־אָפּטיילונג. 16) בוי־אָפּטיילונג. 17) צענטראַלע ביבליאָטעק. 18) צענטראַלע אידישע היסטאָרישע קאָמיסיע. 19) קאָמיסיע פאַר ספּעציעלע ענינים.

אינעם רשות פון צענטראַל־קאָמיטעט געפינען זיך די פאָלגנדיקע וואָיעוואָדישע (גובערניאַלע) קאָמיטעטן: ביאַליסטאָק, קאַטאָוויץ, קראָקע, לובלין, לאָדזש, פּשעמישל, שטשעטשין, וואַרשע, וראָצלאַוו. יעדער פון די קאָמיטעטן האָט אין זיין רשות די אָרטיקע קאָמיטעטן אין די שטעט און שטעטלעך אין דער באַרעפנדיקע וואָיעוואָדע (גובערניע, שטאַט). חוץ דעם געפינען זיך אין רשות פון צענטראַל־קאָמיטעט די פאָלגנדיקע קרייז־קאָמיטעטן: בידגאָשטש (אַמאָליקע בראָמבערג, ביים געוועזענעם „קאָרי־דאָר" דורך פּרייסן צום באַלטישן ים), טשענסטאָכאָוו, גדאַנסק (דאַנציג), פּויזען, טאַרנאָוו, וולאָצלאַוועק.

אין צענטראַל־קאָמיטעט זיינען פאַרטראָטן די פאָלגנדיקע פּאַרטייען און גרופּירונגען:

אידישע פּע־פּע־ער (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטניטשאַ) — 6 פאַרשטייער, בונד — 4, לינקע פּועלי־ציון — 3, רעכטע פּועלי־ציון — 3, איחוד (אַלגעמיינע ציוניסטן) — 4, אידישע פּאַרטיזאַנען — 2, קלענערע גרופּן, איינגעשלאָסן השומר הצעיר — 3. די אָרטאָדאָקסישע אידן זיינען

ניט פאַרטראָטן אין דעם קאָמיטעט, אָבער ביי פיל געלעגנהייטן האָט די פאַרשטייערשאַפט פון דער רעליגיעזער געמיינדע געאַרבעט צוזאַמען מיטן פרעזידיום פון צענטראַל־קאָמיטעט.

אין די ערשטע צייטן פון זיין עקזיסטענץ, אין לובלין און דערנאָך אין פּראַגע, ביי וואַרשע, איז די אַרבעט פון צענטראַל־קאָמיטעט דער עיקר באַשטאַנען אין ראַטעווען די לעבן־געבליבענע, איינשטעלן קיכן, שאַפן קינדער־היימען. מאַטעריעלע מיטלען האָט ער געקראָגן כמעט אויסשליסלעך פון דער רעגירונג. באַפרידיקן די נויטן פון די „לעבעדיקע מתים אין שמאַטעס" איז ניט מעגלעך געווען. אין אָנהויב 1946 איז דער צ. ק. געשטאַנען פאַר זייער אַ גרויסן קריזיס. עס האָבן אָנגעהויבן קומען צענדליקער טויזנטער אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און צוליב מאַנגל אין מיטלען איז ניט געווען צוגעגרייט פאַר זיי די געהעריקע צאָל וואוינונגען, שפּייז־קיכן, קינדער־אַנשטאַלטן און אַזוי ווייטער. די זייער שווערע לאַגע, אין וועלכער די רעפּאַטריאַנטן האָבן זיך געפונען, איז געווען נאָך אַן אירזאַך פאַרוואָס פיל פון זיי זיינען אַריין אין קיבוצים און זיינען אַריבער־געפאָרן — אָדער זיינען אַליין אַוועק — אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד.

ערשט אין יוני (1946) האָט דער „דזשאָינט" אָנגעהויבן צושטעלן דעם צענטראַל־קאָמיטעט אַ רעגולערן בודזשעט (די ערשטע סומע איז געקומען אין יאַנואַר 1946). אַ דאַנק דעם האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געקאָנט מער־וויניקער נאָרמאַל איינשטעלן זיין אַרבעט. אויך דער „אָרט", וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט אין פּוילן מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון העכער אַ יאָר זינט דער באַפרייאונג, האָט פון סוף 1946 אָנגעהויבן ערנסטער אָנטייל נעמען אין דער אויפגאַבע צו געבן די יוגנטלעכע אַ פאַך־דערציאונג, אונטערן רשות פון צענטראַל־קאָמיטעט און די לאָקאַלע קאָמי־טעטן, — מיט דער הילף פון דער רעגירונג, וועלכע האָט צוגעשטעלט געביידעס און אַנדערע מיטלען.

אַ וויכטיק אָרט האָט פאַרנומען די הילף פון דער אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון פּוילישע אידן און דעם וואַרשעווער קאָנסיל אין ניו יאָרק. די הילף פון אידישן פאָלקס־אָרדן, וועלכע איז געגאַנגען אויסשליסלעך פאַר צוועקן פון פּראָדוקטיוויזאַציע און פאַר קינדער־אינסטיטוציעס, איז שטאַרק אָפּגעשאַצט געוואָרן.*)

---

*) בשעת די אַלע אויסגערעכנטע אָרגאַניזאַציעס גיבן זייער הילף כמעט אינגאַנצן, אָדער אויסשליסלעך, דעם צענטראַל־קאָמיטעט, פירט זיך אָבער דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט גאָר אַנדערש. דער גרעסטער טייל פון די סומען, וואָס ווערן פון אים באַשטימט פאַר פּוילן, גייען דער עיקר צום „בונד".

אויף אַן ערנסטן אופן האָט זיך די פּראָדוקטיוויזאַציע־אַרבעט אָנ־געהויבן אין סוף 1946, נאָכדעם ווי עס זיינען אַוועק עטלעכע חדשים אין צוגרייטונגען און עקספּערימענטן, און נאָכדעם ווי די בהלה האָט זיך איינגעשטילט און דער ישוב האָט זיך סטאַביליזירט (די בהלה האָט אומ־געבראַכט אַ סך פּאָזיציעס: אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס איז מיט אַ סך מי געשאַפן געוואָרן, איז פאַרקריפּלט געוואָרן צוליב דעם פאַרלוסט פון אַר־בעטער, בוכהאַלטער; אין די גרויסע פאַבריקן, וואו מען האָט אויסגע־קעמפט פּאָזיציעס פאַר אידישע אַרבעטער, האָט דאָס „פאַרשווינדן" פון איינצלנע אַרבעטער געבראַכט שאָדן דער אונטערנעמונג און האָט אויך אַריינגעשפּילט אין די הענט פון די, וואָס האָבן ניט געוואָלט צולאָזן קיין אידישע אַרבעטער).

ווי עס איז צו זען פון דעם צעטל אָפּטיילונגען פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, איז פּראָדוקטיוויזאַציע ווייט ניט זיין איינציקע אויפגאַבע. דאָס איז אָבער אָן ספק איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן זיינע. אַן אַנדער וויכטיקע אויפגאַבע, אויף וועלכער מיר וועלן זיך בקיצור אָפּשטעלן, איז — קולטור־אַרבעט.

## ווידערגעבורט פון דער אידישער קולטור אין פוילן

ניט מען אַ קוק אויף דער קולטור־אַרבעט פון די אידן אין פוילן, מעג מען רעדן פון אַ ווידערגעבורט, — אַ ווידערגעבורט, וואָס וועט האָבן אַ ווירקונג אויף דער אידישער קולטור בכלל. אין פאַרנעם, אין דער צאָל אויסגאַבן און ביכער, טעאַטערס און אַנדערע אַנשטאַלטן, קאָן זיך דער איצטיקער ישוב אין פוילן געוויס ניט פאַרגלייכן מיטן דריי און אַ האַלב מיליאָניקן ישוב פאַר דער מלחמה. אָבער דער נייער סאָציאַלער כאַראַק־טער פון דעם פוילישן אידישן ישוב גיט דער איצטיקער קולטור־אַרבעט אין אַ געוויסן פּרט אַ קוואַליטעט, וואָס די קולטור־אַרבעט פאַר דער מלחמה האָט ניט געהאַט.

איינער פון די באַשטאַנד־טיילן פון דער קולטור־אַרבעט פונעם איצ־טיקן פוילן איז די השפּעה פון די קאַמפן אין די געטאָס, פון די פּאַרטי־זאַנען; זיינען די עלעמענטן פון דעם קידוש־השם פון אידן אין פוילן. דאָס נייע דעמאָקראַטישע פוילן, און די נאָך־מלחמהדיקע אייראָפּע בכלל, האָט איר השפּעה אויף דער קולטור־אַרבעט פון די פוילישע אידן. און אויף דעם געביט, ווי אויפן געביט פון פּראָדוקטיוויזאַציע, שפּילט אַ גרויסע ראָל די אייניקייט, וועלכע איז אין די געטאָס און אין די פּאַרטי־

זאַנען־קאַמפּן אויסגעשמידט געוואָרן. אויך דאָס גיט דער קולטור־אַרבעט א באַזונדערע קוואַליטעט.

דאָס איז א טרייסט. א קליינע טרייסט — געוויס — אין פאַרגלייך מיטן חורבן פון דעם גרויסן אידישן קולטור־אוצר, וואָס דאָס פאַר־מלחמהדיקע פּוילן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, און אין אַנגעזיכט פון דער אויסראָטונג פון אַזוי פיל אידישע שרייבער, קינסטלער, וויסנ־שאַפטלער, קולטור־טוער, וואָס פיל פון זיי האָבן אויסגעפילט אַן אַל־פאָלקישע ראָל אויפן קולטור־געביט, פאַרן גאַנצן פאָלק. אָבער ס'איז א טרייסט געווען צו דערוויסן זיך, אַז אין דעם אַש פון דער געטאָ האָבן געטליעט די פונקען פון דער אידישער קולטור. די נאַצים האָבן די פונקען נים געקאָנט אויסלעשן. עס איז א טרייסט איצט צו זען, אַז דער אָנזאָג פון די קדושים ווערט פאַרגעזעצט.

מיט שוועריקייטן, מיט ווייטיק. עס איז ביטער צו זיין א שארית הפליטה פון א דריי־מיליאָניקן ישוב. קולטור־שאַפער, קולטור־בויער פילן עס נאָך מער, ווי די וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיוויזאַציע. אָבער — דער אָנזאָג ווערט פאַרגעזעצט.

די מאַסן־באַזע פאַר דער אידישער קולטור איז נידערשלעזיע, וואו עס געפינט זיך העכער א העלפט פון דעם אידישן ישוב אין פּוילן. אין אָנהויב 1947 איז אין נידערשלעזיע פאַרגעקומען א קולטור־צוזאַמענפאָר און עס איז באַריכטעט געוואָרן, אַז אין נידערשלעזיע זיינען פאַראַן — ריכטיקער: עס זיינען דעמאָלט געווען — 22 שולן, 20 קינדער־גערטנער, 19 קלובן מיט ביבליאָטעקן, לייען־זאַלן און דראַמאַטישע קרייזן, פינף כאָרן, צוויי אָרקעסטערס, א פאָלקס־אוניווערסיטעט, א אידישער טעאַטער. עס קומען כסדר פאָר ליטעראַרישע אָוונטן, לעקציעס. עס קומען פאָר פייערלעכע דעמאָנסטראַציעס פאַר דער אידישער קולטור (ווי דער צוזאַמענפאָר, געדענק־אָוונטן פאַר די אידישע קלאַסיקער, ספּעציעלע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, קבלת־פּנימס פאַר ליטעראַטן, קינסטלער, ביל־דער־אויסשטעלונגען און אַז. וו.), וועלכע ציען צו גרויסע מאַסן אידן און אין וועלכע עס נעמען אָנטייל פאָרשטייער פון דער מאַכט.

לויטן באַריכט פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די אידן אין פּוילן, י. לאַזעבניק, אין אָקטאָבער 1947, האָבן זיך דעמאָלט אין פּוילן געפונען 32 קינדער־שולן מיט 2,730 קינדער; 56 קינדער־היימען פון פאַרשיידענע טיפּן מיט 3,648 קינדער; 18 יוגנט־היימען מיט 1,155 יוגנטלעכע. עס זיינען געווען 20 אידישע ספּאָרט־

קלובן, 26 דראמקרייזן, א דראמאטישע שול, 12 כארן, א מוזיק־שול, א טאנץ־שול.

צוויי אידישע טעאטערס זיינען געווען — איינער אין לאדזש, דער אנדערער אין נידערשלעזיע. א דריטער טעאטער, פאר קליין־קונסט, איז געפלאנעוועט געווארן. די רעגירונג האט געגעבן די געביידעס פאר די טעאטערס.

אין דריי חדשים זיינען פארגעקומען 36 ליטעראַרישע און מוזי־קאַליש־טעאַטראַלע קאָנצערטן און עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פיר קול־טור־קאָנפערענצן. אידישע פּראָגראַמען ווערן געגעבן אויף דער ראַדיאָ אין וואַרשע, ווראָצלאַוו און אַנדערע פּונקטן.

ביז ניט לאַנג צוריק איז לאָדזש געווען — און איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרבליבן — די קוזניע פון דער אידישער קולטור. אין לאָדזש האָבן זיך גענומען קאָנצענטרירן אידן באַלד נאָך דער באַפרייאונג, ווייל די דייטשן האָבן ניט באַוויזן חרוב צו מאַכן די שטאָט (חרוב איז דער באַלוט, וואו עס איז געווען די אידישע געטאָ). אין צייט, פאַר דער אויסוואַנדערונג־בהלה, האָט די שטאָט געהאַט 25־30 טויזנט אידן. דאָ געפינט זיך אויך די פּאַליגראַפישע באַזע, די צענטראַלע דרוקעריי, וואָס איז מיט מסירת־נפש אויסגעבויט געוואָרן (מען האָט געקליבן אידישן שריפט, אות צו אות, אין דער געוועזענער דרוקעריי פון דער „געטאָ־צייטונג", אין קעלערס, אויף מיסט־הויפנס, כדי אַרויסצוגעבן די ערשטע נומערן „דאָס נייע לעבן"). דאָ דרוקן זיך די אויסגאַבן פון אַלע ריכטונגען און, פאַרשטייט זיך, „דאָס נייע לעבן", און די „אידישע שריפטן", וואָס ווערן אַרויסגעגעבן פון ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פּאַראיין, וואָס געפינט זיך אין לאָדזש. דאָ איז איינגעשטעלט געוואָרן די צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע.

די צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע, איינגעשלאָסן אירע אָפּ־טיילונגען אין קראָקע, וואַרשע, ביאַליסטאָק, לובלין, שטעלט פאַר מיט זיך אַ גרויסן אַל־פּאָלקישן פאַרמעגן. געגרינדעט איז זי געוואָרן אין לובלין, ווען די האַלאָוועשקעס האָבן זיך נאָך געוויכערט, האָבן די פירער פון צ. ק. איינגעשטעלט אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל זאַמלען און באַאַרבעטן מאַ־טעריאַלן וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע פון אידישן פאָלק בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פוילן. די היסטאָרישע קאָמיסיע האָט צונויפגעזאַמלט אַ גרויסן אַרכיוו פון ביכער, דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס, מאָנאָגראַפיעס, באַשרייבונגען פון יחידים וועגן זייערע איבערלעבונגען, און אַזוי ווייטער. זי האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי ווערק (די מייסטע פון זיי אויף פויליש, טייל־

וויז צוליב מאַנגל אין מעגלעכקייטן ארויסצוגעבן זיי אויף אידיש, אָדער אויך אויף אידיש).

די היסטאָרישע קאָמיסיע האָט ביז אָנהויב 1947 ארויסגעגעבן ארום 30 אויסגאַבן אין פּויליש און אידיש. אין 1947 זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן א ריי ליטעראַרישע און געשיכטלעכע אויסגאַבן, דורכן ליטעראַטן־פאַראיין און אנדערע. דער חודש־זשורנאַל „אידישע שריפטן", ארויסגעגעבן פונעם פאַראיין, דערשיינט רעגולער. עס איז (אין סוף 1947) געפּלאַנעוועט געוואָרן אַריבערצופירן „דאָס נייע לעבן" קיין ווארשע און ארויסגעבן די ציַיטונג טעגלעך, אַנשטאָט צוויי מאָל א וואָך. די צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע איז שוין אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ווארשע (אין דער געביידע פון דער געוועזענער יודאַאיסטישער ביבליאָטייק ביי דער אמאָליקער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע) און ס'איז געפּלאַנעוועט געוואָרן צו פאַרוואַנדלען זי אין א היסטאָרישן אינסטיטוט.

## נוסח פּוילן

די אַלע שטריכן פון דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל און פון דעם קולטור־לעבן פון פּוילישן אידישן ישוב פאַרמאָגן דאָס, וואָס מען רופט — נוסח פּוילן.

ס'איז דער אַלטער נוסח צוזאַמען מיטן נייעם. דער ישוב ציט דעם „כשרן פאָדעם" פון אמאָל, פאַרן חורבן, און ער ווערט באַווירקט פון די געוועזענע געטאָס און לאַגערן. דאָס זיינען געווען ניט נאָר שחיטה־ערטער. די ערד איז דאָ געהייליקט געוואָרן מיטן בלוט פון די קדושים און פון די העלדן, וואָס זיינען געפאַלן אין דער שלאַכט פאַרן כבוד פון פאָלק. ניט סתם בית־עלמינס זיינען די געוועזענע געטאָס. זיי זיינען הייליקע ערטער, וואָס רופן און מאָנען, וואָס פאָדערן. עס טראָגט זיך פון זיי דער אָנזאָג: עם ישראל חי, דאָס אידישע פאָלק לעבט און וועט לעבן!

אפשר איז סימבאָליש דער פאַקט, וואָס אין אָשווענטשים האָט זיך געשאַפן א אידישע געמיינדע... גראָד דאָרט, וואו די ערד איז אויסגעמישט מיט מענטשלעך אַש...

פון וויַיטנס איז דאָס שווער צו פאַרשטיין. פון וויַיטנס קאָן מען זיך אָבער אויך מער פאַרגינען איַינזינען צו האָבן נאָר דאָס אמאָליקע אָשוועַנטשים, ווען מען רעדט און מען טראַכט וועגן פּוילן. דאָרט מוז מען — לעבן. מען מוז לעבן, האָדעווען א נייעם דור. ווען איך בין געווען אין אָשוועַנטשים האָב איך געטראָפן א יונג פּאָרל, מאַן און וויַיב,

וואָס ביידע זיינען זיי געווען געפּאַנגענע און געפּייניקטע אין דעם דאָזיקן גרעסטן פון אַלע שחיטה־לאַגערן. איצט האָבן זיי דאָ געאַרבעט, ביים אויפשטעלן דעם מוזיי, און זי האָט געהאַלטן ביים ווערן אַ מוטער. און עפּעס אַ געפיל פון טריאומף האָט זיי באַהערשט: גראָד דאָ, וואו זיי זיינען געווען אויף יענער זייט לעבן — לעבן זיי און ברענגען ניי לעבן!

אָט דער אָנזאָג פון אָשווענטשים, דער אָנזאָג פון די קדושים און העלדן איז אַ טייל פון נוסח פוילן.

אין דעם נוסח פוילן איז פאַראַן נאָך אַן עלעמענט: די נייע דעמאָקראַטיע. אַ לאַנד, וואו עס זיינען מער ניטאָ די קלאַסן — די פּריצים, די גרויס־קאַפּיטאַליסטן — וועלכע זיינען געווען דער קוואַל פון אַלדאָס בייז, פאַר פוילן בכלל ווי פאַר אידן. ביי דער מאַכט געפינען זיך די פאָלקס־מאַסן, בראש מיטן אַרבעטער־קלאַס. אויף דער טאָג־אָרדענונג איז געשטעלט געוואָרן סאָציאַליזם, די אָרדענונג פון יושר. אָט דער עלעמענט איז אַריינגעוועבט אין דעם נוסח פוילן, — איז אַריינגעוועבט אין די בעסטע טראַדיציעס פון אַמאָליקן גרויסן אידישן ישוב און אין דעם אָנזאָג פון די העלדן פון דער געטאָ.

אָט אַזוי, מיט גרויסע ווייטיקן, מיט שוועריקייטן, האָט דער אידישער ישוב אין פוילן פאַרצייכנט באַדייטנדיקע דערגרייכונגען. אָט אַזוי בויט זיך אידיש לעבן.

# פאַרוואָס זיינען פוילישע אידן אַוועק פון סאָוועטן-פאַרבאַנד?

אין יאַנואַר 1947, ווען איך בין געווען אין מינכען, האָב איך אין דער „אידישער צייטונג", וואָס גייט אַרויס אין דעם לאַנדסבערג-לאַגער, געטראָפן אַזאַ ליד:

**אויף פרעמדער אוזבעקישער ערד**

אויף קאַכיקער אוזבעקישער ערד,
ביים טרייסלדיקן פיבער אין פענט,
כ'האָב אַ ליבלעכע שטים דערהערט,
כ'האָב דערפילט אַ פּאָר מאַמישע הענט.

ווען לעבן מיט האָפענונג אינאיינעם
האָבן געזאָלט מיך שוין לאָזן אַליין —
האָט מיך געצערטלט אַן אוזבעקישע זקנה,
ווי אַמאָל מיין מאַמע אין דערהיים:

„זונעלע מיינס, עס אַ פּאָר טרויבן.
זונעלע מיינס, טרינק אַביסל ווייַן..."
און כ'האָב געגעסן און געטרונקען מיט גלויבן,
אין גאָט, אין מענטש — אין זיין...

זייט דעמאָלט זיינען יאָרן פאַרגאַנגען,
אין שרעק, אין גרויל, אין פלאַמען —
אויב כ'בין דאָ, כ'בין אַרויס פון געראַנגלען,
איז אַ דאַנק דער אוזבעקישער מאַמען...

זייט דעמאָלט האָלט מענטש אין פרעסן
מיין גלויבן מיט חיהשע ציינער; —
נאָר איך האָב ניט און וועל ניט פאַרגעסן
די גוטע אוזבעקישע זקנה!

דער שרייבער פון דעם ליד, א. פשעדבאָרסקי, האָט זיך געוואַלגערט אין גיהנום, אין לאַגער אין דייטשלאַנד, און דער „מענטש", וואָס האָט

אים נעצוואונגען זיין אין לאַגער, פרעסט זיין גלויבן „מיט חיהשע ציינער".
אָבער ער ווייס איינס:

„איך וויל ניט און וועל ניט פאַרגעסן
די גוטע אוזבעקישע זקנה."

ער האָט ניט פאַרגעסן דאָס סאָוועטישע לאַנד, וואָס האָט אים געגעבן לעבן, געגעבן גלויבן — „אין גאָט, אין מענטש, אין זיין". אַלע פּוילישע אידן, וואָס זיינען געראַטעוועט געוואָרן, האָבן עס ניט פאַרגעסן.

עס קלינגען מיר נאָך ממש אין די אויערן די אָוואַציעס אויפן לעצטן מיטינג, וואו מיר איז אויסגעקומען ארויסצוטרעטן, אין לובלין, נאָך א באַזוך אין מאַידאַנעק. איידער די רעדעס האָבן זיך אָנגעהויבן, האָט געזונגען א קינדער־כאָר. צווישן די קינדער זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען אין מאַידאַנעק אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך דער רויטער ארמיי. זי האָט באַוויזן אָנצוקומען אַהין ממש עטלעכע מינוט פאַרן טויט... די מערהייט אָנוועזנדיקע אידן אין דעם פּרץ־הויז אין לובלין האָבן געהאָט צו פאַרדאַנקען דער רויטער ארמיי פאַר זייערע לעבנס. איז ווי נאָר דער רעדנער האָט דערמאָנט די ראָל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, די ראָל פון דעם רעטער פון אידישע לעבנס, האָבן די אידן דעמאָנסטרירט.

ווי נאָר מען קומט אין באַרירונג מיט אָרנטלעכע אידן, וואָס זיינען בשעת דער מלחמה געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — ס'הייסט מיט דער גרעסטער מערהייט אַזעלכע אידן — דערפילט מען, אַז זיי זיינען דורכ־געדרונגען מיט דאַנקבאַרקייט צו דער אוזבעקישער זקנה, צו די סאָ־וועטישע פעלקער און וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן וואָס פאַר אַ גרויס געשנאַק מען האָט זיי געגעבן — לעבן!

די זעלביקע אידן זיינען פונדעסטוועגן אַוועק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד צוריק קיין פּוילן. פאַרוואָס?

קודם, ניט אַלע זיינען אַוועק. פון די העכער צוויי הונדערט טויזנט אידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען צענד־ליקער טויזנטער געבליבן. אָבער העכער 160 טויזנט זיינען ארויסגעפאָרן — ווייל זיי האָבן געוואָלט פאָרן אַהיים. אָט אַזוי פּשוט איז עס!

אין וואַרשע, אין אַ זונטיק פרימאָרגן, ווען ר. זאַלצמאַן און איך זיינען געגאַנגען אין געטאָ, האָבן מיר ביים ראָג טלאָמאַצקע און פּשעיאַזד געטראָפן צוויי מענער און אַ פרוי, וואָס זיינען געגאַנגען צוריק פון געטאָ פאַרווייַנטע. נאָר־וואָס זיינען זיי געווען געקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיינען באַלד געלאָפן אַ קוק טאָן אויף זייערע היימען, וואָס זיי האָבן

געלאָזן דאָרט, וואו ס׳איז געווען די געטאָ. איינער פון די מענער און די פרוי — מאַן און ווייב — זיינען געלאָפן אויף פּאוויע גאַס, וואו זיי האָבן אין דעם טומל אין 1939 איבערגעלאָזט זייערע קינדער. זיינען טאַטע־מאַמע נעגאַנגען צוריק פּאַרוויינטע. זיי האָבן אַפילו די פּאוויע גאַס ניט געטראָפן...

פיל פּוילישע אידן האָבן אַלע יאָרן פון דער מלחמה געוואַרט אויף דער געלעגנהייט צו פאָרן צוריק, זוכן זייערע אייגענע. די סאָוועטן־רעגי־רונג האָט זיי געגעבן באַנען און אַנדערע מעגלעכקייטן, כדי צו פאָרן צוריק. פיל פּוילישע אידן זיינען געפאָרן זען וואָס עס איז געוואָרן מיט זייערע הייזער, מיט זייער אייגנטום. הכלל, מען איז געפאָרן אהיים.

אָט אַזוי פּשוט איז עס!

דאָס איז ניט אַלץ. צענדליקער טויזנטער פּוילישע אידן, וואָס זיינען געפאָרן צוריק קיין פּוילן, האָבן בעסער געוואָלט פאַרבלייבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי האָט מען אַגיטירט אויף צו פאָרן צוריק! דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן אין מאָסקווע האָט אָנגעפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע, אַז מען זאָל פאָרן צוריק, בויען דאָס נייע פּוילן. די מערהייט פון די אידן העלפן טאַקע בויען דאָס נייע פּוילן, דאָס אידישע לעבן. אַ מינדער־הייט פון די אידן האָט שפּעטער, אין פּוילן, באַדויערט פאַרוואָס זיי זיינען געפאָרן. די דאָזיקע אידן זיינען ניט געווען גרייט צום קאַמף מיט אַנ־דערסעם באַנדעס, מיט מיקאָלאַיטשיקן. אַ סך פון זיי, טויזנטער, האָבן געוואָלט פאָרן צוריק קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד (געוויסע גרופּן, וועלכע האָבן זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אויסגעלערנט הויך־קוואַליפיצירטע פאַכן, איז געלונגען צו קריגן די מעגלעכקייט צו פאָרן צוריק).

אָט די צוויי קאַטעגאָריעס — די, וואָס האָבן פּשוט געוואָלט פאָרן אהיים און די, וואָס כאָטש זיי האָבן געוואָלט בלייבן, זיינען פונדעסטוועגן געפאָרן, כדי צו בויען דאָס נייע פּוילן, האָבן אויסגעמאַכט כמעט די גאַנצע הונדערט פּראָצענט פון די פּוילישע אידן, וואָס זיינען אַרויס־געפאָרן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. (אין דער קאַטעגאָריע פון די וואָס זיינען געפאָרן קיין פּוילן אַ קוק טאָן אויף דער אַמאָליקער היים, געוואָר ווערן וועגן משפּחה, גייען אריין די, וואָס האָבן געהאָפט דערנאָך צו פאָרן צו זייערע אייגענע אין אַמעריקע, אָדער פּאַלעסטינע.)

עס איז אָבער געווען אַ הייפעלע — שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס כאָטש זיי זיינען געלאָפן איבער דער סאָוועטישער גרענעץ ראַטעווען זייער לעבן, און כאָטש זיי זיינען טאַקע געראַטעוועט געוואָרן אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, זיינען זיי דאָך פאַרבליבן שונאים. צווישן די דאָזיקע

האָבן זיך אויסגעטיילט איינצלנע, די געמיינסטע, וואָס האָבן זיך אין אַמעריקע פאַרקויפט צו דער פעטער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער אינסטי־טוציע, צום „פאָרווערטס“, און — פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל — צו־געשטעלט „באַשרייבונגען“, „דערינערונגען“, אָדער גאָר פשוט גיפטיקע העצעס, מיט קללות און חרמות.

די דאָזיקע פאַרשוינען, וואָס שפּיען אויף דער „אוזבעקישער מאַמע“, קאָנען פאַרגליכן ווערן צו דער אידישער פאָליציי, וואָס האָט געאַרבעט פאַר די „יודען־ראַטן“ אין די געטאָס. פיל פון די דאָזיקע אידישע פאָליציאַנטן האָבן געטאָן די אויסראָטונג־אַרבעט קעגן אידן מיטן זעלביקן פלייס, ווי די געשטאַפּאָ האָט עס געטאָן (איך אַליין האָב געזען צוויי אַזעלכע פאָליציאַנטן אויף אַ משפט פאַרן העכסטן פוילישן געריכט אין קראָקע, — עס האָט אָנגעכאַפּט אַ גרויל פון זייערע מעשים). אָט דער טיפּ, מיט דער „מאָראַל“ פון יענע אידישע פאָליציאַנטן, האָט זיך אין סוף 1946 אַ נעם געטאָן אין „פאָרווערטס“ שילטן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט טויטע קללות.

וואָס באַדייט די אַרבעט פון די דאָזיקע פאַרשוינען? פראָסט און פשוט — טויט פאַר אידן! (זע דאָס נאָכפאָלגנדיקע קאַפּיטל.)

זיי בויען דערויף, וואָס עס איז די פוילישע אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען שווער. דאָס איז אמת. עס איז זיי געווען זייער שווער. די פאַרלוימדער דערציילן אָבער ניט, אַז עס איז אַלעמען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען זייער שווער. זיי האָבן זיך דאָרט אַלע מקריב געווען, כדי מעגלעך צו מאַכן סטאַלינגראַד.

די סאָוועטישע בירגער האָבן זייער אַ סך קרבנות געבראַכט. איז שוין פאַרשטענדלעך, אַז די בירגער, וואָס זיינען געקומען פון אַן אַנדער לאַנד, איז געווען פונקט אַזוי שלעכט, אָדער נאָך ערגער. זיי זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון אַן אַנדער סביבה, זיי זיינען צו דער נייער סביבה ניט געווען צוגעוואוינט. פיל האָבן זיך ניט געוואָלט צוגעוואוינען, ווייל ס'איז געווען צו שווער פאַר זיי, ווייל זיי האָבן געטראַכט וועגן פאָרן אַהיים. די סאָוועטן־רעגירונג איז גרייט געווען צו מאַכן אַלעמען פאַר אירע בירגער (אַ זאַך, וואָס מען טוט ניט אין קיין שום לאַנד), אָבער די, וואָס האָבן געטראַכט וועגן פאָרן אַהיים, האָבן עס ניט אָנגענומען. האָט מען אַזעלכע פרעמדע בירגער געמוזט אַוועקשיקן וואָס טיפער אין לאַנד אין ניט־באַזעצטע געגנטן, אין מיטל־אַזיע, אין סיביר (צוליב דעם זיינען זיי, „אגב“, לעבן־געבליבן). דאָס האָט זייער לאַגע נאָך שווערער געמאַכט. זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ נאָך מער אומבאַקאַנטער סביבה, אין שוואַך־

אנטוויקלטע געגנטן. אָבער, אין גרויסן און גאַנצן גענומען, איז זייער לאַנג געווען שווער צוליב דעם, וואָס עס איז אַלעמען געווען שווער. נאָכ־אַמאָל און ווידעראַמאָל, זיי האָבן זיך אַלע מקריב געווען, אויפן פראָנט און הינטערן פראָנט, כדי מעגלעך צו מאַכן סטאַלינגראַד.

וויכטיק איז די אומטערשטע שורה ווען די פוילישע אידן, וואָס זיינען געקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד: זיי האָבן אויסגעמיטן מאַי־דאַנעס און טרעבלינקע! זיי האָבן געקראָגן אַ גרויס געשאַנק — לעבן! זיי האָבן געקראָגן — „גלויבן אין גאָט, אין מענטש, אין זיין". זיינען די אַרנטלעכע, דאָס הייסט כמעט אַלע פוילישע אידן, וואָס האָבן זיך גע־ראַטעוועט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאַנקבאַר דער „אוזבעקישער מאַמע", דאַנקבאַר די סאָוועטישע פעלקער, דאַנקבאַר דער סאָוועטן־רעגירונג פאַר דעם גרויסן געשאַנק.

# עס וואַלטן איצט געלעבט נאָך צענדליקער טויזנטער פּוילישע אידן

ווען איך בין געווען אין פּוילן האָב איך זיך געטראָפן מיט א פאמיליע פון ראדאָם — מרדכי און שרה בירנבוים און זייער 18־יאָריקער זון, שלמה.

אין דער קינדער־היים פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּוילישע אידן, אין פאלעניצע, א זומער־אָרט ביי ווארשע, האָב איך די פאמיליע געטראָפן. און געווען איז עס אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין אָנקומען קיין פּוילן.

דער טאָג איז געווען א שיינער, א זוניקער און א מילדער. מיר זיינען געפאָרן איבער די קינדער־היימען לענג־אוים דער דאטשע־ליניע ווארשע־אָטוואָצק. מיר האָבן זיך אָנגעשעפּט מיט א סך נחת און א סך ווייטיק. עס איז געווען א נחת צו קוקן אויף די שיינע, געזונטע קינדער, וואָס אין די יאָרן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע זיינען זיי געלעגן באהאלטן אין לעכער, אָדער זיך געפּונען אין וואלד, אָדער זיינען געפּייניקט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן, פון וואַנען זיי זיינען געראַטעוועט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. פיל קינדער זיינען געקומען פון קריסטלעכע היימען, פון קלויסטערס, וואו זיי האָבן זיך אין דער אָקופּאַציע־צייט געפּונען. כמעט אלע קינדער זיינען געווען יתומים. האָט גענאָגט א ווייטיק בשעת מיר האָבן געשעפּט נחת... אָבער באַלד איז צוגעקומען נאָך א ווייטיק.

איך האָב, הייסט עס, אין דער קינדער־היים אין פאלעניצע געטראָפן די פאמיליע בירנבוים פון ראַדאָם. פריער האָב איך געטראָפן די פרוי, שרה בירנבוים, אין ביוראָ פון דער קינדער־היים, וואו זי איז געווען אָנגעשטעלט. זי האָט געהאַט א נומער אויפן אָרעם — געווען אין אָשוועגטשים. איין אינגל, פון א יאָר ניין, האָט זי דאָרט פארלאָרן, אָבער דער עלטערער בחור, וועלכער איז דאָרט אויך געווען, האָט דערלעבט גע־ראַטעוועט צו ווערן צוזאַמען מיט איר.

— מיין מאַן האָט זיך געראַטעוועט אין סאָוועטן־פארבאַנד, — זאָגט מיר שרה בירנבוים, — און ער איז שוין דאָ, ער ארבעט אויך אין דער קינדער־היים.

איך בין געווען נייגעריק אים צו זען. שפּעטער האָב איך געטראָפן א סך טויזנטער אידן, וואָס זיינען לעבן־געבליבן דורכדעם, וואָס זיי האָבן זיך געראַטעוועט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָבער מרדכי בירנבוים איז געווען דעמאָלט ביי מיר דער ערשטער פון דעם מין געראַטעוועטע אידן.

האָב איך מיט אים פאַרבראַכט א שטיקל צייט, געשמועסט מיט אים וועגן די יאָרן, וואָס ער איז געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. האָט ער מיר דערציילט: עס איז געווען שווער, זייער שווער. עס איז אָבער געווען אַלעמען שווער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד; קיינער האָט קיין באַגריף ניט, ווי מען האָט זיך דאָרט אָנגעשטרענגט מעגלעך צו מאַכן דעם זיג.

— דער עיקר איז, איך בין געבליבן לעבן, — האָט מיר מרדכי בירנבוים געזאָגט. — ווען איך וואָלט ניט געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָלט איך געווען דאָרט, וואו עס געפינען זיך איצט כמעט אַלע פון מיין משפּחה, כמעט אַלע מיינע יוגנט־פריינט.

איך האָב אים פאַרשפּאָרט צו פרעגן וואו זיי געפינען זיך... אָבער באַלד האָט ער געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס כאָטש דאָס איז פאַר מיר קיין נייעס ניט געווען, האָט עס מיך פונדעסטוועגן פריטשמעליעט:

— איך האָב געהאַט פריינט, וואָס זיינען געלאָפן פון רוסלאַנד צוריק אהער, צום דייטש, און זיי זיינען ניטאָ...

מיר, אין אַמעריקע, האָבן שוין אין 1940 און 1941 געוואוסט, אַז געוויסע אידן זיינען געלאָפן צוריק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין נאַצי־פּוילן. מיר האָבן אין א ניו־יאָרקער „אידישער" ציישונג אפילו געלייענט געוואַלט־געשרייען, הלמאי די „שרעקלעכע" סאָוועטן־מאַכט לאָזט ניט אידן גיין צוריק קיין פּוילן, צום דייטש. אין דער זעלביקער ציישונג זיינען אַפּילו געווען געדרוקט אַרטיקלען, וואו מען האָט זיך באַרימט דערמיט, וואָס אידן לויפן צוריק קיין נאַצי־פּוילן.

איך האָב דאָ, פאַרשטייט זיך, איינזינען די ציישונג, וואָס איז פאַר־ריקט פון סאָוועטן־האַס, דעם „פאָרווערטס".

די ציישונג האָט דעם 18טן מאַי, 1940, געדרוקט אַן אַרטיקל פון איינעם ש. מערעסטאָווסקי, אונטער א קאָפּ: „די פאַרצווייפלטע לאַגע פון די אידן אין סאָוועט־פּוילן". לאָזט מען דאָרט וויסן: „טויזנטער אידן שמוגלען די גרענעץ און לויפן צוריק אין זייערע אַלטע היימען אין נאַצי־פּוילן." א גדולה א גרויסע! אין א טעלעגראַמע, פון איינעם ש. מאָל־דאַווער, פון לאָנדאָן, דעם 7טן פעברואַר, 1941, קלאָגט מען זיך:

„סאָוועט־באַאַמטע אין גאַליציע לאָזן ניט „געראַטעוועטע" אידן אומ־קערן זיך אין נאַצי־טעריטאָריע."

אזוי איז געווען געדרוקט אין אַ „אידישער" צייטונג... אזוי האָט מען דאָרט געקלאָגט קעגן אַן אָרדער פון דער סאָוועטן־רעגירונג, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דאָס לויפן פון געוויסע אידן... און מען מאַכט חוזק: „געראַטעוועטע". אויך מיר אַ רעטונג — מען האַלט זיי אין רוסלאַנד!

בשעת איך בין געווען אין פּאַלעסטינע, ביי ווארשע, האָב איך געהאַט פאַרגעסן אָן די מעשים פון דער דאָזיקער צייטונג — די שאַנד פון די אידן אין אַמעריקע. אָבער ווען מרדכי בירנבוים האָט מיר אַ זאָג געטאָן די עטלעכע ווערטער וועגן זיינע פריינט, וואָס זיינען געלאָפן צוריק אין נאַצי־פּוילן און „זיינען איצט ניטאָ", איז פאַר מיר אויפגעשוואומען די העצע פון דער פאַרריקטער סאָוועטן־פרעסערישער צייטונג ביי אידן. איך האָב דערפילט דעם גאַנצן גרויל פון דער העצע...

כ'האָב זיך פאַראינטערעסירט מיטן ענין פון די אידן, וואָס „זיינען איצט ניטאָ". כ'האָב גערעדט מיט בירנבוימען וועגן דעם. אין משך פון די עלף וואָכן, וואָס איך בין געווען אין פּוילן, האָב איך מיט אַ סך גע־ראַטעוועטע אידן — יאָ, געראַטעוועטע, ווייל די אידן, וואָס זיינען געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, „זיינען דאָ"! — גערעדט וועגן דעם ענין.

יאָ, פון די העכער צוויי הונדערט טויזנט פּוילישע אידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די ערשטע טעג פון היטלערס אָנ־גריף אויף פּוילן, זיינען געוויסע גרופּן געלאָפן צוריק. יאָ, אַנדערע גרופּן האָבן געוואָלט לויפן, נאָר די סאָוועטישע וואַך ביי דער גרענעץ האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג.

די, וועמען עס האָט זיך „איינגעגעבן" אַריבערצולויפן, זיינען פּאַקטיש געלאָפן אין די גאַז־אויוונס אַריין (אין איר טאָג־בוך פון דער וואַרשעווער געטאָ האָט מרים בערג, אין „מאָרגן־זשורנאַל", עטוואָס דער־ציילט וועגן אַזעלכע אידן).

פרעגט זיך: פאַרוואָס זיינען זיי געלאָפן?

ווייל ס'איז זיי געווען שווער? שווער איז זיי געווען — וועגן דעם קאָן קיין פראַגע ניט זיין. ווען אַ פּוילישער איד קומט אין דער רייכער אַמעריקע, צו קרובים, איז אים אויך שווער די ערשטע צייט. עס קומט אים אָן מיט קריעת ים־סוף צוצוגעוואוינען זיך צו דער נייער סביבה. אַנדערע געוואוינען זיך קיינמאָל ניט צו. פאַר אַ מיטליאָריקן פּוילישן אידן, אַ געוועזענער חסיד, אַ קרעמער אויף גענשע גאַס, אויף די נאַלעווקעס, וואָלט זייער שווער געווען איינצולעבן זיך אויך אין אַמעריקע. בפרט ווען ער וואָלט דאָ געווען עלנט, אין אַן אומרואיקער צייט.

עס איז די פּוילישע אידן, וואָס זיינען געלאָפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד,

איבערלאָזנדיק אין פיל פאַלן די פרויען און קינדער אין פּוילן, געווען זייער שווער. עס זיינען זיך אין די שטעט און שטעטלעך ביי דער גרענעץ, אויף דער סאָוועטישער זייט, אָנגעלאָפן מיטאַמאָל גרויסע מאַסן מענטשן. מען האָט זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן. און עס איז געווען מלחמה־צייט. עס איז געווען נאַטירלעך, אַז דאָ און דאָרטן זאָל די גרענעץ־וואַך האַנדלען מיט פאַרדאַכט און אַז דאָ און דאָרטן זאָלן אומשולדיקע מענטשן ליידן (ווי וואָלט אַמעריקע געהאַנדלט, ווען אירער אַ שונא רייסט זיך אַריין אין מעקסיקאָ און עס הויבט אָן שטראָמען מיט מעקסיקאַנער בירגער איבער דער גרענעץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן?).

דאָס אַלץ איז אָבער קיין תירוץ ניט פאַרוואָס פּוילישע אידן זיינען געלאָפן צוריק קיין נאַצי־פּוילן, אָדער האָבן געוואָלט לויפן. זיי האָבן דאָך געוואוסט וועגן די נירענבורגער געזעצן, וועגן דעם גורל פון די דייטשע, עסטרייכישע, טשעכישע אידן, וועגן דער שטרייכער־פּראָפּאַגאַנדע מען זאָל אויסראָטן אַלע אידן. זיי האָבן דאָך געוואוסט ווער היטלער איז. דערפאַר זיינען דאָך העכער צוויי הונדערט טויזנט זייערע, פּוילישע אידן, געלאָפן איבער דער סאָוועטישער גרענעץ זיך צו ראַטעווען. דערפאַר זיינען דאָך כמעט אַלע דאָזיקע אידן געבליבן, ניט געקוקט אויף שווערי־קייטן, און זיינען טאַקע געראַטעוועט געוואָרן. פאַרוואָס־זשע זיינען אָבער געוויסע גרופּן געלאָפן צוריק, געלאָפן צום טויט?

די הויפּט־סיבה דערפאַר דאַרף מען זוכן אין דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס מען האָט אין משך פון יאָרן געפירט צווישן די אידן, אַן אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע. די דאָזיקע גרופּן אידן האָבן ניט געהאַט קיין באַגריף וועגן סאָוועטישן לעבן און אַוודאי ניט געהאַט קיין פּאָזיטיווע באַציאונג צו דעם דאָזיקן לעבן. ערגער נאָך: זייער שטעלונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אין משך פון יאָרן, אַלס רעזולטאַט פון דער אַנטי־סאָוועטישער פּראָ־פּאַגאַנדע, געווען אַ פיינטלעכע. זיי האָבן ציטווייליק אויסגעקליבן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי אַ „קלענערן איבל". ווען זיי האָבן זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן, האָבן זיי באַשולדיקט אין דעם — ניט די מלחמה, ניט די צערודערונג, ניט די נייע סביבה, ניט דעם פאַקט, וואָס זיי זיינען ניט געווען געוואוינט צו טאָן פיזישע אַרבעט, און אַזוי ווייטער, נאָר זיי האָבן באַשולדיקט אין דעם די סאָוועטן־מאַכט, צו וועלכער זיי האָבן אין משך פון יאָרן געהאַט אַ פיינטלעכע שטעלונג.

די אידן, וואָס זיינען געלאָפן צוריק קיין פּוילן, אין 1940 און 1941, און געלאָפן צום טויט, זיינען דער עיקר געווען קרבנות פון אַנטי־סאָוועטי־שער פּראָפּאַגאַנדע צווישן אידן. ווען מען וואָלט צווישן די אידן פאַר־

שפּריינג פּריינטשאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום סאָוועטישן לעבן, וואָלטן זיי איצט געלעבט.

דאָס איז אָבער ניט אַלץ. אַ מערהייט פון די אידן אין פּוילן, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע, איז דאָך לכתחילה ניט געלאָפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד! קאָן מען דעריבער זאָגן מיט זיכערקייט, אַז ווען צווישן די העכער דריי מיליאָן אידן אין פּוילן, פאַר דער מלחמה, וואָלט שטאַרקער געווען די פריינטשאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָלטן געלאָפן איבער דער סאָוועטישער גרענעץ — ניט צוויי הונדערט טויזנט אידן, נאָר אַ סך מער.

מער אידן וואָלטן געלאָפן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווייניקער וואָלטן געלאָפן צוריק.

עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז עס וואָלטן איצט געלעבט נאָך אַ סך טויזנטער פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, צענדליקער טויזנטער, ווען מען וואָלט אין משך פון יאָרן ניט געגאָסן קיין אַנטי־סאָוועטישן סם צווישן אידן, און ווען סאָוועטן־האַסער וואָלטן אין דער שעה פון אַנטשיידונג ניט געשפּילט זיך מיט אידישע לעבנס.

די דאָזיקע סאָוועטן־האַסער שטייען איצט ווי אָנגעקלאָגטע — ווי שולדיקע אין דעם טויט פון מאַסן אידן!

די צייטונג, וואָס האָט געדרוקט די מערעסטאָווסקי־אַרטיקלען און די מאָלדאַווער־קעיבלס, האָט באמת געדאַרפט זיין פּאַרריקט פון סאָוועטן־האַס, כדי אַזאַ מאַטעריאַל צו דרוקן. האָט זי אין 1940 און 1941 ניט געוואוסט, וואָס די נאַציס האָבן געטאָן מיט די אידן אין דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און אַנדערע לענדער? האָט זי ניט געוואוסט, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וועלן אידן בלייבן לעבן? אָבער די שנאה צום סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען ביי איר אַזוי גרויס, און דער באַגער צו „צעשיסן" אַזוי שטאַרק, אַז אידישע לעבנס האָבן דערביי קיין ראָל ניט געשפּילט.

די פּוילישע אידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — העכער צוויי הונדערט טויזנט — „זיינען דאָ". זיי לעבן. די אָבער וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַנגען פון דער פּראָפּאַגאַנדע, אַז אין נאַצי־פּוילן איז בעסער (און ס'איז קלאָר, אַז די זעלביקע וואָס האָבן „באַוויזן" אין „פאָרווערטס", אַז ביי די נאַציס איז בעסער ווי ביי די באָלשעוויקעס, האָבן זיך צווישן די עלנטע פּוילישע אידן פאַרנומען מיט אַגיטאַציע, אַז מען זאָל לויפן) — הכלל, די אידן וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַנגען פון דער פּראָפּאַגאַנדע, „זיינען ניטאָ"...

# לעין, מיקאָלאַיטשיק, קעלץ

יעדן אָרנטלעכן אַמעריקאַנער בירגער, וואָס פאָרט אַרום איבער אייראָפּע, טוט וויי צוצוזעען, ווי אומעטום זוכן די ערגסטע עלעמענטן אָנ־צושפאַרן זיך אויף אַמעריקע. פוילן איז אַ שרייענדיקער ביישפיל. די אַרבעט פון דעם געוועזענעם אַמעריקאַנעם אַמבאַסאַדאָר, אַרטור בלים לעין, איז אַ ביישפיל.

עס איז גוט באַוואוסט, אַז אַמבאַסאַדאָר לעין האָט געשטעלט דעם קאָן אויפן פערדל מיקאָלאַיטשיק און האָט פאַרשפילט. אָבער ווער איז געוועזן — און איז — מיקאָלאַיטשיק?

איך בין אָנגעקומען קיין וואַרשע דעם 29טן יוני, 1946, איין טאָג פאַרן רעפערענדום, וועלכער איז געווען אַ פאָרשפּיל צו וואַלן פון 19טן יאַנואַר, 1947. איבער די חרובע וואַרשעווער גאַסן זיינען אַרומגעפאָרן לאַסט־אויטאָס (טראָקס) מיט פאָנען. פון די אויטאָס האָט מען געוואָרפן פּראָקלאַמאַציעס — פאַרן רעגירונגס־בלאָק, אָדער פאַר מיקאָלאַיטשיקס פּאַרטיי, פּע־עס־על (פּאָלסקאַ סטראָניצוואָ לודאָווע, פּוילישע פאָלקס־פּאַרטיי). חוץ דעם האָט מען אויף די וואַרשעווער גאַסן געטיילט פּראָ־קלאַמאַציעס, צווישן זיי אַנטיסעמיטישע (געטיילט פאָרזיכטיק). אין די אַנטיסעמיטישע פּראָקלאַמאַציעס האָט מען ניט געזאָגט אָפן מען זאָל שטימען פאַר מיקאָלאַיטשיקן, מען האָט „נאָר" אַטאַקירט די „אידישע רע־גירונג" און גערופן צו פּאָגראָמען אויף אידן. די פּאָגראָם־העצע אויפן רעגירונגס־בלאָק איז, פאַרשטייט זיך, געווען געצילט צו העלפן מיקאָ־לאַיטשיקן.

דער פאַקט, וואָס פּאָגראָמשטשיקעס אַרבעטן פאַר מיקאָלאַיטשיקן, האָט דעם פאַרשטייער פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, מר. לעין, ניט באַאומרואיקט.

דער אַמבאַסאַדאָר האָט דעמאָלט געוואוינט אין דעם איינציקן „אָנ־שטענדיקן" האָטעל אין וואַרשע, „פּאָלאָניאַ". כמעט אַלע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער האָבן דעמאָלט געוואוינט אין „פּאָלאָניאַ". אויך כמעט אַלע קאָרעספּאָנדענטן האָבן געוואוינט אין זעלביקן האָטעל. קאָרעספּאָנדענטן און דיפּלאָמאַטן האָבן זיך אָפט געטראָפן. די אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנ־

דענטן פּלענען זיך אָפּט טרעפן מיט מר. לעינען. באַלד נאָכן רעפערענדום זיינען אין אַמבאַסאַדאָרס קאַבינעט פאָרגעקומען עטלעכע קאָנפערענצן מיט די קאָרעספּאָנדענטן. מען האָט געשמועסט וועגן די רעזולטאַטן. דעם אַמבאַסאַדאָרס „אויספאָרשער" האָבן דערציילט, וואָס זיי האָבן געזען איבערן לאַנד.

די שטימונג איז געווען ניט קיין גוטע. דער רעגירונגס־בלאָק האָט געקראָגן 67 פּראָצענט פון אַלע שטימען. מען האָט אויפגענומען די ציפערן מיט חוזק, מיט אַ „דיפּלאָמאַטיש" געלעכטערל. ווען עס איז דערמאָנט געוואָרן די גרויסע צאָל שטימען, וואָס דער רעגירונגס־בלאָק האָט געקראָגן אין אויבער־שלעזיע, אין שטאָל־ און קוילן־צענטער, איז דער חוזק געווען געמישט מיט צאָרן. ווען מען האָט אָבער דערמאָנט קראָקע, דעם דעמאָלטיקן צענטער פון דער רעאַקציע, האָט זיך אויסגעגאָסן אַ נחת־רוח אויף די דיפּלאָמאַטישע פּנימער.

עטלעכע פּראָגרעסיווע קאָרעספּאָנדענטן, וואָס זיינען געווען אין אַמבאַסאַדאָרס קאַבינעט, האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך...

די קאָנפערענצן וועגן רעפערענדום זיינען פאָרגעקומען אין די ערשטע טעג פון יולי. דעם 4טן יולי איז פאָרגעקומען דער קעלצער פּאָגראָם. מיט עטלעכע טעג שפּעטער בין איך געפאָרן צו דער לוויה פון די פּאָגראָם־קרבנות אין קעלץ. ווען איך בין געקומען צוריק, האָב איך געהאַט מיטן אַמבאַסאַדאָר אַ שמועס ביי אים אין קאַבינעט. אין משך פון העכער אַ האַלבער שעה האָב איך אים דערציילט וועגן קעלץ, געוויזן אים בילדער פון די דערמאָרדעטע מענער און פרויען, קוים צו דערקענען... דער אַמ־באַסאַדאָר האָט געגעבן אַ דיפּלאָמאַטישן קרעכץ. יאָ, זייער פּאַסקודנע, אָבער... וואָס אָבער? די „או בע" איז ניט קיין גוטע זאַך, אין דער „או בע" זיינען פאַראַן אַ סך — ע, הם — אַ סך רוסן.

ווער איז די „או בע"? וואָס קער זי זיך אָן מיטן קעלצער פּאָגראָם? איך האָב דאָך דערציילט דעם אַמבאַסאַדאָר, אַז דאָס האָבן די אַגענטן פון גענעראַל אַנדערס זיך באַטייליקט אין דעם פּאָגראָם, גענומען אַן אָנ־פירנדיקן אָנטייל. וואָס רעדט ער מיר עפּעס וועגן דער „או בע"?

די „או בע" איז די זיכערקייט־פּאָליציי („אורזשאָנד בעזפּיעטשענ־סטווא", זיכערקייט־אַמט). די וואָס דאַרפן פאַר איר מורא האָבן, האָבן מורא. די באַנדיטן, די פּאָגראָמשטשיקעס, האָבן זייער שטאַרק מורא. אויך מיקאַלאַיטשיקן געפעלט ניט די „או בע". ניט נאָר „טשעפּעט" זי זיך צו די באַנדיטן וועלכע שטיצן אים, נאָר זי דעקט אויך אויף די פאַר־בינדונגען צווישן זיינע מענטשן און די באַנדיטן.

ווערט געפירט א העצע: די „או בע" ליגט כלומרשט אין אידישע הענט. ווען איך האָב דערציילט דעם אמבאַסאַדאָר וועגן קעלץ און וועגן דער ראָל פון אַנדערסעס אַגענטן (און וועגן פּראַשוטן מיט געווער און דאָלאַרן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין די וועלדער אַרום קעלץ), האָט ער מיר אָפּגעענטפערט — מיט דער „או בע". ער האָט אָבער מיר, א אידישן צייטונגס־מענטש, ניט געקאָנט זאָגן, אַז זי ליגט אין „אידישע הענט", האָט ער דערציילט א מעשה, אַז זי איז פול מיט רוסן.

ווי קומט א פּאַטש צו א גוט־שבת? און ווען אפילו רוסן, איז וואָס? איך רעד דאָך וועגן קעלצער פּאָגראָם?!

דער שמועס מיטן אמבאַסאַדאָר איז געווען געגוג פאַר מיר, כדי צו וויסן זיין שטעלונג, די שטעלונג פון דעם אמבאַסאַדאָר פון אַמעריקע, צום קעלצער פּאָגראָם. אָבער דאָס איז ניט געווען אַלץ.

פּוילן האָט ממש געקאָכט און געזידט מיטן קעלצער פּאָגראָם. אַלע פּוילישע צייטונגען האָבן געקערט וועלטן, געדרוקט די שאַרפסטע אַר־טיקלען אויף דער ערשטער זייט, געפאָדערט באַלדיקע און אָן־רחמנותדיקע שטראָף. איין אויסנאַם איז געווען — מיקאָלאַיטשיקס צייטונג „גאַזעטאַ לודאָוואַ". דריי טעג צייט נאָכן פּאָגראָם האָט זי געשוויגן. ערשט אויפן פערטן טאָג האָט זי געדרוקט א פּאָר צענדליק שורות, אַז „לויט דער מעלדונג פון דער רעגירונג" זיינען פאָרגעקומען „געשעענישן" אין קעלץ... (זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז אַלע פּאַרטייען האָבן אויף דער לוויה־דעמאָנסטראַציע געהאַט זייערע פאָנען, אַרומגענומען מיט שוואַרצן; נאָר איין פּאַרטיי איז ניט געווען פאַרטראָטן — מיקאָלאַיטשיקס...).

האָט די שטעלונג פון מיקאָלאַיטשיקס צייטונג און זיין פּאַרטיי גע־מאַכט אַן איינדרוק אויפן אמבאַסאַדאָר? ווייסיך וואָס!

מיר זיינען נאָך אָבער ניט פאַרטיק. די „או בע" האָט זיך טאַקע גענומען צו דער אַרבעט און געמאַכט אַן אמתן פּאָגראָם אויף די קעלצער פּאָגראָמשטשיקעס. די רעגירונג האָט באַלד געשטעלט א גרופּע פון די הויפּט־מערדער צום געריכט. אמבאַסאַדאָר לעין האָט זיך מיט דעם ענין שטאַרק פאַראינטערעסירט. ער האָט געהאַט אין קעלץ, אויפן פּראָצעס, זיינע פאַרשטייער. צו וואָס? כדי אַכטונג צו געבן, אַז די פּאָגראָמ־שטשיקעס זאָלן קריגן זייער שטראָף? ניין! די צוויי באָאָבאַכטער, איינער אַן אמעריקאַנער און דער אַנדערער פון דער ענגלישער אמבאַסאַדע, (ביידע פּאָליאַקן) האָבן זיך אינטערעסירט מיט דעם, צי מאַכט מען ניט אַמאָל א „מאָסקווער פּראָצעס" אויף די אָנגעקלאָגטע... וועגן דעם באַשולדיקונגס־אַקט פון דער רעגירונג האָט מען אויף א קאָנפערענץ אין אמבאַסאַדאָרס

קאַבינעט גערעדט מיט אומצוטרוי... און מען האָט אַלץ געזוכט ווידער־שפּרוכן אין די באַווייזן... ביז דער פאָרשטייער פון דער „ניו יאָרק טאַימס", וו. א. לאָרענס, האָט זיך אָפּגערופן:

— יאָ, אָבער עס איז דאָך פאָרגעקומען אַ שווידערלעכער פּאָגראָם! מען האָט דאָך דערמאָרדעט צענדליקער אידן, איינגעשלאָסן פרויען און קינדער, דערמאָרדעט אויף אַ שרעקלעך־בעסטיאַלישן אופן!

די „דיפּלאָמאַטישע" באַאָבאַכטער האָבן זיך געכאַפּט: אָ, יאָ, געוויס, אוודאי. עס האָט זיי אָבער געריהרט — ביזן קנעפּל...

די עטלעכע אידישע קאָרעספּאָנדענטן, וואָס זיינען דערביי געווען, זיינען אַרויס פון אַמבאַסאַדאָרס צימער וואָס גיכער, דערדריקטע. דער קעלצער פּאָגראָם האָט גענוג צעבראָכן דאָס הארץ, — די באַציאונג פון אַמבאַסאַדאָר לעין און די גאַנצע אַטמאָספערע אויף דער קאָנפערענץ ביי אים, איז געווען אַ קניטל צו די צרות.

און טאָמער איז נאָך דאָס ווייניק געווען, איז באַלד קאַרדינאַל הלאָנד, הויפּט פון דער אַנטיסעמיטישער קליקע פון דער פּוילישער קירך, אַרויס מיט זיין פּאָגראָם־דערקלערונג. מיר האָבן באַלד געהערט, אַז אין אַמע־ריקע האָט די דערקלערונג געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אין וואַרשע איז מען געוואָר געוואָרן וועגן דער שאַרפער אַרויסטרעטונג פון דר. י. טענענבוים, פּרעזידענט פון דער פּוילישער פעדעראַציע, קעגן הלאָנדן. האָט מען אָבער געוואוסט אין אַמעריקע, אַז דאָס האָט אַמבאַסאַדאָר לעין איינגעאָרדנט די קאָנפערענץ צווישן הלאָנדן און די אויסלענדישע קאָרעס־פּאָנדענטן?

עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן אַמבאַסאַדאָר לעין פּערזענלעך. מעגלעך, אַז ווען די וואַשינגטאָנער פּאָליטיק וואָלט געווען אַן אַנדערע, וואָלט מר. לעין אַנדערש געהאַנדלט. און כאָטש דאָס קאָן ניט זיין פאַר אים קיין פאַרטיידיקונג — פאַר דער שטיצע, וואָס ער האָט געגעבן מיקאָלאַיטשיקן און פאַר זיין (לעינ'ס) האַלטונג בנוגע דעם קעלצער פּאָגראָם, דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז דער עיקר האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ ליניע. ווען מען גייט מיט די מיקאָלאַיטשיקס, קעגן פאָלק, קעגן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, מוז מען אַריינקריכן אין בלאָטע.

פאַר אַ פּראָגרעסיוון אַמעריקאַנער איז אַ ווייטיק צוצוזען מיט וועמען די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון זיין לאַנד זיינען פאַרבונדן. דער קאַמף קעגן דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פון אַמעריקע אין אויס־לאַנד איז אויך אַ קאַמף פאַרן שיינעם נאָמען פון אַמעריקע — די אמתע אַמעריקע, די אַמעריקע פון דזשעפערסאָן, לינקאָלן, רוזוועלט.

# די לאָדזשער געטאָ

עס ליגט פאַר מיר אַ קאָמפּלעט „אידיש" געלט פון דער לאָדזשער געטאָ.

האַרט געלט — 10־פעניג־שטיקער, געמאַכט פון אַלומינום.

פּאַפּיר־געלט — 50 פעניג, 1 מאַרק, 5 מאַרק, 10 מאַרק, 20 מאַרק, 50 מאַרק.

דאָס האַרטע געלט האָט אויף זיך אַ מגן־דוד. דאָס פּאַפּיר־געלט האָט פון איין זייט אַ מגן־דוד און פון דער אַנדערער זייט אַ מנורה. אויפן פּאַפּיר־געלט איז דאָ אַן אונטערשריפט:

„דער עלטסטער דער יודען אין ליצמאַנשטאַדט, מ. רומקאָווסקי."

וואָס באַדייט עס — אידיש געלט? ווער איז ער געווען, דער עלטסטער פון די אידן אין ליצמאַנשטאַדט, ווי די דייטשן האָבן געהאַט אַ נאָמען געגעבן לאָדזש?

מען דאַרף וויסן דעם ענטפער אויף די פראַגן. דער ענטפער וועט אונדז ניט נאָר עפענען דעם פאָרהאַנג איבער דער לאָדזשער געטאָ. מיר וועלן זיך דערוויסן זאַכן, וואָס וועלן ענטפערן, כאָטש וויפיל ניט איז, אויף דער גרויסער, אויף דער שרעקלעכער פראַגע: ווי אַזוי האָט זיך פאַרט די דייטשן איינגעגעבן אומצוברענגען אַזוי פיל אידן?

אָדער — פאַרוואָס האָבן אידן ניט אַרויסגעוויזן קיין גרעסערן ווידער? האָבן זיי דען ניט געזען, אַז מען ברענגט זיי אום?

די דאָזיקע פראַגן מאַטערן . . .

●

עס איז געווען אַ זומערדיקער טאָג, סוף יולי (1946). ר. זאַלצמאַן, איך און אַ יונגטלעכער טוער פון לאָדזש זיינען אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע אויפן וועג צום טעקסטיל־צענטער פון פּוילן און דעם גרעסטן צענטער פון פּוילישן אידישן ישוב — קיין לאָדזש, הייסט עס.

דער וועג איז אַ גוטער, אַ גלאַטער, די לאַנדשאַפט איז אַ שיינע. אָבער קיין פרייד איז פון דער רייזע ניטאָ. עס איז היים, די מאַשין איז אַ „שוואַכע", אָבער ניט דאָס איז דער אומגליק.

מיר פאָרן פאַרביי אַמאָליקע אידישע שטעטלעך: גראָדזשיסק, סאָכאַטשעוו, לאָוויטש, גלאָוונאָ. „דאָ איז געווען גאָלע אידן”, זאָגט אונדז כסדר דער יונגטלעכער. אָבער אידן זיינען אין די ערטער פאַראַן זייער ווייניק, כמעט גאָרניט, אָדער טאַקע גאָרניט.

אַז מען איז אָפּ אין פּוילן אַ שטיקל צייט, ווערט מען אַריינגעצויגן אין לעבעדיקן לעבן, אין בויען, אין אויספילן דעם אָנזאָג פון די אומ־געקומענע. עס פאַרציט זיך הויט איבער דער וואונד. אָבער דער נאָר־וואָס געקומענער פון אויסלאַנד טראַכט רק וועגן אַמאָליקן פּוילן. בפרט ווען ער הערט: „דאָ איז געווען גאָלע אידן”...

דער אויטאָמאָביל פאָרט אַריין אין לאָדזש און באַגעגנט חורבות.

די שטאָט בכלל איז טאַקע גאַנץ, אָבער דאָרט וואו ס׳איז געווען די געטאָ, שטייען חורבות. איר זעט אַ סך ליידיקע פּלעצער, באַוואָקסן מיט גראָז. מען זאָגט אייך אָבער, אַז דאָ זיינען אַמאָל געשטאַנען הייזער.

איר פאָרט אַריין מיט זגערזש־גאַס. כאָטש זי האָט זיך געפונען אין סאַמע צענטער פון אידישן געגנט, האָט די זגערזש־גאַס ניט געהערט צו דער געטאָ. זי האָט צעטיילט די געטאָ אויף צוויי. פון איין טייל געטאָ אין אַנדערן איז מען געגאַנגען דורך אַ בריק איבער דער גאַס. און דאָס איז דער ספּעציעלער צייכן פון דער לאָדזשער געטאָ, לויט איר אויסערלעכן אויסקוק: די בריק איבער זגערזש־גאַס.

נאָר לאָמיר דערווייל פאָרן ווייטער. איר קומט אַרויף אויף אַ שיינעם קיילעכדיקן פּלאַץ. דאָ איז אַמאָל געשטאַנען דער קאָסטשושקאָ־מאָנומענט. די דייטשן האָבן אים אָפּגעווישט. דער פּלאַץ איז איצט שוין דעקאָרירט (ס׳הייסט, ער איז געווען שוין דעקאָרירט יעדע מאָל וואָס איך בין געווען אין לאָדזש). ער פאַרמאָגט אַ פייערלעכן אויסזען.

דער פּלאַץ — „פרייהייט־פּלאַץ” הייסט ער איצט — האָט שוין ניט געהערט צו דער געטאָ. און אַזוי די נאָוואָמעיסקאַ גאַס, כאָטש זי איז „אַמאָל” געווען געדיכט באַזעצט מיט אידן. אָבער אַזוי ווי זי האָט ניט געהערט צו דער געטאָ, איז דאָ אַלץ גאַנץ. און אַזוי איז גאַנץ די פּיעטראָ־קאָווער גאַס, אויף וועלכער איר פאָרט באַלד אַרויף.

אין צענטער שטאָט וואוינען די מייסטע אידן. ס׳באַגעגענען אייך אי־דישע פּלאַקאַטן — וועגן טעאַטער־פאָרשטעלונגען, לעקציעס, ליטעראַרישע אָוונטן, פאַרזאַמלונגען. שפּעטער האָבן מיר געזען, אַז עס קומט אַן עולם.

עס פאַרציט זיך הויט אויף דער וואונד. דאָס לעבן טוט זיך זיינס. אייער שטימונג פאַלט אָבער אַראָפּ, ווען איר קומט אַריין אין דער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע און איר נעמט באַטראַכטן די דאָקומענטן, פאָטאָ־

גראַפּיעס, פּלאַקאַטן און די אַלע „אַנטיקן", וואָס זיינען געבליבן פון דער געטאָ. אייער שטימונג פאַלט ווען איר פאָרט אויף אַ שפּאַציר אין באַלוט, וואו די געטאָ איז געווען.

וסכאָדניע גאַס... די אַלט־שטאָטישע שול אויף וואָלבאָרסקע, אָדער וואָס פון איר איז פאַרבליבן... „פּראַיעס־לאַזערס גאָרטן"... די אידישע גאַס... פראַנציסקאַנער, בזשעזשינער, מלינאַרסקע, וואו די הייזער זיינען אויפגעריסן... פעפער־גאַס... דער באַלוטער מאַרק, פון וועלכן עס זיינען געבליבן די אייזערנע פּרענטן... מיצקיעוויטש־גאַס, לעקאַרסקע, וועלכע איז ליידיק, פול מיט ווילדגראָז...

צוויי מאָל בין איך געווען אין לאָדזש, און ביידע מאָל האָב איך אַרומגעבלאָנקעט דאָרט, וואו עס איז אַמאָל געווען אידיש לעבן. אָרעם אידיש לעבן, אָבער לעבן...

און צוויי מאָל בין איך געווען אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע. דאָ קאָן מען ערשט איינזאַפּן אין זיך אַזוי פיל גרויל, — פון לאָדזש, פון קוטנע, פון וואַרשע, פון אַזוי פיל שטעט און שטעטלעך.

באַלד אין דעם ערשטן צימער פון דער קאָמיסיע דערזעט איר אויפן וואַנט אַ גרויסע מאָלעריי, אין וועלכער רומקאָווסקי ווערט פאַרהערלעכט. אין צענטער פון בילד געפינט זיך „ער אַליין", דער „אידישער קיסר", מיט אַ שיינעם קאָפּ גרויע האָר, מיט אַ פּעלערינע אויף די אַקסלען, און אַרום אים, אויף אַלע פיר זייטן פונעם בילד, אידישע פּנימער, מענער, פרויען, קינדערלעך, פול מיט פיין. און אַלע קוקן אַרויף, אָדער אַרונטער, אויף רומקאָווסקין מיט אַזוי פיל דערוואַרטונג אויף טרייסט און דער־לייזונג.

עס איז ניט געווען קיין וואונדער, וואָס מאָלער אין געטאָ האָבן אים פאַרהערלעכט. רומקאָווסקי האָט ליב געהאַט חניפה. מען פלעגט אים רק אונטערטראָגן מתנות, אַדרעסן. זיין געבורטסטאָג, וואָס איז אויסגעפאַלן פּורים, איז געווען אַ מין „נאַציאָנאַלער יום־טוב" אין געטאָ. אין דער „געטאָ־צייטונג", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, האָט ער געהאַט אַ דיכטער, וואָס פלעגט אים כסדר באַזינגען. איז ניט געווען קיין וואונדער, וואָס עס האָבן זיך געפונען מאָלער, וואָס האָבן אים געמאָלן ווי אַ משיח, און אונטערגעטראָגן אים דאָס בילד. אַ וואונדער איז נאָר, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין לאָדזש אויף צוויי פון די לעצטע לעבן־געבליבענע אידן פון געטאָ, וואָס האָבן נאָך אַלץ געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר רום־קאָווסקין.

עס אַרבעט נאָך אַלץ די אילוזיע, וואָס די דייטשן האָבן געשאַפן און

וואָס רומקאָווסקי אַליין האָט געשאַפן און וואָס די אַלע וואָס זיינען נעבעך געווען געצוואונגען אים צו חנפענען, האָבן געשאַפן אַרום אים.

●

די לאָדזשער געטאָ איז געווען די ערשטע געטאָ אין פּוילן. זי איז געשאַפן געוואָרן דעם 1טן פעברואר, 1940. דעם 1טן מאַי, 1940, איז זי אָפּגעשלאָסן געוואָרן. דער איד אין געטאָ האָט ניט געהאַט קיין שום שייכות מיט דער אויסערלעכער וועלט. אמת, דער „אַרישער" טראַמוואַי איז געגאַנגען דורך דער זגערזש־גאַס, אָבער די גאַס איז, ווי געזאָגט, געווען פאַרמאַכט פון ביידע זייטן, פאַרשטעלט מיט שטעכיקע דראָטן.

ווען מען האָט די געטאָ אָפּגעשלאָסן, זיינען דאָרט געווען, לויט אָפיציעלע ציפערן, 163 טויזנט אידן (מען האַלט, אַז עס איז געווען ביז צוויי הונדערט טויזנט). די דייטשן האָבן, פאַרשטייט זיך, געקאָנט די אידן אין משך פון אַ קורצער צייט פאַרניכטן, ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט אידן אין אַנדערע געטאָס. זיי האָבן עס אָבער ניט געטאָן צוליב אַ ריי זאַכן. די לאָדזשער געטאָ איז געווען די ערשטע געשאַפן צו ווערן און די לעצטע ליקווידירט צו ווערן.

דעם הענקער פון דער געטאָ, האַנס ביבאָוו, האָט זיך דער עסק גע־לוינט. ער איז רייך געוואָרן פון ראַבעווען ביי די אידן, ער איז רייך געוואָרן פון גנבענען פון די פּראָדוקטן, וואָס די דייטשע מאַכט האָט אים געגעבן פאַר „זיינע" שקלאַפן. עס איז געווען אַך און ווי וויפיל די דייטשן האָבן געגעבן — קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן וויפיל עס איז די שקלאַפן אָנגעקומען (דערפאַר זיינען אידן געשטאָרבן מאַסנווייז פון הונגער). אים און זיינע מענטשן האָבן זיך די געטאָ געלוינט. אָבער ניט צוליב דעם אַליין האָט די דייטשע מאַכט די געטאָ אויפגעהאַלטן.

די דייטשן האָבן אַריינגעקראָגן אַ סך געלט פון אויסלאַנד פאַר די געטאָס. דורך דער שווייץ איז כסדר געגאַנגען אַ שטראָם הילף. צוערשט האָבן זיך דייטשן באַנוגנט דערמיט, וואָס זיי האָבן געקראָגן אויסלענדישע וואַליוטע בשעת אין די געטאָס פלעגן זיי אַריינשיקן מאַרקן. שפּעטער האָבן זיי דאָס געלט אינגאַנצן צוגענומען פאַר זיך. דערביי האָבן זיי גע־צוואונגען אידן אונטערצושרייבן קבלות, אַז זיי האָבן דאָס געלט געקראָגן. פאַר דער לאָדזשער „מוסטער־געטאָ" האָבן זיי געקראָגן גרויסע סומען. זיי האָבן שוין געזען, אַז עס זאָל דורך די נייטראַלע לענדער דערגיין צו דער וועלט די נייעס וואָס פאַר אַ גליקן די לאָדזשער אידן האָבן.

די לאָדזשער געטאָ איז געווען ביי די דייטשן אַ „מוסטער־געטאָ",

און טאַקע כדי אויסצופיינען זיך, ווען נויטיק. דאָס איז געווען אַ מין „אידישע אויטאָנאָמיע"... עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ געדרוקטע צייטונג, „געטאָ־צייטונג" (דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 7טן מערץ, 1941). עס איז געווען אידיש געלט. אידישע פּאָליציי איז דאָך אוודאי געווען, — די סחורה איז געווען אין כמעט אַלע געטאָס... אין דער „מוס־טער־געטאָ" האָט מען עס געמאַכט מיט פּאראַד און פּאָמפּע. איך האָב געזען אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע די פאַרשיידענע געלט לאַטעס און אָרעם־בענדער — פאַר „מאַרשאַלן", „קאַפּיטאַנען" און וואָס ניט.

מרדכי חיים רומקאָווסקי איז אפּנים געווען די פּאַסנדיקע פּערזאָן צו שפּילן די ראָל, וואָס די דייטשן האָבן געוואָלט. ער האָט ליב געהאַט פּאַראַד, פּאָמפּע. און ער האָט געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט.

דאָ קומען מיר צו אַן אַנדער וויכטיקער סיבה פאַרוואָס די דייטשן האָבן געדאַרפט די לאָדזשער געטאָ.

אידן האָבן געאַרבעט, פּראָדוצירט, אַרויסגעגעבן וויכטיקע פּראָ־דוקציע פאַר דער אַרמיי, פאַרן געברויך אין דייטשלאַנד.

אידן זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען געצוואונגען צו אַרבעטן. אָבער רומקאָווסקי האָט געהאָלפן אונטערטרייבן, מען זאָל אַרבעטן גוט און געטריי. דאָס קאָן מען זען פון אַן אַרטיקל אין דער „געטאָ־צייטונג", אונטער אַ קאָפּ: „אין געטאָ דאַרף מען נישט אַרבעטן אויפן זייגער..." די אַרבעט דאַרף „קלאַפּן ווי געהעריק", האָט דער „פּרעזעס" געזאָגט. זיינע קאָנטראָליאָרן גיבן אַכטונג אויף דעם. און אויב ניט — „וועל איך האַנדלען קעגן איך מיט דער גאַנצער שטרענגקייט". דאָס האָט באַדייט זייער אַ סך...

דער אַרטיקל איז געווען באַגלייט מיט אַ ליד: „דער פּרעזעס פּאַרט"... דער „דיכטער", ל. בערמאַן, פלעגט אין יעדן נומער האָבן אַ ליד וועגן דעם „פּרעזעס" (ל. בערמאַן איז אין אַמאָליקן וואַרשעווער „היינט" געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער וויצן־אָפּטיילונג, אונטערן נאָמען „גראַף קאַלי").

רומקאָווסקי האָט געשפּילט די ראָל ווי עס דאַרף זיין, פוןביידע זייטן. צווישן די אידן האָט ער געהאָלפן שאַפן דעם איינדרוק, אַז ער איז נאָר אויסן זייער טובה. און מען האָט אים געגלויבט. ער האָט טאַקע געטאָן טובות אויך. ער האָט אַזוי גוט געשפּילט די ראָל, אַז ער אַליין האָט געגלויבט, אַז ער ראַטעוועט די אידן פון די גאַז־אויוונס, דורכדעם וואָס ער זעט מען זאָל אַרבעטן גוט. ווען ער האָט מסכים געווען אויף „געבן" די דייטשן, לאָמיר זאָגן, פינף טויזנט אידן, האָט ער זיך איינגערעדט, אַז ער ראַטעוועט די איבעריקע 150 טויזנט. ווען ער האָט געגעבן נאָך פינף

טויזנט, האָט ער זיך געטרייסט, אַז ער ראַטעוועט די איבעריקע 145 טויזנט, און אַזוי ווייטער.

ניט יעדערער האָט זיך געקאָנט פאַרדינען ביי די דייטשן, זיי זאָלן אים אַרויסגעבן געלט מיט זיין אונטערשריפט, אַרויסגעבן אים אַ צייטונג, מיט לידער וועגן אים. רומקאָווסקי האָט זיך אָפּנים פאַרדינט. ער האָט זיך אַפילו פאַרדינט נאָך עפּעס: די דייטשן האָבן אין דער לאָדזשער אידישער געטאָ געשאַפן אַ געטאָ פאַר ציגיינער. אויף דער געטאָ איז רומקאָווסקי געווען דער הערשער. און גערופן האָט מען אים: דער קעניג פון די אידן און דער פּראָטעקטאָר פון די ציגיינער...

●

עס איז געווען נאָך אַ סיבה פאַרוואָס די דייטשן האָבן געגעבן די אַלע פּריווילעגיעס. נאָר לאָמיר פריער זען וואָס עס איז געוואָרן פון דעם „אידישן קעניג" און „פּראָטעקטאָר פון די ציגיינער".

די לאָדזשער געטאָ איז, ווי געזאָגט, געווען די לעצטע געטאָ אומגעבראַכט צו ווערן. למשל, די וואַרשעווער געטאָ איז פאַרניכטעט געוואָרן אין אַפּריל 1943, אין דער צייט פון אויפשטאַנד. דער אויפשטאַנד גופא איז אויסגעבראָכן, ווען די דייטשן האָבן זיך גענומען אויסראָטן די לעצטע פערציק טויזנט אידן פון דער וואַרשעווער געטאָ. אין לאָדזש אָבער זיינען נאָך אין אויגוסט 1944, העכער אַ יאָר שפּעטער, געווען ביי אַ זיבעציקאַכציק טויזנט אידן!

דעמאָלט האָט דער טויזנטפאַכער מערדער האַנס ביבאָוו אָנגעהויבן די מאַסנהאַפטע אויסראָטונג פון די פאַרבליבענע אידן אין לאָדזש. יעדן טאָג זיינען אָפּגעגאַנגען טראַנספּאָרטן „אויף אַרבעט", ביבאָוו איז געווען זיס און ליב. „מיינע ליבע אידן", פלעגט ער זאָגן... ער פירט זיי אין זיכערע ערטער, אויף אַרבעט. אין אמתן האָט מען די אידן געפירט אין די פאַרניכטונג־לאַגערן, קיין אָשווענטשים, כעלמנאָ און אַנדערע.

מען האָט אָנגעווענדעט אַ צוואַנג, אַ אַלערליי דייטשע שמד־שטיק. ניט נאָר האָט מען „פאַרזיכערט" די אידן, אַז מען פירט זיי אויף אַרבעט — מען האָט זיי אַפילו געגעבן „באַווייזן". למשל, עס זיינען געקומען בריוו פון אָוועקגעשיקטע אידן, אַז זיי אַרבעטן און עס איז זיי „גוט". אַזעלכע בריוו האָט מען פון די אידן אין טויט־לאַגערן אַרויסגעפּרעסט מיט געוואַלד, כדי אַריינצונאַרן אַנדערע. (דעם מיטל האָבן די דייטשן באַנוצט אין פיל שטעט.)

אַן אַנדער מיטל איז געווען — נעמען די אידישע אָנפירער פון דער

גנטאָ, רומקאָווסקיס אַרויסהעלפער. אידן האָבן זיך געטראַכט: אויב יענע פאַרן, איז דאָך אַ סימן, אַז עס איז טאַקע ניט אַזוי געפערלעך.

רומקאָווסקי אַליין איז געווען פון די לעצטע. ווען מען האָט זיך אַ נעם געטאָן צו מיטגלידער פון זיין משפחה, האָט ער פּראָטעסטירט, געזאָגט, אַז ער וועט אויך מיטפאָרן. האָבן די דייטשן (האַנס ביבאָוו, אַפּנים) אים געזאָגט: גוט, מיר וועלן דיר געבן אַ פאַרמאַכטן בריוו צום אויפזעער פון אָשווענטשים...

רומקאָווסקי איז אַוועק קיין אָשווענטשים מיט אַ פאַרמאַכטן בריוו. ער איז געפאָרן צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, אין אַ ספּעציעלן לאַסט־אויטאָ (טראָק). ווען ער איז געקומען קיין אָשווענטשים, האָט מען אים דאָרט זייער העפלעך אויפגענומען און — באַלד פאַרברענט.

ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש, האָט מען רומקאָווסקין אפילו ניט געשיקט אין די גאַז־קאַמערן, פריער אָפּגעטויט צו ווערן דורך גאַז, נאָר גלייך צום פאַרברענען...

די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט אין לאָדזש 870 אידן — די „אויפּ־רוימונגס־קאָמאַנדאָ", צו שלעפּן, טראָגן, גראָבן, טאָן אַלערליי שווערע מלאכות. געהאַלטן האָט מען זיי אויף יאַקוב־גאַס 16 (איך בין דאָרט געווען; דאָרט האָט זיך אינעם זומער 1946 געפונען דער צענטער פאַר נאָר־וואָס געקומענע אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד).

די 870 אידן פון דער „אויפרוימונגס־קאָמאַנדאָ" האָבן געהאַט ספּעציעלע נומערן, וועלכע האָבן זיי געגעבן דאָס רעכט צו לעבן — ביז יאַנואַר 1945, ווען די רויטע אַרמיי איז שוין געווען ניט ווייט פון שטאָט. דעמאָלט האָבן די דייטשן באַשטימט זיי צו שיסן. מ'האָט זיי געצוואונגען אויסצוגראָבן אַכט גרויסע גריבער אויפן אידישן בית־עולם און דערנאָך האָט מען זיי געהייסן קומען אַהין, אויפן בית־עולם, כלומרשט צו בייטן די ברויט־קאַרטן... די „קונץ" איז שוין אָבער געווען אַ צו־האַמעטנע. יעדנ־פאַלס, די רויטע אַרמיי איז שוין געווען ניט ווייט פון שטאָט און די דייטשע מאַכט איז שוין געווען היפּש דעמאָראַליזירט. די הענקער האָבן שוין ניט געקאָנט אַרבעטן אַזוי טיכטיק ווי פריער און די אידן, וועלכע זיינען ניט געקומען אויפן בית־עולם „בייטן די ברויט־קאַרטן", האָבן זיך באַהאַלטן.

איך האָב גערעדט אין לאָדזש מיט צוויי יונגעלייט, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער „אויפרוימונגס־קאָמאַנדאָ" און זיינען געווען צווישן די, וואָס האָבן גענזאָלט געשאָסן ווערן. צוזאַמען מיט אַנדערע אידן האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין קעלער פון אַ קלויסטער. עטלעכע טעג זיינען זיי דאָרטן

געלעגן ביז זיי האָבן געהערט שיסערייען און דערנאָך „געהערט" ווי עס איז שטיל געוואָרן. זיי זיינען ארויס און דערזען, אז די רויטע ארמיי איז אין שטאָט.

ווען די יונגעלייט האָבן גערעדט וועגן דעם מאָמענט, האָט זיי פאַר־האַקט דער אָטעם — אפנים פונקט ווי דעמאָלט, ווען זיי זיינען ארויס פון באהעלטעניש און דערזען, אז די רויטע ארמיי איז ענדלעך דאָ...

●

די יונגעלייט האָבן מיר דערציילט, אז נאָכדעם ווי מען האָט אין הארבסט 1942 ארויסגעפירט פון לאָדזש צוואַנציק טויזנט אידן, האָט מען געבראַכט פון די לאַגערן אַלטע קליידער. אביסל פון די קליידער האָט מען געגעבן די אידן. האָט מען דערקענט קליידער פון יענע, וועמען מען האָט ארויסגעפירט...

אין סעפּטעמבער 1944 האָבן אידן שוין אוודאי געוואוסט פון די טויט־לאַגערן. אין יודענראַט האָט מען וועגן דעם זיכער געוואוסט. אזוי מעג מען אָננעמען. טאָ פאַרוואָס האָט מען ניט געשטעלט קיין ווידער־שטאַנד?

דאָ קומען מיר צו דער שרעקלעכער, גרויליקער פראַגע, וועלכע מאַטערט אייך, ווען איר פאָרט ארום איבער פּוילן און איר הערט זיך אָן מיט די געשיכטעס, ווי אזוי די דייטשן האָבן אויסגעראָטן די אידן אין די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך. פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט מען זיך געלאָזט? וואָס האָט מען געהאַט צו פאַרלירן?

הונדערטער אידן פון א שטעטל האָבן זיך געלאָזט פירן צו די גריבער, אנגעטריבן פון עטלעכע וועכטער. פאַרוואָס האָבן זיי זיך געלאָזט? וואָס האָבן זיי געהאַט צו פאַרלירן?

די פראַגן איז גרינגער צו פרעגן ווען מען איז אליין ניט געפּרוּווט געוואָרן... די וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דעם גיהנום פון נאַציזם פרעגן ניט. און ניט נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז א שרעקלעך קאַפּיטל. אויך דערפאַר, ווייל זיי ווייסן, אז ענטפערס זיינען פאַראַן.

די דייטשן האָבן באַנוצט אלערליי מיטלען ווי אזוי צו פאַרמיידן אויפשטאַנדן, סומאַטאָכעס, אומברענגען אידן רואיק, מיט דייטשער אָרדע־נונג... קודם האָבן זיי די אידן אזוי געמאַטערט, באַליידיקט, באַשפּיגן, אויסגעהונגערט, טעראָריזירט, ניט געגעבן קיין רואיקע מינוט, אז פיל האָבן אויף זיך געבעטן דעם טויט. מען האָט געוואָלט איינס — איבער־קומען! אַן עק זאָל עס נעמען!

אין די קלענערע שטעטלעך איז דאָס געווען דער הויפּט־מיטל. אין די גרעסערע שטעט האָבן די דייטשן סיי זיך פאַרנומען מיט אויסהונגערן און אויסמאַטערן די אידן און אויך געזוכט צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז מען קאָן ווי עס איז לעבן אונטער זייער הערשאַפט, מען קאָן זיך נאָך דערשלאָגן ספּעציעלע „רעכט" אַזעלכע.

אין דער ווילנער געטאָ, למשל, האָבן די דייטשן דורך דעם יודען־ראַט דערלויבט טאָן אידישע קולטור־אַרבעט אויף גאַר אַ ברייטן שטייגער און אַפילו געגעבן פּריווילעגיעס פאַר טאָן אַזאַ אַרבעט. אַזוי האָט זיך זיי איינגעגעבן שאַפן אילוזיעס, אַפּציען אידן פון די פּאַרטיזאַנען און אַפילו ווירקן, אַז דער פּאַרטיזאַנען־פירער, איציק וויטענבערג, זאָל זיך איבער־געבן דער געשטאַפּאָ (זע קאַפּיטל וועגן ווילנע).

די דייטשן האָבן געזוכט אומצוברענגען אידן אויף אַן „איידעלן", „קולטורעלן" אופן, ווען דאָס האָט זיך געפּאַסט צו זייער פּלאַן. מען האָט געשלעפּט אידן קיין אַשווענטשים „אויף אַרבעט", און ווען די אומגליק־לעכע זיינען געקומען צום לאַגער האָבן זיי געזען איבערן טויער אַ שילד: „אַרבעט מאַכט פריי"... די באַנען מיט דערשטיקטע אידן זיינען אָפט באַ־געגנט געוואָרן פון „באַרעמהערציקע שוועסטער". די אויסגעמאַטערטע, פאַרחלשטע, וואָס מען האָט פריער אָפט אַריינגענאַרט „אויף אַרבעט" דורך געבן זיי ברויט און זיסע צוזאָגן, האָבן געמיינט, אַז ערשט איצט וועלן זיי קאָנען ווי עס איז אָפּכאַפּן דעם אָטעם. קראַנקע און שוואַכע האָט מען מיט זיסע רייד אַרויפגעזעצט אויף לאַסט־אויטאָס, געפירט „אָפּרוען" זיך — גלייך אין די גאַז־קאַמערן אַריין...

די דייטשן האָבן געהאַט אויסגעאַרבעט אַ טייוולשע סיסטעם פון אָפּנאַרעריי. אָט איז נאָך אַ ביישפּיל: אין פּאַריז האָבן דאַריאָ'ס באַנדעס געוואָלט מאַכן אַ פּאָגראָם. די דייטשן האָבן עס ניט דערלאָזט. פיל באַנדיטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אויף דער מערהייט אידן אין פּאַריז האָט עס געמאַכט אַן איינדרוק. ווען די קאָמוניסטן האָבן אַרויסגעלאָזט בלעטלעך, דערציילט וועגן די געטאָס אין פּוילן, האָט מען אויף זיי גע־שריען, אַז זיי פאַרשפּרייטן פּאַניק... דערנאָך איז מען געקומען נעמען אידן שטילערהייט, ביינאַכט, אַז די פראַנצויזן זאָלן עס ניט זען. פיל אידן, וואָס האָבן זיך ניט צוגעהערט צו די וואָרנונגען און זיינען רואיק געגאַנגען שלאָפן, זיינען אומגעקומען.

אין לאָדזש האָבן די דייטשן געזוכט צו שאַפן די אילוזיע, אַז אידן האָבן אַן איינגענע „אויטאָנאָמיע". אַ אידישע פּאָליציי איז דאָך געווען, ווי כמעט אומעטום (דאָס איז גאָר אַן אַנדער קאַפּיטל). אויב עס איז נאָך

דאָ ניט סתם אזוי אַ יודען־ראַט, נאָר אַ יודען־ראַט מיט אַ „פּרעזעס“, דער „עלטסטער פון די יודען“, וואָס שרייבט אונטער „אידיש געלט“, גיט אַרויס אַ אידישע צייטונג און אזוי ווייטער, איז דאָך אַ סימן, אַז עס איז ניט אזוי געפערלעך. בפרט נאָך ווען דער דאָזיקער „אידישער קעניג“ (עס איז געווען אָך און וויי צו אים) קאָן נאָך פון צייט צו צייט טאָן אַ טובה אויך.

די דייטשן האָבן געזוכט צו קאָרומפּירן געוויסע עלעמענטן צווישן אידן. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דער אונטערוועלט. רומקאָווסקיס מיט־העלפער, וועלכע האָבן עטלעכע יאָר צייט געזוכט צו דערשטיקן יעדן פונק פון אויפשטאַנד, האָבן אין זיך אַליין דערשטיקט יעדן פונק. זיי זיינען אויף אַן אויפשטאַנד ניט פיזיק געווען. און פיל פון זיי האָבן זיך גע־טראַכט, אַז אין אַשווענטשים וועלן זיי זיך אויך אַן עצה געבן, אַרבעטענדיק פאַר די דייטשן... געווען דאָרט אַזעלכע אויך...

וואָס פאַר אַ ראָל האָט משה חיים רומקאָווסקי אַליין געשפּילט? דעם ענטפער אויף דער פראַגע מוזן מיר איבערלאָזן פאַר די אידן אין פּוילן, זיי זאָלן אים געבן. נאָר זיי האָבן אַ רעכט דערויף.

קיין גוטע ראָל האָט ער ניט געשפּילט. עס איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף דער „געטאָ־צייטונג“, מען זאָל זיך איבערצייגן אין דעם. ער איז טאַקע אומגעקומען, אָבער ניט אויף דעם זעלביקן אופן, ווי דער הויפּט פון וואַרשעווער יודען־ראַט, טשערניאַקאָוו, וועלכער האָט זיך בעסער גענומען דאָס לעבן איידער אַרויסגעבן אידן צו די דייטשן.

צווישן די פּוילישע אידן האָט מען אָנגעהויבן שטעלן צום משפּט מיטגלידער פון די יודען־ראַטן, אידישע פּאָליציאַנטן. דעם געהעריקן חשבון פון די רומקאָווסקיס וועלן זיי אַליין אונטערציען. איינס אָבער האָבן אַ סך אידן פון פּוילן געלערנט, אַז דער וועג פון קאַמף קעגן נאַציזם־פאַשיזם, דער וועג פון די געטאָ־העלדן, פון די אונטערערדישע קעמפער, פון די פּאַרטיזאַנען, איז ניט נאָר געווען אַ שיינער וועג, נאָר ער איז אין זייער אַ סך פאַלן געווען אַ וועג צום לעבן.

# 3 שעה אין אַשוועניטשים

צווישן קאַטאָוויץ און סאָסנאָוויץ, דאָרט וואו די וועגן שניידן זיך איבער, דערזעט מען אַ שילדל:

אַשוועניטשים 27 קמ.

אַשוועניטשים. דער גרעסטער דייטשער שחיטה־לאַגער.

ס'איז אײנגאַנצן 27 קילאָמעטער פון דאָרטן, אַן ערך 18 מייל.

איך קוק אויפן שילדל. דער נאָמען רודערט אויף. ס'איז אַ גרויליקער נאָמען. מיין בליק איז אָבער צוגעשמידט צו אים, ווי איך וואָלט געוואָלט עפּעס דערגיין.

באַלד ווי איך האָב געשטעלט מיין פוס אויף אייראָפּע, אין האַוור, האָט מיר באַגעגנט אַ יונגע פרוי, עווא גאָלדגעוויכט, וועלכע האָט געהאַט אַ נומער פון אַשוועניטשים אויפן אָרעם. אין פּאַריז האָב איך געזען אַ סך אַזעלכע נומערן אויף די אָרעמס פון מענער, פון פרויען. איין יונגע פרוי, וואָס איך האָב דאָרט געטראָפן, איז אין אַשוועניטשים געווען אין בלאָק 10, וואו מען האָט געמאַכט „עקספּערימענטן" אויף פרויען.

אין די זיבן וואָכן, וואָס איך בין געווען אין פּוילן איידער איך האָב דערזען דאָס שילדל, האָב איך געטראָפן קרבנות פון אַשוועניטשים און זיך פון זיי אָנגעהערט. עס האָט אויפגערודערט דאָס, וואָס זיי האָבן געזאָגט — און אַמאָל נאָך מער דאָס, וואָס זיי האָבן ניט דערזאָגט...

די וואָס זיינען געווען אין אַשוועניטשים (אויף דייטש: אושוויץ) האָבן מיר דערציילט פון פיזישע און גייסטיקע יסורים. זיי האָבן מיר דערציילט פון מענטשן, ביי וועמען די דייטשן האָבן אָפּגעטויט יעדן געפיל פון מענטשלעכקייט און געמאַכט זיי פאַר זייער געצייג, אומצוברענגען אַנדערע, כדי צום סוף אַליין אומגעבראַכט צו ווערן. זיי האָבן מיר אויך דערציילט פון מוט, פון קאַמף, פון סאָלידאַריטעט, פון דאָס נאָבלסטע אינעם מענטשן. אַלדאָס, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט, האָט אַ שפּאַר געטאָן אין מיר, ווען איך האָב דערזען דאָס שילדל: „אַשוועניטשים".

עס האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין מיר דער דייטשער ריטם, דער ריטם פון באַליידיקונג, פּיין, טויט: „רעכטס" — „לינקס"; „רעכטס — „לינקס". איין ריי אַהער און איין ריי אַהין, האָט דער דייטש באַפוילן.

אין אָשוועגטשים האָט עס באַדייט: איין ריי — גלייך אין די גאַז־קאַמערן אַריין. אין דער ריי זיינען אַוועק די מער אויסגעמאַטערטע, די עלטערע, די פרויען וואָס האָבן געהאַט מיט זיך קינדער — ניינציק פּראָצענט פון די געקומענע. די אַנדערע ריי האָט באַדייט שקלאַפן־אַרבעט, ביז די כוחות האָבן געטראָגן... „רעכטס" — „לינקס", „רעכטס" — „לינקס"...

די יונגע פרוי פון פּאַריז, וואָס איז געווען אין בלאָק 10, איז אָנגעקומען קיין אָשוועגטשים מיט אַ שוועסטער. די שוועסטער איז אַוועק אין דער אַנדערער ריי און איר האָט מען באַשטימט אין דעם „עקספּערימענטן"־בלאָק. בשעת מען איר אָפּגעשאָרן די האָר, האָט זי אַ פרעג געטאָן אויף דער שוועסטער. מען האָט איר אָנגעוויזן מיט אַ גלעכטערל, אַז יענע איז שוין העט אויבן...

נעמט צונויף די איבערלעבונגען פון אַלע שוועסטער, אַלע ברידער, אַלע מאַמעס, טאַטעס, קינדער — די אַגאָניעס פון מיליאָנען, איז עס — אָשוועגטשים. און איצט זיינען מיר אינגאַנצן 27 קילאָמעטער פון דעם אָרט.

ס'האָט באַליידיקט, פּאַרוואָס דאָס שילדל טראָגט דעם זעלביקן קאָליר וואָס אַלע שילדלעך, וואָס ווייזן דעם וועג: טונקל־געל, די ווערטער שוואַרץ. דער צייכן קיין אָשוועגטשים דאַרף אויסקוקן אַנדערש.

דער אויטאָ יאָגט. מיר פּאָרן פאַרביי אַ האַרמאַט, וואָס זשאַווערט, אַ צעבויגענעם טאַנק. דאָס האַרמאַנירט שוין בעסער מיט אַ ריזיע אינעם שחיטה־לאַגער. די שיינע פּרוכטבאַרע פעלדער פון ביידע זייטן וועג, די קילע גרינע וועלדלעך, וואָס מיר פּאָרן גיך פאַרביי, זיינען עפּעס ווי פון אַן אַנדער וועלט.

אַלץ נעענטער קומען מיר צום שטעטל אָשוועגטשים. אַ האַלבער קילאָמעטער! שוין, מיר זיינען אַריינגעפאָרן...

אָבער ס'איז אַ שטעטל, ווי אַלע שטעטלעך. אַן עסטרייכיש שטעטל אַמאָל געווען. אויף אַ סקווערל אין צענטער דערזעען מיר אַ מאָנומענט פאַר געפאַלענע רויט־אַרמייער, וואָס האָבן דאָס שטעטל און די לאַגערנעגנט באַפרייט. אַ מאָנומענט מיטן סערפּ און האַמער. מיר זעען רוסישע לאָזונגען: באַפרייאונג.

מיר קערעווען זיך אויס צו דער באַן־ליניע. איך קוק אויף דער סטאַנציע, אויף דער פּלאַטפּאָרמע. האָט מען עס דאָ אַראָפּגעלאָזט די געקומענע אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנען? האָט מען עס פון דאַנען געטריבן די מחנות אין לאַגער אַריין?

די שילדלעך אויפן וועג זיינען שוין דאָ אַנדערע. זיי פאַרמאָגן די

ווייסע און בלויע פּאַסן פון די אַרעסטאַנטן־קליידער פון די לאַגער־מענטשן. עס שוועבן מיר פאַרביי בילדער, וואָס „אַשוועכנטשימער" האָבן מיר גע־שילדערט. אָט דאָס איז דער וועג, אויף וועלכן מחנות זיינען געגאַנגען... דער לעצטער וועג פאַר דער גרעסטער מערהייט זייערער...

מיר זיינען שוין ביים לאַגער. נייַנצן גרויסע געביידעס שטייען, אין עטלעכע רייען, באַדעקט מיט מאָדנע גרינלעכע קאָלירן. דאָס האָט מען די הייזער אַזוי „פאַרשטעלט" פאַר לופט־אַטאַקעס. אין די הייזער האָבן געוואוינט די ס.ס.־לייט. דעם לאַגער גופא קאָן מען ניט זען.

אַ פּוילישער יונגערמאַן, פּאַזשימסקי, וועלכער איז דאָ געווען אַ געפאַנגענער פיר און אַ האַלב יאָר צייט, און פאַרנעמט זיך איצט מיט איינשטעלן דאָ אַ מוזיי, לאָזט זיך אַוועק מיט אונז. מיר גייען פאַרביי אַ גאַס מיט געביידעס, וואו עס האָבן געוואוינט די העכערע נאַציִשע באַ־אַמטע. איין ווייס מויערל, אַרומגערינגלט מיט גערטנדלעך, איז געווען די היים פון דעם הויפט־תליון, רודאָלף העס (ער איז אין מאַי, 1947, גע־האַנגען געוואָרן אין וואַרשע; ס'איז ניט דער רודאָלף העס, וואָס איז געמשפּט געוואָרן אין נירענבערג).

ביים סוף גאַס איז אויף לינקס פאַראַן אַ טויער, וואָס פירט אין לאַגער אַריין. אָבער מיר באַטראַכטן פריער אַ נידעריקע ווייסע געביידע אויפן ראָג רעכטס, אַ געמויערטע שטאַל אַזאַ. דאָ איז געווען די ערשטע גאַז־קאַמער און דער ערשטער אויוון... פון דרויסן שטייען צוויי שמאָלע, שטאָלענע, עטוואָס איינגעהוילטע „ברעטער", שוין פאַרזשאַווערטע. אויף די „מאַשינען" האָט מען אַריינגערוקט די פאַרגאַזטע אין די אויוונס אַריין...

פּאַזשימסקי זאָגט, אַז דאָס איז געווען גאָר אַ פּרימיטיווע זאַך. די דייטשן זיינען נאָך ניט געווען איינגעאַרבעט. שפּעטער האָט דער „דייטשער זשעני" אויפגעשטעלט ניט ווייט פון דאַנען, אין בזשעזשינקאַ, אָדער בירקענאַו, פיר „מאָדערנע" „בעדער" און אויוונס, וואָס האָבן געקאָנט אַרייננעמען אין 24 שעה — הונדערט און צוואַנציק טויזנט מענטשן...

מיר פאַרקערעווען אויף לינקס, אין לאַגער אַריין. מיר גייען דורך דעם טויער און געפינען זיך אין נאָך אַ גאַס. פון איין זייט, רעכטס, די געביידעס פאַר די ס.ס.־לייט, וואָס מיר האָבן צום אָנהויב געזען. פון דער אַנדערער זייט, לינקס — אַ הויכער פאַרקאַן פון פעסטע שטאָלענע דראָטן, פון אויבן פאַרבויגן אויף אינעווייניק, מיט פאַרצעלייענע קאָלבעס פאַר עלעקטרישן דראָטן, מיט שילדלעך אויף דייטש און אויף פּויליש: „האַלט! סטאָי!" נאָך דעם פאַרקאַן — נאָך איינער, פּונקט אַזאַ, וואָס איז אויך

געווען עלעקטריפיצירט. אַ טויער שניידט דורך די צוויי פּאַרקאַנעס און אַ שילד איבערן טויער זאָגט:

ARBEIT MACHT FREI.

„אַרבעט מאַכט פריי". מען האָט געפירט מענטשן קיין אָשוועטשים — אויף „אַרבעט", אויף „איינאָרדענען זיך"... מען האָט געהייסן מיט־נעמען אַלץ, וואָס מען האָט פאַרמאָגט. מענטשן זיינען געקומען אַפילו מיט קיך־געשיר. איר קאָנט עס זען אין די שפייכלערס...

מיר גייען דורך דעם טויער צווישן די פאַרקאַנעס מיט די שילדלעך „האַלט! סטאָי!" לעבן די ווערטער איז אויסגעמאָלט אַ שאַרבן מיט צוויי קנאָכן: טויט...

ביי די פאַרקאַנעס, פון אינעווייניק, געפינען זיך טורעם־שטיבלעך. אין די טורעמס, מיט פענצטער אויף אַלע זייטן, האָבן געוואַכט נאַצים מיט מאַשין־ביקסן, מיט ווילדע הינט. בשעת מיר הויבן זיך אויף אויף די טרעפּלעך אינעווייניק אין איין טורעם־שטיבל, האָב איך גוט אינזינען ווער עס איז דאָ געטראָטן אַרויף און אַראָפּ עטלעכע יאָר צייט. און ווען איך האָב געקוקט פון די פענצטער אויף אַלע פיר זייטן, געזען די אַכט און צוואַנציק מאַסיווע רויטע, געמויערטע געביידעס, די בלאָקס פונעם לאַגער, האָב איך געטראַכט פון דער צייט ווען די בלאָקס זיינען געווען אָנגעשטאָפּט מיט צאַפּלדיק לעבן.

פּאַזשימסקי ווייזט אָן אויף איין בלאָק. אָט אהער פלעגט מען צום אָנהויב ברענגען די אידן. העכסטנס פלעגט מען עמעצן האַלטן צוויי וואָכן.. ערשט ווען מען האָט געדאַרפט פאַך־אַרבעטער, האָט מען פיל פון די ניי־געבראַכטע אידן פאַרהאַלטן אויף שקלאַפן־אַרבעט.

און אָט איז בלאָק 10, דער פרויען־בלאָק. און בשכנות — דער בלאָק פון אינקוויזיציע, בלאָק 11.

28 געביידעס, בלאָקס, אפשר 60 טויזנט מענטשן האָבן זיך אין זיי געפונען, צייטנווייז מער. וואָס דאָ פלעגט זיך טאָן ביים „אַפּעל", ביים איבערציילן די שקלאַפן, אויפן גאַס פאַר די בלאָקס! צוויי מאָל אַ טאָג פלעגט מען ציילן. ווען מען פלעגט קומען פון דער אַרבעט, פלעגט מען דאַרפן האָבן מיט זיך די טויטע אויך. עס האָט געמוזט שטימען...

איך קוק אויף די איצט־ליידיקע גאַסן פאַר די בלאָקס. וואָס דאָ האָט זיך געטאָן!...

אונטן, כאַפּן מיר אַ קוק אויף דער קיך־געביידע. 150 שקלאַפן האָבן געאַרבעט ביי 48 קעסלען, וואָס האָבן געקאָכט „באַזאָרגן" 80 טויזנט שקלאַפן. וואָס מען האָט געקאָכט פאַר זיי, דאַרף מען ניט פרעגן. די

סיסטעם פון „שפייזן" איז געווען אזא, אז מען זאָל ניט קאָנען אויסהאַלטן.

מיר גייען אריין אין בלאָק 10. ס'איז א גרויסער געמויערטער צוויי־שטאָקיקער באראק, יעדער שטאָק איינגעטיילט אין צוויי העלפטן. אָט אין די פיר העלפטן, גרויסע פיר־קאנטיקע האַלעס, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט מיט טאָפּטשאנעס, אָדער נארעס, האָט מען אריינגעפּאקט, צייטנווייז, אזוי פיל ווי צוויי און א האַלב טויזנט פרויען, מייסטנס יונגע, אַלע אידישע. פון דאנען פלעגט מען זיי טרייבן אויף „עקספּערימענטן" און אהער פלעגט מען זיי ברענגען צוריק — אזוי לאַנג ווי זיי האָבן אויסגעהאַלטן. און כסדר זיינען אָנגעקומען נייע קרבנות: פון פּוילן, דערנאָך פון גריכנלאַנד, פון פראנקרייך. א סך גריכישע פרויען, אידישע, זיינען דאָ געווען קרבנות.

די האַלעס זיינען איצט ליידיק. די טאָפּטשאנעס זיינען אויך ניטאָ. מיר שטייען און קוקן אויף די ווענט, ווי מיר וואָלטן פון זיי געוואָלט עפּעס ארויספּלייענען, אָדער דערהערן.

מיר לאָזן זיך גיין ווייטער. דער שטח צווישן די בלאָקס 10 און 11 איז גענוצט געוואָרן ווי א שחיטה־הויף. דאָ, ביי דער וואנט, סאַמע אין דער טיף, וואָס פאראייניקט ביידע געביידעס, האָט מען אָן אויפהער דערשאָסן מענטשן. אין דעם הויף איז אויך געווען אויפגעשטעלט א תליה.

אָן אמתער שעכט־הויז איז דאָ געווען, זאָגט אונדז דער וועגווייזער, און ער שילדערט די פארשיידענע מינים מיתות, וואָס די נאַציס האָבן אָנגעווענדט איבער מענער און פרויען. איך האָב אויך געזען שילדערונגען וועגן די מיתות אין דאָקומענטן. איך וועל פארשפּאָרן דעם לייענער די מאַטערנישן. איינס מוז איך אָבער פארצייכענען — ווי אזוי די דייטשן האָבן אָפּגעטויט ביי די שקלאַפן דעם מענטשן אינעווייניק אין זיי, כדי צו נוצן זייער בלוטיקע מלאכות.

מיר מוזן וויסן דעם אמת. ניין — כאָטש א טייל פון דעם אמת.

די נאַציס האָבן סיי אין די געטאָס, סיי אין די לאַגערן, ביי די גאַז־קאַמערן, ביי די אויוונס, געטאָן די מייסטע ארבעט דורך אַנדערע, ניט קיין דייטשן. ניט נאָר ביים בויען, גראָבן, טראָגן, פירן, ברענען, נאָר אויך ביים מאָרדן האָט זיך דאָס „הערן־פאָלק" באַנוצט מיט אַנדערע. עס איז אויך געווען פּאָליטיק דערביי, אריינצוציען אין דער מאָרד־ארבעט וואָס מער מענטשן פון אַנדערע פעלקער, כדי צו האָבן וואָס מער מיטשולדיקע. אזעלכע מיטשולדיקע האָבן אויך געטרייער געדינט.

אין יעדן פאָלק האָבן די נאַציס געפונען אויסוואורפן, וואָס זיינען גרייט געווען אויסצופילן די שרעקלעכסטע אויפגאַבן. עס זיינען אויך

געווען אַזעלכע, וואָס אין „געוויינלעכע" באַדינגונגען זיינען זיי געווען „אַנשטענדיקע מענטשן", אָבער די דייטשן האָבן באַוויזן אַרויסצוזיאָגן פון זיי יעדן פונק פון מענטשלעכקייט, פון שטאָלץ, פון אייגענער ווערדע, געמאַכט פון זיי ווערים, וואָס האָבן געטאָן אַלץ, וואָס מ'האָט פון זיי געוואָלט. די דייטשן האָבן געהאַט אַנטוויקלט אַ גאַנצע סיסטעם אויף דעמאָראַליזירן מענטשן, אַנרייצן איינעם אויפן אַנדערן, שאַפן די אילוזיע, אַז מען קאָן זיך ראַטעווען אויף יענעמס חשבון. זיי האָבן געשאַפן אַן אַטמאָספערע, וואָס האָט באַוועגט געוויסע מענטשן צו רעכטפאַרטיקן זיך מיטן אויסרייד: „אויב איך וועל עס ניט טאָן, וועט עס אַן אַנדערער טאָן."

די דייטשן האָבן געהאַט צווישן די פּאָליאַקן, אוקראַינער, ליטווינער, לעטן, פראַנצויזן, בעלגיער, נאָרוועגן און אַנדערע אַ סך אַרויסהעלפער. דאָס זיינען געווען פאַשיסטן, אַנטיסעמיטן, אונטערוועלט־לייט, וואָס האָבן זיך מיט היהשער לוסט צוגעכאַפּט צו דער מלאכה פון רויבן, שענדן, מאָרדן. דאָ זיינען אויך געווען געוועזענע „אַנשטענדיקע מענטשן", וואָס זיינען געוואָרן ווערים, נאַצישע געצייג.

דאָס מאַרטירער־פאָלק, דאָס אידישע פאָלק, האָט אַרויסגעגעבן פון זיך מיליאָנען קדושים, — הייליקע, וואָס זיינען געשטאָרבן מיט אַ מאַרטירער־טויט. דאָס אידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן העלדן, לעגענדאַרישע העלדן, אין די געטאָס, אין די וועלדער, אויף די פראָנטן. אפילו צווישן די, וואָס זיינען פון די דייטשן באַשטימט געוואָרן אין די יודען־ראַטן, זיינען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן ניט פאַרגעסן ווער זיי זיינען. ווען די דייטשן זיינען געקומען צום הויפּט פון דעם יודען־ראַט אין וואַרשע, אינזשענער טשערניאַקאָוו, מיטן פאַרלאַנג ער זאָל זיי אַרויסגעבן די ערשטע גרופּע אידן, איז ער בעסער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. מען קאָן אוודאי זאָגן, אַז נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט אָרגאַניזירט אַ ווידערשטאַנד. אָבער זאָגן זאָלן עס די, וואָס זיינען געווען אין די געטאָס. די וואָס זיינען ניט געפּרואווט געוואָרן, זאָלן אויף אַזעלכע קדושים ווי טשערניאַקאָוו גאָרניט זאָגן.

עס זיינען אָבער געווען אַנדערע טיפּן פירער פון יודען־ראַטן *). און עס זיינען געווען ביי אידן, ווי ביי אַנדערע פעלקער, אונטערוועלט־מענטשן. צווישן זיי האָט דער נאַצי געקראָגן רעקרוטן. און עס איז דאָ און דאָרטן געווען עמעצער, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער דעמאָראַליזירנדיקער

*) זע די קאַפּיטלעך אין דעם בוך וועגן לאָדזש און ווילנע.

אטמאָספערע, געהאָפּט דורך ווערן אַ פּאָליציאַנט, אָדער אַן אויפזעער, צו שטילן דעם הונגער פון דער פאַמיליע, צו בלייבן לעבן דורך טרעטן אויף אַנדערע.

דער כּלל אידן — אַ כּלל מאַרטירער — האָט די איינצלנע, די אויס־וואורפן, די ווערים, באַטראַכט ווי קרעציקע. אָבער — אַזעלכע זיינען געווען.

אויך וועגן דעם ענין זאָלן בעסער רעדן די, וואָס זיינען אַליין גע־פּראוווט געוואָרן. זיי רעדן. דאָס, וואָס איך האָב פון זיי געהערט וועגן די קרעציקע פּאַררעטער, וועל איך דאָ ניט איבערגעבן. זאָלן זיי רעדן. איך טאָר אָבער ניט פּאַרדעקן שפּורן, וואָס איך האָב אַליין געזען. אַזוי גלויב איך. איך טאָר ניט באַהאַלטן זאַכן, וואָס געפינען זיך אין די דאָקומענטן, וועלכע יעדער באַזוכער אין אַשוויענטשים קאָן זען און וואָס פיל פון זיי קאָן מען קריגן אין בוכהאַנדלונגען אין וואַרשע.

ווען איך בין געווען אין בלאָק 10, האָב איך זיך דערמאָנט, וואָס יענע יונגע פרוי, אין פּאַריז, האָט מיר געזאָגט. זי, און די אַנדערע קרבנות צוזאַמען מיט איר, האָט געהאַט איבער זיך אַ „שטובן־עלטסטע", אַ אידישע פרוי פון סלאָוואַקיע. פּלעגט זי שלאָגן ממש צום טויט... (דאָס באַשטימען אַ אידישע פרוי פון סלאָוואַקיע צו זיין אַן אויפזעערין איבער אידישע פרויען פון פּוילן, פראַנקרייך, גריכנלאַנד, איז אָן ספק געווען אַן אויסגערעכנטע זאַך מצד די דייטשן.)

זייענדיק אין דעם בלאָק האָב איך זיך אויך דערמאָנט, אַז מען האָט מיר דערציילט, אַז צווישן די, וואָס האָבן אַרויסגעהאָלפן די דייטשע „וויסנשאַפטלער"־באַרבאַרן אין זייערע „עקספּערימענטן", איז געווען אַ אידישער דאָקטאָר. איך האָב שפּעטער געזען זיין נאָמען אין די דאָקו־מענטן. און בשעת מיר זיינען געשטאַנען פאַר דער וואַנט אין דעם שטח צווישן די בלאָקן 10 און 11, און דער וועג־ווייזער האָט אונדז דערציילט, וואָס פאַר אַ שחיטה־אָרט דאָ איז געווען אין משך פון יאָרן, האָב איך זיך דערוואוסט, צווישן אַלע אויפטרייסלענדיקע מעשים פון די דייטשן און זייערע פּוילישע און אוקראַינישע געציילגן, עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיר באַזונדערס צעטרייסלט.

די נאַציס האָבן געהאַלטן אין אַ ספּעציעלער קאַמער אין בלאָק 11 אַ מענטשן — אַ ריז. פלעגט ער אַ נעם טאָן צוויי פאַרמשפּטע און צופירן זיי צו דער וואַנט. ער פלעגט זיי האַלטן אין זיינע מעכטיקע אָרעמס, ווי אין קלאַמערן, און די דייטשן פלעגן אין די קרבנות אַריינשיסן די קוילן, פון הינטן. אַזוי האָט דער ריז געפירט — אידן, מייסטנס אידן, און

פּאָליאַקן, און אַנדערע. דער ריז האָט געהייסן „יאַקאָב". ער איז געווען — אַ טשעכישער איד (אַזוי איז אויך פאַרשריבן אין עפּנטלעכע דאָקומענטן).

מיר זיינען אריין אין דער קאַמער, וואו יאַקאָב האָט געוואוינט. אַ שיינע קאַמער אין פאַרגלייך מיט די האַלעס. אויף איין וואַנט איז געווען אַ בילד פון צוויי פעכטערס, פּראַיז־פּאַיטערס.

„איך האָב יאַקאָבן געקענט", זאָגט דער פּוילישער וועג־ווייזער. „ער איז געווען אַ גוטער מענטש, מען פלעגט קומען צו אים בעטן טובות און ער האָט געטאָן טובות."

מיר האָבן זיך איבערגעקוקט. אין אונדזער גרופּע זיינען געווען צוויי פּאָליאַקן פון בידגאָשטש, וואָס האָבן דאָ פאַרלאָרן זייערע אייגענע, פּוילישע אינטעליגענטן. מיר האָבן זיך איבערגעקוקט. גיי, באַגרייף וואָס דאָ האָט זיך געטאָן!

צוויי יאָר צייט האָט יאַקאָב אַזוי „געאַרבעט". ווען די רויטע אַרמיי האָט דעם לאַגער באַפרייט, איז ער שוין דאָ ניט געווען. די נאַציס האָבן אים מיטגעשלעפּט. מען זאָגט, אַז ער האָט זיך דערקליבן קיין טשעכאָ־סלאָוואַקיע, אָבער ער איז שוין ניטאָ.

„אַזוי זאָגט מען", פאַרענדיקט דער וועג־ווייזער.

אונטן, אין קעלער פון בלאָק 11, האָבן מיר געזען יאַקאָבס אַ בילד, וואָס אַן אַרעסטאַנט האָט אויסגעשניצט אויף אַ טיר. אָבער דאָ האָבן מיר שוין דערזען גאָר אַנדערע זאַכן, וואָס דער „דייטשער זשעני" האָט צו־געטראַכט. בלאָק 11 איז געווען אַ שטראָף־בלאָק. דער קעלער איז געווען אַן אָרט פאַר אינקוויזיציע. די „מילדסטע" שטראָף איז געווען שמייסן. ווען איינער איז פאַרמשפּט געוואָרן צו 25 שמיץ, האָט זיך דער נאַצי (צי ער האָט אַליין געשמיסן, אָדער אַ שקלאַף האָט עס געטאָן פאַר אים) ביים סאַמע סוף אָנגעהויבן ווי־צלען, צי דער חשבון איז אַ ריכטיקער (דער פאַרמשפּטער האָט אַליין געדאַרפט ציילן). כדי צו זיין „זיכער", פלעגט מען אָנהויבן פון אָנהויב. אַזוי פלעגט מען אָפּט פּטרן אַ מענטשן. אָבער וואָס פאַר אַ ווערדע האָט אַ מענטש געהאַט?

אין דעם קעלער זיינען געווען קאַמערן אויף אַלערליי שטראָפן. עס זיינען געווען קאַמערן אויף פאַרהונגערן ביז אַ מינוט צום טויט, אָדער ביז טויט. עס איז געווען אַ קאַמער, נומער 20, וואָס האָט געקאָנט הער־מעטיש פאַרמאַכט ווערן. איידער עס זיינען פאַרטיק געוואָרן די גאַז־קאַמערן אין בזשעזשינקאַ האָט מען די קאַמער באַנוצט אויף פאַרגאַזן. דאָ האָט מען פאַרגאַזט 500 רוסישע אָפיצירן, זאָגט דער וועג־ווייזער, 50 אויף אַמאָל.

די קאַמער 22 האָט באַוויזן נאָך עפּעס, אויף וואָס דער „דייטשער זשעני" איז געווען פיאיק. דאָ זיינען געווען אַזעלכע שטיי־צעלן, ווי טעלעפאָן־ביידלעך, איינגאַנצן פאַרמויערט. אַריינקריכן פלעגט דער באַ־שטראָפטער דורך אַ לאָך פון אונטן, ווי אַ הונט. עטלעכע פלעגן דאַרפן אַריינקריכן און שטיין אַזוי צונויפגעפּרעסט, כמעט אָן לופט, פון זיבן אין אָוונט ביז 5:30 באַגינען. אַלע מאָל פלעגט עמעצער אין דער שטיי־צעל ניט אויסהאַלטן...

די דייטשן האָבן געהאַט איינענע דערפינדונגען און האָבן זיך אויך באַנוצט מיט „פּרימיטיווע" אינקוויזיציע־פאָרמען. מיר וועלן שפּאָרן דאָס האַרץ און די נערוון פון דעם לייענער און ניט אַריינגיין אין איינצלהייטן.

מיר גייען פון קאַמער צו קאַמער, ווי דורך אַ קאָשמאַר. איינגאַנצן פינצטערע קאַמערן, וואו דאָס אָנגעצונדענע שוועבעלע לעבט אויף שאָטנס אין די ווינקלען. קאַמערן מיט אַ קליינער עפענונג אויבן פאַר ליכט און לופט. קאַמערן ליכטיקע — אויף גאָר פינצטערע מעשים.

ווען מיר זיינען אַרויס אין דרויסן איז געווען אַ חרפּה אָפּצואָטעמען פריי. מען האָט ניט געקאָנט קוקן איינס אויפן אַנדערן. מען האָט זיך געשעמט פאַר דעם מין מענטש. וואָס דער דייטש האָט געמאַכט פון אים!

ניט ווייט פון אַרויסגאַנג האָט דער דייטש, אין אַ קליינער געביידע, געהאַט איינגעאָרדנט אַ — באָרדעל... אהער האָט מען, אויף געדרוקטע בילעטן, אַריינגעלאָזט די „קאַפּאָס" (אויפזעער) און אַנדערע פאַרברעכער, וואָס האָבן געהאָלפן די נאַציס אויפהאַלטן דעם רעזשים אין לאַגער, פּייניקן מענטשן, באַשפּייען, אומברענגען. די „סיסטעם" און די „אָרדע־נונג", וואָס איז געווען איינגעשטעלט אין דעם באָרדעל, איז אויך געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן „דייטשן זשעני"... און אַלץ איז געווען אַ טייל פון אָן אַלגעמיינער סיסטעם פון דעמאָראַליזירן, צעטרעטן, באַוועגן איינעם ער זאָל זיך ראַטעווען דורך מקריב זיין אַנדערע, און — דעם איינעם אויך באַשפּייען און סוף כל סוף אומברענגען.

מיר גייען ווידער דורך דעם טויער און איך קוק זיך אום אויף צוריק. איך דערזע דעם דייטשן אויפּטו, די דייטשע ווערטער:

ARBEIT MACHT FREI.

●

מיר זעצן זיך אַריין אין אויטאָ צו פאָרן קיין בזשעזשינקאַ (ביר־קענאַו), אַ פינף מינוט פאָרן.

„אושוויץ (אָשווענטשים) איז גאָרניט", האָט מען מיר געזאָגט אין פּאַריז. „בירקענאַו איז געווען דאָס ערגסטע."

אָשווענטשים איז געווען „ניט מער" ווי אַן אַרבעט־לאַגער, און אַ „מוטער־לאַגער" פאַר די לאַגערן אַרום. פיר און פערציק לאַגערן האָט אָשווענטשים געהאַט צו זיך. עס זיינען געווען אין דער געגנט פאַבריקן פון דער קרופּ־פירמע, פון דעם פאַרבן־טראַסט. די לאַגער־אַדמיניסטראַציע פלעגט זיי אַרויסדינגען אַרבעטער, צו זעקס מאַרק אַ טאָג פאַר יעדן. אַזוי ווי אויסהאַלטן אַ שקלאַף האָט געקאָסט 30 פעניג, איז דער פּראָפיט געווען זייער אַ גרויסער. אַזעלכע פּראָפיטן פלעגן גיין פאַר דער דייטשער מלוכה. עס איז אָבער געווען ביי די נאַציס אַ סיסטעם פון אינדיווידועל רייך ווערן. חוץ ראַבעווען פון די זאַכן, וואָס די אומגליקלעכע האָבן געבראַכט, אָדער פון די גאָלדענע ציין, אָדער אַראָפּנעמען פאַר זיך אַ טייל פון די אַסיגנירטע 30 פעניג אויפצוהאַלטן אַ שקלאַף, איז געווען פאַר די נאַצישע אויפזעער אַ „לעגאַלע" פאָרם פון אינדיווידועלן פּראָפיט. פאַר יעדן שקלאַף, וואָס איז געטויט געוואָרן „ביים אַנטלויפן", האָט דער נאַצישער אויפזעער גע־קראָגן אַ באַלוינונג. איז שוין געוואָרן אַ סיסטעם אַזאַ, אַז ווען אַ גרופּע שקלאַפן האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, אין אַ פאַבריק, אָדער ביים גראָבן, בויען, פאַרברענען קערפּערס, האָט זי מיטגעבראַכט אַ צאָל טויטע. די לעבעדיקע שקלאַפן האָבן געמוזט מיטברענגען די טויטע צום „אַפּעל": עס האָט געמוזט שטימען...

אָשווענטשים איז געווען „ניט מער", ווי אַן אַרבעט־לאַגער — און אַן אויסראָטונג־לאַגער „אויך". אין דער גאַנצער סיסטעם לאַגערן פון דער געגנט איז בזשעזשינקאַ (בירקענאַו) געווען — אַן אויסראָטונג־לאַגער און „אויך" אַן אַרבעט־לאַגער. אַ באַן־ליניע איז פון דער סטאַנציע אָשווענטשים געגאַנגען דירעקט ביז די גאַז־קאַמערן און אויוונס, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען.

אויפן וועג קיין בזשעזשינקאַ האָבן מיר געזען אַ שיין הויז. דאָ פלעגט איינשטיין הימלער, ווען ער פלעגט קומען אין אָשווענטשים, געוואָר ווערן ווי די אויסראָטונג־אינדוסטריע אַרבעט און וויפיל פּראָפיט זי ברענגט אַריין. מיר האָבן געזען פאָטאָגראַפיעס פון הימלערן אין אָשווענ־טשים.

מיר פאָרן פאַרביי געביידעס, וואו עס זיינען געווען פאַבריקן. דאָ האָט דער קרופּ־טראַסט, דער פאַרבן־טראַסט, געזויגן דאָס בלוט פון הונדערטער טויזנטער מענטשן פון אַלע פעלקער.

נאָר גיך זיינען מיר אין בזשעזשינקאַ. אויף אַ שטח פון אַן ערך 450

אַקער לאַנד זיינען אַנגעשטעלט הונדערטער לאַנגע הילצערנע באַראַקן. דאָ איז געווען אַ ריזן־שטאָט פון הונדערטער טויזנטער מענטשן.

מיר גייען אַריין אין איין באַראַק. דאָ שטייען נאָך די טאַפּטשאַנעס — לענג־אויס פון די ווענט און אין צענטער פון באַראַק, אין דריי שטאָק איינס איבערן אַנדערן. זעקס מענטשן אויף יעדן טאַפּטשאַן, אָדער נאָך. אָט אַזוי האָט מען אין אַ באַראַק אַריינגעשטאָפּט ביז טויזנט מענטשן און מער.

שטייענדיק אין איינעם פון די שמאָלע דורכגאַנגען, צווישן די דריי־שטאָקיקע רייען טאַפּטשאַנעס, זיינען מיר געקומען אויפן געדאַנק זאָגן, וואָס מען האָט מיר דערציילט — וועגן דער ענגשאַפט, וועגן קלעפּ, שמוץ, קראַנקהייטן. מען איז געלעגן קאָפּ אויף קאָפּ. מען האָט ממש געטראָטן איינער אויפן אַנדערן. און איך האָב זיך אויך דערמאַנט אָן שילדערונגען וועגן שיינקייט דאָ אין די באַראַקן, וועגן דער העכסטער פאָרם פון מענטש־לעכקייט.

איך האָב זיך דערמאַנט אָן מיינע שמועסן מיט „אָשווענטשימער" נאָך אין פּאַריז. איך פלעג זיי אָפט פרעגן:

— ווי־אַזוי־זשע האָט איר עס אַלץ איבערגעלעבט?

— סאָלידאַריטעט! — איז אָפט געווען דער ענטפער.

וואָס הייסט עס? עס הייסט — אַ גוט וואָרט, אַ ליבער בליק, אַ דער־מאָנונג זיך צו האַלטן, ניט פאַרלירן די האָפענונג. עס האָט אויך געהייסן — אַ ביסן ברויט פון אַ שטאַרקערן צו אַ שוואַכערן. סאָלידאַריטעט!

נאָר וואָס ווייסן מיר וואָס דאָס איז?

איך האָב געקוקט אויף די נאַרעס העט אויבן, אויף דער דריטער ריי, און איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס אַ באַוואוסטער אידישער קאָמוניס־טישער טוער אין פּאַריז האָט מיר דערציילט. ווען ער איז אָנגעקומען קיין אָשווענטשים איז ער געווען האַלב־טויט. אַ מוראדיק צעשלאָגענעם האָט מען אים אין אַ לאַגער ביי פּאַריז אַריינגעוואָרפן אין אַ וואַגאָן, וואו פיל מענטשן זיינען אומגעקומען פון ענגשאַפט, הונגער און דאָרשט. אין אָשווענטשים האָט מען ווידער געשלאָגן. נאָכן אַראָפּוואָרפן די „אייגענע" שמאַטעס פון זיך, האָט מען, געוויינלעך, געהאַלטן די נאַקעטע מענטשן ווי לאַנג עס האָט זיך די נאַציס געגלוסט, און ס'האָבן זיך ווידער געשאָטן קלעפּ. ווען דער איד פון פּאַריז האָט זיך ענדלעך דערפילט אין אַ באַראַק און אַרויפגעקליבן זיך אויף אַ נאַרע סאַמע אויבן, האָט ער געמיינט, אַז אַלץ איז אויס. ניטאָ קיין האָפענונג אויף איבערלעבן די נאַציס! אָבער אינמיטן נאַכט איז עמעצער צוגעקראָכן צו אים און איינגערוימט אים

אין אויער: „געדענק, דו ביסט ניט אַליין"... ביי אים האָבן אַ שלאָג געטאָן קוואַלן — פון טרערן, פון האָפענונג. ער האָט געפילט, אַז ער וועט לעבן.

איך בין געשטאַנען צווישן די נאַרעס און „געזען" דאָ די, מיט וועלכע איך האָב שפּעטער לאַנג אין פּאַריז גערעדט. דער אידישער קאָמוניסטישער טוער י. קאָהן האָט מיר דערציילט וועגן דער אונטערערדישער אַרבעט אין אָשוויענטשים, וועגן געהיימע ליטעראַטור, פּאָליטישע באַריכטן. ער האָט מיר דערציילט, ווי מ'האָט זיך געגרייט צו אַן אויפשטאַנד; וועגן פרויען, וואָס האָבן געשמוגלט געווער, דינאַמיט.

די קאָמוניסטקע עווא גאָלדגעוויכט האָט מיר געוויזן אירס אַ ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן:

„אין גרויע, אין שטילע מינוטן,
פאַרפולטע מיט בענקשאַפט און פּיין."

דאָס ליד האָט גערעדט וועגן דעם, ווי שווער דאָ איז צו אָטעמען, גערעדט וועגן „דורשט נאָך גערעכטער נקמה" און גערופן: „נישט פאַר־געסן ווער מיר זיינען!", געזונגען וועגן דער נייער צייט, וואָס וועט קומען, און פאַרענדיקט: „זייט גרייט!"

צו דעם ליד האָט מען צוגעפּאַסט אַן אַלטע מעלאָדיע און ס'איז געוואָרן — „דער הימן פון אָשוויענטשים".

דער פערז איז געווען שוואַך, פּרימיטיוו, אָבער — ווי שטאַרק און ווי ניי ער האָט געקלונגען אין אָשוויענטשים, אין בירקענאַו! ביינאַכט, אויף דער נאַרע, צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן, פלעגט מען ברומען דעם „הימן פון אָשוויענטשים".

איך האָב געטראַכט וועגן דער שייַנקייט פונעם מענטשן, שטייענדיק צווישן די נאַרעס, געטראַכט וועגן די וואָס האָבן אויסגעהאַלטן די העכסטע פּראָבע. איך האָב זיך דערפילט דערנידעריקט און — זיך דערפילט דער־הויבן...

●

נאָך דער באַפרייאונג האָט די רויטע אַרמיי גענוצט די באַראַקן אין בזשעזשינקאַ פאַר דייטשע קריגס־געפאַנגענע. פיל פון זיי האָב איך נאָך געטראָפן אין לאַגער — ביי דער אַרבעט, ביים צענעמען באַראַקן, אָפּראַמען ציגל־ברוך פון אויפגעריסענע געביידעס.

צווישן די סאַמע ערשטע געביידעס, וואָס די נאַצים האָבן אויפגעריסן, זיינען געווען די גאַז־קאַמערן, די אויוונס.

פיר אויוונס זיינען געווען. איין אויוון איז אונטערגעצונדן געוואָרן דורך א „זאָנדער־קאָמאַנדאָ".

די דייטשן האָבן געהאַט א ריי „זאָנדער"־אינסטיטוציעס—„זאָנדער־באַהאַנדלונג", „זאָנדער־לאַגער", און נאָך, וואָס אַלע האָבן זיי באַטייט: גרויליהאַפטער מאָרד. „זאָנדער־קאָמאַנדאָס" זיינען געווען גרופּן שקלאַפן, וואָס די דייטשן פלעגן באַשטימען צו אַרבעטן ביי די אויוונס, צו פאַר־ברענען די פאַרגאַזטע. אזא „קאָמאַנדאָ" האָט געלעבט ניט מער ווי דריי חדשים. דעמאָלט האָט מען זי אומגעבראַכט און איר אָרט האָט פאַרנומען ביים אויוון אַן אַנדער גרופּע שקלאַפן, ווידער אויף דריי חדשים. ווען עס האָט שוין געהאַלטן נאָענט פון סוף, די רויטע אַרמיי איז שוין געווען ניט ווייט און די נאַציס זיינען געוואָרן אומרואיק, האָט איין „זאָנדער־קאָמאַנדאָ" געמאַכט אַן אויפשטאַנד אַרום „איר" אויוון: דערהרגעט ס.ס.־לייט און „קאַפּאָס" (שקלאַפן, וואָס זיינען געוואָרן אויפזעער), עטלעכע פאַרברענט. אין דער שלאַכט און ביים אַנטלויפן איז די גאַנצע „קאָמאַנדאָ" אומגעקומען (צוויי האָבן זיך געראַטעוועט). די „קאָמאַנדאָ" האָט באַוויזן צו פאַרניכטן „איר" אויוון. די אַנדערע אויוונס האָבן די נאַציס אויפגעריסן איידער די רויטע אַרמיי איז אַריין.

מיר פאָרן צו צום אָרט, וואו די אויוונס האָבן זיך געפונען.

מיר טרעטן אַרויף אויף ערד, טרוקענע ערד, וואָס קוקט אויס גאָר אַנדערש, ווי די ערד אַרום... איך דערקען שוין דעם אַש־קאָליר. איך ווייס שוין וואָס דער קאָליר באַטייט. געזען אים פריער אין וואַרשע, אין הויף פון דער געוועזענער גרויסער טורמע אויפן ראָג גענשע און זאַמענהאָף... איך ווייס שוין וואָס די פּיצלעך ווייסע ברעקלעך באַטייטן...

איין גרויסע געביידע, אַ מין קעלער־געביידע, צום „באָדן" זיך, האָבן די דייטשן אויפגעריסן אין איילעניש, ווען די רויטע אַרמיי איז געווען שוין ניט ווייט. ליגט דער דאַך אַ צעבויגענער אויף די איינ־געפאַלענע ווענט, אָבער מען זעט דעם גאַנצן פּלאַן פון דער דאָזיקער געביידע — צום פאַרגאַזן טויזנטער מיטאַמאָל.

פאַרן טויער, וואָס האָט געפירט צו די „בעדער", געפינט זיך די באַן־ליניע. פראַכט־וואַגאָנען, אָנגעפּאַקט מיט אידן, האָט מען געבראַכט גלייך אַהער. אַן אַ זייט פון טויער איז געווען אַ געביידע, וואו מען האָט זיך אויסגעטאָן. די דייטשן האָבן אָנגעזאָגט, מען זאָל חלילה ניט פאַרגעסן דעם נומער פון דעם אָרט, וואו מען האָט אוועקגעלייגט די זאַכן, כדי גיכער צו געפינען די זאַכן ביים קומען צוריק... און די קרבנות האָבן געקראָגן שטיקלעך זייף צום „באָדן" זיך, קונציקע שטיקלעך זייף.

איך קוק אויף דער אײַנגעפאַלענער „באַד" און האַלט אַ שטיקל „זייף" אין האַנט. ס'איז אַ גלאַט, קײַלעכדיק, פּלאַך שטיינדל, אַרום דרײַ פינגער די ברייט אין קווער־שניט, אַרום אַ פינגער די גרעב. בײַ איין ברעג פון דעם שטיינדל איז דאָ אַ לעכל. אָט אַזוי האָט איינער, וואָס איז געטריבן געוואָרן אין „באַד" אַרײַן, אָנגעהאַנגען אויף זיך דאָס שטיינדל, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ דיק שטיקל זייף, — ווײַל עס איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ דינעם זייף־שיכט.

אָן אמת שטיקל זייף וואָלט דאָך אין „באַד" אומגעקומען צוזאַמען מיט די מענטשן, וואָלט צעשמאָלצן געוואָרן. די דײַטשן איז אַ שאָד געווען זייף... האָבן זיי פּאַקטיש געגעבן דעם קרבן אַ שטיינדל. ווען מען איז „פאַרטיק" געוואָרן, האָבן שקלאַפן אויפגעקליבן די שטיינדלעך, ווידער איבערגעצויגן זיי מיט אַ דינעם שיכט זייף און ווידער אויסגעטיילט — צום „באָדן" זיך...

דײַטשע דערפינדערישקייט... סיסטעם!

שטיי איך פאַר דער אײַנגעפאַלענער „באַד" און האַלט דאָס שטיינדל אין האַנט. עס טראָגט זיך נאָך דערפון אַ ריח פון זייף, כאָטש עס האָט זיך אַרומגעוואַלגערט דאָ אויף דער ערד זינט אָנהויב 1945. עס איז אײַנגעקריצט אינעם שטיינדל אַ נומער: 15027. ווער ווייס וואָס דאָס האָט באַטײַט. מסתמא האָט מען אַזוי געדאַרפט צו דער „סיסטעם".

וויפיל מענטשן האָבן דאָס שטיינדל איבערגעהאַלטן? ווער זײַנען זיי געווען?

מיר קוקן אויף דער ערד, אויף וועלכער מיר טרעטן. די אויוונס זײַנען אײַנגנאַצן אויפגעריסן און צענומען געוואָרן דורך די דײַטשן. אָבער אַרום און אַרום איז פול מיט אַש, מיט פּיצלעך ביינדלעך... מענטשן בויגן זיך אײַן, הויבן אויף גרעסערע שטיקלעך, אַביסל אַש, וויקלען אײַן...

מענטשן קומען אָהער כסדר. מענטשן זוכן. ווער עס זוכט „גאָלד" צווישן די באַראַקן, אָדער דאָרט וואו באַראַקן זײַנען געווען. ווער עס קומט אַ קוק טאָן וואו זײַנע אייגענע האָבן זיך געפונען. ווער עס קומט באַזוכן זײַן אַמאָליקע „היים" אין אָשווענטשים, אין די לאַגערן אַרום. ווער עס קומט צו די אויוונס קוקן אויפן אַש...

●

מיר פאָרן צוריק צום אָשווענטשימער לאַגער. אין אַ געביידע, פון דרויסן פון לאַגער, זײַנען צונויפגעזאַמלט אַלערליי דאָקומענטן, בילדער. מיר קריגן ציפערן, פאַקטן. מיר זעען דעם לאַגער בײַ דער „אַרבעט".

מיר טרעפן דאָ די יונגע פרוי פון אונדזער וועג־ווײַזער, פּאָזשימסקי,

אַ אידישע. זי איז אויך אין „אָשווענטשימער״, געבראַכט געוואָרן אַהער מיט אירע עלטערן. זיי זיינען ניטאָ...

איך זע — זי דאַרף אינגיכן ווערן אַ מוטער.

ווי פילט זיך דאָס פּאָרל דאָ, וואו זיי האָבן „פאַרבראַכט״ יאָרן אין פּיין? ווי פילט זי זיך, אַריינקוקנדיק אין דעם בלאָק 10, וואו זי איז געווען?

ציטנוויז — זאָגן זיי — ווען זיי גייען איבערן לאַגער, דאַכט זיך זיי, אַז זיי זיינען נאָך געפאַנגענע. אָבער די מינוט אַנגסט ווערט פאַר־ביטן מיט דער פרייד פון באַפרייאונג, אַלע מאָל לעבן זיי איבער די פרייד אויפדאָסניי. זיי גייען אַרום, קוקן אויף די וועכטער־ביידלעך, אויף די ס.ס.־הייזער. איצט האָבן זיי די אויפזיכט. זיי העלפן איינאָרדענען דעם מוזיי, מענטשן זאָלן קאָנען קומען און זען וואָס דאָ איז געווען.

די יונגע פרוי רעדט וועגן זאַכן, אַפילו וועגן בלאָק 10, מיטן טאָן פון אַ פאָרשער, אַ מוזיי־פאַרוואַלטער. זי רעדט וועגן די עקספּערימענטן, וועגן די דייטשע „געלערנטע״, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אומברענגען און פאַרקריפּלען פרויען; וועגן אַ אידישער דאָקטאָרשע, וואָס האָט ניט געוואָלט טאָן אַלץ, וואָס מען האָט געהייסן, און ווי מען האָט זי באַ־שטראָפט. און ווידער פאַקטן וועגן דעם לאַגער, באַווייזן פון די דאָקו־מענטן, וואָס די רויטע אַרמיי האָט פאַרכאַפּט.

די דייטשן האָבן געפּלאַנעוועט אין בזשעזשינקאַ אַ „הימלער־שטאָדט״ פון זעקס הונדערט טויזנט שקלאַפן. אַ ריזיקן אָפּטייל נייע, נאָך ניט קיין פאַרענדיקטע באַראַקן האָט דאָ די רויטע אַרמיי געטראָפן. די דייטשן האָבן זיך ערשט פאַרמאָסטן צו אַנטוויקלען די מאָרד־אינדוסטריע אויף נאָך אַ גרעסערן מאַסשטאַב.

לויט די אָפּשאַצונגען פון דער קאָמיסיע פון דער רויטער אַרמיי, האָט מען דאָ אומגעבראַכט פיר מיליאָן מענטשן. דער הויפּט־הענקער, רודאָלף העס, האָט אויפן פּראָצעס איבער אים געזאָגט: „בלויז״ צוויי מיליאָן. נאָר די מיליאָנען האָבן געזאָלט זיין ערשט אָן אָנהויב. די נאַצים האָבן זיך ערשט געהאַט פאַרמאָסטן. נאָך די אידן האָבן געדאַרפט קומען מיליאָנען פּאָליאַקן, אַנדערע.

די ערשטע קרבנות אין אָשווענטשים, אין 1940, זיינען געווען פּאָליאַקן, פּוילישע אינטעליגענטן, גלחים אַפילו. אויף אַ מאַסן־שטייגער האָט זיך די אויסראָטונג אָנגעהויבן מיט סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע. אין 1942, ווען די נאַצים זיינען צוגעטראָטן צו דער מאַסן־אויסראָטונג פון אידן, האָט מען דעם אָשווענטשים־לאַגער אָנגעהויבן פאַרגרעסערן און

„מאָדערניזירן". און ווי גרויס אָשווענטשים, מיט די 44 לאַגערן ארום, מיט בזשעזשינקא (בירקענאו), איז ניט געוואָרן, האָט מען אַלץ געבויט. אזוי שפּעט ווי יוני 1944, ווען די רויטע ארמיי איז שוין געווען ביי לובלין און געהאַלטן ערב פארנעמען מאַידאַנעק, האָט מען נאָך דאָ געבויט און פאַרגרעסערט.

די דייטשן האָבן געהאַט אין פּוילן פיר הונדערט און פינף און דרייסיק (435) ארבעט־לאַגערן, דערין 129 פאַר אידן. זיי האָבן געהאַט פיר אויסראָטונג־לאַגערן: טרעבלינקע, בעלזשעץ, סאָביבאָר, כעלמנאָ. וואָס איז שייך מאַידאַנעק, אָשווענטשים, גראָסראָזען (אויף פּויליש: ראָגאָזשנע, אין נידערשלעזיע) און שטוטהאָף (אויף פּויליש: שטוטאָוואָ, ביים באַלטישן ברעג, ניט ווייט פון גדאַנסק), זיינען זיי געווען פאַררעכנט פאַר קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דער אונטערשייד צווישן זיי אַלע, ספּעציעל פאַר אידן, איז געווען אַ קנאַפּער. אין די אויסראָטונג־לאַגערן האָט מען כמעט אַלעמען באַלד אומגעבראַכט און אין די ארבעט־לאַגערן האָט מען אומגעבראַכט פּאַמעלעך; אָדער פריער אויסגעמאַטערט און דערנאָך געשיקט אין אויסראָטונג־לאַגער. אין יעדן ארבעט־לאַגער האָט מען געשאָסן, פּאַרפּייניקט. עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין קראָקע אויפן פּראָצעס פון דעם הענקער אַמאָן געטה, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן ארבעט־לאַגער „פּלאַשאָוו", ביי קראָקע, און איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט. און אַ מוסטער דערפון, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָבן מיר געזען אין אָשוועטשים. אַלץ, אויך דאָס „לעבן" אין די געטאָס, איז געווען אויסגערעכנט אויף אויסראָטן אַלע אידן. דאָס איז געווען דער דייטשער פּלאַן, און דעם פּלאַן האָבן זיי כמעט ווי דורכ־געפירט אויף די אידן, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייערע הענט. נאָך די אידן האָבן זיי זיך געזאָלט נעמען אויף אַ גרויסן שטייגער צו די פּאָליאַקן, אוקראַינער, ווייסרוסן, כדי צו מאַכן וואָס מער „לעבנס־רוים" פאַרן דייטשן „הערן־פאָלק". דערפאַר האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו בויען ארום אָשוועטשים, אפילו אין 1944, ווען זיי האָבן זייער אויסראָטונג־ארבעט בנוגע די אידן שוין באַלד געהאַט אָפּגעטאָן.

פאַרוואָס האָט די געגנט ארום דעם שטעטל אָשוועטשים, צווישן קראָקע, קאַטאָוויץ און ביעלסקאָ, אין דעם פּרוכטבארן, רייכן אויבער־שלעזיע, זוכה געווען צו האָבן דעם גרעסטן שחיטה־צענטער?

צוליב די זעלביקע סיבות פאַרוואָס אין דייטשלאַנד גופא איז דאַכאו געווען דער שרעקלעכסטער נאַצישער לאַגער (כאָטש ווייט ניט אויף אַזא פאַרנעם, ווי אָשוועטשים). דאַכאו געפינט זיך אין אַ זומפּיקער געגנט —

אזוי אָשוועַנטשים. די ערד אַרום אָשוועַנטשים איז פֿייכט, דאָס וואַסער איז פֿאַרסמט. אין די דאָקומענטן פֿון דער אויספֿאָרשונג־קאָמיסיע פֿון דער פּוילישער רעגירונג געפֿינט זיך אַ פֿאַראָרדענונג פֿון בערלין, אַז די ס.ס.־לייט אין די אָשוועַנטשים־לאַגערן טאָרן ניט טרינקען ניט־געקאָכט וואַסער, אַפֿילו דאָס מויל ניט שווענקען. די דייטשן האָבן געמאַכט מיט דער זומפּיקער געגנט שותּפֿות אין אויסראָטונג... שותּפֿות אין אַ גרויס געשעפֿט — צו באַזאָרגן דאָס פֿאַטערלאַנד מיט פֿאַרמעגנס, מיט קליידער, מיט פֿרויען־האָר פֿאַר מאַטראַצן...

מיליאָנען אידן און הונדערטער טויזנטער פֿון אַנדערע פֿעלקער האָט מען אַהער געבראַכט — „אויף אַרבעט", אויף „איינאָרדענען" זיך. פֿון די, וואָס זיינען פֿון פֿריער געפֿאָרן, האָט מען אַרויסגעפּרעסט בריוו צו אייגענע, ווי גוט עס איז... די דייטשן האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז אידן זאָלן ברענגען אַהער אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט. מען האָט אַפֿילו אַנדערע איינגערעדט, אַז מען וועט זיי אויסבייטן אויף דייטשע געפֿאַנגענע, וואָס געפֿינען זיך אין ענגלאַנד. אַזעלכע אומגליקלעכע האָבן, קומענדיק קיין אָשוועַנטשים, געפֿרעגט ווען מען וועט אַריבערפֿאָרן דעם ענגלישן קאַנאַל...

פֿאַר די דייטשן האָט זיך געלוינט די אָנשטרענגונג. גרויסע מאַסן מענטשן זיינען געקומען מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט מיט זיך מיט־נעמען.

לויטן עדות־זאָגן פֿון נאַצים, האָט די קאַסע פֿון „פֿאַטערלאַנד" אַריינגעקראָגן ווערט־זאַכן אויף אַ סומע פֿון אַ ביליאָן מאַרק, חוץ קליידער, שיך און אַנדערע זאַכן. (דאָ האָט פֿאַרנומען אַ גרויסן אָרט — די גאָלדענע ציין פֿון די קרבנות...). די דייטשן האָבן געהאַט אויפֿגעבויט 35 ריזיקע שפּייכלערס. 29 האָבן זיי פֿאַרברענט פֿאַרן אַנטלויפֿן. אין די זעקס פֿאַר־בליבענע שפּייכלערס האָט מען געפֿונען 348,820 מענערשע אָנצוגן, 836,255 פֿולע אויסשטאַטונגען פֿאַר פֿרויען, 5,525 פֿאָר פֿרויען־שיך, 38,000 פֿאָר מענער־שיך, 13,964 טעפּיכער, בערג מיט צאָן־בערשטלעך, ברילן, טשעמאָדאַנעס, קינסטלעכע פֿיס, טליתים, קינדערשע קליידער, קיך־געשיר און נאָך זאַכן, און — זיבן טאָן פֿרויען־האָר...

דאָס, וואָס מ'האָט געפֿונען אין די זעקס פֿאַרבליבענע שפּייכלערס, קאָן געבן אַ באַגריף, וואָס עס איז געווען אין די 29 שפּייכלערס, וואָס זיינען פֿאַרברענט געוואָרן. און דאָס אַלץ קאָן געבן אַ באַגריף, וואָס די נאַצים האָבן אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד אין משך פֿון די יאָרן, וואָס די מאָרד־אינדוסטריע אין און אַרום אָשוועַנטשים האָט געאַרבעט. צווישן

די דאָקומענטן געפינט זיך אַ באַריכט, וואָס ווייזט, אַז בלויז אין אַנדער־האַלבן חדשים, פון 1טן דעצעמבער 1944 ביזן 15טן יאַנואַר 1945, זיינען אַפּגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד 99,922 קינדערשע קליידער און אונטערוועש, 192,652 פרויען־קליידער און אונטערוועש, 222,269 מענער־אַנצוגן און אונטערוועש...

●

ניט מער ווי דריי שעה האָט געדויערט דער באַזוך אין אָשוועטשים — דאָס ארומפּאָרן די לאַגערן, דאָס שמועסן מיט פּאַזשימסקין און זיין פרוי, דאָס באַטראַכטן די פאָטאָגראַפיעס און פאַרצייכענען עטלעכע ציפערן. ווען מיר זיינען אַרויס „אויף דער פריי" האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זיינען אין לאַגער געווען ווער ווייס ווי לאַנג. ווי אַ קאָשמאַרנער חלום — וואָס פאַקטיש דויערט ער אַ קורצע ווײַלע, אָבער דאַכטן דאַכט זיך, אַז מען האָט איבערגעלעבט אַ לאַנגע צייט פון אַנגסטן און פּיין.

דער פרייער זומערדיקער דרויסן האָט אויפן ערשטן מאָמענט אויסגעקוקט, ווי אַן אויסטערלישע זאַך. קיין סך רעדן האָבן מיר ניט געקענט. שווייגנדיקע האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די פּאַזשימסקים, מיט די פּאָליאַקן־באַזוכער פון אונדזער גרופּע. מיר האָבן נאָר איינס דאָס אַנדערע געזאָגט:

— לאָמיר געדענקען, וואָס די דייטשן האָבן געטאָן!

# ווען די געטאָ האָט געברענט

עס איז געווען אַ מילדער זומערדיקער פאַרנאַכט, סוף אויגוסט. מיר האָבן שפּאַצירט אין פּראַגע, אין דער ריכטונג פון דער ווייסל.

מיר — מאַרעק ביטער (וויצע־פּאַרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די אידן אין פּוילן), זיין פרוי צעשיאַ, זייער זים זונעלע יורעק, און איך.

מיר זיינען געגאַנגען אויף זיגמונטאָווסקע גאַס. אַמאָל איז דאָס געווען די לעבעדיקסטע גאַס אין פּראַגע. פון דער זיגמונט־בריק איבער דער ווייסל פלעגט גיין אַ שטראָם טראַמוואַיען, דראָשקעס, פוסגייער, צווישן וואַרשע און פּראַגע. מיט אַ סך יאָרן צוריק איז מיר אַליין אויסגעקומען פיל מאָל צו פאָרן איבער דער בריק, פון וואַרשע צום בריסקער וואָקזאַל אין פּראַגע.

איצט איז זיגמונטאָווסקע גאַס געווען טויט. גראָז איז געוואַקסן צווישן די שטיינערנע „קלעצלעך" אויפן ברוק.

מיר פאַרנעמען זיך אָן אַ זייט פון דער חרובער זיגמונט־בריק און לאָזן זיך אראָפּ צום ברעג פון ווייסל.

דער קליינער יורעק געפינט אַ באַרג שטיינדלעך און נעמט זיך שפּילן. עס פאַרט פאַרביי די „קאָלעיקע" קיין יאַבלאָנע. מאַרעק ביטער דערמאָנט, ווי אַמאָל פלעגט אַזאַ באַן זיין געפּאַקט מיט אידן. מיר פאַרקוקן זיך אויף דער „קאָלעיקע", זוכן מיט די אויגן...

עס פאַרגייט די זון אויף דער וואַרשעווער זייט פון ווייסל, אויף „סטאַרע מיאַסטאָ" (אַלט־שטאָט), וואָס איז אינגאַנצן חורבות, סקעלעטן, חורבות אויף חורבות. עס פאַרגייט די זון און עס דאַכט זיך, אַז וואַרשע ברענט.

יורעקל וואַרפט שטיינדלעך און מיר דריי, מאַרעק ביטער, צעשיע און איך, פאַרקוקן זיך אויפן וואַרשעווער ברעג.

מאַרעק ביטער גיט פּלוצים אַ פרעג:

— ווען די געטאָ האָט געברענט, וואָס האָט מען געטראַכט אויף דער „אַרישער" זייט? די פּאָליאַקן האָבן דאָך געזען וואָס מען טוט מיט דער געטאָ, ניין? איז וואָס האָבן זיי געטראַכט, ווען די געטאָ האָט געברענט?

— איך וועל דיר זאָגן וואָס זיי האָבן געטראַכט, — רופט זיך אָפּ

צעשיע. — ווען דו ביסט געווען אין געטאָ, בין איך דאָ געווען אויף דער זייט, אויף דער „אַרישער" זייט.

●

ווי קומט צעשיע אויף דער זייט? וואו איז געווען דאָס אינגעלע, יורעקל? וואָס האָט פּאַסירט מיט ביטערן אין געטאָ? ווי אַזוי האָט ער זיך געראַטעוועט? ווי אַזוי האָט זיך מאַן און ווייב אָפּגעזוכט איינס דאָס אַנדערע? וואָס האָט זיך מיט זיי פּאַרלאָפן בשעת זיי זיינען געווען צעשיידט?

אויף צו פאַרענטפערן די פראַגן ווי עס דאַרף זיי וואָלט מען געדאַרפט אָנשרייבן אַ בוך. און דאָס, וואָס דאָרטן וואָלט דערציילט געוואָרן, וואָלט געקלונגען אומגלויבלעך.

איך וויל דאָ דערציילן עטוואָס וועגן דער געשיכטע מיט דער פאַמיליע ביטער, אַ פאַמיליע וואָס איז אַרויס אַ לעבעדיקע פון היטלערס הענט. און בשום אופן ניט דערפאַר, ווייל די געשיכטע איז אַזאַ אויסטערלישע, אַזאַ „שפּאַנענדיקע". זי איז. אָבער די געשיכטע ווערט דערציילט דער עיקר אָט צוליב וואָס: זי וועט אונדז העלפן עטוואָס בעסער פאַרשטיין, וואָס מיט די אידן איז פאַרגעקומען, נאָך אַ ביסעלע העלפן פאַרשטיין. ווייל וויפיל מיר האָבן ניט געלייענט, ווייסן מיר דאָך אַזוי ווייניק!

ניט מאַרעק ביטער האָט געהאַט צייט אוועקצוזעצן זיך דערציילן זיין געשיכטע און ניט איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרצייכענען אַזעלכע געשיכטעס. אין פּוילן האָט יעדערער זיין געשיכטע! אָבער איך האָב מיט דער פאַמיליע ביטער זייער אַ סך פאַרבראַכט אויף שפּאַצירן, ביי זיי אין הויז. מיט מאַרעקן און צעשיען בין איך געפאָרן קיין מאַי־דאַנעק (וואו ער, מאַרעק ביטער, איז אַרויסגעטראָטן פאַר די פאַרזאַמלטע צענדליקער טויזנטער פּאָליאַקן מיט אַ רעדע אין נאָמען פון די פּוילישע אידן). מיט זיי ביידן זיינען מיר געווען אויף פאַרזאַמלונגען, זיצונגען. מיט צעשיען בין איך געפאָרן צום דעמאָלטיקן פּרעמיער פון פּוילן, אָסובקאַ־מאָראַווסקי, און זי, מיין „סעקרעטאַרשע", איז געווען ביי דעם שמועס. מיט מאַרעקן בין איך דעם לעצטן טאָג פון מיין זיין אין וואַרשע געפאָרן אין דער געטאָ, זען ווי מען האָט נאָר־וואָס געהאַט געעפנט די גרוב מיט אַרכיוון פון דר. ע. רינגעלבלום. זיינען מיר געשטאַנען אויף אַ בערגל ביי דער גרוב, באַטראַכט די געטאָ, און ער, מאַרעק, אַ קעמפער פון דער געטאָ, האָט מיר דערציילט און דערציילט...

אָט אַזוי, פון אָפּגעריסענע שמועסן און באַמערקונגען אין משך פון

אַ סך וואָכן, האָב איך געקראָגן אַ שטיקל באַגריף, וואָס מיט דער פאַמיליע ביטער האָט זיך פאַרלאָפן, אַ שטיקל באַגריף. האַלט איך פאַר נויטיק, אַז אַנדערע זאָלן אויך וויסן וועגן דעם. פאַרוואָס, האָב איך שוין געזאָגט.

●

די פאַמיליע ביטער האָט זיך געפונען אין דער וואַרשעווער געטאָ. עס איז אַוועק דאָס יאָר 1940, ווען די געטאָ איז געשאַפן געוואָרן, און דאָס יאָר 1941. עס איז געקומען דער זומער 1942. די דייטשן האָבן זיך מער ניט באַנוגנט דערמיט, וואָס דער הונגער און די עפּידעמיעס האָבן אויסגעקאָסעט טויזנטער אידן. די דייטשן האָבן שוין געהאַט זייער פּלאַן אויסצוראָטן די וואַרשעווער אידן מאַסנווייז. אין יולי האָבן זיי אָנגעהויבן דעם פּלאַן דורכצופירן.

דעם 22טן יולי 1942 זיינען טויזנטער אידן געקומען צום „אומשלאַגס־פּלאַץ", צו פאָרן „אויף אַרבעט", נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן געלאָזט וויסן, אַז יעדער איינער וועט קריגן דריי קילאָ ברויט און אַ קילאָ מאַרמעלאַדע (אַ קילאָ איז צוויי פונט). דריי קילאָ ברויט ?! אַ קילאָ מאַרמעלאַדע ?! טויזנטער אידן זיינען געלאָפן. עס זיינען געלאָפן די וואַרשעווער טרעגער. פאַר אַרבעט האָבן זיי קיין מורא ניט! און דערווייל קריגט מען אַזוי פיל ברויט! דאָס וועט שטילן דעם הונגער פון דער פאַמיליע.

מען האָט געוואָרנט, אַז די דייטשן האָבן אַנדערע פּלענער, אויסראָטונג־פּלענער, אָבער די, וואָס זיינען געלאָפן זיך פאַרשרייבן, האָבן ניט נעגלויבט. און אפשר האָבן זיי ניט געוואָלט גלויבן...

רופט זיך איינמאָל אָפּ צעשיע:

— איך וויל אַרויס פון דער געטאָ! יורעקל מוז לעבן! איך וועל אַלץ טאָן, אַז יורעקל זאָל בלייבן לעבן!

צעשיע איז אַ בלאָנדע. זי רעדט פּויליש, ווי מען רעדט אַ מוטערשפּראַך. דער קאָפּ אַרבעט ביי איר גוט. זי קאָן זיך אַן עצה געבן אין אַ נויט. האָט זי באַשלאָסן: יורעק מוז לעבן! צוליב דעם מוז זי אַרויס פון דער געטאָ!

האָט זי פאַרלאַנגט פון דער פאַמיליע מען זאָל פאַר איר „צונויפנעמען" טויזנט זלאָטעס (דעמאָלט איז עס געווען מער־ווייניק אַ סומע). מאַרעק האָט געזען, אַז זי איז גערעכט, אָבער שיידן זיך מיט פרוי און קינד האָט ער ניט געוואָלט. האָט ער געהאָלפן קריגן די טויזנט זלאָטעס, אָבער אַליין האָט ער איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן בשעת צעשיע מיטן

יורעקן, וועלכער איז דעמאָלט אַלט געווען אַנדערהאַלבן יאָר, זיינען אַוועק צום טויער, וואָס האָט געפירט אויף דער „אַרישער" זייט.

אַזוי האָבן זיי זיך צעשיידט. געווען איז עס אין אויגוסט 1942.

●

לאָמיר נאָכגיין צעשיען.

ביים טויער האָט זי 300 זלאָטעס אָפּגעגעבן אַ וועכטער, ער זאָל זי דורכלאָזן. און אַזוי איז זי אַרויס, מיט אַלץ וואָס זי האָט געקאָנט אָנטאָן אויף זיך, מיט פּעקלעך, מיט יורעקן אויפן האַנט, מיט 700 זלאָטעס אין קעשענע.

אָבער ניט אויף לאַנג. ווי נאָר זי איז אַריבער אויף דער אַנדערער זייט, איז זי באַפאַלן געוואָרן פון צוויי באַנדיטן.

— מיר ווייסן ווער דו ביסט! דו קומסט פון דער געטאָ! רעד אונדז ניט איין, אַז דו ביסט אַ פּוילישע! גיב אַוועק אַלץ וואָס דו האָסט, אַניט פירן מיר דיך צו דער געשטאַפּאָ!

אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין צעשיע געשטאַנען מיט יורעקן אויפן האַנט, אָן די פּעקלעך, אָן דעם מאַנטל, אָן די 700 זלאָטעס...

וואוהין גייט מען איצט?

צעשיע האָט פאַר דער מלחמה געלערנט אין אַ הויך־שול און איז געווען באַקאַנט מיט אַ פּראָגרעסיווער לערערין. האָט זי באַשלאָסן גיין צו איר.

די לערערין האָט זי דערקענט. אָבער טאָן פאַר איר קאָן זי ווייניק. זי האָט שוין ביי זיך אַ פּאָר אידן. ווי קאָן זי נאָך אַריינגעמען אַ פרוי מיט אַ קינד? דאָס וועט ווערן פאַרדעכטיק, אַלעמענס לעבן וועט זיין אין געפאַר.

ניין, זי קען צעשיען מיטן קינד ניט אַריינגעמען, אָבער עפּעס טאָן דאַרף מען.

אין עטלעכע טעג אַרום איז צעשיע אַוועק אַרבעטן, ווי אַ דינסט, ערגעץ ווייט אויסערן שטאָט, ביי אַ פּוילישער פאַמיליע. יורעקן האָט מען אַוועקגעגעבן ערגעץ אין אַן אַנשטאַלט און צעשיע האָט פון אירע „פאַר־דינסטן" געדאַרפט צאָלן טויזנט זלאָטעס אַ חודש פאַר אויסהאַלטן אים. זען זיך מיט אים האָט זי ניט געטאָרט.

דערווייל איז זי געוואָרן קראַנק. דאָס וואָס זי האָט מיטאַמאָל גע־דאַרפט אויפהערן שפּייזן דאָס קינד, געבן אים זויגן, האָט זיך אָפּגערופן אויף איר. און דאָ איז זי אַ דינסט ערגעץ אין אַ פאַמיליע, וואָס טאָר

קיין זאַך ניט וויסן. און דאָ האָט זי ניט קיין געלט איינצוצאָלן פאַר יורעקן. וואָס צו פאַרקויפן האָט זי ניט. זי איז אין די קעלטן אַרומ־געגאַנגען אין אַ קורץ יאַקל, וואָס מען האָט איר געשענקט.

אין מויל האָט זי געהאַט אַ פּאָר גאָלדענע ציין, האָט זי באַשלאָסן אַרויסצורייסן זיי און פאַרקויפן, כּדי צו באַצאָלן פאַר יורעקן.

די פּוילישע דענטיסטקע האָט ניט געוואָלט די ציין אַרויסרייסן. איר אַרבעט איז אַריינצושטעלן ציין, האָט זי געזאָגט, ניט אַרויסצורייסן! און וואָס הייסט, מען רייסט אַרויס ציין? ווי קאָן זיך עס אַ מענטש ניט אַן עצה געבן? האָסט ניט קיין אייגענע, קיין פריינט?

ניט נאָר האָט צעשיע געדאַרפט אויספירן מען זאָל איר אַרויסרייסן די ציין — זי האָט געדאַרפט מאַנעווורירן אַזוי, עס זאָל אויף איר קיין חשד ניט פאַלן...

געמיינט האָט זי, אַז זי וועט קריגן פאַר די ציין מי יודע וויפיל. אינ־גאַנצן האָט זי אָבער געקראָגן 420 זלאָטעס, אַפילו ניט פאַר אַ האַלבן חודש פאַר יורעקן... און באַלד איז זי געשטאַנען פאַר אַ לאַגע, אַז זי האָט אים געדאַרפט אַרויסנעמען. וואָס־זשע זאָל זי טאָן, ווי אַזוי וועט זי אָנהאַלטן איר דינסט־שטעלע? פון וואָס וועלן זיי ביידע לעבן?

זי האָט געהאַט באַשלאָסן אונטערצוּוואַרפן דאָס קינד ביי אַ קלויסטער, אָדער אין אַנדער אינסטיטוציע. דערווייַלע האָט זי אָבער געזוכט מיטלען. האָט זיך אונטערגערוקט אַ „גליק": מיט דער הילף פון דער לערערין האָט צעשיע געקראָגן אַ דינסט־שטעלע אין וואַרשע, אין אַ הויז, וואו מען האָט איר דערלויבט צו האַלטן דאָס קינד מיט זיך, אין אַ ספּעציעלן צימערל, וואָס זי האָט געקראָגן.

אַן אמת, אומבאַשרייבלעך גליק איז דאָס געווען! זי האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף אַ גרויס הויז, אַ פאַמיליע מיט צוויי קינדער, מיט אַן אַלטן טאַטן. זי האָט געדאַרפט וואַשן פּאָדלאָגעס פון אַכט צימערן, ראַמען, טראָגן קוילן פון קעלער ביז אויפן פערטן שטאָק. אָבער זי האָט דאָס קינד מיט זיך! קאָן דען זיין אַ גרעסער גליק!

און יורעקל איז געווען אויפן זיבעטן הימל. ער פלעגט זיצן ביי דער מאַמען אויפן שויס בשעת זי פלעגט שיילן קאַרטאָפל, און קיינער איז צו אים ניט געווען גלייך. ווען עמעצער פלעגט פאַרבייגיין, פלעגט ער אָנווייזן אויף דער מאַמען און אַרויסרעדן מיט אַ טאָן פון אַ זיגער: „מאַמע! מאַמע!" ס'הייסט, ער האָט די מאַמע מיט זיך!

און אָט אַזוי, בשעת צעשיע האָט „פאַרבראַכט" ביי זיך אין צימערל,

האָט מען געלאָזט וויסן, אַז די געטאָ ברענט. און אין געטאָ האָט זי דאָך געלאָזט מאַרעקן...

געווען איז עס אַפּריל 1943, ווען דער אויפשטאַנד האָט שוין גע־פּלאַקערט אַ סך טעג.

— איך וועל דיר זאָגן, וואָס זיי האָבן געטראַכט, — האָט זיך צעשיע אָפּגערופן דעמאָלט, ווען מיר זיינען געשטאַנען ביים ברעג פון דער ווייסל און ווען מאַרעק האָט געפרעגט זיין פראַגע.

די פּאָליאַקן בכלל האָבן געהאַט אַ שוואַכן באַגריף וואָס אין געטאָ האָט זיך געטאָן. זי אַליין האָט זיך מיט אַלע חושים צוגעהערט צו אַלע קלאַנגען, אָבער וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן האָט זי ניט געוואוסט, כאָטש קומענדיק אַליין ניט לאַנג צוריק פון געטאָ, האָט זי יאָ געהאַט אַ באַגריף.

מיר האָבן געקוקט ווי די זון גייט אונטער אויף דער וואַרשעווער זייט פון ווייסל און צעשיע האָט דערציילט:

— איך בין געזעסן ביי מיר אין צימערל, געטראַכט וועגן דער געטאָ, און זיך געזאָגט: וואָס וואָלט מיר געפעלט, ווען מאַרעק איז דאָ מיט מיר? און אַלע מאָל האָב איך געקוקט אויף דער טיר — אפשר קומט אריין מאַרעק?

אריינגעקומען איז די באַלעבאָסטע.

די פאַמיליע, וואו צעשיע האָט „געדינט”, איז געווען אַ קאָנסערוואַ־טיווע. דער אַלטער פאָטער האָט איינמאָל פּעסט דערקלערט, אין צעשיעס אַנוועזנהייט, אַז ער וועט קיין אידן ניט אריינגעמען. דער סוף איז געווען, אַז די נאַצים האָבן אים אַרעסטירט און מער האָט מען פון אים ניט געהערט...

די באַלעבאָסטע איז אריין און זיך צערעדט וועגן דעם, וואָס די געטאָ ברענט. דערווײַלע האָט זי באַמערקט, אַז צעשיע קוקט אַלע ווײַלע אויף דער טיר. רופט זי זיך אָפּ, די באַלעבאָסטע:

— וואָס וואָלט געווען ווען אַ איד קומט איצט אריין? וואָלט מען אים געדאַרפט אריינלאָזן? עס איז דאָך אַ לעבנס־געפאַר! אָבער ווי אַזוי טרייבט מען אוועק אַ מענטשן צום טויט?

אַזוי האָט זיך די באַלעבאָסטע מיישב געווען מיט איר „פּוילישער” דינסט. און צעשיע האָט ערשט געקוקט אויף דער טיר און געטראַכט וועגן מאַרעקן, ווען זי האָט געלאָזן אין געטאָ, און וועגן דער גאַנצער משפחה.

וואָס האָט זיך אין געטאָ געטאָן? וואָס האָט מיט מאַרעקן פּאַסירט?

●

די געטאָ האָט געברענט און מאַרעק ביטער, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע, האָט געזוכט אַן אָרט ווי צו שיצן זיך פון די דייטשן.

פיל פון די קעמפער זיינען אומגעקומען אין די שלאַכטן, אָדער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן. אַנדערע איז געלונגען דורכ־צוקריכן דורך די רערן פון דער קאַנאַליזאַציע (סיוערס) אויף דער „אַרי־שער" זייט. די מייסטע פאַרבליבענע האָבן געזוכט שוץ אין בונקערס, אין היילן אונטער די הייזער. מאַרעק ביטער, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע, האָט זיך געפונען אין אַ בונקער אונטערן הויז אויף סמאָטשע נומער 2. זייער פּלאַן איז געווען, אַז ווען דאָס הויז וועט זיך אָנצינדן און וועט איינפאַלן איבער זיי, וועלן די דייטשן ניט קאָנען צוקומען צום בונקער.

אָבער אויף צו־להכעיס האָט דאָס הויז ניט געברענט. האָבן זיי באַ־שלאָסן אַליין אונטערצוצינדן דאָס הויז.

די אָפּעראַציע איז געלונגען. דאָס הויז האָט זיך פאַנאַנדערגעברענט און אָנגעהויבן קראַכן. אין בונקער איז מען שיער ניט דערשטיקט געוואָרן פון היץ. עס זיינען געווען אין בונקער עקספּערטן, וועלכע האָבן פריער אָנגענומען מיטלען קעגן היץ און רויך, אָבער עס איז פונדעסטוועגן געווען אַזוי היים, אַז מען האָט געקאָנט אומקומען.

סוף כל סוף האָט זיך אַלץ געגומען אָפּקילן און מען האָט זיך אָנ־געהויבן „איינאָרדענען". שפּייז האָט מען געהאַט. מען האָט געגראָבן „צימערן", געגראָבן טונעלן אויף אַרויסקומען אין אַנדערע גאַסן, ווען דאָס וועט נויטיק זיין.

איינמאָל דערהערן זיי — מען קלאַפּט!

דייטשן? די קלעפּ קומען אָבער ניט פון אויבן, נאָר ערגעץ פון אונטן, פון דער טיף.

אַ שטיק צייט האָבן די קלעפּ געדויערט און אַלעמאָל זיך דער־נעענטערט. יעדער אין בונקער איז געווען אָנגעצויגן, גרייט מיט געווער, אָדער מיט וואָס עס איז. די שוואַכערע האָט מען באַהאַלטן אין די וויטערדיקע „צימערן".

אַלץ נעענטער און נעענטער קומען די קלעפּ. אָט גראָבט מען שוין נאָר נאָענט. און אָט —

עס עפנט זיך אַ לאָך פון אונטן און אַ קאָפּ רוקט זיך אַרויס, אַ קאָפּ פון אַ אידן!

— ראַטעוועט! אין אונדזער בונקער ווערט מען דערשטיקט פון רויך, מען ווערט פאַרברענט!

מען האָט אָנגעהויבן אַרויסציען אידן פון דער לאָך אין דער ערד,

איינעם נאָך איינעם. אַרום דרייסיק אידן זיינען אַזוי אַרויסגעצויגן געוואָרן פון דעם טונעל, וואָס זיי האָבן אויסגעגראָבן.

יענעם בונקער האָט ניט „אָפּגעגליקט". עטלעכע צענדליק מענטשן זיינען אומגעקומען פון היץ און רויך.

אין דעם בונקער, וואו מאַרעק ביטער איז געווען, איז געוואָרן ענג, דערשטיקט צו ווען. אָבער מען האָט „געלעבט" אַזוי אונטער דער ערד און געוואַרט. אויף וואָס — האָט קיינער ניט געוואוסט. דער עיקר — די דייטשן זאָלן ניט דערשמעקן, אַז דאָ געפינען זיך נאָענט פון אַכציק אידן.

איינגיכן האָט מען אָבער דערהערט נייע קלעפּ — פון אויבן...

פּאָר אַלעמען איז באַלד קלאָר געוואָרן ווער עס גראָבט אַהער. אַלץ נעענטער און נעענטער זיינען געקומען די קלעפּ, ביז —

עס האָט מיטאַמאָל געגעבן אַ קראַך און אַ פרוי האָט היסטעריש אויסגעשריען:

— גאַ—אַ—ז!

אין בונקער האָט מען אָנגעהויבן אַנטלויפן פון דעם גאַז, וואָס די דייטשן האָבן אַריינגעלאָזן. דורך די צוגעגרייטע טונעלן (און די געטאָ איז אַ לאַנגע צייט פריער שוין געווען פול מיט טונעלן, דורך וועלכע מען פלעגט גיין פון איין גאַס אין דער אַנדערער) איז מען אַנטלאָפן אין אַ קעלער אויף נאָוואָליפּיע-גאַס. אָבער דער קעלער איז שוין געווען אַנטדעקט פון די דייטשן. באַלד זיינען אַלע, וועלכע זיינען לעבן-געבליבן נאָכן גאַז-אויפריים, געווען אַרומגערינגלט.

יעדערער איז געווען זייער לייכט אָנגעטאָן, צוליב דער גרויסער היץ אין בונקער. מען איז געווען אויסגעשמירט אין זאַמד און סאַזשע. אין דעם ליכט פון טאָג האָבן די אידן ערשט דערזען, ווי זיי קוקן אויס...

די דייטשן האָבן זיך אַמוזירט. נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך גוט אָנגעלאַכט, האָבן זיי דערלויבט ביטערן און נאָך איינעם צו גיין צוריק אין בונקער און ברענגען קליידער. אָבער וויפיל קליידער האָבן צוויי מענטשן געקאָנט טראָגן? קיין צייט צוצוקלייבן קליידער האָבן די דייטשן ניט געגעבן. קאָן מען זיך פאָרשטעלן (ניין, מען קאָן זיך ניט פאָרשטעלן) ווי די אַרעסטירטע מחנה אידן האָט אויסגעזען נאָכדעם ווי מ'האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך וואָס עס איז, צי ס'האָט געפּאַסט, צי ניט.

די דייטשן האָבן זיך אַמוזירט...

מען האָט די אידן אוועקגעפירט אין אַ זאַמל־פּלאַץ און פון דאָרט — קיין מאַידאַנעק.

●

איך האָב שוין דערציילט, אַז איידער איך בין אוועק פון פוילן, בין איך געפאָרן מיט מארעק און צעשיע ביטער קיין מאַידאַנעק. זיינען מיר געזעסן אין וואַגאָן, ניט אָנגעצונדן קיין ליכט ביי אונדז אין קופּע, און געהערט די געשיכטע פון מארעק ביטערס אַמאָליקער רייזע קיין מאַידאַנעק.

מיר זיינען געזעסן אין וואַגאָן און געפאָרן אויפן זעלביקן וועג, אויף וועלכן מארעק ביטער איז אין אַפּריל 1943 געפאָרן קיין מאַידאַנעק, און מיר האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד.

הונדערט מענטשן זיינען זיי אַריינגעשפּאַרט געוואָרן אין אַ פראַכט־וואַגאָן. מיט קלעפּ האָט מען אַריינגעקוועטשט אין וואַגאָן הונדערט מענער, פרויען און קינדער. דער דיל איז געווען באַדעקט מיט וואַפּנע (לאַים), און באַלד האָט יעדערן אָנגעהויבן ברענען אַ דאָרשט, משוגע צו ווערן.

— וואַסער! וואַסער! — האָבן זיך געטראָגן געשרייען. ביי אַ סטאַנציע האָבן זיך די געשרייען געטראָגן ביזן הימל. — וואַסער!

אין געוויסע ערטער האָבן פויערים איינגעשטעלט דאָס לעבן און צו־געטראָגן וואַסער. ווען איינער האָט זיך צוגעכאַפּט צום וואַסער, איז שווער געווען אים אָפּצורייסן.

מענטשן זיינען געפאַלן טויט און די לעבעדיקע, ריכטיקער — די האַלב־לעבעדיקע, זיינען אַזוי געפאָרן, ליגנדיק אויף זיי. און מען איז אויסגעגאַנגען פון דאָרשט. מען האָט געלעקט די ווענט פון וואַגאָן, געזוכט יעדן מין פייכטקייט, מען האָט אויסגעהויכט די נשמה פאַר דאָרשט.

ווען די באַן איז אָנגעקומען קיין לובלין זיינען פון די הונדערט מענטשן נאָר זעכציק געווען לעבעדיק, אָדער האַלב־לעבעדיק. מארעק ביטער צווישן זיי.

אונדזער באַן איז (אין סעפּטעמבער, 1946) אָנגעקומען קיין לובלין. פון לובלין זיינען מיר געפאָרן צו מאַידאַנעק.

— אָט אויף דעם וועג זיינען מיר געגאַנגען, — האָט מארעק ביטער אָנגעוויזן אויפן וועג, אויף וועלכן מיר זיינען געפאָרן. — טויזנטער און טויזנטער אידן זיינען דאָ געטריבן געוואָרן קיין מאַידאַנעק. פיל זיינען געפאַלן ביי די זייטן פון וועג.

די אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט. און געדאַכט האָט זיך, אַז ניט מיר פאָרן אין אַ מאַשין, נאָר מיר זיינען אַ טייל פון גרויסע מחנות אידן, וואָס ווערן געטריבן קיין מאַידאַנעק...

●

לאָמיר זען ווייטער, וואָס מיט מארעק ביטערן האָט זיך פאַרלאָפן. נאָך אַ שטיקל צייט אין דער אינקוויזיציע אין מאַידאַנעק, אין בלאָק

19, האָט מען אַ גרופּע פון 68 אידן־שקלאַפן אויסגעליען אויף אַרבעט אין אַן אַנדער לאַגער. מאַרעק ביטער איז געווען צווישן די 68.

חדשים זיינען אַוועק אין שקלאַפן־אַרבעט, ביז עס איז געקומען אָקטאָבער 1943. מיט אַ שטיקל צייט פריער איז פאָרגעקומען דער אויפשטאַנד אין טרעבלינקע, אין אַנדערע לאַגערן. פון בערלין איז געקומען אַ פאַראָרדענונג, מען זאָל מיטאַמאָל ליקווידירן אַלע אידן אין מאַידאַנעק און אַנדערע לאַגערן. די פאַראָרדענונג איז אויסגעפירט געוואָרן.

פון מאַידאַנעק איז געגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג אין לאַגער, וואו די 68 האָבן זיך געפונען, אַז מען זאָל זיי אויך אומברענגען. אָבער צוליב אַ ריי אומשטענדן, וואָס לאָזן זיך ניט דערקלערן, אָדער צוליב דער אַמביציע פון דעם אויפזעער איבער די 68 (פיל דייטשע אויפזעער האָבן געוואָלט אָנהאַלטן זייערע אַמטן, כדי ניט געשיקט צו ווערן צום פראָנט), האָט מען ביטערן מיט זיינע חברים ניט דערשאָסן, נאָר געשיקט אויף אַ גערינג־פּראָיעקט, וואו מען האָט געמאַכט טיילן פון עראָפּלאַנען.

מען האָט די 68 געהאַלטן אין שטאַלן, ווי בהמות. דאָס „לעבן" איז זיי געוואָרן אַזוי נמאס, אַז אַ גרופּע, מיט ביטערן צווישן זיי, האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן. אויב מען וועט שיסן, איז גוט, וועט מען פּטור ווערן פון די צרות.

עטלעכע מאָל האָט מען זיך אַזוי געגרייט און עטלעכע מאָל האָט די זאַך געפּלאַצט. ביז איינמאָל, באַגינען, אין אַ פראָסט, אין יאַנואַר 1944, זיינען 26 שקלאַפן אַרויס פון די שטאַלן, אַנגעטאָן נאָר אין העמדלעך, אין הויזן, מיט באָרוועסע פיס אין הילצערנע שיך. פאַרן לעבן האָבן זיי זיך ניט געקימערט.

מען האָט זיי אָבער ניט אַנטדעקט, ניט נאָכגעשאָסן. די 26 זיינען דערלאָפן אין וואַלד אַריין און דאָרט האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף פּוילישע פּאַרטיזאַנען.

די פּאַרטיזאַנען האָבן געהערט צו דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", צום לאַנדאָנער „אונטערגרונט". זיי האָבן די אידן אויפגענומען, אָבער געהאַלטן באַזונדער, אין אַ הייל, שיער ניט אונטער די זעלביקע באַדינגונגען, אונטער וועלכע מען האָט זיי געהאַלטן ביי די נאַציס.

איינמאָל האָט זיך מאַרעק ביטער צונויפגערעדט מיטן פירער פון די פּאַרטיזאַנען. יענער האָט אים דערציילט, אַז זיי שלאָגן זיך סיי קעגן די דייטשן, סיי קעגן די רוסן. ביטער האָט זיך אָנגעהויבן היטן.

איינמאָל, באַגינען — דעם 2טן אַפּריל, 1944, איז דאָס געווען — האָט מאַרעק ביטער, אין שלאָף, דערהערט אַ שאָס. ער איז באַלד אויפ־

געשפּרונגען, מיטגעשלעפּט מיט זיך נאָך איינעם, און באַרוועסערהייט אַרויסגעלאָפן אין וואַלד. ס'איז נאָך געלעגן אַ היפּשער שניי, כאָטש ס'איז שוין געווען אָנהויב אַפּריל, אָבער ביטער און זיין חבר האָבן אויף דעם ניט געקוקט. ווען זיי זיינען אַפּגעלאָפן אַ געוויסן שטח, האָבן זיי דערהערט ווי מען שיסט.

24 שעה האָבן זיי אַזוי געוואַרט, ביז דעם אַנדערן באַגינען. פאַר־מעלעך, פאַרזיכטיק, האָבן זיי זיך צוגעשאַרט צום אָרט, וואו זייער הייל איז געווען. דאָרט האָבן זיי דערזען: אַלע אידן, וואָס האָבן זיך מיט זיי צוזאַמען געראַטעוועט פון די נאַציס, ליגן דערשאָסענע.

(עס איז דעמאָלט אָנגעקומען אַ באַפעל פון לאָנדאָן מען זאָל דער־שיסן אַלע אידן אין די וועלדער, האָט מיר מאַרעק ביטער געזאָגט. די מערהייט אידן, וואָס האָבן זיך געפונען ביי דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", ביים לאָנדאָנער „אונטערגרונט", זיינען דעמאָלט אומגעקומען — אינגאַנצן אַ פּאָר חדשים איידער די רויטע אַרמיי האָט די געגנט באַפרייט. אַפּנים דערפאַר, ווייל די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנעענטערט, איז געקומען דער אָרדער פון לאָנדאָן. ס'איז געווען אַ שאָד, די אידן זאָלן זיך ראַטעווען... די אידישע פּאַרטיזאַנען וואָלטן אויך געשטערט די פּלענער צו „שלאָגן" זיך קעגן דער רויטער אַרמיי.)

מאַרעק ביטער און זיין חבר זיינען געשטאַנען און האָבן באַטראַכט דאָס בילד. מיטאַמאָל האָבן זיי דערהערט, ווי עס באַוועגן זיך צווייגן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן. אָבער באַלד האָבן זיי דערזען איינעם פון די אידן. ער האָט זיי דערציילט ווי מען האָט זיי אויסגעשטעלט און אויסגעשאָסן אויף זיי. ער איז געפאַלן, אָבער האָט געפילט, אַז ער איז ניט געטראָפן געוואָרן. אַ שטיק צייט איז ער געלעגן. ווען די מערדער זיינען אַוועק, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַנטלאָפן. איצט אַז ער האָט דערהערט, אַז עמעצער איז דאָ, האָט ער זיך צוגעקוקט און דערזען ביטערן און זיין חבר. איז ער אויך דאָ.

די דריי האָבן זיך קודם גוט אויסגעוויינט. דערנאָך האָבן זיי, נאַקעטע און אָפּגעשוואַכטע, גענומען גראָבן די פאַרפראָרענע ערד, אויס־גראָבן אַ ברודער־קבר. און ווידער זיך גוט אויסגעוויינט...

דערנאָך זיינען זיי אַוועק אַהין, וואו עס איז געווייִנלעך געלעגן די שפּייז, און האָבן געטראָפן אַרבעס, רויע אַרבעס. מיט דעם פאַרמעגן זיינען זיי אַוועק ווייטער אין וואַלד אַריין און „געלעבט" פון רויע אַרבעס מיט שניי. באַשלאָסן האָבן זיי, אַז ווען מען וועט אויף זיי אָנפאַלן, זאָלן זיי ניט אַנטלויפן. צו וואָס? וואָס טויג זיי דאָס „לעבן"?

א וואָך צייט איז אַזוי אַוועק. פּלוצים — עס רודערט זיך צווישן די צווייגן, עס באַווייזן זיך רערן פון ביקסן, מען שיסט!

די דריי זיינען פונדעסטוועגן אַנטלאָפן. טיפער און טיפער אין וואַלד אַריין! אָבער איצט האָבן זיי שוין ניט געהאַט — ניט קיין אַרבעס און ניט קיין שניי. עס האָט שוין אָנגעהויבן שמעקן מיט פרילינג, מיט לעבן...

האָבן זיי זיך אַוועקגעלייגט אין וואַלד — שטאַרבן.

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר טעג און זיי האָבן שוין ניט געפילט קיין הונגער. אַלערליי בילדער, האַלוצינאַציעס זיינען אויפגעשוואומען פאַר זיי.

אויפן פערטן טאָג, ווען עס איז אויפגעגאַנגען די פרילינג־זון, די פייגל האָבן זיך צעזונגען, האָט ביטער זיך אויפגעכאַפּט פון הינערפּלעט און אַ זאָג געטאָן: ניין, ניט אַזוי שטאַרבן! ניט שטאַרבן פאַר די הינט! אין געדאַנק האָט ביטער נאָך אַלץ געטראָגן אין זיך דאָס בילד פון זיין פרוי צעשיע און זיין זונעלע יורעק. אפשר וועט ער זיי נאָך זען! ניין, מען דאַרף אַרויס פון וואַלד. פאַר וועמען האָבן מיר מורא? פאַרן טויט?

און אַזוי האָבן זיך די האַלב־טויטע, האַלב־נאַקעטע, באַוואַקסענע, פאַרשמוציקטע דריי סקעלעטן, גענומען אויפשטעלן. און אַזוי, אָנגעשפּאַרט איינער אויפן אַנדערן, זיינען זיי אַרויס פון וואַלד.

●

עס איז שוין געווען אַפּריל 1944, אַ יאָר נאָכדעם ווי מען האָט זיי פאַרשיקט קיין מאַידאַנעק. אויף זיך האָבן זיי נאָך געהאַט רעשטלעך פון די שקלאַפן־קליידער פון מאַידאַנעק און דעם אַנדערן שקלאַפן־לאַגער, וואו מען האָט זיי געהאַלטן, ווי די בהמות. זינט זיי זיינען אַנטלאָפן פון די פּוילישע „אונטערגרונט"־לייט, האָבן זיי זיך ניט געוואַשן. פון שערן זיך און ראַזירן זיך איז געווען אָפּגערעדט. און דאָ זיינען זיי שוין געווען אויפן שוועל פון הונגער־טויט.

פון וואַלד זיינען אַרויס — דריי באַוואַקסענע מתים. איינער האָט אונטערגעהאַלטן דעם אַנדערן. און אַזוי זיינען זיי אַוועק אין דער ריכטונג פון פּויערשע הייזער.

דער ערשטער פּויער, וואָס האָט זיי דערזען, האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט זיך איבערגעצלמט, אַנטלאָפן אין הויז אַריין און פאַרהאַקט טיר און לאָדנס. אומגעפער דאָס איינענע האָט פּאַסירט מיט נאָך פּויערים. ביז — די דריי וואַלד־מענטשן האָבן אָנגעקלאַפּט אין אַ פּויערשער כאַטע און דער באַלעבאָס האָט זיך מיט זיי צערעדט. זיי האָבן אים אָפן געזאָגט

ווער זיי זיינען, פון וואנען זיי קומען. דער פויער האָט זיי מיטגעפילט, אָבער האָט דערקלערט, אַז ער קאָן זיי ניט אריינלאָזן צו זיך. די דייטשן וועלן אונטערצינדן זיין באַלעבאַטישקייט און שיסן אים מיט זיין פאַמיליע, ווי זיי האָבן עס שוין געטאָן מיט אַנדערע.

„איר מוזט אוועקגיין פון דאנען", האָט ער געזאָגט צו די דריי לעבעדיקע מתים, וואָס זיינען קוים געשטאַנען אויף די פיס.

דאָ האָט זיך אריינגעמישט דעם פויערס אַ יונגע טאָכטער.

„טאַטע, האָסט גאָרניט מורא פאַר גאָט?", האָט זי געזאָגט. „דו וועסט זיין שולדיק אין זייער טויט."

דאָס האָט געווירקט. דער פויער און זיין טאָכטער האָבן די דריי אידן אריינגעפירט אין שייער. די אידן זיינען באַלד אַנידערגעפאַלן, ווי געהרגעטע, און דער פויער מיט זיין טאָכטער האָבן גענומען ארומגיין ארום זיי. צוערשט האָט מען זיי געגעבן צו עטלעכע טראָפּן מילך, דערנאָך — צו קליינע ביסעלעך קאַשע מיט מילך. מען האָט איינגעוואוינט זייערע מאָגנס צו פאַרנעמען שפּייז און ביסלעכווייז געבראַכט צו זיך.

ווען עס זיינען אריבער דריי טעג איז דער פויער, ביינאַכט, אריינגעקומען צו זיי און געזאָגט:

„איר מוזט אוועקגיין פון דאנען. איך האָב מורא פאַר די שכנים. עמעצער קאָן זיך דערוויסן און איבערגעבן די נאַציס. איך קאָן אייך דאָ מער ניט האַלטן. איך קאָן אייך נאָר געבן אַן עצה."

די עצה איז געווען, אַז זיי זאָלן גיין אויף אַ געוויסן וועג ביז זיי וועלן אָנטרעפן אַ וואַלד. די בלאָטעס אין דעם וואַלד זיינען אַזעלכע טיפע, אַז קיינער קאָן אַהין ניט צוקומען. דאָרטן וועלן זיי זיין זיכער. און ער וועט פּרובירן עפּעס טאָן פאַר זיי.

מאַרעק ביטער און זיינע צוויי חברים האָבן קיין ברירה ניט געהאַט און אָנגענומען די עצה.

זיי זיינען געגאַנגען אויפן וועג, וואָס דער פויער האָט זיי אָפּגעמאָלן, און זיינען טאַקע צוגעקומען צו אַ וואַלד, וואו די בלאָטעס זיינען געווען ממש ביזן האַלדז. כדי אריינצוגיין אין וואַלד אריין האָבן זיי זיך געמוזט אָנהענגען אויף די צווייגן. ווי די מאַלפּעס זיינען זיי געקראָכן פון בוים צו בוים. נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין געווען אַ שטיק אין וואַלד, האָבן זיי גענומען ברעכן צווייגן און וואַרפן אין בלאָטע אריין. בערג מיט צווייגן האָבן זיי אַזוי אָנגעוואָרפן, ביז דער באָדן איז געוואָרן האַרט.

אָבער דאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן פאַר זיי אַזעלכע יסורים, אַז

זיי האָבן אָפט חרטה געהאַט, פאַרוואָס זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון הונגער־טויט דורך אַרויסגיין פון דעם פריערדיקן וואַלד.

מיט עסן איז געווען שלעכט געגוג, אָבער דאָס איז ניט געווען דאָס ערגסטע. ביינאַכט פלעגן זיי זיך אַרויסלאָזן צו די פויערים און קריגן וואָס עס איז. יענער פויער האָט זיי באַגעגנט און האָט זיך מיט זיי אָפּ־געשטימט, אַז אויף א געוויסן אָרט וועלן זיי געפינען א זאַק קאַרטאָפל, אויך שוועבעלעך. און אַזוי איז געווען. מיט א פּאָר געבראָטענע קאַר־טאָפל, און אַמאָל א שטיקל ברויט, זיינען זיי ווי עס איז דורכגעקומען. דאָס ערגסטע איז געווען — פּרעהס דריטע מכה... פון ניט וואַשן זיך און פון ניט האָבן קיין וועש, האָבן זיך די אומפליוט אַזוי איינגעפרעסן אין זייערע לייבער, אַז עס איז ניט מעגלעך געווען פון זיי אויסצוהאַלטן. יעדערער פון די דריי איז געווען פול מיט געשווירן.

ווען מאַרעק ביטער האָט מיר דערציילט איינצלהייטן פון די דאָזיקע שרעקלעכע טעג אין וואַלד, האָט ער געזאָגט:

„איך פלעג קוקן אויף די צווייגן און עס פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז זיי רעדן צו מיר: נאַר איינער, וואָס מאַטערסטו זיך! הענג זיך אויף אויף איינעם פון אונדז!”

ווען ניט דער געדאַנק, אַז זיין פרוי און אינגעלע לעבן נאָך ערגעץ־וואו און אַז ווען עס איז וועט ער זיך מיט זיי טרעפן, וואָלט ער זיך אפשר טאַקע אויפגעהאַנגען. און מעגלעך, אַז אויך דער געדאַנק וועגן דער פאַמיליע וואָלט ניט געווען גענוג, ווען די באַפרייאונג וואָלט זיך צופיל פאַרצויגן.

אָבער די באַפרייאונג איז גיך געקומען. איינמאָל, אין יולי (1944), ווען איינער פון זיי איז אַרוים פון וואַלד זוכן שפּייז, האָט ער זיך דער־וואוסט, אַז די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען די געגנט. ווי א משוגענער איז ער געלאָפן צוריק אין וואַלד אַריין, מיט מוראַדיקע געשרייען, וועלכע האָבן לכתחילה אָנגעוואָרפן א פּחד אויף זיינע צוויי חברים. דערנאָך זיינען זיי אַליין שיער ניט משוגע געוואָרן פאַר פרייד.

איצט האָבן די דריי ווידער אַרויסגעמאַרשירט פון וואַלד. זיי זיינען ניט געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט ווי מיט דריי חדשים פריער, ווען זיי זיינען פון וואַלד אַרוים, אָבער דער אויסזען זייערער איז געווען נאָך שוידער־לעכער ווי דעמאָלט: שמוציק, באַוואָקסן, פול מיט געשווירן, כמעט איינ־גאַנצן נאַקעט. צוליב פּרעהס מכה האָבן זיי געמוזט אַוועקוואַרפן זייערע שמאַטע־קליידער. עס איז געווען אינמיטן זומער. זייער „אָנטאָן” איז באַשטאַנען פון א שטיק לייוונט אַרום די לענדן.

אַט אַזוי האָבן די דריי אַרויסגעמאַרשירט פון וואַלד און דערגאַנגען ביז דעם ערשטן גרעסערן ישוב — זאַמאָשטש.

ווי נאָר זיי זיינען אַרויף אויף דער ערשטער גאַס, האָט מען פון די פענצטער אָנגעהויבן קוקן אויף זיי, ווי אויף אַ בייז וואונדער.

באַלד האָט מען אָנגעהויבן וואַרפן אויף זיי — אַלטע הויזן, רעקלעך, ברויט, זייף. דאָס ערשטע, וואָס די דריי האָבן געטאָן, איז געווען אַוועקצוגיין צום טייך זיך אַרומוואַשן. זיי האָבן זיך שיער די הויט נישט אָפּגעריבן. דערנאָך האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט אין פוילישע הייזער.

דערווייַלע האָט מאַרעק ביטער געהערט, אַז אין לובלין איז געשאַפן געוואָרן אַ ציַיטווייַליקע רעגירונג מיט אײַנעם ביערוט בראַש. אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, פאַר דער מלחמה, איז ער געווען באַפרייַנדעט מיט אַ טוער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ נאָמען. איז דאָס דער ביערוט?

מאַרעק ביטער איז אַוועק קיין לובלין. אָנגעטאָן אין די לאַטעס און שמאַטעס, וואָס מען האָט אים צוגעוואָרפן אין זאַמאָשטש, איז ער צוגעקומען צום הויז, וואו די רעגירונג האָט זיך געפונען. די וועכטער האָבן אים ניט אַריינגעלאָזט. האָט ער אָנגעשריבן אַ צעטעלע און געבעטן מען זאָל עס איבערשיקן צום הויפּט פון דער רעגירונג, צו ביערוטן. ס'איז זייער וויכטיק!

אין אַ קורצער ווייַלע אַרום איז שוין דער „טרעמפּ" פון די וועלדער, דער שקלאַף פון מאַידאַנעק, וועלכער האָט זיך קוים געראַטעוועט פון דעם לאַנדאָנער „אונטערגרונט", אויפגענומען געוואָרן פון דעם הויפּט פון דער נייער פוילישער רעגירונג...

עס איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער אידישער קאָמיטעט און מאַרעק ביטער איז געוואָרן איינער פון זיינע הויפּט־פירער. קיין לובלין זיינען געקומען הייפעלעך אידן — פון די לאַגערן, וועלדער, פון אַלערליי באַהעלטעניש. די רויטע אַרמיי האָט פון מאַידאַנעק אַרויסגעראַטעוועט אַכצן אידישע קינדער און מען האָט געשאַפן די ערשטע אידישע קינדער־שול. פאַר דעם נעכטיקן שקלאַף פון די וועלדער, מאַרעק ביטער, האָבן זיך אָנגעהויבן טעג און נעכט פון ענערגישער אַרבעט. ער האָט געזען מען זאָל אָנהויבן זאַמלען די ערשטע דאָקומענטן און עס איז געלייגט געוואָרן דער ווינקלשטיין פאַר דער אידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פוילן. אָבער אין דעם גאַנצן קאָך פון אַרבעט האָט אים ניט געלאָזט רוען דער געדאַנק וועגן זיין פאַמיליע.

וואו איז צעשיע מיטן קינד? לעבן זיי?

עס איז אַוועק אַ חודש און נאָך אַ חודש — מען הערט גאָרניט. די

רויטע אַרמיי איז שוין אין פּראַגע, האָט שוין באַפרייט גרויסע טיילן פון פּוילן. אידן קומען פון פאַרשיידענע ערטער. יעדערער פרעגט זיך נאָך אויף אייגענע. זעלטן ווער עס קריגט אַן ענטפער, וואָס זאָל אים דער־פרייען. אַזוי מיט מאַרעק ביטערן. קיינער האָט גאָרניט געהערט.

איז די פרוי מיטן קינד אויף יענער זייט ווייסל, אין וואַרשע? אין אויגוסט (1944) איז געווען דער באָר־אויפשטאַנד און די דייטשן האָבן אַלע איינוואוינער אַרויסגעטריבן. הונדערטער טויזנטער האָבן זיי אויס־געהרגעט. די נייעס האָט געשאַפן אַ שווערע שטימונג, באַזונדערס ביי די, וואָס האָבן געהאַט אייגענע אויף דער „אַרישער" זייט אין וואַרשע. צווישן אַזעלכע איז געווען מאַרעק ביטער.

די האָפענונג, אַז די פרוי מיט קינד לעבן, איז ניט פאַרשוואונדן. אָבער וואו זיינען זיי, וואו?

עטלעכע חדשים זיינען אַזוי אַוועק. איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, קומט צו אַ חבר, לייגט אַרויף ביטערן די האַנט אויפן אַקסל און זאָגט:

„איך האָב פאַר דיר נייעס, מאַרעק, אָבער האַלט זיך רואיק."

מער האָט מען ניט געדאַרפט. וואָס פאַר אַ נייעס דאָס איז, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען. און פון בלייבן רואיק האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

„וואו זיינען זיי?"

●

ווייזט זיך אַרויס, אַז עמעצער האָט געהערט, אַז צעשיע און יורעקל זיינען אין קראָקע, צי לעבן קראָקע. גענוי ווייס מען ניט, אָבער באַלד דאַרף קומען קיין פּראַגע דער פאָרשטייער פון אידישן קאָמיטעט אין קראָקע און ער וועט שוין זאָגן.

מען האָט זיך קוים דערוואַרט ביז דער פאָרשטייער פון קראָקע איז געקומען. ערשט ער ווייס גאָרניט! ער האָט ניט געהערט פון אַזאַ, ווי צעשיע ביטער.

די אַנטוישונג איז געווען אַ מוראַדיקע. די שטימונג איז געוואָרן נאָך ערגער ווי פריער. אַזאַ פרייד געווען, אַזאַ דערוואַרטונג, און ווידער גאָרניט.

מיט שווערע הערצער איז מען געגאַנגען שלאָפן אין דעם אַלגעמיינעם נאַכטלעגער־הויז. דער פאָרשטייער פון קראָקע ליגט אויפן בעט און טראַכט. אַנדערע שלאָפן שוין. מיטאַמאָל שרייט ער אויס:

„איך האָב זיך דערמאָנט! איך האָב זיך דערמאָנט!"

יאָ, ער געדענקט. צו אים איז געקומען אַ יונגע פרוי, וואָס האָט

אויסגעקוקט פּונקט ווי מען האָט זי דאָ פאַר אים אָפּגעשילדערט, און איר פאַמיליע־נאָמען איז טאַקע געווען: ביטער. אַזוי דאַכט זיך אים. ניין, ער איז זיכער! עס איז ניט לאַנג צוריק געקומען צו אים אַזאַ יונגע פרוי בעטן אַרבעט.

מער ווייס ער ניט. ער ווייס נאָר, אַז אין קראַקער קאָמיטעט איז דאָ איר אַדרעס. אַזוי גלויבט ער.

איז שוין ווידער אַ פרייד! הייסט עס, אַז דער קלאַנג איז אַ ריכ־טיקער. אַלץ, וואָס מען דאַרף טאָן, איז — „צופאָרן" פון פּראַגע קיין קראָקע. ניט מער — אין יענער צייט איז עס געווען גאָר ניט פון די קלייניקייטן. די מלחמה איז נאָך געווען אין פולן ברען. די באַנען זיינען קוים געגאַנגען, און וויפיל באַנען עס זיינען געווען, האָט מען זיי געדאַרפט פאַר מיליטערישע צוועקן.

ווי עס איז, האָט זיך אָבער מאַרעק ביטער דערקליבן קיין קראָקע. דאָרט איז ער אַריין אין אידישן קאָמיטעט און זיך קוים דערוואָרט מען זאָל אים געבן דאָס קאַרטל, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן דער נאָמען פון זיין פרוי, דער אַדרעס און אַנדערע אינפאָרמאַציע, וואָס זי האָט אָנגעגעבן וועגן זיך.

אויפן קאַרטל האָט זי אָנגעגעבן, אַז דער מאַן — ער, הייסט עס — איז אומגעקומען אין דער וואַרשעווער געטאָ...

מיטן קאַרטל אין האַנט לאָזט ער זיך אַוועק צו איר. וואוינען וואוינט זי ניט אין קראָקע, נאָר ערגעץ אין אַ ישוב ניט ווייט פון שטאָט. קוים מיט צרות האָט זיך איינגעגעבן צו קריגן אַן אויטאָ.

ענדלעך! נאָך אַזוי פיל איבערלעבונגען זינט אויגוסט 1942, ווען צעשיע איז אַרויס מיטן קינד פון געטאָ, פאָרט ער זיי זען!

אָבער... ווער ווייס? עס איז אַוועק העכער צוויי יאָר. זי איז זיכער, אַז ער איז טויט... און זי אַליין? זי איז דאָך זיכער, אַז ער איז טויט...

אַלערליי געדאַנקען האָבן זיך אים געמישט אין קאָפּ בשעת ער איז געווען אויפן וועג צום אָנגעגעבענעם אַדרעס. ווען דער אויטאָ איז צו־געפאָרן, האָט מאַרעק ביטער געבעטן דעם שאָפער, ער זאָל אַריינגיין און זי אַרויסרופן...

און אָט איז זי שוין דרויסן. מאַרק ביטער קוקט פון אַ ווינקל אין אויטאָ. יאָ, ס'איז די זעלביקע צעשיע, וואָס איז אין אויגוסט 1942 אַרויס פון דער געטאָ... איז זי טאַקע די זעלביקע?

●

ניין, די זעלביקע איז זי, פאַרשטייט זיך, ניט געווען. צופיל וואַסערן,

צופיל טייכן טרערן און בלוט זיינען פאַרלאָפן זינט יענעם טאָג, ווען זי איז אַרויס פון דער געטאָ.

מיר האָבן, צום אָנהויב, געזען, וואָס עס האָט מיט איר פּאַסירט נאָכדעם, ווי זי איז פון געטאָ אַרויס, מיטן אַנדערהאַלבן־יאָריקן יורעקל אויפן האַנט. מיר האָבן געזען, ווי עס האָט איר געטראָפן אַ „גליק" — זי האָט געקראָגן אַ דינסט־שטעלע אין אַ פּוילישער פאַמיליע, און עס איז איר דערלויבט געוואָרן צו האָבן דאָס קינד ביי זיך. מיר האָבן אויך געזען איר האַלטונג בשעת די געטאָ האָט געברענט. זי האָט געקוקט אויף דער טיר פון איר דינסט־צימערל און געטראַכט: וואָס וואָלט מיר געאַרט, ווען מאַרעק קומט אַריין?...

עס איז געוואָרן אויס מיט דער געטאָ, אויס מיט די אידן, און צעשיע איז געווען זיכער, אַז מאַרעק, וועלכער איז געווען צווישן די קעמפער אין דער געטאָ, איז אומגעקומען. ניט איינמאָל האָט זי זיך באַוואַשן מיט טרערן, וואַשנדיק די פּאַדלאָגעס פון אַכט צימערן אין דער פּוילישער פאַמיליע, שלעפּנדיק קוילן פון קעלער, אַכטונג געבנדיק אויף די צוויי קינדער פון דער פאַמיליע און אויף איר איינגן קינד.

עס איז אַוועק דער זומער פון יאָר 1943, עס איז געקומען ווינטער און צעשיע איז נאָך אַלץ אויף איר דינסט־שטעלע. אין זומער 1944 האָט זיך דאָס „גליק" געענדיקט. די פּוילישע פאַמיליע האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן וואַרשע (די דייטשן האָבן אַרעסטירט איינעם פון דער פאַמיליע און ער איז שוין ניט געקומען צוריק). צעשיע איז ווידער געבליבן ווי אויפן וואַסער.

זי האָט זיך אָבער ווידער אַן עצה געגעבן. זי איז געוואָרן אַ שוועסטער אין אַ שפּיטאָל, און אויך מיט דער דערלויבעניש צו האָבן דאָס קינד ביי זיך.

ביז — עס איז געקומען דער באָר־אויפשטאַנד, אין אויגוסט, 1944. אין שפּיטאָל איז טאָג און נאַכט געווען אַרבעט... באַלד איז געקומען דער באַפעל: אַלע מוזן פאַרלאָזן די שטאָט. אַ פּאָר הונדערט טויזנט מענטשן, מייסטנס פּאָליאַקן, זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן (מען האַלט, אַז אין וואַרשע, אויף דער „אַרישער" זייט, זיינען צום אויפשטאַנד געווען אַרום צוואַנציק טויזנט אידן; אַלע זיינען זיי אומגעקומען, — טייל זיינען דערשאָסן געוואָרן פון באָר'ס לייט...).

פאַר די לעבן־געבליבענע הונדערטער טויזנטער פּאָליאַקן אין וואַרשע האָט זיך אָנגעהויבן אַ גלות. די וועגן פון וואַרשע זיינען פול געווען מיט מענטשן. אויף די גאַסן, אויף די וועגן, האָט זיך געוואַלגערט האָב און

גוטס. די דייטשן האָבן צוגענומען פון דאָס בעסטע און פון דעם וואָס עס איז געבליבן האָבן זיי געלאָזט די באַפעלערונג מיטנעמען וויפיל ניט איז מיט זיך. פיל האָבן אָבער געמוזט אויפן וועג אוועקוואַרפן זייערע זאַכן, ניט האָבנדיק קיין כוח עס צו טראָגן.

אַ סך טעג זיינען פאַר צעשיען מיטן קינד אוועק אויף די וועגן, אין דערפער. סוף כל סוף האָבן זיי זיך דערקליבן ביז קראָקע און דאָרט, ניט ווייט פון שטאָט, האָבן זיי זיך באַזעצט אין אַ צימערל.

עס איז אוועק אַ קורצע צייט און די רויטע אַרמיי איז אַריין. אידן האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען פון באַהעלטענישן, האָבן זיך אומגעקערט פון די לאַגערן. עס איז געשאַפן געוואָרן אין קראָקע אַ אידישער קאָמיטעט און צעשיע איז אַהין אוועק זוכן אַרבעט. דער מאַן, האָט זי געזאָגט, איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. זי איז אַליין מיט אַ קליין קינד אין אַ צימערל ביי אַ פּוילישער פאַמיליע ניט ווייט פון שטאָט.

קיין אַרבעט איז ניט געווען. צעשיע ביטער האָט געלאָזט איר אַדרעס און איז אוועק צוריק אין דעם צימערל. וואָכן זיינען אַריבער. מיטאַמאָל קומט אַריין אַ שאָפער און בעט איר אַרויסגיין מיט אים דרויסן. ער האָט איר עפּעס וואָס צו זאָגן.

„איך ווייס, וואָס איר האָט צו זאָגן”, האָט זי זיך באַלד אָנגעשטויסן, „מאַרעק לעבט...”

דרויסן האָט זי אים דערזען...

צונויפגעטראָפן זיך! נאָך אַזאַ צייט!...

„קאָן איך אַריינקומען צו דיר?”, האָט ער געפרעגט...

●

בשעת די ביטערס האָבן מיר דערציילט אַ טייל פון דער געשיכטע (איך האָב די געשיכטע געהערט פון אים און פון איר שטיקלעכווייז, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן), זיינען מיר געזעסן צוזאַמען און געגעסן וועטשערע — ער, זי און איך. ווען ער האָט דערמאָנט די פראַגע, וואָס ער האָט איר געפרעגט, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן דרויסן, דאָרט לעבן קראָקע, זיינען די אויגן ביי אים, ביי איר און ביי מיר געווען פייכט. צעשיע האָט שוין פיל מאָל געהערט פון אים, וואָס מיט אים האָט זיך פאַרלאָפן, און ער האָט שוין פיל מאָל געהערט, וואָס זי האָט געהאַט צו דערציילן. אָבער יעדעס מאָל, ווען די קאַפּיטלעך פון די יאָרן 1942—1944 זיינען אויפגעמישט געוואָרן, האָבן זיי ביידע אַ סך איבערגעלעבט.

ניט אַלע מאָל מישט מען אויף אַזעלכע קאַפּיטלעך. מייסטנס האַלט

מען זיי פֿארשלאָסן פֿאַר אַנדערע. עס מאַכן זיך אָבער מאָמענטן, ווען זיי עפענען זיך אויף, ווי פֿון זיך אַליין. אַזאַ מאָמענט איז געווען סוף אויגוסט 1946, ווען מיר דריי, צוזאַמען מיט יורעקלען (וועלכער איז שוין געווען קאַרגע זעקס יאָר אַלט) האָבן זיך געפֿונען אין פּראַגע, אויפֿן ברעג פֿון דער ווייסל, און געקוקט ווי די זון גייט אונטער אין פֿלאַמען אויף דער וואַרשעווער זייט.

אַן אַנדער מאָמענט איז געווען בשעת אונדזער רייזע קיין מאַידאַנעק, ווען מאַרעק ביטער האָט אונדז דערציילט וועגן זיין „רייזע" אויפֿן זעלביקן וועג מיט דריי יאָר פֿריער...

נאָך אַ מאָמענט איז געווען, ווען צעשיע און איך זיינען געפֿאָרן פֿון אַ וויזיט ביים פּרעמיער־מיניסטער אָסובקאַ־מאָראַווסקי. נאָכן וויזיט ביים פּרעמיער, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ הויז און אַריין אויף אַ ווילע צו דער פּוילישער פֿאַמיליע, וואו זי איז אַמאָל געווען אַ דינסט...

נאָך אַ מאָמענט איז געווען — ווען מיר דריי זיינען צוזאַמען געזעסן און גענעסן וועטשערע. צעשיע האָט געטראָגן אַ קלייד פֿון רויטן וואָלענס. איך האָב אַ זאָג געטאָן, אַז דאָס קלייד געפֿעלט מיר. האָט זי דערציילט די מעשה מיטן רויטן וואָלענעם טוך. דאָס איז געווען אַ געשאַנק צו איר חתונה מיט מאַרעקן אין וואַרשע. בשעת זי איז אַרויס פֿון געטאָ און בוליגאַנעס האָבן ביי איר כמעט אַלץ צוגערויבט, איז איר איבערגעבליבן די שטיק טוך. און אין אַלערליי שווערע מאָמענטן האָט זי געהאַלטן טייער דאָס דאָזיקע חתונה־געשאַנק. און אָט זיצט זי איצט צוזאַמען מיט מאַרעקן, און מיר עסן וועטשערע, נאָך אַ זיצונג פֿון פּרעזידיום פֿון אידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין נייעם פּוילן, און זי טראָגט אויף זיך דאָס קלייד פֿון רויטן טוך...

אין אַ סעפּטעמבער־אָוונט (1946) האָבן מאַרעק און צעשיע ביטער און נאָך אַ טייערער חבר מיך באַגלייט צו דער באַן, וואָס האָט מיך געפֿירט ווייטער אויף מזרח, צו דער סאָוועטישער גרענעץ. עס איז געווען פֿינצטער. באַנדיטן האָבן נאָך דעמאָלט געבושעוועט אין פּוילן. פֿון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ שאָס. באַלד איז אָנגעקומען די באַן, וואָס גייט פֿון בערלין ביז בריסק, און מיר האָבן זיך געזעגנט. יענעם אָוונט וועל איך לאַנג ניט פֿאַרגעסן, און די וואָס האָבן מיך באַגלייט, און אַ סך אַנדערע טייערע פֿריינט אין פּוילן. און צווישן אַלע געשיכטעס, וואָס ס'איז מיר אויסגעקומען צו הערן בשעת מיין זיין אין פּוילן, האָט זיך מיר צום שאַרפֿסטן איינגעקריצט די געשיכטע פֿון דער פֿאַמיליע ביטער.

# אַ זיי־געזונט פּוילן

וואַרשע, סעפּטעמבער 17, 1946.

מאָרגן פאָרן איך אָפּ פון פּוילן.

מיט צוויי טעג צוריק, זונטיק, דעם 15טן, זיינען מיר געווען אין מאַידאַנעק. מאַרעק ביטער, וויצע־פּאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די אידן אין פּוילן און איינער פון די אידישע פּע־פּע־ער (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראַבאָטניטשאַ, פּוילישע אַרבעטער פּאַרטיי. לינקע), איז געווען דער אָנ־פירער פון דער אידישער גרופּע, וואָס איז קיין מאַידאַנעק געפאָרן, צו דער פייערלעכער דערעפענונג פון די פּאַוויליאָנען פון די פאַרשיידענע פעלקער, — פּאַוויליאָנען, וואָס דאַרפן שילדערן די נאַצישע אכזריות בנוגע יעדן פון די איין און צוואַנציק (21) פעלקער, וואָס זיינען אין מאַידאַנעק געפּייניקט געוואָרן. געווען איז אין אונדזער גרופּע שמעון זאַכאַריאַש, וואָרט־זאָגער פון די אידישע פּע־פּע־ער אין פּוילן. געווען אַ ריי אידישע שרייבער און צוזאַמען מיטן „גאַסט פון אַמעריקע" אויך געסט פון פּאַלעסטינע.

אין אָוונט, אין לובלין, זיינען די געסט אַרויסגעטראָטן אין פּרץ־הויז. מען האָט פאָרגעלייענט אידישע לידער און די קינדער פון די אידישע קינדער־שולן האָבן געזונגען דאָס באַרימטע ליד פון די ווילנער פּאַרטיזאַנען, „זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג". אויף דער טריבונע איז געזעסן מאַרעק ביטער, וועלכער איז געווען אין מאַי־דאַנעק, בשעת די נאַציס האָבן דאָרטן געהערשט. צווישן עולם זיינען געווען „מאַידאַנעקער". צווישן די קינדער, וואָס האָבן געזונגען דאָס ליד, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון מאַי־דאַנעק. די געשיכטע, ווי אַזוי די רויטע אַרמיי האָט זיי געראַטעוועט, איז איינע פון די טויזנטער ממש־אומגלויבלעכע געשיכטעס, וואָס איר הערט זיך אָן אין פּוילן. מאַרעק ביטער האָט אונדז אויף דעם הויפּט־סקווער פון לובלין, ליטאָווסקי פּלאַץ, אָנגעוויזן אויפן אָרט, וואו די רויטאַרמייער האָבן אין זייער שנעלן מאַרש פאָראויס דורך די לובלינער גאַסן פאַרכאַפּט דעם לאַסט־אויטאָ, אין וועלכן די נאַצים האָבן געהאַלטן אכצן אידישע

קינדערלעך, געשלעפּט זיי פון מאַידאַנעק אין די אַנדערע טיילן פּוילן, מסתמא אויף אומצוברענגען... האָבן די קינדער זונטיק געזונגען: „זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג". און ווייטער האָבן זיי געזונגען: „און וואו געפאַלן איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט, שפּראָצן וועט אונדזער גבורה, אונדזער מוט."

וואָס פאַר אַ קלאַנג דאָס געזאַנג האָט געהאַט אין לובלין, אין מאַידאַנעק!

יאָ, אין מאַידאַנעק. פאַרן גרויסן עולם פון צענדליקער טויזנטער פאַרזאַמלטע פּאָליאַקן האָבן גערעדט פיר רעדנער: דער יוסטיץ־מיניסטער שוויאַנטאָווסקי, דער פאָרשטייער פון דעם פאַרבאַנד פון געוועזענע געפאַנגענע אין מאַידאַנעק, אַ גלח און — מאַרעק ביטער, פאָרשטייער פון די אידן אין פּוילן, אַ „מאַידאַנעקער". דער אָרקעסטער האָט געשפּילט, פריער טרויעריק, דערנאָך מונטערער. דאָס פּייקל האָט געקלאַפּט. און ס'איז געווען ווי די קינדער האָבן געזאָגט:

„קומען וועט די אויסגעבענקטע שעה, ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זיינען דאָ."

●

איך קלייב זיך דאָ ניט שרייבן וועגן מאַידאַנעק. ס'איז דאָ אַזוי פיל צו שרייבן וועגן פּוילן — וועגן מאַידאַנעק און אָשווענטשים, וועגן אידישע קינדער און אידישע מאַמעס אין „יענע צייטן" און וועגן די פּאָזיטיווע אויפטואונגען, וועגן דער קאָנסטרוקטיווער, שאַפנדיקער אַרבעט פון יענע אידן, וואָס באַמיען זיך, אַז אידישע גבורה, אידישער מוט, זאָל טאַקע שפּראָצן דאָרט, וואו עס זיינען געפאַלן אַזוי פיל מיליאָנען טראָפּנס פון אונדזער בלוט!

אין פּוילן זיינען פאַראַן מאַידאַנעק און אָשווענטשים און בעלזשעץ און סאָביבאָר און כעלמנאָ און טרעבלינקע און נאָך שחיטה־ערטער. אָבער פּוילן איז ניט נאָר אַ בית־עולם פאַר אידן, ווי אַנדערע הערן ניט אויף צו זאָגן. אויך וועגן אַ בית־עולם טאָר מען ניט רעדן אַזוי לייכט. די אידישע מאַמע ביי שלום אַש'ן, ווען זי איז געקומען קיין אַמעריקע און האָט פאַרלאָרן אַ קינד, האָט זי דערפילט ווי די אַמעריקאַנער ערד איז איר אייגן — זי האָט אַ קינד אין דער ערד באַגראָבן... די ערד, וואו עס געפינען זיך אַזוי פיל אידן, איז אייגן... און דאָ, אין פּוילן, ווייס מען וועגן אונדזערע פאַרלוסטן, בשעת אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער וועלט וויל מען ניט וויסן... אין מאַידאַנעק האָט דער יוסטיץ־מיניסטער אונטערגעשטראָכן פאַרן עולם

פון מיליאָנען פּאָליאַקן — ער האָט אַריינגערעדט אין דער ראַדיאָ — אַז איין און צוואַנציק פּעלקער האָבן געליטן, נאָר דאָס אידישע פאָלק האָט געליטן מער פון אַלעמען.

דאָרט וואו אַזוי פיל בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן — האָט גערעדט דאָס נייע פּוילן, האָט גערעדט דער נייער פּוילישער איד.

פּוילן איז אַ לאַנד פון דער נייער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. דאָס האָב איך געזען באַלד נאָך מיין אַריינפאָרן, ווען איך האָב איבערגעלעבט דאָס קאַפּיטל קעלץ. יאָ, טראַגיש ווי דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז ניט געווען, טראַגיש פאַר אונדזער פאָלק, טראַגיש פאַר גאַנץ פּוילן, האָט מען אויך דורכדעם דאָס נייע פּוילן דערזען. אַ פריינט דערקענט מען אין אַ צרה.

די נייע פּוילישע דעמאָקראַטיע האָט בייצוקומען דעם אינערלעכן שונא, — ניט נאָר דעם שונא פון די אידן, נאָר איר שונא — און בייצוקומען, צוזאַמען מיט די מאַסן אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד, צוזאַמען מיט די סאָוועטישע און אַנדערע פעלקער, צוזאַמען מיט די יוגאָסלאַוון, בולגאַרן, פראַנצויזן און אַנדערע, וועלכע האָבן געהאַט זייערע פאָרשטייער אין מאַידאַנעק דעם פאַרגאַנגענעם זונטיק און וועלכע ווילן ניט פאַרגעסן וואָס די דייטשן האָבן געטאָן, — בייצוקומען צוזאַמען מיט זיי אַלעמען דעם אויסערלעכן שונא. זי האָט אַ שווערע אויפגאַבע פאַר זיך, די נייע פּוילישע דעמאָקראַטיע — זאָל זי זיין געזונט און שטאַרק.

זי האָט שוין אַ סך דערגרייכט. די גרויסע סאָציאַלע ענדערונגען לאָזן זיך שוין פילן. זיי האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אידן, ווי פאַר אַלע איינוואוינער פונעם לאַנד. זיי האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער וועלט.

●

לאָמיר געדענקען עטלעכע „פּשוטע" פאַקטן:

עס איז מער ניטאָ דאָס אַמאָליקע פּוילן — דאָס לאַנד פון פּריצים, פון דער שליאַכטע, פון די מאַגנאַטן, פון אויסלענדישע אינוועסטאָרס. דאָס דאָזיקע פּוילן איז געווען אַ קוואַל פון אומגליק פאַר אירע איינוואוינער, אַ קוואַל פון אינטערנאַציאָנאַלע אינטריגעס. פּוילן האָט אין אַ געוויסן זין געלערנט די דייטשן הלכות אַנטיסעמיטיזם...

דאָס דאָזיקע פּוילן איז ניטאָ. עס איז נאָך פאַראַן די ירושה — אַ שווערע. עס איז נאָך דאָ אַ סך צו טאָן. אָבער עס איז געמאַכט געוואָרן אַ היסטאָרישע סאָציאַלע אָפּעראַציע. ניטאָ קיין פּריצים, ניטאָ קיין מאַגנאַטן, ניטאָ קיין גרויס־פאַבריקאַנטן. די באַדייטונג, וואָס די־אָ אָפּעראַציע

וועט האָבן אויף געזונט־מאַכן די סאָציאַלע לאַגע אין פּוילן, די קולטור, געזונט־מאַכן דאָס לעבן פון אַלע אירע איינוואוינער, — די־אָ באַדייטונג לאָזט זיך קוים אָנצייכענען אין ווערטער. די דאָזיקע היסטאָרישע סאָציאַלע ענדערונג איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס בויט זיך דאָס נייע פּוילן.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט אידן? עס האָט אַ גרויסע שייכות.

די לאַגע פון די אידן אין יעדן לאַנד, אין אַלע צייטן, איז געווען דער באַראָמעטער פאַר דער אַלגעמיינער לאַגע. די שטאַרקע האַנט, מיט וועלכער די רעגירונג פון איצטיקן פּוילן האָט באַגעגנט דעם פּאָגראָם אין קעלץ, דריקט אונטער דעם אַנטיסעמיטיזם, איז אַן אויסדרוק ניט נאָר פון איר גוטן ווילן, נאָר אויך פון די כוחות, אויף וועלכע זי שטיצט זיך. זאָלן די כוחות זיך שטאַרקן און אויסוואַקסן!

דאָס לאַנד דאַרף עס, די אידן דאַרפן עס, — צו בויען זייער לעבן.

זאָלן זיי זיין געזונט און שטאַרק! זאָלן אויסוואַקסן ווי דעמאָקראַטישע, פּראָגרעסיווע אידן — די אידישע קינדערלעך פון לובלין, די קינדערלעך, וואָס איך האָב געזען אין אָטוואָצק און די שטעטלעך ארום, אין לאָדזש און שטעטין, אין ביעלסקאָ און קראָקע און אַנדערע שטעט, די קינדערלעך אין וראָצלאַוו, ריכבאַך, פּעטראָלעשיע, בעלאַווע, וואַלבזשיך, ליגניץ און אַלע אַנדערע ערטער אין נידערשלעזיע. זאָלן געשטאַרקט זיין די וואונדערלעכע אינסטיטוציעס אין נידערשלעזיע, אין די אַלע דערמאָנטע און אַנדערע שטעט. זאָלן געשטאַרק זיין די קאָאָפּעראַטיוון, די יוגנט־הייזער, די היימען פאַר די אידישע זקנים, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיי — די זקנים — איינגעהיט, צוזאַמען מיט די אידישע קינדער און גרויסע מאַסן אידן בכלל.

אידן אין אַמעריקע האָבן אַ גרויסן חוב אויפצוהאַלטן די אינסטיטוציעס. אַ הייליקן חוב! מיר האָבן דעם חוב אויפצוהאַלטן די צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע און אירע אָפּטיילן איבערן לאַנד. די קאָמיסיעס שטעלן פאַר מיט זיך אַ נאַציאָנאַלן אידישן פאַרמעגן!

זאָלן געזונט און שטאַרק זיין די אידישע שרייבער, די קולטור־טוער, די לערער און דערציער, די פירער פון די קאָאָפּעראַטיוון, זאָלן געזונט זיין אַלע וואָס בויען. זאָלן געזונט זיין די אידישע ארבעטס־מענטשן, בראש מיט די קוילן־גרעבער פון וואַלבזשיך, מיט די טעקסטיל־ארבעטער פון נידערשלעזיע און לאָדזש.

זאָלן זיין געזונט און שטאַרק די אידן וואָס בויען, וואָס שאַפן, — אַלע אידן, פון אַלע ריכטונגען. איך קאָן, צום באַדויערן, ניט זאָגן, אַז

אַלע פירער פון אַלע ריכטונגען פאַרנעמען זיך מיט בויען. מען טאָר ניט באַהאַלטן, אַז פירער פון געוויסע ריכטונגען פאַרנעמען זיך מיט ברעכן, מיט אָפּרייסן אידן פון דער אַרבעט. די וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו אָנפּאַקן די לאַגערן צווישן די דייטשן, אָדער לאַגערן אויף אַנדערע ערטער, קאָנען אפשר האָבן די בעסטע כוונות. לויט מיין מיינונג באַגייען זיי אַ פאַרברעכן. דאָס וואַנדערן אין די לאַגערן איז אַ נייער אידישער אומגליק, אַ נייע קאַטאַסטראָפע. פיל אידן ווילן טאַקע פאָרן — און זייערע קרובים אין אויסלאַנד ווילן זיי זען ביי זיך. אָבער מען מוז זיי זאָגן דעם אמת. מען מוז זיי דערציילן וועגן פאַרמאַכטע טויערן און וועגן לאַגערן, וואו די לעבן־געבליבענע ווערן אין אַ גרויסער מאָס דעמאָראַליזירט. מען מוז זאָגן דעם אמת — אַז מען מוז זיך רעכענען מיט די מעגלעכקייטן. גענוג אידישע נפשות פאַרלאָרן! גענוג לעבן־געבליבענע אידן האָבן פאַרלאָרן זייער קוואַליטעט, זייערע פייאיקייטן צו אַרבעטן און שאַפן!

זאָלן געזונט און שטאַרק זיין די בויענדיקע, שאַפנדיקע אידן. און כאָטש עס טוט מיר ווי צו זאָגן עס, ווייל איך וואָלט געוואָלט, אַז אַלע אידן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט בויען, בין איך אָבער שטאָלץ צו זאָגן, אַז די הויפּט־קראַפט, ערטערווייז די גאַנצע קראַפט, צום אָנפירן מיט דער אַרבעט, מיט דער אַגיטאַציע, מען זאָל בויען און שאַפן, שטעלן פאַר מיט זיך די אידישע פּע־פּע־ער.

נאָך אין 1945 האָבן זיי געשטעלט דעם טראָפּ אויף בויען, אויף פּראָדוקטיוויזאַציע. זיי נעמען אָן מיט ליבע דעם יאָך: בויען. און איך וועל לאַנג געדענקען די טעג פון דער בהלה, בשעת די וואָס זיינען פאַר „יציאת פוילן" האָבן זיך געריבן די הענט און בשעת די פּע־פּע־ערישע אידישע טוער האָבן געבראָכן מיט די הענט: מען רואינירט קאָאָפּעראַטיוון! מען ברענגט־אום שווער־דערוואָרבענע פּאָזיציעס! מען „צע־שלעפּט די קינדער" פון די קינדער־היימען! פאַרצווייפלט זיינען זיי גע־וואָרן — אָבער ניט אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג! זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו האַמערן, אַז מען מוז בויען — און קודם כל אַליין געבויט, געטראָגן דעם יאָך מיט ליבשאַפט.

געזונט און שטאַרק זאָלן זיין אַלע פוילישע אידן, וואָס שטייען אויפן באָדן פון דעמאָקראַטיע. מיין וואַרעמער האַנט־דרוק די פריינט פון אַנ־דערע ריכטונגען, וואָס איך האָב זיך דערוואָרבן בשעת מיין זיין אין פוילן — דעמאָקראַטן! געשטאַרקט זאָל זיין די אידישע איינהייט אין פוילן! אַ קאָנסטרוקטיווע, שאַפנדיקע, אַנטיפאַשיסטישע איינהייט זאָל

זי זיין — אַ ברכה פֿאַר די אידן אין פּוילן און אַ מוסטער פֿאַר אידן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער! אַ דאַנק דעם פּרעזידיום פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די אידן אין פּוילן פֿאַר דער פּריווילעגיע, וואָס ער האָט מיר געגעבן צו זיין אויף אַלע זיינע זיצונגען און קאָנפערענצן!

זיי געזונט, פּוילן! איך פֿאָר אַוועק און נעם מיט דעם ווייטיק, וואָס האָט מיך אַרומגענומען ביי מיינע פֿילע באַזוכן אין דער וואַרשעווער געטאָ. איך געזעגן זיך מיט אייך, בערגלעך ציגל־שטויב — דאָרט, וואו עס האָט געברויזט אַ אידישער ישוב. איך געזעגן זיך מיט דער גאַס אויפֿן גענשער בית־עולם, וואו עס שטייט דער אוהל פֿון י. ל. פּרצן, י. דינעזאָנען און ש. אַנסקין; וואו עס געפֿינען זיך נאָמבערג און ווייסענבערג און אסתּר־רחל קאַמינסקאַ, און נאָך און נאָך... איך נעם־מיט מיט זיך עטלעכע ביינדלעך און שמות, וואָס איך האָב געפֿונען אויפֿן הויף, וואו עס איז געווען דער „יודען־ראַט”, און — איך נעם־מיט מיט זיך אַ פֿונק פֿון דער גבורה, וואָס שטראַלט אַרויס פֿון דעם מאָנומענט פֿאַר די העלדן פֿון דער געטאָ טאַקע דערביי, אַ נאַציאָנאַלער אידישער מאָנומענט.

אַ סך, אוי אַ סך, טראָפּנס בלוט פֿון אונדזער פֿאָלק זיינען געפֿאַלן אויף דער ערד פֿון אייראָפּע, אויף דער ערד פֿון פּוילן. זאָל אַ גרויסע גבורה אַרויסשפּראָצן! די גבורה פֿון אונדזער פֿאָלק, צוזאַמען מיט דער גבורה פֿון די דעמאָקראַטן פֿון אַלע פֿעלקער, די דעמאָקראַטן פֿון פּוילישן פֿאָלק — כדי עס זאָל מער ניט זיין קיין מאַידאַנעקס, אין ערגעץ ניט!

אידיש לעבן אין פּוילן איז דער אָנזאָג די מערדער פֿון אַלע מאַי־דאַנעקס, אַז זיי האָבן סוף כּל סוף פֿאַרשפּילט און אַז די אויסגעבענקטע שעה פֿון אַ זיכער לעבן פֿאַרן אידישן פֿאָלק און פֿאַר אַלע פֿעלקער וועט קומען. זאָל עס געזונט און שטאַרק זיין, דאָס אידישע לעבן אין פּוילן!

# די פונקען פון דער וואַרשעווער געטאָ

דעם 18טן סעפּטעמבער, עטלעכע שעה איידער איך בין געפאָרן צום באַן, בין איך געווען אין געטאָ און זיך געזעגנט.

מען האָט מיך גערופן: קומט, זעט ווי מען האָט זיך דערגראָבן צום אַרכיוו פון דר. עמאַנועל רינגעלבלום. איך וואָלט אָבער סיי־ווי געפאָרן געזעגענען זיך מיט דער געטאָ.

בין איך געשטאַנען אויפן באַרג ציגל־ברוך — דאָרט וואו עס איז אַמאָל געווען נאַוואָליפּקי 68 — און געקוקט אַרום און אַרום. מאַרעק ביטער איז געווען מיט מיר. ער האָט מיר דערציילט זאַכן, וועלכע האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון — ווי אַזוי רינגעלבלום פלעגט קומען צום אים אויף סמאַטשע נומער 2, דורך די אונטערערדישע טונעלן; ווי אַזוי ער, מאַרעק ביטער, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר איינעם פון דער חברה־קדישא, כדי ער זאָל קאָנען אַוועקפירן אויפן גענשער בית־עולם זיין מאַמען, וועלכע איז געשטאָרבן נאָכדעם ווי זי האָט „אָפּגעלעבט" אַנדערהאַלבן יאָר אין אַן אויוון. אָבער איינגעקריצט האָבן זיך מיר די רייד ערשט שפּעטער. בשעת איך בין געשטאַנען אויפן באַרג ציגל־ברוך האָב איך געזען די געטאָ אַרום און אַרום, אויף גאַסן און גאַסן ווייט, ביז קאַרמעליצקע און סמאַטשע אויף לינקס, ביז דזשיקע (זאַמענהאָף) און נאַלעווקעס און פראַנציסקאַנער און קראַשינסקיס גאָרטן אויף רעכטס, ביז פּאַוויע און גענשע און נאָך ווייטער אַרויף, ביז נאַוואָליפּיע און טלאָמאַצקע און לעשנע אויף אַהינטער. איך האָב געקוקט און געשוויגן. און אַזוי האָב איך זיך געזעגנט מיט דער וואַרשעווער געטאָ, אינעם לעצטן טאָג.

און אַזוי האָב איך געקוקט און געשוויגן דעם סאַמע ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען קיין וואַרשע. און אין משך פון אַרום עלף וואָכן — צווישן די צוויי טעג — בין איך אַ סך מאָל געווען אין דער געטאָ און פונקט אַזוי שטום געוואָרפן מיינע בליקן ווייט אַרום און אַרום, איבער די נאַקעטע פעלדער, וואו עס איז אַמאָל געווען ברוזיק אידיש לעבן, און נאָ ראַינעווייניק אין מיר האָט עס כסדר גענאָגט. און רק עס האָט געצויגן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל צו גיין אַהין, וואו עס איז אַמאָל געווען אַ האַלבער מיליאָן אידן.

איינמאָל, אין אַ זוניקן זונטיק, בין איך געגאַנגען אין געטאָ און באַלד ביים אַנהויב, אויף טלאָמאַצקע, ביים אַריינגאַנג אין פּשעיאַזד, האָב איך געטראָפן אַ פאַרוויינט פּאָר־פּאָלק — טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען נאָך־וואָס געווען געקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי זיינען געלאָפן וואָס גיכער אויף פּאַוויע גאַס, וואו זיי האָבן אין 1939, אין דעם טומל און בהלה, איבערגעלאָזט זייערע קינדער. איצט זיינען זיי — טאַטע־מאַמע — שוין געגאַנגען צוריק פון פּאַוויע גאַס. עס איז אַפילו די גאַס ניט געווען.

האָט עס מיך אַזוי געצויגן צו דער געטאָ — אַהין, וואו איך האָב אויף מיין לעצטן באַזוך, אין 1936, „איבערגעלאָזט" אַזאַ ברוויזיק אידיש לעבן? אפשר. עס האָט געצויגן, כסדר־געצויגן אַהין, צו דער אמתער וואַרשע, די אידישע, וואָס איך האָב געקענט זינט מיין פריסטער יוגנט, זינט מיין ערשטן באַזוך אין וואַרשע אין יאָר 1908, אַ לענגערער באַזוך, און דערנאָך, בשעת מיינע לענגערע און קירצערע באַזוכן אין די יאָרן 1911, 1920, 1929, 1932, 1936. דאָס איז געווען מיין וואַרשע — די נאַלעוויקעס און גענשע און טלאָמאַצקע און נאָוואָליפּיע און קאַרמעליצקע. ווי יענע טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען געלאָפן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד זוכן זייערע קינדער אויף פּאַוויע גאַס, אַזוי בין איך כסדר געלאָפן זוכן...

איך פלעג ניט נאָר גיין זוכן — איך פלעג גיין לעבן מיט דער אַמאָליקער וואַרשע. איך פלעג גיין איבער די גאַסן — און פלעג קלעטערן איבער די גאַסן דאָרט וואו דער ברוק איז ניט געווען אָפּגערייניקט פון ציגל־ברוך — און „זען" דאָס אַמאָליקע. אין געדאַנק האָב איך געזען די אַמאָליקע, אידישע וואַרשע. אויך דער חסידישער איד מיטן קליינעם פלאַכן היטעלע, אויך דער, וואָס פלעגט זיך טראָגן איבער די הויפן און שרייען: „האַנדעל! האַנדעל!" איז מיר געווען ליב.

איך האָב שוין דערציילט: איינמאָל, גייענדיק איבער גענשע גאַס און נישטערנדיק מיט די אויגן, האָב איך אויף אַ שטיק וואַנט דערזען אַ אידישע אויפשריפט: „שטימט פאַר נומער 5". אַלע טייכן בלוט, וואָס דער נאַצישער טייוול האָט דאָ פאַרגאָסן, זיינען ניט געווען גענוג אויף אָפּוואַשן אַלע סימנים, אַלע אידישע אויפשריפטן. „שטימט פאַר נומער 5", האָט עס גערופן צווישן די חורבות. איך האָב דעמאָלט געזען ניט די חורבות, נאָר די אַמאָליקע גענשע גאַס.

איך בין געגאַנגען אין דער געטאָ זוכן דאָס אַמאָליקע לעבן. אָבער ניט נאָר דאָס אַליין. איך בין געגאַנגען שעפּן כוחות...

●

אויף ראָג גענשע און זאַמענהאָף, פאַר דעם סקעלעט פון דער גרויסער געביידע, וואו ס'איז אַמאָל געווען אַ מיליטערישע טורמע און וואו עס איז בשעת דעם דייטש געווען דער ערשטער „יודען־ראַט", איז פאַראַן אַ סקוועך אין דער פאָרם פון אַ שמאָלן דריי־עק. אינמיטן פון דעם סקוועך האָט מען אוועקגעלייגט אַ קיילעכדיקן פונדאַמענט פאַר אַ דענקמאָל, ארום־גענומען ארום און ארום מיט צוויי טרעפ פון גרויען צעמענט. דער גרויסער קיילעכדיקער פונדאַמענט באַשטייט פון רויטן, פאַרגלעטיקטן צעמענט און איז ארומגענומען פון אויבן מיט אַ גרויער ראַם אַן ערך צוויי פויסטן די הויך. נאָענט צו איין ברעג פון דעם רויטן צעמענט־קרייז הויבט זיך ארויס אַ קלענערער קרייז, פון זעלביקן רויטן צעמענט, עטוואָס אַנגעבויגן, ווי דער פלאַך פון אַ שטענדער. און אויף דעם שטענדער־ארטיקן רויטן צעמענט־צירקל זיינען אויסגעקריצט די ווערטער, וואָס איך האָב שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל פאַרצייכנט:

**19-IV-46**

**צום אָנדענק פון די,**
**וואָס זיינען געפאַלן**
**אינעםביישפּיללאָזן קאַמף**
**פאַרן כבוד און פרייהייט**
**פונעם אידישן פאָלק,**
**פאַר אַ פריי פוילן,**
**פאַר דער אויסלייזונג**
**פונעם מענטש.**

**די פוילישע אידן.**

דער דאָזיקער פונדאַמענט, וואָס שטעלט אַליין פאָר מיט זיך אַ באַ־שיידענעם מאָנומענט, איז אויפגעדעקט געוואָרן דעם 19טן אַפּריל, 1946. ווען איך בין אָנגעקומען קיין וואַרשע, מיט קאַרגע צען וואָכן שפּעטער, האָב איך נאָך געטראָפן רעשטלעך פון קרענץ בלומען, וואָס פאַרשטייער פון די פוילישע אידן, פאַרשטייער פון דער רעגירונג, פון די אַרבעטער־פאַרטייען, פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן דעם 19טן אַפּריל געלייגט.

„צום אָנדענק פון די וואָס זיינען געפאַלן אין ביישפּיללאָזן קאַמף".

אָט דאָס איז עס געווען — אַ ביישפּיללאָזער קאַמף. וויפיל די געטאָ האָט איבערגעלעבט זינט זי איז געשאַפן געוואָרן, אין נאָוועמבער 1940! און דאָך האָט זי ערב פסח פון דעם יאָר 1943 און דעם גאַנצן יום־טוב

פסח און די דרייסיק טעג כסדר, פון 19טן אפריל ביזן 18טן מאי, ארויס־געוויזן אזא גבורה!

אין די הויפן פון דער געביידע, וואו עס איז אמאל געווען די מיליטערישע טורמע און וואו עס איז ביים דייטש געווען דער „יודען־ראט" מיט א טורמע צוזאמען, האב איך געטראפן סימנים דערפון, וואס די געטא האט איבערגעלעבט. איך האב געזען בערג מענטשן־אש, געמישט מיט פיצלעךביינדלעך, פיצינקע ווייסע ברעקלעך. איך האב זיי דערקענט, די ווייסע ברעקלעך... איך האב אויפגעהויבן איין ביינדל, א גרעסערס, און כ'האב דערקענט. כ'בין ארײַן צווישן חרובע פיר ווענט און געטראפן בערג שמות פון אידישע ספרים, פון וועלטלעכע ביכער. איך האב אויפגעהויבן צוויי טאוולען מיט א לעדערנעם רוקן און געזען אויף איינעם פון די צוויי טאוולען, פון אינעווייניק, א רוסישן שטעמפל: יוקעל שווארצבערג. דאס בוך איז אמאל געווען זיינס. וואס פאר א בוך דאס איז געווען, האט מען שוין ניט געקאנט וויסן. איך האב די טאוולען מיטגענומען מיט זיך.

איך האב דערזען א נאמען — ווי איך וואלט געזען א לעבעדיקן מענטשן.

איך האב געזען טורמע־קעמערלעך, וואס מען האט געקאנט הערמעטיש פארמאכן. דא און דארטן האבן זיך געוואלגערט בלעכענע פושקעס, גרויסע פושקעס, לאנגע, קיילעכדיקע, פון טרוקענעם גיפט. עטלעכע פושקעס האבן נאך געהאט גיפט. איך האב אנגעטאפט די טרוקענע גרינע גיפט־קוביקעס, — וועלכע פלעגן צעשמאלצן ווערן אין דער אנגעהיצטער לופט פונעם הערמעטיש־פארמאכטן טורמע־קעמערל. די הויט האט מיר געשמארצט א שטיק צייט פון אנרירן די גיפט־קוביקעס.

איך האב אין די הויפן פון דער געוועזענער טורמע און „יודען־ראט" (ס'איז אפשר אלץ איינס) געזען די רעשטלעך פון אידן — ווער ווייס וויפיל טויזנטער. און עטוואס העכער פון דער געביידע, א קווארטאל העכער, האב איך געזען דעם גרויסן הויף מיט עטלעכע געביידעס, וואס אלץ צוזאמען האט עס געהייסן: אומשלאגס־פלאץ. אט דא האט מען אויסגעטיילט די ארײַנגעכאפטע מחנות אידן — ווועמען קיין טרעבלינקע, וועמען אויף שקלאפן־ארבעט (ביז א צייט). אט אהער האט מען אין יולי 1942 ארײַנגענארט טויט־הונגעריקע אידן: מען וועט אייך געבן צו דרייַ קילא ברויט אויף א נפש און מען וועט אייך שיקן אויף ארבעט. עס זיינען געקומען מער מענטשן, ווי די דייטשן האבן פארלאנגט... אידן האבן ניט געקאנט אויסהאלטן דעם הונגער. אידן האבן טאקע געמיינט,

אַז מען שיקט זיי אויף אַרבעט, ווייל עס זיינען דאָך אָנגעקומען „בריוו" פון די ,וואָס מען האָט פריער אוועקגעשיקט...

דעם 22טן יולי, 1942, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן זייערע „אַקציעס" אוועקצושיקן קיין טרעבלינקע און מאַידאַנעק און אַנדערע לאַגערן טויזנטער און טויזנטער אידן, איין באַן נאָך דער אַנדערער. פאַר דעם, אין 1940, 1941, 1942, זיינען געווען עפּידעמיעס. ס'האָט געבושעוועט דער טיפוס. די גאַסן זיינען יעדן אינדערפרי געווען פול מיט טויטע. וועגענער פלעגן אַרויספאָרן און צונויפקלייבן זיי. אין מערץ 1942 האָט מען געמאַכט אַ סטאַטיסטיק: דריי הונדערט טויטע אויף די גאַסן יעדן טאָג, קרבנות פון הונגער.

די דייטשן האָבן געמאַכט פילמען, צו ווייזן ווי מיאוס די אידן קוקן אויס. זיי האָבן סצענירט עקלהאַפטע אַרגיעס, געדרוקט עס אין יוליוס שטרייכערס „שטירמער", כדי צו ווייזן אויף וואָס אידן זיינען פּייאיק. און דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען צו דער מאַסן־אויסראָטונג. און ווען אידן האָבן שוין געוואוסט, אַז מען שיקט זיי אין די גאַז־אויוונס, און ווען דער הונגער האָט זיי שוין ניט געקאָנט ברענגען אין „אומשלאַגס־פּלאַץ", האָט מען געכאַפּט. און די אידישע פּאָליציי האָט געטאָן אירס: זי האָט בעסער געקאָנט געפינען באַהאַלטענע מאַמעס מיט קינדער אויף די בוידעמער און די קעלערס פון די וואַרשעווער הויפן...

ביז — ביז פון העכער אַ האַלבן מיליאָן אידן איז געבליבן פערציק טויזנט.

זיינען זיי געוואָרן — פערציק טויזנט גבורים. געוואוסט האָבן זיי, אַז דער קאַמף איז אַ ביישפּיללאָז אומגלייכער, אָן מעגלעכקייטן אויף באַלדיקן זיג. אָבער זיי האָבן געענטפערט — מיט פייער! מיט שטאָלץ! מיט גבורה!

אַ פאַבריק אויף פראַנצישקאַנער גאַס האָט זיך פאַרבאַריקאַדירט. אַ בונקער אויף באָניפראַטן גאַס איז געוואָרן אַ פעסטונג. אַ הויז אויף סמאָטשע האָט געענטפערט מיט פייער.

אַ דייטשישער טאַנק איז אַריין אין טויער פון דער געטאָ, ביי זאַמענהאָף גאַס, און האָט געמוזט אָפּטרעטן. אַמבולאַנסן האָבן געפירט טויטע און פאַרוואונדעטע דייטשן.

מען האָט געקעמפט אונטער אַ באַשטימטער אָנפירונג און מען האָט געקעמפט באַזונדער, אין „ווילדע" אומאָפּהענגיקע גרופּן. הייפעלעך דאָ און הייפעלעך דאָרטן. מען איז געקראָכן אין אונטערערדישע טונעלן, אין דעם שמוציקן וואַסער פון דער קאַנאַליזאַציע. און ווען מען איז ניט

דערשטיקט געוואָרן פון רויך, צי פון געדוך, איז מען דערקראָכן צו אַן אַנדער גרופּע און ווייטער זיך געשלאָגן. דרייסיק טעג און דרייסיק נעכט אַזוי.

ס'איז געווען אַ ביישפּיללאָזער קאַמף. ס'איז געווען אַ קאַמף, וואָס זיין אָפּקלאַנג וועט זיך פילן אין משך פון דורות. ווייל ס'איז געווען אַ קאַמף „פאַר כבוד און פרייהייט". דרייסיק טעג האָט ער געברענט. און ער ברענט נאָך.

ווייל מען האָט געקעמפט פאַראייניקט. איינער פון די הויפּט־פירער איז געווען דער קאָמוניסט לעוואַרטאָווסקי. צוזאַמען מיט אים — דער השומר־הצעירניק אַניעלעוויטש, דער בונדיסט מיכאל קלעפּפיש, דער ציוניסט הענעך קירשבוים.

אייניקייט, אַנטיפאַשיסטישע אייניקייט איז געווען די קראַפט פון דער געטאָ, נאָך ביזן אויפשטאַנד. די געטאָ איז ניט נאָר אויסגעגאַנגען, אויסגעשטאָרבן פון עפּידעמיעס, אויסגעראָטן געוואָרן. די געטאָ האָט געקעמפט, אויף איר שטייגער. עס איז געווען אַ קאַמף פאַר לעבן, און דאָס אַליין האָט באַדייט קאַמף קעגן די אויסראָטער. עס איז געטאָן געוואָרן אונטערערדישע אַרבעט. אידן זיינען אַריבערגעשמוגלט געוואָרן אויף דער „אַרישער" זייט, זיינען אַוועק אין די וועלדער. אידן האָבן זיך פאַרנומען מיט סאַבאָטאַזש קעגן די דייטשן.

די געטאָ האָט געקעמפט, אָבער דער קאַמף איז געווען אַ ביישפּיללאָז אומגלייכער. עפּעס האָט נאָך געפעלט אין דעם קאַמף. עס האָט געפעלט — סטאַלינגראַד.

●

די ערשטע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן אין געטאָ האָבן זיך אָנגעהויבן אין יאַנואַר. וואָס פאַר אַ מאָמענט אין דער וועלט־געשיכטע איז געווען יאַנואַר 1943? דאָס איז געווען דער מאָמענט, ווען ס'איז פאַרזיגלט געוואָרן דער גורל פון היטלערס זעקסטער אַרמיי ביי סטאַלינגראַד, ווען ס'איז פאַרזיגלט געוואָרן היטלערס גורל!

די וועלט האָט געקראָגן דעם אָנזאָג פון סטאַלינגראַד. די געטאָ אין וואַרשע האָט געקראָגן דעם אָנזאָג.

די געטאָ איז דעמאָלט באַשטאַנען אין דער גרעסטער מערהייט פון אַ

ריי פאַבריקן, וואו פערציק טויזנט אידישע שקלאַפן זיינען געווען באַ־שעפטיקט. פיל פון די שקלאַפן האָבן „געלעבט" אין די פאַבריקן. דאָס האָט צעמענטירט זייער אייניקייט, געשטאַרקט זייער אַנטשלאָסנקייט. זיי האָבן אָנגעהויבן נאָך מער סאַבאָטאַזשירן די אַרבעט. זיי זיינען געוואָרן אַן אינעווייניקסטע געפאַר פאַר די נאַציס. און ס'איז געקומען דער אָנגריף, און ס'איז געקומען דער קעגן־אָנגריף — אַן אויפשטאַנד.

פאַר דער אויסלייזונג פונעם מענטש. ווייל ער איז באַשטראַלט גע־וואָרן מיטן ליכט פון סטאַלינגראַד.

ווי עס זאָגט איציק פעפער אין זיין פאָעמע: „שאָטנס פון וואַרשע־ווער געטאָ":

„מיט נעכט סטאַלינגראַדער האָט דאָ היים געאָטעמט,
וואו נאָר אַ שטוב איז אַ פעסטונג געוואָרן,
וואו נאָר אַ פענצטער געזעצט האָט מיט צאָרן."

און ווייל דער אויפשטאַנד אין געטאָ איז באַשטראַלט געוואָרן מיטן ליכט פון סטאַלינגראַד, האָט ער, דער אויפשטאַנד, טיף געטראָפן ניט נאָר די נאַציס נאָר אויך די פוילישע רעאַקציאָנערן־פאַשיסן, דעם לאָנדאָנער „אונטערגרונט". די פאַשיסטן פון דער ען־עס־זעט (נ.ס.ז. — „נאַראָדאָווע שילי זבראָינע", באַוואָפנטע פאָלקס־קרעפטן) האָבן דעמאָלט, בשעת די געטאָ האָט געברענט, געשריבן אין זייער אומלעגאַלן אָרגאַן: „מיר בעטן גאָט ער זאָל אונדז באַפרייען פון הונגער, מגפות און דעמאָקראַטיע. מיר בעטן גאָט פטור צו ווערן פון די דייטשן פון מערב, פון די רוסן פון מזרח און פון די אידן אינמיטן."

די פאַשיסטישע פוילישע באַנדעס, וועלכע זיינען שפּעטער, אין דעם נייעם דעמאָקראַטישן פוילן, ווידער אַריין אין די וועלדער, געוואָרן די „העלדן" פון קעלץ, האָבן צוזאַמען מיט די דייטשן זיך דערשראָקן פאַרן אויפשטאַנד אין דער געטאָ. ווייל זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר סטאַלינ־גראַד — ווייל זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַרן קאַמף „פאַר דער אויס־לייזונג פון מענטש". אָבער כדי מען זאָל ניט מיינען, אַז די ען־עס־זעט, די „אַרמיאַ קראַיאָווא" און דער לאָנדאָנער „אונטערגרונט" זיינען געווען דאָס אמתע פוילן, דאַרף מען געדענקען אַ סך אַנדערע פאַקטן.

מען דאַרף געדענקען, אַז דער קאָמאַנדיר פון דער לינקער „גוואַרדיאַ לודאָווא" (פאָלקס־גוואַרדיע) מיטן נאָמען „ריטשאַרד" האָט געהאָלפן

אויסבילדן אידישע קאַמף־גרופּן. ריטשאַרד און זיין ברודער, קאָמוניסטן, זיינען געפאַלן אין געטאָ. און די קאָמוניסטן קאָוואַלסקי, ווראָבלעווסקי, וואַשטשינא, און דער פּוילישער סאָציאַליסט „חבר קאַזיק". די סעקרעטאַרין פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (קאָמוניסטן), קריסטינא קאָוואַלסקאַ, פלעגט עטלעכע מאָל אין וואָך באַזוכן די געטאָ. איר דירה אויף דער „אַרישער" זייט איז געווען אַ פאַרבינדונג־צענטער פאַר די אידישע קאַמף־גרופּן.

מען דאַרף געדענקען, אַז נאָכדעם ווי דער אויפשטאַנד אין געטאָ איז שוין געווען דערשטיקט און נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן געבראַכט אין דער געוועזענער געטאָ אַריין פיר טויזנט שקלאַפן פון אַשוועניטשים, כדי אוועקצונעמען די גאַנצע ציגל און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן און ווערטפולע זאַכן קיין דייטשלאַנד, און האָבן זיך באַרימט, אַז זיי וועלן אויפן אָרט, וואו עס האָבן געלעבט און געקעמפט אידן, מאַכן „דעם גרעסטן גאָרטן אויף דער וועלט", — זיינען אין וואַרשע, אויף דער „אַרישער" זייט, געווען אַרום צוואַנציק טויזנט אידן. פּאַליאַקן האָבן די מייסטע פון זיי באַהאַלטן, האָבן פיל פון זיי געשפּייזט. ווען ניט דער פּראָוואָקאַטאָרישער באָר־קאָמאָראָווסקי אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944, וואָלטן די אידן געבליבן לעבן.

די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דעמאָקראַטיע, האָבן מיטגעפילט און מיטגעקעמפט מיט דער ווארשעווער געטאָ, כאָטש זיי זיינען געשטערט געוואָרן פון די ען־עס־זעט און דעם לאָנדאָנער „אונטערגרונט", וועלכע האָבן פּאַקטיש געאַרבעט פאַר די דייטשן (די דייטשן האָבן עס אָנערקענט); כאָטש צופיל פּאָליאַקן, פאַר'סמ'טע פון צענדליקער יאָרן אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, אונטערגעהעצטע פונעם לאָנדאָנער „אונטערגרונט", האָבן צוזאַמען מיט אים געהאָלפן די דייטשן אין זייער אויסראָטונג־אַרבעט; כאָטש גרויסע מאַסן פּאָליאַקן האָבן זיך צו דער אויסראָטונג באַצויגן גלייכגילטיק. די קעמפער פאַר דעמאָקראַטיע האָבן מיטגעפילט און מיטגעקעמפט מיט דער געטאָ, און דערפאַר פאַרזאַמלען זיך דעם 19טן אַפּריל די בעסטע פאָרשטייער פון דער פּוילישער דעמאָקראַטיע אויפן אָרט, וואו עס זיינען פאָרגעקומען די שלאַכטן פון די פערציק טויזנט גבורים קעגן נאַציזם — „פאַרן כבוד און פאַר דער פרייהייט פון

אידישן פאָלק, פאַר אַ פרייַ פוילן, פאַר דער אויסלייזונג פונעם מענטש".
די קעמפער פאַר פאָלקס־דעמאָקראַטיע, אידן און ניט־אידן, פאַרזאַמלען
זיך אין דער געטאָ צום יאָרטאָג פון אויפשטאַנד און בויגן די קעפ.

איז וואָר: איר שטייט אַ פאַראומערטער פאַרן מאָנומענט אויף
געגנשע און זאַמענהאָף. איר טרויערט אויפן אומגליק. אָבער דער ווייטיק
און די טרערן טרייבן אייך ניט אַריין אין יאוש. איר דערפילט זיך מיט־
אַמאָל אַ געלייטערטער און אַ דערהויבענער. פון דעם רויטן צעמענט און
פונעם אַש דרינגט אַריין אין אייך — אַנטיפאַשיסטישער מוט, צאָרן,
שטאָלץ. איר ווילט ווערט זייַן פאַררעכנט צו ווערן, ווי אַן אָנגעהעריקער
מיט די געטאָ־קעמפער, וואָס האָבן זיך בראַוו און פאַראייניקט געשלאָגן
אין דער אַנטיפאַשיסטישער שלאַכט. ניט נאָר אַש פירט איר אַוועק מיט
זיך פון דער וואַרשעווער געטאָ, איר פירט מיט זיך אַוועק — פונקען.
און אַזוי וועלן זיי גליען אויף דור־דורות.

# סאָוועטן־פֿאַרבאַנד

ערשטער טייל

# די באַן קומט אָן אין מאָסקווע

מאָסקווע.

איך בין אָנגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט פון דעם סאָוועטישן לאַנד מיט דער באַן ברעסט—מאָסקווע. פונעם פענצטער פון וואַגאָן האָב איך דערזען די פּנימער פון צוויי גוט־באַקאַנטע סאָוועטישע בירגער, צוויי גוט־באַקאַנטע אידן, — די פּנימער פון שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער. באַלד האָבן מיר זיך וואַרעם און הארציק באַגעגנט. עס זיינען ביים באַן געווען עליע וואַטענבערג און לעאָן טאַלמי, וועלכע זיינען באַקאַנט פיל אַרבעטס־מענטשן אין אַמעריקע.

איך בין אָנגעקומען אין מאָסקווע.

מיט דער באַן האָב איך זיך אָבער ניט צעשיידט. די שטימונגען, וואָס האָבן מיך באַהערשט בשעת מיין רייזע, באַהערשן מיך נאָך איצט, ווען איך שרייב די שורות.

אַלערליי שטימונגען. איך האָב פאַרבראַכט צוויי טעג אין מיין געבורט־שטאָט בריסק, וואו די נאַצים האָבן אויסגעקוילעט כמעט אַלע אידן. די נאַצים האָבן געבראַכט טויט און פאַרוויסטונג אַפילו אויפן בית־עלמין. עס איז שווער פאַר עמעצן אין אַמעריקע, אָדער אין אַן אַנדער לאַנד, וואָס איז ניט באַרירט געוואָרן פון דער מלחמה, פאַרצושטעלן זיך מיט וואָס פאַר אַ געמיט איך בין, צום לעצטן מאָל אַפּנים, אַוועק פון מיין געבורט־שטאָט.

דאָס איז — איין שטימונג. און נאָך שטימונגען. ווען איך בין נאָך אַ נאַכט פאָרן — אין זייער אַ באַקוועמען און ציכטיקן שלאָף־וואַגאָן — אויפגעשטאַנען אין דער פרי און דערזען, אַז מיר זיינען ביי ניעגאָרעלאָיע, האָבן זיך אין מיר אויפגעוועקט דערינערונגען פון דער צייט, ווען אָט דאָ, ביי ניעגאָרעלאָיע, איז געווען די אַמאָליקע סאָוועטיש־פּוילישע גרענעץ...

דערנאָך האָט זיך די באַן געטראָגן איבער ווייסרוסלאַנד. באַקאַנטע באַן־סטאַנציעס האָבן זיך באַוויזן, באַקאַנט פון גאָר אַמאָל און באַקאַנט פון די מלחמה־קאָמוניקאַטן. מינסק... באָריסאָוו... אָרשע... די נעמען

האָבן זיך אין יוני־יולי 1941 איינגעבערענט אין די הערצער פון מענטשן איבער דער גאַנצער וועלט. אָהער איז אָנגעפלויגן דער נאַצי־היישעריק. און — פון דאַנען איז ער געפלויגן. דאָ, אין די וועלדער, וואָס מיר פאָרן פאַרביי, האָבן געלויערט אויף אים פּאַרטיזאַנען, צווישן זיי אידן.

דאָ און דאָרטן, לענג־אויס דער באַן־ליניע, וואַלגערן זיך צע־שמעטערטע דייטשע וואַגאָנעס מיט די אויפשריפטן: „דויטשעס רייך"... דאָס איז די אַרבעט פון די פּאַרטיזאַנען. דאָס איז די אַרבעט פון דער רויטער אַרמיי. אַ צעשמעטערטע פון די הענט פון די סאָוועטישע מענטשן ליג אויסגעלייגט דאָס „רייך" פון היטלערן און געבעלסן צווישן מאָסקווע און בערלין... דער בוג, ביי בריסק, איז פאַרלייגט מיט דייטשע לאָקאָ־מאָטיוון און וואַגאָנעס.

טייער האָט מען דערפאַר באַצאָלט. אַ חורבן האָט דער נאַצישער היישעריק דאָ געלאָזן —אָך, אַ חורבן! וויי, וואָס פאַר אַ חורבן! שטעט, שטעטלעך, דערפער — כמעט ווי אָפּגעווישט. ממש פאַרצווייפלט צו ווערן! אָבער דאָ האָט מיר ווידער געראַטעוועט דער סאָוועטישער מענטש, — ווי ער האָט אונדז, אין אַמעריקע און אומעטום, געראַטעוועט אין די יאָרן פון דער מלחמה (און ווייל עס געפינען זיך אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער אַזעלכע, וואָס ווילן אַז מען זאָל פאַרגעסן, דאַרף מען טאַקע גע־דענקען יענע טעג און נעכט, ווען מען האָט מיט האַרץ־קלאַפּעניש באַגעגנט אין די קאָמוניקאַטן מינסק און די אַנדערע שטעט — בשעת אַמעריקע איז נאָך געווען הילפלאָז, האָט ערשט גענומען בויען די פאַבריקן, וואָס האָבן ערשט שפּעטער געמאַכט דאָס געווער). אויך דאָס מאָל, בשעת מען האָט געקאָנט אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג, קוקנדיק אויפן חורבן, איז ווידער געקומען צוהילף דער סאָוועטישער מענטש. ווען איך האָב לעבן קאָידאַנאָוואָ, פאַר מינסק, דערזען די ברייטע פעלדער פון אַ קאָלעקטיווער פאַרם — מיטן אויג ניט צו פאַרוואַרפן; ווען איך האָב דערזען די בוי־אונגען, די נייע הילצערנע הייזער דאָרט וואו עס זיינען פריער געווען היילן, זעמליאַנקעס, האָב איך דערזען ווי דער סאָוועטישער מענטש זיגט.

בין איך געשטאַנען ביים פענצטער פון וואַגאָן און געלערנט אַ לעקציע פון דער לאַנדשאַפט אַרום. די באַן האָט שוין געהאַלטן נאָענט פון סמאָלענסק. עס האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל. און דאָ האָב איך דער־זען, אַז די זעמליאַנקעס זיינען ווייט־ווייט ניט אַלע פאַרביטן געוואָרן אויף דירות. און איך האָב זיך דערמאָנט אַ קליניקייט, וואָס מיר פאַרגעסן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער: די נאַציס האָבן חרוב געמאַכט די דירות פון פינף און צוואַנציק מיליאָן סאָוועטישע בירגער.

האָב איך געזען ווי פון דער ערד גייט א רויך; ווי פון דעם הויכן אָנשיט אַנטקעגן דער באַן־ליניע לויכטן פייערלעך...

מיינע אויגן זיינען געווען צוגעשמידט צו דער נאַכט אין דרויסן. מיטאַמאָל האָט די ראַדיאָ אין וואַגאָן פאַרענדיקט א מוזיק־פּראָגראַם און האָט גענומען איבערגעבן דעם אינהאַלט פון מאָלאָטאָווס א רעדע אויף דער פרידנס־קאָנפערענץ אין פּאַריז, די רעדע וועגן טריעסט. אין דער רעדע האָט מאָלאָטאָוו געוואָרנט, אַז די וואָס רעכענען צו פאַרפירן א שפּיל קענען סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלן ווידעראַמאָל דורכפאַלן. האָב איך געהערט די פייערדיקע ווערטער קעגן די מלחמה־העצער, וואָס רעדן אין נאָמען פון פעלקער, און געקוקט אויף די פייערלעך אין דרויסן און — האָב זיך געשעמט...

סמאָלענסק! די באַן איז אָנגעקומען אין סמאָלענסק. ווידער האָבן אויפגעלעבט פאַר מיר די קאָמוניקאַטן פון די מלחמה־יאָרן.

סמאָלענסק! ווען די נאַצים זיינען אַהער אריין, האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט אויף אַמעריקע, אויף דער וועלט. ווען די נאַצים זיינען ארויס־געיאָגט געוואָרן פון דאַנען, האָט מען שוין געוואוסט, אַז די וועלט איז געראַטעוועט. געווען איז עס שוין לאַנג נאָך סטאַלינגראַד. און דעמאָלט איז די רעאַקציאָנערן פינצטער געוואָרן אויף דער נשמה...

איצט שטייט אונדזער באַן ביי סמאָלענסק. און איצט דאַרף מען זען וואָס פאַר א פּרייז עס איז באַצאָלט געוואָרן, כדי אויף דער וועלט זאָל זיין ליכטיק.

ווידער זאָגן די פייערלעך עדות. די „שטאָטישע ליכטער" הינטערן וואָקזאַל זיינען אַזוי ווייניק און אַזוי שיטער! און דער פריערדיקער וואָקזאַל איז ניטאָ. פאַראַן איז א גרויסע, נייע הילצערנע געביידע, א צייט־ווייליקער וואָקזאַל. א געמויערט הויז דערביי, וואָס איז געבליבן שטיין, איז „געשטופּלט", אָפּגעטעשעט, א קאַליקע א הויז. אָבער מען מוז פון אַזאַ געביידע אויך מאַכן א נוץ.

ווען מיר זיינען אָפּגעפאָרן פון סמאָלענסק, האָט אונדז דער פּראָ־זשעקטאָר פון דאַך פון דער נייער, אימפּאָנירנדיקער הילצערנער הויז נאָכ־געוואָרפן א שטראַם ליכט. „בודיעט", עס וועט זיין א נייער וואָקזאַל אויך. און אין א שכנישער קופּע אין אונדזער וואַגאָן האָט עמעצער פאַרצויגן א מעלאָדיע אויף אַן אַקאָרדיאָן, א שטילע, האַרציקע רוסישע מעלאָדיע. און פאַרמאָגט האָט זי אַ ווייטיק, אַ קראַפט — ווי די לאַנדשאַפט אַרום...

אינדערפרי זיינען מיר אָנגעקומען אויף סטאַנציעס, וואָס האָבן ווידער דערמאָנט אָן „יענע טעג" (און נעכט) אינעם סוף 1941, אין אָנ־

הויב 1942. באָראָדינאָ, מאָזשאַיסק. מיט די נעמען פון די און אַנדערע פונקטן ארום מאָסקווע איז געווען פאַרבונדן דעם ערשטער אַנזאָג, אַז מען קאָן באַזיגן היטלערן!

ווען די באַן איז געווען ביי מאָזשאַיסק, איז לעבן מיר, ביים וואַגאָן־פענצטער, געשטאַנען אַ סאָוועטישער פּאָלקאָווניק, מיט אַ שורה מעדאַלן אויפן ברוסט. ער איז געווען אַ לעבעדיקער ענטפער אויף דער פראַגע „ווי אַזוי ס'האָט פּאַסירט". אין דער שלאַכט ביי קורסק האָט ער געקראָגן פיר און דרייסיק וואונדן. ער האָט זיך אויסגעהיילט, האָט זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן פאַר וואַרשע, פאַר בערלין (און אַזוי זאָגן צוויי מעדאַלן: איינער „פאַר וואַרשע", דער אַנדערער „פאַר בערלין"). קוק איך אויף די וועלדער, וואָס מיר פאָרן פאַרביי, וואו דער דייטש, וועלכער האָט זיך שוין געריכט, אַז ער זעט מאָסקווע, האָט געקראָגן די מפּלה. קוק איך אויפן פּאָלקאָווניק און בכלל אויף די סאָוועטישע מענטשן און ווייס, ווי אַזוי דער „נס" האָט זיך דאָ פאַרלאָפן. און אינעווייניק אין מיר איז וואַך דאָס געפיל, אַז מיר פאָרן צו אַלץ נעענטער צו מאָסקווע, פון וואַנען עס איז געגעבן געוואָרן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד די אָנפירונג, לאַנג פאַר דער מלחמה, און אין יענע גורל־פולע טעג, ווען דער שונא איז געשטאַנען ביי די טויערן.

צו די טויערן רוקט זיך איצט אונדזער באַן...

דער אַקאָרדיאָן אין דער שכנישער קופּע האָט פאַרצויגן אַ מעלאָדיע צום געזעגענען זיך. זי איז מונטער און דערפרישנדיק. זי איז פול מיט דערוואַרטונג.

אַזוי זיינען די פּאַסאַזשירן. צווישן זיי איז אַ גערודער, אַן אויפגעלייגטקייט, יום־טובדיקע אויפגערעגטקייט.

אָט איז שוין די פּלאַטפאָרם פון בעלאָרוסישן וואָקזאַל. מען קוקט דורך די פענצטער, מען זוכט אַ באַקאַנטן פּנים.

און דאָ זיינען שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער.

איר געדענקט זיי געוויס, אידן פון אַמעריקע! עס קלינגט מיר נאָך אין די אויערן די אָוואַציע פון פופציק טויזנט אידן אין דעם פּאָלאָ־גראַונדס סטאַדיום, אין ניו־יאָרק, אין יולי 1943, ווען מיר האָבן דערהערט פון די צוויי שלוחים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד: „ברידער!"

ברידערלעך איז די באַגעגעניש מיט די פירער פון אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. די באַן איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע.

# אויף די מאָסקווער גאַסן

מאָסקווע.

איך גיי אַרום איבער מאָסקווע. איך שפּאַציר איבער די ברייטע גאַסן, די גרויסע סקווערן. איך פֿאַל אַריין אין אַן אַמאָליקן פּערעאולאָק, וואָס איז ברוקירט מיט קאָפּשטיינער נאָך פֿון די אַלטע צאַרישע ציַיטן, און קום ווידער אַרויס אויף די ברייטע אַספֿאַלטירטע סאָוועטישע עוועניוס. און איך קאָן זיך ניט אָפּוואונדערן פֿון די ענדערונגען, וואָס זיינען דאָ פֿאָרגעקומען פֿאַר די צען יאָר וואָס איך בין דאָ ניט געווען.

מאָסקווע געדענקט זיך מיר זייער גוט. מאָסקווע איז אַן איינגאַרטיקע שטאָט ניט נאָר מיט איר כאַראַקטער, מיט איר פּיזישן אויסזען, מיט דער וועלט־באַדייטונג וואָס זי פֿאַרמאָגט. מאָסקווע איז, וואָלט איך געזאָגט, אַן אויפריכטיקע שטאָט, אַ גאַסטפריינטלעכע און אַ וואַרעמע, טריי צום רוסישן כאַראַקטער. איך האָב זיך באַקענט מיט איר אין האַרבסט, 1917, ערב דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און זי איז מיר באַלד איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן.

זי האָט נאָך דעמאָלט געהאַט אַ שפּאָר ביסל פּלעקן אויף זיך. דאָס איז נאָך געווען די אַמאָליקע אַלטע שטאָט פֿון די מאָסקווער קופּצעס. אַפֿילו די הויפּט־גאַס, די טווערסקאַיאַ — איצט גאָרקי־גאַס — איז געווען ברוקירט מיט קאָפּשטיינער און צעשניטן פֿון טראַמוואַי־ליניעס. עס איז געווען אַ שטאָט מיט אַ סך קלויסטערס, וועלכע האָבן זיך אָפּט געשטעלט פּאַפּערעק, אינמיטן גאַס, ביים סאַמע געדיכטן פֿאַרקער. עס איז געווען בלאָטע און אַ סך אומבאַקוועמלעכקייט. פֿון אַזאַ זאַך ווי אַ מעטראָ האָט נאָך קיין רייד ניט געקאָנט זיין. אָבער דאָס איז געווען אַן אַלטע כאַראַקטעריסטיש־רוסישע שטאָט מיטן שטעמפּל פֿון געשיכטע אויף זיך. זי האָט שוין דעמאָלט געהאַט אויף זיך דעם שטעמפּל פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1905, און באַלד זיינען אָנגעקומען די צען טעג, וואָס האָבן אַ טרייסל געטאָן די וועלט, די אָקטאָבער־טעג פֿון 1917. מאָסקווע איז געוואָרן אַ וועלט־שטאָט — ערשט צו ווערן די וועלט־שטאָט, וואָס זי איז איצט.

און דערנאָך האָב איך געזען מאָסקווע אין 1929, אין 1932 און אין

1936. איך האָב געזען ווי זי איז געוואַקסן, ווי זי האָט זיך געענדערט. איך האָב זיך איצט אויך געריכט אויף ענדערונגען, אָבער קיין איבער־ראַשונג האָב איך ניט דערוואַרט. בפרט נאָך ווען מיך האָט כסדר ניט אָפּגעלאָזט דאָס געפיל, אַז איך פאָר אין דער הויפּט־שטאָט פון דעם לאַנד, וואָס האָט זיך אַזוי אָנגעשטרענגט צו געווינען די וועלט־מלחמה קעגן היטלערן, אַז איך פאָר אין דער העלדן־שטאָט. ווייזט זיך אַרויס, אַז מאָסקווע האָט באַוויזן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע העלדישקייטן אין בויאונג, אַ סך פאַנטאַזיע און שוואונג. אַפּנים דערפאַר האָט זי שוין געקאָנט באַווייזן אַזוי פיל געוואַגטקייט און העלדישקייט אין דער מלחמה.

גיי איך איבער די גאַסן און סקווערן, איבער די ברייטע עוועניוס און שמאָלע פּערעאולקעס פון דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט. זע איך די זעלביקע מאָסקווע, וואָס איז אָבער ניט די זעלביקע.

איך בין אַרויס פון בעלאָרוסישן וואָקזאַל ביים אָנקומען אין שטאָט און מיך האָט באַגעגנט דער אָנהויב פון דער גאָרקי־גאַס, די הויפּט־גאַס פון מאָסקווע. איז דאָס די אַמאָליקע טווערסקאַיאַ־יאַמסקאַיאַ? דאָ האָט זיך, אין 1917, שוין גערעכנט עק שטאָט. וואָס־זשע זע איך אָבער איצט! עס עפנט זיך פאַר מיר אַ ברייטע, זייער ברייטע גלאַט־אַספאַלטירטע גאַס. דער סקווער פאַרן וואָקזאַל איז צעגראָבן, מען בויט אים איצט איבער, מען זעצט־פאָר די מאָסקווער בויאונג, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן, כאָטש ניט אינגאַנצן, בשעת דער מלחמה.

דעם גרעסטן טייל פון דער גאָרקי־גאַס האָט מען באַוויזן איבער־צובויען נאָך פאַר דער מלחמה. אַ ברייטע אַספאַלטירטע גאַס עפנט זיך פאַר מיר. איך באַמערק דאָ און דאָרטן נייע גרויסע הייזער. אַזוי ציט זיך די גאַס ביז דעם גרויסן, פאַרגרעסערטן מאַיאַקאָווסקי סקווער, וואו עס שיינט אַרויס די נייע געבײַדע פון דעם קאָנצערט־זאַל אויף טשאַי־קאָווסקיס נאָמען. די ברייטע גאָרקי־גאַס הויבט דאָ אָן גיין צווישן צוויי רייען נייע זעקס־זיבן־שטאָקיקע הייזער. עס קורסירן אַ סך אויטאָס, נייע גרויסע טראָליבוסן און אויטאָבוסן. און באַלד איז פּושקין־סקווער, וועל־כער איז באמת ניט צום דערקענען. אויפן ראָג פונעם טווערסקאָי בולוואַר איז צו זען פּושקינס מאָנומענט. דער אַמאָליקער סטראַסטנאָי מאָנאַסטיר, וואָס איז דאָ געשטאַנען און האָט פאַרשטעלט די געבײַדע פון דער „איז־וועסטיאַ”, איז ניטאָ. פאַר דער געבײַדע שפּרייט זיך איצט אויס אַ ברייט־ברייטער אַספאַלטירטער סקווער.

און ווייטער פאָרט איר איבער דער אויסגעברייטערטער גאָרקי־גאַס. איר קומט־צו צו סאָוועטסקאַיאַ פּלאָשטשאַד. די געבײַדע פון מאָסקווער

סאָוועט איז כמעט די זעלביקע ווי אין 1917, אָבער זי איז גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערע. אויף די פריערדיקע פיר שטאָק האָט מען ארויפגעשטעלט נאָך דריי, און ניט נאָר האָט מען איינגעהיט דעם סטיל פון דער אמאָליקער ארכיטעקטור, דעם טונקל־רויטן קאָליר מיט די העלע קאָלאָנעס, נאָר די געביידע איז ערשט געוואָרן גאָר אימפּאָזאַנט. אַן אַ זייט, וואו עס איז אמאָל געשטאַנען דער האָטעל „דרעזדען", איז אַרויסגעוואַקסן אַ באמת־פּרעכטיקע געביידע פון אַ מאָדערנע וואוינונגען מיט אַ רעסטאָראַן און געשעפטן פון אונטן. און אַזוי ציט זיך אַוועק אַ לאַנגע שורה אַזעלכע פּרעכטיקע ריזן־געביידעס, שיין געבויט, מיט באַלקאָנען און אַלערליי אָרנאַמענטן, ביזן סאַמע סוף גאָרקי־גאַס,ביים אָכאָטני ריאַד.

מאָסקווער איינוואוינער האָבן זיך שוין לאַנג אויפגעהערט וואונדערן איבער די ענדערונגען. אָבער ווען איר קומט נאָך אַן אָפּוועזנקייט פון צען יאָר, הערט איר ניט אויף זיך צו חידושן אויף דעם, וואָס מ'האָט געמאַכט פון דער גאָרקי־גאַס.

די גאָרקי־גאַס האָט מיך באַגעגנט ביי מיין איצטיקן אריינפאָר אין מאָסקווע מיט חידושים אויף טריט און שריט. און כאָטש דער וועטער איז געווען רעגנדיק און נאַס, האָבן פאַר מיר געלויכטן די דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער בויאונג. ווען עס זיינען אָבער אריבער עטלעכע טעג, האָב איך זיך ארומגעקוקט אַז דאָס איז ערשט אַן אָנהויב.

עס איז דאָ אַזויפיל נייעס אין מאָסקווע! איר פרייט זיך מיט די נייעסן, אָבער אין דער זעלביקער צייט טוט אייך ווי דערפון, וואָס די מלחמה האָט איבערגעהאַקט די מאָסקווער בויאונג אין סאַמע מיטן. ווען ניט די מלחמה, וואָלט שוין דער צען־יאָר פּלאַן איבערצובויען מאָסקווע, אָנגעהויבן אין 1935, געווען דורכגעפירט. עס וואָלטן געווען אַן אַ שיעור מער נייע געביידעס פאַר אינסטיטוציעס, פאַר וואוינונגען. דער וואוינונגס־קריזיס, וועלכער איז דאָ אומגעהויער שאַרף, ווייל בעת די מלחמה האָט אָפּגעשטעלט די בויאונג פון הייזער איז פונדעסטוועגן די באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן פון 4 מיליאָן אויף 6 מיליאָן, — דער וואוינונגס־קריזיס וואָלט אין אַ גרויסער מאָס געווען געלייזט.

דער בוי־פּלאַן איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אינמיטן, אָבער אינגאַנצן איז די בויאונג ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן. די מעטראָ און אַנדערע פּראָיעקטן האָט מען ניט אויפגעהערט בויען אַפילו אין די טעג ווען דער שונא איז געווען ניט ווייט פון שטאָט.

און אין די פינף יאָר פאַר דער מלחמה האָט מען באַוויזן היפּש אויפ־צוטאָן! עס זיינען דאָ אַ סך גאַסן מיט אומאויפהערלעך לאַנגע רייען

אַפּאַרטמענט־הייזער. איך בין געווען אין דער „פּראַוודאַ", אויף לעניג־גראַדער שאָסעי, העכער פון בעלאָרוסישן וואָקזאַל, און בין דערשטוינט געוואָרן פון די גאַסן מיט די גרויסע אַפּאַרטמענט־הייזער אַרום און אַרום. עס זיינען דאָ נייע בריקן איבער דער טייך מאָסקווע און עס זיינען דאָ אַלט־נייע און אינגאַנצן נייע סקווערן, וואָס פאַרכאַפּן ממש דעם אָטעם מיט זייער ברייטן שוואונג. ווי אין פּסוק שטייט: „שיראָקאַ סטראַנאַ מאָיאַ ראָדנאַיאַ".

אַ ריי סקווערן, מיט זייערע געביידעס און די גאַסן אַרום — ווי דער רויטער סקוועד מיט לעניגס מאַוזאָלעי; דער סווערדלאָוו סקווער מיטן גרויסן טעאַטער און אַנדערע טעאַטערס; דער פּושקין סקווער, דער מאַיאַקאָווסקי סקווער — וועלן דאַרפן באַשריבן ווערן באַזונדער. און צו דער נייער ליניע פון דער מעטראָ וועט מען ערשט דאַרפן צוקומען. איך קאָן דאָ נאָר זאָגן, אַז אין פאַרגלייך מיט איר קוקט שוין אויס די ערשטע באַרימט־געוואָרענע ליניע פון דער מעטראָ גאָר וואָכעדיק. און די „קונץ" איז, וואָס די שיינקייטן פון דער מעטראָ לאָזן זיך שוין פילן אין די בויאונגען אויף די גאַסן און סקווערן.

גיי איך איבער די גאַסן און סקווערן פון מאָסקווע. עס איז האַרבסט און מאָסקווע איז אין די האַרבסטיקע טעג גאָר שיין. בעסער איז, פאַר־שטייט זיך, ווען עס איז זוניק. די ברייטע בלאַנקענדיקע סקווערן זיינען דעמאָלט פול מיט ליכט. די גאַנצע אַטמאָספערע איז פול מיט ווייבע קאָלירן, וועלכע שלאָגן אָפּ פון די העלע געביידעס, פון די נייע בויאונגען און פון די אַנטיקן־אַלטע טורעמס פון קרעמל. עס בליצן אויף די טורעמס די רובינען־שטערן. אָבער אויך ווען די הימלען זיינען גרוי פאַרמאָגן די מאָסקווער גאַסן אַן אייגענע וואַרעמקייט, אַ היימישקייט. די לופט איז טערפּקע און שטאַרקנדיק. די גאַסן און סקווערן זיינען פול מיט מענטשן. עס איז דאָ אימפּעט און ציל און קראַפט אין דער באַוועגונג פון דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט.

# ביים לענין־מאַוואַלעי

מאָסקווע.

עס איז געווען אַ זוניקער פאַרנאַכט און פאַרן לענין־מאַוואַלעי אויפן רויטן סקווער האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע טאָפּלטע ריי מענטשן. צוזאַמען מיט אַ פריינט האָב איך זיך געשטעלט צום סוף פון דער ריי, וועלכע האָט באַלד גענומען וואַקסן הינטער אונדז. פאַרן אַריינגאַנג אין מאַוואַלעי האָב איך זיך אומגעקוקט אויף צוריק און דערזען אַ לאַנגע, לאַנגע טאָפּלטע שורה מענטשן, דערזען ווי פון פאַרשיידענע זייטן אײַלן זיך מענער, פרויען און קינדער, פאַמיליעס גאַנצע, צו שטעלן זיך אין ריי.

ווי די וואַסערן פון אַ לעבעדיקן קוואַל, אַזוי שטראָמט דאָ כסדר. שוין באַלד 23 יאָר אַזוי. עס שטראָמט דאָס גרויסע פאָלק פונעם גרויסן לאַנד. דאָ גייט מען ניט דורך קיין דריי־טירל, קיין „טוירנסטיל”, דאָ איז ניטאָ קיין אויטאָמאַטישער אָדער אַנדערער אַפּאַראַט, וואָס זאָל ציילן די מענטשן. ס׳איז ניט איבערצוציילן. ס׳איז ניט צו מעסטן דעם שטראָם פון קוועלנדיקע וואַסערן!

די ריי גייט פּאַמעלעך, אָבער אָן אָפּשטעל. מיר זײַנען שוין פאַרביי די שיינע שטאַלטנע יונגע רויט־אַרמייער, וואָס שטייען ביים אַריינגאַנג, ווי סטאַטועס. מיר זײַנען אינעווייניק אין דער מאַרמאָרנער געביידע. עס באַגעגנט אונדז, אין דעם קליינעם פאָרהויז, אַ וואַנט פון שוואַרצן גלאַנציקן מאַרמאָר מיט אַן אַש־גרויען סערפּ און האַמער אויסגעהאַקט אויף זיך. מיר פאַרקערעווען אין אַ טיר אויף לינקס, לאָזן זיך אַראָפּ עטלעכע טרעפּלעך און פאַרנעמען זיך ווידער פאָראויס איבער טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ. מיר גייען אין שטילקייט און ווייכן שיין. מיר פאַרקערעווען אין אַ טיר אויף רעכטס און געפינען זיך אין אַ גרויסן געצעלט פון מאַרמאָר. דער באָדן איז אומגעפער אַ שטאָק אונטער דער ערד. צווישן דעם באָדן און דעם געוועלבטן סופיט פון שוואַרצן און טונקל־גרויען מאַרמאָר איז אַן ערך דריי שטאָק. אין מיטן פון דעם געצעלט, אויף אַ טונקעלן מאַרמאָרנעם פּעדעסטאַל, געפינט זיך אַ באַלויכטענער גלעזערנער אָרון.

פון דער טיר פאַרקערעווען מיר שאַרף אויף רעכטס, הויבן זיך אויף אויף טרעפּ צווישן דער וואַנט און דעם פּעדעסטאַל מיטן אָרון. מיט יעדן טרעפּ העכער קאָן מען אַלץ בעסער זען, ווי לענין רוט אין דעם אָרון. מיר גרייכן אַ פּלאַכן באָדן, וואָס איז גלייך מיטן פּעדעסטאַל, און מיר זעען שוין קלאָר פאַר זיך לענינען. אָפּשטעלן זיך קאָן מען ניט. מיר פאַרנעמען זיך איבער דעם פּלאַכן באָדן, אויף לינקס, און גייען־אַרום דעם אָרון. מיר נעמען ניט אַראָפּ די אויגן פון דעם רוענדיקן לענינען. ער ליגט און רוט אין רויטן טוך. עס זעט זיך דער גוט־באַקאַנטער פּנים מיט הויכן שטערן. לענין ליגט און רוט. שוין באַלד 23 יאָר אַזוי. עס זעען זיך זיינע הענט, וואָס שטעקן ־אַרויס פון די שוואַרצע אַרבל. די רעכטע האַנט — אַ פויסט. די לינקע רוט אויסגעגלייכט אויף דער רויטער פאָן, וואָס דעקט אים צו ביזן ברוסט. פון דער מאַטער שיין, וואָס פאַלט אויפן רוענדיקן לענינען, קאָן מען זען דעם אָפּגלאַנץ פון די רויטלעכע האָר אַרום דעם גרויסן מוח.

אָפּשטעלן זיך דאָ קאָן מען ניט. דאָס פאָלק שטראָמט דאָ פאַרביי מיט שטילקייט און יראת־הכבוד. מען גייט אַרום דעם אָרון און מען לאָזט זיך אַראָפּ מיט די אַנטקעגנדיקע טרעפּ צוריק צום באָדן פון דעם געצעלט און דורך אַ טיר רעכטס — צום אַרויסגאַנג.

מיר זיינען אין דרויסן און זעען ווי עס שטראָמט דער עולם צו דער ריי פאַרן מאַוזאָלעי. פיל פון די, וואָס זיינען שוין אינעווייניק געווען, שטעלן זיך אָפּ קוקן אויף דער קרעמל־וואַנט.

דאָ, הארט הינטערן מאַוזאָלעי, איז ניט לאַנג צוריק צוגעקומען אַ פרישער קבר — פון קאַלינינען. אַן אַנדער קבר איז דאָ פאַראַן, נאָך פון די צייטן ווען לענין האָט געלעבט, דער קבר פון דזשאָן ריד'ן. און דאָ, ביי דער קרעמל־וואַנט, ליגן פיל פון די געפאַלענע אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. און די וואַנט פון קרעמל פאַרמאָגט אויף זיך נעמען. דאָ און דאָרטן לייענט עמעצער פון עולם די נעמען אויף די בראָנזענע קליינע טאָוולען, וואָס דעקן־צו די לעכער אין דער וואַנט, אין וועלכע עס זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן די וואַזן מיטן אַש פון גרויסע סאָוועטישע מענטשן. מען לייענט: קיראָוו, סמידאָוויטש, אוליאַנאָווא, גאָרקי, קרופּסקאַיאַ, און נאָך און נאָך. אָדער מען שטייט גלאַט אַזוי און מען קוקט אויף דער קרעמל־וואַנט.

עס ווילט זיך קוקן אויף דער וואַנט. עס ליגט אויף איר דער שטעמפּל פון געשיכטע. אויף איר, אויפן קרעמל בכלל, אויפן גאַנצן סקווער!

דאָס לעבן פון פאַרגאַנגענע דורות איז דאָ באַהאַפטן מיטן לעבן פון היינט, און אַזוי פאַרקערט.

די וואָס גייען דורך דעם מאַוזאָלעי, ווייסן, אַז לענין לעבט, אַז דאָס ווערק פון די אַלע, וואָס רוען דאָ — דאָס סאָוועטישע לאַנד, לעבט, איז אַרויס צום לעבן נאָך אַן אומגעהויערן געראַנגל, אין וועלכן דער גורל פון דער וועלט איז באַשלאָסן געוואָרן, און קומט־ביי די שוועריקייטן פון בויאונג, פון היילן די וואונדן, און וואַקסט און שטאַרקט זיך. אַט דאָ אויפן סקווער האָט מען געהערט דעם טראָט פון אומצאָליקע באַטאַליאָנען פון פאָלק — אַ טראָט, וואָס הערט ניט אויף צו שלאָגן ווי דער פולס פונעם לאַנד. אַט דאָ, אויף דעם מאַוזאָלעי, האָט סטאַלין געהאַלטן זיין רעדע דעם 7טן נאָוועמבער, 1941, ווען דער שונא איז געווען ניט ווייט.

איר געפינט זיך אויף דער אַרענע, אויף וועלכער דער וועלט־געראַנגל קעגן היטלערן איז אויסגעפאָכטן געוואָרן.

עס זיינען פאַראַן אין פּאַריז און אין אַנדערע שטעט גרעסערע סקווערן. לויטן פּלאַן פון דער מאָסקווער בויאונג, דאַרף אויך דער רויטער סקווער פאַרגרעסערט ווערן. די ריזיקע געביידע אַנטקעגן דער קרעמל־וואַנט דאַרף אָפּגערוקט ווערן, אָדער אינגאַנצן באַזייטיקט ווערן. דערוויילי איז דער רויטער סקווער קלענער, לאָמיר זאָגן, פון דעם קאָנקאָרד־פּלאַץ אין פּאַריז. אָבער ניט מיטן שטח און ניט מיט זיין שיינקייט, איז אָנגענומענעם זין, נעמט אייך דער רויטער סקווער.

איר שפּירט אויפן רויטן סקווער דעם אָטעם פון געשיכטע. די געשיכטע פון אַלטן רוסלאַנד. די קרעמל־ווענט רעדן וועגן דעם. די טורעמס און קופּאָלן רעדן וועגן דעם, און די סטאַטוע פון מינין און פּאָזשאַרסקי אַן אַ זייט פון סקווער, און דער וואַסילי־קלויסטער מיט זיינע געקעסטלטע און געפלאָכטענע קופּאָלן. אָבער דאָס נייע נעמט דאָ די אויבערהאַנט. דער לענין־מאַוזאָלעי דאָמינירט דעם סקווער. די קרעמל־וואַנט איז געהייליקט מיט די העלדן פון די אָקטאָבער־טעג, מיט די נעמען פון קאַלינין, קיראָוו, גאָרקי און אַנדערע. און אויף דעם סקווער גופא, וואָס איז אַמאָל געווען באַדעקט מיט קאָפּשטיינער און איצט מיט פלאַכע גראַניט־קלעצלעך, קלינגען די טריט פון דרייַ צענדליק יאָר אָקטאָבער.

דאָ וועבט זיך דער פאָדעם פון דער געשיכטע, וועבט אַריין אין זיך דאָס שענסטע פון דעם אַלטן און פלעכט זיך איבער אין נייע קאָלירן.

קאָלירן. דער טונקל־רויט פון דער פעסטונג־אַרטיקער, ציגלנער קרעמל־וואַנט גיסט זיך צונויף מיט די גרינע, שפּיציקע סכך־בוימלעך האַרט ביי דער וואַנט, מיטן גלאַנציקן רויטן און טונקל־גרויען מאַרמאָר פון

לעניןֿ־מאַוואָלעי, מיט די רויטע רובינען־שטערן אויף די שפּיצן פון די טורעמס — דאָרט וואו עס זיינען אַמאָל געווען צוויי־קעפּיקע אָדלערס. ביינאַכט, ווען עס זעען זיך נאָר, אין שאָטן, די שטריכן פון דער וואַנט, פון די טורעמס, פון דעם מאַוזאָלעי, שיינען די רובינען־שטערן רויט.

אַ בריק איז פאַראַן דאָרט, וואו עס פאַרענדיקט זיך דער רויטער סקווער, אַ בריק איבער דער טייך מאָסקווע, וואָס פליסט דאָ פאַרביי. די בריק האָט „געשפּילט" אינעם פילם „זעקס פאַרנאַכט", אָדער „סיקס פּ. מ.", ווי ער האָט אין אַמעריקע געהייסן. אַ מעשה ווערט דערציילט פון אַ מיידל מיט אַ בחור, וועלכע האָבן זיךביידע געשלאָגן אויף די פראָנטן קעגן די נאַציס. אָפּגערעדט האָבן זיי, אַז ווען זיי וועלן אַרויס פון דער מלחמה בשלום, זאָלן זיי זיך טרעפן דאָ אויף דער בריק זעקס פאַרנאַכט, אין טאָג פון די פייערונגען לכבוד דעם זיג. און אַזוי איז געווען. עס איז געקומען די „אויסגעבענקטע שעה" און ער שטייט אויף דער אויס־געבענקטער בריק. אונדזער העלד לעבט איבער מאָמענטן פון פחד. זי קומט ניט און ער מיינט, זי איז געפאַלן אין די שלאַכטן. אָבער די מעשה ענדיקט זיך גוט. זי האָט זיך באַוויזן! זי איז דאָ!

צו דער בריק בין איך צוגעקומען. ניט יענעם פאַרנאַכט, ווען איך בין געווען אין מאַוזאָלעי, נאָר מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אין מיטן נאַכט, נאָך אַ פאָרשטעלונג פון דער פּיעסע „ווייט פון סטאַלינגראַד". איך האָב געוואָלט זען ווי עס קוקט דעמאָלט אויס דער סקווער. דער זייגער אויף דעם ספּאַסקי־טורעם האָט אויסגעקלונגען צוועלף. ביים לענין־מאַוזאָלעי האָט זיך געביטן די וואַך. די רובינען־שטערן אויף די טורעמס האָבן העל געלויכטן. האָב איך זיך, גייענדיק איבער דער בריק — אַ נייע בריק פון גראַניט, וואָס פּאַסט זיך אַריין אין דעם סטיל און אין די קאָלירן אַרום — דערמאָנט אָן יענעם פילם און אָן יענע העלדן, וואָס זיינען אַרויס בשלום פון דער מלחמה, צו אַ ניי לעבן. און איך האָב געטראַכט פון דער פּיעסע, וואָס האָט געשילדערט ווי מען האָט זיך אָנ־געשטרענגט ווייט פון סטאַלינגראַד — כדי עס זאָל ביי סטאַלינגראַד קומען דער זיג. און מיר איז איינגעפאַלן, אַז בחורים און מיידלעך פון אַ סך לענדער און פעלקער זיינען אַדאַנק דעם אַרויף אויף דער בריק, וואָס פירט צום לעבן.

לייענט איר אויפן רויטן סקווער אין מאָסקווע בלעטער פון דער געשיכטע — פון אַמאָל, פון נעכטן, פון היינט און פון טעג וואָס וועלן קומען.

# אַ נייע מאָסקווע שטייט אויף

מאָסקווע.

מען פאַרבט און מען קאַלכט און מען רעמאָנטירט אויף אַ סך ערטער אין מאָסקווע. דאָס גרייט מען זיך צום ווינטער, וואָס אָט־אָט איז ער דאָ. דאָס גרייט מען זיך צו די פייערונגען פון דעם יאָרטאָג פון סאָוועטן־מאַכט, די אָקטאָבער־פייערונגען.

אויף סווערדלאָוו־סקווער פאַרבט מען איבער און מען רעמאָנטירט די געביידע פון מאַלי טעאַטער. ווען מען וועט זיך מיט איר ספּראַווען, וועט זי אויסקוקן פון דרויסן פּונקט ווי בשעת זי איז אויפגעבויט געוואָרן מיט העכער הונדערט יאָר צוריק: ווייסע קאָלאָנעס אויף אַ געלן הינטער־גרונט, די כאַראַקטעריסטישע העלע קאָלירן פון אַ סך אַלטע מאָסקווער אימפּאָזאַנטע געביידעס, ווי, למשל, דער מאָסקווער אוניווערסיטעט. און דאָס איז אַ וויכטיקער שטריך פון דער מאָסקווער בויאונג. די שענסטע געביידעס פון אַמאָל ווערן אָפּגעהיט און אַריינגעוועבט אין דעם פּלאַן פון נייע בויאונגען.

אויפן סווערדלאָוו־סקווער שטייט דאָס באַקאַנטע הויז פון אָפּערע און באַלעט, דער באָלשאָי טעאַטער. דאָס איז אַ פּרעכטיקע געביידע אין קלאַסישן סטיל, מיט אימפּאָזאַנטע קאָלאָנעס פון פאָרנט, מיט אַ גרופּע טשוהונענע פערד פון אויבן. די געביידע איז אַביסל געשעדיקט געוואָרן בשעת דער מלחמה, אָבער איז געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג, טאַקע בשעת דער מלחמה. די טונקעלע קאָלירן, אין וועלכע די געביידע איז אָנגעטאָן געוואָרן, כדי צו פאַרשטעלן זי פון דעם שונא, זיינען שוין באַלד פאַרשוואונדן. דער באָלשאָי טעאַטער וועט באַלד האָבן צוריק דעם קאָליר פון זיין יוגנט, ווי די געביידעס פון מאָסקווער אוניווערסיטעט, וואָס זיינען העכער הונדערט פינף און צוואַנציק יאָר אַלט, און ווי דער מאַניעזש אַנטקעגן זיי און ווי די לענין־ביבליאָטעק, דער אַמאָליקער רומיאַנצעווער מוזעי, — ווייטער־צו, אויפן וועג צום אָרט, וואו עס איז פּראָיעקטירט געוואָרן צו בויען דעם פּאַלאַץ פון די סאָוועטן.

די מלחמה האָט איבערגעריסן די אַרבעט איבער דעם גראַנדיעזן

פּראָיעקט, די בויאונג פון דעם פּאַלאַץ ביים ברעג פון דעם מאָסקוואַ־טייך, אַ געביידע, וואָס וואָלט געווען די העכסטע אין דער וועלט. עס זיינען שוין געווען אויפגעשטעלט די שטאָלענע סקעלעטן פון די ערשטע שטאָקן, ווען די נאַציס זיינען באַפאַלן דאָס לאַנד. די בויאונג איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און מ׳האָט די שטאָלענע סקעלעטן צענומען. געבליבן זיינען די קאָמפּליצירטע און מעכטיקע פונדאַמענטן מיט די הויב־קראַנען אַרום.

מיט צען יאָר צוריק, ווען דער פּלאַן איבערצובויען מאָסקווע איז אָנגעהויבן געוואָרן, איז פאַרטראַכט געוואָרן אַ געוואַגטער פּראָיעקט פון אַ בולוואַר, וואָס זאָל זיך ציען פון דעם אַנדערן טייל שטאָט, פון דזשער־זשינסקי־סקווער, דורך טעאַטראַלני, פאַרביי סווערדלאָוו־סקווער, דורך אָכאָטני ריאַד, פאַרביי דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט און דער לענין־ביבליאָטעק, ביז דעם פּאַלאַץ פון די סאָוועטן. דאָ האָט מען געדאַרפט אַראָפּנעמען קוואַרטאַלן אַלטע הייזער, בויען נייע, אויסברייטערן די גאַסן, די סקווערן. דער בולוואַר האָט זיך געדאַרפט ציען דורך אַכט סקווערן. דאָס איז געווען אַ געוואַגטער פּראָיעקט, ווייל דער וועג איז געווען פאַר־שטעלט מיט אַלטע הייזער. עס איז געווען „פּאָלג מיך אַ גאַנג", כאָטש צי דעם בולוואַר איבער די דעכער.

ווייזט זיך אַרויס, אַז מען האָט זיך אַן עצה געגעבן. אין די פינף יאָר, וואָס מען האָט געבויט, ביז 1940, האָט מען באַוויזן אויסצוברייטערן דעם דזשערזשינסקי־סקווער, פאַרגרעסערן דעם סווערדלאָוו־סקווער, אוועק־שטעלן אויפן אָכאָטני ריאַד די אימפּאָזאַנטע געביידעס פון דעם הויז פון דעם מיניסטאָרן־ראַט און דעם האָטעל „מאָסקוואַ", אויפבויען דעם מאַ־ניעזשני־סקווער, פון וואַנען עס עפענען זיך ברייטע אויסגעפּלאַסטערטע וועגן צו צוויי אַנדערע סקווערן: רויטער סקווער און רעוואָלוציע־פּלאַץ. ווייטער פון מאַניעזשנאַיאַ איז פאַרטיק געוואָרן די נייע געביידע פון דער לענין־ביבליאָטעק, ריכטיקער — אַ סעריע נייע געביידעס, — און דאָ איז דער פּראָיעקט דערווייל געבליבן שטיין. איצט מעג מען דערוואַרטן, אַז ער וועט אינגיכן ווייטער לאָזן זיך אין וועג. ער וועט אָפּראַמען אַ ריי אַלטע, צעפוילטע געביידעס פון דער אַמאָליקער מאָסקווע און וועט דערביי אָפּהיטן די שיינע געביידעס פון אַמאָל. נייע סקווערן וועלן געשאַפן ווערן, — למשל, אַ סקוועער פאַר די טראַיאַיצקי־טויערן פון קרעמל. עס וועט געשאַפן ווערן דער געפּלאַנעוועטער גראַנדיעזער בולוואַר, וואָס וועט זיך קאָנען פאַרמעסטן מיט די גרעסטע און שענסטע בולוואַרן אין פּאַריז. דאָ אָבער, אויף דעם מאָסקווער „גרויסן בולוואַר", וועלן געבן דעם טאָן מלוכה־אינסטיטוציעס, טעאַטערס, ביבליאָטעקן, מוזייען, דער אוניווערסי־

טעט, דער קרעמל, דער פּאַלאַץ פון די סאָוועטן. די פּערל פון דער אַלטער מאָסקווער אַרכיטעקטור וועלן איינגעשלאָסן ווערן אין דער נייער בויאונג.

אַזאַ בויאונג איז מעגלעך נאָר אונטער סאָציאַליזם. דאָרט, וואו עס הערשט פּריוואַט־אייגנטום, קומט בכלל שווער אָן אָפּצוראַמען אַלטע מיאוסע געביידעס. און כאָטש איך האָב גוט אינזינען, אַז אַזעלכע זאַכן זיינען פונדעסטוועגן געטאָן געוואָרן, — למשל, אין געוויסע טיילן פון ניו־יאָרק, אין וואַשינגטאָן, און עס זיינען געבויט געוואָרן (אין וואַשינג־טאָן, הייסט עס) אימפּאָזאַנטע מלוכה־געביידעס, איז אָבער פּשוט ניט דענקבאַר מען זאָל פּראַיעקטירן אַ מין סופּער־בולוואַר פון אַזאַ פאַרנעם. עס האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן אַוועקשטעלן אַ ריי געביידעס, קולטור־פּאַלאַצן, נאָר וועגן דעם, אַז זיי זאָלן שטימען איינס מיטן אַנדערן און זאָלן פאָרשטעלן מיט זיך טיילן פון אַ גאַנצן גראַנדיעזן פּלאַן, און זאָלן אַריינ־נעמען אין זיך דאָס שענסטע פון אַמאָל.

אין די קומענדיקע פינף יאָר וועט אויף דער איבערבויאונג פון מאָסקווע אויסגעגעבן ווערן העכער ניין מיליאַרד רובל. עס דאַרפן אויס־געבויט ווערן וואוינונגען אויף אַ שטח פון עטלעכע מיליאָן קוואַדראַט מעטער. אַהער גייען אַריין סיי גרויסע אַפּאַרטמענט־הייזער, סיי קלענערע הייזער. אין דעם פּלאַן גייט אַריין אַ ברייטע מוניציפּאַלע בויאונג, איינ־געשלאָסן נייע ליניעס פון דער מעטראָ. די אַלע בויאונגען וועלן געווים פאָדערן אַ סך אָנשטרענגונג.

איך האָב שוין דערמאָנט דעם וואוינונג־קריזיס. איך דאַרף אים ווידער דערמאָנען, כדי מען זאָל וויסן וועגן די שוועריקייטן. אין מאָסקווע איז מיט צען יאָר צוריק געווען ענג, איצט איז נאָך ענגער. עס איז אמת, אַז עס זיינען אויסגעבויט געוואָרן אַ סך נייע מאָדערנע הייזער, גאַסן גאַנצע, אָבער די באַפעלקערונג איז אויסגעוואַקסן פון פיר מיליאָן אויף זעקס מיליאָן.

ווען די מלחמה האָט ניט איבער דעם פּלאַן פון בויאונג, וואָלט געווען נאָר אַנדערש. איצט דאַרף מען אָניאָגן אין אַ מאָמענט, ווען די באַפעלקערונג איז שוין אויסגעוואַקסן אויף אַן ערך 50 פּראָצענט. און בוי־מאַטעריאַלן זיינען איצט דעפיציט־אַרטיקלען. אַזוי פיל חרובע שטעט דאַרפן דאָך אויפגעבויט ווערן, אַזוי פיל מוניציפּאַלע אינסטיטוציעס דאַרפן געשאַפן ווערן!

נאָר צוריק צו דער מאָסקווער בויאונג. אין מאָסקווע איז פאַראַן אַ ספּעציעלער מוזעי פאַר דער בויאונג פון דער הויפּט־שטאָט. דאָרט ווייזט מען אויך די מאָסקווע פון די באָיאַרן, די מאָסקווע פון די קופּצעס און די

גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען אין דער שטאָט פאָרגעקומען זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די בילדער זאָגן אייך, אַז כאָטש מאָסקווע איז אונטערגעצונדן געוואָרן, ווען נאַפּאָלעאָן איז צוגעקומען צו דער שטאָט, אין 1812, איז אָבער קיין נייע מאָדערנע שטאָט ניט אויסגעוואַקסן. עס זיינען טאַקע געשאַפן געוואָרן אַ ריי שיינע געביידעס, וואָס די מייסטע פון זיי האָב איך אויבן דערמאָנט. איינגנאַצן גענומען, האָט מאָסקווע פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ צעוואָרפענע פּראָווינץ־שטאָט מיט אַ סך פּערע־אולקעס און זאַוואולקעס מיט אַ סך בלאָטעס אין די האַרבסטיקע טעג. איך געדענק גוט ווי מען האָט אין אַזעלכע טעג, אין 1917, 1918, אויס־געקוקט, אַז דער שניי זאָל זיך וואָס גיכער אַראָפּלאָזן און צודעקן און איינפרירן די בלאָטעס, צודעקן די זייער אומבאַקוועמע קאָפּשטיינער אויף די ברוקירטע גאַסן. איך געדענק אַ פּיינלעך־אומבאַקוועמען אָרט, אין 1917, ביים אָנהויב פון דער אַמאָליקער טווערסקאַיאַ, איצט גאָרקי־גאַס. די מאָכאָוואַיאַ־גאַס, וואו די גאָרקי־גאַס הויבט זיך אָן, איז געווען אַ שמאָלע, — האָט זיך נאָך אינמיטן גאַס אָוועקגעשטעלט פּאַפּערעק אַ „הייליקע טשאַסאָווניע". דורכגיין דאָ איז געווען אַ שווערע מלאכה, און דורכפאָרן — ווי שפּאַלטן דעם ים. איצט טרעפן מיר דאָ דעם בלאַנקענ־דיקן און אַספאַלטירטן מאַניעזשני סקווער, וואָס עפנט־אויף אַ ברייטן אויסקוק צום קרעמל, צום רויטן סקווער, צום רעוואָלוציע־פּלאַץ. דער מאָסקווער אוניווערסיטעט אויף דער אַמאָליקער מאָכאָוואַיאַ איז ממש דערשטיקט געוואָרן. איצט קוקט ער אַרוים אויף דער ברייטער מאַניעזש־נאַיאַ.

אַ נייע מאָסקווע שטייט־אויף, איינהאַלטנדיק דאָס עכט־רוסישע, די שענסטע געביידעס און מאָנומענטן פון דער אַלטער שטאָט. דער מאָסקווע־טייך פליסט דורך דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט, ווי אין די צייטן פון די באָיאַרן, ער טראָגט אָבער אויף זיך נייע, סאָוועטישע, בריקן, איז אָנגעטאָן אין ברעגן פון בעטאָן און גראַניט.

ניין, דער טייך פליסט שוין ניט ווי אַמאָל, ווייל דער מאָסקווע־וואָלגע־קאַנאַל האָט מיט צען יאָר צוריק געהויבן זיינע וואַסערן. אין דעם גרויסן און פּרעכטיקן פּאַרק פון קולטור און אָפּרו, אויך אַ סאָוועטישער אויפטו, ביי איינעם פון זיינע בהעגן, הערן זיך טאַקע אַלטע רוסישע לידער, טאַנצט מען אַלטע רוסישע טענץ. עס דאָמינירט אָבער דאָס נייע, די אויבערהאַנט נעמען די טענער פון דער סאָציאַליסטישער מאָסקווע, די הויפּט־שטאָט פון דעם סאָציאַליסטישן לאַנד.

# זיצונגען פון העכסטן סאָוועט

מאָסקווע.

...צו די טויערן פון קרעמל — די באָראָוויצקי־טויערן, לעבן קאַמענ־בריק איבערן טייך מאָסקווע — האָבן זיך פון 6 אַזייגער אין אָוונט געצויגן פוסגייער און אויטאָמאָבילן. דער אָוונט איז געווען אַ עכט־מאָסקווער. אין דעם פּאַרק, וואָס געפינט זיך ביי דער קרעמל־וואַנט, איז דער ערשטער שניי, וועלכער איז געפאַלן מיט צוויי טעג פריער, געווען ווייס און פריש. אַ דין שנייעלע האָט זיך געטראָגן אין דער שטייפער לופט.

אין דער שורה מענטשן, מיט וועלכע איך בין געגאַנגען צו די קרעמל־טויערן, האָט מען לויטן אויסזען געקאָנט באַמערקן אַרבעטער פון פאַבריקן, קאָלכאָזניקעס פון דאָרף, אינטעלעקטואַלן, מיליטער־לייט פון אַלערליי מיליטער־טיילן, דעפּוטאַטן פון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן.

אויף דער אַנדער זייט פון טויער, אין קרעמל, האָט זיך רעכטס אויסגעשפּרייט אַ ברייטער פּלאַץ. אויף לינקס האָבן מיר דערזען דעם פּאַלאַץ, אין וועלכן דער גרויסער זאַל פון קרעמל געפינט זיך. פון דעם נאָענטסטן קרעמל־טורעם, ניט ווייט פון די טויערן, האָט אַ גרויסער רובינען־שטערן געוואָרפן זיין רויט ליכט. פון די פענצטער אין דעם גרויסן זאַל האָבן זיך דורך די העלע זיידענע גאַרדינען געריסן כוואַליעס ליכט.

מיר איילן זיך דורך די קאָרידאָרן, הויבן זיך אויף עטלעכע שטאָק מיט אַ „ליפט" און גייען ווידער דורך אויפגעראַמטע, גרויסע, אייגפאַכע אָבער שיינע קאָרידאָרן צום זאַל.

מיר געפינען זיך אין אַ גרויסן, זייער גרויסן פּאַלאַץ־זאַל, אַרום 100 פוס די ברייט און אַן ערך פיר מאָל אַזוי די לענג. דער גרויסער, עטוואָס־אויסגערונדעטער סופיט, אויבן, איז אוודאי אַ דריי שטאָק הויך פונעם באָדן. פון הינטער די געזימסן אַרום און אַרום דעם סופיט שפּאַרט אַרויס פון אומזעבאַרע לאָמפּן אַ העלע שיין, וואָס שלאָגט אָפּ פון סופיט און פילט אָן דעם זאַל מיט אַ מילדער מאַטאָווער ליכטיקייט.

אַמאָל, אַמאָל, פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זיינען דאָ געווען

צוויי פאַראַדנע זאַלן. נאָך דער רעוואָלוציע פלעגן דאָ פאָרקומען פייער־לעכע זיצונגען, כאָטש צוגעפּאַסט דערויף זיינען די זאַלן ניט געווען. מיט העכער צען יאָר צוריק האָט מען פון ביידע זאַלן געמאַכט איין זאַל פאַר די זיצונגען פונעם העכסטן סאָוועט — דעם פּאַרלאַמענט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. האָט זיך באַקומען אַ ריזיקער פּאַלאַץ־זאַל פון אַ גייעם סאָרט.

ס'איז אַ זאַל פון העלע ווענט, אַ העלן סופית און — סאַמע אונטן — ברוינע בענק און שרייב־טישלעך פאַר די דעפּוטאַטן. אָבער שוין דער גרויסער רוים פונעם זאַל שאַפט אַ שטימונג פון פייערלעכקייט. די שטימונג ווערט אונטערגעשטראָכן פון די אומצאָליקע קאָלאָנען אַרום און אַרום ביי די ווענט און פון לעניִנס סטאַטוע אין דער פאָדערשטער וואַנט, ביי דער טריבונע. די קאָלאָנען זיינען גלאַטע, פון העלן קרעם־קאָלירטן מאַרמאָר, מיט קאַנטן ביי די זייטן. די ווענט צווישן די קאָלאָנען זיינען העל־גרוי. דער סופית איז פון זעלביקן קאָליר. אַזוי די לאָזשעס פאַר די דיפּלאָמאַטן, אויבן, לענג־אויס דער וואַנט לינקס פונעם פּרעזידיום, און אַזוי די לאָזשעס פאַר די סאָוועטישע און אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, אויך אויבן, נאָענט צום הינטערשטן באַלקאָן פאַר די געסט. די צוויי מילדע קאָלירן, פון די קאָלאָנען און פון די ווענט, האַרמאָנירן צווישן זיך און גיבן דעם זאַל אַ טאָן פון איינפאַכקייט און, צוזאַמען מיט די קאָלאָנען, פון פייערלעכקייט. די קאָלאָנען פאַרמאָגן אַלע אויבן קאָרינטישע באַ־צירונגען און די געזימסן ביים סופית זיינען רייך, קינסטלעריש, דעקאָרירט.

די וואַנט רעכטס פונעם פּרעזידיום פאַרמאָגט צוויי רייען פענצטער איבער דער גאַנצער ריזיקער לענג פון דער וואַנט, אַן אונטערשטע ריי און אַן אויבערשטע, מיט געשמאַק־איינגעאָרדנט זיידענע פאָרהאַנגען פון העלן, עטוואָס־גרינלעכן קרעם־קאָליר, שיער ניט דער זעלביקער קאָליר וואָס די קאָלאָנען האָבן. די אונטערשטע פענצטער, זייער הויכע, זיינען אויבן רונד געוועלבט. די אויבערשטע פענצטער זיינען פיר־קאַנטיק.

סאַמע אונטן, איבערן דיל פון גאַנצן ריזיקן זאַל, זיינען אויס־געשטעלט רייען קורצע בענק און שרייב־טישלעך פאַר די דעפּוטאַטן, פון ברוינעם, פּאָלירטן האָלץ. דאָס שאַפט דאָ די אַטמאָספערע פון אַ לייען־זאַל. די בענק פאַרמאָגן צו דריי און צו פיר ערטער. זיבן לאַנגע דורכ־גאַנגען ציען זיך צווישן זיי, באַדעקט מיט רויטע „טרעטערס". זיי ציען זיך פון דער הינטערשטער וואַנט ביז די לאָזשעס ביי דער פּלאַטפאָרמע. די דאָזיקע לאָזשעס זיינען איינגעאָרדנט ווי אַ „ח", אונטן — איין טרעפּל איבערן באָדן, און ווייטער און העכער. אינמיטן פון דעם „ח" — דער

פּרעזידיום־טיש מיט זעקס ערטער. פאַרנט פון טיש, א פּאָר טרעפּ נידעריקער — די רעדנער־טריבונע.

די וואַנט, ביי וועלכער עס פאַרענדיקן זיך די לאָזשעס פאַר די פאָר־שטייער פון דער רעגירונג, פאַרמאָגט א הויכע נישע, וואָס איז אויבן רונד. אין דער נישע געפינט זיך די סטאַטוע פון לענינען, אין נאַטירלעכער גרויס, אין א דינאַמישער כאַראַקטעריסטיש־לענינישער פּאָזע.

●

און איצט, אַז מיר האָבן שוין א שטיקל באַגריף, ווי דער זאַל קוקט אויס, לאָמיר עטוואָס באַטראַכטן די דעפּוטאַטן אונטן. נאָר פריער מוז מען איינזינען האָבן, אַז דער העכסטער סאָוועט באַשטייט פון צוויי פּאַלאַטעס, אָדער „הייזער": דער סאָוועט פון פאַרבאַנד און דער סאָוועט פון נאַציאָנאַליטעטן. אין דעם סאָוועט פון פאַרבאַנד זיינען פאַראַן 682 דעפּוטאַטן, אויסגעקליבן לויט דער פּראָפּאָרציע פון איין דעפּוטאַט אויף יעדע 300 טויזנט איינוואוינער. אין דעם סאָוועט פון נאַציאָנאַליטעטן, מיט 657 דעפּוטאַטן, זיינען פאַרטראָטן די פאַרשיידענע רעפּובליקן און אויטאָנאָמע געגנטן, כדי צו באַוואָרענען אַלע פעלקער א געהעריקע פאָר־טרעטערשאַפט. יעדע פון די 16 פאַרבאַנד־רעפּובליקן האָט צו 25 דעפּו־טאַטן, אַליין איינס צי זי פאַרמאָגט 100 מיליאָן איינוואוינער, ווי די רוסישע, אָדער ווייניקער ווי צוויי מיליאָן, ווי די עסטאָנישע. יעדע אויטאָ־נאָמע רעפּובליק האָט צו עלף דעפּוטאַטן, יעדע אויטאָנאָמע געגנט האָט צו פינף דעפּוטאַטן. יעדער נאַציאָנאַלער קרייז האָט צו איין דעפּוטאַט. די אידישע אויטאָנאָמע געגנט (ביראָ־בידזשאַן) האָט, פאַרשטייט זיך, פינף דעפּוטאַטן.

די ביידע פּאַלאַטעס צוזאַמען ווערן אָנגערופן — דער העכסטער סאָוועט. אַמאָל האַלטן זיי געמיינשאַפטלעכע זיצונגען, אָבער מערסטנס באַזונדערע. די פאַראַדנע דערעפענונג־זיצונג איז געווען א געמיינשאַפט־לעכע. די דעפּוטאַטן פון סאָוועט פון פאַרבאַנד זיינען געזעסן אין דער פאָדערשטער העלפט פון זאַל און די דעפּוטאַטן פון סאָוועט פון נאַציאָ־נאַליטעטן — אין דער הינטערשטער העלפט.

און איצט לאָמיר זיי באַטראַכטן.

ווען איר קוקט אַראָפּ פון דער קאָרעספּאָנדענטן־לאָזשע אויף דער מאַסע פון העכער 1,300 דעפּוטאַטן פון ביידע פּאַלאַטעס, זעט איר פאַר זיך א קאַלירפולן בילד. עס וואַרפן זיך אין די אויגן פרויען מיט גע־בלימלטע, אָדער גלאַטע ווייסע, רויטע, גרינע, געלע שאַלן, אָדער קאָפּ־טיכלעך; מענער אין די היטעלעך פון קאַווקאַז אָדער מיטל־אַזיע. איר

זעט מאָנגאָלישע טיפּן, העל־בלאָנדע פאָרשטייער פון דער קאַרעליש־פינישער רעפּובליק, באַרג־איינוואוינער פון קאַווקאַז, דעפּוטאַטן פון מאָל־דאַוויע און קאַרפּאַטן־געגנט אין קאָלירפולע קאָסטיומען. איר זעט רוסן, אוקראַאינער, ווייסרוסן, ליטווינער, לאַטישן, עסטן, קאַזאַכן, טורקמענער און אידן — און נאָך און נאָך. איר זעט דעפּוטאַטן און דעפּוטאַטקעס, וואָס טראָגן אויף זיך אַלערליי מעדאַלן און דעם שטערן — העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. איר זעט מאַרשאַלן און גענעראַלן, איר זעט סטאַ־כאַנאָווצעס, די בעסטע און באַליבטסטע אַרבעטער פון די פאַבריקן. איר זעט די בעסטע קי־מעלקערינס, סטאַכאַנאָווקעס, זייט־ביי־זייט מיט וויסנ־שאַפטלייט, דיכטער, ליטעראַטן.

אָט אַזאַ בילד האָט מען געהאַט פאַר זיך אינעם אָוונט פון דער פייערלעכער זיצונג, ווען דער זייגער האָט געוויזן זיבן. פונקט דעמאָלט האָט זיך באַוויזן דער פּרעזידיום, בראָש מיטן פאָרזיצער פון סאָוועט פון פאַרבאַנד, דעם פאָרזיצער פון סאָוועט פון נאַציאָנאַליטעטן און זייערע פאַרטרעטער. דאָס וואָרט קריגט דער פינאַנץ־מיניסטער פון סאָוועטן־פאַר־באַנד, א. זווערעוו. ער רעדט וועגן דעם בודזשעט פון יאָר 1946 און וועגן דער אויספילונג פון די בודזשעטן פון 1944 און 1945.

די ערשטע פאָראָדנע זיצונג איז געווען פאַרנומען מיט זווערעווס רעדע, וועלכע האָט געדויערט אַן ערך צוויי שעה. ווען די פאַרזאַמלטע האָבן פאַרלאָזט די זיצונג, איז אין דער אויפלעבונג ביי די קרעמל־טויערן געווען אינטערעסאַנט צו באַטראַכטן פיל דעפּוטאַטן און דעפּוטאַטקעס פון דער נאָענט. איר האָט געפילט ווי איר קומט אין באַרירונג מיט אַלע ווינקעלעך פון דעם גרויסן סאָוועטישן לאַנד.

דער זייגער אויפן ספּאַסקער טורעם, אויף דער אַנדערער זייט קרעמל, ביים רויטן סקווער, האָט אויסגעקלונגען 9. פון דעם טורעם לעבן אונדז האָט געוואָרפן זיין רויטע שיין דער גרויסער רובינען־שטערן. דער שניי אין דעם פּאַרקל פאַר דער קרעמל־וואַנט איז געווען ווייס און פריש. אין דער לופטן האָט זיך געטראָגן אַ געדיכטער שניי. ס'איז געווען אַ כאַראַק־טעריסטיש־מאָסקווער אָוונט אין אַ סך הינזיכטן.

●

ס'איז אַ זוניקער פרימאָרגן און פּאַסן זון וויברירן דורך די צוויי לאַנגע רייען פענצטער פון איין וואַנט פון גרויסן זאַל.

איצט קומט פאָר אַ זיצונג פון דעם סאָוועט פונעם פאַרבאַנד. אין אָוונט וועט זיין אַ זיצונג פון סאָוועט פון די נאַציאָנאַליטעטן. מיר זיינען שוין געווען אויף צוויי אַזעלכע באַזונדערע זיצונגען, חוץ דער געמיינ־

שאַפטלעכער זיצונג פוןביידע פּאַלאַטעס צוזאַמען, ווען דער פינאַנץ־מיניסטער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, א. ג. זווערעוו, האָט אָפּגעגעבן זיין באַריכט. וואָס טוט מען אויף די באַזונדערע זיצונגען? מען באַטראַכט דעם בודזשעט. אויף דער זיצונג פון דעם סאָוועט פון פאַרבאַנד דערציילן די דעפּוטאַטן פון די פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד וועגן זייערע דערגרייכונגען און באַדערפענישן. אויף דער זיצונג פון סאָוועט פון די נאַציאָנאַליטעטן, דערציילן וועגן דעם די פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע פעלקער.

לאָמיר אָקאָרשט זען. עס רעדט דער פאָרשטייער פון לענינגראַד. ער דערמאָנט אָן דעם גרויסן חורבן, וואָס די נאַציס און ווייס־פינען האָבן אָנגעמאַכט — אַ חורבן, וואָס האָט באַטראָפן פינף און אַ האַלב מיליאַרד רובל. אָבער לענינגראַד ווערט ניי־געבאָרן און רוקט זיך ווידער אַרויס ווי איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע אינדוסטריעלע און קולטורעלע צענטערן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַט אַזוי הערט איר אויף דער זיצונג פון סאָוועט פון פאַרבאַנד באַריכטן פון אַלערליי שטעט און געגנטן; אויף דער זיצונג פון סאָוועט פון נאַציאָנאַליטעטן — פון אַלערליי נאַציאָנאַלע רעפּובליקן. עס רעדט דער פאָרשטייער פון ווייסרוסלאַנד און אים פאַרבייט דער פאָרשטייער פון עסטאָניע. דערנאָך קומט אַ דעפּוטאַט פון דער קאַרפּאַטן־געגנט און דערציילט וועגן דערגרייכונגען. עס רעדט אַ דעפּוטאַט פון אוזבעקיסטאַן און נאָך אים אַ פאָרשטייער פון אַן אַנדער רעפּובליק, אָדער אויטאָנאָמע געגנט.

עס איז אָנגענומען, אַז ציפערן זיינען אַ לאַנגווייליקער ענין. פּרובירט מען זיך אָבער אַריינטראַכטן אין די ציפערן, וואָס די דעפּוטאַטן ברענגען, אין די ציפערן פון בודזשעט גופא, דערפילט מען, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, די נשמה פון דעם איצטיקן פינף־יאָר פּלאַן.

קודם דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז בשעת די סאָוועטישע בודזשעטן פון די פאַרגאַנגענע פינף יאָר, ביז 1946, זיינען, ווי עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, געווען מלחמה־בודזשעטן, שפּיגלט אָפּ דער איצטיקער בודזשעט די נייע צייט, די צייט פון בויען, די צייט פון ווידערגעבורט פון די געגנטן, וואָס דער שונא האָט חרוב געמאַכט. דער לייט־מאָטיוו פון דעם בודזשעט איז — ווידער אויפשטעלן דיווירטשאַפט צו דער שטופע פון פאַר דער מלחמה און נאָך אַריבעריאָגן. עס וועט אויפגעבויט ווערן צוזאַמען מיט דער שווערער אינדוסטריע אויך די לייכטע אינדוסטריע, כדי בעסער צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג. עס וועלן אויסגעגעבן ווערן גרעסערע סומען אויף קולטור־אינסטיטוציעס, אויף אָפּהיטן דאָס געזונט פון פאָלק. דאָ, אויף די געביטן, האַלט עס

שוין מיט אַ סך מיליאָנען אַריבער דער מדרגה פון פאַר דער מלחמה. אויף בילדונג וועט אויסגעגעבן ווערן אין 1946 פערציק מיליארד מיט 160 מיליאָן רובל, דאָס הייסט, מיט זיבעצן מיליארד און 671 מיליאָן רובל מער ווי אין דעם פאַר־מלחמה יאָר 1940.

מיר וועלן ברענגען נאָך צוויי סאָרטן ציפערן. אויף געזונט און קולטור־ענינים וועט אויסגעגעבן ווערן אין 1946 קאַרגע 15 מיליארד רובל, אין פאַרגלייך מיט 11 און אַ האַלב מיליארד רובל אין 1945. אויף סאָציאַלער פאַרזיכערונג וועט אויסגעגעבן ווערן אין 1946 זיבן מיליארד מיט 147 מיליאָן רובל, אין פאַרגלייך מיט קאַרגע פינף מיליארד מיט אַ יאָר פריער.

מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז צוויי־דריטל פון די בודזשעטן פון די באַזונדערע רעפּובליקן וועלן אויך פאַרברויכט ווערן אויף סאָציאַל־קולטורעלע אונטערנעמונגען.

די ציפערן פון דעם בודזשעט דערציילן וועגן דעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון דער בויאונג דאָ אין לאַנד.

דער בודזשעט פון 1946 איז אויסגערעכנט אויף אַן איינקונפט פון 333 מיליארד רובל און אַן אויסגאַבע פון 319 מיליארד רובל. די „פּראַוודאַ" באַצייכנט דעם בודזשעט אַזוי: „דאָס איז דער בודזשעט פון די וואַקסנדיקע כוחות פון סאָוועטישן פאָלק, דער בודזשעט פון אומאויפהערלעכן אויפשטייג אין דער מעכטיגער פאַנאַנדערבליאונג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער מלוכה, דער בודזשעט פון דעם כסדרדיקן וואוקס פון דעם וואוילשטאַנד פון די אַרבעטנדיקע מאַסן." און ווייטער שרייבט די „פּראַוודאַ": „דאָס גאַנצע לאַנד ווערט באַדעקט מיט רעשטאַוואַניעס און עס גייט ניט אַוועק אַ טאָג, אַז אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל ניט אַוועקגעלאָזט ווערן אין גאַנג אַ נייער זאַוואָד, אַ צעך, שאַכטע. אונדזער פאָלק איז ערשט נעכטן נאָך געווען אַ גרויסער קריגער, היינט אָבער איז ער ווידער געוואָרן אַ גרויסער בויער."

און עס וועט ווערט זיין איבערצוגעבן נאָך אַ פּאָר שורות פון דעם „פּראַוודאַ" לייט־אַרטיקל וועגן בודזשעט: „עס זיינען שוין לאַנג דורכגעפאַלן די אויסרעכענונגען פון די שונאים אויף דעם, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט אַרויס פון דער מלחמה אַ הילפלאָזער. איצט ווערן צעקלאַפּט אויף שטויב די האָפענונגען פון די שונאים אויף דעם, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט זיך קיין עצה ניט געבן מיט די נאָך־מלחמהדיקע שוועריקייטן."

זיצט מען אין זאַל פון העכסטן סאָוועט און מען הערט די רייד פון

די פאַרשיידענע דעפּוטאַטן, באַגרייפט מען ערשט ווי ריכטיק די אָפּשאַצונג איז. מען הערט וועגן שוועריקייטן, יאָ, מען הערט וועגן ערנסטע פּראָב־לעמען. עס ווערט איצט געפירט אַ שלאַכט — פאַר מער תבואה, פאַר מער און בעסערע פּראָדוקציע, פאַר אַראָפּנידערן די קאָסטן, העכערן די פּראָ־דוקטיוויטעט ביי דער אַרבעט. זווערעוו האָט גערעדט וועגן דעם. די פּרעסע שטרייכט עס אונטער. יאָ, עס זיינען דאָ שוועריקייטן. די בויאונג קומט ניט אָן גרינג. עס איז דאָך געווען אַזאַ שרעקלעכער חורבן. אויך איצט, ביים באַקעמפן דעם דאָזיקן חורבן, פאָדערט זיך מסירת־נפש, גע־וואַגטקייט, איבערגעגעבנקייט צום לאַנד, צו דער זאַך פון סאָציאַליזם. אָבער ווען איר הערט וואָס פּאַראַיאָרן איז געווען און וואו מען האַלט איצט, ווען איר זעט ווי צענטערן, וואָס זיינען געווען חרוב, פירן אויס און שטייגן אַריבער זייערע פּלענער, ווען איר באַטראַכט דעם גאַנצן בודזשעט, וועלכער רייסט אייך מיט מיט זיינע ברייטע האָריזאָנטן, קאָנט איר ניט ניט מסכים זיין מיט דער אָפּשאַצונג פון דער „פּראַוודאַ".

●

ווען איך בין געגאַנגען, פאַר עלף אינדערפרי, אויף דער זיצונג, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ דענקמאָל, וואָס געפינט זיך אין דעם פאַרשנייטן פּאַרקל ביי דער וואַנט פון קרעמל, וואָס אַנטקעגן דעם מאַ־ניעזש. דאָס איז אַן איינפאַכער אָבעליסק פון גרויען גראַניט. אויף אים זיינען אויסגעקריצט די נעמען: מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל, בעבעל, ליב־קנעכט, לאַוראָוו, טשערנישעווסקי, פּלעכאַנאָוו און אַנדערע. ניט ווייט פון מאָנומענט האָבן אויפן שניי אַרומגעשטיפט אָנגעפּעלצטע קאַראַפּוזיקלעך. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט זייערע שטימעלעך ווי מיטן געזאַנג פון די פייגל אין פרילינג.

אין די שטימעלעך האָב איך געהערט דעם אָפּקלאַנג פון די רייד פון די דעפּוטאַטן דאָ אויף די זיצונגען, „פּראָזאַאישע" רייד וועגן ציפערן, שאַכטעס, דאַמנעס, טורבינען, און וועגן שולן, אוניווערסיטעטן און מוטער־פאַרזאָרגונג. און אין די העלע שטימעלעך פון קינדערלעך, וואָס האָבן געשטיפט אין שניי פון דרויסן פון קרעמל, האָבן אָפּגעקלונגען די רייד פון די בויער אינעווייניק אין קרעמל, בויער פאַר דעם העלן ליכטיקן מאָרגן, וועגן וועלכן מאַרקס, ענגעלס און אַלע שיינע גייסטער פון דער מענטשהייט האָבן געטרוימט און פאַר וועלכן זיי האָבן געקעמפט.

# סטאַנציע מאַיאַקאָווסקאַיאַ

מאָסקווע.

מיר, אין אַמעריקע, און אַזוי איינוואוינער פון אַנדערע לענדער, קאָנען ניט און טאָרן ניט פאַרגעסן די טעג פון נאָוועמבער 1941, ווען די דייטשן זיינען געווען נאָענט פון מאָסקווע.

גרויזאַמע טעג זיינען עס געווען. מיט שרעק האָבן מיר זיך כסדר געפרעגט:

— וועלן די דייטשן אַריין אין מאָסקווע?

אין יענע טעג האָבן מיר אין אויסלאַנד לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז סטאַלין איז אין מאָסקווע און אַז מען קלייבט זיך אין מאָסקווע, און טאַקע אויפן רויטן סקווער, פייערן דעם יובילײ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ווען עס איז אָנגעקומען די ניַיעס, אַז סטאַלין האָט דעם 7טן נאָוועמבער גערעדט פון דעם לענין־מאַוזאָלעי אויפן רויטן סקווער, איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. מען האָט געוואוסט, אַז די לאַגע איז נאָך קריטיש, אָבער מען איז געשטאַרקט געוואָרן, ווען מען האָט געזען וואָס פאַר אַ פירערשאַפט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און די רויטע אַרמיי פאַרמאָגן.

וואו האָט אָבער סטאַלין געהאַלטן זיין גרויסע היסטאָרישע רעדע אין אָוונט פון 6טן נאָוועמבער? אין באָלשאָי טעאַטער, וואו עס קומט געוויינלעך פאָר די פייערלעכע אָוונט־זיצונג דעם 6טן? איז ניט געווען אַ צו־גרויסע ריזיקע צו טאָן אַזאַ זאַך בשעת נאַצי־עראָפּלאַנען האָבן זיך, באַזונדערס אין די אָוונטן, געריסן צו באָמבאַרדירן מאָסקווע און בשעת אין אַ ריי פאַלן איז זיי געלונגען דורכצורייסן זיך און שעדיקן אַ ריי געביידעס, איינגעשלאָסן טאַקע דעם באָלשאָי טעאַטער?

וויַיזט זיך אַרויס, אַז אויב עס איז וויכטיק געווען פאַר דער מאָראַל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון דער גאַנצער וועלט, אַז סטאַלין זאָל ביי־טאָג, דעם 7טן נאָוועמבער, רעדן אויפן רויטן סקווער, איז מען אָבער אויף קיין איבעריקע ריזיקעס ניט געגאַנגען.

עס איז איצט באַוואוסט געוואָרן, אַז די פייערלעכע זיצונג אינעם

אונטן פון 6טן נאָוועמבער, 1941, איז פאָרגעקומען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דער סטאַנציע מאַיאַקאָווסקאַיאַ, וועלכע געפינט זיך אויף דער צווייטער ליניע פון דער מאָסקווער מעטראָ.

די ליניע, אויף וועלכער עס געפינט זיך די סטאַנציע מאַיאַקאָווסקאַיאַ, איז פאַרטיק געוואָרן כמעט אינגאַנצן פאַר דער מלחמה. אַ טייל פון דער ליניע איז פאַרענדיקט געוואָרן בשעת דער מלחמה (די בויאונג פון דער מעטראָ האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט. עס ווערט איצט געאַרבעט אויף אַ נייער, דריטער, ליניע).

די מאָסקווער מעטראָ אויפן נאָמען פון לאַזאַר מ. קאַגאַנאָוויטש איז שוין, קאָן זיך דאַכטן, אַן אַלטע טעמע. מיט העכער צען יאָר צוריק, ווען די ערשטע ליניע איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער באַשריבן אירע וואונדער, באַשריבן די סטאַנציעס, וואָס קוקן אויס ווי פּאַלאַצן, באַשריבן די ריינקייט, און אַזוי ווייטער. אָבער די טעמע איז בשום אופן ניט אַלט. אין 1936 האָב איך געזען די מאָסקווער מעטראָ און האָב זיך ניט געקאָנט אָפּחידושן פון איר שיינקייט. איצט בין איך געווען זיכער, אַז די נייע ליניע וועט מיך שוין ניט איבעראַשן. איך האָב אַ טעות געהאַט.

אין פאַרגלייך מיט די סטאַנציעס פון דער נייער ליניע קוקן די אַלטע שוין אויס וואָכעדיק. זיי זיינען נאָך אַלץ פּאַלאַצן, ווען איר פאַרגלייכט זיי מיט די סטאַנציעס פון דער ניו־יאָרקער סאָבוועי, אָדער פון דער פּאַריזער מעטראָ. אָבער די סטאַנציעס פון דער נייער ליניע זיינען נאָך שענער. און איינע פון די שענסטע, אויב ניט די סאַמע שענסטע, איז די סטאַנציע מאַיאַקאָווסקאַיאַ אויפן מאַיאַקאָווסקי־סקווער. זי איז אויך איינע פון די טיפסטע. ווען איר טרעט אַרויף אויפן עסקאַלאַטאָר און איר כאַפּט אַ קוק אויף די דריי געדיכטע שורות מענטשן, וואָס טייל פאָרן אַנטקעגן אייך, אַרויף, און אַנדערע, צוזאַמען מיט אייך, אַראָפּ, — ווען איר כאַפּט אַ קוק אויף די דריי עסקאַלאַטאָרס, פון אויבן ביז העט טיף אונטן, און איר זעט ווי אַלץ איז מיט געשמאַק איינגעאָרדנט און באַלויכטן, מאַכט עס שוין אויף אייך אַן איינדרוק. אָבער אַזאַ בילד זעט איר כמעט אויף אַלע עסקאַלאַטאָרס פון דער מאָסקווער מעטראָ, כאָטש ניט אַלע זיינען אַזוי טיף. גאָר אַנדערש איז שוין ווען איר קומט אַראָפּ אויף דער פּלאַטפאָרמע. דאָ ווערט איר פריער דערשטוינט און דערנאָך אָנגעפילט מיט נחת־רוח. איר קאָנט זיך זאַט ניט אָנקוקן.

אויב איר האָט געזען אַ בילד, אַ פאָטאָגראַפיע, פון דער סטאַנציע מאַיאַקאָווסקאַיאַ, זאָלט איר וויסן, אַז איר האָט קיין באַגריף ניט ווי זי

זעט אויס. דאָס בילד ווייזט אייך אַ לאַנגע שורה טויערן, וועלכע ציִען זיך איבער דער פּלאַטפאָרמע. איר זעט אפשר דעם זילבערנעם אָפּגלאַנץ פון די פּאַסן זשאַווערלאָזן שטאָל, וואָס נעמען אַרום די טויערן. אפשר זעט איר אויך די געשמאַקפול־איינגעאָרדנטע באַלויכטונג צווישן די טויערן. אָבער זאָגן זאָגט עס אייך גאָרניט. מען דאַרף זען דעם אַנסאַמבל פון דער גאַנצער אַרכיטעקטור, פון זילבערנעם שטאָל און טונקעלן מאַרמאָר. מען דאַרף שפּירן דעם מילדן אָפּשיין פון די לאָמפּן, וועלכע זיינען צוגעפּאַסט צו דער גאַנצער אַרכיטעקטור.

מען קאָן אפשר זאָגן, אַז די סטאַנציע פאַרמאָגט אין זיך דעם סטיל פונעם דיכטער מאַיאַקאָווסקי. מאָדערן, מיט ברייטן שוואונג, מיט פאַנ־טאַזיע, אָבער פּשוט, אָן איבעריקע צאַצקעס. עס איז אי רייך, אי איינפאַך. און דאָס בילד פונעם דיכטער קוקט טאַקע אַראָפּ מיט נחת פון די מאַט־גרינע קאַפּליעס אויף דער אַנדערער זייט פון די ציכטיקע ריעלסן.

נאָר מיר דאַרפן זיך אומקערן צום 6טן נאָוועמבער, 1941, ווען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דער סטאַנציע מאַיאַקאָווסקאַיאַ איז פאָרגעקומען די פייערלעכע זיצונג לכבוד 24 יאָר סאָוועטן־מאַכט. דער גענעראַל־דירעקטאָר פון דער מעטראָ, י. נאָוויקאָוו, האָט איצט באַשריבן די היס־טאָרישע זיצונג אין אַן אַרטיקל אין זשורנאַל „אָגאָניאָק".

ער רעדט קודם וועגן יענע טעג אין מאָסקווע. און דאָ דאַרף איך זאָגן, אַז פון מיינע שמועסן מיט מאָסקווער איינוואוינער ווער איך גע־וואויר, אַז אין אויסלאַנד האָט מען קיין באַגריף ניט געהאַט, וואָס דאָ האָט זיך דעמאָלט געטאָן. מען האָט זיך פון דערווייטנס ניט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס די מאָסקווער איינוואוינער האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט.

לאָמיר איבערגעבן די ערשטע שורות פון נאָוויקאָווס אַרטיקל. ער שרייבט:

„קיינמאָל וועט ניט אויסגעמעקט ווערן פון זכרון די ערנסט פאַר־זאָרגטע מלחמהדיקע מאָסקווע פון 1941, אירע פינצטערע און שנייִ־פאַרשאָטענע גאַסן, מיט רויט־אַרמייאישע פּאַטרולן אויף די ראָגן, מיטן געוואָי פון סירענעס אין די שעהען פון לופט־אַטאַקעס. דער שונא האָט זיך געריסן צו דער שטאָט, און די הויפּט־שטאָט האָט זיך אָנגעטאָן אין באַריקאַדעס, איז געווען דורכגעשניטן מיט ראָוועס קעגן טאַנקען. די מאָסקווער איינוואוינער האָבן טעג און נעכט ניט פאַרלאָזן זייערע ערטער אויף די פאַבריקן, האָבן געוואוינט אין קאַזאַרמעס און אַלגעמיינע וואוינונגען, אָדער וואו עס איז צום נאָענטסטן פון אַרבעטס־פּלאַץ. יונגע מיידלעך און עלטערע פרויען האָבן געגראָבן גריבער און טראַנשייען ביי

די צוגאַנגען צו דער שטאָט, האָבן ביינאַכט געוואַכט אויף די דעכער פון די הייזער, ביי די טויערן און אַריינפאָרן, האָבן געהיט מאָסקווע פון דעם שונאס צינד־באָמבעס און דיווערסאַנטן. ווי נאָר עס איז געוואָרן טונקל, זיינען די גאַסן פוסט געוואָרן, איז אָפּגעשטאָרבן געוואָרן כמעט יעדע באַוועגונג. מאָסקווע האָט זיך געפונען אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד, אַ שווייגנדיקע, אַ שטרענגע און ניט־וואַקלענדיקע, ווי אַ פעלז. עס האָבן זיך געהערט די סיגנאַלן פון לופט־אַלאַרמס, וועלכע האָבן אַמאָל אָנגע־האַלטן ביז באַגינען. ס׳האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט דער טראַ־טאַ־טאַ פון מאַשין־ביקסן. די שיסערייען פון האַרמאַטן און דאָס קראַכן פון אויפרייסן האָבן ממש די ערד געטרייסלט. די לופט־אָנפאַלן זיינען געקומען איינס נאָכן אַנדערן אַלץ פאַרביסענער און אַלץ בלוטיקער.״

נאָוויקאָוו דערציילט, ווי אַזוי די מעטראָ האָט געדינט די איינ־וואוינער צו באַהאַלטן זיך פון די לופט־אָנפאַלן. די פּלאַטפאָרמע פון דער זעלבער מאַיאַקאָווסקאַיאַ איז אין אָוונט באַדעקט געוואָרן מיט הילצערנע טאַפּטשאַנעס פאַר פרויען און לייוונטענע בעטלעך פאַר קינדער. די מענער האָבן זיך איינגעאָרדנט אין טונעל. ער דערציילט אויך וועגן סטאַלינס אַ פּלוצלונגדיקן באַזוך אויף דער סטאַנציע און ווי גערירט עס זיינען געוואָרן די טויזנטער איינוואוינער, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען.

ווען עס האָט זיך אָנגערוקט דער יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע, דערציילט נאָוויקאָוו, האָט לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש טעלעפאָנירט און געפרעגט וואָס פאַר אַ סטאַציע עס איז צום בעסטן צוגעפּאַסט פאַר דער פייערלעכער זיצונג. דער גורל איז געפאַלן אויף דער סטאַנציע מאַיאַ־קאָווסקאַיאַ.

דאָ, אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט מען אויסגעשטעלט צוויי טויזנט שטולן. פון ביידע זייטן פּלאַטפאָרמע זיינען געשטאַנען צוויי באַנען, וואו מען האָט זיך אויסגעטאָן די מאַנטלען און וואו עס איז אויך געווען אַ בופעט. פיר אַזייגער פאַרנאַכט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די איינ־געלאַדענע פאָרשטייער פון די מאָסקווער פאַבריקן און פון דער אַרמיי. סטאַלין און זיינע מיטאַרבעטער זיינען אַריין אין דער מעטראָ ביי דער סטאַנציע בעלאָרוסקאַיאַ, איין סטאַנציע העכער, און פון דאָרט צוגעקומען צו דער מאַיאַקאָווסקאַיאַ, אין וועלכער מען האָט אַריינגעלאָזט נאָר די איינ־געלאַדענע געסט. די באַנען מיט פּאַסאַזשירן האָבן אַ גאַנצן טאָג דעם 6טן נאָוועמבער זיך ניט אָפּגעשטעלט ביי דער מאַיאַקאָווסקאַיאַ. מען האָט נעדאַרפט צוגרייטן די פּלאַטפאָרמע פאַר דער פייערלעכער זיצונג. די פאַר־

בייפאָרנדיקע פּאַסאַזשירן האָבן אַפּנים זיך ניט אָנגעשטויסן וואָס דאָ וועט פּאָרקומען. מאַלע וואָס ס'האָט פּאַסירט אין יענע מלחמה־טעג!

י. נאָוויקאָוו שילדערט די שטימונג פון דער זיצונג אויף דער פּלאַט־פאָרמע, בשעת איבער מאָסקווע, אין דער לופטן, זיינען פאָרגעקומען שלאַכטן מיט נאַציִשע עראָפּלאַנען און בשעת דער שונא איז געווען אינ־גאַנצן אַ 50 מייל פון שטאָט. די אָוואַציעס, ווען סטאַלין האָט זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרמע, זאָגט נאָוויקאָוו, זיינען געווען אַזוי שטורמיש און האָבן אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז גאַנץ מאָסקווע טרייסלט זיך און אַז קיינער הערט מער ניט די שיסערייען און די אויפרייסן.

סטאַלין האָט געגעבן זיין בארימט־געוואָרענעם באַריכט וועגן דער לאַגע אויפן פראָנט און וועגן די אויסזיכטן פון דער מלחמה פון אַלע פאַר־נעשריטענע מענטשן איבער דער גאַנצער וועלט קעגן נאַציזם. די רעדע איז געהערט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד. מען האָט זי געהערט אויך אין אויסלאַנד, אָבער אַז זי קומט פון דער פּלאַטפאָרמע פון דער מאַיאַ־קאָווסקאַיאַ האָט מען ניט געוואוסט.

די רעדע איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טאָן פון זיכערקייט אין זיג, כאָטש דער מאָמענט איז געווען אַ קריטישער. איבער דער גאַנצער וועלט איז מען דערמוטיקט געוואָרן פון דער רעדע, און עס איז ניט קיין וואונדער וואָס די אָנוועזנדיקע אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווי נאָוויקאָוו דער־ציילט, זיינען ארומגענומען געוואָרן מיט אַזאַ ענטוזיאַזם און מיטן געפיל פון זיכערקייט, אַז דער זיג וועט קומען.

איצט דערציילט מען עס שוין אין פרידן. דער שונא, וואָס איז געשטאַנען ביי מאָסקווע, איז צעטראָטן געוואָרן אין שניי און אין שטויב. דאָס סאָוועטישע לאַנד שטרענגט זיך איצט אָן אין דער אַרבעט צו היילן די שווערע וואונדן, צו בויען. דער לייט־מאָטיוו צו די אָקטאָבער־פייערונגען איז — פאַר די פאַבריקן און זאַוואָדן — בויען, מער און בעסער בויען; פאַר די קאָלכאָזן און דער גאַנצער סאָציאַליסטישער אַגרי־קולטור — מער ברויט, מער שפּייז־פּראָדוקטן פאַרן לאַנד. מאָסקווער איינוואוינער דערציילן וועגן זייערע פּערזענלעכע איבערלעבונגען אין יענע טעג און זיינען שטאָלץ מיט זייער אייגנעם ביישטייער צום זיג איבערן שונא. אָבער דאָס זיינען געווען פיינלעך־שווערע, קרבנות־פולע איבערלעבונגען אין קריטישע, גורל־פולע טעג.

# נאָוועמבער־טעג אין מאָסקווע

מאָסקווע.

נאָוועמבער־טעג אין מאָסקווע! טעג פון אומפאַרגעסלעכע דער־פאַרונגען, מיריאַדן איינדרוקן!

א יום־טובדיקע זיצונג אין באָלשאָי טעאַטער, א דעמאָנסטראַציע אויפן רויטן סקווער, אַן אויפנאַמע אין אויסערן־מיניסטעריום! און די מאָסקווער גאַסן איבערגעפּאַקט מיט מענגעס מענער, פרויען און קינדער!

די הימלען זיינען געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. א פייכטער נעפּל האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער שטאָט. נאָר אויך אין קאַמף מיט דער נאַטור איז דער אָקטאָבער אַרויס א זיגער. ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט פון 6טן נאָוועמבער, איז מאָסקווע דערשינען אין יום־טובדיקע מלבושים מיט אומצייליקע עלעקטרישע לעמפּלעך און פּראָזשעקטאָרס, וואָס האָבן געגאָסן ליכט אויף טויזנטער באַנערס, פאָנען, לאָזונגען, פּאָרטרעטן, וואָס האָבן באַפּוצט כמעט יעדע געביידע אין צענטער פון מאָסקווע און די וויכטיקע געביידעס אין די פּאָרשטעט.

גאָר איינדרוקספול זיינען געווען דער רויטער סקווער, דער סווערדלאָוו־סקווער.

דער באָלשאָי טעאַטער, אויף סווערדלאָוו־סקווער, איז געווען באַפּוצט מיט ריזיקע פּאָרטרעטן פון מאַרקס, ענגעלס, לענין און סטאַלין. די רויטע פאָנען פון די זעכצן רעפּובליקן, סאַמע אויבן, זיינען אַלע געווען העל־באַלויכטן. די דראַמע־טעאַטערס אויף ביידע זייטן פונעם באָלשאָי טעאַטער זיינען געווען באַצירט מיט אייגענע דעקאָראַציעס, מיט עלעק־טרישע לאָזונגען. ווייטער אויפן סקווער האָבן דער האָטעל „מעטראָפּאָל" פון איין זייט און דער האָטעל „מאָסקוואַ" פון דער אַנדערער זייט געהאַט אויף זיך שטראָמען ליכט — אויף די לאָזונגען און די בילדער פון די מיטגלידער פון דער פּאָליטישער ביוראָ, וואָס האָבן זיך אויף די געביידעס געפונען.

א געדיכטער עולם שפּאַצירט אַרום איבערן סקווער. לעבן באָלשאָי

טעאַטער שטייען מענטשן און קוקן ווי עס קומען אָן די מיטגלידער פונעם מאָסקווער סאָוועט, פאַרשטייער פון דער רעגירונג און פון דער פּאַרטיי, דעלעגאַציעס פון פאַבריקן, פון דער אַרמיי, קינסטלער, וויסנשאַפטלער, קאָרעספּאָנדענטן און בכלל געסט, וואָס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו דער פייערלעכער זיצונג אין טעאַטער.

אינעווייניק איז דאָס ריזיקע שיינע אָפּערע־הויז אויסגעפּוצט באַשיידן נאָר איינדרוקספול. די פאָנען פון די זעכצן רעפּובליקן זיינען ווי אַ פאָכער אויסגעשפּרייט אין אַ האַלב־קרייז איבער דער בינע, אַכט פון איין זייט און אַכט פון דער אַנדערער. אין צענטער, אין הינטערגרונט, געפינט זיך אַ ווייסע ביוסט־סטאַטוע פון לענינען, אַרומגענומען מיט פרישע בלומען. לעבן דעם — אַ פּאָרטרעט פון סטאַלינען.

דער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַר־באַנד, אַנדרעי זשדאַנאָוו, איז ענטוזיאַסטיש באַגריסט געוואָרן, ווען ער איז אַרויף אויף דער רעדנער־טריבונע צו האַלטן זיין רעדע, אין וועלכער ער האָט געגעבן אָן איבערבליק איבער די דערגרייכונגען פון פאַרגאַנגענעם יאָר און די פּראָבלעמען, וואָס שטייען־פאַר.

שפּעטער האָב איך זיך אויסגעמישט מיטן גרויסן עולם אויף די גאַסן און סקווערן. דער רויטער סקווער, דאָס זעלטענע פּלאַץ, וואָס איז תמיד איינדרוקספול, באַזונדערס אין אָוונט, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט באמת אַן אומפאַרגעסלעך בילד. די פּאָרטרעטן פון לענין און סטאַלין, די פאָנען פון די זעכצן רעפּובליקן, אויסגעשפּרייט איבער דער ריזיקער געבײַדע קעגנאיבער דעם קרעמל, זיינען געווען פאַרפלייצט מיט ליכט. „לאָבנאָיע מעסטאָ" — אַ רונדע, שטיינערנע פּלאַטפאָרמע, אַן איבערבלייבעניש פון אַמאָליקע צייטן — האָט געפלאַקערט מיט פילצאָליקע קליינע פאָנען.

די לאָזונגען וועגן דער זיגרייכער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע, וואָס האָבן אין עטלעכע ערטער באַצירט דעם סקווער, האָבן אַרויסגערופן דערינערונגען וועגן די „צען טעג וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט", אין 1917, ווען די רויטע גוואַרדיע האָט געשטורעמט דעם קרעמל.

און דאָ רוט לענין אין מאַוזאָלעי... און דאָ איז דער קבר פון דזשאָן ריד. און דאָ זיינען די קברים פון די, וואָס זיינען געפאַלן אין אָקטאָבער, 1917.

ביז מיטן נאַכט האָט דער עולם אַרומגעשפּאַצירט אויף אָט־דעם סקווער און אויף אַנדערע סקווערן. באַלד האָבן די טורעם־גלעקער פון

קרעמל אָנגעזאָגט דעם נייעם טאָג. די שטאָט איז גיך געוואָרן שטיל, ווי זי וואָלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם פאַר דעם, וואָס וועט באַלד קומען.

●

שוין אַ סך פריער פון צען אַזייגער אינדערפרי, דעם 7טן נאָוועמבער, זיינען די פּלאַטפאָרמעס אויפן רויטן סקווער געווען אָנגעפילט מיט מענטשן. איך בין גראָד געווען לעבן דער יוגאָסלאַווישער מיליטערישער מיסיע. דערנעבן זיינען געווען די מיסיעס פון פּוילן און טשעכאָ־סלאָוואַקיע. איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן אַנדערע מיסיעס פון די לענדער, מיט יאָרן צוריק, — מיסיעס, וואָס וועלן שוין קיינמאָל ניט צוריקקומען.

פאַר אַ מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר איז שווער אַריינצולאָזן זיך אין די איינצלהייטן פונעם מיליטערישן פּאַראַד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צען אַזייגער. מ'דאַרף נאָר באַמערקן, אַז אַ טייל פון די אָנטיילנעמער אין דעם פּאַראַד האָבן דורכגעמאַכט אַ מאַרש פון קאַווקאַז, דורך קרים, ליטע, ביז צו קעניגסבערג, און אַז פיל פון די קאַנאָנען, וואָס זיינען פאַרביי־געפאָרן אויפן סקווער, האָבן אויך זיך געהאַט פאַרצייכנט אַ געשיכטע פון שלאַכטן, איינגעשלאָסן די שלאַכט פאַר בערלין.

נאָכן פּאַראַד האָט די מאָסקווער באַפעלקערונג איבערגענומען די פּייערונג. יעדע פאַבריק, יעדער אַנשטאַלט איז געווען פאַרטראָטן מיט די רעקאָרדס פון דערגרייכונגען און די אויפגאַבן פאַרן קומענדיקן יאָר.

די וועלט האָט צוגעזען 29 פּאַראַדן זינט 1917. עטלעכע פון זיי האָב איך געזען אויפן רויטן סקווער, פיל — אויפן לייוונט. אָבער יעדעס מאָל ווען איר זעט די מאָסקווער באַפעלקערונג אַריינשטראָמען אין סקווער מיט ניאַגאַראַ־כוואַליעס פון פאָנען און לאָזונגען, פאַרכאַפּט עס אייך דעם אָטעם.

עס זיינען אין אָוונט דורכגעפירט געוואָרן פּילצאָליקע פּייערונגען אין די קלובן און היימען, נאָר די אויפנאַמע אין אויסערן־מיניסטעריום האָט געצויגן באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. דער שטעלפאַרטרעטער פונעם אויסערן־מיניסטער, דעקאַנאָזאָוו, האָט אויפגענומען די מיטגלידער פון דער סאָוועטן־רעגירונג, דעם אַדמיראַל קוזניעצאָוו, די מאַרשאַלן בודיאָני, גאָוואָראָוו, וואָרשיניז, וואָראָנאָוו, ריאַבאַלקאָ, פּערעסיפּקין, וואָראָביאָוו. עס זיינען געווען אָנוועזנד דיפּלאָמאַטן, וויסנשאַפטלער, קינסטלער, שרייבער, צווישן זיי: טשעכאָווא, מיכאָעלס, שאָסטאַקאָוויטש, ערענבורג, זאַסלאַווסקי, ווישניעווסקי, מאַרשאַק, גאָרבאַטאָוו און אַנדערע.

אַרום מיטנאַכט זיינען די גאַסן געווען פול מיט מענטשן, וואָס האָבן

צוגעקוקט די פאַרשטעלונגען, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן אויף ספּעציעל־אויפגעשטעלטע פּלאַטפאָרמעס אויף די פאַרשיידענע סקווערן. דער עולם האָט זיך צוגעהערט צו די קאָנצערטן, געקוקט אויף די פייערווערק, גע־טאַנצט, געזונגען. די זעלביקע בילדער האָבן זיך איבערגעחזרט אין אָונט פון 8טן נאָוועמבער.

די יובילעי־פייערונגען פון דער סאָוועטן־מאַכט זיינען אויך געווען אַ פייערונג פון די דערגרייכונגען פונעם ערשטן פינף־יאָר־פּלאַן פון ווידעראויפבוי. זשדאַנאָוו האָט אין זיין וויכטיקער רעדע דערמאָנט די סטאַלינגראַד און כאַרקאָוו טראַקטאָר־פאַבריקן, וואָס אַרבעטן שוין; די ראָסטאָוו־פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפט־מאַשינען, דעם באַלטיש־ווייס־ים׳ישן קאַנאַל און אַנדערע ריזיקע בוי־פּראָיעקטן. דאָס סאָוועטן־לאַנד איז באַדעקט מיט בוי־רעשטאָוואַניעס, וואָס שטייגן־אויף פון דעם אַש פון חורבן, פאַראורזאַכט דורכן שונא. אָבער עס איז אויך אמת, אַז עס שטייט נאָך פאָראויס אַ ריזיק־שווערע אַרבעט.

די „פּראַוודאַ״ פון 9טן נאָוועמבער דערקלערט: „עס איז קלאָר, אַז דער ווידעראויפבוי איז פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, מיט ערנסטע ליידן און קרבנות מצד דעם סאָוועטישן פאָלק.״ זשדאַנאָוו האָט וועגן דעם גערעדט. ער האָט דערמאָנט די טריקעניש אין אייניקע טיילן פון לאַנד, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז עס זאָל אָפּגעלייגט ווערן די אָפּשאַפונג פון שפּייז־קאַרטלעך. אָבער ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז ווען וועלכעס־עס־איז אַנדער לאַנד זאָל געווען ליידן אַזאַ חורבן, וואָלט עס צוריקגעשטויסן געוואָרן אויף צענדליקער יאָרן און עס וואָלט געוואָרן אַ צווייט־ראַנגיקע מלוכה. בלויז אַדאַנק דער סאָציאַליסטישער סיסטעם האָט דאָס ניט פּאַסירט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און דאָס לאַנד איז אַרויס־געקומען פון דער מלחמה „שטאַרק און מעכטיק״.

זשדאַנאָוו האָט אָנגעוויזן, אַז פון די 29 יאָר סאָוועטן־מאַכט זיינען זיבן יאָר צעריבן געוואָרן דורך בירגער־קריג און דורך מלחמה קעגן די דייטשע פאַשיסטן. בלויז אַדאַנק זיין עקאָנאָמישער סיסטעם איז דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד געלונגען אויפצובויען אַ ריזיקע סאָציאַליסטישע אינ־דוסטריע און סאָציאַליסטישע לאַנדווירטשאַפט. עס איז קלאָר, אַז ווען ניט קאָלעקטיוויזאַציע, וואָלט די טריקעניש באַדייט אַ הונגער־טויט פאַר מיליאָנען מענטשן.

די אָקטאָבער־פייערונגען זיינען באמת געווען „אַ מעכטיקע דעמאָנ־סטראַציע פון דער פּאָליטישער און מאָראַלישער אייניקייט פונעם סאָ־וועטישן פאָלק״, ווי די „פּראַוודאַ״ דערקלערט. די דעמאָנסטראַציעס האָבן

אויך געוויזן די אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע דערגרייכונגען אין דער ריכטונג פון דעריאָגן און איבעריאָגן די גוטע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס זיינען שוין דערגרייכט געוואָרן פאַר דער מלחמה.

די דעמאָנסטראַציעס האָבן געוויזן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ מעכטיקע וועלט־מלוכה, וואָס קעמפט פאַר אַ דויערנדיקן, דעמאָקראַטישן שלום. דאָס איז געווען די הויפּט־טעמע צוזאַמען מיטן קאַמף פאַר און די דערגרייכונגען פון דעם סטאַלינישן פינף־יאָר־פּלאַן. די דעמאָנסטראַציעס פון די סאָוועטישע פעלקער אין די נאָוועמבער־טעג האָבן געוויזן, אַז די כוחות אין אויסלאַנד, וואָס פּרוּוון אויסנוצן דעם חורבן, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן דורך דער מלחמה קעגן דעם געמיינשאַפטלעכן שונא, וועלן זיך ביטער אַנטוישן.

דאָס דערמאָנט מיר אין אַ פּיעסע אין איינעם פון די מאָסקווער טעאַטערס. עס איז אַ סצענע אויפן פראָנט נאָכן גרויסן זיג. די העלדן, וואָס זיינען געפאַלן אין שלאַכט, ווערן באַערדיקט. אַ לעבן־געבליבענער העלד ווענדט זיך צום סאָוועטישן פאָלק מיט די ווערטער: „די וועלט וועט אָפּשאַצן דיין קרבן, אויב זי וועט ניט זיין קיין חזיר.” די פעלקער פון דער וועלט שאַצן זיכער אָפּ, אָבער ניט וועגן אַלע מלוכה־פירער קאָן מען דאָס זעלביקע זאָגן...

# איבער אוקראַינע

## די באַן ביי טשערקאַסי

די באַן, וואָס האָט מיך געפירט פון אָדעס קיין מאָסקווע, איז גע־שטאַנען ביי דער סטאַנציע טשערקאַסי.

אַזוי איז עס שוין: זייער פיל שטעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פירן אוועק מיינע געדאַנקען צו די יאָרן 1941, 1942, 1943, ווען ביי די־אָ שטעט איז אויסגעפאָכטן געוואָרן דער גורל פון דער מענטשהייט. איך מוז זיך אומקערן צו יענע יאָרן, ווען איך רעד וועגן אַזעלכע שטעט, ווען איך באַזוך זיי, ווען איך פאָר זיי פאַרביי. אַזאַ שטאָט איז טשערקאַסי. אַזעלכע שטעט וועלן נאָך זיין אַ סך אין מיינע נאָטיצן. און אַלעמאָל, רעדנדיק וועגן די־אָ שטעט, וועל איך זיך שוין אומקערן צו די ציימן און צו די שלאַכטן, וועגן וועלכע אַ סך אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער וואָלטן געוואָלט פאַרגעסן...

שטייט די באַן ביי טשערקאַסי. קוק איך אַרויס פון פענצטער. גיי איך אַראָפּ אויף דער פּלאַטפאָרמע, פאַרוואַרף איך דעם בליק איבער דער לאַנדשאַפט אַרום. ווי קאָן מען ניט טראַכטן וועגן יענע שלאַכטן!

מען זעט די וואונדן פון די שלאַכטן אַרום און אַרום. דער וואָקזאַל האָט זיך ווי דורך אַ נס אָפּגעהיט, אָבער אַרום און אַרום איז חורבן. די ערד איז צעגראָבן. הייזער זיינען חרוב, אָדער אינגאַנצן אָפּגעווישט פון דער ערד. נאָר סימנים פון זיי זיינען פאַרבליבן.

מען בויט. פיבערדיק בויט מען. עס איז שוין יאָרן זינט מיר האָבן — אין 1941 און 1943 — אויף די לאַנדקאַרטעס פון די פראָנטן געזען טשערקאַסי, געלייענט וועגן די ביטערע שלאַכטן דאָ, וואו דער דניעפּער בויגט זיך אויס ווי אַן אָרעם. שוין יאָרן, אַז מען בויט. פונדעסטוועגן...

קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן וואָס דאָ האָט זיך געטאָן מיט עטלעכע יאָר צוריק!

שטייט די באַן ביי טשערקאַסי. זאַפּט איר איין אין זיך די לאַנד־שאַפט אַרום און אַרום, און אַזוי זאַפּט איר איין אין זיך די לאַנדשאַפט

נאכדעם ווי די באן לאזט זיך ווייטער אין וועג. די ערד, נאך דער סטאנציע טשערקאסי, איז פול מיט גרויסן „פאקן" — פון הארמאטן־קוילן, פון באמבעס. מיטאמאל כאפט אויף דער בליק א גאנצע גרופע צע־שמעטערטע טאנקען פון דעם שונא!

פאמעלעך גייט די באן. אויב עס געפינט זיך אויף איר א צופעליקער טוריסט — זאל ער ניט טראכטן וועגן באנען אין אמעריקע, אדער אין אנדערע לענדער, וואס האבן ניט געליטן פון דער מלחמה. זאל ער א קוק טאן: פון די אנדערע רעלסן איז ניטא קיין זכר. דער שונא האט אלץ אויפגעריסן — יעדע שפאלע באזונדער. מיר פארן אויף א צייטווייליקן איין־ליניקן וועג. און מיר פארן צום דניעפר.

נאך פאמעלעכער גייט די באן. זי קריכט. ווען זי זאל פארן גיכער קאן זיך אויסלאזן ביטער. די בריק איז א צייטווייליקע און דער דניעפר איז דא ברייט און טיף...

די באן גייט פאמעלעך און דערווייל האבן מיר די מעגלעכקייט זיך גוט צוצוקוקן צו דער פיבערדיקער ארבעט א פאר צענדליק טריט פון אונדז, אויף דער נייער בריק איבערן דניעפר. פוןביידע זייטן ברעגן זיינען זיך געגאנגען אנטקעגן די בריגאדעס מיט זייער ארבעט און זיך גערוקט איינס צום אנדערן מיטן געפלעכט פון שטאלענע פרענטן און באלקנס. עס וועט אינגיכן זיין א נייע, א מעכטיקע בריק. נאר וויפיל כוחות קאסט זי אפ?

אזוי איז זיך נעגאנגען די באן פון אדעס קיין מאסקווע — דורך חורבן און בויאונג. און אזוי האט זיך געמאכט, אז פאר טשערקאסי בין איך פארטיק געווארן מיטן לייענען די גרויסע רעדע, וואס מאלאטאוו האט געהאלטן אין ניו יארק, אויף דער זיצונג פון דער אסעמבלי פון די פאר־אייניקטע מלוכות, — פונקט ווי איך האב אנומלט, פארנדיק פארביי סמאלענסק, געהאט באקענט זיך מיט אן אנדער רעדע מאלאטאווס. אין דער רעדע אין ניו־יארק האט ער גערופן צו פרידן, גערופן צום קאמף קעגן די מלחמה־העצער, די טשווירטשילס. און ער האט דערציילט וועגן די קרבנות, וואס די סאוועטישע פעלקער און פיל פעלקער פון אייראפע האבן געבראכט. האט זיך אזוי געוואלט, אז די דעלעגאטן צו דער אסעמבלי זאלן כאפן א קוק אויף טשערקאסי — אז די וועלט זאל גדענקען טשער־קאסי, און די ווייטערדיקע סטאנציעס, וואס מיר זיינען פארבייגעפארן: פיריאטין, פרילוקי, בריאנסק!

אבער דאס איז שוין געווען צום סוף פון אונדזער רייזע איבער

אוקראַינע, שוין נאָך קיעוו און זשיטאָמיר און בערדיטשעוו און אָדעס. לאָמיר אָנהויבן פון אָנהויב און גיין כסדר.

## פון מאָסקווע קיין קיעוו

אַ קלאָרער, פרישער, קאָנאָנדיקער שניי איז געלעגן איבער מאָסקווע, ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך אויפגעהויבן אויפן וועג קיין קיעוו.

פריער זיינען מיר געפאָרן מיט דער מאַשין צום פלי־פּלאַץ דורך „זאַמאָסקוואָרעטשיע", אַ געגנט אין מאָסקווע, וואָס איז מיר געווען גוט באַקאַנט פון 1917־1918. איך האָב דאָ באַמערקט ווייניק ענדערונגען. די מלחמה האָט ניט דערלאָזט, אַז דער צען־יאָר פּלאַן איבערצובויען מאָסקווע זאָל דערגיין אַהער.

די מלחמה קריכט מיר פון קאָפּ ניט אַרויס. מיר פאָרן איבער קאַלוגער שאָסיי. אַרום און אַרום איז ווייס. דער גלאַטער וועג, דער וואַלד פון ביידע זייטן, אַ שטוב דאָ און דאָרטן — אַלץ איז אָפּגעווייסט פון שניי. מיר האָבן פאַר זיך אַ טיפּישע רוסישע לאַנדשאַפט. דער פראָסט האָט נאָך ניט געברענט. ס'עט קומען דערצו שפּעטער. מיר האָבן נאָך געהאַלטן ביי אָקטאָבער. אָבער געטראַכט האָב איך רק וועגן דעם פייער וואָס האָט דאָ געברענט אין 1941.

אין יענע אָקטאָבער־טעג איז אַנטשיידעט געוואָרן דער גורל פון מאָסקווע — און פיל מער ווי פון מאָסקווע. און אָט אויף דעם וועג און אויף די אַנדערע וועגן ביי מאָסקווע זיינען עס אַרויס די פרויען פון דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט, צו גראָבן אַנטי־טאַנק ראָוועס, גראָבן טראַנשייען. אַלטע פרויען, מיטליעריקע, יונגע מיידלעך זיינען אַרויס גראָבן די געפראָרענע ערד. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך זע זיי פאַר זיך, דאָ אין דער ווייסקייט. זיי זיינען אַרויס און געגראָבן — אַ קבר פאַר היטלערן. וואָר־זשע איז דער דיכטער, צו זינגען וועגן די פרויען פון מאָסקווע?

די פרויען פון מאָסקווע! די פרויען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד! וואָס זיי האָבן ניט אויפגעטאָן, וואָס זיי האָבן ניט איבערגעטאָן! נאָר ווען איר קוקט זיך גוט צו צו דעם, וואָס זיי טוען אויף איצט, אין די פאַבריקן, אויף די באַנען, אויף די פעלדער — ביים בויען — קאָנט איר קריגן אַ שטיקל באַגריפן דערפון, וואָס זיי האָבן איבערגעטאָן בשעת דער מלחמה. מיר האָבן אַ סך צו פאַרדאַנקען די סאָוועטישע פרויען!

די מחשבות זיינען מיר געקראָכן אין קאָפּ אַריין אויפן וועג צום לופט־פעלד.

דער לופט־פעלד איז ווייט פון מאָסקווע — אַן ערך ווי דער „לע בורזשעי" איז פון פּאַריז, אָדער לאַגוואַרדיאַ־פעלד פון ניו־יאָרק. דער וועג ציט זיך דורך וועלדער, וויים־פאַרשנייטע וועלדער, געטרייע וועלדער, פּאַסטקעס פאַרן שונא. נאָר אָט צעשיידן זיי זיך, דער וועג ווערט ברייטער. צווישן פאַרשנייטע בלומען־בייטן פאָרן מיר צו צום נייעם „וואָקזאַל" אויפן לופט־פעלד.

אינעווייניק באַגעגנט אונדז אַן עלעקטרישע לאַנד־קאַרטע, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצע וואַנט, אַ לאַנד־קאַרטע מיט לופט־ליניעס, ביז בערלין, ביז פּאָרט אַרטור.

מען רופט צום קיעווער עראָפּלאַן. פון דרויסן באַגעגנט אונדז אַ שטייפע, קאַלטע לופט. די זון שיינט און בלענדט אין דער ווייסקייט אַרום. באַלד הויבן מיר אָן שוועבן איבער דער דאָזיקער זוניקער ווייסקייט — אויף דרום, דרום־מערב.

אונטן איז פאַרשנייט לאַנד. דאָס גרויסע סאָוועטישע לאַנד מיט זיינע גרויסן שטחים. דאָס פענצטערל פון עראָפּלאַן איז פון אינעווייניק פאַרוואַקסן געוואָרן מיט פראָסט און כסדר האָט מען געדאַרפט אויסרייבן דערויף אַ שטיקל אָרט, כדי אַ קוק צו טאָן אונטן. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און דער פראָסט אויפן פענצטערל האָט אָנגעהויבן אָפּגיין. אַ האַלבע שעה פליען פון מאָסקווע און ס'איז געוואָרן אויס שניי. עס זעען זיך שוין גרויסע שטרעקעס האַרבסטיק לאַנד. וואָס טיפער אין אוקראַינע אַלץ מילדער איז די לאַנדשאַפט. עס באַווייזן זיך גרויסע „פלעקן" גרינער גראָז, אַ זכר נאָך פון זומער. דאָס פענצטערל פון עראָפּלאַן איז שוין ריין און טרוקן. עס גלויבט זיך פשוט ניט, אַז נאָר־וואָס האָבן מיר געהאַט אונטער זיך אַ ווינטער־לאַנדשאַפט.

פון דערווייטנס באַווייזן זיך „אָרעמס" פון דניעפּר. דאָ און דאָרטן איז דער טייך היפּש אויסגעטריקנט. אַ הייסער זומער געווען, אָן רעגנס.

און אָט איז שוין קיעוו, נאָך דריי שעה פליען פון מאָסקווע. דער קראַסאַוועץ קיעוו. שטאָלץ שטייט ער אויפן הויכן ברעג פון דניעפּר.

נאָר דאָ בין איך שוין ווידער פאַרטראָגן אין מלחמה־געדאַנקען.

עס האָט זיך מיר איינגעשניטן אין זכרון אַ טאָג אין סעפּטעמבער 1941. אין דער „מאָרגן־פרייהייט" רעדאַקציע איז מען זיך צונויפגעקומען צו באַצייכענען מיין פופציקסטן געבורטסטאָג — אויף איין פוס, טאַקע צוליב דער מלחמה. איז אויפן „טיקער" (טעלעטאַיפּ נייעס־מאַשין) אַרויף די נייעס, אַז די דייטשן זיינען אַריין אין קיעוו... אַ מוראדיקער שטיין, אַ שווערער און אַ שפּיזיקער, האָט זיך געלייגט אויפן האַרצן. מען האָט

זיך גיך אָפּגעוואונטשן — דער עיקר, אַז קיעוו זאָל אינגיכן צוריק באַ־פרייט ווערן, און מען האָט זיך באַלד גענומען צו דער רעדאַקציע־אַרבעט.

און אָט איז קיעוו, דער באַפרייטער קיעוו. און אָט איז דער הויכער ברעג, וואָס איז טאַקע שיין און שטאָלץ, אָבער וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַזוי פיל כוחות און לעבנס, ווען מען האָט געדאַרפט צוקומען צו אים פונעם דניעפּר, אין די באַפרייענדיקע טעג פון 1943.

דער עראָפּלאַן בויגט זיך אויס, ווי ער וואָלט געשיקט מיין גרוס דער באַפרייטער שטאָט. באַלד זיינען מיר אויף אוקראַאינער ערד.

## אין קיעוו

דער וועג פון לופט־פעלד אין שטאָט אריין איז מיר ניט באַקאַנט פון אַמאָל, אָבער איך באַמערק שוין בילדער, וואָס זיינען מיר באַקאַנט געוואָרן אין אייראָפּע. דאָ און דאָרטן כאַפּט־אויף דער בליק אַ געביידע — אַ „לאַמטערנע", וואָס קוקט מיט אויסגעהוילטע אויגן־לעכער. זינט נאָוועמ־בער 1943, ווען די שטאָט איז באַפרייט געוואָרן, האָט מען דאָ אַ סך פאַררעכט, באַנייט, רעמאָנטירט. עס זעען זיך אָן רעשטאָוואַניעס. מען בויט. די סימנים פון דער מלחמה לאָזן זיך אָבער שטאַרק מערקן.

מיר פאָרן אריין אין לענין־גאַס, וועלכע איז מיר באַקאַנט. מיר שטעלן זיך אָפּ אין אַ האָטעל פונקט אַנטקעגן דער אוקראַאינער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, ניט ווייט פון דער שטאָטישער אָפּערע. דאָ איז אַלץ ווי געווען.

איך איי̇ל מיך אויף אַ שפּאַציר איבערן קרעשטשאַטיק, די הויפּט־גאַס פון שטאָט. דאָס בילד, וואָס איך דערזע דאָ, דערמאָנט מיר אָן וואַרשע. ניט מער, דאָ זיינען די סקעלעטן פון געוועזענע געביידעס שוין אָפּגעראַמט געוואָרן. אויך דעם ציגל־ברוך האָט מען שוין לאַנג אָפּגערייניקט. איז דער קרעשטשאַטיק ליידיק.

ניטאָ די אַלע גרויסע, אימפּאָזאַנטע געביידעס, וואָס זיינען דאָ אַמאָל געשטאַנען. די דייטשן האָבן זיי אויפגעריסן, איינס נאָכן אַנדערן. אויפ־געריסן, אונטערגעצונדן. ווען די רויטע אַרמיי איז אריין אין שטאָט דעם 6טן נאָוועמבער, 1943, האָט דער קרעשטשאַטיק געברענט, צוזאַמען מיט די גאַנצן אַרום.

ס'איז ניטאָ דער קרעשטשאַטיק, די גאַס, וואו שלום עליכמס מנחם־מענדל האָט אין „יענע" צייטן געשמאַיעט מיט „האָסעס" און „בעסעס". ניטאָ דער קרעשטשאַטיק, די גאַס פון וויכטיקע סאָוועטישע אינסטיטו־

ציעס, צווישן זיי דער אוקראַיִנישער אידישער מלוכה־טעאַטער אויפֿן נאָמען פֿון שלום־עליכם. אויב דאָ און דאָרט איז געבליבן אַ געביידע, איז עס אַדאַנק דעם, וואָס די דייטשן האָבן קיין צייט ניט געהאַט אונטערצולייגן דעם דינאַמיט, אָדער אונטערצוצינדן. אַלץ, וואָס איז געבליבן אין שטאָט, איז געבליבן אַדאַנק דעם, וואָס די דייטשן איז געוואָרן ענג אין צייט. אָבער העכער פֿערציק פּראָצענט פֿון דער שטאָט האָבן זיי פֿאַרניכטעט. דאָס, וואָס ס'איז געבליבן גאַנץ נאָך דער באָמבאַרדירונג, האָבן זיי אויפֿגעריסן. דער עיקר האָבן זיי זיך נוקם געווען אָן דער שפּיגל־גאַס פֿון קיעוו, אָן קרעשטשאַטיק.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָב איך מיין שפּאַציר איבערן קרעשטשאַטיק געמאַכט צוזאַמען מיטן סאָוועטישן אידישן שרייבער אברהם קאַהאַן. האָט ער מיר דערמאָנט: דאָ איז געווען דער פּאַסאַזש, די־אָ גאַס האָט געפֿירט צום צירק, צום האָטעל קאָנטינענטאַל (וואו איך בין עטלעכע מאָל איינגעשטאַנען). דאָ איז געווען די געביידע פֿון הויפּט־סאָוועט פֿון קיעווער געגנט. ער האָט אויסגערעכנט געביידע נאָך געביידע, גאַס נאָך גאַס, און אַלע מאָל אָנגעוויזן — אויף ליידיקע ערטער...

די ליידיקייט פֿון ביידע זייטן גאַס און פֿון די זייטיקע גאַסן מאַכט דעם קרעשטשאַטיק אַ סך ברייטער נאָך ווי ער איז געווען אַמאָל. און כאָטש עס איז דאָ כמעט גאָרניט פֿאַראַן, באַמערקט איר נאָך אַלץ די שיינקייט פֿון דער גאַס, וואָס פֿירט צום דניעפּער. ס'איז די צענטראַלע גאַס פֿון קיעוו. דאָ גייט אַ שטאַרקע באַוועגונג. די טראָטואַרן זיינען שוין נייע, זייער ברייטע, נאָך ברייטער ווי פֿריער. גרויסאַרטיקע לאָמפּןסלופּעס זיינען אויסגעשטעלט אויף פּעדעסטאַלן פֿון טונקעלן גלאַטן מאַרמאָר. די גאַס איז שוין צוגעגרייט אויפֿצונעמען די נייע הייזער. עס זיינען שוין, ביים לייגן די טראָטואַרן, צוגעגרייט געוואָרן די רערן פֿאַר וואַסערלייטונג, די דראָטן פֿאַר עלעקטריע, טעלעפֿאָן. עס זיינען שוין פֿאַראַן די פּלענער פֿאַר די אַלע געביידעס, וואָס מען וועט אַוועקשטעלן.

ווען? געוויסע מלוכה־געביידעס און אינסטיטוציעס וועט מען באַלד גענומען בויען: די געביידע פֿון דער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק, פֿון דער אוקראַיִנער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע, אויסגערעכנט אויף צען מיליאָן בענדער; די געביידע פֿון אויסערן־מיניסטעריום; אַ ראַדיאָ־טעלעוויזיע צענטער; דעם שטאָט־ראַט; די געביידע פֿון הויפּט־אַרכיטעקטאָר פֿון דער שטאָט. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ פּיינער צעטל בויאונגען, זייער אימפּאָזאַנטע. חוץ דעם האָט מען „פֿאַרכאַפּט" עטלעכע סקעלעטן פֿון גרויסע געביידעס („קאָראָבקעס", שאַכטלעך, הייסן זיי) און מען האָט זיי

אַזוי רעמאָנטירט, אַז די געביידעס קוקן אויס ווי נייע. אין פיל גאַסן רעמאָנטירט מען נאָך „קאַראַבקעס". און ווייטער?

„לאָמיר פריער פאַרטיק ווערן מיטן דאָנבאַס", הערט איר אַן ענטפער.

אַזוי איז עס. פריער מוז מען אויפבויען די פאַבריקן און זאַוואָדן, די קוילן־שאַכטעס און עלעקטראָ־סטאַנציעס... מען מוז מאַכן טראַקטאָרס, מאַשינען און טורבינען. אויף דעם געביט פון בויאונג איז דאָ אימפעט. עס גייט ענערגיש די אַרבעט ביים אויפשטעלן צוריק די באַרימטע עלעקטראָ־סטאַנציע ביים דניעפּער, דניעפּראָגעס. הייזער בויט מען אויך. שטאָטישע בויאונג קומט אויך פאָר, — און אויך דאָ מוז מען גיין גרונטאָוונע: פריער אויפשטעלן די באַלייכטונג־סיסטעם, די קאַנאַליזאַציע, די טעלעפאָן־סיסטעם, דעם פאַרקער, ווייל „דער דייטש" האָט דאָך אַלץ חרוב געמאַכט! יאָ, אין קיעוו בויט מען אַ מעטראָ (סאָבוועי). דער פאַרנעם פון הייזער־בויאונג איז אַ גרויסער, לויט דער מאָס פון „געוויינלעכע" צייטן. נאָר די צייטן זיינען ניט קיין „געוויינלעכע". אָבער צוליב דעם טאַקע זאָגט מען אייך:

„לאָמיר פריער פאַרטיק ווערן מיטן דאָנבאַס."

## מיט קיעווער שרייבער

עטלעכע שעה נאָך מיין אָנקומען בין איך אַוועק אויף וואָראָשילאָווגאַס 3, ניט ווייט פון דער אָפּערע, אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אוקראַאינישן שרייבער־פאַראיין, וואו די קיעווער אידישע שרייבער זיינען מיטגלידער.

אוקראַאינער שרייבער און אַרטיסטן, וואָס האָבן געהאַט באַזוכט קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן אָפּגעגעבן אַ באַריכט.

אין פאַרהוויז האָב איך דערזען אַ פּלאַקאַט וועגן וויכטיקע קולטור־אַרויסטרעטונגען, וואָס דער פאַראיין האָט איינגעאָרדנט, און איך האָב באַמערקט, אַז מיט צוויי וואָכן פריער איז פאַרגעקומען אַ פּרץ־אָוונט, אויף וועלכן דער אוקראַאינישער אַקאַדעמיקער פּראָפעסאָר מרעטיאַקאָוו איז געווען פאָרזיצער. עס זיינען אַרויסגעטראָטן: דער סאָוועטיש־אידישער ליטעראַטור־קריטיקער און פאָרשער נ. אויסלענדער און די אָנפירער פון קאַבינעט פאַר אידישער קולטור ביי דער אוקראַאינער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, ע. ספּיוואַק און חיים לויצקער. עס זיינען אויך אַרויסגעטראָטן אוקראַאינישע שרייבער, וועלכע האָבן געלייענט איבערזעצונגען פון פּרצן אויף אוקראַאיניש.

איך האָב זיך געטראָפן מיט די אידישע שרייבער און דיכטער דוד

האפשטיין, נ. אויסלענדער, אברהם קאהאן, חיים לויצקער, א. מעזשע־ריצקי, מירע בענקין. פון זיי האָבן איך זיך דערוואוסט, אַז פּרץ און שלום עליכם זיינען איצט באַקאַנט אויף אוקראַיניש נאָך מער ווי פאַר דער מלחמה. איינע פון די פּאָפּולערסטע פּיעסן אין רעפּערטואַר פון די אוקראַינישע טעאַטערס אין קיעוו און כאַרקאָוו איז „טביה דער מיל־כיקער". אין אָדעס ווערט געשטעלט אויף אוקראַיניש „200 טויזנט" („דאָס גרויסע געווינס"). די שלום עליכם אָוונטן אין קיעוו און אין פיל שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע זיינען געווען דעמאָנסטראַציעס פאַר דער אידישער קולטור. אויף אַ גרויסער פייערונג אין קיעוו, צו וועלכער עס זיינען געקומען פופצן הונדערט מענטשן, איז דער פּאָרזיצער געווען דער באַרימטער אוקראַינישער שרייבער און דראַמאַטורג, אַלעקסאַנדער קאָרנעיטשוק.

פּראָפעסאָר נ. אויסלענדער האָט מיר דערציילט וועגן אַ ריי וויכטיקע פּראָיעקטן פון דעם קאַבינעט פאַר אידישער קולטור ביי דער אוקראַינער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און בכלל וועגן ליטעראַרישע פּלענער. אַהער גייט אַריין אַ ליטעראַרישער אַלמאַנאַך, וואָס ווערט איצט צוגעגרייט אין קיעוו צום דרוק. נאָר מיר וועלן נאָך רעדן וועגן די ענינים פון אידישער קולטור. דאָ וועט ווערט זיין צו אונטערשטרייכן דאָס וואָרט: דרוק. אין דעם חורבן, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט, האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ניט דורכגעלאָזט די אידישע דרוקעריען אין אוקראַינע. זיי האָבן פּשוט פאַר־ניכטעט כמעט דאָס גאַנצע אידישע דרוק־וועזן! דאָס ערשטע אידישע ביכל, וואָס איז אַרויס אין אוקראַינע זינט דער מלחמה, ע. ספּיוואַקס „די שפּראַך אין די טעג פון דער פּאַטערלענדישער מלחמה", איז קוים אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט אַביסל האַנט־זאַץ, וואָס מען האָט געפונען אין קיעוו. אין אַמעריקע וואָלט מען זיך, לויט מיין מיינונג, געקאָנט נעמען פאַר אַ גרויסן פּראָיעקט: שיקן דעם קאַבינעט פאַר אידישער קולטור אַ אידישע דרוקעריי.

מיר וועלן נאָך, ווי געזאָגט, האָבן צו רעדן וועגן אידישע קולטור־ענינים. לאָמיר זיך פריער אָראָפּרעדן פון האַרצן — אויסוויינען זיך, אויב איר ווילט.

## אין באַבי יאַר

אין קיעוו דאַרף מען קודם כל גיין אויף קבר־אבות, צום „באַבי יאַר", אַ טאָל לעבן אידישן בית־עולם.

די דייטשן האָבן פאַרזייט אייראָפּע מיט אידישע קברים. זיי האָבן, חוץ דעם, געשאַפן ספּעציעלע פּונקטן אַזעלכע, וואו זיי האָבן געהאַט איינגעשטעלט די פּראָדוקציע פון מאַסן־טויט: טרעבלינקע, מאַידאַנעק, אָשווענטשים, בעלזשעץ און אַזוי ווייטער. אָהער גייט אויך אַריין באַבי יאַר, ביי קיעוו. מעגלעך, אַז דאָס איז דער ערשטער גרויסער שחיטה־אָרט פאַר אידן אין דער פאַרגאַנגענער שרעקלעכער מלחמה — און ניט נאָר פאַר אידן. טרעבלינקע און די אַנדערע לאַגערן האָבן אָנגעהויבן „אַר־בעטן" אין 1942. די מאַסן־שחיטות אין באַבי יאַר האָבן זיך אָנגעהויבן אין סעפּטעמבער 1941, אַיין וואָך נאָכדעם ווי די דייטשן זיינען אַריין אין קיעוו...

צוזאַמען מיטן שרייבער אברהם קאַהאַן פאָרן מיר אין באַבי יאַר. מיר פאָרן דורך די זשיטאָמיר־גאַס, דערנאָך לוואָווסקע, די לוואָווער גאַס.

„די גאַס פון טרערן". אַזוי הייסט זי ביי די קיעווער אידן, זאָגט מיר אברהם קאַהאַן.

אָט דאָ האָט מען געטריבן אונדזערע ברידער און שוועסטער צו דער שחיטה. מחנות אידן פון גאַנץ קיעוו, העכער פופציק טויזנט, האָט מען דאָ געטריבן דורך דער גאַס, צום באַבי יאַר. די גאַס איז שוואַרץ געווען פון אידן, מייסטנס אַלטע לייט, פרויען און קינדער, אַ סך קינדער...

מיר פאָרן איבער דער „גאַס פון טרערן". איך קוק אויף דער באַ־לעבטער גאַס, אָבער איך זע ניט גאָרניט. איך זע נאָר ווי מען טרייבט אידן, ווי זי איז שוואַרץ פון אידן. איך הער די פרויען, די קינדערלעך. איך הער דעם געשריי פון די דייטשן.

„אָט דאָ האָט מען געהייסן זיך אויסטאָן", וויוזט מען מיר אָן אויף אַ גרויסן, ווייסן, געמויערטן איין־שטאָקיקן שפּייכלער, אָדער גאַראַזש.
באַלד זיינען מיר ביים טאָל פון טויט: באַבי יאַר.

אייגנטלעך ניט קיין טאָל, נאָר אַ גרויסער באַרגיקער שטח, וואָס איז פון דער נאַטור דורכגעשניטן מיט טיפע, ברייטע ראָוועס, ניט קיין גלייכ־מעסיקע, מיט ברייטע, אומגעהויערע גריבער, וואו טויזנטער מענטשן קאָנען אַריין און מען זאָל זיי ניט זען פון ווייטנס, צוליב די הויכע, באַרגיקע, ברעגן־ווענט. אָט צו די ברעגן, פון אויבן, האָט מען צוגעפירט די אידן, צעשאָסן זיי מיט מאַשין־ביקסן און אַראָפּגעוואָרפן אין אַ טיפן ברייטן ראָוו אַריין.

צוויי און פופציק טויזנט אידן האָט מען אַזוי אויסגעשאָסן אין עטלעכע טעג, אָנהויבנדיק פון 29טן סעפּטעמבער, 1941. דאָ האָט מען אויסגעשאָכטן סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע, טויזנטער אָפיצערן פון דער

רויטער אַרמיי. צוזאַמען האָט מען דאָ אויסגעשאָכטן אַכציק טויזנט מענטשן...

מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין די ראָוועס, אין אַ טאָל צווישן באַרגיקע ווענט.

„אין טאָל פֿון טרערן און בלוט", האָט זיך געוואָלט זאָגן, ווען די ווערטער וואָלטן ניט געווען אַזוי בלאַס. דאָ האָט געפּלייצט מיט בלוט טייכנווייז!

מיר גייען אַרום און זוכן. וואָס? אין אויגוסט 1943, ווען מען האָט די דייטשן געיאָגט פֿון דאַן צום דניעפּר, האָבן זיי איינגעשפּאַנט עטלעכע הונדערט שקלאַפֿן, מייסטנס אידן, געשמידט אין קייטן און געצוואונגען זיי אויסגראָבן די מתים און פאַרברענען (שפּעטער, אין אָוונט, נאָכדעם ווי איך בין געקומען פֿון באַבי יאַר, האָב איך אין מיין האָטעל־צימער גערעדט מיט צוויי פֿון די געוועזענע שקלאַפֿן, יאַשאַ קאַפּער און מיכאיל דאַווידאָוו. מען האָט אַלע שקלאַפֿן געזאָלט דערשיסן און פאַרברענען, נאָכדעם ווי זיי וועלן זיך האָבן אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער אַרבעט, אָבער די עטלעכע הונדערט שקלאַפֿן האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון דער הייל, וואו מען האָט זיי געהאַלטן פאַרשפּאַרט, און זיינען אַנטלאָפֿן. די מייסטע זיינען אומגעקומען ביים אַנטלויפֿן, אָדער נאָכדעם ווי מען האָט זיי גע־כאַפּט. געראַטעוועט האָבן זיך אַרום צוואַנציק. וועגן פּערצן וויים מען גענוי, צווישן זיי קאַפּער און דאַווידאָוו. די געשיכטע, וואָס זיי האָבן מיר דערציילט אין משך פֿון אַ גאַנצן אָוונט, איז אַזוי שרעקלעך־פאַנטאַסטיש, אַזוי גרוילעך, ווי נאָר די דייטשן האָבן עס געקאָנט צוטראַכטן. נאָר דאָס איז אַ באַזונדער ענין).

מיר גייען אַרום אין די טאָלן־גריבער. איך דערקען מענטשלעך אַש. איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט עס צו דערקענען. דעם זעלביקן סאָרט אַש האָב איך געזען אין וואַרשע, אויפֿן הויף פֿון געוועזענעם יודען־ראַט, אין אָשווענטשים, אין מאַידאַנעק. איך דערקען שוין דעם אַש...

מיר הויבן אויף פּיצלעך ווייסע שטיקעלעך — פּיצלעך פֿון ביינער. מיר שטויסן זיך אָן אויף אַ שטיק שאַרבן... וויפֿיל די דייטשן האָבן ניט געפּרוּווט פאַרדעקן די שפּורן, האָט זיך עס זיי ניט איינגעגעבן. די ערד רוט ניט, זי גיט כסדר אַרויס די סימנים...

מיר זעען די אייזנס און שטיינער, מיט וועלכע מען האָט אויסגעבויט די שייטערס, צו טויזנט און 1,500 קערפּערס אויף אַ שייטער. זעקס וואָכן צייט האָט מען געברענט. יעדער שייטער האָט געברענט צוויי־דריי טעג.

די אייזנס און שטיינער האָבן די דייטשן גענומען פֿונעם דערבייאיקן

אידישן בית־עולם. מען האָט אראָפּגעריסן די אייזערנע שטאַכעטן פון ארום פיל קברים, אראָפּגענומען מארמאָרנע מצבות, מאָנומענטן, צעהאַקט און געמאַכט שטיינער פאַר די שייטערס. וואַלגערן זיך נאָך אין די ראָוועס און טאָלן־גריבער אין באַבי יאַר רעשטלעך פון אייזערנע שטאַכעטן, צעבויגענע, איבערגעבראָכענע, וואַלגערן זיך שטיקער מאַרמאָר פון מצבות...

אויפן בית־עולם זעט מען די סימנים פון דייטשן וואַנדאַליזם, אָבער דאָ איז שוין דאָס האַרץ ניט אַזוי שווער, ווי אין דעם ליידיקן טאָל. איך וואָלט געזאָגט, אַז צווישן די קברים און מצבות, וואָס אַ סך פון זיי זיינען גאַנץ, האָבן מיר זיך שוין געפילט היימיש...

אַ היילונג־אויפן האַרצן זיינען געווען די רייד וועגן דער נקמה, וואָס מען האָט פון די דייטשע פאַשיסטן גענומען, בשעת מען האָט זיי געיאָגט פון דאַנען. די אַמאָליקע שקלאַפן, קאַפּער און דאַווידאָוו, האָבן מיר דער־ציילט ווי אַזוי מען האָט זיך מיט די באַנדיטן אָפּגערעכנט. איצט זיינען די צוויי בויער פון קיעוו. דאַווידאָוו איז אַן אינזשענער.

נאָר דאָ קומען מיר צוריק צום לעבן. מיר קומען צו די לעבעדיקע אידן פון קיעוו. און קיעוו האָט שוין הונדערט מיט צוואַנציק טויזנט אידן. לאָמיר וועגן זיי שמועסן.

## אידן אין קיעוו

מיר פאָרן איבער קיעוו. ס'איז אַ שטאָט מיט אַן אייגענעם פּנים. אַ באַרגיקע, אַ דניעפּרישע שטאָט, אַ שטאָט מיט אַ סך ביימער. די גאַסן ליגן אָפּענע, ליכטיקע. דאָס איז אַ פּנים צוליב דער באַרגיקייט. גאַסן הויבן זיך אַרויף אין דער ליכטיקייט אַריין. און אוקראַינע האָט דאָ אַ פּנים אויך וואָס צו זאָגן. דער אוקראַינישער הימל לאָזט זיך שפּירן.

מיר פאָרן איבער קיעוו. מיר זיינען אין פּאָדאָל. מיר פאָרן־דורך די שלום עליכם גאַס. אידן זעען זיך אָן. אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג אין פּאָדאָל איז אַ אידישע.

די דייטשן האָבן פאַרשפּילט. קיעוו האָט אידן.

דער דיכטער דוד האָפשטיין האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער איז געקומען קיין קיעוו, אין 1944, פלעגט ער זיך אָוועקשטעלן אויף אַ ראָג גאַס און וואַרטן ביז עמעצער וועט אָנקומען. און אַז עמעצער איז אָנ־געקומען, אַפילו ווען אַ „ווילד־פרעמדער", האָט מען זיך ארומגעכאַפּט... מען האָט זיך געפרייט און מ'האָט זיך מיט שרעק געפרעגט: וואו זיינען די אידן?

זיינען זיי פאראן ?...

קיעוו איז געווען כמעט פוסט. אידן זיינען כמעט גארניט געווען. זיי האבן זיך נאך געפונען אין עוואקואציע. ביסלעכווייז האבן זיי אנגעהויבן צוריקצוקומען. איצט פארמאגט קיעוו אן ערך הונדערט און צוואנציק טויזנט אידן.

פאר דער מלחמה האט קיעוו געהאט ארום א פערטל מיליאן אידן. מעג מען אננעמען, אז ארום צוויי הונדערט טויזנט זייערע האבן זיך גע־ראטעוועט, זיינען עוואקואירט געווארן. די דייטשן האב אומגעבראכט אין באבי יאר צוויי און פופציק טויזנט אידן — אפנים, אלע וואס זיינען אין קיעוו פארבליבן (אפשר זיינען צווישן זיי אויך געווען אנגעפארענע פון די שטעטלעך).

פארוואס זיי זיינען פארבליבן ? דאס איז א פראגע ניט נאר בנוגע קיעווער אידן. זי פארענטפערט זיך אזוי : 1) זיי האבן ניט באוויזן צו עוואקואירן זיך ; 2) זיי האבן נישט געוואלט, ווייל זיי האבן געמיינט, אז „דער דייטש" וועט זיך פירן ווי אין 1918 און מען וועט אים ווי עס איז איבערקומען ; 3) זיי האבן פשוט ניט געוואלט פארלאזן זייערע היימען.

אנדערע זיינען, פארשטייט זיך, פארבליבן כדי אנצופירן דעם קאמף קעגן שונא פון אינעווייניק.

עס איז שווער צו זאגן וועלכע קאטעגאריע עס איז געווען די גרעסטע, אבער צופיל האבן ניט געוואלט איבערלאזן די „באלעבאטישקייט", ספּעציעל האבן פרויען מיט גרויסע פאמיליעס ניט געוואלט „אלץ איבערלאזן" און אוועקפארן.

איך האב געטראפן אין פוילן א אידן, וועלכער האט געקלאגט : „איך האב זיך געבעטן ביים ווייב, זי זאל לאזן די געשיר מיט דער גאנצער באלעבאטישקייט, זאל עס גיין אין דר'ערד אריין ! די ווייב האט ניט געוואלט. זי איז געווען זיכער, אז די דייטשן וועלן פרויען מיט קינדער ניט טשעפען."

דערפאר זיינען אין באבי יאר און אין די שחיטה־ערטער ביי אנדערע שטעט אומגעקומען אזוי פיל פרויען און קינדער.

זייער א סך אידן האבן ניט געוואלט גלויבן, אז „דער דייטש" איז אזוי שרעקלעך. און דער אמת איז, אז די גרויליקע מעשים האבן זיך ניט געלייגט אויפן שכל. די סאוועטן־מאכט האט א סך כוחות אוועקגעלייגט צו עוואקואירן די אידן. אויף אזא שטייגער זיינען לעבן־געבליבן די גרעסטע מערהייט פון די קיעווער אידן — ארום פיר פינפטל !

דאס הייסט ניט, אז אלע הונדערט און צוואנציק טויזנט אידן אין

קיעוו זיינען אַמאָליקע קיעווער. דאָס הייסט אויך ניט, אַז אַלע אַמאָליקע קיעווער זיינען אין קיעוו. קיעווער אידן זיינען געבליבן וואוינען אין טאַשקענט, אָדער אַנדערע ערטער, וואו זיי זיינען עוואַקואירט געוואָרן. אין טשערנאָוויץ און אַנדערע ערטער פון אוקראַינע געפינט מען קיעווער אידן און — פאַרקערט ווידער — אידן פון יענע ערטער געפינט מען אין קיעוו. דער עיקר איז: אַבי אידן האָבן זיך געראַטעוועט, וואו זיי זאָלן ניט זיין!

מען האַלט, אַז אין אוקראַינע איז שוין (אין האַרבסט 1946) פאַראַן העכער אַ מיליאָן אידן.

נאָר וועגן דעם, און וועגן אידן אין די שטעטלעך פון אוקראַינע, שפּעטער.

אין קיעוו זעט מען אידן, ניט נאָר אויף פּאָדאָל. מען טרעפט זיי אויפן קרעשטשאַטיק און אַנדערע גאַסן. אידן זיינען דאָ אין די פאַבריקן, ביים פּאָרט (דניעפּר), צווישן די בויער פון דער שטאָט.

דער אינטערעס פון אידן צו אידישע קולטור־אונטערנעמונגען איז זייער גרויס. איך האָב שוין דערציילט וועגן אַ פּרץ־אָוונט, וועגן די שלום עליכם אָוונטן. ווען עס באַזוכט קיעוו דער אוקראַינישער אידישער מלוכה־טעאַטער, גייען זיינע פאָרשטעלונגען מיטן גרעסטן דערפאָלג. דער טעאַטער האָט איצט זיין וואוין־אָרט אין טשערנאָוויץ, ווייל קיעוו איז נאָך האַלב־חרוב. די דייטשן האָבן ניט פאַרפעלט אויפצורייסן דעם אידישן טעאַטער אויפן קרעשטשאַטיק.

אין קיעוו, ווי אין אַנדערע שטעט, טרעט אָפט אַרויס דער פּאָפּולערער זינגער פון אידישע פאָלקס־לידער, מ. עפּעלבוים. זיינע אַרויסטרעטונגען, ווי די אַרויסטרעטונגען פון דעם פאָרלעזער דוד ווינאָגראַדסקי, ווי פון דער אידישער אַקטריסע פון בעסאַראַביע סידי טאַל, האָבן אַלע צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

## דער קאַבינעט פאַר אידישער קולטור

דער קאַבינעט פאַר אידישער קולטור ביי דער אוקראַאינישער וויסנ־שאַפט־אַקאַדעמיע אָרדנט איין פון צייט צו צייט אָוונטן וועגן אידישער קולטור־פאָרשונג, וועלכע רופן אַרויס אַ ברייטן אינטערעס.

דער קאַבינעט געפינט זיך אין איינער פון די געביידעס פון דער אַקאַדעמיע, אויף שעווטשענקאָ־בולוואַר נומער 14. זיין אָפיציעלער טיטול איז: „קאַבינעט אויף דערלערנען די אידישע שפּראַך, ליטעראַטור און פאָלקלאָר". ער פאַרמאָגט דריי סעקציעס פאַר די דאָזיקע דריי ענינים.

דר. עליע ספּיוואַק איז דער הויפּט פון קאַבינעט און פון דער שפּראַך־סעקציע. חיים לויצקער איז הויפּט פון ליטעראַטור־אָפּטייל און סעקרעטאַר פון קאַבינעט. משה בערעגאָווסקי איז פאַרוואַלטער פון פאָלקלאָר־אָפּטייל.

איידער צו געבן „טרוקענע" פאַקטן וועגן קאַבינעט וועל איך דערציילן וועגן אַן אָוונט אין די צימערן פון קאַבינעט — אַ לאַבאָראַטאָריע־אָוונט, אויב איר ווילט. חוץ חיים לויצקער און משה בערעגאָווסקי (ע. ספּיוואַק איז געווען אויף וואַקאַציע אין קאַווקאַז) זיינען געווען: דוד האָפשטיין, פּראָפעסאָר נ. אויסלענדער, אברהם קאַהאַן, משה מעזשערציצקי, מ. מאַידאַנסקי, מירע בענקין, דאָראַ כאַיקין, ר. לערנער, די זינגערין און מיטאַרבעטערין פון פאָלקלאָר־אָפּטייל איטע שייקעס, דער זינגער פון דער קיעווער אָפּערע משה פורמאַן, דער פּיאַניסט יעקב גורעוויטש און אַ ריי קולטור־טוער. געהאַנדלט האָט זיך וועגן צוויי עקספּעדיציעס, וואָס דער קאַבינעט האָט אַרויסגעשיקט איבער אוקראַינע, איינע צו זאַמלען לידער פון די געטאָס און פאָלקס־לידער, אַן אַנדערע צו זאַמלען מעשיות וועגן דער מלחמה און בכלל פאָלקס־מעשיות. האָט מ. בערעגאָווסקי דערציילט, אַז דער קאַבינעט האָט צוועלף הונדערט וואַלצן (רעקאָרדס, פּלאַטינקעס) פון לידער; אַז געזאַמלט האָט שוין דער קאַבינעט זיבן טויזנט (7,000) נומערן — לידער, טעאַטער־שפּילן; אַז דער פאָלקלאָר־אָפּטייל פון קאַבינעט אַרבעט לויט אַ פּלאַן אָפּצודרוקן פינף בענד. איין באַנד לידער איז אַרויס אין 1934. פון אַ צווייטן באַנד לידער זיינען פאַראַן מאַטריצן (די מלחמה האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט אינמיטן). עס ווערט געפּלאַנעוועט אַ באַנד קלעזמער־לידער, אַ באַנד פּורים־שפּילן מיט מוזיק, אַ באַנד ניגונים און ווערטער. עס איז איצט פאַרטיק געוואָרן צום דרוק אַ ביכל לידער וועגן דער מלחמה, פיל מיט נאָטן.

אין 1944, ווען די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַן עקספּעדיציע קיין טשערנאָוויץ און „טראַנסניסטריע" (אויף יענער זייט דניעסטער — פון רומעניע אין דער ריכטונג פון אוקראַינע) צו זאַמלען לידער. זיבעציק לידער האָט די עקספּעדיציע געבראַכט. צוויי פון די לידער זיינען געזונגען געוואָרן פאַר מיר. זיי האָבן מיר צעריסן דאָס האַרץ.

אַ 14־יאָריק מיידל פּירע (עספּיר, אסתר) מיצעל פון בערשאַד האָט געזונגען אַ ליד וועגן דעם לאַגער „קאַרלאָווקע".

„אוי, אוי, קאַרלאָווקע" — און איר האָט דערפילט וואָס פאַר אַ גיהנום דאָס איז געווען פאַר אידן.

אַן עלף־יאָריק מיידעלע וואַליע רויטלענדער פון בראַצלאַוו (דאָס

הייסט, בשעת היטלערס אָנפאַלן אויף אוקראַינע איז זי אַלט געווען אַכט יאָר) האָט געזונגען אַ ליד: „איך גיי אוועק פון מיין מאַמעס גרוב", לויט דער מעלאָדיע פונעם פאָלקס־ליד „קליפ־קלאַפּ אין גאָלדן טיר".

„קאַרלאָווקע" האָט מען געשפּילט פאַר מיר בייטאָג אויף אַ רעקאָרד. „איך גיי אוועק פון מיין מאַמעס גרוב" האָט געזונגען די מיטאַרבעטערין פון פאָלקלאָר־אָפּטייל איטע שייקעס, אַ באַגאַבטע מוזיקערין און האַרציקע זינגערין. דאָס ליד גייט מיר ניט אַרויס פון קאָפּ, פון האַרץ...

אין אָוונט האָט דער טענאָר משה פּורמאַן געזונגען דאָס ליד און אַנדערע לידער.

דער מיטאַרבעטער פון קאַבינעט ר. לערנער האָט דערציילט וועגן דער עקספּעדיציע צו זאַמלען פאָלקס־מעשיות. דאָ איז בערשאַד געווען דער הויפּט־קוואַל: זיבן בערשאַדער האָבן אים דערציילט איין און פערציק פאָלקס־מעשיות. איך האָב פאַרצייכנט די נעמען פון פינף דערציילער: מנשה טאַליאַנסקי, שלמה רוטענמאַכער, ר. מאַרקאָוויטש, ג. גאָלדבערג און אברהם וואַרשאַווסקי (18 יאָר אַלט). דערביי האָט ר. לערנער דערציילט, אַז אין בערשאַד זיינען דאָ 2,500 אידן. בערשאַדער געפינען זיך אויך אין אַנדערע ערטער פון אוקראַינע.

די עקספּעדיציע האָט אויך געזאַמלט פאָלקס־לידער אין קריזשאָפּאָל און זשאַבאָקריטש.

אויפן אָוונט אין קאַבינעט האָט דער מיטאַרבעטער מ. מעזשעריצקי פאַרגעלייענט אַ טייל פון אַן אַרבעט וועגן אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער לעבן באַבי יאַר. דער קאַבינעט פאַרנעמט זיך איצט מיט פאָרשן און פאַר־אייביקן די געשיכטע „באַבי יאַר".

דער קאַבינעט גרייט אַ ריי מאָנאָגראַפיעס (באַשרייבונגען) וועגן די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע. אוקראַינער לאַנדס־מאַנשאַפטן וואָלטן געדאַרפט די מאָנאָגראַפיעס אַרויסגעבן.

## אוקראַיניש־אידישע פריינטשאַפט

איידער איך בין אוועקגעפאָרן פון קיעוו איז פאָרגעקומען אַן אָוונט פון אידישער פּאָעזיע. אַרויסגעטראָטן זיינען סיי אידישע דיכטער, סיי אוקראַינישע. די אידישע דיכטער האָבן געלייענט אויף אידיש, פאַרשטייט זיך, און די אוקראַינישע דיכטער האָבן געלייענט לידער פון אידישע דיכטער אין אוקראַינישער איבערזעצונג. פון די אידישע דיכטער זיינען אַרויסגעטראָטן: דוד האָפשטיין, מ. טאַלאַליעווסקי, מירע כענקין, דאָראַ

כאַיקין, ריווע באַליאַסנע, ב. גוטיאַנסקי. חיים לויצקער האָט גערעדט וועגן דער אידישער פּאָעזיע אין אוקראַינע. פון די אוקראַינישע פּאָעטן האָבן זיך באַטייליקט: מאַקסים רילסקי, מיקאָלאַ טערעשטשענקאָ, סאָסיורע, אַלעקסעי נאָוויצקי. אויף דעם אָוונט האָב איך געזען אַ בוך אידישע פּאָעזיע אין אוקראַיניש — איבערזעצונגען, וואָס די גרעסטע היינטצייטיקע אוקראַינישע דיכטער האָבן געמאַכט פון אידישע דיכטער.

עס איז געגרייט געוואָרן נאָך אַזאַ אָוונט, וועגן די אידישע פּראָזאַיקער; צוזאַמען מיט אידישע פּראָזע־שרייבער זאָלן אַרויסטרעטן אוקראַינישע.

דער „גאַסט פון אַמעריקע״, וועלכער איז פאָרגעשטעלט געוואָרן פון מאַקסים רילסקי (איינער פון די גרעסטע היינטצייטיקע אוקראַינישע דיכטער, דעפּוטאַט אין העכסטן סאָוועט), האָט געלאָזט וויסן די אידישע דיכטער, אַז די פּראָגרעסיווע אידישע מאַסן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער קוקן אויס אויף זייערע שאַפונגען און האָט אונטערגעשטראָכן דעם ספּעציעלן סאָוועטישן אויסדרוק פון פעלקער־פריינטשאַפט, די אַרויסטרעטונגען פון אוקראַינישע און אידישע דיכטער צוזאַמען, אויף אַן אָוונט וועגן אידישער פּאָעזיע. און באמת: אין וועלכן לאַנד איז אַזוינס מעגלעך? בלויז דער געדאַנק פון אַזעלכע אָוונטן אין ניו־יאָרק, למשל, אַ שטאָט מיט העכער צוויי מיליאָן אידן, קלינגט „מאָדנע״. די גרעסטע אַמעריקאַנער דיכטער זאָלן אַרויסטרעטן צוזאַמען מיט אידישע דיכטער אויף אַן אָוונט וועגן אידישער פּאָעזיע...

אַזעלכע אָוונטן, ווי בכלל קולטור־אונטערנעמונגען, אין וועלכע עס נעמען אָנטייל אידן און אוקראַינער צוזאַמען, זיינען מיטלען אויף אויסרייניקן נאַציאָנאַלע באַציִלן. און — ניט די איינציקע מיטלען.

לאָמיר, אגב, געדענקען: אין גאַנץ אייראָפּע — און אויך אין אַמעריקע — דאַרף מען היילן גייסטיקע וואונדן, וואָס דער היטלעריזם האָט געלאָזט. איך דערמאָן זיך, ווען די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען, האָט דער דעמאָלטיקער סאָוועטישער גענעראַל־קאָנסול אין ניו־יאָרק, יעווגעני קיסעלעוו, אויף אַן עפנטלעכן מיטינג אָנגעוויזן, אַז אין די סאָוועטישע טעריטאָריעס, וואָס זיינען צייטווייליק געווען אָקופּירט פון די נאַציס, וועט אויסקומען צו ראַמען די באַציִלן פון היטלעריזם. אין די לענדער פון די נייע דעמאָקראַטיעס ראַמט מען און אין די סאָוועטישע טעריטאָריעס, וואָס זיינען געווען אָקופּירט, האָט מען אַ ראַם געטאָן! און מען היילט די גייסטיקע וואונדן מיטן סאָוועטישן באַלזאַם: פעלקער־פריינטשאַפט.

דאָס טוט מען אין אוקראַינע.

עס וועט ווערט זיין דאָ צו באַמערקן, אַז די גרעסטע אוקראַינישע דיכטער: רילסקי, סאָסיורע און טיטשינאַ, האָבן אין משך פון דער מלחמה אָנגעשריבן שטאַרקע און רירנדיקע פּאָעמעס: „צום אידישן פאָלק".

מיט די איינדרוקן פון דעם אָוונט האָב איך זיך געזעגנט מיט קיעוו. מיין מאַרשרוט האָט געפירט קיין זשיטאָמיר, בערדיטשעוו, אָדעס.

## פון קיעוו קיין זשיטאָמיר

דער אַספאַלטענער אויטאָמאָביל־וועג איז פאַר דער מלחמה אויסגעבויט געוואָרן פון קיעוו ביז זשיטאָמיר — און ווייטער, אַזש ביז בריסק און לוואָוו. אויף דעם וועג לאָזן מיר זיך אַרויס מיטן אויטאָבוס.

אַ מיטליאָריקע אידישע פרוי איז די באַלעבאָסטע. ניט קאָנדוקטאָר, נאָר פשוט אַ באַלעבאָסטע. און אפשר גאָר אַ מאַמע. זי הייסט דאָראַ און רעדט רוסיש און אוקראַיניש, נאָר אידיש רעדט זי גאָר געשמאַק. איך וואָלט זי אָנגערופן: „דבורה דער קאָנדוקטאָר", און אָסור אויב עס וואָלט איר געאַרט. אַזוי קומט מיר אויס. און זאָל זי טאַקע ביי אונדז הייסן דבורה.

דבורה גיט דעם סיגנאַל און דער אויטאָבוס, גאָר אַ פיינער, רירט זיך. שפּעטער, אויפן גלאַטן וועג, איז ער ממש געפלויגן. דערווייל זיינען מיר נאָך אין שטאָט, אין קיעוו, און איילן זיך ניט צו שטאַרק.

פון שעווטשענקאָ־בולוואַר פאָרט מען אַרויס אויפן טראַקט קיין זשיטאָמיר. דאָ פאָרט מען פאַרביי נאָך חורבות, וואָס די דייטשן האָבן געלאָזן. אויף איין אָרט איז געווען אַ וויכטיקער בעמישער זאַוואָד, „באָלשעוויק". האָט פאַרנומען אַ גרויסן שטח. איצט איז ער אַ געפּלעבט פון צעדרייטע שטאַנגען און שטאַבעס, מיט רעשטלעך פון ווענט פון אַ ריזיקער געביידע.

ס'הויבט זיך אָן דער אַספאַלטירטער וועג. פון ביידע זייטן איז וואַלד, דאַטשע־ערטער פאַר קיעווער איינוואוינער. דער טאָג איז אַ זוניקער. ס'איז זוניקער הארבסט. באַלד שפּרייט זיך אויס פאַר אונדז, ביים אַרויספאָר פון וואַלד, דאָס אוקראַיינישע פלאַכלאַנד, באַגאָסן מיט זון.

ריזיקע פעלדער, באַאַרבעטע, פאַרזייט מיט ווינטער־ווייץ, ציען זיך אַוועק צו די האָריזאָנטן. מיר פאָרן איבער אוקראַינע.

פון קיעוו קיין זשיטאָמיר איז 140 קילאָמעטער. אין מיטן וועג, 68

קילאָמעטער פון קיעוו, שטעלט מען זיך אָפּ אויף אָפּרו. דאָס אָרט הייסט: סטאַווישטשע. ניט ווייט פון דעם אָרט שטייט אויפן וועג אַ שילדל: 12 מייל קיין ברוסילאָוו.

איידער מען קומט אָן אין זשיטאָמיר איז דאָ נאָך איין אָפּשטעל: קאָראָסטישעוו.

פון דעם וואָס מיר האָבן געזען פון ביידע זייטן שאָסעי, האָט אויף אונדז קאָראָסטישעוו געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ צונויפזאַמלונג פון פאַרם־הייזער. אַ סך, אַ סך פאַרם־הייזער, יעדעס הויז מיט גאָרטנס פון אַלע זייטן — פאַר קאַרטאָפל, באָב, קרויט, רעטעכלעך און שאר ירקות. אפשר דערפאַר זיינען די קאָראָסטישעווער אַזוי פאַרליבט אין זייער שטעטל.

דבורה איילט אונטער די פּאַסאַזשירן, וועמען אויף רוסיש אָדער אוקראַיניש, און וועמען אויף אידיש. און זי מאַכט עס אַלץ אַזוי מוטער־לעך. אַפילו ווען זי שטראָפט אויס עמעצן פאַר פאַרציען אַ פּאַפּיראָס פון אַרבל אַרויס (אין אויטאָבוס טאָר מען ניט רויכערן), שמייכלען אויך די קניטשעלעך אויף איר אידיש־מאַמעשן פּנים. ניט מער, פּאַסאַזשירן העלפן איר אַרויס. אַ שכן לעבן מיר, אַן עלטערער מענטש, גיט דעם פאַרברעכער, דעם אומלעגאַלן רויכערער, די ריכטיקע לעקציע. ער לאָזט אים שוין ניט אָפּ ביז סאַמע זשיטאָמיר.

אין זשיטאָמיר פאָרן מיר אַריין פון קיעווער גאַס, ס׳הייסט — לענין־גאַס. ווערליק ווי פאַר אַ שטאָט, וואָס איז עטלעכע מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, טראַכט איך מיר, קוקט זשיטאָמיר אויס גאָרניט שלעכט. איך האָב זיך אָבער שטאַרק צוגעאיילט מיט מיין מיינונג. באַלד זיינען מיר אַרויף אויף ראָזאַ לוקסעמבורג פּלאַץ (אַמאָל — סאָבאָרנאַיאַ פּלאָשטשאַד, אָדער „פּלאַץ פון 1812") און עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ חורבן פון אַלע זייטן. פון דעם סקווער ציט זיך אַוועק די קאָ־אָפּעראַטיווע (קאַפּעדראַלנע) גאַס צום אַלטן מאַרק, וואו ס׳איז געווען די גרויסע שול און וואו די דייטשן האָבן געמאַכט אַ צייטווייליקע געטאָ (ביז זיי האָבן די פאַרבליבענע אידן אומגעבראַכט). דאָ איז חורבן אויף חורבן. און כמעט אַזוי איז אויף די אַנדערע גאַסן, וואָס פאַלן אַריין אין סקווער: די ווילסקער, די טשודנאָווער און די הויפּט־גאַס, קאַרל מאַרקס (בערי־דיטשעווער). אויף די ראָגן פון דער הויפּט־גאַס איז דאָ נאָר ציגל־פּאָרעך און גראָז. ווייטער אויף דער גאַס האָט „דער דייטש" אָפּגעקליבן די בעסטע געביידעס און פאַרברענט. עס שטייען „קאָראָבקעס" (שאַכטלעך), סקעלעטן פון געוועזענע געביידעס.

מיר פֿאָרן גלייך צום שטאָט־ראַט, וואָס געפֿינט זיך, צייטווייליק, אויף א זייטיקן בולוואַר, אין אַ איין־שטאָקיק ווייס הויז. מיר ווילן זען דעם פּאָרזיצער פֿון סאָוועט, דעם מעיאָר.

כאָטש ס'איז געווען זונטיק, האָבן מיר אים געטראָפֿן ביי זיך אין קאַבינעט. ער האָט אונדז באַלד אויפֿגענומען און לאַנג געשמועסט מיט אונדז.

דער מעיאָר האָט אונדז דערציילט, אַז פֿופֿציק פּראָצענט פֿון אַלע געביידעס אין שטאָט זיינען חרוב. דערפֿאַר איז אַזוי ביטער מיט דירות, ווייל די שטאָט האָט שוין אַן ערך אַכציק טויזנט איינוואוינער, צווישן זיי נאָענט פֿון צוואַנציק טויזנט אידן. נאָר לאָמיר אייך פֿאָרשטעלן דעם מעיאָר פֿון זשיטאָמיר. די זשיטאָמירער לאַנדסלייט אין אַמעריקע דאַרפֿן מיט אים זיין באַקאַנט — און שטיין מיט אים אין פֿאַרבינדונג. אַזוי האָט ער מיך געבעטן, סיי מינדלעך און סיי שריפֿטלעך — שטיין אין פֿאַר־בינדונג. ער האָט מיר געגעבן אַן אָפֿיציעלן בריוו, אין וועלכן ער האָט מיר באַדאַנקט פֿאַרן גרוס, וואָס איך האָב אים געבראַכט, — אַז די זשי־טאָמירער לאַנדסלייט אינטערעסירן זיך מיט זייער געבורטס־שטאָט און וואָלטן געוואָלט מיטהעלפֿן אין דער בויאונג.

גריגאָרי איוואַנאָוויטש קוסטיקאָוו, דער מעיאָר, פֿאַרמאָגט אַ קלוגן פּנים. ער איז געווען אַ קאָמאַנדיר פֿון דער רויטער אַרמיי, אַן אַרטילעריע־מאַיאָר, האָט זיך געשלאָגן פֿאַר זשיטאָמיר, איז פֿיר מאָל פֿאַרוואונדעט געוואָרן אויף ד פֿראָנטן. איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר, אין אַמעריקע, האָבן זיך דערפֿילט גאָר שלעכט, ווען די דייטשן, בשעת מען האָט זיי געטריבן פֿון קיעוו, האָבן מיטאַמאָל צוריק אָפּגענומען זשיטאָמיר. ער האָט אַ שמייכל געטאָן מיט די קלוגע אויגן. „ניטשעוואָ", ס'איז מלחמה. און חוץ דעם האָט מען טאַקע אַרום זשיטאָמיר געמאַכט אַ פֿאַסטקע פֿאַר גענעראַל ראָמעלס חיילות. היטלערס באַליבטער גענעראַל האָט דאָ געכאַפּט די ריכטיקע מפּלה.

מעיאָר קוסטיקאָוו איז אַן ענערגישער מענטש און פֿול מיט ווערטלעך און מעשיות, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס חוץ די פֿיר וואונדן, וואָס ער האָט געקראָגן אויף די פֿראָנטן, האָט ער פֿון אַ קאָנטוזיע צוויי חדשים ניט געקאָנט רעדן. אויפֿן ברוסט טראָגט ער אַ ריי בענדלעך, אויסצייכענונגען: צוויי אָרדנס פֿון רויטן שטערן, „פֿאַרן פֿאָטערלאַנד", „פֿאַר דייטשלאַנד". איצט איז ער אויפֿן פֿראָנט פֿון בויאונג, און קיין אַרבעט פֿעלט אים ניט. מיר זיינען, ווי געזאָגט, אַריינגעפֿאָרן אין זשיטאָמיר זונטיק און מורא געהאַט, מיר וועלן דעם מעיאָר ניט טרעפֿן. ערשט ער זיצט ביים שרייב־

טיש — מיטן מאַנטל אויף די אַקסלען, ווייל אַזוי ווי „אַלע" אַרבעטן ניט, האָט מען ניט געהייצט. הייצוואַרג איז אַן איידעלע זאַך.

אין זשיטאָמיר איז דאָ אַרבעט איבערן קאָפּ. מען בויט. עס איז ממש צו באַוואונדערן וואָס מען האָט שוין אויפגעטאָן.

די דייטשן, למשל, האָבן אַלע שולן פאַרניכטעט. איצט זיינען שוין אָפן פינף און צוואַנציק שולן, צוויי פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן, אַן אַגריקולטור־אינסטיטוט, עטלעכע טעכניקומס. זשיטאָמיר איז קיינמאָל ניט געווען קיין אינדוסטריעלער צענטער, אָבער פאַר דער מלחמה זיינען שוין אין שטאָט געווען אַ ריי וויכטיקע אונטערנעמונגען. ווערן זיי אויפגעשטעלט. דער ציל איז וואָס גיכער צו דערגרייכן און אַריבערשטייגן דעם פאַר־מלחמה צושטאַנד.

דער מעיאָר פון זשיטאָמיר האָט אָבער מער גערעדט וועגן דער פאַרניכטונג פון מענטשן ווי פון הייזער, פאַבריקן. און דאָ האָט ער מיט ווייטיק גערעדט וועגן דער שחיטה אויף אידן, וואָס די נאַציס האָבן געמאַכט אין זשיטאָמיר. פון אַן ערך זעכציק טויזנט אידן, וואָס זשיטאָמיר האָט געהאַט, האָבן זיך אַן ערך אַ העלפט געראַטעוועט. אַרום דרייסיק טויזנט האָט „ער" (דער דייטש) אויף אַ שוידערלעכן אופן אומגעבראַכט. ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט זשיטאָמיר, האָט מען אויפן „באָהון", ניט ווייט פון שטאָט, אויסגעגראָבן הונדערט מיט צוואַנציק טויזנט סקעלעטן. די מערהייט זייערע — קריגס־געפאַנגענע, אוקראַאינער פּאַרטיזאַנען, אוקראַאינער בכלל. אָבער אין די ברידער־קברים ביי באָהון האָט זיך געפונען די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג, וואָס איז געווען פאַרבליבן אין זשיטאָמיר.

ווידעראַמאָל: פאַרוואָס פאַרבליבן? די פראַגע האָב איך אומעטום געפרעגט די אָרטיקע אידן. איך האָב שוין וועגן דער פראַגע געשריבן, רעדנדיק וועגן קיעוו. ווען איך טראַכט וועגן אַלץ, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט, קומט מיר אויס, אַז דער וואונדער איז וואָס אַזוי פיל האָבן זיך געראַטעוועט — כאָטש אַזוי פיל זיינען אומגעקומען!

דער „וואונדער" איז דאָ געווען — די סאָוועטן־מאַכט. נאָר אַדאַנק דעם טרעפט מען אין אוקראַאינע אַזוי פיל לעבעדיקע אידן, קיין עין־הרע. אידן, וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער בויאונג — אויך אין נאָמען פון די אומגעבראַכטע.

אין זשיטאָמיר זיינען, ווי געזאָגט, פאַראַן אַרום צוואַנציק טויזנט אידן (ס'הייסט, ווען איך בין דאָרט געווען, סוף אָקטאָבער 1946). עס קומען צו נאָך אידן, פון עוואַקואַציע, כאָטש טויזנטער ווילן אַפּנים פאַר־

בלייבן אויף די ערטער, וואו זיי האָבן זיך געראַטעוועט — אין אוז־בעקיסטאַן, און אַזוי ווייטער.

דער מעיאָר האָט גערעדט וועגן זשיטאָמירער אידן און איז געווען זייער צופרידן צו הערן, אַז זשיטאָמירער אין אַמעריקע האָבן אינזינען זייער היים־שטאָט.

דאָ מוז מען באַמערקן אַט־וואָס: אין זשיטאָמיר, ווי אומעטום אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז מען פאַרטאָן אין גיגאַנטישער בויאונג. עס וועט זיין אַ ביטערער טעות, ווען מען וועט באַטראַכטן דעם ענין פּראָיעקטן פאַר די היים־שטעט פון דעם שטאַנדפּונקט פון הילף, אָדער גאָר צדקה. אַ פּראָיעקט פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט קאָן באַטראַכט ווערן נאָר ווי אַן אויס־דרוק פון פריינטשאַפט, ווי אַן אויסדרוק פון צוגעבונדנקייט צו דער געבורט־שטאָט און ווי אַ מעגלעכקייט צו האָבן דעם כבוד כּמעט מיט עטוואָס מיטצוהעלפן אין דער מסירת־נפשדיקער בויאונג. איך האָב שוין געזאָגט, אַז דער מעיאָר האָט מיר געגעבן אַן אָפיציעלן בריוו. ער האָט אויסגעדריקט אָנערקענונג פאַר פריינטשאַפט — און די האָפענונג אויף פריינטשאַפט צווישן אַמעריקאַנער פאָלק און די סאָוועטישע פעלקער, וועלכע ווילן איינס: פרידן, בויען אין פרידן!

ווי יעדער איינער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט וועמען מיר איז אויס־געקומען צו רעדן וועגן אַמעריקע, האָט מעיאָר קוסטיקאָוו מיט גרויס וואַרעמקייט דערמאָנט רוזוועלטן. „מיר וועלן רוזוועלטן קיינמאָל ניט פאַר־געסן", האָט ער עטלעכע מאָל געזאָגט. און ווידער: „מיר ווילן פרידן און פריינטשאַפט."

בשעת דער מעיאָר האָט מיט אונדז גערעדט, האָבן די טעלעפאָנען צו אים ניט אויפגעהערט קלינגען, כּמעט ס׳איז געווען זונטיק. מענטשן האָבן ניט אויפגעהערט קומען. פיל מאָל האָב איך באַדויערט וואָס איך נעם אָפּ ביים מעיאָר צופיל צייט, אָבער ער האָט דעם שמועס לאַנג ניט געוואָלט איבעררייסן.

נאָכן שמועס מיטן מעיאָר בין איך אַרוים שפּאַצירן איבער זשיטאָ־מיר. ניט געקוקט אויף דער צעשטערונג, האָט דער גרעסטער טייל פון דער שטאָט איינגעהאַלטן דעם אַמאָליקן אויסזען, דער אויסזען פון אַ טיפּיש־אוקראַאינישער שטאָט: אַ סך ביימער, אַ סך ליכטיקייט פון די וויים־געפאַרבטע הייזער.

ס׳איז אַ געשמאַקע שטאָט, וואָלט איך געזאָגט. אַ זשיטאָמירער קאָן זי שטאַרק ליב האָבן — כּמעט איך האָב געזען, אַז מען האָט ליב אַ היים־שטאָט, און מען קערט זיך אום צו איר און מען וואַרפט זיך אַריין אין

דער בויאונג, אפילו ווען ביים זייטיקן מענטשן האָט די שטאָט קיין חן ניט.

א היים־שטאָט איז ניט קיין שפּילכעלע, אפּנים. מען קומט פון מרחקים, פון די ווייטע געגנטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, צוריק אין די אַלטע שטעט און שטעטלעך.

מיר שפּאַצירן איבער די זשיטאָמירער בולווארן, מיר שפּאַצירן אויף דער הויפּט־גאַס, אויף דער קארל מארקס גאַס. זי איז שטאַרק באַלעבט, אזוי אויך די גאַסן ארום. ס'איז פאראן א גרויסער קינאָ־טעאטער, גע־שעפטן (וועלכע זיינען אָפן זונטיק, צוגעמאכט מאָנטיק). מען זעט א סך יוגנט, מיטליאָריקע. עס מערקט זיך, אז זשיטאָמירער יונגע פרויען האָבן א גוטן געשמאַק, ווייסן וואָס צו טאָן מיט די מלבושים, וואָס זיי פאַרמאָגן. פון לוקסוס קאָן, פאַרשטייט זיך, קיין רייד ניט זיין נאָך אזא מלחמה און אזא חורבן. פון סתם פוצן זיך — אויך ניט.

ביי איין ראָג גאַס אויף קארל מארקס, אנטקעגן דעם הויז וואו ס'איז אמאָל געווען דער שטאָט־ראַט, איז גאָר טומלדיק. דאָרט געפינט זיך א גרויסער גאַסטראָנאָם, א שפּייז־געשעפט מיט ארטיקלען וואָס זיינען געשמאַק פאַרן גומען, מיט נאַשערייען. ווי אין אַלע שטעט ביי אַזעלכע געשעפטן, איז אויך דאָ געפּאַקט. איך גיי אַריין, וויל זיך דערשטופּן צו א פאַרקויפער, אָדער פאַרקויפערין, אָבער איך גיב עס אויף. ניטאָ געדולד צייט.

דאָס הויז, וואו ס'איז אמאָל געווען דער שטאָט־ראַט, איז איצט א „קאַראָבקע" (א שאכטל), א סקעלעט פון א הויז. דער פראָנט איז אָבער אזוי צוגעראַמט, אז פון ווייטנס קאָן מען מיינען, אז דאָס הויז איז גאַנץ. אזוי מיט אַנדערע געביידעס. דערפאַר מאַכט די הויפּט־גאַס אַן איינדרוק, אז אַלץ איז ווי געווען. ערשט ביי ראָזא לוקסעמבורג פּלאַץ (סאָבאָרנאַיאַ) האָקט זיך אָפּ די קאַרל מארקס גאַס מיט חורבות, וואָס דערמאָנען אָן ווארשע.

מיר זיינען אין דער געגנט פון טאָטאַלן חורבן. דאָס איז אמאָל געווען כמעט דורכאויס א אידישע געגנט — האָבן די דייטשן זי אָפּ־געוויסט.

מיר גייען איבער קאָאָפּעראַטיווע (קאָפּעדראַלנע) גאַס אין דער ריכטונג פון אַלטן מאַרק. די הייזער אויף לינקס זיינען אינגאַנצן ניטאָ — אויסגעברענט, אָדער אויפגעריסן. נאָר אויף דער רעכטער זייט איז דאָ און דאָרטן געבליבן א הויז גאַנץ. צום סוף פון דער גאַס קומען מיר אַריין אינעם הארץ פון דער געוועזענער געטאָ. מיר זיינען אויפן אַלטן מאַרק. איך ווייס ניט ווי גרויס דער פּלאַץ איז געווען אמאָל, ווען עס זיינען,

אויף לינקס, געווען הייזער און גאַסן. די הייזער און גאַסן זיינען איצט איינגאַנצן אָפּגעווישט. איר קאָנט פאַרוואַרפן דעם בליק ווייט אַראָפּצו, אין טאָל אַריין, און ווייטער, אַרויפצו — איבערן גאַנצן גרויסן שטח, וואו ס'איז געווען אַזוי פיל אידיש לעבן...

פון די מייסטע הייזער זיינען אפילו די ווענט ניט געבליבן. נאָר פון דער גרויסער שול איז געבליבן די פראָנט־וואַנט. מען קאָן נאָך זען די אידישע אותיות סאַמע אויבן, כאָטש איבערלייענען איז שוין שווער (אָפּנים, די דייטשן האָבן גענוצט די גרויסע שול־געבײדע פאַר זייערע צוועקן ביז דער לעצטער מינוט). פון דער שול אָן איז די גאַנצע געגנט העט ביז אַרונטער אָפּגעווישט. נאָר רעשטלעך פונדאַמענטן שטעקן אַרויס.

אַ באַקאַנט בילד. איך האָב עס געזען אין וואַרשע אויף אַ גרעסערן פאַרנעם, און אין לאָדז, און אין לובלין, אין בריסק. די היטלערישע סיסטעם האָט אומעטום געאַרבעט לויט איין פּלאַן.

אידן ווייזן אָן: דאָ האָט געוואוינט דער, יענער; דאָ איז געווען אַ בית־המדרש. זיי ווייזן אָן — אויף ליידיקע ערטער...

אידן שיקן גרוסן. זיי דערקענען אָן אַמעריקאַנער, פון ערשטן קוק דערקענען זיי. שיקן זיי גרוסן. יעדערער רעכנט אויס קרובים, גיט אַדרעסן.

גייענדיק צוריק דורך ראָזאַ לוקסעמבורג פּלאַץ האָבן מיר זיך אין גערטנדל אָפּגעשטעלט ביי קברים פון העלדן, וואָס זיינען געפאַלן פאַר דער באַפרייאונג פון זשיטאָמיר.

אין גערטנדל טרעפן מיר אָן ענערגישן אידן, וועלכער דערציילט וועגן דעם אָנטייל פון אידישע אַרבעט־מענטשן אין דער בויאונג פון דער שטאָט. ער איז איינער פון זיי. אידן האָבן געהאָלפן אויפשטעלן די מעבל־פאַבריק, די גאַרבאַרניע, די שפּייז־אינדוסטריע. אין די געשעפטן אויף דער הויפּט־גאַס האָב איך געזען אידן. די פאַרוואַלטערין פון דעם איינ־ציקן רעסטאָראַן (מיט אַן אָרקעסטער), דער פאַרוואַלטער פון שטאָטישן טעאַטער, אַנפירער פון דער קאָמונאַלער בויאונג, סטאַכאַנאָווצעס — אידן. זיי זעען זיך אָן אויף אַלע געביטן.

דער ערשטער טאָג אין זשיטאָמיר פאַרענדיקט זיך מיט אַ באַזוך אין טעאַטער, ווי דער גאַסט פון מעיאָר. אין דער לאָזשע געפינט זיך אַן אָרטיקער וויסנשאַפטסמאַן, פּראָפעסאָר יורי באַראָוואָי, אַ טיפּישער רוסישער אינטעליגענט.

דער טעאַטער, כאָטש ער איז 150 יאָר אַלט, קוקט נאָך אויס גאַנץ פיין. אויפגעפירט האָט מען — אין אוקראַיניש, פאַרשטייט זיך — אַ פּיעסע פון מאַטראָסן־לעבן, אַ מלחמה־פּיעסע. חוץ דעם טעאַטער איז דאָ

די פילהאַרמאָניע, וואו עס ווערן געגעבן עסטראַדע־פאָרשטעלונגען (קליין־קונסט, וואָדעוויל). פאַר אַ שטאָט, וואָס פאַרמאָגט ווייניקער פון הונדערט טויזנט איינוואוינער, איז עס גאַר פיין. בפרט אַ שטאָט, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן און וואָס איז אַזוי פאַרטאָן אין בויאונג. אָבער אַזוי איז עס: טעאַטער, קולטור, מוז אַלעמאָל זיין. פּראָפעסאָר בּאַראָוואָי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי שטעט אין אַמעריקע, מיט אַזאַ באַפעלקערונג ווי זשיטאָמיר, קאָנען זיך באַגיין אָן אַ שטענדיקן טעאַטער.

מיר ווילן זיך נאָך טרעפן מיט דעם זייער סימפּאַטישן פּראָפעסאָר און הערן פון אים וויכטיקע זאַכן וועגן זשיטאָמיר. דערווייל איז שוין נאָך האַלבע נאַכט און מען דאַרף זיך לאָזן אין איינציקע פאַרבליבענעם געפאַקטן, זייער באַשיידענעם האָטעלכל, וואָס אויפן טראַקט קיין בערדיטשעוו, כדי צו פאָרן מאָרגן פרי — קיין בערדיטשעוו.

## אין בערדיטשעוו

— אָט דאָ איז געווען די אַלטע שול, וואו ניסע בעלזער איז געווען חזן. ברוך טאָמאַשעווסקי, באַנ׳איך האָט ער געהייסן באָרים טאָמאַשעווסקי, איז דאָ געווען אַ משורר.

— אָט דאָ איז געווען דאָס הויז, וואו ווערויק ראַבינאָוויטש דער הענטשקע־מאַכער, שלום עליכמס ברודער, האָט געוואוינט. שלום עליכם פלעגט צו אים אָפט קומען.

— אָט דאָ איז געווען די גרויסע זאָקן־פאַבריק, אָט באַלד לעבן דעם גרויסן מויער. אַמאָל האָט ער געהייסן: „קאָבעליאַנסקיס מויער".

מיר זיינען געגאַנגען איבער בערדיטשעוו. מיר זיינען לאַנג געשטאַנען און האָבן באַטראַכט די רעשטלעך פון דער „גילדערנער גאַס" (קאַרמעליטן־גאַס). מיר האָבן שפּאַצירט צום מאַרק, צו די „פּיסקעס" און כסדר געהערט די ווערטער: „אָט דאָ איז געווען".

דאָרט וואו ניסע בעלזער האָט גע׳חזנ׳ט און באָרים טאָמאַשעווסקי האָט גע׳משורר׳ט, זעט מען איצט אַ בערגל ערד, באַוואָקסן מיט גראָז. „קאָבעליאַנסקיס מויער" דערביי איז אַ „לאַמטערנע", אַ סקעלעט. פון דער זאָקן־פאַבריק איז קיין זכר (זייכער) ניטאָ. און פון דעם הויז, וואו ווערויק ראַבינאָוויטש האָט געוואוינט איז געבליבן שטיין נאָר איין וואַנט. ווען איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויפן הויז, וואו מענדעלע מוכר ספרים האָט אָנגעשריבן „דאָס קליינע מענטשעלע", האָט מען נאָר אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט: אייסיך!

„אונדזער בערדיטשעוו איז שטאַרק צעקלאַפּט געוואָרן", האָט מיר געוואָרנט דאָס מיידל, אונדזער שאָפער, וואָס האָט אונדז געפירט פון זשיטאָמיר קיין בערדיטשעוו.

מיט זשיטאָמיר האָבן מיר זיך געזעגנט ציטוויייליק. מיר זיינען אריבער דעם טייך טעטערעוו און האָבן זיך געפונען אויפן טראַקט קיין בערדיטשעוו.

ניט דער אַמאָליקער טראַקט — ניט פון די צייטן פון מענדעלעס „קליאַטשע", ניט אפילו פון דעם יאָר 1936, ווען איך בין אין בערדיטשעוו געווען. די מאַשין, אַן אַלטער „פאַקאַרד", וואָס גייט נאָך אַ גאַנג, טראָגט זיך פופציק מייל אַ שעה אויף אַ גלאַטן אַספּאַלט־וועג, וואָס ציט זיך פון זשיטאָמיר קיין בערדיטשעוו און ווייטער, ביז נאָוואָגראַד־וואָלינסק. דער וועג, דער אויטאָמאָביל, דערמאָנען אָן אַ היימישער אויטאָמאָביל־רייזע, אין אַמעריקע. ניט מער, פאַר מיינע אויגן שפּרייט זיך דאָס אוקראַיִנישע פלאַכלאַנד, מיט ריזיקע, גוט־באַאַרבעטע פעלדער פון ביידע זייטן וועג.

מיר זיינען דורכגעפאָרן עטלעכע אוקראַיִנישע דערפער, אַלץ מיטן זעלביקן אַספּאַלטירטן וועג. איינמאָל האָט אַ בליץ געטאָן אַ שילדל אויפן וועג: „טראָיאַנאָוו — 9 קילאָמעטער". אַ באַקאַנטער נאָמען פון דער צייט פון די פּאָגראָמען אין 1905: טראָיאַנאָוו. טראָיאַנאָוו און טשודנאָוו. נאָר ניט עס איז געווען ווען צו טראַכטן וועגן יענע צייטן, ווייל באַלד זיינען מיר צוגעקומען צו בערדיטשעוו, און ניט עס האָט געהאַט אַ זין. באַלד האָבן מיר אין בערדיטשעוו געזען אַזוינס, קעגן וואָס די טרויעריקע פּאַסירונגען פון אַמאָל ווערן בלאַס און מילד.

„וואָס נאָש בערדיטשעוו", זאָגט דאָס מיידל, אונדזער שאָפער — אַ גוטער שאָפער און גוטער מעכאַניק. זי האָט „געמאַכט" די 40 קילאָמעטער פון זשיטאָמיר קיין בערדיטשעוו אין 40 מינוט.

מיר פאָרן פאַרביי דעם בית־עולם. ער איז נאָך טיילווייז צעשטערט. ווי אין די מייסטע אידישע שטעט, האָבן די דייטשן אויך אין בערדיטשעוו געשענדעט דעם אידישן בית־עולם, צעשלעפּט די מייסטע מצבות, אויף ברוקירן די גאַסן. איצט זיינען פיל פון די דאָזיקע מצבות געבראַכט געוואָרן צוריק.

דעם גאַסט קאָן איינפאַלן אַ פראַגע פאַרוואָס מען האָט נאָך דעם בית־עולם ניט געבראַכט אין פולער אָרדענונג. אָבער ווען ער פאָרט אריין אין שטאָט, מוז אים די פראַגע אָפּפאַלן. ערשט דאָ איז דער אמתער חורבן!

בערדיטשעוו איז חרוב. נאָר די מסירת־נפש פון סאָוועטישע מענטשן, נאָר די ליבשאַפט צו אַן איי‍גענער שטאָט, אַ היים־שטאָט, קאָן באַוועגן די

איינוואוינער פון בערדיטשעוו צו פארמעסטן זיך מיטן חורבן. נאָר די ליבשאפט און דער מסירת־נפש האָט שוין געקאָנט באוועגן זעקס טויזנט בערדיטשעווער אידן (די צאָל אין הארבסט 1946) אומצוקערן זיך פון אוזבעקיסטאַן און אַנדערע ערטער, וואו זיי זיינען געווען עוואקואירט, און אריינוואַרפן זיך אין דער בויאונג.

ווען אונדזער אויטאמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט אין צענטער פון שטאָט, האָט געבלאָזן אַן עסיקער ווינט — אַן אָנזאָג אויף דער זאווערוכע, וואָס האָט זיך ביינאכט צעשפּילט. אויף די גאסן איז געווען פּוסט. דאָ און דאָרטן האָט זיך געזען אַ גאַנץ הויז, אָדער אַ הויז, וואו מען קאָן ווי עס איז וואוינען. מייסטנס האָבן זיך געזען חורבות, ליידיקע פּלעצער. איך האָב געקוקט און געקוקט און זיך געפרעגט: הזאת בערדיטשעוו?

איך בין געווען אין בערדיטשעוו פּונקט מיט צען יאָר פריער, אין אָקטאָבער 1936. אין זכרון זיינען מיר פארבליבן אַ ריי גאסן, פיל גע־ביידעס, אָנגעהויבן פונעם האָטעלעכל אויף ליבקנעכט־גאס (בעלאָ־פּאָליער), וואו איך בין איינגעשטאַנען. קיין זכר דערפון האָב איך ניט געפונען! עס האָט מיר לאַנג געדויערט ביז איך האָב זיך געקאָנט וויפיל ניט איז אָריענטירן און אָנטאָפּן דאָ און דאָרטן אַ פּאָדעם, וואָס זאָל מיך פארבינדן מיט דער בערדיטשעוו פון פאר צען יאָרן.

אַ איד מיט אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון האָט מיך דערקענט. יאָ, מיט צען יאָר צוריק האָט ער מיך געזען, זאָגט ער, און ער דערמאָנט מיך עטלעכע איינצלהייטן.

ישראל פּיסאַק הייסט דער איד. ער איז טאַקע דער זון פון מאיר פּיסאַק, וואָס איז געווען חזן אין ניסע בעלזערס שול. אַט דערפאר זיינען מיר אַזוי לאַנג געשטאַנען ביים בערגל, וואו די שול איז געווען.

ישראל פּיסאַק, אַ סאָוועטישער בויער אין איצטיקן בערדיטשעוו, האָט גערעדט וועגן זיין טאַטן, וועגן ניסע בעלזער, וועגן טאָמאַשעווסקין, וועגן גאָלדפאַדענען (וועלכער האָט אויך געזונגען אין דער שול — אַזוי זאָגט ישראל פּיסאַק). דער עיקר האָט ער גערעדט וועגן בערדיטשעווער אידן, די טויטע און די לעבעדיקע. ער האָט מיך געפירט אַראָפּ אויף סטאַראָ־יעווריעיסקאַיאַ גאַס, און אַהין וואו ס'איז געווען די גאָלדפאַדענ־גאַס, און צום מאַרק, און צו די „פּיסקעס”, וואו ס'איז געווען די געטאָ. מיר זיינען געגאַנגען צווישן חורבות. ערטערווייז איז אַפילו דער סימן פון אַ גאַס אָפּגעווישט געוואָרן. נאָר געציילטע הייזער זיינען דאָ און דאָרטן געבליבן שטיין, ווי על פּי נס.

די דייטשן האָבן זיך מיט דער עכטער אידישער שטאָט, מיט בער־

דיטשעוו, גוט אָפּגערעכנט. און אַזוי מיט די בערדיטשעווער אידן. וואָס די דייטשן האָבן ניט באַוויזן צו פאַרניכטן ביים באָמבאַרדירן די שטאָט, האָבן זיי אויפגעריסן ביים אַוועקגיין. נאָר אַדאַנק אַ פּלינקער מאַנעווער פון גענעראַל וואַטיוטין, וועלכער האָט בערדיטשעוו באַפרייט, זיינען אַן ערך פופציק פּראָצענט פון אַלע געביידעס געבליבן. פאַראַן גאַסן, וואָס קוקן אויס ניט אַזוי שלעכט, — ווי, למשל, די ליבקנעכט־גאַס, עטוואָס העכער פונעם צענטער, אויפן וועג צום וואָקזאַל. ס'הייסט, עס זיינען דאָ חורבות, אָבער פיל הייזער שטייען. דערפאַר אָבער די סאַמאָראָדנע בערדיטשעווער אידישע גאַסן און געסלעך, מענדעלעס גאַסן ביים טייך גנילאָפּיאַט, שלום־עליכמס „נייע קאַסרילעווקע", די גאַסן און געסלעך פון ניסע בעלזער און לוי יצחק בערדיטשעווער — זיינען חרוב. דאָ און דאָרטן וואַלגערן זיך שטיקער, ווי אָפּגעריסענע גלידער...

איך בין געגאַנגען, געגאַנגען, צוגעקומען צום ברעג פון מענדעלעס גנילאָפּיאַט, און זיך געוואונדערט, וואָס די וואַסערן זיינען זיינען נאָך אַלץ אַזוי נידעריק — נאָך אַזוי פיל טייכן טרערן און בלוט!

צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות האָבן בערדיטשעווער אידן גאָר שלעכט אָפּגעשניטן. אויב פון קיעוו האָבן זיך געראַטעוועט אַן ערך פיר־פינפטל פון דער אידישער באַפעלקערונג; אויב פון זשיטאָמיר האָט זיך גע־ראַטעוועט אַן ערך אַ העלפט, האָבן זיך פון די אַרום פינף און פופציק טויזנט אידן, וואָס בערדיטשעוו האָט פאַרמאָגט פאַר דער מלחמה, גע־ראַטעוועט קוים פינף און צוואַנציק טויזנט, די דייטשן האָבן דער אידישער שטאָט בערדיטשעוו געשענקט באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ביים באָמ־באַרדירן פון דער לופטן.

אויפן עראָדראָם און אויף דער „ליסע גאָרע" האָבן די נאַציס אומ־געבראַכט אַרום דרייסיק טויזנט אידן, צוזאַמען מיט נאָכאַמאָל אַזוי פיל אַנדערע — געפאַנגענע רויטאַרמייער, קאָמאַנדירן, אוקראַאינער פּאַרטי־זאַנען, סתם אוקראַאינער. ביים סאַמע אַוועקגיין פון שטאָט האָבן די דייטשן פאַרשפּאַרט אַ פּאָר טויזנט אוקראַאינישע פרויען און קינדער אין קעלערס פון עטלעכע גרויסע געביידעס און די געביידעס אונטערגעצונדן.

איך בין אַרומגעגאַנגען איבערן שטח, וואו ס'איז געווען די געטאָ. מען האָט מיר אָנגעוויזן:

אָט דאָ האָט מען געטריבן די מחנות טויזנטער אידן — „קיין פּאַ־לעסטינע", ווי די דייטשן האָבן געשריען. זיי האָבן געוואָלט, אַז די אידן זאָלן מיטנעמען מיט זיך דאָס סאַמע בעסטע, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט.

בין איך געגאַנגען דאָרט, וואו ס'איז געווען די „רוסקאַיאַ אוליצאַ",

און צוריק צו דער „אַלט־אידישער" גאַס, צום בערגל פון דער שול, צום צענטער פון דער „גילדערנער גאַס", און געטראַכט וועגן די מתנות אידן.

דאָ, אין צענטער פון דער גאַס, אין אַ גערטל, געפינען זיך קברים פון העלדן, וואָס זיינען געפאַלן פאַר דער באַפרייאונג פון בערדיטשעוו. דער אָנבליק פון די קברים האָט מיר ווי אומגעקערט צום לעבן... קברים פון מענטשן, וואָס זיינען געפאַלן אין קאַמף, נעמענדיק נקמה, אין קאַמף פאַרן לעבן, וואָס בויט זיך איצט אין בערדיטשעוו.

יאָ, עס בויט זיך אַ ניי לעבן! און עס איז שווער צו זאָגן, וואָס עס רירט אייך מער — צי דאָס בילד פון חורבן, צי די ליבע פון מענטשן צו דער חרובער שטאָט און זייער ברען אין דער אַרבעט די שטאָט אויפ־צובויען!

פון דעם, וואָס בערדיטשעווער האָבן מיר דערציילט, שטעל איך מיך פאָר, אַז ווען זיי זיינען געקומען צוריק אַהיים פון עוואַקואַציע, האָבן זיי זיך פריער גוט אויסגעוויינט, ווען זיי האָבן דערזען דעם חורבן, און דערנאָך האָבן זיי פאַרביסן די ליפּן, פאַרקאַטשעט די אַרבל און געשטעלט זיך בויען — מיט אימפּעט, מיט ברען! אין דעם ברען איז דאָ אי ליבע צו דער שטאָט בערדיטשעוו, אי שנאה צו די דייטשע פאַשיסטישע באַנ־דיטן, וועלכע האָבן די שטאָט חרוב געמאַכט. עס איז דאָ נקמה אין דער בויאונג! בערדיטשעוו מוז און וועט זיין בערדיטשעוו, און נאָך שענער און בעסער ווי געווען!

איך האָב זיך געטראָפן מיט בערדיטשעווער בויער, יונג און אַלט, און איך בין גערירט געוואָרן פון זייערע רייד, פון זייער אַנטשלאָסנקייט. איך האָב אָנגעהויבן קוקן מיט זייערע אויגן — מער אויף די בויאונגען ווי אויף די חורבות.

מיר האָבן באַזוכט די ניי־פאַבריק, וואָס געפינט זיך אויפן צענטראַלן פּלאַץ פון שטאָט (קעגנאיבער „קאָבעליאַנסקים מויער"). ווען איך האָב זי געזען מיט צען יאָר פריער, האָט זי געהאַט פיר הונדערט אַרבעטער. איצט — אַכט הונדערט. עס איז אמת, אַז אין 1940 האָט די פאַבריק שוין געהאַט צוויי טויזנט אַרבעטער. דאָס באַווייזט, ווי גיך בערדיטשעוו האָט זיך געבויט אַדאַנק די פינף־יאָר־פּלענער. אָבער ווען זי האָט איצט צוויי מאָל אַזוי־פיל אַרבעטער ווי אין 1936, איז עס טאַקע אַ גרויס וואונדער.

די גרעסטע מערהייט אַרבעטער האָבן דאָ פריער געאַרבעט. דער דירעקטאָר, דער אידישער סאָוועטישער טוער ביזגורעצקי, איז אַן אַלטער באַקאַנטער. איך האָב אים געטראָפן מיט צען יאָר צוריק. דער פריער־

דיקער דירעקטאָר, אברהם גלאַנץ, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין אויפ־שטעלן די פאַבריק. דער טוער איציק בליינים איז דער הויפּט פון דער אָפּטיילונג פאַר אינדיווידועלע באַשטעלונגען (ער טראָגט פיר אָרדנס און מעדאַלן, פאַר אויסצייכענונגען אין דער מלחמה). אברהם דאַווידזאָן איז דער פאַרוואַלטער פון דער צושניידער־אָפּטיילונג.

בערדיטשעווער אידן בויען — האַנט־אין־האַנט מיט אַלע איינ־וואוינער. איר ווערט גערירט פון זייער איבערגעגעבנקייט דער שטאָט, אָבער עס פאַלט אייך אויך איין, אַז איר האָט צו טאָן מיט קאַסרילעווקער עקשנים, — וועלכע זיינען נאָך דערצו סאָוועטישע מענטשן!

אידן מאַכן איצט אויס אומגעפער אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג (עס קומען צו כסדר נאָך אידן), אָבער זיי זעען זיך גאָר שטאַרק אָן אין דער בויאונג, סיי צווישן די אַרבעטער, סיי צווישן די אָנפירער. איך האָב דערמאָנט די טוער פון דער ניי־פאַבריק. אָט זיינען נאָך עטלעכע: דער דירעקטאָר פון דער ערשטער לעדער־פאַבריק (די גרעסטע פאַבריק אין שטאָט) איז אַלטער. דער דירעקטאָר פון דער שטאָטישער (קאָמונאַלער) בויאונג איז רעזניק. דער דירעקטאָר פון דער שטאָטישער באַשפּייזונג־סיסטעם איז וועקסלער (מיט וועמען איך האָב פאַרבראַכט). די מייסטע פון זיי האָבן געקעמפט אויפן פראָנט.

עס האַנדלט זיך, פאַרשטייט זיך, ניט נאָר וועגן אידן. בערדיטשעוו האָט אַ באַפעלקערונג פון אַרום פינף און צוואַנציק טויזנט (אין אָקטאָבער 1946), צווישן וועלכע אידן זיינען אַ מינדערהייט. אָבער אַלע זיינען אָנגעפילט מיט איין פאַרלאַנג — אויפבויען די שטאָט. און אפילו ווען זיי זיינען ניט קיין בערדיטשעווער — סאָוועטישע מענטשן זיינען זיי!

איינער אַזאַ, וואָס איז אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע, ווי צו בויען מיט מסירת־נפש, איז דער מעיאָר פון שטאָט, דער פאָרזיצער פון סאָוועט, פיאָטר אַנקוצעוויטש.

ווען איך בין אַריין צו אים, איז ער גראָד ניט געווען און מיך האָט זייער פריינטלעך אויפגענומען זיינע אַ סעקרעטאַרין, די יונגע און האַרציקע פאַניאַ קראַוועץ. באַלד איז אָנגעקומען דער מעיאָר — אַ הויכער, אַ טיכטיקער, אַ גוטמוטיקער, אַ געוועזענער פראָנט־קעמפער, איצט אַ קעמפער אויפן געביט פון בויאונג. כאָטש אַליין איז ער אַ זשיטאָמירער, שלאָגט ער זיך מיט ברען קעגן חורבן אין בערדיטשעוו און איז אַ מוסטער פאַר אַנדערע. און ס'איז אים זייער געפעלן געוואָרן דער גרוס, אַז בער־דיטשעווער אין אַמעריקע אינטערעסירן זיך מיט בערדיטשעוו.

ווי אַלע סאָוועטישע מענטשן, וואָס ווייסן, אַז זיי דאַרפן זיך דער

עיקר פארלאָזן אויף זיך אַליין, האָט אים דער פארלאַנג פון די בערדי־טשעווער אין אַמעריקע צו קריגן אַ „פּראָיעקט", אינטערעסירט פון שטאַנדפּונקט פון פּריוואַטשאַפט.

דער מעיאָר האָט מיט ווייטיק גערעדט וועגן די דייטשע רציחות אויף אידן. זיין שטימונג האָט זיך שאַרף געביטן ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער ראָל פון אידן אַלס בויער. און איך האָב געזען די חברשאַפט צווישן אים און די אידן־בויער, וועלכע זיינען געווען אין קאַבינעט און האָבן זיך באַטייליקט אין דעם שמועס מיטן גאַסט פון אַמעריקע. דער מעיאָר האָט מיר געגעבן אַ בריוו, אין וועלכן ער שטרייכט אונטער די באַדייטונג פון דער פריינטשאַפט מיט בערדיטשעווער אין אַמעריקע.

נאָכן שמועס האָבן מיר זיך ווידער אַוועקגעלאָזט איבערן שטאָט. מיר האָבן שפּאַצירט פאַרביי דעם בית־המדרש ניט ווייט פון גנילאָפּיאַט, און פאַרביי דעם קאַרמעליטן־מוזעי, וואָס איז האַלב־חרוב (די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט פון דאָרט אַלערליי אַנטיקן). אויפן ראָג ריבאַלסקע און שימאַקאָווסקע, וואו עס איז אין גאַר־גאָר אַלטע צייטן געווען אַ אידישער בית־עלמין, האָבן די דייטשן אויסגעלייגט קברים פון זייער הערן־ראַסע, — פון די וואָס זיינען געקומען איינגעמען בערדיטשעוו... (די קברים האָט מען באַזייטיקט). דאָ האָבן מיר זיך באַקענט מיטן ערשטן פאָרזיצער פון פאָלקס־טריבונאַל אין בערדיטשעוו, פּיאָטר ניקאָלאַיעוו, וועלכער האָט אַ היפּש ביסל דייטשע „זיגער", און אָרטיקע פאַררעטער, געשיקט אויף דער תליה — טאַקע אין בערדיטשעוו.

אויף ליבקנעכט־גאַס האָב איך געזען אַ גרויסן, מאָדערנעם קינאָ־טעאַטער, אויסגעבויט פאַר דער מלחמה. די דייטשן האָבן אָפּנים ניט באַוויזן אים צו פאַרניכטן. אין בערדיטשעוו, כאָטש די באַפעלקערונג איז נאָך קליין, איז חוץ דעם אויך דאָ אַ טעאַטער. ניט לאַנג פאַר מיין באַזוך איז אין בערדיטשעוו געווען דער פּאָפּולערער זינגער פון אידישע פאָלקס־לידער, מ. עפּלבוים. צוויי וואָכן איז בערדיטשעוו געגאַנגען כאָדאָראָם מיט זיינע קאָנצערטן פון אידיש געזאַנג. די אָרטיקע מאַכט און די קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי האָבן געגעבן עפּלבוימען אַ פאָראַדנעם ברוך־הבא. אין שטאָט האָט זיך אויך געגרינדעט אַ אידישער דראַמקרייז.

עס איז געווען גאָר פינצטער אויף די גאַסן פון בערדיטשעוו, ווען אונדזער מאַשין האָט זיך געריכט אויפן וועג צוריק קיין זשיטאָמיר (די עלעקטרישע סטאַנציע אַרבעט נאָך זייער שוואַך). דער ווינט איז געווען נאָך שאַרפער ווי בייטאָג און אָנגעזאָגט, אַז דער שניי־שטורעם איז נאָענט. דער חורבן האָט זיך געלאָזט גאָר שטאַרק פילן, אָבער די בויער, וואָס האָבן

אונדז באַגלייט, האָבן באַהערשט די שטימונג מיט זייער מונטערן „זיי געזונגט". די מייסטע פון זיי האָבן נאָך געטראָגן זייער רויט־אַרמייאיש אָנטאָן. אין דעם־אָ אָנטאָן האָבן זיי זיך געשלאָגן אין ווינטיקע נעכט — כדי דער טאָג זאָל קומען. איצט שלאָגן זיי זיך — אין אַזעלכע נעכט — פאַר אויפבוי. האָט איר זיך מיט זיי געזעגנט מיט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק און אין־זיך האָט איר געזאָגט: געבענטשט זאָלן זיין אַזעלכע בויער! געבענטשט און געשטאַרקט זאָלן זיין די, וואָס זיגן איבערן חורבן און ברענגען נײַ לעבן אין אַלטן בערדיטשעוו!

## דײַטשע רציחות בײַ זשיטאָמיר

שטרעקעס זיינען גרויס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָבער דער עראָפּלאַן האָט זיי פאַרט פאַרקירצט. ס'איז דריי שעה פון מאָסקווע קיין קיעוו, און פון קיעוו קיין אָדעס מאַכט מען עס אין צוויי שעה.

נאָר מיר זיינען נאָך ניט אינגאַנצן פאַרטיק מיט זשיטאָמיר און קיעוו. דער וועג פון בערדיטשעוו האָט אונדז געפירט צוריק צו די צוויי שטעט. ווי געענדערט זיי האָבן זיך אָבער אין זייער אויסערלעכן אויסזען אין משך פון עטלעכע טעג! געקומען זיינען מיר פון קיעוו קיין זשיטאָמיר ווען ס'איז געווען גאָלדענער האַרבסט. ווען מיר זיינען אָפּגעפאָרן פון זשיטאָמיר קיין קיעוו, מיט דריי טעג שפּעטער, האָט געקנאַקט אונטער די פיס דער ערשטער שניי, כאָטש מיר האָבן נאָך ניט געהאַט אינגאַנצן גע־געזעגנט זיך מיט אָקטאָבער.

צוליב דעם שניי האָט דער אויטאָבוס פון זשיטאָמיר קיין קיעוו זיך פאַרשפּעטיקט. ס'איז אויסגעקומען צו פאַרהאַלטן זיך העכער אַ שעה אויף דער אויטאָבוס־סטאַנציע און איך האָב געהאַט די געלעגנהייט ווידער צו שמועסן מיטן פּראָפעסאָר בראַוואָי, מיט וועלכן איך האָב זיך געהאַט באַקענט מיט צוויי טעג פריער, בשעת איך בין געווען אין זשיטאָמירער טעאַטער. ער איז אויך געפאָרן קיין קיעוו.

דער פּראָפעסאָר האָט דערציילט וועגן זיין דערפאַרונג אַלס עקספּערט אין אַ רעגירונגס־קאָמיסיע וועגן די דײַטשע מערדערייען אין זשיטאָמיר. די בריגאַדעס, וואָס האָבן געאַרבעט אונטער אים, האָבן אויסגעגראָבן אין „באָהון", בײַ זשיטאָמיר, הונדערט און צוואַנציק טויזנט קערפּערס — די גרעסטע מערהייט פון זיי געפאַנגענע רויטאַרמייער און קאָמאַנדירן. אידן זיינען צווישן די דערהרגעטע געווען אַן ערך דרייסיק טויזנט, פון זשיטאָמיר און אומגעגנט. פון זיי אַן ערך ניין טויזנט, וואָס זיינען, לויט

דער מעדיצינישער פעסטשטעלונג, באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט. די דייטשן האָבן אויף די גריבער מיט מענטשן אָנגעוואַלגערט ביימער, כדי די ערד זאָל זיך איינשטילן...

בשעת דעם שמועס האָט אַן אָרטיקער צייטונגס־מענטש, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער אויטאָבוס־סטאַנציע, איבערגעגעבן, אַז ער האָט נאָר־וואָס געהערט אויף דער ראַדיאָ סטאַלינס ענטפערס אויף די פראַגן פונעם פרעזידענט פון יונאַיטעד פרעס, היו בעילי. סטאַלין איז באַ־שטאַנען אויף דעם, אַז מען דאַרף ווי געהעריק אויסראָטן די דייטשע פאַשיסטן. דער פּראָפעסאָר און איך האָבן זיך איבערגעקוקט.

דער קאָרעספּאָנדענט אַליין האָט אָנגעהויבן דערציילן מעשיות וועגן דייטשע רציחות איבער געפאַנגענע רויטאַרמייער אין אַ לאַגער ביים טייך ניסע; איבער אַרעסטירטע אין אַ טורמע אין ראָסטאָוו. גרויליקע גע־שיכטעס! און אויך זיי האָבן געשעפּט אַ הינטערגרונט פאַר סטאַלינס דער־קלערונג, אַז וואָס ווייטער מען וועט גיין מיטן אויסראָטן די נאַציס, אַלץ בעסער.

דער אויטאָבוס האָט זיך געספּראַוועט און מיר זיינען אויפן וועג קיין קיעוו. דער שניי־שטורעם בושעוועט גאָר היפּש, אָבער דער אויטאָבוס — אַ זייער גרויסע און גוטע מאַשין — פאָרט גאַנץ גיך אויפן אַספאַלטירטן וועג.

ווי אַנדערש דאָס בילד איז! מיט דריי טעג פריער, פאָרנדיק פון קיעוו קיין זשיטאָמיר, זיינען די פעלדער און וועלדער געווען באַגלאַנצט מיט האַרבסטיקן גאָלד. דאָ און דאָרט האָט מען נאָך געזען שטיקער גרינעם גראָז. איצט איז אַלץ ווייס און ווייס. רוסישע לאַנדשאַפט. דער וואַלד שטייט אַ ווייס־פאַרשנייטער, ווי אין די געמאַליעוועטע פּאָסט־קאַרטלעך.

קיעוו איז געווען אָנגעוואַליעט מיט שניי. דאָס האָט פונדעסטוועגן ניט געשטערט דעם אָוונט פון אידישער פּאָעזיע, וועגן וועלכן איך האָב געשריבן אין מיינע נאָטיצן פון קיעוו.

וואָרעם געזעגנט זיך מיט אידישע שרייבער אין קיעוו און — קיין אָדעס.

## די העלדן־שטאָט אָדעס

דער ערפּלאַן איז געווען אַ לעניגראַדער. די מייסטע פּאַסאַזשירן זיינען אין דער פרי אַרויסגעפלויגן פון דער העלדן־שטאָט ביים פינישן

איינגום און איצט, נאָכמיטאָג, פלי איך מיט זיי צו דער העלדן־שטאָט ביים שוואַרצן ים, אָדעס.

בײַסלעכווייז פאַרשווינדט דער שניי אונטער אונדז. מיר טראָגן זיך אויף דרום. אַ גרעסערע שטאָט האָט זיך באַוויזן. „קאַזאַטין", זאָגט עמעצער. מייסטנס פליען מיר איבער די ברייטע, ענדלאָזע אוקראַיִנישע פעלדער און סטעפּעס. אַ שטיקל צייט זייען מיר געפלויגן מיט דער ליניע פון דניעפּער — אַהין וואו ער גיסט זיך אַריין, צום שוואַרצן ים.

אָדעס איז געווען האַרבסטיק־פייכט ווען מיר זײַנען פאַרנאַכט, אָנגעקומען. איינגעקוואַרטירט זיך אין „האָטעל לאָנדאָן", וואָס אויפן בולוואַר ביים ברעג פון שוואַרצן ים, און באַלד אַרוים אויף דער הויפּט־גאַס, דעריבאַסאָווסקע. ס'איז שוין אָבער געווען פינצטער און די רייזע פון קיעוו האָט אַביסל פאַרמאַטערט. אַזוי ווי די אָפּערע־הויז האָט געלויכטן מיט אַלע אירע פענצטער און אַזוי ווי איך האָב צופעליק אויף אַלע מיינע באַזוכן אין אָדעס ניט געהאַט די געלעגנהייט מיט איר זיך צו באַקענען, האָב איך זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן.

ס'איז באמת איינע פון די שענסטע אָפּערע־הייזער אין אייראָפּע! גוט וואָס די געביידע איז געבליבן גאַנץ. דער אַריינגאַנג איז געווען געשעדיקט פון אַ באָמבע, אָבער אַלץ איז פאַרריכט געוואָרן אַזוי, אַז ס'איז כמעט ווי ניט צו דערקענען, אַז אַ שטיק וואַנט איז געווען אָפּגעריסן.

געשפּילט האָט מען „איוואַן סוסאַנין". כאָטש די מוזיק איז גוט, גלינקאַס מוזיק, איז אָבער די אָפּערע, לויט מיין מיינונג, צופיל צעצויגן. אָבער ס'איז ניט מיין עסק צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון דער אָפּערע. אפשר בין איך געווען צו פאַרמאַטערט צו קאָנען ווי געהעריק הנאה האָבן פון דער פאָרשטעלונג. אָבער איינס איז געווען זיכער: די זינגער זײַנען געווען גוט, די אויפפירונג איז געווען אויסגעצייכנט. אַזוי דער באַלעט. אָפּערע גאָר אויף אַ גרויסן פאַרנעם!

אויף מאָרגן, אַז מיר זײַנען אַרום איבערן שטאָט, איז אויפגעשוואומען די אַלטע קשיה: ווער איז שענער, קיעוו צי אָדעס? דאָס איז אַ לאַנג־יאָריקע, דורות־לאַנגע פּלוגתא צווישן דעם קראַסאַווצע קיעוו און דער קראַסאַוויצע אָדעס. מען וועט זי שוין קיינמאָל ניט לייזן, אָפּנים. עס ווענדט זיך וואו איר געפינט זיך. ווען מיר זײַנען אַרומגעגאַנגען איבער אָדעס איז שוין קיעוו אָפּגערוקט געוואָרן אין הינטערגרונט. קיעוו איז טאַקע די הויפּט־שטאָט, אַ גרויסער קולטורעלער צענטער און פאַרמאָגט ליכטיקע באַרגיקע גאַסן. אָבער ווי קאָן מען פאַרזען אַזאַ חן־גריבעלע אין אָדעס, ווי דעם ים? און ווער קאָן אָוועקמאַכן מיט דער האַנט די

ברייטע, גלייכע גאַסן, מיט אַ סך ביימער פון ביידע זייטן, ווי בולוואַרן? היינט די שיינע געביידעס, וואָס פיל פון זיי זיינען מייסטערווערק פון אַרכיטעקטור? (אויף זייער פיל פון די געביידעס זיינען פאַראַן די נעמען פון די אַרכיטעקטאָרן, וואָס האָבן זיי געבויט (דאָס איז אַ ספּע־ציעלער אָדעסער שטריך). אָדעס איז טאַקע אוקראַינע, אָבער אָדעס, די האַפן־שטאָט, איז אינטערנאַציאָנאַל. ס'איז איינער פון די וויכטיקסטע פּאָרטן אויפן שוואַרצן ים. פון דאַנען גייען שיפן קיין סטאַמבול און חיפה, קיין מאַרסעל און ניו־יאָרק. דאָ זעט מען מאַטראָסן — מייסטנס סאָוועטישע, אָבער אויך פון אַנדערע פעלקער.

און אָדעס איז דאָך איינע פון די העלדן־שטעט פון סאָוועטן־פאַר־באַנד, צוזאַמען מיט סטאַלינגראַד, לענינגראַד, סעוואַסטאָפּאָל! ווען איך האָב פון האָטעל־צימער אַרויסגעקוקט אויפן פּאָרט, האָב איך זיך פּרובירט פאָרשטעלן, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן אין יענע 69 טעג, ווען אָדעס האָט זיך העלדיש געשלאָגן און אָפּגעהאַלטן דעם שונא. מען האָט מיר דערציילט וועגן שיפן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון אונטערן פייער און וועגן שיפן, וואָס האָבן ניט באַוויזן אויסצודרייען זיך פון פייער...

איר זעט די סימנים פון דער ביטערער און העלדישער שלאַכט, אין וועלכער אָדעס איז געווען פאַרוויקלט. די באַרימטע, ברייטע „פּאָטיאָמקין־טרעפּ", וואָס פירן פון „פּרימאָרסקי"־בולוואַר אַראָפּ צום ברעג (איר גע־דענקט געוויס די טרעפּ פון דעם פילם „פּאָטיאָמקין") זיינען „געשטופּלט" פון קוילן. און דאָס זיינען ניט סימנים פון יענער שיסעריי, אין 1905...

ביים שפּיץ פון די טרעפּ שטייט נאָך די סטאַטוע פון נאַפּאָלעאָנס גובערנאַטאָר, רישעליע. די דייטשן און רומענער האָבן דערפאַר פאַר־ניכטעט דעם ביוסט פון קאַרל מאַרקסן (דאָרט וואו ס'איז אַמאָל געווען דער יעקאַטערינאַ־דענקמאָל).

גייענדיק איבער אָדעס, זעט איר כסדר אויפשריפטן: „קוואַרטאַל פּראָסמאָטריען, מין ניעט" (דער קוואַרטאַל איז דורכגעקוקט געוואָרן, קיין מינעס זיינען ניטאָ). אין פיל ערטער געפינט זיך איבער דעם אויפשריפט דאָס וואָרט: „פּאָווטאָרנאָ" (נאָכאַמאָל). מען האָט, הייסט עס, דעם זעל־ביקן קוואַרטאַל, אַלע הייזער, אַלע ווינקעלעך אין די קעלערס, אויף די בוידעמער, אַ צווייטן מאָל דורכגעקוקט.

גיט אָקאָרשט אַ טראַכט, וואָס דאָס באַטייט: דורכקוקן אַלע הייזער פון אָדעס, צי עס זיינען ניטאָ קיין מינעס!

אַ סך הייזער זיינען טאַקע אויפגעריסן געוואָרן. אויפן בולוואַר, ביים ברעג ים, זיינען אויפגעריסן אַ סך געביידעס, איינגעשלאָסן דער גרויסער

מאַטראָסן־קלוב. די קאַרל מאַרקס גאַס עפנט זיך אויף ביי דער רישעליע־סטאַטוע מיט צוויי האַלב־רונדע געביידעס ביי ביידע ראָגן, לויטן סטיל פון די פּאַריזער סקווערן. ביידע פּרעכטיקע געביידעס זיינען געווען צע־שמעטערט און זיינען איצט פאַרריכט געוואָרן.

נאָר אויסרעכענען אַלע באַרימטע געביידעס, וואָס זיינען צעשאָסן געוואָרן אין די שלאַכטן, אָדער אויפגעריסן געוואָרן, איז ניט מעגלעך. זייער פיל פון די סאַמע שענסטע הייזער זיינען חרוב. לעבן וואָקזאַל שטייט אַ ריזיקער סקעלעט — דאָ איז אַמאָל געווען דער סאָוועט פון אָדעסער געגנט. און דער וואָקזאַל אַליין איז ניטאָ. ווען עס רעגנט ניט, זיצט מען פשוט אויף בענק אונטערן פרייען הימל און מען וואַרט אויף דער באַן. ווען דער וועטער איז ניט גוט, געפינט מען זיך אין אַ געביידע, וואָס איז צען מינוט גאַנג פון „וואָקזאַל".

און דאָך האָט מיך אָדעס אָנגענעם איבערראַשט — דערמיט וואָס זי איז ווינציקער חרוב, ווי קיעוו! געטראַכט האָב איך וועגן די שלאַכטן, וואָס זיינען דאָ פאָרגעקומען און געמיינט, אַז דער חורבן וועט דאָ זיין גרעסער.

אָדעס איז חרוב „בלויז" אויף אַן ערך דרייסיק פּראָצענט, בעת קיעוו איז חרוב אויף העכער פערציק פּראָצענט. דאָס דערקלערט זיך אַפּנים מיט די פאָלגנדיקע צוויי סיבות (כאָטש עס זיינען דאָ נאָך).

ערשטנס, ווען די רומענער האָבן איבערגענומען אָדעס, האָבן זיי זיך טאַקע פאַרנומען צו מאַכן זי פאַר אַן „אייגענע" שטאָט, ווי אַ טייל פון רומעניע. די געביידעס פון אַן „אייגענער" שטאָט שאַנעוועט מען.

צווייטנס — און דאָס איז דער עיקר — עס האָט זיך אַריינגעמישט סטאַלינגראַד. די רומענער האָבן אָנגעהויבן מורא האָבן פאַרן דין־וחשבון אַ סך פריער, איידער זיי האָבן געמאַכט אַ סוף צו זייער שותפות מיט נאַצי־דייטשלאַנד. סטאַלינגראַד האָט געהאַט אויף זיי גאָר אַ באַזונדערע ווירקונג. זיי זיינען געוואָרן איינגעהאַלטענער, האָבן געראַבעוועט, פאַר־ניכטעט און געמאָרדעט מיט ווייניקער אייפער. פיל שטעט און שטעטלעך זיינען אינגאַנצן געשאַנעוועט געוואָרן. אויך פיל אידישע לעבנס זיינען געראַטעוועט געוואָרן אַדאַנק סטאַלינגראַד. און כאָטש אַנטאָנעסקו'ס באַנדעס האָבן אָנגעמאַכט גענוג שאָדן, ווען מען האָט זיי אַרויסגעיאָגט פון אָדעס, האָבן זיי עס ווייט־ווייט ניט געטאָן מיט אַזאַ אימפּעט און מיט אַזאַ רציחה, ווי די דייטשן האָבן עס געטאָן ביים אָפּטרעטן פון קיעוו — און פון אומצאָליקע אַנדערע ערטער.

אָבער ווען אַ שטאָט — אָדעס, הייסט עס — איז חרוב אויף אַ

דריטל, איז זי אויך געגוג חרוב. ביז ניט לאַנג צוריק איז אין אָדעס דער טראַמוואַי ניט געגאַנגען, איז קיין עלעקטריע ניט געווען. אויך איצט אַרבעט נאָך די עלעקטריע שוואַך, אָבער עס איז צו באַוואונדערן וואָס מען האָט שוין אויפגעטאָן.

ווי אַלע אוקראַיִנישע שטעט, איז אָדעס אַ שטאָט פון חורבן און אויפבוי צוזאַמען. ווען איר גייט איבער פּושקינסקע, איבער קאַרל מאַרקס גאַס, איבער פּרעאָבראַזשענסקע, אָדער איבער דער הויפּט־גאַס, דעריבאַסאָווסקע, און די אַנדערע גאַסן, וואָס לויפן פּאַראַלעל מיט איר, אַזש אַרויף ביזן וואָקזאַל, און ווייטער ביז דער מאָלדאַוואַנקע, זעט איר אַ סך צעשטערטע הייזער, אָפּגעלאָזטע הייזער, ניט־רעמאָנטירטע און ניט־געקאַלכטע אין משך פון זעקס יאָר און מער, און — איר זעט נייע בויאונגען. איר זעט דעם פּאַרט אַן אויפגעלעבטן. איר זעט דעם „אָדעסיט", אָדער די „אָדעסיטקע", וואָס איז געקומען פון „גלות", פון עוואַקואַציע, צוריק צו דער באַליבטער היים־שטאָט. און די „אָדעסיטקע" פאַרמאָגט איר איידעלעם „שיק", אַפילו ווען זי איז ניט ערשט־קלאַסיק אָנגעטאָן. עס איז פאַראַן עפּעס אַזוינס אין דעם אָדעסער, וואָס טיילט אים אויס פון אַנדערע איינוואוינער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

עס איז נאָך דאָ אַ סך צו טאָן אין אָדעס ביז די „יוזשנאַיאַ קראַסאַוויצאַ" וועט קומען אינגאַנצן צו זיך. אָדעס איז פאַר דער מלחמה געווען אַ גרויסער אָפּרו־צענטער זומער־צייט, מיט אַ סך קוראָרטן ביים לימאַן און אַנדערע ערטער. פיל פון די קוראָרטן פונקציאָנירן שוין ווידער. פאַבריקן און קולטור־אַנשטאַלטן ווערן אויפגעשטעלט. דער פּאָרט איז, ווי געזאָגט, געקומען צום לעבן. אָבער עס איז נאָך דאָ אַ סך צו טאָן, צו בויען, צו רעמאָנטירן, אָפּפּוצן, זייער אַ סך.

## אידן אין אָדעס

ווען איך בין אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע קיין אוקראַיִנע, סוף אָקטאָבער 1946, בין איך נאָך געווען אונטערן איינדרוק, אַז אין אָדעס זיינען פאַראַן אכציק טויזנט אידן, אָדער „העכער אכציק טויזנט", ווי מען האָט אין מאָסקווע געזאָגט. אין אָדעס בין איך געוואָר געוואָרן, אַז די ציפער, וועלכע שטאַמט פון אַפּריל־חודש, האָט אָנהויב נאָוועמבער (ווען איך בין געווען אין אָדעס) אויסגעקוקט שטאַרק פאַרעלטערט. אין די זעקס־זיבן חדשים איז די אָדעסער אידישע באַפעלקערונג אויסגע־

וואַקסן אויף אַן ערך פופציק פּראָצענט, פון אַרום אַכציק טויזנט ביז אַרום הונדערט און צוואַנציק טויזנט אידן.

דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָדעס, קיעוו, כאַרקאָוו, ווי פאַר קלע־נערע שטעט, ווי פאַר פיל שטעטלעך אין אוקראַינע: עס גייט כסדר דער שטראָם אידן — פון עוואַקואַציע צוריק צו די „אַלטע היימען".

יענע אידישע רעאַקציאָנערן, סאָוועטן־האַסער, וועלכע האָבן רק גע־זוכט צו באַווייזן, אַז די ציפערן פון די „יעווסעקן" וועגן דעם, אַז די סאָוועטן־רעגירונג האָט געראַטעוועט דורך דער עוואַקואַציע צום ווינציקסטן צוויי מיליאָן אידן, זיינען ניט קיין ריכטיקע, וועלן איצט שטיין פאַר אַ האַרבער אויפגאַבע צו דערקלערן פון וואַנען עס האָבן זיך איצט גענומען העכער אַ מיליאָן אידן אין אוקראַינע. דאָס איז פאַר די סאָוועטן־האַסער זייער ניט קיין אָנגענעמער פאַקט... (און אַ סך אידן האָבן זיך דאָך אומגעקערט קיין צענטראַל־רוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד, בעסאַראַביע, ווייסרוסלאַנד, פוילן).

פון די גרויסע רעזערוון, וואָס די סאָוועטן־מאַכט האָט אָנגעגרייט פאַרן אידישן פאָלק, אין די עוואַקואַציע־געביטן, וואַקסן די אַלטע אידישע ישובים. און אַזוי וואַקסט אָדעס, איינער פון די וויכטיקסטע אידישע צענטערן פאַר דער מלחמה.

וואָס טוען אידן אין אָדעס? וואָס אַלע טוען. קודם דאַרף מען בויען. קודם דאַרף מען ליקווידירן דעם חורבן. דאָס איז אַ שווערע אויפ־גאַבע. דאָס פאָדערט כח און מסירת־נפש. דאָס פאָדערט מקריב זיין אַ סך זאַכן, ווי בשעת מלחמה. עס איז איצט אַ מלחמה קעגן חורבן, אַ מלחמה פאַר בויאונג!

דאָס מוז מען שטאַרק אינזינען האָבן. אפילו ווען אָדעס וואָלט איצט געהאַט די זעלביקע צאָל אידן וואָס פאַר דער מלחמה — העכער צוויי הונדערט טויזנט — וואָלטן דאָרט אויך ניט געקאָנט זיין די אַלטע פאָרמען פון לעבן, די אַלטע אינסטיטוציעס, ווייל די שטאָט איז דאָך אויף דרייסיק פּראָצענט חרוב; עס זיינען חרוב אינסטיטוציעס, טעאַטערס, קלובן און אַזוי ווייטער. אָבער עס איז איצט פאַראַן אין אָדעס עטוואָס איבער אַ העלפט פון דער פריערדיקער אידישער באַפעלקערונג, און פאַראַיאָרן איז געווען אַ פערט־חלק, און ווען די שטאָט איז באַפרייט געוואָרן זיינען געווען עלף אידן, צי פערצן...

עס קומט פאַר אַ פּראָצעס פון פאַרהיילן די וואונדן. זיי ווערן פאַר־היילט. ניט קיין רעשטלעך אידן זיינען געבליבן, ניט קיין שארית־הפליטה,

נאָר גרויסע לעבעדיקע מחנות. פון אָדעסער אידן האָבן זיך געראַטעוועט א מערהייט. אָבער די וואונדן זיינען טיפע...

און די פאַרלוסטן זיינען שווערע...

אין נאָמען פון די לעבעדיקע טאָר מען ניט פאַרגעסן די טויטע. מען דאַרף דערמאָנען אונדזערע גרויסע קרבנות אין אָדעס.

קיעוו האָט באַבי יאַר, וואוהין מען קאָן גיין אויף קבר אָבות. אָדעס פאַרמאָגט ניט אַזעלכע ערטער. אָבער אומגעבראַכט האָט מען אפנים אין אָדעס מער אידן ווי אין קיעוו. מייסטנס פון די קליינע שטעטלעך אַרום, פון די קאָלאָניעס (קאָלווירטן).

פון אָדעסער אידן האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען אַן ערך זעכציק פּראָצענט; דאָס הייסט, די סאָוועטן־מאַכט האָט עוואַקואירט א סך מער, אפשר אכציק־ניינציק פּראָצענט. און דאָס אַלץ ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אָדעס פאַרמאָגט זייער שלעכטע באַן־פאַרבינדונגען. אין די 69 טעג, וואָס אָדעס האָט זיך געשלאָגן, איז זי געווען ווי אָפּגעשניטן פון הויפּט־לאַנד. דער עיקר פאַרבינדונג איז געווען דער ים. אַפילו פריער, פאַרן 7טן אויגוסט (1941), ווען די באַלאַגערונג פון אָדעס האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען די מאָגערע ליניעס פון אָדעסער געגנט צום דאָן און קובאַן כסדר באָמבאַרדירט געוואָרן. די סאָוועטן־מאַכט האָט אָבער באַצייטנס, דעם 11טן יולי, אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון אָדעסער אידן, צוזאַמען מיט פרויען און קינדער פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. עס האָט זיך איינגעגעבן, מיט א סך מסירת־נפש, אַרויסצופירן אוודאי אכציק־ניינציק פּראָצענט פון דער אַרטיקער אידישער באַפעלקערונג. פיל זיינען אָבער געכאַפּט געוואָרן פונעם שונא אין די נייע ערטער, וואו זיי האָבן זיך געהאַט עוואַקואירט, אין דאָן און קובאַן, אין צפון־קאַווקאַז...

די אונטערשטע שורה איז דעריבער, אַז געראַטעוועט האָבן זיך אַן ערך זעכציק פּראָצענט פון דער אָדעסער אידישער באַפעלקערונג. אַזוי האַלט מען. ערגער האָבן אָבער אָפּגעשניטן די אידן פון שטעט און שטעטלעך אַרום אָדעס, פון קאָלאָניעס; אידן פון כערסאָן און אַנדערע ערטער. מען שאַצט דעריבער, אַז צווישן די צוויי הונדערט טויזנט מענטשן, וואָס די דייטש־רומענישע אָקופּאַנטן האָבן אומגעבראַכט אין אָדעס, זיינען געווען אַרום 150 טויזנט אידן, די מערהייט זייערע פון שטעט און שטעטלעך אַרום אָדעס.

האָט אָדעס „אירע" שחיטה־ערטער... מגילת אָדעס...

יעדער אידישער צענטער אין אייראָפּע האָט זיינע גרויל־געשיכטעס צו דערציילן. אָדעס האָט אַן אייגענע מגילה פון בלוט און טרערן... 25

טויזנט זקנים, פרויען און קינדער, לעבעדיק־פאַרברענטע אין די פּולווער־סקלאַדן אויפן ליוסטדאָרפער וועג... 52 טויזנט פאַרפייניקט און דער־מאָרדעט אין באַגדאַנאָווקער טויט־לאַגער... און נאָך און נאָך, קרבנות אָן אַ שיעור: אידן, אוקראַינער, געפאַנגענע רויטאַרמייער, פּאַרטיזאַנען, סתם קרבנות.

אָבער אידן האָבן גענומען נקמה. אידן האָבן זיך געפונען צווישן די פאַרטיזאַנען, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די באַרימטע קאַטאַ־קאָמבן (אונטערערדישע היילן) ניט ווייט פון אָדעס. לעגענדעס ווערן אין אָדעס דערציילט וועגן די קאַטאַקאָמבן. מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ פאַמיליע — איינע פון אַ סך — וואָס האָט געלעבט אין די היילן, חתונה געמאַכט קינדער און געשלאָגן זיך קעגן שונא, געברענט אים די פּיאַטעס, אויפגעריסן באַנען, געכאַפּט זיינע אויטאָמאָבילן און פורן אויף די וועגן.

אידן פון אָדעס און אומגעגנט האָבן באַצאָלט אַ גרויסן פּרייז. איז זיי די היים־שטאָט טייער. זיינען געקומען די לעבן־געבליבענע, די פּאַר־טיזאַנען, די רויטאַרמייער, די קאָמאַנדירן און זיך געשטעלט בויען.

אידן און ניט־אידן שטייען זייט ביי זייט אין דער בויאונג פון אָדעס. עס איז אָבער ווערט אונטערצושטרייכן דעם ספּעציעלן אָנטייל פון אָדעסער אידן ביי דער אַרבעט אין פּאָרט. דאַכט זיך, אַז דער־אָ אָנטייל איז, לויטן פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, גרעסער ווי מיט צען יאָר צוריק (ווען איך בין געווען אין אָדעס).

באַרימטע נעמען אין דעם האַנדלס־פלאָט און אין דעם פּאָרט ביי אָדעס האָבן אידן שוין געהאַט פאַר דער מלחמה. אַזוי אויך איצט. עס זיינען באַוואוסט די קאַפּיטאַנען וויסמאַן און קריגערמאַן, דער געהילף פון קאָמאַנדיר אויף דער שיף „דימיטראָוו", ראָזע בוזשעוויטש און אַנ־דערע. אָבער איצט איז די צאָל אַ באַזונדערס־גרויסע, ספּעציעל צווישן די פּאָרט־אַרבעטער.

דער אָדעסער פּאָרט פאַרמאָגט פיר באַצירקן (דיסטריקטן). דריי פון די פיר ווערן אָנגעפירט פון אידן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט ביי דער אַרבעט. דער אָנפירער פון איינעם פון די בעסטע באַצירקן, חנא פּאָקראַס, איז איינער פון די חשובע בירגער פון שטאָט.

אָדעס פאַרמאָגט איצט אַ שיפבוי־זאַוואָד און אידן זיינען דאָרט פאַראַן אין באַדייטנדיקע צאָלן (אגב, אויף די אָדעסער גאַסן האָב איך געזען פּלאַקאַטן פון דעם זאַוואָד: מיר דאַרפן אַרבעטער! געוואַלד, מיר דאַרפן וואָס מער אַרבעטער!). עס זיינען שוין אויפגעשטעלט געוואָרן די מייסטע אונטערנעמונגען פון פאַר דער מלחמה און אַ ריי נייע, און אין

פיל פון זיי זעען זיך אידן אָן צווישן די אַרבעטער, צווישן די אָנפירער. אַ ריי דירעקטאָרן פון די וויכטיקסטע פאַבריקן זיינען אידן. אויפן אָדעסער אייזנבאַן־קנופּ צייכענען זיך אידן אויס ווי לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסטן. צווישן די אינזשענערן, וואָס בויען די שטאָט, זיינען דאָ אַ סך אידן. און עס פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די דאָקטוירים אין די קוראָרטן, צווישן די וויסנשאַפטלער, קולטור־טוער, אין דער אָפּערע און טעאַטער פאַרנעמען אידן אַן אָרט.

פון די אידישע קולטור־אַרויסטרעטונגען האָבן זיך אין אָדעס, ווי אין אַנדערע ערטער, ספּעציעל אויסגעטיילט די שלום־עליכם פייערונגען. עטלעכע שלום־עליכם אָוונטן זיינען פאָרגעקומען און אַלע זיינען דורך מיט גרויס דערפאָלג. אין אָדעס האָט זומער־צייט פאַרבראַכט דער אוקראַי־נישער אידישער מלוכה־טעאַטער. ער האָט געגעבן 30 פאָרשטעלונגען — דרייסיק מאָל מיט דערפאָלג. דערפאָלגרייך זיינען געווען די אָוונטן מיט דער בעסעראַבער אידישער אַקטריסע סידי טאַל און אַנדערע אידישע קול־טור־אַרויסטרעטונגען. עס איז דאָ אין אָדעס אַ דראַמקרייז, וועלכן די מלוכהשע אָרגאַניזאַציע „עסטראַדע" שיקט אַרום איבער די קליינע שטעט־לעך, צו באַדינען די אָרטיקע אידישע באַפעלקערונג. דער דראַמקרייז איז ערב מיין באַזוך געווען אין בערשאַד, פּערוואָמאַיסק, וויניצע, זשיטאָ־מיר, שאַרגאָראָד, קיטאַיגאָראָד, מאָליעוו־פּאָדאָלסק, מוראַפּע.

## אידן אין אוקראַינער שטעטלעך

אין אָדעס האָט מען מיר דערציילט, אַז אין דעם שטעטל באַלטע זיינען אַלע אידן לעבן־געבליבן. עס געפינען זיך איצט דאָרט אַכט טויזנט אידן. אין ליובאַשאָווקע געפינען זיך אַרום זיבן הונדערט אידן. אַן אָדע־סער אידישער שרייבער האָט מיר דערציילט וועגן אַ אידישער חתונה, וואָס ער האָט בייגעוואוינט אין דעם שטעטל, אַ חתונה ביז באַגינען, ווי אין אַמאָליקע צייטן. אין פּערוואָמאַיסק זיינען דאָ פיר טויזנט אידן.

אין זשיטאָמיר האָט מען מיר געזאָגט, אַז אין דעם שטעטל אָווראַטש זיינען דאָ „אַלע אידן פון פריער".

אין קיעוו האָט מען מיר אָנגעגעבן די פאָלגנדיקע ציפערן וועגן אידן אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך: מאָלין — צוועלף הונדערט: קאָראָס־טען — עלף טויזנט (דאָס איז אַ באַן־פּונקט און כמעט אַלע אידן זיינען עוואַקואירט געוואָרן); וויניצע — אַכצן טויזנט; פאַסטאָוו — טויזנט; שאַרגאָראָד — אַרום פופצן הונדערט; מאָליעוו־פּאָדאָלסק — אַרום פיר

טויזנט; בערשאַד — צוויי טויזנט מיט 500; זשמערינקע — דריי און א האלב טויזנט; מוראַפע — זעקס הונדערט.

עס זיינען אַפּנים דאָ אידן אין אַלע, אָדער כמעט אַלע, שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע, וואו עס זיינען געווען אידן פאַר דער מלחמה. ס'זיינען דאָ אידישע קאָלווירטן (קאָלעקטיווע פאַרמס). ארום אָדעס זיינען דאָ זעקס־אכט אידישע קאָלווירטן, צווישן זיי דער גרויסער קאָלווירט „פרייהיים". א סך קאָלווירטן זיינען חרוב געוואָרן. די אידישע ראַיאָנען קאַלינינדאָרף און סטאַלינדאָרף זיינען ממש אָפּגעווישט געוואָרן. די וואונדן זיינען גרויס, טיף — ביטערע וואונדן. אָבער גרויס איז די מי צו היילן, צו בויען.

אין קיעוו האָב איך געהערט א געשיכטע וועגן שטעטעלע זשאַבאָ־קריטש. לעבן יעדן הויז איז געווען א קבר. האָט מען צוזאַמענגענומען די קברים אויפן בית־עלמין, אויסגעווײנט זיך און גענומען היילן, בויען. מ'האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלווירט.

אינעם שטעטעלע מוראַפע איז די באַפעלקערונג כמעט אינגאַנצן א אידישע.

עס זיינען דאָ אידן אין אוקראַינע. אין קיעוו און אָדעס האָט מען געשאַצט: א מיליאָן מיט הונדערט טויזנט (פון די גרעסערע שטעט האָבן קיעוו און אָדעס צו 120 טויזנט, כאַרקאָוו 80 טויזנט, דניעפּראָפּעטראָווסק 50 טויזנט). די צאָל וועט נאָך גרעסער ווערן. דער פּראָצעס פון אומקערן זיך פון עוואַקואַציע האָט זיך נאָך ניט אָפּגעשטעלט.

די סאָוועטן־מאַכט האָט געראַטעוועט א פאָלק!

ניט קיין קלייניקייט — העכער א מיליאָן אידן אין אוקראַינע אליין!

## פון אָדעס קיין מאָסקווע

גייט די באַן פון אָדעס קיין מאָסקווע און מיר זיינען, הייסט עס, ביי טשערקאַסי, פון וואַנען מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזערע נאָטיצן וועגן אוקראַינע.

איך ווייס ניט ווי לאַנג מען איז געפאָרן פון אָדעס קיין מאָסקווע מיט יאָרן צוריק, פאַר דער מלחמה. וועגן זיינען דעמאָלט געווען איינ־געפונדעוועטע, בריקן — זיכערע. איצט פאָרן מיר איבער א געביט, וואָס דער שונא האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל צו פאַרוואַנדלען אין א וויסט לאַנד. אָפּטרעטנדיק האָט ער אויפגעריסן יעדע בריק, וואָס איז נאָך געווען גאַנץ, יעדן וועג, יעדע שפּאַלע, יעדן וואָקזאַל. אין אָדעס, ווי

געזאָגט, איז קיין וואָקזאַל ניטאָ. ביי די מערסטע סטאַנציעס, וואָס דו פאָרסט פאַרביי, שטייט אַ פראַכט־וואַגאָן מיט אַ שילדל אויף דעם. דאָס איז דער „וואָקזאַל".

פאַרוואָס האָט מען נאָך ניט באַוויזן אויפצובויען די וואָקזאַלן? — ווייל פריער דאַרף מען לייגן די רעלסן, אויף וועלכע די באַנען דאַרפן גיין. פאַרוואָס האָט מען נאָך ניט באַוויזן אַוועקצולייגן אַלע רעלסן? — ווייל פריער דאַרף מען אויפשטעלן די שטאָל־גיסערייען, וואָס דער שונא — אונדזער שונא — האָט צעשמעטערט. און אַזוי כסדר.

עס איז, פאַרשטייט זיך, ניט אַזוי פּשוט. מען בויט אומעטום, גלייכצייטיק. אָבער אויפשטעלן דעם דאָנבאַס, מאַכן אַ טאָלק אין דעם געפלעכט פון פרענטן און שטאַנגען, וואָס דער שונא האָט געלאָזן, אויספּאָמפּען די מינעס, מעכאַניזירן זיי, אַרויספירן די קוילן, גיסן דעם שטאָל און אַזוי ווייטער — דאָס איז אַן עיקר־פּראָבלעם.

און אַן עיקר־פּראָבלעם איז — אַרבעטער. מען דאַרף און מען דאַרף אַרבעטער! מען דאַרף קוואַליפיצירטע אַרבעטער. צווישן די זיבן מיליאָן מענטשן, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט פאַרלאָרן, האָבן זיך געפונען אַ סך פון די פּייאָנערן, פון די בעסטע אַרבעטער.

איז טאַקע דער וואונדער נאָך גרעסער, ווען איר זעט, ווי אַזוי דער סאָוועטישער מענטש האַלט אָפּ זיינע איבערן חורבן, מאַכט אַ טאָלק.

גייט די באַן פון אָדעס קיין מאָסקווע. זעט מען חורבן, זעט מען טאָלק.

זעט מען די ברייטע אוקראַינישע פעלדער. אין אָוונט, נאָך אַ זוניקן אַרויספאָר פון אָדעס, זיינען די פעלדער געווען באַגאָסן מיט לבנה־שיין. „ספּיט זעמליאַ וו' סיאַני גאָלובאָם". די ערד איז געשלאָפן אין בלויער לויטערקייט. אויף מאָרגן בייטאָג האָט זיך געזען, ווי אויף די ברייטע פעלדער האָט אָנגעהויבן אויפשפּראָצן דער ווינטער־ווייץ. האָט איר געזען נאָך אַן עיקר־פּראָבלעם.

עס פעלן טראַקטאָרס, עס פעלן פערד. צוליב דעם האָט זיך די טריקעניש פון זומער 1946 אַזוי שטאַרק אָפּגערופן אויף דער גערעטעניש. איז ווידער געוואָרן שווער. האָט מען ניט געקאָנט אָפּשאַפן די ברויטקאַרטן.

מען האָט פונדעסטוועגן פאַראַקערט און פאַרזייט ווינטער־ווייץ, אויפגעהויבן „פאַר" פאַר פרילינג. און עס ווערט געפירט נאָך אַ מלחמה — פאַר מער תבואה.

גייט די באַן פון אָדעס קיין מאָסקווע, זעט איר נאָך סימנים פון

דער מלחמה מיטן דייטש — אַ פֿאַרזשאַווערטער האַרמאַט, אַ טאַנק, אויף וועלכן מ'הענגט וועש. זעט איר נייע וועגן און בריקן, זעט איר רישטאָוואַניעס אָן אַ צאָל, זעט איר נייע הייזער, זעט איר נאָך ערד־שטיבלעך, אין וועלכע מענטשן וואוינען נאָך.

פֿאָרט איר אַריבער דעם דניעפּער ביי טשערקאַסי און איר פֿאָרט אַ טאָג מיט אַ נאַכט ביז איר קומט צו די בריאַנסקער וועלדער. דאָ זיינען אין פֿיל ערטער דיביימער אויסגעהאַקט, אויסגעברענט. אָבער די דייטשן האָבן ניט געקענט ספּראַווען זיך ניט מיט די וועלדער, ניט מיט די פּאַרטיזאַנען אין זיי. דערפֿאַר האָבן זיך די דייטשן נוקם געווען אָן בריאַנסק. פֿון דער שטאָט איז כמעט גאָרניט געבליבן. אַזוי — פֿון סוכיניטשי, וואו עס זיינען געווען גרויסע שלאַכטן און וואו די דייטשן האָבן געכאַפּט איינע פֿון זייערע גרויסע מפּלות.

אין אָוונט, דער לעצטער אָוונט אין באַן אָדעס—מאָסקווע, האָט אַ שכן, אַ פּאַסאַזשיר, אַ העלד פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, דערציילט וועגן שלאַכטן, וועגן שטורעמען דעם דניעפּער און דניעסטער, און וועגן איציקע שלאַכטן פֿון בויאַונגען, אין וועלכע עס פֿאָדערט זיך ניט ווייניקער מסירת־נפש. דער העלד פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז געווען אָנגעפּילט מיט אימפּעט און זיכערקייט, און מיט אימפּעט און זיכערקייט ווערט אויך אָנגעפּילט אַ פּאַסאַזשיר — אַ גאַסט פֿון אויסלאַנד, וואָס זוכט צו באַנעמען, וואָס אין סאָוועטן־לאַנד טוט זיך.

# אין מינסק

די באַן פון מאָסקווע קיין מינסק פירט אונדז דורך מאָזשאַיסק און באָראָדינאָ, דורך סמאָלענסק און אָרשע.

מיט מיר צוזאַמען פאָרט דער דיכטער און דראַמאַטורג אהרן קוש־ נירָאָוו, גוואַרדיע־קאַפּיטאַן פון דער רויטער אַרמיי. אויפן ברוסט טראָגט ער אַ סעריע בענדלעך, צייכנס פון אַ ריי מעדאַלן: דער מעדאַל פון רויטן שטערן און מעדאַלן — פאַר דערגרייכונגען אין קריג, פאַר דער פאַר־ טיידיקונג פון מאָסקווע, פאַרן זיג איבער דייטשלאַנד, פאַר העלדישער אַרבעט. נאָך אַ מעדאַל, פון דער רויטער פאָן, דאַרף אים אינגיכן איבער־ געגעבן ווערן.

דאָס איז דער ערשטער אַרויספאָר פון דעם דיכטער־קאַפּיטאַן, קוש־ נירָאָוו, זינט ער איז געקומען פון דער מלחמה. קוקט ער אויף די ערטער, וואָס מיר פאָרן פאַרביי, און אַלץ דערמאָנט אים אָן „יענע טעג".

— מיר פאָרן אויפן טראַקט פון מלחמה, — זאָגט ער. — אָט אויף דעם טראַקט איז געגאַנגען נאַפּאָלעאָן. אָט אויף דעם טראַקט איז געגאַנגען דער דייטש.

קושנירָאָוו דערציילט וועגן זיין ערשטער דערפאַרונג מיטן דייטש באַלד אין אָנהויב מלחמה, אין אָקטאָבער 1941. דער דייטש איז שוין געווען אין מאָזשאַיסק, ביי מאָסקווע, און זיין (קושנירָאָווס) דיוויזיע, די אַכטע דיוויזיע פון רויט־פּרעסניער ראַיאָן אין מאָסקווע, איז געווען ביי יעלניאַ־יאַרצעוואָ, אַ דריי הונדערט קילאָמעטער הינטערן פראָנט, אויף דער „דייטשער" זייט. פערצן טעג און נעכט איז די דיוויזיע געווען אַרומ־ גערינגלט, צוזאַמען מיט אַנדערע טיילן. דורך די נעכט פלעגט מען מאַר־ שירן אויף צוריק, צום פראָנט, פּרובירן זיך דורכרייסן. סוף־כּל־סוף האָט מען זיך דורכגעריסן, אויפן פופצנטן טאָג. געבליבן פון דער דיוויזיע איז ניט זייער קיין סך. צווישן די אומגעקומענע זיינען געווען די אידישע שרייבער מ. ווינער, גאָלדשטיין, גאָדינער, וועלכע האָבן געהערט צו דער דיוויזיע.

קושנירָאָוו קוקט דורכן פענצטער און רעדט פאַרטראַכטערהייט:

— יעדער שפּאַן ערד איז דורכגעווייקט מיט בלוט.

סמאָלענסק האָט דערמאָנט קושניראָוון אָן אַ שרעקלעכער באָמבאַר־דירונג פון דעם שונא. ער אַליין האָט דעמאָלט פון אַ קאָנטוזיע פאַרלאָרן דעם געהער און דאָס לשון. דאָס לשון האָט זיך אומגעקערט נאָך אַ פּאָר חדשים. דאָס געהער — נאָך ניט אינגאַנצן. אָבער נאָך דער קאָנטוזיע איז קושניראָוו ווידער געווען אין שלאַכט און איז דערגאַנגען מיט דער רויטער אַרמיי ביז קעניגסבערג, וועלכע הייסט איצט: קאַלינינגראַד. (קושניראָווס אַכצן־יאָריקער זון איז געפאַלן אין שלאַכט).

סמאָלענסק בין איך דעם ערשטן מאָל פאַרבייגעפאָרן אין סעפּטעמבער, ביי מיין אָנקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין אָוונט איז עס געווען. איצט, אויפן וועג קיין מינסק (סוף דעצעמבער), בייטאָג, קאָן איך בעסער זען, וואָס פאַר אַ חורבן דער שונא האָט דאָ אָנגעמאַכט. ניט צום באַשרייבן! אָבער איצט, בייטאָג, קאָן איך בעסער זען ווי מען בויט, מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט. אויך דאָס איז ניט צום באַשרייבן.

מיר פאָרן פאַרביי אָרשע, באָריסאָוו. קושניראָוו קוקט כסדר דורכן פענצטער און זעט דאָס, וואָס דער גאַסט פון אַמעריקע זעט ניט. אָט דאָרט, זעט קושניראָוו, איז געווען אַ שוץ־גרוב. אַלץ איז טאַקע פאַרדעקט מיט שניי, אָבער קושניראָווס אויג זעט. אָט דאָרט, הינטערן בערגל, זעט ער, איז געווען אַ שלאַכט. און ווידער דאָס אייגענע: דער גאַסט פון אַמעריקע זעט פאַרשנייטע פעלדער, אָבער דער גוואַרדיע־קאַפּיטאַן זעט מער.

24 שעה זיינען מיר אַזוי געפאָרן דורך מלחמה, חורבן און בויאונג, ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין מינסק. שוין דאָס פאָרן אַזוי לאַנג, מיט דער שנעלסטער באַן, דערציילט עפּעס. פאַר דער מלחמה איז מען מיט דער שנעלסטער באַן געפאָרן צוועלף שעה. דער שונא האָט דאָ גאָר ניט געהאַט איבערגעלאָזט, כאָטש גיי צופוס. דער וואונדער איז, וואָס ס'איז שוין אַזוי פיל אויפגעבויט געוואָרן.

●

ס'איז געווען פינצטער און פּראַקטיק ביים אַריינגאַנג פון וואָקזאַל אין שטאָט אַריין, אין מינסק, אָבער אין דער פינצטער האָב איך שוין געקאָנט זען: די ריזיקע, פּרעכטיקע רעגירונגס־געביידע איז דאָ! זי איז געבליבן. די דייטשן זיינען דאָ געווען ביזן לעצטן מאָמענט און ניט באַוויזן זי אויפצורייסן. איצט איז די געביידע, נאָך מער ווי פריער, דער שטאָלץ און די שיינקייט פון מינסק. און ווייל אַרום און אַרום איז שטאַרק ליידיק, זעט מען זי ווייט־ווייט, מיט אירע הונדערטער אויפגעלויכטענע

פענצטער. דערפאַר אָבער דער אוניווערסיטעט, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין די ערשטע פינף־יאָר־פּלענער — ריכטיקער: אַ אוניווערסיטעט־שטעטל — איז פאַרניכטעט. ס׳האָבן מיך באַגעגנט גוט־באַקאַנטע געביידעס מיט פינצטערע אויגן־לעכער.

ס׳האָט אַ קלעם געטאָן. אָבער די גרויסע און שיינע מלוכה־געביידע האָט געוואָרפן סנאָפּעס ליכט און באַלויכטן די לענין־סטאַטוע פון פראָנט (די דייטשן האָבן דעם לענין־מאָנומענט געהאַט אויפגעריסן, אָבער מען האָט אים אויפגעשטעלט צוריק).

קיין האָטעל איז נאָך אין מינסק ניט פאַראַן. דער אַמאָליקער האָטעל „יעווראָפּאַ", וואו איך בין איינגעשטאַנען אין 1929, 1932 און 1936, איז ניטאָ, צוזאַמען מיטן גאַנצן קוואַרטאַל. דער גרויסער האָטעל „ביעלאָ־רוס", וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פאַר דער מלחמה, ווערט צוריק אויפ־געשטעלט, אָבער איז נאָך אין דעצעמבער ניט פאַרטיק געווען. מ׳האָט צו־געגרייט אַ דאַטשע הינטערן שטאָט, אָבער אַ באַקאַנטשאַפט מיט אַן אַקאַדעמיקער, וואָס איז באַוואוסט אין ווייסרוסלאַנד און אין גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד, ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש ניקאָלסקי, האָט אונדז איינ־געשפּאָרט פאָרן אום ווינטער אויף אַ דאַטשע. מ׳האָט אונדז איינגעאָרדנט ביי אים אין וואוינונג. זיינען מיר געווען אין אַ וואונדערלעכער פאַמיליע און האָבן פון דעם אַקאַדעמיקער אַ סך געלערנט.

אַקאַדעמיקער ניקאָלסקי איז געווען אין מינסק אַ שטיקל צייט בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע, ביז ער איז אַוועק צו די פּאַרטיזאַנען, איידער די דייטשן האָבן באַוויזן אים צו אַרעסטירן. „פאַרברעכנס" קעגן די דייטשן האָט ער געהאַט אַ סך. אַהער געהערט אַזאַ „פאַרברעכן": ער האָט גע־ראַטעוועט אידן פון געטאָ, און דערנאָך געזען מען זאָל זיי אַריבערנעמען צו די פּאַרטיזאַנען.

אַקאַדעמיקער ניקאָלסקי און קושניראָוו האָבן זיך צערעדט וועגן דער מלחמה און וועגן דער דייטשער אָקופּאַציע. קושניראָוו האָט דערציילט איינצלהייטן וועגן די דייטשע מפּלות פון מאָסקווע ביז קעניגסבערג און דער אַקאַדעמיקער האָט דערציילט וואָס אין מינסק האָט זיך געטאָן. באַלד נאָך דער ערשטער מפּלה פון די נאַצים, ביי מאָסקווע, אָנהויב דעצעמבער 1941, האָבן אָנגעהויבן קומען קיין מינסק באַנען מיט געפרוירענע דייטשן. אַ כירורג, וועמען די דייטשן האָבן געצוואונגען צו אַרבעטן פאַר זיי, האָט אים דעמאָלט געזאָגט, אַז גאַנצענע טעג טוט ער איינס: ער שניידט־אָפּ אָפּגעפרוירענע הענט און פיס פון דייטשע סאָלדאַטן...

אַ גרויסער גערודער איז אין מינסק געווען, ווען דער דייטשער

גענעראַל־גובערנאַטאָר קובע איז אויפגעריסן געוואָרן. דאָס שטיקל אַרבעט האָט אָרגאַניזירט אַ ווייסרוסיש מיידל, מאַרוסיאַ אָסיפּאָווא. זי האָט איינגעאָרדנט — דורך אַן אַנדער מיידל — עס זאָל אין קובע'ס בעט אַריינגעלייגט ווערן אַ מינע. ווי נאָר ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין — איז ער „אַוועקגעפלויגן"...

די דייטשן האָבן זיך דעמאָלט אָפּגערעכנט מיט די ווייסרוסן. צענדליקער פון די דערבייאיקע הייזער זיינען אונטערגעצונדן געוואָרן צוזאַמען מיט די איינוואוינער.

דער אַקאַדעמיקער האָט אויסגערעכנט אַסך פאַלן, ווען ווייסרוסן און רוסן האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס צו ראַטעווען אידן (ווי ער האָט געטאָן). די מינסקער אידישע באַפעלקערונג באַשטייט איצט אין זייער אַ גרויסער מאָס פון אַזעלכע געראַטעוועטע, וואָס מען האָט באַהאַלטן אָדער אַריבערגעפירט צו די פּאַרטיזאַנען.

ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר געזעסן און געשמועסט וועגן דער אָקופּאַציע, וועגן דער באַפרייאונג, און — וועגן חורבן און בויאונג. אָבער דאָס דאַרף מען זען. אַנדערש קאָן מען ביידע זאַכן ניט באַגרייפן. דער חורבן פאַרקלעמט דאָס האַרץ, אָבער די בויאונג דערמינטערט, פילט אָן מיט פרייד.

קודם וועגן חורבן. ווען איך בין געווען אין וואַרשע, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז קיין גרעסערער חורבן קאָן שוין גאָר ניט זיין. אין מינסק האָב איך מיין מיינונג געביטן.

איך בין אַרוים אויף דער הויפּט־גאַס, סאָוועטסקאַיאַ (אַמאָל האָט זי געהייסן : זאַכאַריעווסקאַיאַ) און האָבן די גאַס ניט געטראָפן. אַפילו די סקעלעטן פון די געביידעס זיינען ניט געווען. איך האָב פאַרקירעוועט אויף אַן אַנדער הויפּט־גאַס, לענין־גאַס (אַמאָל האָט זי, דאַכט זיך, געהייסן גובערנאַטאָרסקאַיאַ ; איך גיב אָן די נעמען פון פאַר דער רעוואָלוציע, כדי מינסקער לאַנדסלייט זאָלן וויסן וועגן וועלכע גאַסן איך רעד), און די דאָזיקע גאַס איז אויך ניט געווען. איך בין אַוועק אויף נעמיגע, דערנאָך אויף ליאַכאָווקע, געפאָרן אין דער ריכטונג פון וואַלד, וואו מען האָט מיט יאָרן פריער געהאַט אויפגעבויט די וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, ריזיקע געביידעס, און געטראָפן אַ סך חורבות. נאָר געציילטע געביידעס זיינען געבליבן. איך בין געפאָרן צוריק אין שטאָט אַריין, אַרויף אויף דער אַמאָליקער קאַרל מאַרקס גאַס, וועלכע איז פאַר דער מלחמה געווען אַזוי שיין איבערגעבויט, מיט אַ סך ביימער פון ביידע זייטן גאַס, און געטראָפן — חורבן.

די מייסטע צענטראַלע גאַסן זיינען „פאַרשוואונדן״ געוואָרן. שטייענדיק אויפן ראָג סאָוועטסקע און לענין־גאַס האָט מען געקאָנט זען ווייט אַרום און אַרום. עס זיינען געווען צו ווייניק הייזער, וואָס זאָלן פאַרשטעלן דעם בליק...

פאַר די אויגן איז מיר געשטאַנען די אַמאָליקע מינסק, די מינסק, וואָס איך האָב געקענט פון 1919, 1929, 1932, 1936. איך האָב „געזען״ די רעדאַקציע פון „אָקטיאַבר״ אויף לענין־גאַס. איך האָב „געזען״ דעם אידישן טעאַטער, איך האָב „געזען״ דאָס אוניווערסיטעט־שטעטל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בויען, ווען איך בין געווען אין מינסק אין 1929, איז געווען באַלד פאַרטיק אין 1932, און איז אין 1936 געווען דער שטאָלץ פון דער באַנייטער הויפּט־שטאָט פון דער סאָוועטישער בעלאָרוסיע.

איך האָב זיך געהאַט באַקענט מיט מינסק, אין 1919, ווען זי האָט געשמאַכט אונטער דער הערשאַפט פון פּילסודסקי׳ס לעגיאָנערן. איך האָב דערנאָך געזען די שטאָט אויף דריי באַזוכן, ווי זי איז געוואָקסן אונטער סאָוועטן־מאַכט. מיט יעדן באַזוך איז געוואָקסן מיין פרייד.

האָב איך געזוכט די באַקאַנטע גאַסן און אינסטיטוציעס. זיי זיינען ניט געווען...

דעם פרייהייט־פּלאַץ, וועלכן איך האָב אין 1929, 1932, 1936 כסדר אָנגעקוקט פון פענצטער פון האָטעל „יעווראָפּאַ״, האָב איך ניט דערקענט. ניטאָ דער האָטעל, ניטאָ דער גאַנצער קוואַרטאַל, ניטאָ די גאַנצע דערבייאיקע לענין־גאַס, ניטאָ די אַנדערע גאַסן... פּוסטע פעלדער אויפן אָרט פון הייזער, פעלדער מיט בערגלעך און גריבער. נאָך גוט וואָס אַלץ איז ווייס פון שניי און פראָסט...

איינמאָל און נאָכאַמאָל זיינען מיר פאַרבייגעפאָרן די הויפּט־גאַסן. עס האָט זיך ניט געגלויבט, אַז כמעט אַלץ איז פאַרשוואונדן, איז אונטערגעצונדן געוואָרן, איז אויפגעריסן געוואָרן פון די דייטשן. אין דער זעלביקער צייט האָט זיך ניט געוואָלט אַזוי גיך אָפּרייסן זיך פון ליבע גאַסן, וואָס זיינען אַזוי פאַרשעמט געוואָרן...

פון פרייהייט־פּלאַץ האָבן מיר זיך ווידער פאַרקערעוועט אויף נעמיגע, וואו ס׳איז געווען די אידישע געטאָ. מיר זיינען געפאָרן אין זייטיקע געסלעך, פאַרביי איין־שטאָקיקע הייזער, וועלכע האָבן עדות געזאָגט, אַז דער צענטער פון שטאָט איז חרוב, ווייל די דייטשן האָבן געזוכט אויפצורייסן און פאַרברענען גראָד דעם בעסטן טייל פון מינסק. די פאַרשטעט מיט די אַלטמאָדישע הילצערנע הייזער האָבן זיי געלאָזן.

אָבער וועגן נאָך עפּעס האָבן די הילצערנע איין־שטאָקיקע הייזער

עדות געזאָגט: ווען שחיטות אויף אידן בשעת דאָ איז געווען די געטאָ.

מיר זיינען אָנגעקומען אויף א גרויסן ליידיקן פּלאַץ, וואָס איז געווען ארומגעצאַמט מיט א נידעריקן פּארקאַן. ס'איז אייגנטלעך ניט געווען סתם אזוי א פּלאַץ, נאָר א גרויסע פלאַכע גרוב, אָדער א טאָל. אויף איין אָרט פון פּארקאַן איז געווען א טירל. מיר זיינען אריין אינעווייניק און זיך אראָפּגעלאָזט אין טאָל אריין, אין טאָל פון טרערן און בלוט... אויף דער אנדערער זייט פון טאָל איז געשטאַנען א שווארצער מארמאָרנער מאָנו־מענט, מיט א וואַזע פון אויבן, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי זי וואָלט געווען פול מיטן ווערך, גיסט זיך אריבער...

מיט אָפּגעהיטע, לייכטע טריט האָבן מיר זיך דערנענטערט צום מאָנו־מענט און געבליבן שטיין אין שטילשווייגן. אויפן מאָנומענט איז געווען אָנגעשריבן מיט גאָלדענע ווערטער, אויף רוסיש און אידיש:

„א ליכטיקער אָנדענק אויף אייביקע יאָרן די פינף טויזנט קדושים, וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די הענט פון די בלוטיקע שונאים פון דער מענטשהייט — די פאַשיסטיש־דייטשע מערדער־תלינים."
דעם 14טן אָדר — 2טן מערץ, 1942.

דער פראָסט האָט געברענט און מיר זיינען געשטאַנען פאַרן מאָנו־מענט און געקוקט אויף די ווערטער און איבערגעלייענט, איינמאָל און נאָכאמאָל, אויף רוסיש, אויף אידיש, און געקוקט אויף דער וואַזע, פון וואַנען דער מארמאָר האָט זיך אריבערגעגאָסן, און ווידער געלייענט די ווערטער. די פיס זיינען געווען ווי צוגעשמידט צום הייליקן אָרט, דער ברודער־קבר פון פינף טויזנט קדושים...

●

די געשיכטע פון דער מינסקער געטאָ דאַרף זיין מער באַקאַנט צווישן אידן אומעטום.

מיר ווייסן פונעם אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ. דאָס איז גוט. מיר ווייסן אָבער ניט, די וועלט ווייס אָבער ניט, וואָס אידן פון דער מינסקער געטאָ האָבן געטאָן.

אידן איבער דער גאַנצער וועלט דאַרפן ווייסן. און ניט־אידן דאַרפן ווייסן. מינסקער אידן האָבן ניט נאָר געקעמפט, זיינען ניט נאָר אומ־געקומען קעמפנדיק, נאָר טויזנטער זייערע זיינען געבליבן לעבן, זיינען ארויס זיגער פון דעם קאַמף!

מינסקער אידן האָבן זיך דורכגעריסן פון געטאָ, אין די וועלדער אריין, מיט געווער אין די הענט. ממש צענדליקער טויזנטער האָבן מיט

געווער אין די הענט זיך געלאָזט צו די טויערן, אָדער זיך פּרובירט דורכ־שלייכן דורך דער שטאָט. פיל זיינען אומגעקומען אין די שלאַכטן, אָבער א סך טויזנטער איז געלונגען אוועקצוגיין אין די וועלדער — מיט דער הילף פון רוסן, ווייסרוסן, וואָס פיל פון זיי זיינען אומגעקומען אין קאַמף צוזאַמען מיט די אידן. די פּאַרטיזאַנען אין די וועלדער אַרום מינסק האָבן לויט די פאַראָרדענונגען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פון דער סאָוועטן־מאַכט, געמאַכט ספּעציעלע אָנשטרענגונגען אַרויסצונעמען אידן פון דער געטאָ.

אזוי זיינען געראַטעוועט געוואָרן — נאָכאַמאָל — א סך טויזנטער אידן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין קאַמף, נקמה צו נעמען, און וועלכע האָבן געזיגט!

ווען מינסק איז באַפרייט געוואָרן, האָבן אין שטאָט אַריינגעמאַר־שירט זיבן (7) פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילן, וואָס האָבן פאַרמאָגט אין זייערע רייען טויזנטער אידן. צוויי אָפּטיילן זיינען געווען אינגאַנצן אידישע.

אויך אין קלענערע שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד האָבן זיך אידן אַרויסגעריסן פון די געטאָס און זיינען אוועק אין די וועלדער. אין נעס־וויזש האָבן אידן געקעמפט אויף די גאַסן קעגן די דייטשן. א גרופּע עלטערע אידן האָבן אונטערגעצונדן א ריי קוואַרטאַלן פון שטעטל, זיך מקריב געווען, כדי די יונגערע מענטשן זאָלן אוועק אין די וועלדער.

אין קאַפּוליע האָבן אידן געשאָסן אויף די דייטשן פון די שטיבער. דער קאַפּוליער שוחט מאיר ווײַנער האָט זיך באַהאַלטן אין שעכטהויז און איז שפּעטער אַריבער צו די פּאַרטיזאַנען, געקעמפט מיט דער ביקס אין האַנט. ער איז געפאַלן אין איינער פון די שלאַכטן.

אין מינסק, וואו די געטאָ האָט צום אָנהויב געהאַט אכציק טויזנט אידן, האָט זיך איינגעגעבן העכער צען טויזנט אידן צו ראַטעווען זיך אין די וועלדער, וואו זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די פּאַרטיזאַנען־קאַמפן קעגן די דייטשן. צוזאַמען מיט די, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן אוועק־צופאָרן פון שטאָט איידער די דייטשן זיינען אריין, האָבן זיך געראַטעוועט צווישן צוואַנציק און דרייסיק טויזנט מינסקער אידן (מינסק איז פאַרנומען געוואָרן אין די ערשטע טעג פון נאַצישן איבערפאַל און עס איז געווען וויניק צייט אויף צו עוואַקואירן זיך).

איצט זיינען אין מינסק פאַראַן העכער צוואַנציק טויזנט אידן (ס'הייסט, ווען איך בין דאָרט געווען, סוף דעצעמבער 1946; עס קומען נאָך אָן אידן פון עוואַקואַציע). פיל פון די פּאַרטיזאַנען־העלדן זיינען איצט העלדן פון דער אימפּעטיקער בויאונג.

און מינסק בויט זיך! עס בויט זיך די פריערדיקע אינדוסטריע און עס בויען זיך פאבריקן פון דער שווערער אינדוסטריע, וואס מינסק האט פריער (ווען די שטאט איז געווען ניט ווייט פון דער אמאליקער פוילישער גרענעץ) ניט געהאט.

●

דער פאראיין פון ווייסרוסישע שרייבער האט צונויפגערופן אין דער רעגירונגס-הויז א ספעציעלע פארזאמלונג לכבוד דעם גאסט פון אמעריקע.

געעפנט די פארזאמלונג מיט א לענגערער רעדע האט דער פארזיצער פון דעם פארבאנד פון די ווייסרוסישע שרייבער, דער אקאדעמיקער מיכאס לינקאוו. עס האבן גערעדט אויך דער סעקרעטאר פון שרייבער-פארבאנד, דער פראזע-שרייבער פאוועל קאוואליאוו, דער פאעט פעטראס בראווקא, דער פאעט מאקסים לוזשאנין, דער קריטיקער און דראמאטורג קוטשער און א ריי אנדערע. עס האבן גערעדט די אידישע שרייבער. עס האט גערעדט אהרן קושניראוו. אלע האבן אונטערגעשטראכן די פריינטשאפט צווישן ווייסרוסן, רוסן און אידן, די קרבנות וואס אלע פעלקער האבן געבראכט, די ברידערשאפט בשעת מלחמה, און איצט, בשעת דער בויאונג.

אויף דער פארזאמלונג זיינען געווען אקטיארן פון ווייסרוסישן אי־דישן מלוכה-טעאטער—די פארדינסטפולע ארטיסטקעס סאקאל און יודעס־אראנטשיק, דער פאלקס-ארטיסט און רעזשיסאר גאלאווטשינער, דער ארטיסט קאגאן און א ריי אנדערע. האט זיך אויפגעשטעלט דער פאר־וואלטער פון טעאטער, גאלדשוואריץ, און דערציילט אזא געשיכטע:

די סאוועטן-מאכט האט געראטעוועט די טרופע, עוואקואירט זי, און די גאנצע צייט, זינט דעם אנהויב מלחמה ביז סוף 1946, העכער פינף יאר צייט, האט מען זי אויסגעהאלטן אין דער רוסישער שטאט נאוואָ־סיבירסק. זי האט צוביסלעך געשפילט, אבער דער עיקר האט מען זי אויס־געהאלטן, כדי זי זאל ניט צעפאלן ווערן. און איצט האט מען זי געבראכט צוריק אהיים, קיין מינסק.

ווייסרוסישע שרייבער און אקטיארן, פארשטייער פון דער רעגירונג און פון דער פארטיי, זיינען געקומען באגעגענען די אידישע טרופע, ווען זי איז אנגעקומען. מינסק איז חרוב, א דירה איז זייער א טייערע זאך, אבער מען האט באזארגט די אידישע אקטיארן מיט דירהלעך. וואס טוט מען אבער מכח א טעאטער?

אין מינסק איז געבליבן איין טעאטער גאנץ. פון אלע ווייסרוסישע טרופעס שפילט דארט איינע, די בעסטע. פאר אנדערע טרופעס איז קיין

טעאַטערס נאָך ניטאָ. אָבער ווען די אידישע טרופּע איז געקומען — האָט די ווייסרוסישע מלוכהשע טרופּע אָפּגעטראָטן דער אידישער דעם טעאַטער אויף צוויי אָוונטן אַ וואָך...

די ערשטע פאָרשטעלונג פון דעם ווייסרוסישן אידישן מלוכה־טעאַטער אין באַפרייטן מינסק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מלוכה־דעמאָנסטראַציע, אַ פאָלקס־דעמאָנסטראַציע. די ווייסרוסישע רעגירונג בראש מיט פּרעמיער פּאָנאָמאַרענקאָ, די פירערשאַפט פון דער ווייס־רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זיינען געווען אויף דער פאָרשטעלונג.

ווען דער פּאַרוואַלטער פון אידישן טעאַטער האָט דערציילט די גע־שיכטע, ווי דערציילט ווי די רעגירונג גיט איצט אויס הונדערטער טויזנ־טער רובל אויף שטעלן אַ נייע אידישע פּיעסע, האָבן זיך ביי פיל אָנוועזנדיקע באַוויזן טרערן אין די אויגן. דער עיקר ביים גאַסט פון אַמעריקע...

ס'איז געווען אַ היילונג אויפן הארצן — נאָך די אַלע ווייטיקן פון צוזען דעם חורבן, פון באַזוכן דעם מאָנומענט אויף נעמיגע. ס'איז געווען אַ היילונג און אַ פרייד: פרייד פון בויאונג, פרייד פון פעלקער־פריינט־שאַפט.

●

אויף מאָרגן זיינען מיר געזעסן אין באַן, וואָס האָט אונדז געפירט פון מינסק קיין ווילנע.

אונדז — דעם דיכטער און גוואַרדיע־קאַפּיטאַן אהרן קושניראָוו און מיך.

זיינען מיר געשטאַנען ביים באַן־פענצטער און געזעגנט זיך מיט דער הויפּט־שטאָט פון סאָוועטישן ווייסרוסלאַנד.

איך האָב געטראַכט וועגן דעם נעכטיקן אָוונט, וועגן דער פאַרזאַמלונג פון די שרייבער און אַקטיאָרן, אידישע און ווייסרוסישע, אין הויז פון דער רעגירונג, און וועגן דעם קורצן שפּאַציר, וואָס מיר האָבן געמאַכט נאָך דער פאַרזאַמלונג. דאָס ליכט פון די פענצטער פון דעם גיגאַנטישן רעגירונגס־הויז האָט באַלויכטן די געגנט אַרום. ווייטער אויף דער הויפּט־גאַס, אויף סאָוועטסקע, און נאָך ווייטער אַראָפּ, צום סאַמע צענטער, האָבן זיך איבער די חרובע און זיך־בויענדיקע גאַסן געזען פייערלעך דאָ און דאָרט, אָבער ניט ווי אויף די גאַסן פון אַ „געוויינלעכער" שטאָט, — ווי מיר, אין אַמעריקע, וועלכע ווייסן ניט וואָס די מלחמה איז אַזוינס געווען, שטעלן זיך פאָר אַ שטאָט.

ווי אין אַלע חרובע שטעט אין אייראָפּע, ווערט אויך אין מינסק פּרי נאַכט. עס גייט זיך ניט ביינאַכט איבער די חרובע גאַסן. דאָס געזעל־שאַפטלעכע לעבן וואָס איז שוין פאַראַן, ענדיקט זיך פרי. אַזוי די פאָר־שטעלונגען אין טעאַטער, אין קינאָ. נאָר אין דעם רעגירונגס־הויז ברענט מען די עלעקטריע שפּעט. מען איז פאַרנומען.

עלעקטריע... דאָס איז ניט קיין „געווייניגלעכער" אַרטיקל אין אייראָפּע בכלל. אַפילו אין שטעט וואָס זיינען גאַנץ, ווי פּאַריז, איז עלעקטריע אַ פּראָבלעם. פאַראַן שעהען, ווען מען טאָר ניט אָנצינדן די עלעקטריע. מען דאַרף שפּאָרן. אין חרובע שטעט איז די ערשטע צייט נאָך דער באַפרייאונג קיין עלעקטריע אינגאַנצן ניט געווען. מינסק האָט שוין עלעקטריע, פון אַ לענגערער צייט, אָבער מען קאָן זיך ניט צופיל „צעלאָזן" אויף די גאַסן, אין די הייזער. און עס שאַדט ניט צו האָבן אַלע מאָל גרייט אַ ליכט, אַ קעראָסין־לאָמפּ, — ווי אַ זאַך מאַכט זיך.

די מלחמה האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. מען שלאָגט זיך איצט ביי־צוקומען דעם חורבן, וועלכער איז אַ פאָרזעצונג פון דער מלחמה. אויך אונדזער מלחמה — אָבער ניט אונדזער חורבן...

שטייען מיר ביים פענצטער און געזעגענען זיך מיט מינסק. קאָן מען וייט־ווייט פאַרוואַרפן דעם בליק איבער דער שטאָט, ווייל צופיל הייזער, וואָס זאָלן דעם בליק פאַרשטעלן, זיינען ניטאָ. אָבער אייער בליק פאַלט אויף אַ סך רעשטאָוואַניעס. איר זעט הייזער, וואָס זיינען באַנייט געוואָרן. און אומעטום, אין פּאַרטיקע הייזער, זעט איר שויבן אין די פענצטער.

שויבן... דאָס איז אויך אַ „קלייניקייט", וועגן וואָס מיר, אין אַמע־ריקע, וואָס האָבן ניט געוואוסט פון דער מלחמה, טראַכטן ניט. אין איי־ראָפּע, אין שטעט וואָס זיינען באָמבאַרדירט געוואָרן, זיינען שויבן געווען אַן ערנסטע פּראָבלעם. בפרט אין אַזעלכע שטעט ווי מינסק. ווען מינסק איז באַפרייט געוואָרן, זיינען אין די גאַנץ־געבליבענע הייזער אויך ניט געווען קיין שויבן. אַ שטאָט געווען אָן שויבן. און אַרום מינסק, און איבער אַ ריזיקן שטח פון סאָוועטישן לאַנד — שטעט, שטעטלעך, דערפער, אָן שויבן. באַנען, טראַמוואַיען, אָן שויבן. קוקן מיר אַרוים דורכן באַן־פענצטער און זעען: עס זיינען דאָ שויבן אומעטום, אין די פּאַרטיקע הייזער. אויך דאָס איז אַ היפּשע דערגרייכונג. און אונדזער באַן האָט שויבן.

רירט זיך די באַן און מיר געזעגענען זיך מיט מינסק: זיי געזונט, קום צו זיך וואָס גיכער, פיל־געליטענע, אָבער שטאָלצע, זיך בויענדיקע, אימפּעטפולע הויפּט־שטאָט פון סאָוועטיש ווייסרוסלאַנד!

# אין ווילנע

עס רירט זיך די באַן פון מינסק קיין ווילנע.

אין וואַגאָן איז געפּאַקט. אין די קאָרידאָרן טאָר מען טאַקע קיין פּאַסאַזשירן ניט אַריינלאָזן, אָבער מענטשן מוזן דאָך פאָרן און עס איז ניטאָ גענוג וואַגאָנען. שטייט מען אויך אין די קאָרידאָרן. ניט מער, נאָכ־דעם ווי די באַן פאָרט זיך פּאַנאַנדער, הויבן אָן די „איינגעזעסענע" פּאַסאַ־זשירן, וואָס פאָרן פון מאָסקווע, צונויפצורוקן זיך און מאַכן אָרט פאַר די וואָס שטייען.

עס ווערט ענגער, אָבער היימישער. מען רעדט זיך צונויף. מען טרינקט טיי, מען עסט אָנבייסן, מען איז זיך מכבד איינס דאָס אַנדערע, מען גיט „צו פאַרזוכן". און דעם גאַסט פון אַמעריקע שטעלט מען פראַגן. מען רעדט וועגן דעם זיג פון די רעפּובליקאַנער אין די וואַלן און מען קלייבט זיך גוט פּאַנאַנדער. מען רעדט וועגן רוזוועלטן. מען פרעגט ווי עס קוקט אויס ניו־יאָרק.

אויף דער פראַגע, וועגן ניו־יאָרק, איז ניט אַזוי באַקוועם צו ענטפערן ביים אַרויספאָרן פון מינסק. ניו־יאָרק און מינסק זיינען דאָך געווען שותפים אין איין מלחמה...

נאָר סאָוועטישע מענטשן זיינען פּשוטע און היימישע און איר פאָרט אָפּ דעם וועג ביז ווילנע אין אַ וואַרעמער געזעלשאַפט. איר שליסט באַ־קאַנטשאַפט מיט נייע מענטשן און איר געזעגנט זיך מיט זיי ווי מיט אַלטע פריינט. זיי שיקן־מיט גרוסן קיין אַמעריקע, פריינטלעכע גרוסן.

ס'איז געווען זיבן אין אָוונט ווען די באַן איז צוגעפאָרן צום באַקאַנטן ווילנער וואָקזאַל.

אהער בין איך געקומען צום ערשטן מאָל אין 1919, ווען די שטאָט איז געווען אַ סאָוועטישע. דאָס איז געווען ניט לאַנג נאָכדעם ווי יוליוס שימעלעוויטש און זיינע חברים־העלדן זיינען אומגעקומען אין קאַמף פאַר אַ סאָוועטישער ווילנע (יוליוס איז געווען אַ ברודער פון דעם איצטיקן טוער פון אידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, דר. באָריס שימעלעוויטש). ווילנע איז אַ שטיקל צייט נאָכדעם געוואָרן סאָוועטיש.

באַלד האָבן זיך אַריינגעריסן פּילסודסקיס לעגיאָנערן, האָבן געמאַכט דעם פּאָגראָם אין ווילנע, דערמאָרדעט העכער פופציק אידן, אין דעם אויך דעם שריפטשטעלער א. ווייטער. און אַ גאַנצן זומער, אין 1919, האָב איך ביינעוואוינט אין ווילנע טאָג־טעגלעכע פּאָגראָמען.

אין 1932 בין איך געווען אויף אַ קורצן באַזוך אין ווילנע. ביים אַראָפּגיין פון וואָקזאַל האָט מיר דעמאָלט באַגעגנט אַ געשריי, וועלכער קלינגט מיר נאָך היינט אין די אויערן. „אידישע קינדער, שענקט עפּעס אויף שבת!" — האָט געשריען אַן אַלט־געוואָרענע יונגע פרוי. ווילנע, די אידישע ווילנע, איז געווען אין די צוואַנגען פון אַ „קאַלטן פּאָגראָם". ס'האָט דאָ נאָך געהערשט דער פּוילישער פּאָגראָם־רעזשים.

איצט בין איך ביים זעלביקן אַרויסגאַנג פון זעלביקן וואָקזאַל. איצט איז ווילנע די הויפּט־שטאָט פון דער סאָוועטישער ליטע.

ס'איז פינצטערלעך. די עלעקטריע ברענט שוואַך. עס שטייען מאַ־שינען, וואָס פאָרן קיין קאָוונע. מיר נעמען אַ מאַשין, וואָס פירט אונדז אוועק אין דעם איינציקן פאַרבליבענעם „אָנשטענדיקן" האָטעל, האָטעל „בריסטאָל", אויף געדימין־גאַס, די הויפּט־גאַס פון ווילנע, וועלכע האָט גאָר־גאָר אַמאָל געהייסן „געאָרגיעווסקע" און האָט בשעת דער פּוילישער הערשאַפט דאַכט זיך געהייסן: „מיצקעוויטש־גאַס".

די מאַשין פאָרט איבער שוואַך־באַלויכטענע גאַסן און איך שטרענג זיך אָן זיי צו דערקענען. נו, יאָ, מיר זיינען שוין אין זאַוואַלנע גאַס. אָט פאָרן מיר פאַרביי די רודניצקע גאַס, און אָט איז קליין־סטעפּן גאַס, וואו עס איז אַמאָל געווען קלעצקינס דרוקעריי און די רעדאַקציע פון ווילנער „טאָג". אָט פאָרן מיר שוין פאַרביי די קאַר־שול, שניידן דורך טראָקער גאַס און באַלד זיינען מיר אויף „געדימין".

ווילנע איז גאַנץ. דאָס איז דער ערשטער איינדרוק.

מער ווי אַ קורצן שפּאַציר אויף געדימין־גאַס האָט מען דעם זעלביקן אָוונט ניט געקאָנט מאַכן. ס'איז געווען קאַלט און פינצטערלעך. די באַ־וועגונג אויף דער גאַס איז געווען גאָר אַ שוואַכע. אויך אין ווילנע מאַכט מען פרי נאַכט. אָבער אַרום דעם קינאָ אַנטקעגן האָטעל איז געווען ליכטיק און ס'איז געווען אַ באַוועגונג (מען האָט געוויזן אַ גרויסן פילם פון נירענבערגער פּראָצעס). אַ „הויך־ריידער" איבערן גאַס האָט געלאָזט הערן פאָלקס־לידער.

אויף מאָרגן, באַלד נאָך פרישטיק, האָבן מיר זיך געאיילט אַ קוק טאָן אויף ווילנע.

די געדימין־גאַס קוקט אויס פונקט ווי אַמאָל, ווען זי האָט געהייסן

געאָרגיעווסקע. מיר דערגייען ביזן ראָג ווילנער גאַס און ווילן זיך פאַר־נעמען רעכטס, אַרויף צו דער אַמאָליקער אידישער געגנט (היינט וואוינען אידן מייסטנס אין דער געגנט פון דער הויפּט־גאַס). אָבער דאָ איז פאַראַן אַ סקווער און אויף דעם סקווער געפינט זיך אַן איינדרוקספולער מאָנו־מענט און אַ קבר — פון גענעראַל טשערניאַכאָווסקי, דער באַפרייער פון ווילנע.

איר געדענקט דעם נאָמען טשערניאַכאָווסקי? אין די צאַפּלדיקע מלחמה־טעג איז עס געווען, ווען די טיילן פון דער רויטער אַרמיי, אונטער זיין אָנפירונג, האָבן זיך געטראָגן מיט אימפּעט און נקמה, באַפרייט איין שטאָט נאָך דער אַנדערער. ביז — דער העלדישער גענעראַל אַליין איז געפאַלן אין שלאַכט.

ליגט ער דאָ, אין דער הויפּט־שטאָט פון דער סאָוועטישער ליטע, אין ווילנע, וואָס ער האָט געהאָלפן באַפרייען.

דער מאָנומענט געפינט זיך אין צענטער פון סקווער. ס'איז אייגנט־לעך אַ מאָנומענט נאָך אַ ריי העלדן פון דער באַפרייטער שטאָט. עס ציט זיך אַ ריי פון אַכט קברים, יעדערער פון טונקעלן מאַרמאָר. עס ליגן קרענץ בלומען. פון פאָרנט פון די קברים געפינט זיך אַ ברייטער פיר־עקיקער פּעדעסטאַל פון גרינלעכן מאַרמאָר, אויף עטלעכע טרעפּ די הויך. אין סאַמע צענטער — אַן איינפאַכער זייל פון טונקל־רויטן גלאַטן מאַר־מאָר, מיט טשערניאַכאָווסקיס נאָמען אויף אים. פאַרן זייל — דער קבר, פון זעלביקן טונקל־רויטן גלאַטן מאַרמאָר.

דער אָפּגלאַנץ פון דעם מאַרמאָר — פון די קברים, פון פּעדעסטאַל, פון מאָנומענט — באַהערשט דעם צענטער פון סקווער. די ביימער אַרום זיינען ווי אַ ראַם אַרום דעם צענטער.

מענטשן גייען דורך, פאַרהאַלטן זיך מיט יראת־הכבוד, פאַרטראַכטן זיך און גייען ווייטער זייער וועג.

אויך מיר גייען ווייטער. ביים ראָג געדימין און ווילנער גאַס שטייט אַ גרויסע געביידע פון עטלעכע שטאָק, מיט אַסך פענצטער. דאָס איז דער „אוניווערמאַג" (אוניווערסאַל מאַגאַזין, דעפּאַרטמענט־סטאָר). דאָ איז זייער לעבעדיק. מיר לייגן אָפּ דעם באַזוך אין דעם צענטראַלן געשעפט פון שטאָט אויף שפּעטער און גייען מיט ווילנער גאַס אַרויף.

ביז טראָקער גאַס איז אַלץ כמעט ווי געווען. נאָר דאָ, וואו עס הויבט זיך אָן די געגנט, וואָס איז אַמאָל געווען דער צענטער פון דער אידישער ווילנע, הויבט מען אָן זען חורבן.

שוין די גוט־באַקאַנטע „באָלוואַנעס" אויף טראָקער גאַס זיינען ניט

די זעלביקע. די געבײַדע איז עטוואָס באַשעדיקט און די צוויי גולמס, וואָס טראָגן דעם באַלקאָן אויף זיך, די „באַלוואַנעס", וועלן זיך שוין לאַנג ניט האַלטן. נאָר דאָס איז אַ קנאַפּע דאגה. ווען איר דערזעט אָבער די אַמאָליקע „דײַטשע גאַס", רײַסט זיך עפּעס אָפּ אינעווייניק אין אײַך.

עס איז געווען אַ ביטערע איראָניע: די צענטראַלע אידישע גאַס פֿון דער אידישער ווילנע האָט געטראָגן אויף זיך אַ דײַטשן נאָמען. איצט איז זי באמת אַ דײַטשע: זי איז חרוב...

ניטאָ דער האָטעל „יעווראָפּאַ" באַלד ביים ראָג, ניטאָ די קראָמען, ניטאָ די מערסטע הײַזער. עס באַגעגנט אײַך איין סקעלעט און נאָך איי־נער, אָדער גאָר אַ ליידיקער פּלאַץ, מיט רעשטלעך פֿון דעם פֿונדאַמענט פֿון אַן אַמאָליקער הויז. נאָר דאָ און דאָרטן איז געבליבן אַ הויז גאַנץ, אָדער אפילו אַ גאַנצער הויף.

ווען איר קומט־צו צו „אידישע גאַס", דערזעט איר ערשט דעם חורבן. אויף דער „אידישער גאַס" האָבן די דײַטשן אויסגעלאָזט דעם גאַנצן צאָרן. איר פֿאַרקערעוועט אין דער גאַס אַרײַן, אויף לינקס, און באַלד זעט איר ביים שול־הויף.

חורבות אויף חורבות. צעריסענע סקעלעטן פֿון אַמאָליקע, היסטאָ־רישע געבײַדעס. פֿון דעם גאון׳ס שול איז געבליבן נאָר דער אַרײַנגאַנג מיט אַן אויפשריפט פֿון אויבן. פֿון דער גרויסער שול איז געבליבן דער סקעלעט.

מיר וועלן נאָך דאָ זײַן צוריק. דערווײַלע אײַלן מיר זיך אין אידישן מוזעי אויף סטראַשון־גאַס נומער 6, זען זיך מיט די אידישע קולטור־טוער פֿון דער איצטיקער ווילנע, וואָס האַלטן־אָן די בעסטע ווילנער טראַדיציעס, אויף אַ נײַעם שטייגער.

פֿאַרנעמען מיר זיך אויף צוריק, שנײַדן איבער דײַטשע גאַס און גייען אַרײַן אין דעם פּלאָנטער פֿון די באַרימטע, אַלטע ווילנער געסלעך, די „זאַוואַולקעס". דאָ איז געווען די געטאָ, אָדער די „גרויסע געטאָ".

זיי זײַנען דאָ, די זאַוואַולקעס, אָבער די מענטשן זײַנען ניטאָ. די לעבן־געבליבענע געפֿינען זיך אויף די אַמאָליקע „בעסערע" גאַסן, אַרום נעדימין. און די אַנדערע . . .

●

מיר גייען איבער די אַלטע, היסטאָרישע, ווילנער „זאַוואַולקעס", — שמאָלע, געדרייטע געסלעך צווישן דײַטשע גאַס און זאַוואַלנע. דאָ, אין די געסלעך, האָבן געוואוינט די ווילנער אָרעמע אידישע מאַסן. דאָ זײַנען

געווען וויכטיקע אינסטיטוציעס—אידישע ביבליאָטעקן, באַרימטע אידישע דרוקערייען.

אויף סטראַשון־גאַס נומער 6 איז אַמאָל געווען די ביבליאָטעק פון דער מפיצי השכלה (מעפיצעי האַסקאָלע), וואָס האָט פאַרמאָגט אַן ערך הונדערט טויזנט בענד. דאָ איז געווען די דרוקעריי פון ראָזענקראַנץ און שריפטזעצער. איצט איז דאָ דער אידישער מוזעי.

די רעגירונג פון דער סאָוועטישער ליטע איז גרייט געווען אָפּצוגעבן פאַרן אידישן מוזעי אַ גרויסע געביידע אין די „שענערע" געגנטן פון שטאָט, אַרום גדימין. די אידישע קולטור־טוער האָבן אָבער געוואָלט בלייבן דאָרט, וואו די געטאָ איז געווען און וואו אידיש לעבן האָט זיך געוועבט אין משך פון דורות. האָט די רעגירונג געגעבן אַ באַדייטנדיקע סומע אויף איבערבויען די אַלטע חרובע געביידעס. אויך דרייסיק דייטשן, וואָס זאָלן טאָן די אַרבעט, האָט די רעגירונג געגעבן...

קומט איר אַריין אין דעם הויף פון סטראַשון־גאַס נומער 6, באַ־גרייפט איר, ווי געדרעכט עס זיינען געווען די אידישע קולטור־טוער, וועלכע האָבן באַשלאָסן דאָ צו פאַרבלייבן. ווייל די ווענט, וואָס רינגלען אַרום דעם הויף, רעדן צו אייך. עס רעדן די געביידעס, די שטיינער אויף דר'ערד.

דער הויף איז אַ גרויסער (פריערדיקע צוויי הויפן זיינען פאַראייניקט געוואָרן אין איין הויף). דאָ איז געווען דער ערשטער יודען־ראַט. דאָ איז געווען די באָד פון דער געטאָ. דאָ איז געווען די טורמע. די אידישע פּאָליציי פלעגט דאָ האַלטן אַרעסטירטע אידן...

די ווענט פון הויף רעדן. איר זעט ספּאָרט־בילדער מיט אַלערליי אויפשריפטן: „זיי מונטער און שטאַרק"... „אין אַ געזונטן קערפּער אַ געזונטער גייסט"... נאָך אַזעלכע אויפשריפטן, אונטער די פיגורן פון יונגעלייט אין ספּאָרט־איבונגען, זעט איר.

האָט מיר באַלד אָנגעהויבן באַאומרואיקן אַ פראַגע: ווי אַזוי האָבן עס די דייטשן געלאָזט? אוודאי איז וויכטיק געווען, אַז אידן זאָלן בלייבן שטאַרק און מונטער, כדי צו קאָנען שלאָגן און איבערלעבן די דייטשן. אָבער די אַלע גוט־געמאָלטע פיגורן און פיינע אויפשריפטן זיינען דאָך געמאַכט געוואָרן לעגאַל, אָפן, מיט דער צושטימונג פון די דייטשן, פון דער געשטאַפּאָ. פאַרוואָס זיינען די דייטשן געווען פאַר־אינטערעסירט אין דעם, אַז אידן זאָלן זיין „מונטער און שטאַרק"?

די דאָזיקע זייער ערנסטע פראַגע איז מיר שפּעטער פאַרענטפערט געוואָרן. אידן דאַרפן וויסן דעם ענטפער. וועלן זיי אויך וויסן, אַז ניט אַלץ איז געווען גלאַט מיט דער אידישער קולטור־אַרבעט אין דער געטאָ.

נאָר צו דעם וועלן מיר נאָך קומען. לאָמיר אַ קוק טאָן אויפֿן מוזעי.

אין דער גרויסער געביידע וואָס גייט אַרויס צום פּראָנט (וואו עס איז אַמאָל געווען די ביבליאָטעק פֿון „מפיצי השכלה") האָט מען נאָך געקלאַפּט און געקאַלכט. מיר האָבן זיך געלאָזט צו עטלעכע נידעריקער־געמויערטע הייזער טיף אין הויף, אין אַ ווינקל, רעכטס.

מיר גייען דורך אַן אייזערנעם צוים, לאָזן זיך אַראָפּ עטלעכע טרעפּ־לעך. קומען אַריין אין אַ געמויערטן טויער און פּאַרנעמען זיך צו אַ טיר, דורך וועלכער עס דערטראָגט זיך לעבן. באַלד זיינען מיר אין אַ דירהלע פֿון עטלעכע קליינע צימערלעך.

דאָ איז דער שטאַב פֿון אידישן מוזעי. מיר טרעפֿן דאָ דעם פּאַר־וואַלטער, גוטקעוויטש, און אַ גאַנצע ריי טוער, צווישן זיי מאיר פּופּס, וועלכער איז אין אָנהויב 1920, ווען איך האָב רעדאַקטירט דעם „ווילנער טאָג", געווען מיינער אַ מיטאַרבעטער. שפּעטער זיינען אונטערגעקומען די קולטור־טוער און שרייבער — ביילים, אַשעראָוויטש.

מיר קוקן זיך אַרום. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין עטלעכע פֿון די צימערלעך און אין אַ געמויערטן שפּייכלער דערביי איז געווען די טורמע פֿון דער אידישער פּאָליציי. מיר גייען אַריין אין די געוועזענע טורמע־קאַמערן און באַטראַכטן די ווענט. זיי רעדן... זיי זיינען פֿול מיט אידישע אויפֿשריפֿטן. מען טרעפֿט דעם אויפֿשריפֿט:

„ליזע רופֿט".

ליזע איז געווען אַ פּאַרטיזאַנקע, וואָס איז אומגעקומען. דער סיגנאַל צו מאָביליזירן זיך צום קאַמף קעגן די דייטשן איז נאָכדעם אין דער ווילנער געטאָ, און אויסערן געטאָ, געווען: „ליזע רופֿט"...

איין אויפֿשריפֿט ציט צו באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט. ער לייענט זיך:

| | |
|---|---|
| מאָרגן פֿירט מען | חיהלע סווירסקי |
| אונדז אויף פּאָנאַר | רחלע סווירסקי |

אין ווילנע איז געווען אַ קצב, עליע סווירסקי, אַ פּאַרטיזאַן, וועלכער האָט געהאָלפֿן קריגן געווער. מען האָט אים געכאַפּט און די אידישע פּאָליציי האָט דעמאָלט אַרעסטירט זיינע צוויי מיידעלעך, חיהלע און רחלע, ניין און זיבן יאָר אַלט. ווען די מיידעלעך האָבן זיך דערוואוסט, אַז מען קלייבט זיך אָוועקצופֿירן זיי פֿון דער אידישער טורמע, האָבן זיי געמיינט, אַז מען וועט זיי פֿירן צו דעם שחיטה־פּלאַץ ביי ווילנע, פּאָנאַר, וואו פֿיל טויזנטער אידן זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן. מען האָט זיי אָבער געפֿירט

אין טורמע, צום טאטן, כדי צו פּרובירן אַרויסקריגן פון אים עפּעס וועגן די פּאַרטיזאַנען... קיין דערפאָלג האָט די געשטאַפּאָ ניט געהאַט און זי האָט אַלע דריי דערשאָסן.

שטייט איר און קוקט אויף דעם קינדערשן אויפשריפט... עס רעדן צו אייך חיהלע און רחלע סווירסקי.

די ווענט רעדן. איר זעט אַ גאַנצן צעטל נעמען — אַרויסגעפּירטע אויף פּאָנאַר. איינער פון די טוער פון אידישן מוזעי ווייזט מיר אָן אויף אַ נאָמען: דער איז געווען מיין ברודער...

איר זעט אין די אידישע אויפשריפטן האָס צו דער אידישער פּאָליציי. איין אויפשריפט זאָגט:

„צ. מוז שטאַרבן ניט מיט זיין אייגענעם טויט."

צ. איז געווען אַ באַזונדערס אכזריותדיקער אידישער פּאָליציאַנט (איך וויל דאָ ניט אָנרופן דעם פאַמיליע־נאָמען פון דעם פּאָליציאַנט, ווייל עס קאָנען זיך געפינען אין אַמעריקע ווילנער מיט אַזאַ פאַמיליע־נאָמען און עס קאָן אויף זייערן אַן אייגענעם געוואָרפן ווערן אַן אומזיסטער חשד; דעם ערשטן נאָמען פון דעם פּאָליציאַנט האָב איך ניט).

מיר גייען אַריין אין דער געביידע, וואו עס איז געווען די באָד פון דער געטאָ. דער הויפּט פון דער „פ. פּ. אָ." (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע), דער קאָמוניסט איציק וויטענבערג, האָט אָנגעהאַלטן דעם אמט: פּאַרוואַלטער פון דער באָד... דאָס איז דער איציק וויטענבערג, וועמענס קאָפּ די דייטשן האָבן געפּאָדערט. זיי האָבן געסטראַשעט אויס־צוקוילענען די צוואַנציק טויזנט אידן פון דער געטאָ, אויב מען וועט ניט צושטעלן וויטענבערגן. איציק וויטענבערג איז דעמאָלט אַוועק צום טויער פון דער געטאָ, ביי זאַוואַלנע און רודניצקי גאַסן, און זיך איבערגעגעבן דער געשטאַפּאָ, כדי אויסצומיידן אַ שחיטה אויף אידן. די דייטשן האָבן אים פאַרפּייניקט צום טויט.

זיינען מיר אין דער צימערל, וואו עס איז געזעסן דער „באָד־פאַרוואַלטער", איינער פון די שענסטע העלדן, וואָס די ווילנער אידן האָבן אַרויסגעגעבן, דער קאָמוניסט איציק וויטענבערג. אין דער געטאָ איז ער געוואָרן אַ לעגענדאַרישע פיגור נאָך ביים לעבן. נאָך זיין מאַרטירער־טויט האָט מען וועגן אים געזונגען לידער, ווי אַמאָל וועגן הירש לעקערטן...

אָבער פאַרוואָס האָט זיך וויטענבערג געמוזט איבערגעבן דער גע־שטאַפּאָ? פאַרוואָס האָבן די אידן, וועלכע זיינען שפּעטער סיי־ווי אומ־געקומען, ניט אויפגעהויבן קיין קאַמף? ווי אַזוי האָבן זיי געגלאָזט, אַז וויטענבערג זאָל זיך איבערגעבן?

ווען מיר זיינען געווען אין וויטענבערגס צימערל, איז מיט אונדז געווען דער פּאַרטיזאַנען־העלד בערל שערעשניעווסקי. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע אין דער געטאָ (ער איז איינער פון אַ סך פּאַרטיזאַנען־העלדן, וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן אין די וועלדער, האָבן געקעמפט און זיינען געבליבן לעבן; איצט זיינען זיי צווישן די בויער פון דער סאָוועטישער ווילנע). שערעשניעווסקי האָט איבערגעגעבן איינצלהייטן וועגן דער אַרבעט פון די פּאַרטיזאַנען. ער האָט אַ רוק געטאָן די פּאָדלאָגע פון וויטענבערגס צימערל און באַוויזן אַ גע־היימען קעלער, וואו מען האָט געהאַלטן געווער. און ער האָט מיר דער־ציילט וועגן אַ הייסער דיסקוסיע אין דעם פּאַרטיזאַנען־שטאַב צווישן איציק וויטענבערג און דער ליכטיקער העלדין, די לעגענדאַרישע קעמפערין פון דער ווילנער געטאָ, די יונגע קאָמוניסטקע סאָניע מאַדייסקער און אַנ־דערע, צי וויטענבערג זאָל זיך איבערגעבן, צי מען זאָל אויפהייבן אַ קאַמף. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אַ קאַמף איז אוממעגלעך, ווייל די דייטשן האָבן געהאַט פאַרפּלאַנצט אילוזיעס צווישן די אידן, אַז מען קאָן זיך אויסלעבן מיט ספּאָרט, מיט קולטור־אינסטיטוציעס. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געשריען, אַז די פּאַרטיזאַנען ווילן אַלע אומברענגען... ניט קיין קאַמף קעגן די דייטשן וואָלט זיך באַקומען, נאָר פּשוט אַ שחיטה, און עס איז פאַר די פּאַרטיזאַנען קיין אַנדער וועג ניט געווען, ווי איינצושטימען, אַז זייער פירער זאָל זיך איבערגעבן...

און דאָ האָט מען מיר געזאָגט: אידן אין אויסלאַנד ווייסן ניט אַלץ וועגן דער קולטור־אַרבעט אין דער ווילנער געטאָ...

עפּעס איז מיר, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, געוואָרן קשה באַלד ווי איך האָב געזען די ספּאָרט־בילדער. אין מוזעי האָט מען מיר געוויזן פאָטאָ־גראַפיעס פון דעם פאָרזיצער פון יודען־ראַט, גענז, מיט מיטגלידער פון זיין „סוויטע", ווי זיי זיינען געזעסן אין דער ערשטער, פאָראַדנער, ריי, און זיך צוגעקוקט צו אַ ספּאָרט־פאַרמעסטונג צווישן דער ספּאָרט־גרופּע „געטאָ" און דער ספּאָרט־גרופּע „קיילים" (אַ פאַבריק, וואו אידן האָבן געשקלאַפט, מיט אַן „אייגענעם" קאָנצענטראַציע־לאַגער). די ספּאָרט־פאַר־מעסטונג איז פריער אַנאָנסירט געוואָרן מיט פּלאַקאַטן, אָפּגעשטעמפּלט פון יודען־ראַט. פאַרשטייט זיך — מיט דער הסכמה פון דער געשטאַפּאָ.

מען האָט מיר געוויזן נאָך פּלאַקאַטן — וועגן לעקציעס, פאָרשטעלונ־גען, קאָנצערטן, קורסן פון פאָלקס־אוניווערסיטעט אין געטאָ. אַלע פּלאַ־קאַטן — מיטן שטעמפּל פון יודען־ראַט. ס'הייסט, פאַקטיש, מיטן הכשר פון דער געשטאַפּאָ. מען האָט מיר דערציילט וועגן פּריווילעגיעס וואָס די

זינגער פון די אידישע כאָרן פלעגן קריגן ביי די דייטשן — דורכן יודען־ראַט: באַפּרייט ווערן פון אַרבעט, כדי צו גיין אויף פּראָבעס; אַ גרעסערע פּאָרציע ברויט נאָך אַ קאָנצערט...

פאַרוואָס האָבן עס די דייטשן געטאָן? פאַרוואָס זיינען זיי געווען פאַראינטערעסירט אין אידישער קולטור־אַרבעט, אין אידישן ספּאָרט?

ווען איר פאָרט איבער אייראָפּע און איר זעט וואָס פאַר אַ מעטאָדן די דייטשן האָבן אָנגעווענדעט, כדי זיי זאָלן קאָנען אויסקוילענען די אידן — ווי ווייט גאָר מעגלעך — שטיל, רואיק, און אָן איבעריקן טומל, אין „מוסטערהאַפטער אָרדענונג"; ווען איר זעט, וואָס פאַר אַ „אידישע מלוכה" זיי האָבן געשאַפן אין לאָדז, מיטן „עלטסטן דער יודען", מרדכי חיים רומקאָווסקי, בראש, מיט אידיש געלט (איך האָב דאָס דאָזיקע אידישע געלט, מיטן מגן־דוד, מיט אַ מנורה; איך האָב אויך דאָס אידישע געלט פון טערעזיענשטאַט, מיט משה רבינו און די לוחות), — ווען איר זעט די אַלע דייטשע קונצן, באַגרייפט איר, וואָס זיי זיינען אויסן געווען אין ווילנע מיט אידישער קולטור, מיט ספּאָרט. אוי, האָבן די דייטשן קונציק געאַרבעט!

אין די מערסטע געטאָס האָבן די דייטשן ניט געלאָזט טאָן אידישע קולטור־אַרבעט. אין קאָוונע איז די אידישע קינדער־שול געווען אומלעגאַל. מען האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן צו לערנען אידישע קינדער, צו פאַרזאַמלען זיך אויף אַ קולטור־אָוונט. אַזוי אין אַנדערע שטעט. אין ווילנע איז געווען גאָר אַנדערש. אין ווילנע, האָבן די דייטשן געוואוסט, איז אידישע קולטור אַ גוט אַרטיקל, כדי דערמיט צו שאַפן אַן אילוזיע פון אַ מין „אייגענער מלוכה", ווי אין לאָדז, למשל. געגנז איז געווען אַ מין רומקאָווסקי, באַטש אָן אידיש געלט. פאַרשיידענע אידישע קולטור־טוער, וועלכע האָבן פאַרשטייט זיך, געהאַסט די דייטשן, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער קולטור־אַרבעט, „אויסגענוצט די מעגלעכקייטן", הייסט עס. אָבער די דייטשן האָבן אין אַ געוויסער מאָס זיך דערשלאָגן זייער ציל. זיי האָבן אָפּגענאַרט פיל אידן פון קאַמף. אידן, וואָס האָבן די דייטשע מערדער געהאַסט, האָבן אָנגעהויבן ציטערן איבער דער עקזיסטענץ פון די שיינע קולטור־אינסטיטוציעס און אין געוויסע מאָמענטן האָבן זיי באַטראַכט די פּאַרטיזאַנען־אַרבעט ווי אַ געפאַר פאַר די אינסטיטוציעס. און כאָטש אין דער פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע זיינען געווען פאַרטראָטן אַלע ריכטונגען — קאָמוניסטן, השומר הצעיר, אַלגעמיינע ציוניסטן, רעליגיעזע אידן און בונדיסטן — איז אָבער אין דער צייט פון דעם אולטימאַטום, מען זאָל אַרויסגעבן וויטענבערגן, געווען צופיל אילוזיעס צווישן

אידן. פיל האָבן געגלויבט, אַז מען וועט ווי עס איז איבערלעבן די דייטשן און אַז דערווייליע דאַרף מען אויסנוצן די געלעגנהייט און טאָן קולטור־אַרבעט.

קולטור־אַרבעט אין די געטאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען וויכטיק, גאָר וויכטיק! מערסטנס איז זי געטאָן געוואָרן מיט מסירת־נפש, מיט לעבנס־געפאַר און מיט קרבנות. אָבער מיר דאַרפן זיין באַקאַנט מיטן גאַנצן בילד.

•

אין דעם אידישן מוזעי אין ווילנע האָב איך געקראָגן אַ שטיקל באַגריף, ווי אידן האָבן „געלעבט" אין דער געטאָ.

אין דעם הויף אויף סטראַשון־גאַס נומער 6, וואו דער מוזעי געפינט זיך, ווערט אויפגעשטעלט אַ צימערל, אין וועלכן עס וועלן זיך געפינען צען־צוועלף בעטלעך, איינס איבערן אַנדערן. אַזוי האָט מען „געלעבט" אין דער געטאָ? ניין, מענטשן זיינען אויך געשלאָפן אויף דר'ערד, אין די ווינקלען. דער מוזעי גרייט אַן אויסשטעלונג, וואָס וועט פאָרשטעלן די געטאָ, אין בילד און דורך ציפערן. לאָמיר אַ קוק טאָן אויף איין ציפער.

ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט ווילנע, האָט די שטאָט געהאַט 250 טויזנט איינוואוינער, צווישן זיי 75 טויזנט אידן. מיט דריי חדשים שפּע־ער, אין סעפּטעמבער 1941, ווען די געטאָ איז געשאַפן געוואָרן, האָט די צאָל אידן אין ווילנע שוין באַטראָפן 45 טויזנט. דרייסיק טויזנט האָבן די דייטשן שוין געהאַט אויסגעקוילעט, אַוועקגעפירט אויף פּאָנאַר (אַ דאַטשע־אָרט הינטער ווילנע, אויפן וועג קיין גראָדנע, ניט ווייט פונעם טייך ווילִיע. דאָרט האָבן זיך געפונען גרויסע גריבער, אין וועלכע די דייטשן האָבן אַריינגעוואָרפן צענדליקער טויזנטער אידן און געפאַנגענע רויטאַרמער, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיי דאָרט דערשאָסן!

אין סעפּטעמבער 1941 האָבן די דייטשן איינגעטלעך געשאַפן צוויי געטאָס: איינע, אַ גרעסערע, אין די געסלעך צווישן דייטשע גאַס און זאַוואַלנע, איינגעשלאָסן אויך רודניצקער גאַס, די „הויפּט־גאַס" פון דער „גרויסער" געטאָ. די אַנדערע געטאָ, אַ קליינע, אויף דער אַנדערער זייט דייטשע גאַס — אויף אידישע גאַס און אַ פּאָר אַנדערע געסלעך אַרום שול־הויף. האָט זיך באַקומען אַזוי: בשעת די גאַנצע שטאָט ווילנע האָט גע־האַט אַ שטח פון צען טויזנט מיט 400 העקטאַר לאַנד, האָט די „גרעסערע" געטאָ, די ערשטע, געהאַט אַ שטח פון ניין (9) העקטאַר און די קלענערע,

די צווייטע, אַ שטח פֿון קאַרגע פֿיר (4) העקטאַר (אַ העקטאַר איז קאַרגע דריטהאַלבן אַקער).

די צווייטע געטאָ איז אין נאָוועמבער 1941 ליקווידירט געוואָרן. דעם ערשטן יאַנואַר 1942 זיינען שוין אין דער ווילנער געטאָ, אין דער „גע־סערער", געווען ניט מער ווי 20 טויזנט אידן. די פֿאָלגנדיקע ציפֿערן וועלן געבן אַ שטיקל באַגריף, ווי אַזוי 20 טויזנט אידן זיינען אַריינגעשפּאַרט געוואָרן אין זיבן געסלעך.

בשעת אין דער גאַנצער שטאָט ווילנע, אויסער דער געטאָ, איז אויף יעדן העקטאַר לאַנד אויסגעקומען זיבעצן (17) מענטשן, דורכשניטלעך, איז אין דער געטאָ אויף יעדן העקטאַר לאַנד אויסגעקומען העכער צוויי טויזנט מענטשן. ווען ביידע געטאָס האָבן געהאַט 45 טויזנט מענטשן (איידער די קלענערע איז ליקווידירט געוואָרן), איז אויף יעדן העקטאַר געטאָ־לאַנד אויסגעקומען העכער דריי און אַ האַלב טויזנט מענטשן!

דער מוח קאָן גאָרניט באַנעמען ווי אַזוי מענטשן האָבן געקאָנט „וואוינען" אַזוי געדיכט, איינער אויפֿן אַנדערן. עס איז ניט געווען וואו צו וואוינען, וואו צו גיין און שטיין. אין גאַס איז מען געגאַנגען אין אַ געדיכטער מאַסע מענטשן. ווען די געטאָ איז געשאַפֿן געוואָרן, האָבן פֿיל אידן פּשוט ניט געקאָנט אַריינשפּאַרן זיך אין די וואוינונגען און זיינען געבליבן דרויסן. זיינען אָנגעקומען די דייטשן און זיי פֿאַרנומען — אויף פּאָנאַר... אַזוי האָבן די דייטשן געלייזט די וואוינונג־פֿראַגע...

און אָט אַזוי, מיט די ציפֿערן פֿאַר זיך, זיינען מיר געשטאַנען אין דעם צימערל אין ווילנער אידישן מוזעי און געקוקט אויף די בעטלעך, וואָס זיינען געווען אָנגעקלאַפּט איינס איבערן אַנדערן, וויפֿיל די ווענט האָבן געקאָנט פֿאַרטראָגן... אויך דאָ האָבן צו אונדז די ווענט גערעדט, פּונקט ווי די ווענט אויפֿן הויף, פּונקט ווי די ווענט אין טורמע פֿון דער אידישער פּאָליציי אויפֿן זעלביקן הויף...

דער אידישער מוזעי אין ווילנע איז אַ נאַציאָנאַל־אידישע אינ־סטיטוציע. אידן אומעטום דאַרפֿן וויסן וועגן איר. די ווילנער קולטור־טוער, וועלכע האָבן ניט פֿאַרלאָזן זייערע פּאָסטנס, וועלכע שטייען ביי דער אַרבעט, ניט געקוקט אויף גרויסע שוועריקייטן, אויפֿן דייטשן חורבן, אויף מאַנגל צוליב חורבן, טוען אַ גרויסע פֿאָלקס־אַרבעט.

עס ווערן צונויפֿגעזאַמלט ביכער און דאָקומענטן, קונסטווערק און זעלטענע מאַנוסקריפּטן. ווען איך בין געווען אין ווילנע, אין סוף דע־צעמבער 1946, האָט דער מוזעי שוין געהאַט 15 טויזנט ביכער אין אידיש, צוויי טויזנט ביכער יודאאיק אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן, דריי

טויזנט ספרים, צווישן זיי ספרים, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן מיט דריי־פיר הונדערט יאָר צוריק. צווישן די מאַנוסקריפּטן געפינען זיך בריוו פון שלום־עליכמען צו דינעזאָנען. צווישן די סקולפּטורן געפינען זיך ווערק פון דעם באַרימטן קינסטלער אַנטאָקאָלסקי, אַ ווילנער.

פיל ביכער, ספרים, מאַנוסקריפּטן, קונסט־ווערק ווערן אויפגעקליבן ממש אויפן מיסט. מענטשן גייען אַרום, פאָרן אין דערבייאיקע שטעטלעך, זוכן, נישטערן, ברענגען בערג מיט שמות, צעריסענע, פאַרבלאָטיקטע ביכער. דערפון וואַקסט אויס די ביבליאָטעק און די קונסט־אָפּטיילונג.

דער מוזעי האָט אַ גרויסע זאַמלונג פון דאָקומענטן פון דער געטאָ — שיינען, געלע לאַטעס, דעם אָרגאַן פון יודען־ראַט, „געטאָ־ידיעות", דעם אַרכיוו פון דער אידישער פּאָליציי. פון די צוואַנציק טויזנט אידן, וואָס זיינען געווען אין געטאָ, זיינען צען טויזנט, צו דער אָדער יענער צייט, געווען אַרעסטירט פון דער אידישער פּאָליציי...

מען דאַרף עס וויסן. און ס'איז אויך ווערט מ'זאָל וויסן עטוואָס וועגן דעם סוף פון דער אידישער פּאָליציי, צוזאַמען מיטן הויפּט פון יודען־ראַט, גענז. דעם 1טן סעפּטעמבער 1943 האָבן עסטאָניער, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן, געמאַכט אַ גרויסן איבערפאַל אויף דער געטאָ. איז גענז אַוועקגעלאָפן צו די דייטשן און געזאָגט, אַז די אידישע פּאָליציי וועט אַליין טאָן וואָס מען פאַרלאַנגט, מען דאַרף ניט קיין „פרעמדע". די דייטשן האָבן זיך ניט געלאָזט שטאַרק בעטן. די אידישע פּאָליציי האָט געמאַכט אַזאַ נעיעג אויף אייגענע ברידער און שוועסטער, אַז זיבן טויזנט אידן זיינען אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין וואַגאָנען און אָפּגעשיקט געוואָרן אין דעם שחיטה־לאַגער קלוגע, אין עסטאָניע. נאָכדעם איז די „געטאָ־ידיעות", וואָס גענז האָט אַרויסגעגעבן, אַרויס מיט אַ בשורה, אַז די געטאָ וועט „לעבן". יעדער איד איז געוואָרנט געוואָרן צו זיין לאָיאַל, אַרבעטן גוט. צוויי טעג נאָכדעם, דעם 14טן סעפּטעמבער 1943, האָט מען גענזן דערשאָסן צוזאַמען מיט פיל פון זיינע פּאָליציאַנטן.

●

עס איז שווער אָפּצורייסן זיך פון אידישן מוזעי, אָבער די צייט אונדזערע איז באַגרענעצט. עס ווילט זיך ווידער אָנקוקן די ווילנער גאַסן.

מיר גייען אַרויס פון מוזעי און לאָזן זיך איבער דער סטראַשון־גאַס. דאָס הויז נומער 12 אויף סטראַשון־גאַס איז אויפגעריסן. פון דעם הויז האָט מען געגעבן דעם ערשטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. דער קאָמאַנדיר פון דעם הויז, אָדער באַריקאַדע, איז געווען עליע שייַנבוים. ווען ער איז

געפאַלן, האָט די קעמפּערין רייזל קאָרטשאַק איבערגענומען די קאָמאַנדע. די דייטשן האָבן דעמאָלט אויפגעריסן דאָס גאַנצע הויז און די, וואָס האָבן זיך געפונען אינעווייניק, זיינען אומגעקומען.

שטייען מיר פאַרן חרובן הויז. די רעשטלעך פון די ווענט רעדן צו אונדז...

מיר לאָזן זיך גיין ווייטער, איבער „גיטקע טויבעס זאַוואולעק", און קומען אַרויף אויף דייטשע גאַס. מיר שניידן איבער די גאַס און זיינען ווידער אין דער אידישער גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען די קליינע געטאָ. ס'איז דאָ פּוסט אינמיטן טאָג, מען זעט קוים אַ מענטשן. מיר גייען נאָכאַמאָל אַריין אין שול־הויף און באַטראַכטן דעם חורבן. פון דעם בית־המדרש פון ווילנער גאון איז פאַרבליבן נאָר אַ טייל פון אַריינגאַנג מיטן אויפשריפט:

בהמ"ד
הגר"א ז"ל
נתיסד בחיו שנת תקח"י
ונבנה מחדש בשת תרכ"ח

(דער בית־המדרש פון גאון ר' אליהו, געגרינדעט געוואָרן בשעת זיין לעבן אין יאָר תקח"י, און איז איבערגעבויט געוואָרן פון דאָס ניי אין יאָר תרכ"ה.)

פון דאַנען פאַרקעווערען מיר אין דער טיפּישער ווילנער גלעזער־גאַס, מיטן טויער אינמיטן גאַס, וואָס פאַראייניקט די אויבערשטע שטאָקן פון די הייזער פון ביידע זייטן. מיר כאַפּן אַ קוק אויף יאַטקעווער געסל און זיינען אין דער גאון־גאַס. אַזוי הייסט זי: „אוליצאַ גאָאָנאַ". און פון דאַנען גייען מיר אַוועק אַהין, וואו עס איז אַמאָל געווען „נאַפּאָלעאָן־פּלאַץ". איצט טראָגט דער פּלאַץ קוטוזאָווס נאָמען און דאָס הויז וואו עס איז אין 1812 איינגעשטאַנען נאַפּאָלעאָן און דערנאָך קוטוזאָוו, הייסט: „קוטוזאָוו־הויז", אָנשטאָט „נאַפּאָלעאָן־הויז".

פון קוטוזאָוו־פּלאַץ זיינען מיר אַרויס אויף שלאָס־גאַס, פאַרביי־געגאַנגען אַלטע היסטאָרישע געביידעס, די אוניווערסיטעט־געביידעס און אַנדערע, אַנטיקן פון אַמאָליקער אַרכיטעקטור. פון דאַנען זיינען מיר אַרויף אויף דער ברייטער גאַס, אַריינגעכאַפּט זיך אין עטלעכע געסלעך אויף לינקס, און ווידער אַריין, אויף רעכטס, אין דער חרובער דייטשער גאַס.

עס ווילט זיך כסדר גיין איבער די גאַסן און געסלעך. ס'איז ווילנע!

ס'איז אַ היסטאָרישע שטאָט, אַן אַלטע שטאָט, אַן אַלט־אידישע שטאָט. אַפילו די דייטשן, מיט אַלע זייערע שחיטות און חורבנות, האָבן ניט געקאָנט אַפּווישן דעם אַלט־אידישן שטעמפּל פון די גאַסן און געסלעך, וואו ווילנער אידן האָבן אַמאָל געוואוינט.

די ווילנער גאַסן און געסלעך זיינען ניט אָפּגעליידיקט פון אידן, ווי עס האָט פּאַסירט מיט די מייסטע שטעט אין פּוילן. ווילנע איז געווען אַ סאָוועטישע שטאָט איידער היטלער איז זי באַפאַלן, און כאָטש זי איז איינגענומען געוואָרן אויפן פערטן טאָג און פיל אידן, וואָס זיינען געלאָפן קיין אַשמענע און מינסק, זיינען אריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע, האָט זיך אָבער פּאָרט איינגעגעבן דער סאָוועטן־מאַכט אָפּצוראַטעווען פיל אידן.

ווילנע פאַרמאָגט אַן ערך צוואַנציק טויזנט אידן (קאָוונע האָט אַ צען טויזנט אידן, שאַווליע אַן ערך אַכט טויזנט; אין די קליינע שטעטלעך אין ליטע זיינען דאָ זייער ווייניק אידן). דאָס איז ווייניק אין פאַרגלייך מיט דער באַפעלקערונג אין קיעוו, אָדעס, וואו די סאָוועטן־מאַכט האָט געהאַט מער צייט ארויסצוראַטעווען אידן. אָבער ס'איז דאָ אידיש לעבן אין ווילנע.

מען שפּילט אידיש טעאַטער, מען אָרדנט איין ליטעראַרישע אָוונטן, און אַלע מאָל איז דער זאַל, אָדער טעאַטער, געפּאַקט. די רעליגיעזע אידן האָבן זייער צענטער אין דער געוועזענער קאָר־שול אויף זאַוואַלנע גאַס. אַ זייער וויכטיקער צענטער פון אידישער קולטור, חוץ דעם מוזעי, איז די אידישע קינדער־שול, וועלכע געפינט זיך אין דער געגנט פון געדימין, ביים ברעג פון דער וויליע.

די קינדער־שול איז געשאַפן געוואָרן באַלד ווי ווילנע איז באַפרייט געוואָרן. רויטאַרמייער האָבן געהאָלפן אַפּרייניקן אַ גרויסן מויער, גע־בראַכט בעטלעך, בעטגעוואַנט און געשאַפן אַ היים פאַר אידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אין די וועלדער, ביי די פּאַרטיזאַנען, אָדער האָבן זיך אומגעקערט פון די לאַגערן. אַ צאָל קינדער זיינען געווען באַהאַלטן ביי קריסטן. שפּעטער זיינען אונטערגעקומען קינדער, וואָס האָבן זיך מיט זייערע עלטערן אומגעקערט פון עוואַקואַציע.

אויף מיין באַזוך אין שול האָט מען מיך באַקענט מיט אַ אינגל, וואָס האָט „געלעבט" דריטהאַלבן יאָר אין אַן אויוון און מיט אַ מיידעלע, וואָס איז געווען אין אַ מאָנאַסטיר.

די קינדער־היים האָט בשעת מיין באַזוך פאַרמאָגט 150 קינדער. אַ קינדער־גאָרטן האָט פאַרמאָגט 50 קינדער. די שול — 170 קינדער. די

אַלע אינסטיטוציעס זיינען מלוכהשע, מיט אַ מלוכה־בודזשעט פון העכער אַ מיליאָן רובל אין 1946.

רירנדיק איז געווען די פאַרזאַמלונג פון די קינדער מיט די לערער אין דעם פאַרשטעלונג־זאַל, לכבוד דעם גאַסט פון אַמעריקע און דעם דיכטער אהרן קושניראָוו.

אין זעלביקן אָוונט האָבן ווילנער אידישע קולטור־טוער, אַרבעטער, אָנגעשטעלטע ביי דער מלוכה, זיך פאַרזאַמלט אין זאַל פון ליטווישן שרייבער־פאַרבאַנד, אויך אין דער געגנט פון דער שול, צו באַגעגענען די געסט. דעם אָוונט האָט געעפנט דער סעקרעטאַר פון ליטווישן שרייבער־פאַרבאַנד, שאַרמאַיטיס. דער עולם איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם גרוס פון אַמעריקע, האָט געשטעלט פראַגן. מיט גרויס ענטוזיאַזם האָט מען אויפגענומען די לידער, וואָס קושניראָוו האָט פאַרגעלייענט.

אויף מאָרגן זיינען מיר געגאַנגען אין פּאַלאַץ, וואו עס איז אַמאָל געזעסן דער אַרכיביסקופּ און וואו עס זיצט איצט אַ ליטווישער שרייבער — פּרעזידענט פון דער ליטווישער סאָוועטישער רעפּובליק, פּאַלעצקיס.

●

פון דעם ליטווישן שרייבער־פאַרבאַנד האָט מען טעלעפאָנירט צום פּרעזידענט פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק, יוסטאַס פּאַלעצקיס, אַז אַ אידישער רעדאַקטאָר פון אַמעריקע וויל אים זען. דער פּרעזידענט האָט באַלד איינגעשטימט. סיי צוליב דעם וואָס ער איז אַליין אַ שרייבער, אַ זשורנאַליסט, און ער האָט אַ ספּעציעלן אינטערעס פאַר מענטשן פון דער שרייבער־פּראָפעסיע, הייסט עס, און סיי — אָדער דער עיקר — צוליב דעם, וואָס ער האָט געוואָלט דורכרעדן זיך וועגן געוויסע ענינים און איבערגעבן אַ גרוס די אַמאָליקע ווילנער, וואָס געפינען זיך אין אַמעריקע, אידן און ניט־אידן.

צוזאַמען מיט מיר זיינען געגאַנגען צום פּרעזידענט פּאַלעצקיס דער דיכטער און גוואַרדיע־קאַפּיטאַן אהרן קושניראָוו און דער ווילנער אידישער שרייבער ה. אָשעראָוויטש. פאַר דעם, איידער מיר זיינען געגאַנגען צום פּרעזידענט, האָבן מיר אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיט אידישע שרייבער און מיט טוער פון אידישן מוזעי. צווישן זיי זיינען געווען, חוץ אָשעראָוויטשן, די שרייבער און קולטור־טוער ביילים, לאַצמאַן, גוטקעוויטש, קאַטליאַר, פּופּס. מיר האָבן אויך אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיטן פּרעזידיום פון ליטווישן שרייבער־פאַרבאַנד — מיטן פאַרזיצער צווירקאַ,

מיטן סעקרעטאר שאַרמאַיטיס, און די פּרעזידיום־מיטגלידער, די באַ־וואוסטע ליטווישע שרייבער ווענצלאָווא, באַלטושיס, שימקוס. מיר האָבן גערעדט וועגן אַמעריקע, וועגן ליטע, וועגן דער אידישער קולטור־אַרבעט אין ליטע. עס זיינען באַטראַכט געוואָרן די פּלענער פון אידישן מוזעי. עס איז גערעדט געוואָרן וועגן דער אידישער קינדער־שול און וועגן דעם כאַראַקטער פון דעם ערשטן אידישן אַלמאַנאַך אין ווילנע, זינט דער מלחמה.

וועגן די ענינים האָבן מיר אויך גערעדט מיט פּרעזידענט פּאַלעצקיס.

מיר זיינען געגאַנגען צו אים מיט געדימין־גאַס און ביים ראָג ווילנער גאַס האָבן מיר זיך ווידער אָפּגעשטעלט אין גערטנדל, לינקס, וואו עס געפינט זיך דער קבר און דער דענקמאָל פון גענעראַל טשערניאַכאָווסקי. איך האָב געוואָלט זען דעם אויסדרוק פון די מענטשן, וואָס גייען דאָ פאַרביי און וואָס שטעלן זיך אָפּ ביים דענקמאָל. בשעת איך בין געווען אין ווילנע איז מיר עטלעכע מאָל אויסגעקומען אָפּצושטעלן זיך דאָ און צוזען מיט וואָס פאר א יראת־הכבוד די פאַרבייגייער פלעגן זיך דאָ פאַר־האַלטן.

פון דאַנען זיינען מיר געגאַנגען ביז קאַפּעדראַל־פּלאַץ. דאָ איז גאָר אַן אַנדער „הייליק" אָרט. דאָ געפינט זיך די באַרימטע ווילנער קאַטוילישע קאַטעדראַלע. דאָ, דערביי, געפינט זיך דער ווילנער קרייץ־באַרג, וואָס קוקט אַראָפּ אויפן קאַפּעדראַל־פּלאַץ. דאָ געפינט זיך אויך דער ווילנער שלאָס־באַרג, פון וואַנען מען קאָן זען די שיינע לאַנדשאַפט אַרום און אַרום ווילנע, איינגעשלאָסן דעם שחיטה־פּלאַץ פּאָנאַר...

איך האָב א ווײַלע באַטראַכט די קאַטעדראַלע, וועלכע פאַרמאָגט פון דרויסן א קאָפּיע פון מיקעל אַנדזשעלאָס סטאַטוע „משה רבינו"; פאַר־קוקט זיך אביסל אויפן שלאָס־באַרג און קרייץ־באַרג, דערמאָנט זיך אָן מיינע אַמאָליקע שפּאַצירן אויף די בערג, און פאַרנומען זיך צום פּאַלאַץ אויף דעם סקווער.

אונטערן צאַריזם איז אין דעם פּאַלאַץ געווען די רעזידענץ פון דעם ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר. בשעת דער פּילסודסקי־הערשאַפט איז דאָ געווען די רעזידענץ פון דעם אַרכיבישקופ. איןביידע פאַלן איז דער אָרט געווען ניט־צוטריטלעך צו אידן.

ביים קאָנטראָל־פּענצטערל, אין קאָרידאָר, האָט מען געוואוסט וועגן אונדזער באַזוך און באַלד זיינען מיר געזעסן אין א ווינקל פון דעם זייער גרויסן זאַל פאַרן קאַבינעט פון פּרעזידענט פּאַלעצקיס. געווען איז עס אַמאָל א באַל־סאַלאָן, מיט ראַזעווע זיידענע טאַפּעטן אויף די ווענט, מיט

גאָלד־באַפּוצונגען. וואָס פאַר אַ שררות און כראַביעס עס פּלעגן זיך דאָ פאַרזאַמלען אַמאָליקע יאָרן!...

בשעת מיר האָבן געוואַרט אויף אונדזער ריי אויפגענומען צו ווערן פון פּרעזידענט פּאַלעצקיס, האָבן מיר זיך דערוויל באַקענט מיטן וויצע־פּרעזידענט פון ליטע, צידזשולים, פּאַלעצקיס שטעל־פאַרטרעטער, וועלכער איז פאַרבייגעגאַנגען. מיר האָבן זיך באַקענט מיט מענטשן, וואָס האָבן וויכטיקע אַמטן אין דער רעגירונג, איינגעשלאָסן אַ ריי אידן. ביז — עס האָט זיך געעפנט די טיר פון קאַבינעט און פּרעזידענט פּאַלעצקיס איז אַרויס צו אונדז.

איידער מיר האָבן באַוויזן דורכצושפּרייזן דעם זאַל, איז ער דורכ־געגאַנגען אַ שטיקל וועג אונדז אַנטקעגן. ער האָט אונדז באַגעגנט וואַרעם, מיט אַ שמייכל, און אַריינגעפירט אונדז — ס'הייסט דעם דיכטער אהרן קושניראָוו, דעם שרייבער ה. אָשעראָוויטש און מיר — אין זיין אָפיציעלן קאַבינעט און פון דאָרט אין נאָך אַ צימער, זייער אַ פּשוטן, זיין פּערזענ־לעכן אַרבעטס־צימער. דערפון האָט מען געקאָנט זען, אַז ניט נאָר האָט פּאַלעצקיס ניט געוואָלט געשטערט ווערן, ווען ער רעדט מיט אונדז, נאָר ער האָט געזוכט צו האָבן מיט אונדז אַן אינטימען, פריינטלעכן שמועס.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ קרייז פון עטלעכע ווייכע שטולן און איך האָב זיך צוגעקוקט צום פּרעזידענט פון דער סאָוועטישער ליטע.

אַ טיפּישער אינטעליגענט מיט אַ גוטמוטיקן פּנים און ווייכע אויגן. עס איז שווער געווען צו בעטן ביי אים „סטעיטמענטס". איך האָב געהאַט פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס האָט פיינט צו זיין אָנגעקראָכמאַליעט. מיט אַזאַ מענטשן רעדט מען ניט אָפיציעל, מען שמועסט זיך דורך.

און מיר האָבן געשמועסט העכער אַ שעה צייט, וועגן פאַרשיידענע ענינים. איך וויל דאָ אַרויסכאַפּן, קודם כל, איין ענין — וועגן דער ראָל פון די ליטווינער בנוגע די אידן.

פּאַלעצקיס האָט גערעדט מיט הארץ, מיט פאַרדרוס, וועגן די פאַר־לוימדונגען וואָס ווערן געמאַכט אויף די ליטווינער. דאָס הייסט ניט, האָט ער געזאָגט, אַז עס זיינען ניט געווען קיין פאַררעטער, וועלכע האָבן גע־האָלפן די דייטשן אין דער אַרבעט אויסצוראָטן אידן. עס זיינען צום באַ־דויערן געווען אַ סך אַזעלכע פאַררעטער! אָבער דאָס זיינען געווען די פאַשיסטן, די אָנהענגער פון סמעטאָנאַן, אַלערליי אויסוואורפן. די דאָזיקע עלעמענטן דאַרף מען אויפדעקן און געבן זייער פּסק. דאָס טוט מען. אָבער פיל פון יענע מענטשן, אין אויסלאַנד, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פאַרלוימדן די ליטווינער בכלל, האָבן גראַד באַציאונגען מיט די סמעטאָ־

נאַ־לייט און שטיצן ניט די סאָוועטישע פאָדערונגען, אַז די ליטווישע פאַשיסטן־באַנדיטן, וואָס געפינען זיך אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד, זאָלן באַהאַנדלט ווערן ווי אַזעלכע — ווי פאַשיסטן־באַנדיטן, און ניט ווי „אָרעמע פליכטלינגען"...

צווישן די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער אַרבעט פון פאַרלוימדן די סאָוועטישע ליטע, זיינען געווען, לויט דער מיינונג פון פּרעזידענט פאַלעצקיס, די „לאָנדאָנער" פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געוואָלט, אַז די ליטווישע הויפּט־שטאָט, ווילנע, זאָל צוריק ווערן אַ טייל פון פּוילן.

פאַלעצקיס האָט דערציילט, ווי אַזוי ער איז, אונטער די פּאָליאַקן, געזעסן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן צוזאַמען מיט אידן. ער האָט דערציילט ווי אַזוי די ליטווישע מאַסן האָבן זיך מיט שרעק צוגעקוקט צו די שחיטות פון די דייטשן אויף אידן — און צוגעקוקט זיך מיט שרעק צום אַנטייל פון ליטווינער אין די שחיטות.

— איר דאַרפט ניט פאַרגעסן — האָט פאַלעצקיס געזאָגט — אַז דאָס איז געווען אַן אויסגערעכנטע פּאָליטיק פון די דייטשן אומעטום, צו צע־טיילן די באַפעלקערונג, אַריינטראָגן אַ צעטיילונג אפילו צווישן אידן גופא. אָט אַזוי האָבן זיי זיך באַנוצט מיט דער אידישער פּאָליציי, אָט אַזוי האָבן זיי זיך באַנוצט מיט אויסוואָורפן צווישן די ליטווינער, כדי צו באַשמוצן דעם נאָמען פון ליטווישן פאָלק.

אין דער אמתן, האָט פאַלעצקיס אונטערגעשטראָכן, עקזיסטירט אַ פריינטשאַפט צווישן ליטווינער און אידן, וועלכע איז צעמענטירט געוואָרן אין קאַמף קעגן די דייטשן און ווערט איצט צעמענטירט אין דער בויאונג.

פאַלעצקיס האָט גערעדט וועגן אידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די קאַמפן, אַלס פאַרטיזאַנען און אַלס מיטגלידער פון די ליטווישע באַטאַ־ליאָנען. ער האָט געבראַכט ביישפילן פון ליטווינער, פון ליטווישע גלחים, וואָס האָבן געראַטעוועט אידן, אידישע קינדער. ער האָט גערעדט וועגן די בויער פון דער איצטיקער ווילנע, צווישן וועלכע עס זיינען דאָ אַ סך אידן.

אין דעם שמועס מיט פּרעזידענט פאַלעצקיס האָט פאַרנומען אַ באַ־דייטנדיק אָרט אידישע קולטור־בויאונג.

פריער האָט פאַלעצקיס געפרעגט וועגן אידישן מוזעי, צי עס איז שוין פאַרטיק די נייע געביידע, וויפיל אידישע ביכער מען האָט שוין צונויפ־געזאַמלט, און אַזוי ווייטער. ווען מען האָט גערעדט וועגן די אַנטיקן, וואָס דער מוזעי האָט שוין אָפּגעראַטעוועט, איז געקומען צורייד וועגן דער אַלטער שול, צי עס איז נאָך פאַראַן אַ מעגלעכקייט אָפּצוראַטעווען די געביידע. קושנירעוו, אַשעראָוויטש און איך, וועלכע זיינען נאָר־וואָס גע־

ווען געקומען פון דער „אידישער גאס", האבן אויסגעדריקט די מיינונג, אז עס איז שוין ניט מעגלעך. פאלעצקים האט עס באדויערט.

דער שמועס איז אוועק אויף דער ארבעט פון דער אידישער קינדער־שול. אויך מיט אירע פראבלעמען איז דער פרעזידענט באקאנט. ער איז געווען צופרידן צו הערן פון אונדזער באזוך דארטן און פון דער פאר־זאמלונג, וואס מיר האבן אפגעהאלטן מיט די קינדער און מיט די לערער.

ווידער איז דער שמועס אוועק אויף די שחיטות אויף אידן. מ'האט גערעדט וועגן דער געטא, וועגן די העלדישע אידישע קעמפער מיט איציק וויטענבערג בראש; וועגן דער גרויסער צאל אידישע פארטיזאנען.

שפעטער, אויפן לעצטן באזוך אין מוזעי, האבן מיר געקראגן א צעטל פון אידישע פארטיזאנען־פירער, וואס זיינען איצט בויער פון ווילנע. איך האב שוין דערמאנט דעם סעקרעטאר פון דער פארטיזאנען־ארגאני־זאציע, שערעשניעווסקי. אט זיינען נאך: שלמה קאווארסקי, סעקרעטאר פון קאמסאמאל אין געטא, און דערנאך פארטיזאנען־אנפירער, איז איצט איינער פון די פירער פון לערער־פאראיין. שמואל קאלינסקי, קאמאנדיר פון א פארטיזאנען־אפטייל, איז איינער פון די בויער פון דער וואסער־ליטונג. כיענע באראווסקי, א וויכטיקע טוערין ביי די פארטיזאנען, איז איצט א מיטארבעטער אין שטאטישן סאוועט. זעכציק פון די וויכ־טיקסטע בויער אין שטאט זיינען געוועזענע אידישע פארטיזאנען־פירער.

מיר האבן זיך ווארעם אפגעזעגנט מיטן פרעזידענט פון ליטע.

— גריסט די ווילנער אין אמעריקע — זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער.

●

קושניראוו און איך זיינען אויפגעשטאנען באגינען צו פארן צום וואקזאל, וואו מיר האבן געדארפט נעמען די באן קיין מאסקווע.

דער זייגער איז געווען זיבן און אויפן גאס איז נאך געווען שטאק־פינצטער. מיר האבן א דריי געטאן דאס „קנעפל" און עס איז נאך געווען עלעקטריע. איך זאג „נאך", ווייל אביסל שפעטער, אכט אזייגער, איז שוין קיין עלעקטריע ניט געווען, כאטש עס איז נאך געווען פינצטערלעך. עלעקטריע איז א טייערע זאך...

די דייטשן האבן, פארשטייט זיך, אויפגעריסן די עלעקטרישע סטאנ־ציע. די רויטע ארמיי האט געבראכט אן עלעקטרא־צוג צו באזארגן די אינסטיטוציעס מיט וויפיל ניט איז עלעקטרישן שטראם. דערנאך האט מען געבראכט נאך א צוג אזא. שפעטער האט מען אנגעהויבן בויען די

סטאַנציע און צו די נאָוועמבער־פּייערונגען (אין 1946) איז שוין דער ערשטער טייל געווען פּאַרטיק. אינזשענער עקיבא גאָלדבערג האָט ממש וועלטן איבערגעקערט צו פאַרענדיקן דעם טייל אויף די יום־טובים. אָבער עס איז נאָך אַלץ ניטאָ געגוג. מען מוז קאַרגן. דערפאַר איז געווען טונקל ביי אונדזער אַריינפאַר אין ווילנע. דערפאַר איז אויך ביים געזעגענען זיך געווען טונקל.

אָבער ווען מיר זיינען געפאָרן אַרויף זאַוואַלנע גאַס איז שוין געווען גרויער טאָג. האָב איך צום לעצטן מאָל געוואָרפן מיינע בליקן צו טראָקער גאַס, פון איין זייט, און צו פּאָליאַנקע, פון דער אַנדערער; נאָכאַמאָל אַריינגעבליקט אין סטראַשון־גאַס, אין קליין־סטעפאַן גאַס, אין רודניצקע. און אָט איז שוין דער וואָקזאַל.

ווידער זיינען מיר אַרויפגעשוואומען אויפן זכרון פיל מאָמענטן, ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט ווילנע מיט יאָרן צוריק. געזעגנט זיך אין 1920, געזעגנט זיך אין 1932. געהערשט האָבן דעמאָלט די פּאַנעס. זינט דעמאָלט זיינען אַזוי פיל וואַסערן פאַרלאָפן — און אַזוי פיל טייכן בלוט. אָבער ווילנע לעבט. אויך די אידישע ווילנע. אַ סך פון די זאַוואָלקעס זיינען פּוסט, אָבער איר הערט דאָס אידישע וואָרט אויף דער פּאַראַדנער געדימין־גאַס, און ביי טשערניאַכאָווסקים דענקמאָל... אויף אונדזער פאַרזאַמלונג אין פאַרבאַנד פון די ליטווישע שרייבער זיינען געקומען אידן, וואָס אַרבעטן אין מיניסטעריום, פאַבריק־אַרבעטער, לערער — בויער אויף פאַרשיידענע געביטן.

די באַן האָט זיך גערירט. עס האָט זיך גענומען אָפּרוקן דער פּעראָן (פּלאַטפאָרמע) מיט דער שילד: „ווילניוס".

זיי געזונט, שטאָט פון הירש לעקערט, פון יוליוס שימעלעוויטש, פון איציק וויטענבערג! זיי געזונט, הויפּט־שטאָט פון דער סאָוועטישער ליטע! זיי געזונט — מיט טשערניאַכאָווסקים מאָנומענט און מיט דער „אוליצאַ גאָאָנאַ", דעם גאונס גאַס. זייט געזונט, בויער פון דער אידישער קולטור אין אַ סאָציאַליסטישער ליטע, טרעגער פון די בעסטע טראַדיציעס פון „ירושלים ד'ליטע"!

# אין מיין געבורט־שטאָט בריסק

מאָסקווע.

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט באַגינען אויף דער באַן, וואָס איז געפאָרן פון ווארשע און האָב געפרעגט מיין מיטפאָרער וואו מיר געפינען זיך.

„טערעספּאָל", האָט ער געענטפערט.

טערעספּאָל, אָדער טערעספּאָליע, האָט געקלונגען היימיש. אינגלווייז פלעגן מיר אין אַ תענית־טאָג גיין אַהער צופוס פון בריסק. טערעספּאָליע האָט זיך אַלע מאָל צוגערעכנט צו בריסק, כאָטש עס געפינט זיך אויף דער אַנדערער זייט בוג, אויף מערב־זייט.

איצט איז טערעספּאָליע די לעצטע פּוילישע סטאַנציע ביים אַריינפאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ס'איז אַ גרענעץ־סטאַנציע. באַלד איז די גרענעץ־סטאַנציע אויף דער סאָוועטישער זייט — בריסק, מיין געבורט־שטאָט.

„שוין טערעספּאָליע ?" — פרעג איך אַן אַנטוישטער, אפנים דערפון, וואָס איך האָב פאַרשלאָפן די סטאַנציעס שעדלעץ, מעזריטש, ביאַלע. כאָטש וואָס וואָלט איך דאָ געקאָנט זען אין מיטן דער נאַכט ?

איך שטיי גיך אויף און טרעט־צו צום פענצטער. און אַזוי בין איך שוין פון אים ניט אָפּגעטראָטן ביז איך האָב זיך אין בריסק ניט געזעגנט מיט דער באַן.

דערווייל שטייט נאָך אַלץ די באַן ביי טערעספּאָליע, שטייט און שטייט. אויף דער פּלאַטפאָרמע געפינט זיך אַ נייַ, ווייס וואָקזאַלעכל. עס דערמאָנט אָן דעם וואָקזאַלעכל ביי דער אַמאָליקער לעצטער פּוילישער סטאַנציע, סטאָלפּצי (סטויפּץ). עס זיינען אָבער ניטאָ די אַמאָליקע זשאַנדאַרן. אַ סך האָט זיך געענדערט...

ס'איז אַ כמאַרנער, רעגנדיקער פרימאָרגן. אויפן האַרצן איז מיר ניט פריילעך, ווייל אין געדאַנק ליגט מיר בריסק. אויף מיינע אַמאָליקע באַזוכן אין מיין געבורט־שטאָט פלעג איך ביי טערעספּאָליע ווערן אומגעדולדיק: ווער פון די אייגענע וועט מיך באַגעגענען ? וועמען פון די

יוגנט־פריינט וועל איך נאָך טרעפן אין שטאָט? איצט ווייס איך, אַז קיינער, קיינער וועט מיר ניט קומען אַנטקעגן ביים אַריינפאָרן אין מיין געבורט־שטאָט.

איצט בין איך אויך אומגעדולדיק. כאָטש עס ווילט זיך ניט — ווילט זיך אָבער פאָרט דערזען דעם אמת, דערהערן אַלצדינג, אויב עס וועט נאָר זיין ווער עס זאָל דערציילן.

לאַנג איז די באַן געשטאַנען ביי טערעספּאָליע, זייער לאַנג. אַזוי, צום ווינציקסטן, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט. נאָר אָט האָט זי זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט. און אינעווייניק אין מיר האָט זיך אויך אַ ריר געטאָן. מיר פאָרן־צו צו בריסק.

מיר פאָרן פּאַמעלעך. די בריק איבערן בוג איז אַ ציימווייליקע, אַ הילצערנע. ניט ווייט פון איר ליגט אין וואַסער די אַלטע בריק, אַן אויפֿגעריסענע. עס וואַלגערן זיך אין טייך און אויפן ברעג דייטשע וואַגאָנען, שטיקער פון אַ דייטשן לאָקאָמאָטיוו.

און אָט זיינען מיר שוין אויף דער סאָוועטישער זייט. ס׳האָט אַ בליץ געטאָן די ערשטע סאָוועטישע פאָן. די באַן שניידט זיך אַריין אין אַ ברייטער נעץ ליניעס, צווישן אַ סך בויאונגען.

איך זע אַ באַקאַנטע בריק, וואָס מיר דאַרפן אַרונטערפאָרן, צווישן אַן „אַנשיט״. איך זע אויף איר די ווערטער „ברעסט־ליט.״, מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן — אַן איבערבלייבעניש פון דער דייטשער אָקופּאַציע. באַלד, ווייס איך, דאַרף זיין דער וואָקזאַל, און איך שטרענג אָן מיין בליק צו „כאַפּן״ אים פון דער ווייטנס — ווי איך פלעג עס אַמאָל־אַמאָל טאָן.

ער איז דאָ, דער וואָקזאַל, פּונקט ווי אַמאָל, פּונקט ווי ווען איך בין אינגלווייז צום ערשטן מאָל געקומען צוריק אַהיים פון וואַרשע.

איז וואָס וואָלט געווען ווען די אַלע וואָס פלעגן מיר אין די פריערדיקע צייטן באַגעגענען — באַגעגענען מיך איצט? פאַרוואָס טאַקע ניט? אָט איז דאָך דער וואָקזאַל דער זעלביקער!

איין אויגנבליק האָט געדויערט די „פאַנטאַזיע״. מיר זיינען שוין צוגעפאָרן! די באַן שטייט שוין פאַר דער ברייטער פּלאַטפאָרמע. און פאַר מיר איז זי ליידיק, כאָטש מענטשן זיינען דאָ אַ סך. די ווירקלעכקייט איז פאַר די אויגן.

אויף דער פּלאַטפאָרמע זיינען דאָ אַ סך מענטשן. באַגאַזש־טרעגער, „נאָסילשטשיקעס״, מיט ווייסע פאַרטיכער, טראָגן דעם געפעק פון די פּאַסאַזשירן. בריסק איז זייער אַ וויכטיקע סאָוועטישע שטאָט. דורכן

בריסקער באַן־צענטער גייט אַ גרויסע באַוועגונג צו און פון פּוילן, צו און פון דייטשלאַנד. דער וואָקזאַל איז געפּאַקט.

ס'איז דער זעלביקער וואָקזאַל אויך פון אינעווייניק. ס'הייסט, ניט דער זעלביקער וואָס פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָבער דער זעלביקער ווי בשעת דער פּוילישער מאַכט. איצט איז אָבער לעבעדיקער, רוישיקער.

איך וואַרט ביז דער „נאָסילשטשיק" וועט מיר אַריינטראָגן דעם באַגאַזש אין „טאַמאָזשנע", פאַרן גרענעץ־קאָנטראָל, און דערווייל באַטראַכט איך דעם עולם. גיכער טראַכט איך וועגן איין זאַך: ווייס דאָ עמעצער, אַז איך בין אַ היגער, געקומען אַזש פון מרחקים, אַ קוק צו טאָן אויף מיין פאַטערס הויז, אויף מיין יוגנט־היים?

די „טאַמאָזשנע" אַרבעט גיך און גלאַט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די פּאַסאַזשירן זיינען פאַרטיק געוואָרן מיטן קאָנטראָל פון זייער באַגאַזש און זייערע פּאַספּאָרטן. איך לאָז איבער מיין באַגאַזש אין „אינטוריסט", כאַפּ זיך אַריין אין בופעט און בייס עפּעס איבער אין איילעניש. אין געדאַנק פליען אַרום אַלערליי מחשבות. איך קוק אויף אַ טישל ניט ווייט פון מיר. ביי דעם טישל בין איך אין 1932 געזעסן מיט מיין שוועסטער... אָבער אַזעלכע געדאַנקען טרייבן מיך אָפּצופּאַרטיקן זיך וואָס גיכער. איך לאָז זיך לויפן אין שטאָט אַריין.

וואוהין? צו וועמען? און וואָס איז דאָ די איילעניש? אפשר פאַרהאַלטן זיך נאָך אַביסל איידער דער אמת דערשיינט פאַר די אויגן? אָבער איך קאָן זיך ניט אָפּשטעלן, איך יאָג זיך: גיכער, גיכער...

איך וויל גיין מיטן וועג, איבער וועלכן די איזוואָשטשיקעס פלעגן פאָרן צו און פון שטאָט. מען קאָן ניט. די בריק איז אויפגעריסן. איך דערמאָן זיך, אַז ס'איז דאָ אַ בריק פאַר פוסגייער איבער די שינעס (פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַזאַ בריק ניט געווען). איך לאָז זיך מיטן שטראָם מענטשן, וואָס גייט אין שטאָט אַריין.

איך גיי פון אויבן, איבער די שינעס, זייער אַ סך שינעס, איבער וועלכע עס פאָרן דאָ און דאָרטן, הין און צוריק, לאָקאָמאָטיוון, ווי זיי וואָלטן זיך געשפּילט. איך זע די באַן, וואָס איז געקומען פון פּוילן, פון דייטשלאַנד, און איך זע, אויף דער אַנדערער זייט וואָקזאַל, די באַן, וואָס דאַרף אָפּגיין קיין מאָסקווע. מחשבות יאָגן מיר נאָך. אָט בין איך נאָר אַ קליין אינגל, דאַכט זיך מיר, און דער טאַטע נעמט מיר דאָס ערשטע מאָל צום וואָקזאַל. איך דערשרעק זיך פאַרן גערודער...

איך כאַפּ זיך אויף, קוק זיך אַרום און דאָס געפיל פון שרעק לאָזט מיך ניט אָפּ...

אויף דער אַנדערער זייט פון די שינעס, ביים אַראָפּגיין פון די טרעפּ, וואָס פירן פון דער בריק אַרונטער, באַגעגנט מיך, אין דער ברייט, די אַרדזשאָניקידזע גאַס. ווי זי האָט אַמאָל געהייסן, געדענק איך ניט. אין „אונדזער" טייל שטאָט, ווייט פון וואָקזאַל, פלעגט מען זי, דאַכט זיך, רופן: „די אַקסהענדלער־גאַס".

איך וואַרף מיט די בליקן פיבעריש אויף אַלע זייטן. אַן אויפשריפט גיט מיר אַ ריס אין די אויגן: אויף פּרץ־גאַס איז געעפנט געוואָרן אַ נייער רעסטאָראַן! פּרץ־גאַס... ס'איז דאָ אין בריסק אַ גאַס אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ!

שפּאַן איך שוין מונטערער. איך גיי מיט קאָמסאָמאָלסקאַיאַ ביז דעם בולוואַר, וואָס געפינט זיך פאַרן קלויסטער לעבן וואָקזאַל. דער בולוואַר הייסט איצט: מיצקעוויטש־פּלאַץ. איך פאַרנעם זיך עטוואָס אויף לינקס, איבערן בולוואַר, און טראָג זיך שוין אַרויף־שטאָט מיט דער סאָוועטסקע גאַס.

איך דערקען די גאַס ניט פון אַמאָל, ווייל דאָ געפינען זיך ווייניק הייזער. עס זיינען דאָ פאַראַן צופיל ליידיקע פּלעצער — דאָרט וואו הייזער זיינען אַמאָל געשטאַנען — און מען קאָן זען ווייט־ווייט, אין דער צווייטער און דריטער גאַס אַריין. שפּעטער האָב איך שוין געוואוסט, אַז אַמאָל, פאַר 1914, האָט די גאַס — סאָוועטסקאַיאַ — געטראָגן דעם נאָמען „מיליאָנע" און אַז ווייטער אַרויף, העכער פון די נייע בולוואַרן, האָט זי געהייסן פּאָליצייסקע (בשעת די פּאָליאַקן — דאָמבראָווסקע).

באַלד בין איך צוגעקומען צו פּושקינסקע גאַס, וואו אַלץ, אפילו דער נאָמען, איז פּונקט ווי פאַר 1914. דאָ האָב איך זיך, איבער פּושקינסקע, פאַרנומען לינקס, צו קוּבישעוו־גאַס (שפּעטער האָב איך שוין געוואוסט, אַז דאָס איז דער וועג צו מיין היים אויף דער אַמאָליקער דאָלגע גאַס, איצט קוּבישעוו, אָבער בשעת מעשה האָב איך עס ניט געוואוסט).

די באַוועגונג אויף פּושקינסקע איז שיער ניט די זעלביקע, וואָס אַמאָל. עס גייען רוסן, אידן, ווייסרוסן. איך זוך אַ באַקאַנט פּנים...

איך גיי פאַרביי אַ באַקאַנט הויז. עמעצער קוקט אַרויס פון פענצטער. ניין, דער פּנים איז ניט באַקאַנט... און ער וואונדערט זיך מן הסתם: וואָס לויפט עס עמעצער, אַ פאַרשוויצטער, וואוהין?

איך שנייד איבער די קוּבישעוו גאַס און גיי ווייטער מיט פּוש־

קינסקע. איך קום־צו צו אַ גאַס, וואָס הייסט: „1טער מאַי", און פאַר־נעם זיך רעכטס, אַרויף־שטאָט. איך זע אַן אַלט פּויליש ברעטל: „פּיאָטרקאָווסקאַ". ווײַס איך שוין, אַז די גאַס פירט אין „אונדזערע" קוואַרטאַלן. גיי איך אַרויף־שטאָט מיט דער גאַס און קום אָן אויף אַ ברייטער גאַס מיט ביימער.

זיינען דאָס די „נייע בולוואַרן"? וואו זיינען די פאַרענטשעס, די בענק? ניטאָ. די הייזער פון ביידע זייטן גאַס זיינען אויך ניטאָ. די ביימער זיינען אָבער עדות, אַז דאָ זיינען געווען די בולוואַרן (איצט הייסט די גאַס: „אוליצאַ גאָגאָליאַ").

דאָ בין איך שוין אין דעם טייל שטאָט, וואָס איז מיר געווען בעסער באַקאַנט אין מיין יוגנט. עס יאָגן זיך ווידער אָן מחשבות, וועגן אַמאָליקע שפּאַצירן אין די „נייע בולוואַרן", וועגן באַגעגענישן דאָ ווען איך פלעג קומען אַהיים צוגאַסט. אָבער איך טרייב אָפּ די מחשבות. די ווירקלעכ־קייט שטייט האַרט פאַר די אויגן. איך אָריענטיר זיך באַלד אויף די נייע נעמען. מיין אויג גיט אַ כאַפּ־אויף אַ גוט־באַקאַנטן קיילעכדיקן דאַך. יאָ, ס'איז די גרויסע שול! איך יאָג זיך מיט גאָגאָל־גאַס צוריק צו סאָוועטסקע. אָט איז דער באַקאַנטער ראָג, „שטיינבערגס מויער" (שטיינבערג דעם אַפּטייקערס), אַ סקעלעט. אויסגעברענט פון אינעווייניק. ווייטער שטייען אַלע הייזער פּונקט ווי אַמאָל. עס האָט זיך מאָמענטנווייז געדאַכט, אַז איך געפין זיך אין דער אַמאָליקער בריסק.

ס'איז היימיש און וואַרעם... אָבער די ווירקלעכקייט טרעט ניט אָפּ און שטאַרקער נאָגט אַ בענקשאַפט.

איך געפין זיך שוין ביי דער שול. דאָ פאַרהאַלט איך מיין געלאַף. איך באַטראַכט די גוט־באַקאַנטע קיילעכיק־קאַנטיקע געביידע. זי איז פּונקט ווי זי איז אַלעמאָל געווען. זי טראָגט נאָך אָבער אויף זיך די פאַרשיידענע טונקעלע קאָלירן, מיט וועלכע די דייטשן האָבן בשעת דער מלחמה באַפאַרבט אַ סך געביידעס — צו „מאַסקירן" זיי קעגן סאָוועטישע עראָפּלאַנען. דער געמויערטער פאַרקאַן אַרום דער שול, מיט די אייזערנע שטאַכעטן, איז אויך דער זעלביקער, וואָס אַמאָל.

איך קאָן זיך דאָ לאַנג ניט פאַרהאַלטן. עס טרייבט מיך „אַהיים". איך שנייד איבער די גאַס וואו חיים סאָלאָווייטשיק האָט אַמאָל געוואוינט (דעם „רב'ס הויז" זעט אויס פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק), גיי ווייטער אַרויף מיט סאָוועטסקאַיאַ, שנייד איבער די גאַס, וואָס אַמאָל האָט זי געהייסן „קריוואַיאַ", און זע דאָרט באַקאַנטע הייזער, און איך בין שוין ביים ראָג פון שאָסיי־גאַס (איצט: „מאָסקאָווסקאַיאַ"). רעכטס, איבערן

גוטן שאַסיי, זע איך דעם „ריאַד" קראַמען, וואָס קוקט אויס פּונקט ווי אַמאָל. איך פאַרנעם מיך לינקס איבערן שאַסיי אין דער קרום, אויף אַ גוט־באַקאַנטן וועג צו „זיך" אין גאַס אַריין, די אַמאָליקע דאָלגע, איצט: קוּבִישעוו־גאַס.

ביים ראָג פון דער גאַס פאַרהאַלט איך זיך. באַלד דאַרף געלייזט ווערן מיין פראַגע, וואָס איז פאַר מיר געשטאַנען זינט איך בין אַרויס־געפאָרן פון ניו־יאָרק — צי אונדזער הויז איז גאַנץ און ווערט באַוואוינט פון פרעמדע מענטשן, אָדער איז צעשטערט (וואָס איז „בעסער", האָב איך בסדר געפרעגט?). איך רעד זיך צונויף ביים ראָג מיט אַ יונגער אידישער פרוי, איינע פון אַ סך אידן „פון רוסלאַנד", וואָס וואוינען אין בריסק. זי וואוינט דאָ מיט איינענע, זאָגט זי. אַלע האָבן זיך געראַטעוועט טיף אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. און איך בין זי מקנא: זי האָט דאָ איינענע.

סוף כל סוף פאַרקערעווע איך צו „זיך" אין גאַס אַריין.

ס'איז שטיל. מען זעט ווייניק מענטשן. אָבער אויבן־אויף איז כמעט אַלץ ווי געווען. ס'הייסט, די הייזער זיינען כמעט אַלע דאָ...

אַ ריי הייזער פעלן, אָבער ביים ערשטן בליק האָט זיך עס ניט געמערקט.

פון וויטנס נאָך האָט דאָס אויג געכאַפּט דעם „גרויסן" מויער פון פאָרנט פון אונדזער הויז, אויף נומער 154. הייסט עס, מיין היים איז אויך פאַראַן. ווּעמען וועל איך דאָרט טרעפן? איך וויל זיך פאַרהאַלטן, אָבער דער אימפּעט טראָגט מיך. איך בין שוין ביים טויער פון נומער 154 און קוק אַריין אין הויף אַריין:

אינעווייניק איז גאָרניטאָ...

ניטאָ קיין הייזער... מען קאָן זען ווייט־ווייט אין דער קצבישער גאַס אַריין, אַריבער רעשטלעך פון אַמאָליקע הייזער.

פּאַמעלעך גיי איך צו צום אָרט, וואו ס'איז אַמאָל געווען מיין היים. אין געדאַנק זע איך דעם אַריינגאַנג, די טיר. אָט דאָ איז געווען אַ פענצטער, דאָרט — צוויי פענצטער. איך זע דאָס הויז פון אינעווייניק. טויזנט בילדער, פון דער פריסטער יוגנט, ביז 1932, ווען איך בין דאָ געווען צום לעצטן מאָל, שווימען אויף פאַר מיינע אויגן.

אָבער איך שטיי פאַר אַ ליידיק אָרט...

פאַראַן די פונדאַמענטן. אַרום זיי איז אָנגעשאָטן מיט צעבראָכענע ציגל. איין וואַנט שטייט — אַ מין כותל מערבי? צום אויסוויינען זיך?

איך הויב אויף אַ שטיק ציגל. נאָך אַ שטיק. עס ליגט אַ צע־בראָכענער סאַמאָוואַר, אַ בייכיקער. אפשר איז עס אַן איינענער? ווי

דען קומט ער אהער? מיין שוועסטער און איר מאַן און זייערע צוויי מיידעלעך, פייגעלע און פריידעלע, האָבן דאָ געוואוינט ביז די געטאָ איז „ליקווידירט געוואָרן". ווען נאָך האָט מען אריינגעשפּאַרט אהער, ווען די געטאָ איז איבערגעפּאַקט געוואָרן מיט די אידן פון אנדערע טיילן שטאָט?

איך גראָב ווייטער און געפין אַן אַלטן פּרויען־שוך, דורכגעפוילט פון רעגנס. ווי לאַנג ליגט ער דאָ? וועמענס שוך איז עס? איז דאָס אַ זכר פון מיין שוועסטער?

ווער קאָן מיר ענטפערן? וואו זיינען די אַמאָליקע שכנים? ווער קאָן מיר עפּעס זאָגן?

ניטאָ קיינער ארום. אַליין שטיי איך מיט מיינע זכרונות, מיט מיינע קשיות...

עס ווילט זיך ניט אַפּטרעטן פונעם אָרט, אָבער מען דאַרף דאָך עמעצן טרעפן, עפּעס געוואויר ווערן!

וואוהין גייט מען, צו וועמען?

ניט ווייט, אויף שאָסיי־גאַס, שטייט דעם „פּעטער יאָסלס" גרויסער מויער. איך גיי אריין אין הויף. אַלץ איז דאָ פּונקט ווי אין 1932, ווען איך בין געווען ביים פּעטער אויף טיי. כ'האָב קלאַפּ אָן אין טיר: דער פּעטער איז דאָ?

אַנדערע מענטשן וואוינען דאָ... עס טוט זיי שטאַרק לייד, זייער שטאַרק, אָבער זיי ווייסן ניט ווער עס האָט דאָ פריער געוואוינט...

ווי די מייסטע איינוואוינער פון שטאָט, זיינען זיי געקומען אהער, אויסגעקליבן אַ ליידיק הויז און זיך באַזעצט...

זיי ווייסן, אַז דאָ איז געווען די געטאָ און אַז ווען די דייטשן האָבן זי ליקווידירט, האָבן זיי די מייסטע אידן ארויסגעפירט קיין „בראָנאַיאַ גאָראַ", אויפן וועג קיין באַראַנאָוויטש, און זיי אומגעבראַכט. אַ סך אידן זיינען דערשאָסן געוואָרן טאַקע דאָ ניט ווייט און זיינען אויפן אָרט באַגראָבן געוואָרן אין אַ גרויסער גרוב.

די פרעמדע מענטשן פילן־מיט, קרעכצן, שעלטן די דייטשן, אָבער איך געזעגן זיך אויף גיך. איך בין שוין אויפן וועג צו דער גרוב, טאַקע דאָ ניט ווייט, אויף „מיין" דאָלגע גאַס, נאָר אויף דער אַנדערער זייט שאָסיי, ניט ווייט פונעם אָרט וואו ס'איז אַמאָל געווען „ישראל וואָלפּ'ס בית־המדרש".

איך שטעל זיך אָפּ ביי נומער 130, וואו עס האָבן אַמאָל געוואוינט באַקאַנטע. עטלעכע רוסישע פרויען (זייערע מענער אַרבעטן ביי דער

באַן) ווייזן מיר אָן: אָט דאָ, זאָגט מען, איבערן גאַס, אַנטקעגן, האָט זיך בלוט געגאָסן טייכנווייז. אָבער גאָר אַ גרויסע שחיטה, זאָגט מען, איז געווען אין הויף פון נומער 124.

הינטערן הויז נומער 124 פון דער געוועזענער דאָלגע גאַס (איצט קוּבישעוו) איז דאָ אַ ליידיקער פּלאַץ, ניט קיין גרויסער, נאָר אַ פאַר־מאַכטער אַרום און אַרום. האָבן די דייטשן צוליב דעם אויסגעקליבן אים פאַרן שחיטה־אָרט פון טויזנטער בריסקער אידן? ווער ווייס. און וואָס איז דער אונטערשייד, וואו זיי האָבן געשאָכטן?

איך שטיי און קוק אויף דעם פּלאַץ. שפּעטער האָט מען מיר גע־זאָגט, אַז זעקס טויזנט אידן האָט מען דאָ אויסגעשאָכטן — מייסטנס אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלערס און בוידעמער בשעת מען האָט די בריסקער אידן געטריבן צו „בראָנאַיאַ גאָראַ".

איך שטיי און קוק. וועמעס ביינער ליגן דאָ? ווער קאָן מיר פּאָרט עפּעס זאָגן? ווער?!

אין פוילן האָט מען מיר געגעבן דעם אַדרעס פון אַ רוס, פּיאָטר גריגאָריעוו, אַ „גאָלדענער מענטש", האָט מען מיר געזאָגט. ער האָט פּערזענלעך געקענט טויזנטער אידן, איז געווען באַפריינדעט מיט זיי.

בין איך פריער נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן אויף מיין אַמאָליקער היים און דערנאָך האָב איך זיך גענומען יאָגן אין אַנדערן עק שטאָט, צו פּיאָטר גריגאָריעוון.

איך האָב דעם אַלטן היכן רוס, צוזאַמען מיט זיין פרוי, געטראָפן ביים אָנבייסן. טיפּישע, גוטהאַרציקע, גאַסטפריינטלעכע רוסן, צוגע־לאָזענע מענטשן.

יאָ, זיי האָבן טאַקע געקענט אַ סך אידן. פּיאָטר גריגאָריעוו איז געווען אַמאָל קאַסיר אין באַנק. קוקנדיק אויף מיר, רופט ער מיר אָן נעמען פון מיינע אייגענע. ער דערציילט וועגן געראַטעוועטע בריסקער. און באַלד לאָזן מיר זיך אַוועק איבער די וואוינונגען פון בריסקער אידן.

מיר גייען צו דער „מאַמען" פון די אַמאָליקע בריסקער, וואָס וואוינען איצט אין בריסק, פאַניאַ ליכטענבערג, אויף סאָוועטסקע 32. דאָ טרעפן מיר זי מיט איר טאָכטער רחל און איר איידעם בן־ציון קאַפּלאַן און מיט זייער פּיצל קינד משהלע — דער ערשטער איד, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין בריסק זינט דער מלחמה.. מיר גייען צו דר. מ. קימעל, אויך אויף סאָוועטסקע; צו דר. דאַוויד גאָטליב, אויף בודיאָני 16, צום יונגן שוסטער באָריס באָרשטשעווער (צאַלקע דעם שלאָסערס זון) אויף פּרץ־גאַס, נומער 4.

ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעקניפּט די פערדים. מען פירט מיך אוועק צו ישראל מאַנקער אויף גראַיעווקע, לעבן וואָקזאַל, אויף נאַכטלעגער. אָבער דאָרט גייט ערשט אוועק א שמועס ביז שפּעט אין דער נאַכט. מאַנקער דערציילט מיר א גרוליק־פאַנטאַסטישע געשיכטע, ווי אַזוי ער און זיינע צוויי קינדער זיינען געווען באַהאַלטן אכצן חדשים אויף א בוידעם, ביי א קריסטלעכער פאַמיליע.

אויף מאָרגן האָט דער גאַסטפריינטלעכער פאָלקס־מענטש ישראל מאַנקער איינגעשפּאַנט פערד און וואָגן און מיר זיינען ארויסגעפאָרן איבערן שטאָט — טרעפן בריסקער איינוואוינער, אַלטע און נייע, באַזוכן אַמאָל־באַקאַנטע ערטער. מען האָט מיר אויך געגעבן א באַגריף ווי אַזוי די געטאָ האָט אויסגעזען. מיר האָבן געטראָפן א אינגל, וואָס האָט צוגעזען די שחיטה אויף דאָלגע 124...

מיר האָבן גערעדט וועגן די, וואָס זיינען ניטאָ און וועגן די, וואָס זיינען דאָ — „אַמאָליקע" בריסקער, „נייע" בריסקער. מיר האָבן גערעדט וועגן לאַנדסלייט אין אַמעריקע. מיר האָבן גערעדט וועגן דער נייער סאָוועטישער בריסק.

●

איבערגעשלאָפן א נאַכט ביי ישראל מאַנקער אויף גראַיעווקע, לעבן וואָקזאַל, זיינען מיר ארויסגעפאָרן איבערן שטאָט.

ניט ווייט פון גראַיעווקע איז דער אידישער בית־עולם. ריכטיקער — ס'איז געווען א אידישער בית־עולם... ווען מיר זיינען צוגעקומען אהין האָבן מיר געזען א „גרינטלעך" שטיקל דייטשע ארבעט.

ווען מען פאָרט ארום איבער אייראָפּע, דער עיקר פוילן און סאָוועטן־פאַרבאַנד, זעט מען זיך אָן און מען הערט זיך אָן מיט אַזוי פיל דייטשע באַרבאַרייען, אז קיין זאַך קאָן שוין, דאַכט זיך, מער ניט איבערראַשן. פונדעסטוועגן, ווען איך האָב געזען דאָס אָרט, וואו עס איז אַמאָל געווען דער בית־עולם פון דער אידישער שטאָט בריסק דליטא, בין איך געבליבן אָן לשון.

די בריסקער, וואָס זיינען געווען מיט מיר, האָבן געזאָגט, אז דער אַלטער אידישער בית־עולם האָט פאַרמאָגט אַן ערך צוויי און זעכציק טויזנט קברים. איך ווייס ניט, צי עס זיינען געבליבן עטלעכע הונדערט... דער עיקר זיינען געבליבן די גאַר־אַלטע קברים סאַמע אויבן, מיט קליינע, פאַרציייטיקע שטיינערנע מצבות, שפּיציקע, האַרבאַטע. כמעט אַלע אַנדערע מצבות, מאָנומענטן, שטיבלעך, זיינען צוגענומען געוואָרן, און וואָס מען

האט ניט געקאנט צונעמען האט מען צעשמעטערט. דער ווייט־גרעסטער טייל פון בית־עולם איז א פשוטער פעלד. מייסטנס דערקענט מען אפילו ניט, אז עס זיינען דא אמאל געווען קברים...

איך בין געבליבן אן לשון פון דעם בילד. אין־זיך האב איך זיך געזאגט: די דייטשן האבן אפגעטאן ערגערע זאכן, לעבעדיקע מענטשן האבן זיי געברענט, פאר׳סמ׳ט, דערשטיקט, באגראבן. אבער ס׳איז מיר געווען א קנאפע טרייסט.

פון דעם בית־עולם (געוועזענעם) זיינען מיר אוועק אין שטאט. ביז מיר זיינען ווידער געקומען אויף דאלגע (קויבישעוו) 124, וואו די דייטשן האבן אויסגעשאכטן זעקס טויזנט אידן. ווען מיר זיינען אזוי געשטאנען און געקוקט אויפן פלאץ, איז פון א שכנישן הויז ארויסגעקומען א אידישע פרוי (א געקומענע פון אנדערע ערטער אין סאוועטן־פארבאנד; איר מאן ארבעט דא אין שטאט) און דערציילט, אז עס איז דא א אינגל, וואס האט אליין צוגעזען די שחיטה.

מיר האבן אים געפונען. שלום רייזמאן הייסט ער, 18 יאר אלט. אין 1942, ווען ער איז אלט געווען פערצן יאר, האט מען אים צוזאמען מיטן טאטן, פישל רייזמאן (געוואוינט אויף קריוואיא, אדער פיראצקיעגא 22), געכאפט אויף א בוידעם. דאס איז געווען נאכדעם ווי די דייטשן האבן שוין געהאט ליקווידירט די געטא. נאך א שטיקל צייט אין טורמע, האט מען זיי צוזאמען מיט אנדערע אוועקגעפירט אויף דאלגע 124 און געהייסן זיך אויסטאן. דאס 14־יאריקע אינגל האט געזען, ווי מען האט דערשאסן זיינע אייגענע. אים איז געלונגען צו באהאלטן זיך אין דעם בארג קליידער. ביינאכט איז ער ארויס. א פוילישע פרוי פון דעם הויז 22 אויף קריוואיא האט אים דריי וואכן באהאלטן. דערנאך האט ער זיך, ווי א „פויליש" אינגל, ארויפגעכאפט אויף איין באן און נאך א באן און איז געפארן אזוי לאנג ביז ער איז געקומען קיין קעלן, דייטשלאנד. דארט האבן די דייטשן אנטדעקט, אז ער איז א אידיש אינגל און אים אוועקגעשטעלט אויף שקלאפן־ארבעט. נאכדעם ווי די אמעריקאנער זיינען אריין אין קעלן, האט זיך שלום רייזמאן „ארומגעדרייט" און ווען די מלחמה האט זיך געענדיקט, איז ער געקומען צוריק קיין בריסק — זוכן עמעצן פון דער משפחה...

דאס אלץ קלינגט גרוילעך־פאנטאסטיש, אבער אין אייראפע זיינען פאראן א סך „פאנטאסטישע" געשיכטעס.

צופיל רעדן מיט שלומען וועגן יענעם מאמענט, ווען ער האט געזען ווי מען דערשיסט זיינע אייגענע און מען ווארפט זיי אין גרוב אריין,

האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט. עס איז גענוג געווען צו באַקענען זיך מיטן דאָרן, סימפּאַטישן, קלוגן בחורל, וואָס האָט נאָך אַלס 14־יאָריס אינגל אַרויסגעוויזן אַזוי פיל געוואַגטקייט. עס איז גענוג געווען צו זען דעם לעבעדיקן עדות.

מיר זיינען דערנאָך געפאָרן איבערן שטאָט, געווען אויף דער פּאָטשט, וואָס קוקט אויס ווי פאַר 1914; געווען אין „קייסערס סאָד", אין שטאָט־גאָרטן, וואו ווייט ניט אַלץ איז ווי מיט דרייסיק־פערציק יאָר צוריק, אָבער וואו מיר האָבן פונדעסטוועגן געטראָפן אַ סך „אַמאָליקע" אַלייען. פון דאָרט — אין „ביעלאָסטאָצקע" גאַס, פאַרביי פּרץ־גאַס, דורכן „פּערטן ריאַד" און „דריטן ריאַד" צוריק אויף דאָלגע, נאָכאַמאָל אַ קוק צו טאָן אויף דעם רעשטל פון אונדזער הויז. דערנאָך — צו דער „מאַמע" פאַניאַ ליכטענבערג און איר טאָכטער רחל, וואו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט „אַמאָליקע" בריסקער.

די מייסטע פון די אַנוועזנדיקע זיינען לעבן־געבליבענע, ווייל זיי זיינען צופעליק געווען אין מאָסקווע, אָדער אין אַנדערע ערטער, ווען די נאַציס זיינען אַריין (איין יונגערמאַן איז געווען אין קאַווקאַז, אין אַ קור־אָרט). עטלעכע יונגעלייט זיינען געווען אין דער רויטער אַרמיי און אויף אַזאַ שטייגער האָבן זיי זיך געראַטעוועט. ישראל מאַנקער איז אָבער געווען אַן עדות פון דער געטאָ (ער און זיינע צוויי קינדער האָבן זיך געראַטעוועט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט אַ דערלויבעניש אַרויס־צוגיין פון געטאָ, ברענגען קאַרטאָפל; ווען זיי האָבן געהערט, אַז מען ליקווידירט די געטאָ, האָבן זיי זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם פון אַ קריסטלעך הויז).

די „מאַמע", וועלכע האָט זיך געראַטעוועט דורך דעם, וואָס זי איז געווען צוגאַסט ביי איר טאָכטער רחל, ווייט פון בריסק, האָט געוויזן ביל־דער פון אירע שיינע טעכטער, וואָס זיינען אומגעקומען אין דער געטאָ, און האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן. זי האָט דערציילט וועגן די דייטשע מעשים און ניט אויפגעהערט יאָמערן: „וואָס שווייגט אַמעריקע?..." גיי, דערצייל איר ווי מען זאָרגט זיך אין אַמעריקע פאַר די „אָרעמע דייטשן", נעבעך...

מיר האָבן צונויפגעשטעלט אַ צעטל פון עטלעכע און דרייסיק „אַמאָליקע" בריסקער, וואָס געפינען זיך אין בריסק (אַנדערע האָב איך געטראָפן אין מאָסקווע און נאָך ערטער). ווי גרויס איז די אַלגעמיינע צאָל בריסקער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט?

ווען די נאַציס האָבן באַגינען, דעם 22טן יוני, 1941, געמאַכט זייער

פאַררעטערישן אָנפאַל אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן זיי באַלד דעם זעלביקן פרימאָרגן אַריינגעריסן זיך אין פיל שטעט ביי דער גרענעץ. אַזוי איז געווען מיט בריסק. דער סאָוועטישער גאַרניזאָן אין דער בריסקער פעסטונג האָט זיך העלדיש געשלאָגן אַ שטיק צייט. יעדערער פון די קעמפער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן אָפּצוהאַלטן דעם „בליץ־קריג". אַדאַנק אַזעלכע העלדן, צענדליקער און הונדערטער טויזנטער, איז טאַקע דער „בליץ־קריג" געבראָכן געוואָרן. אָבער די שטאָט בריסק גופא איז דעם פרימאָרגן פון 22טן יוני שוין געווען אין נאַצישע הענט.

מען האַלט, אַז פון די אידן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין שטאָט און וועלכע זיינען דערנאָך אַריינגעשפּאַרט געוואָרן אין געטאָ, האָבן זיך געראַטעוועט נאָר זעכצן (16). אָבער עס האָבן זיך געראַטעוועט בריסקער אידן, וועלכע זיינען געווען אין אַנדערע סאָוועטישע שטעט, וווייטער פון דער גרענעץ, בשעת היטלער האָט געמאַכט זיין אָנפאַל; אָדער האָבן זיך געפונען אין דער רויטער אַרמיי און זיינען אַרויס בשלום פון דער מלחמה. אַרום און אַרום האָבן זיך געראַטעוועט פיל הונדערטער בריסקער. זיי געפינען זיך אין מאָסקווע און אַנדערע שטעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד; אין פוילן, טייל אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד־עסטרייך, אין פּאַריז. אין בריסק גופא געפינען זיך, ווי געזאָגט, עטלעכע און דרייסיק „אַמאָליקע" בריסקער.

די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון בריסק, האַלט מען, איז איצט כמעט אַזוי גרויס ווי פאַר דער מלחמה. איך האָב שוין אָנגעוויזן, אַז בריסק שפּילט איצט זייער אַ גרויסע ראָל ווי אַ באַן־צענטער — גרעסער ווי ווען עס איז — און ווי אַ גרענעץ־שטאָט. בריסק איז אַ צענטער פאַר דער געגנט אַרום, פאַרמאָגט קולטור־אינסטיטוציעס, קאָאָפּעראַטיוון, ווערקשטאַטן, קליינע פאַבריקלעך, מלוכה־אינסטיטוציעס. עס זיינען פאַראַן אין שטאָט אַ סך בוי־אַרבעטער. פיל גאַסן קוקן טאַקע אויס פונקט ווי אַמאָל, אָבער אַנדערע גאַסן זיינען חרוב און עס איז דאָ געגוג וואָס צו טאָן אויפן געביט פון בויאונג.

די מייסטע איינוואוינער זיינען סאָוועטישע מענטשן, וואָס האָבן פריער אין בריסק ניט געוואוינט. צווישן זיי זיינען פאַראַן אַ סך אידן.

עס איז פאַראַן בריסק און עס איז פאַראַן אַ אידישע באַפעלקערונג אין בריסק. די בריסקער לאַנדסמאַנשאַפטן דאַרפן עס אינזינען האָבן. און ווענן די בריסקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע האָבן מיר טאַקע אַ סך געשמועסט, ווען מיר זיינען געזעסן ביי דער „מאַמען", פאַניא ליכטענבערג, וואו אַ גרופּע בריסקער האָט זיך פאַרזאַמלט.

נאָר דאָ דאַרף מען זאָגן עטוואָס וועגן די דערפאַרונגען פון איין „לאַנדסמאַן", וועגן זיך אַליין.

איך בין געווען אין אַ סך שטעט אויף מיין איצטיקער רייזע אין אייראָפּע. אין ערגעץ האָב איך ניט איבערגעלעבט דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין בריסק. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס פאַקטיש בין איך אַרויס „איבער דער וועלט" מיט אַן ערך 38 יאָר פריער, ווי גאָר אַ יונג אינגל. אַ געבורט־שטאָט איז אַ געבורט־שטאָט. היימיש איז מיר געווען יעדע גאָס. עס האָט מיר גערירט די באַגעגעניש מיט דער שטאָט אַליין, מיט די גאַסן און בולוואַרן, וואו איך האָב פאַרבראַכט די פריסטע יוגנט.

יעדער בריסקער, קאָן איך זאָגן, וואָלט איבערגעלעבט דאָס זעלביקע, וואָס איך. און ער וואָלט געוואָלט זען זיין געבורט־שטאָט אָן אויפגעבויטע, אַ באַפעסטיקטע, קולטורעל און עקאָנאָמיש.

די סאָוועטן־מאַכט בויט בריסק. דער פאַקט, וואָס בריסק האָט שיער ניט אַזאַ באַפעלקערונג, ווי פאַר דער מלחמה, שטעלט פאָר מיט זיך אַ וואונדער פון דער סאָוועטישער בויאונג. מען קאָן די אומגעבראַכטע ניט ברענגען צוריק צום לעבן, אָבער דאָס, וואָס בריסק ווערט אויפגעבויט ווי אַ וויכטיקער צענטער, איז אין אַ געוויסער מאָס אויך אַן ענטפער די דייטשע באַרבאַרן. און מיר אַליין האָט זיך געוואָלט עפּעס בייטראָגן צו דעם דאָזיקן ענטפער. איך גלויב, אַז פיל בריסקער וועלן האָבן דאָס זעלביקע געפיל.

איך בין געווען ביים פאָרזיצער פון שטאָטישן סאָוועט, ביים מעיאָר, און ער איז געווען צופרידן צו הערן, אַז בריסקער אין אַמעריקע אינ־טערעסירן זיך מיט בריסק. און עס איז געווען נאַטירלעך, וואָס די עטלעכע און דרייסיק „אַמאָליקע" בריסקער אידן האָבן זיך דערפרייט מיט דעם גרוס, וואָס איך האָב געבראַכט. דאָס איז געווען פאַר זיי אַ גרויסע טרייסט. מען געדענקט זיי!

●

בשעת איך בין געזעסן ביי פאַניאַ ליכטענבערג אין הויז, האָבן מיר גערעדט וועגן דעם, וואָס „דער דייטש" האָט אָפּגעטאָן אין שטאָט באַלד ווי ער איז אַריין און שפּעטער, ווען די געטאָ איז געשאָפן געוואָרן. פון דעם שמועס און פון אַנדערע שמועסן מיט בריסקער, באַקומט זיך אַזאַ בילד:

באַלד ווי די דייטשן זיינען אַריין, דעם 22טן יוני, 1941, האָבן זיי זיך גענומען צום ראַבעווען. אין עטלעכע וואָכן אַרום, דעם 10טן, 11טן

און 12טן יולי, האָבן זיי געמאַכט דעם ערשטן גרויסן איבערפאַל, געכאַפּט מענטשן אין די גאַסן און אַזוי פאַרנומען אין זייערע הענט 4,200 אידן, מייסטנס יונגע מענטשן, אַ סך פון דער אינטעליגענץ. דאָ איז געווען דער אַלטער ציוניסטישער טוער בעגון, דער אַדוואָקאַט קאַפּלאַן, די דאָקטוירים טענענבוים, פּרוכטגאַרטן, זילבערשטיין. מען האָט די העכער פיר טויזנט אידן אַוועקגעפירט און מער האָט מען פון זיי ניט געהערט. שבת, דעם 28טן יולי, איז אַריין אין קראַפט אַ באַפעל, אַז יעדער איד זאָל אָנטאָן אַ מגן־דוד און אַ געלע לאַטע. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן אידן צו גיין אויף די טראָטואַרן. אַ אידן האָט מען ניט געטאָרט געבן די האַנט, קויפן ביי אים.

יעדן שבת זיינען געווען נייע גזירות.

דעם 8טן אויגוסט האָבן זיך אַלע מענער געמוזט פאַרזאַמלען אויפן גרויסן פּלאַץ צווישן „נעוווסקע" און דעם קלויסטער, צו רעגיסטרירן זיך. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע קאָנטריבוציעס. דעם טאָג האָט מען ארויפגעלייגט אויף די אידן אַן אָפּצאָל פון צוויי מיליאָן קאַרבאָוואַנצעס. דערנאָך האָט מען געפאָדערט מער. אַרום און אַרום האָט מען אַרויסגע־פּרעסט פון די אידן 26 מיליאָן קאַרבאָוואַנצעס.

דעם 2טן אָקטאָבער האָט מען פאַרנומען 24 אינטעליגענטן און זיי עפנטלעך געשלאָגן מיט שטעקנס. אַזעלכע שפּילן האָבן אָנגעהאַלטן טעג נאָכאַנאַנד. די דייטשן האָבן זיך אויף אַזאַ אופן, דורך טעראָר, באַ־ליידיקונגען, צוגעגרייט צו פאַרשפּאַרן די אידן אין דער געטאָ. ווען זיי האָבן פאַרעפנטלעכט דעם געטאָ־באַפעל, האָבן זיי אויך געזוכט אויס־צופּרעסן געלט. זיי האָבן אומישנע געהאַט באַשטימט זייער אַ קליינעם שטח פאַר די אידן פון דער שטאָט — פון דאָלגע (דלוגע) גאַס ביז דער ברייטער גאַס (שעראָקע) און פון די נייע בולוואַרן ביזן שאָסיי. ערשט ווען מען האָט זיי צוגעשטעלט צירונג, בריליאַנטן, האָבן זיי פאַרגרעסערט די געטאָ אויף איין קוואַרטאַל אין דער ברייט — פון דאָמבראָווסקע (פּאָליציייסקע) ביז דער ברייטער גאַס, און אויף נאָך אַ קוואַרטאַל אין דער טיף — פון די נייע בולוואַרן ביז איבערן שאָסיי, צו דער פּיוואָווארנע גאַס (הקדש־גאַס). די אידן אַליין האָבן געמוזט מאַכן די וואַנט אַרום און אַרום דער געטאָ. דער טויער איז געווען ביי פּיאָטריקאָווסקע (קצבישע גאַס).

די פראָנט־הייזער פון פּאָליציי־גאַס זיינען אין דער געטאָ ניט אַריין; די געטאָ־וואַנט האָט זיך אָנגעהויבן פון די הויפן, הינטער די פראָנט־הייזער (אַזוי איז שטיינבערג דעם אַפּטייקערס מויער ניט אַריין אין געטאָ;

פרוי שטיינבערג האָט ניט געוואָלט אַרויסקלייבן זיך — איז זי אַרויף אויפן בוידעם און האָט זיך פאַר׳סמ׳ט...).

דעם 16טן דעצעמבער, 1941, זיינען די אידן אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ. עס זיינען רעגיסטרירט געוואָרן 22,800 אידן (העכער פינף טויזנט האָבן שוין די דייטשן געהאַט אומגעבראַכט). איינער פון די ערשטע באַפעלן איז געווען, אַז פרויען, מיידלעך, זאָלן אָפּשערן זייערע האָר. דאָס איז געווען אַן אַקט פון דערנידערונג און — די דייטשן האָבן געדאַרפט פרויען־האָר...

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די טאָג־טעגלעכע אויסראָטונג פון דער אידישער באַפעלקערונג דורך הונגער. ווי אין אַלע געטאָס, זיינען קינדער אָפט געווען די „שפייזער" פון דער פאַמיליע. קינדער אונטער צען יאָר האָבן ניט געדאַרפט טראָגן קיין לאַטעס. פלעגן זיי דורכקריכן די געטאָ־צוימען און בעטלען, און ברענגען אַהיים די „פאַרדינסטן"...

עס איז, אמת, געווען אַ געוויסער פּראָצענט אידן אין געטאָ, וואָס האָט נאָך אַלץ געלעבט גוט, דורך האַנדלען — אויך מיט די דייטשן, פאַרשטייט זיך — אָבער 95 פּראָצענט פון דער געטאָ האָט געהונגערט. די בתי־מדרשים זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאָלקס־קיכן.

דעם 14טן אָקטאָבער, 1942, פאַרנאַכט, האָט מען די געטאָ אַרומגערינגלט און אויף מאָרגן, דעם 15טן, האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון דער געטאָ. די דייטשן, און די אוקראַינישע און פוילישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן געטאָן די אַרבעט פאַר זיי אין געטאָ, האָבן געטריבן אידן פון די הייזער, פון די גאַסן, געטריבן מחנותווייז איבערן שאָסיי אין דער ריכטונג פון באַראַנאָוויטש, צו אַן אָרט וואָס רופט זיך „בראָנאַיאַ גאָראַ". דאָרט האָט מען די אידן אומגעבראַכט.

אין משך פון אַ סך וואָכן איז נאָך אָבער פאָרגעקומען אַ געיעג אין דער געטאָ, אין די קעלערס און אויף די בוידעמער. פיל דערוואַקסענע און קינדער זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע באַהעלטענישן דורך הונגער און דאָרשט. אַזעלכע אידן האָבן זיך אָנגעקליבן עטלעכע טויזנט און זיי זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויף דאָלגע 124, אין הויף...

און אויף דעם האָבן מיר געהאַט אַן עדות צווישן אונדז, ביי דער „מאַמע" פאַניאַ ליכטענבערג אין הויז, דעם בחור׳ל שלום רייזמאַן...

אָט אַזוי זיינען מיר געזעסן און האָבן געשמועסט, און אָט אַזוי בין איך וויפיל ניט איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם, וואָס מיט די בריסקער אידן האָט פּאַסירט.

ווי געזאָגט, ווייסט מען פון ניט מער ווי זעכצן (16) אידישע

נפשות פון געטאָ, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו באַהאַלטן זיך ביי קריסטן און איבערוואַרטן קאַרגע צוויי יאָר, ביז די רויטע אַרמיי איז אַריין. ווער ווייס, אפשר איז נאָך אידן געלונגען צו באַהאַלטן זיך, אָבער אויס־האַלטן צוויי יאָר אין באַהעלטעניש איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכן. אָפּט פלעגט זיך אַ שפּיאָן דערוויסן און אַרויסגעבן. אָפּט האָט זיך דער קריסט דערשראָקן און געהייסן די באַהאַלטענע אַוועקגיין. ישׂראל מאַנקער האָט מיר דערציילט מוראדיקע געשיכטעס פון דער צייט, ווען ער און זיינע צוויי קינדער זיינען געווען באַהאַלטן — דערפון אַכצן חדשים אויף אַ בוידעם.

מיר האָבן צונויפגעשטעלט אַ צעטל פון די זעכצן, וואָס די מייסטע פון זיי זיינען שוין ניטאָ אין בריסק. מיר האָבן אויך צונויפגעשטעלט אַ צעטל פון העכער דרייסיק אַמאָליקע בריסקער, וואָס געפינען זיך אין בריסק:

ישׂראל מאַנקער מיט אַ טאָכטער און זון — ברעסט־גראַיעווקאַ, רעס־פּובליקאַנסקאַי 59; לייב ווייצמאַן מיט אַ פרוי און פיר קינדער—אוליצאַ קויבישעוואַ 143, קוואַרטירא 5; פאַניע ליכטענבערג — סאָוועטסקאַיאַ 32, קוואַרטירא 3; רחל ליכטענבערג און איר מאַן בן ציון קאַפּלאַן (דער זעלבער אַדרעס); בערל באַרשטשעווער (צאָלקע דער שלאָסערס זון) און זיין פרוי ברכה חפץ — אוליצאַ פּערעצאַ 4.

אויך: שעפּסל ראַמאַ, שלום בערעזניאַק, אברהם גאָלדמאַן, מרדכי רוזעל, געניאַ שעדראָוויצקי, יעקב וועכטערמאַן, דוד גאָטליב (דענטיסט) מיט פרוי און קינד, דר. מענדל קימעל, מנשה כאַציאַנסקי, יוסף גאָלדמאַן, שלום רייזמאַן, שרה וויינשטיין, מיכל וואַליעניץ, משה איינגעלמאַן, שאַיע גרינבלאַט, לייזער כומעץ, מאָטל ראַטנאָווסקי, אברהם הערש גאָלדפאַרב, זעליג ראַם, חיה שוכמאַן (טאָכטער פון בערל שעדראָוויצקי) און לייבל נוזענפיטער.

●

בריסק איז געראַטעוועט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, אָנגעפירט פון מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי. די אַרומרינגלונג־מאַנעווערע פון דער אַרמיי האָט געשטערט די דייטשן דורכצופירן זייער פּלאַן אינגאַנצן חרוב צו מאַכן די שטאָט. אַן ערך זיבעציק פּראָצענט פון דער שטאָט איז געבליבן.

ווען איך בין געגאַנגען און געפאָרן איבער די בריסקער גאַסן, וואָס האָבן איינגעהיט זייער אַמאָליקן אויסזען — און דאָס איז דער פאַל מיט די מייסטע גאַסן פון שטאָט — זיינען אָן אַ שיעור דערינערונגען מיר

געקומען אין קאָפּ אריין. עס האָט מיך געפרייט, וואָס די האַנט פון דעם שונא איז געווען צו קורץ אויף צו צעשטערן די גאַסן. און ווען איך בין געגאַנגען צו דער באַן, באַגלייט פון אַ גרופּע „אַמאָליקע" בריסקער, צווישן זיי דאָס בחורל שלום רייזמאַן, האָב איך געוואוסט, אַז ס'איז אפשר צום לעצטן מאָל, וואָס איך געזעגן זיך מיט מיין געבורט־שטאָט. אָבער געפילט האָב איך, אַז דער איצטיקער באַזוך וועט נאָך טיפער איינקריצן אין מיר די שטאָט פון מיין געבורט און פון מיין קינדהייט און פריסטער יוגנט — די פיל־געפייניקטע שטאָט בריסק, די שטאָט פון גרויסע שריפות, פון לומדים און משכילים, פון וועלט־באַרימטע רבנים; די שטאָט, וואָס האָט אין די צאַרישע צייטן, געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, אין וועלכער איך בין צו פופצן יאָר, אין 1906, אריינגעטראָטן; די שטאָט, וואָס די דייטשן האָבן טיילווייז חרוב געמאַכט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און וואָס זיי האָבן איצט געוואָלט אינגאַנצן אָפּווישן. בריסק, בריסק דליטא, ברעסט־ליטאָווסק.. איך געדענק די שטאָט אויך ווי „בזשעשטש נאַד בוגיעם", בשעת דאָס אַמאָליקע פוילן האָט דאָ געהערשט...

מיין פיל־געפייניקטע געבורט־שטאָט, וואו די דייטשן האָבן אומ־געבראַכט אַלע 28 טויזנט אידן, וואָס האָבן זיך אין שטאָט געפונען, צווישן זיי מיין שוועסטער מיט איר מאַן און קינדערלעך, מיט פעטערס, מומעס, שוועסטערקינדער — די גאַנצע משפחה... און חרוב געמאַכט די קברים אויפן בית־עלמין, צווישן זיי די קברים פון טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע, קרובים...

עס האָט מיר ווי געטאָן צו פאַרלאָזן די שטאָט. עס האָבן מיר זיך איינגעקריצט נאָכאַמאָל אירע גאַסן און בולוואַרן, די גאַנץ־געבליבענע און די חרוב־געמאַכטע. און צוזאַמען מיט די נייע איינוואוינער, וואָס בויען איצט די שטאָט, האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון דאָס הייפל פון עטלעכע און דרייסיק „אַמאָליקע" בריסקער. ווייל זיי זיינען אַזוי ווייניק, זיינען זיי מיר געווען אַזוי טייער, קאָן איך זיי ניט פאַרגעסן.

ווען די באַן קיין מאָסקווע האָט זיך גערירט, האָבן מיינע באַגלייטער אָנגעהויבן פאָכען מיט די הענט. איך האָב מער פון אַלץ געזען די אינגלשע האַנט פון שלום רייזמאַן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דורך אים האָבן גערעדט צו מיר די, וועמען ער האָט געזען ביי דער גרוב אויף דאָלגע 124: געדענקט! געדענקט וואָס די דייטשן האָבן געטאָן! און געדענקט בריסק!

# סאָוועטן־פאַרבאַנד

## צווייטער טייל

# אידן אין מאָסקווע—1

מאָסקווע.

איך שרייב דעם אַרטיקל אַ פּאָר וואָכן נאָך מיין קומען קיין מאָסקווע. אין משך פון דער צייט האָבן זיך ביי מיר אָנגעקליבן איינדרוקן און פאַקטן וועגן מאָסקווער אידן. אייגנטלעך האָב איך אָנגעהויבן זיך טרעפן מיט מאָסקווער אידן נאָכן אויפן באַן, פאָרנדיק פון בריסק קיין מאָסקווע. און געוואָלט האָב איך טאַקע אָנהויבן מיט אַ באַגעגעניש אויפן באַן און דערנאָך דערציילן וועגן מיינע באַזוכן אין אידישן מלוכה־טעאַטער, וואו עס שווייבלט און גריבלט, קיין עין־הרע, מיט אידן, און אויך דערציילן וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן אַרום דער גרויסער מאָסקווער שול ראש־השנה און יום־כיפּור.

איך האָב אָבער מיין פּלאַן געביטן צוליב אַ פייערלעכער זיצונג, וואָס דער אידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט האָט איינגעאָרדנט לכבוד דעם שליח פון דער „מאָרגן־פרייהייט". און כאָטש איך בין דאָס אַליין דער שליח, האַלט איך פונדעסטוועגן, אַז איך וועל ניט באַגיין קיין פאַר־ברעכן קעגן באַשיידנקייט, ווען איך וועל אַליין שרייבן וועגן דעם אָוונט. פּשוט דערפאַר ווייל איך האַלט, אַז אָפּגעגעבן כבוד האָט מען דער עיקר דער „מאָרגן־פרייהייט" און די אָרגאַניזאַציעס פון אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע, אין וועלכע איך האָב דעם כבוד צו זיין אַ מיטגליד — דער אידישער קאָונסיל פון ראַשען רעליף, דער קאָמיטעט פון אידישע שרייבער און קינסטלער, דער אַמבידזשאַן, דער אידישער פראַטערנאַלער פאָלקס־אָרדן, דער איקוף, דער אידישער מוזיק־פאַרבאַנד. איך וויל דאָ שרייבן וועגן דעם אָוונט צוליב דער גרויסער לעקציע, וואָס ער לערנט אונדז, אידן אין אויסלאַנד. ער קלערט אויף אַ סך פראַגן, וואָס ווערן געשטעלט אין אויסלאַנד וועגן די סאָוועטישע אידן.

לויט מיין מיינונג און לויט דער מיינונג פון אַ סך אַנדערע, פאַרמאָגט דער אָוונט, וואָס דער אידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט האָט איינ־געאָרדנט, זייער אַ גרויסע באַדייטונג. איך וועל זיך קודם אָפּשטעלן אויפן עולם.

די פירער פון אידישן אנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער, האָבן ארויסגעשיקט העכער פערציק איינלאַדונגען אויף א זיצונג פון פרעזידיום פון קאָמיטעט לכבוד דעם פאָרטרעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט" און פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס. געקומען זיינען כמעט אלע איינגעלאַדענע.

לאָמיר זען ווער עס איז געזעסן ביים פרעזידיום־טיש. פּראָפעסאָר לינא שטערן, א וועלט־באַרימטע פיגור אויפן געביט פון וויסנשאַפט, באַערט מיט א סטאַלין־פּרעמיע פאַר איר וויכטיקער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. די יונגע פּאָלינא געלמאַן, א פּליערין, וואָס האָט אכט הונדערט און זעכציק מאָל באָמבאַרדירט די נאַציס. זי האָט געטראָגן אויף זיך: דעם שטערן פון א העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, א לענין־אָרדען, צוויי אָרדנס פון דער רויטער פאָן און מעדאַלן פאַר קרים, פאַר קאַווקאַז, פאַרן נצחון איבער דייטשלאַנד, פאַר וואַרשע. דער פּאָלקאָווניק גריגאָרי ליניקאָוו, א רוס, א העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, איינער פון די ממש לעגענדאַרע פיגורן אין דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג, באַקאַנט אונטערן נאָמען „באַטיאַ". דער העלד פון סאָציאַליסטישער אַרבעט, דער וויסנשאַפטסמאַן באָריס זבאַרסקי, וועלכער האָט באַוויזן דעם וואונדער פון איינהיטן לענינס קערפּער. דוד זאַסלאַווסקי, מיטגליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון „פּראַוודאַ" און וועלט־באַרימטער פּובליציסט. דר. באָריס שימעליעוויטש, הויפּט פון דעם מאָסקווער באָטקין־שפּיטאָל, דער גרעסטער שפּיטאָל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און איינער פון די וויכטיקסטע און גרעסטע אין אייראָפּע. פּראָפעסאָר אהרן טריינין, אינטערנאַציאָנאַל־באַקאַנטער אויטאָריטעט אין יורידישע ענינים, איינער פון די מיטגלידער פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע אויפן ניערנבערגער פּראָצעס. מאָיסעי גובעלמאַן, א ברודער פון יעמעליאַן יאַראָסלאַווסקי, פּאָרזיצער פון פאַראיין פון די אָנגעשטעלטע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אן אַלטער קעמפער, א געוועזענער פּאַרטיזאַנען־אָנפירער אין סיביר אין דער צייט פון בירגער־קריג. גענעראַל־מאַיאָר פּיאָטר ווערשיגאָראַ, א רוס, א העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויך איינער פון די לעגענדאַרישע פיגורן אין קאַמף קעגן די נאַציס. דער אוקראַינישער דיכטער מאַקסים רילסקי, וועלכער האָט אין 1942 אָנגעשריבן זיין באַרימט ליד: „צום אידישן פאָלק".

עס זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען פאָרשטייער פון דער אידישער שרייבער־משפּחה, קינסטלער און געזעלשאַפטלעכע טוער. ביי די טישן זיינען געזעסן דוד בערגעלסאָן, לייב קוויטקאָ, א. קושנירעאָוו, פּראָפעסאָר י. דאָברושין, נח לוריע, ש. האַלקין, דער נסתר, בנימין זוסקין, דער רע־

דאָקטאָר פון „איינױקײט" ג. זשיץ, פּראָפעסאָר נוסינאָוו, לייב גאָלדבערג, דער יונגער דיכטער ווערגעליס, וועלכער איז נאָר־וואָס געקומען פון פראָנט, עליע וואַטענבערג, לעאָן טאַלמי און נאָך אַנדערע. חוץ די דער־מאָנטע ניט־אידן זיינען געווען עטלעכע רוסן, טוער פון סלאַווישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. לעבן די ניט־אידן זיינען געזעסן אידן, וואָס האָבן זיי איבערגעגעבן, וואָס די רעדנער און דער גאַסט האָבן געזאָגט, וואָס דער פאָרזיצער שלמה מיכאָעלס האָט געזאָגט ביים פאַרשטעלן זיי אויף אידיש. און זיי, די ניט־אידן, האָבן אַליין גענומען דאָס וואָרט, גערעדט וועגן די אויפגאַבן פון אידישע און ניט־אידישע אַנטי־פאַשיסטן.

ריכטיק האָט דער סעקרעטאָר פון אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמי־טעט, דער דיכטער איציק פעפער, אָנגעוויזן, אַז דער פאַרזאַמלטער עולם האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ שטיק סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס איז ניט קיין פראַגע פון אידן און ניט־אידן, עס איז אַ פראַגע פון אַנטי־פאַשיסטן, אָן שום אונטערשייד. אָט דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט און דערין באַשטייט די ספּעציעלע באַדייטונג פון דעם אָוונט, אַן אויסערגעוויינלעכע פאַר אויסלענדער. דער רוס, גענעראַל ווער־שיגאָרא, האָט זיך געפילט פונקט אַזוי היימיש ביים אידישן אַנטי־פאַשיס־טישן קאָמיטעט ווי אַ אידישער גענעראַל וואָלט זיך געפילט אויף אַ זיצונג צווישן ניט־אידן. איך האָב געקוקט אויפן רוסישן גענעראַל, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן מיר, און אויפן רוסישן פּאָלקאָווניק, דעם העלד „באַטיאַ", וואָס איז געזעסן לעבן מיר, און געפילט ווי עכט איציק פעפערס ווערטער האָבן געקלונגען.

ווען גענעראַל ווערשיגאָרא האָט גערעדט, און זיך אָפּגעשטעלט אויף די צרות וואָס אַלע פעלקער האָבן געהאַט פון די נאַציס, האָט ער באַזונדער אונטערגעשטראָכן די אויסראָטונג־אַרבעט פון די נאַציס בנוגע די אידן. דערביי האָט ער באַמערקט, אַז ער האָט איצט פאַרביטן זיין מאַשין־ביקס אויף דער פען. גענעראַל ווערשיגאָרא, ווענענס „ספּעציאַליטעט" עס איז געווען ניט לאַנג צוריק צו מאַכן „רעידס" אויף דייטשע גאַרניזאָנען, פאַנגען די שטאַבן לעבעדיקערהייט, שרייבט אַ בוך. איציק פעפער האָט אָנגעוויזן, אַז פאַר דער מלחמה איז ווערשיגאָרא געווען אַ קינאָ־טוער. געקומען די מלחמה — האָט ווערשיגאָרא באַוויזן, אַז אַ טוער פון סאָ־וועטישן קינאָ קאָן זיך גוט שלאָגן. איצט האָט ער זיך גענומען צום שרייבן.

אָט דאָס איז אַ סאָוועטישער מענטש, האָט פעפער אָנגעוויזן, ער

קאָן דינען און וועט אַלעמאָל דינען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דעם קאַמף קעגן פאַשיזם, ווי אַזוי עס וועט זיך נאָר פאָדערן.

און הערט אַ מעשה: דער פּאַרטיזאַנען־העלד פּאָלקאָווניק „באַטיאַ", דער רוס, שרייבט אַ פּיעסע וועגן פעלקער־פריינטשאַפט און איז פאַר־אינטערעסירט, אַז דער אידישער מלוכה־טעאַטער זאָל זי צום ערשטן אויפפירן.

בשעת ער האָט גערעדט, האָט ער דערציילט וועגן זיין מלאכה אין משך פון דער מלחמה: אויפרייסן דייטשע באַנען. און ער האָט אַזוי פּשוט אַ זאָג געטאָן: „איך מיט מיין קאָמיסאַר קעמאַך". מיר האָט אַ קלונג געטאָן דער אידישער נאָמען — קעמאַך. אָבער ביי „באַטיאַ'ן" איז עס אַרויסגעקומען זייער פּשוט און דער עולם האָט עס אויפגענומען ווי אַ נאַטירלעכע זאַך — סאָוועטיש. האָב איך ווידער געפילט ווי עכט עס זיינען געווען איציק פעפערס ווערטער, ווען ער האָט אָנגעוויזן, אַז ס'איז טאַקע אמת, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אַ שיין פאָלק — עס דאַרף אָבער זיין שטאַרק, און שטאַרק קאָן עס זיין דורך פעלקער־פריינטשאַפט. איך וואָלט געזאָגט: די פריינטשאַפט צווישן באַטיאַ'ן און קעמאַכ'ן.

לאָמיר ווייטער באַטראַכטן דעם עולם אַרום די טישן. די אידן, וואָס זיינען געקומען צום אָוונט און וועלכע האָבן אַ טיפן אינטערעס אין דער אַרבעט פון אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און אין דער אַרבעט פון אידישע אַנטי־פאַשיסטן אומעטום, זיינען צווישן די חשובסטע בירגער פון דעם גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד. זייערע נעמען זיינען באַרימט איבערן גאַנצן לאַנד און אין אויסלאַנד. געקומען זיינען זיי אָפּגעבן אַן אָוונט פון אַכט ביז נאָך צוועלף — ניט פון טובה וועגן, ניט פון אויבן אַראָפּ, נאָר ווי אייגענע מענטשן. דאָס האָט מיך ווידער געלערנט אַ פּעקל לעק־ציעס. איין לעקציע — וועגן גלייכהייט און אַסימילאַציע, אַן ענין וועגן וועלכן געוויסע אידן אין אויסלאַנד פאַרשרייבן אַ סך פּאַפּיר.

לויט די אָנגענומענע אַמעריקאַנער באַגריפן פון גלייכהייט, קומט געוויינלעך ניט אַ אידישער רעדאַקטאָר פון, לאָמיר זאָגן, דער „ניו־יאָרק טאַימס", באַגריסן אַ פאָרשטייער פון אַ אידישער צייטונג. דאָס קאָן אפשר פּאַסירן אין אַן אויסערגעוויינלעכן פאַל, אָבער אַלס כלל איז עס ניט אַזוי. בפרט ווען די צייטונג ווערט אַרויסגעגעבן פון די „פּראָסטע" מאַסן. אַלס כלל פּאַסירט אויך ניט, אַז אַ אידישער דאָקטאָר אין ניו־יאָרק, וועלכער האָט זיך „אַרויפגעאַרבעט" צו זיין דער הויפּט פונעם גרעסטן שפּיטאָל אין שטאָט, זאָל זיך שטאַרק מישן אין אידישע ענינים (און זאָל נאָך עפּנטלעך זינגען אידישע לידער, ווי דאָקטאָר שימעלעוויטש האָט געטאָן

אויף דעם אָוונט). דאָס זעלביקע פּאַסירט אויך ניט מיט אַן אַמעריקאַנער אידן, וואָס איז געוואָרן וועלט־באַרימט צוליב זיין מלוכה־פּאָסטן, איז וועלט־באַרימט געוואָרן אַלס וויסנשאַפטסמאַן און אַזוי ווייטער. עס זיינען פאַראַן אויסנאַמען, ספּעציעל ווען עס קומט צו „טשאַריטי", אָבער אַלס כּלל און ווען עס האַנדלט זיך וועגן קאַמף קעגן פאַשיזם, און נאָך אַלס אידן, פּאַסירט עס ניט.

פאַרוואָס? ווייל אונדזער גלייכהייט אין אַמעריקע איז זייער שטאַרק אויפן פּאַפּיר. פּאַקטיש קומען פאָר צו־שטאַרקע דיסקרימינאַציעס. איז ווען מען אַרבעט זיך אַרויף, ווייל מען זיך ניט צופיל אָנזען אַלס איד. עס וועט ניט שמעקן געוויסע רעקלאַמע־געבער אין „טאַימס", עס וועט ניט געפעלן די גבאים פון שפּיטאַל, אָדער פון אוניווערסיטעט. מען קאָן נאָך אָנרייצן אויף זיך געוויסע „קאָמיטעס" אין וואַשינגטאָן און בכּלל רע־אַקציאָנערע סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט, און אַזוי ווייטער. דער סאָ־וועטישער מין גלייכהייט איז אַן אַנדערער. ניט נאָר איז פאַראַן אמתע בירגערלעכע גלייכהייט — עס איז פאַראַן נאַציאָנאַלע גלייכהייט. קיינער ווערט ניט געצוואונגען צו אַסימילירן זיך, צו באַהאַלטן זיך. און אויף וויפיל סאָוועטישע מענטשן האָבן אַן אינטערעס אין נאַציאָנאַלע ענינים — עכטע נאַציאָנאַלע ענינים, ווייל זיי האָבן אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט — האָט דער איד אַן אינטערעס טאַקע ווי אַ סאָוועטישער בירגער. און וואָס חשובער ער איז אַלס בירגער, אַלץ גרעסער איז זיין אינטערעס.

און עס פּאַסירט אויך, אַז ניט־אידן זאָלן אים דערמאָנען אָן דעם. למשל, דער גרויסער אוקראַינישער דיכטער מאַקסים רילסקי, דעפּוטאַט אין העכסטן סאָוועט, וועלכער איז געווען אויפן אָוונט, האָט דערמאָנט די אידישע דיכטער זיי זאָלן צושיקן זייערע שאַפונגען פאַרן אידישן אַל־מאַנאַך, וואָס ווערט צוגעגרייט אין קיעוו. אַזעלכע זאַכן פּאַסירן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד...

אוודאי איז געווען גוט צו הערן פון דוד זאַסלאַווסקין, אַז די „מאָרגן־פרייהייט" איז די בעסטע אַמעריקאַנער צייטונג. דוד זאַסלאַווסקי האָט זיך איבערגענומען דערמיט, וואָס ער קאָן — ווי ער האָט געזאָגט — פאַררעכנט ווערן ווי אַ מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט". און ער האָט דערמאָנט זיין לאַנג־יאָריקן פריינט אָלגין. די מיטאַרבעטער, טוער און לייענער פון דער „מאָרגן־פרייהייט" וועלן זיך, פּונקט ווי איך, געוויס פילן געשטאַרקט אין דער אַרבעט פאַר דער צייטונג, הערנדיק די מיינונג פון אַזאַ אויטאָריטעט ווי דוד זאַסלאַווסקי. און אוודאי זיינען געווען וויכטיק די רייד פון לינאַ שטערן, פּראָפעסאָר טראַינין, באַרים

זבאַרסקי, דאָקטאָר שימעלעוויטש, דוד בערגעלסאָן, פּראָפעסאָר דאָברושין, גענעראַל ווערשיגאָראַ, פּאָלקאָווניק לינקאָוו און אַנדערע. אָבער איך שרייב ניט קיין סתם באַריכט וועגן דעם אָוונט און וועל זיך אויף די רעדעס ניט אָפּשטעלן. איך וועל זיך אויך ניט אָפּשטעלן אויף דער רעדע פונעם פאָרזיצער, פּראָפעסאָר שלמה מיכאָעלס. ער האָט דערהויבן די גאַנצע פאַרזאַמלונג מיט זיין לעצטן וואָרט, ביים שליסן דעם אָפּיציעלן טייל פון דעם אָוונט. מיכאָעלסעס רעדעס זיינען גוט באַקאַנט די אידן פון אַמע־ריקע, אָבער אַזוי רעדן האָב איך אים זעלטן געהערט.

נאָכאַמאָל, איך וועל זיך אויף די רעדעס ניט אָפּשטעלן. איך האָב נאָר געוואָלט אָנווייזן, וואָס דער אָוונט האָט געהאַט צו זאָגן אויף די טעמעס: אידן אין מאָסקווע, אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, קולטור־גלייכהייט, פעלקער־פריינטשאַפט, אמתער קאַמף קעגן פאַשיזם.

דער אָוונט האָט אויך אונטערגעשטראָכן די גרויסע ראָל און די גרויסע אויטאָריטעט פון דעם אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט.

# אידן אין מאָסקווע—2

„קאָמו פּאָדטשיניאַעטסיאַ ווּרעמיאַ" (וועמען די צייט גיט זיך אונ־טער) איז דער נאָמען פון איינער פון די דערפאָלגרייכסטע פּיעסן אין מאָסקווע. מען שפּילט זי אין וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער. שווער צו קריגן אַ בילעט זי צו זען. דאָס איז אַ שפּאַנענדיקע מלחמה־מעלאָדראַמע, מיט העלדן־מעשׂים, מסירת־נפש, זיג איבערן שונא. נאָר ניט וועגן דער פּיעסע און וועגן דעם שפּילן שרייב איך דאָ. איך שרייב וועגן אידן אין מאָסקווע.

די זייער שטאַרק באַזוכטע פּיעסע אין איינעם פון די זייער שטאַרק באַזוכטע מאָסקווער טעאַטערס איז אייגנטלעך אַ אידישע — און ניט אַזוי צוליב דעם, וואָס אירע פאַרפאַסערס, די ברידער טוּר, זיינען אידן. אין דער פּיעסע שפּילט אַ ראָל אַ אידישער זייגערמאַכער, רובינשטיין (געשפּילט פון פאַרדינסטפולן ארטיסט פון דער רוסישער סאָוועטן־רעפּובליק, י. ראַפּאַפּאָרט). רובינשטיין „וואוינט" אין אַ חרוב הייזל אין געטאָ. ס'איז פּסח, סדר־נאַכט. קומט צו אים איינער פון די באָלשעוויסטישע טוער מיט אַ פּלאַן: דער נאַצישער הענקער פון שטאָט, לודוויג ראָגע, וואָס פאַר־מאָגט אַ וואונדער־זייגער, אַן אַנטיק, זוכט אַ זייגערמאַכער. זאָל רובינ־שטיין נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו „פאַרריכטן" דעם זייגער. ער וועט אויף אַזאַ אופן קאָנען אונטערלייגן אַ מינע אין ראָגע'ס הויפּט־קוואַרטיר.

בשעת דער באָלשעוויסטישער טוער און דער זייגערמאַכער שמועסן אַזוי, צווישן די חורבות, אין דער טראַגישער און פינצטערער סדר־נאַכט, גייט אַוועק אַ דיאַלאָג וועגן דער אידישער לאַגע. דער אַלטער זייגערמאַכער איז אַ קלוגער און באַריידעוודיקער איד. ער רעדט וועגן דער אידישער געשיכטע, וועגן אַמאָליקע צרות און היינטיקע. אין זיינע רייד הערט זיך פון צייט צו צייט יאוש, ביטול, אָבער דער עיקר אידישער שטאָלץ; זיכער־קייט, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט איבערלעבן די נאַציס.

רובינשטיין קומט אין דער הויפּט־קוואַרטיר, אין פּאַלאַץ און טרעפט זיך פּנים אל פּנים מיטן הענקער ראָגע. דער נאַצי הויבט אָן מיט אַ דונערנ־דיקן באַפעל: פאַרריכט דעם זייגער, אַניט — דער טויט. עס אַנטוויקלט

זיך אַ שפּאַנענדיקער, דראַמאַטישער דיאַלאָג. אין רובינשטיינס רייד איז פאַראַן קלוגשאַפט, סאַרקאַזם, אידישער שטאָלץ, שרעקלאָזיקייט. ער מאַכט עס פּאָרזיכטיק, מיט אַ ווערטל, אַ משל, אָבער דער עולם כאַפּט דעם מיין (דער נאַצי, וועלכער באַגרייפט אויך אָפט, וואָס עס ליגט הינטער דעם אידנס רייד, קריצט מיט די ציין און דולדעט, ווייל עס גייט אים אין לעבן, אַז דער וואונדער־זייגער, וועלכן ער האָט צוגערויבט אין האָלאַנד, זאָל פאַרריכט ווערן).

ווי שפּאַנענדיק די פּיעסע איז ניט געווען, האָב איך אָבער אָפט געוואָרפן בליקן אויפן עולם. דאָס איז געווען שיער ניט אינגאַנצן אַ רוסישער עולם. ער האָט כסדר אַפּלאָדירט דעם אידן, אַפּלאָדירט די פאַר־שטעלטע שטעכווערטלעך, וואָס דער איד האָט געוואָרפן, אַפּלאָדירט די ווערטער, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט לעבן.

איך האָב געטראַכט וועגן דעם, ווי אַן עולם אין אַ טעאַטער אויף בראָדוועי, אין ניו־יאָרק, וואָלט רעאַגירט, און צי אַזאַ פּיעסע וואָלט בכלל געקאָנט זיין דערפאָלגרייך אויף בראָדוועי, און צי מען וואָלט זי דאָרט איבערהויפּט געשטעלט...

רובינשטיינס (ראַפּאָפּאָרטס) ראָל און דער אופן, ווי דער מאָסקווער עולם האָט אויף איר רעאַגירט, האָט מיר געהאָלפן אַריינבליקן אין דעם ענין: אידן אין מאָסקווע, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דעם זעלביקן אָוונט בין איך מיט אַ רויטן בליישטיפט דורכגעגאַנגען אין דער „וועטשערנאַיאַ גאַזעטאַ", די זייער פּאָפּולערע מאָסקווער אָוונט־צייטונג, די אַנאָנסן פון מאָסקווער אוני־ווערסיטעט און פאַרשיידענע אינסטיטוטן, וואו עס איז געמאָלדן געוואָרן, אַז די און די פּערזאָנען וועלן עפנטלעך פאַרטיידיקן דיסערטאַציעס (ביים באַקומען דעם דאָקטאָר־טיטל, אינזשענער־טיטל און אַזוי ווייטער). צווישן די אַן ערך 120 נעמען, וואָס זיינען אין די אַנאָנסן געווען אויסגערעכנט, האָב איך באַגעגנט עטלעכע און צוואַנציק אידן.

ניט נאָר די צאָל איז געווען וויכטיק — אַרום צוואַנציק פּראָצענט. דאָס אויך. דער עיקר איז געווען וויכטיק צו זען אין וואָס פאַר אַ פעלד פון דער וויסנשאַפט אידן געפינען זיך.

די נעמען יאַגלאָם, פינקעלשטיין, ערענבורג, פעלדמאַן, שולמאַן, קאָונער, גאָלדשטיין, געלמאַן, שאַצאָוו, ראָכלין, גורעוויטש, ריווקין, זאַקס, שטערמאַן, הירש, קוגעל, גענדעל, הענקין, אַדלער, ספּיוואַק, רובינ־שטיין, קאַגאַן, האָבן זיך געפונען אין אַנאָנסן פון די אוניווערסיטעט־אָפּטיילונגען און אינסטיטוטן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט די פאָלגנ־

דיקע ענינים: מאַטעמאַטיק, כעמישע טעכנאָלאָגיע, פּעדאַגאָגיע, אַוויאַ־ציע, נאַפט, עלעקטראָ־טעכניק, בויאונג פון סטאַנאָקן (דריי־בענק, לעיטהס), מעדיצין, יורי, הידראָ־טעכניק, עלעקטראָ־מעכאַניק, טראַנס־פּאָרט, מאַשין־בוי, אויטאָ־מעכאַניק.

האָב איך געזען דורך די אַנאָנסן — מאָסקווער אידן, סאָוועטישע אידן. איך האָב געזען, אויב מען וויל, אידישע פּרנסות. איך האָב ניט געזען קיין „אידישע קאָנצענטראַציע" אויף באַשטימטע געביטן, ווי מעדי־צין, אינזשענערריי. איך האָב געזען אידן אויף אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט און טעכניק (פיל געביטן האָבן, פאַרשטייט זיך, געפעלט אין די אַנאָנסן). איך האָב געזען אידן אויף געביטן — אַוויאַציע, נאַפט, טראַנספּאָרט, מאַשין־בוי און אַזוי ווייטער — אויף וועלכע מען זעט זיי ניט אין אַמעריקע.

עס האָט זיך אויך אַזוי געמאַכט, אַז אין יענע טעג, ווען מיר איז איינגעפאַלן דורכצוקוקן די אַנאָנסן פון די מאָסקווער הויך־שולן אין דער „וועטשאָרקע", איז דערשינען אין דער צייטונג „מאָסקאָווסקי באָלשעוויק" (אַ טעגלעכע) אַן אַרטיקל פון דעם דירעקטאָר פון באַרימטן אויטאָ־זאַוואָד אויף סטאַלינס נאָמען, ליכאַטשעוו. האָט ער גערעדט וועגן דעם הויפּט פונעם אינסטרומענטן־צעך, סעגאַלאָוויטש, וועגן דעם הויפּט־אינסטרוק־טאָר פּיטערמאַן, וואָס האָט געקראָגן די סטאַלין־פּרעמיע. ליכאַטשעוו האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געמאַכט קיין צעטל פון אידן, וואָס פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין דער אויטאָמאָביל־פאַבריק, אַלס אַרבעטער, אַלס אָנפירער. מיר ווייסן, אַז עס זיינען דאָ אַ סך אַנדערע. הייַנטיקן זומער האָט דער איד אחרון געקראָגן אַ סטאַלין־פּרעמיע פאַר זיין ראָל אַלס אינ־סטרוקטאָר אין דעם זעלביקן אויטאָ־זאַוואָד. ליכאַטשעוו האָט נאָר צו־פעליק דערמאָנט די צוויי אידישע נעמען, צוזאַמען מיט עטלעכע אַנדערע. אָבער פאַר מיר איז עס געווען באַדייטונגפול.

אין אַמעריקע זעט מען ניט, צום באַדויערן, קיין אידישע נעמען, ווען עס רעדט זיך וועגן אַן אָנפירער פון אַן אינסטרומענטן־אָפּטייל, וועגן אַ הויפּט־אינסטרוקטאָר פון אַן אויטאָמאָביל־פאַבריק...

איך האָב געזען אין די נעמען אין די צוויי צייטונגען, ווי אין דער האַלטונג פון דעם עולם אין וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער, פולע, דורכאויסיקע אידישע גלייכהייט. איך האָב געזען אידן אויף אַלע געביטן פון דער ווירטשאַפט, פון דער וויסנשאַפט און טעכניק. איך האָב געזען — אין טעאַטער — עטוואָס פון דער גאַנצער סיסטעם פון קאַמף פאַר פעלקער־פריינטשאַפט, קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, און איך האָב — אין די

צייטונגען — געזען עטוואָס פון די פּרוכט דערפון.

איך האָב געזען עטוואָס פון דער סיסטעם, וואָס האָט געשאַפן אַ אידיש לעבן, וואָס איז געזינטער, און וואָס איז דורכאויס אַנדערש ! איך האָב דעריבער געזען עטוואָס פון דער סיסטעם, וואָס האָט אָפּגעשאַפט כמעט אַלע פאָרמען פון „אידישער טעטיקייט", ווי זי איז אונדז באַקאַנט אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער. „אידישע" אַרבעט, קאָמפּאַניעס, אינסטי־טוציעס און אָרגאַניזאַציעס — אין קאַמף פאַר רעכט, גלייכהייט, קעגן אַנטיסעמיטיזם, זיינען אָפּגעשאַפט, אָפּגעפאַלן, ווי עס איז אויך אָפּגעפאַלן די נויטווענדיקייט אין פּראָטערנאַלע, וואוילטעטיקע, צדקה־אָרגאַניזאַציעס.

אפשר ניינציק פּראָצענט פון „אידישער טעטיקייט" אין אַמעריקע, למשל, איז פאַרשוואונדן !

עס האָט זיך אויך אַזוי געמאַכט, אַז אין יענע טעג, ווען איך בין געווען אין מאָסקווע, איז געפייערט געוואָרן דער 25טער יובילייַ פון דער אַקטריסע פון אידישן מלוכה־טעאַטער, מינקאָווא — 25 יאָר זינט זי איז אַ מיטגליד פון דעם טעאַטער. אויף אַן אינטימען צוזאַמענקונפט לכבוד דעם יובילייַ האָט מען געזען אידישע אַקטיאָרן, שרייבער, קאָמאַנדירן פון דער אַרמיי, מלוכה־לייט, בויער, צווישן זיי גענעראַל טאַנקעלעוויטש (אַ איד), איינער פון די הויפּט־אינזשענערן און אָנפירער פון דער בויאונג פון דער מאָסקווער מעטראָ (סאָבוועי) אויפן נאָמען פון לאַזאַר מ. קאַגאַנאָ־וויטש. דאָס איז ווידער געווען אַ מוסטער פון פולער גלייכהייט און פון אַ אידיש לעבן, וואָס איז אַנדערש. דאָס איז אויך געווען אַ ביישפּיל פון דער ראָל פון אידישן טעאַטער, פון דער אידישער קולטור.

דער אידישער טעאַטער איז ניט עפּעס אַן אָפּגעזונדערטע זאַך, אַ יתומל. ער, ווי די אידישע קולטור בכלל, איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם גאַנצן לעבן, פון דער גאַנצער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט. און ווייל אַמאָליקע טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון אידישקייט זיינען אָפּגעפאַלן, פאַרנעמט דער אידישער טעאַטער, ווי די אידישע קולטור בכלל, אַזאַ ספּעציעל אָרט. און ווען עס קומען מענטשן מיט טענות, הלמאַי מען שטעלט זיך אַזוי פיל אָפּ אויפן אידישן טעאַטער, בשעת מען רעדט וועגן אידישקייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, קאָן מען זען, אַז זיי באַגרייפן ניט די ראָל זיינע, — פּונקט ווי עס באַגרייפן ניט די דאָזיקע ראָל יענע, וואָס קאָנען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס די סאָוועטישע מלוכה גיט אויס אַזוי פיל געלט אויף די אידישע טעאַטערס.

וועגן די טעאַטערס, באַזונדערס וועגן מאָסקווער אידישן מלוכה־טעאַטער, און בכלל וועגן דער אידישער קולטור, ווי דער אויסדרוק פון

אידישקייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, שרייב איך — בקיצור — אין אַן אַנדער קאַפּיטל („קולטור און לעבן"). לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן אויף צוויי אַנדערע מאָמענטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט „אידן אין מאָסקווע", אָדער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל: 1) דאָס רעליגיעזע לעבן און 2) אַנטי־סעמיטיזם.

ניט אַלע טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון אידישקייט זיינען אָפּגעפאַלן. צווישן דעם פערטל מיליאָן אידן אין מאָסקווע זיינען פאַראַן טויזנטער רעליגיעזע אידן. זיי האָבן שולן, חברות, מקוואות, אַ בית־עלמין, חברה קדישא, און אַזוי ווייטער. אין די שולן לערנט מען משניות, גמרא, שטעלט מען חופּה, פאַרנעמט מען זיך מיט גט'ן, יאָרצייטן און אַזוי ווייטער. דעם צווייטן טאָג ראש־השנה און צו כל נדרי, אַ פּאָר טעג נאָך מיין אָנקומען אין מאָסקווע, בין איך צוגעגאַנגען צו דער גרויסער שול (ביי מאַראָסעיקע). עס זיינען געווען טויזנטער אידן. די וואָס האָבן ניט געקאָנט אַריין אין שול, האָבן געהערט דעם הויפּט־חזן (מיכאאיל אַלעקסאַנדראָוויטש) דורך „הויך־רעדנער" פון דרויסן. מיליציע האָט אַכטונג געגעבן, מען זאָל ניט פאָרן דורך דער גאַס, וואו די שול געפינט זיך.

די שול גופא איז געווען ווי געהעריק רעמאָנטירט, מיט טראַדיציאָנעלע מאָלערייען פון אינעווייניק. מען האָט געקאָנט באַמערקן, אַז זי ווערט גוט געהאַלטן. נאָך כל נדרי האָט מען מיר געזאָגט, אַז די „קערה" (די שיסל, אין וועלכער מען וואַרפט אַריין ביישטייערונגען, פאַר כל נדרי) האָט אַריינגעבראַכט „היפּשע הונדערטער טויזנטער רובל". איך ווייס ניט גענוי ווי גרויס עס איז געווען דער בודזשעט פאַרן יאָר 1946, ווען איך בין אין מאָסקווע געווען, איך האָב אָבער געזען די ציפערן פון דעם בודזשעט פון דער מאָסקווער קהילה אין 1945. צוויי מיליאָן מיט זעקס הונדערט טויזנט רובל האָט זי דעם יאָר אַריינגענומען פון פאַרקויפן „שטעט" אין דער גרויסער שול און אין די אַנדערע שולן. זי האַלט אויס צוועלף רבנים, מיטן הויפּט־רב, שלמה שליפער, וועלכער איז אויך דער פאָרזיצער פון דער קהילה (פריער האָט שמואל טשאָברוצקי פאַרנומען דעם אַמט). זי האַלט אויס נאָענט פון פופציק אָנגעשטעלטע, אַ כאָר, סטודענטן אין דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע, עטלעכע חזנים, — חוץ דעם הויפּט־חזן. זי האַלט אויס שוחטים, מוהלים און אַנדערע כלי־קודש. אויף דעם און אויף די אינסטיטוציעס, וואָס מיר האָבן פריער אויסגערעכנט, האָט זי אין 1945 אויסגעגעבן אַ מיליאָן מיט 400 טויזנט רובל. אויף הילף אַנדערע קהילות האָט זי אויסגעגעבן אַ מיליאָן רובל. די מאָסקווער

רעליגיעזע קהילה פאַרמאָגט אַ זייער רייכע ביבליאָטעק פון 160 טויזנט ביכער רבנישע ליטעראַטור, רעליגיעזע ספרים.

אין דער ביוראָ פון דער גרויסער שול האָב איך זיך געטראָפן מיט הרב שלמה שליפער, שמואל טשאַברוצקי און די רבנים אליהו מאַנדלער, גראַנדע, וואָס זיינען דערביי געווען. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן זייערע פאַרבינדונגען מיט רעליגיעזע קהילות אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, בעסאַראַביע, ליטע, לעטלאַנד, ביראָ־בידזשאַן. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען ביים מיניסטעריום פון רעליגיעזע ענינים רעגיסטרירט אַרום דריי הונדערט רעליגיעזע אידישע קהילות.

ערב מיין אָפּפאָרן פון מאָסקווע, אָנהויב יאַנואַר (1947), האָט מען מיר געבראַכט אַ פּלאַקאַט, וואָס איז געווען אויסגעהאַנגען אין דער געגנט פון אַרבאַט, אין מאָסקווע, וועגן אַ סיום־התורה אין דער אַרבאַטער שול דעם 5טן יאַנואַר.

איך האָב באַזוכט בתי־מדרשים אין זשיטאָמיר, בערדיטשעוו, קיעוו, ווילנע.

עס איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס איך האָב זיך מיט רעליגיעזע אידישע ענינים אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט געקאָנט צופיל אָפּגעבן (כאָטש עס איז גראָד אויסגעקומען, אַז מיין ערשטע קעיבל פון מאָסקווע איז געווען וועגן מיין שמועס מיט די רבנים, — ווייל אַ פריערדיקע קעיבל, וועגן מיין רייזע פון בריסק קיין מאָסקווע, וועלכע ווערט געדרוקט ווי די סאַמע ערשטע דאָ, אין דעם בוך, אין דער אָפּטיילונג וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין וועג). איך האַלט אָבער פאַר נויטיק וויפיל ניט איז צו רעדן דאָ וועגן רעליגיעזן אידישן לעבן, ווייל איך וויל געבן דאָס גאַנצע בילד, און אין דעם בילד פונעם אידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרנעמט אַן אָרט די רעליגיעזע פאָרם, מיט אַלע אירע טראַדיציאָנעלע שטריכן.

און זיי זיינען באמת טראַדיציאָנעל, ניט „רעפאָרמירט". דער טיפּ פון דער אַמאָליקער „קאָר־שול", וואו די צערעמאָניעס זיינען געווען אויף רוסיש, איז ניטאָ.

אפשר דאַרף מען דאָ דערמאָנען נאָך אַ פאָרם פון אידישקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער שול — די קאָנצערטן, וואָס דער הויפּט־חזן גיט, אין זאַלן און אויף דער ראַדיאָ. אָבער די פאָרם פון אידישקייט דערמאָנט שוין מער אָן דער פאַרשטעלונג אין וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער. איך האָב איינ־מאָל געהערט דעם חזן אין עטלעכע אידישע פאָלקס־לידער אויף אַ ליטע־ראַרישן מאָנטיק פון דער „אייניקייט". ערב מיין אַרויספאָרן בין איך

געוועזן אויף זיינעם אַ קאָנצערט אין גרויסן זאַל פון דער מאָסקווער קאָנ־סערוואַטאָריע. דער זאַל איז געווען פול מיט אַן עולם, וואָס איז אוודאי אויף נײַנציק פּראָצענט געווען ניט קיין אידישער. די ערשטע דריי פּערטל פון דער פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון אַריעס און רוסישע לידער (דער חזן, מיכאאיל אַלעקסאַנדראָוויטש, איז פאַר דער מלחמה געווען זינגער אין דער קאָוונער אָפּערע און חזן פון קאָוונע). די אידישע לידער זיינען געקומען צום סוף, און דער עולם, אַן ערך נײַנציק פּראָצענט אַ רוסישער, ווי געזאָגט, האָט אויף זיי געוואַרט.

דאָס ברענגט אונדז צום פּונקט 2: אַנטיסעמיטיזם, און דער קאַמף קעגן אים, קאַמף פאַר פעלקער־פרײַנטשאַפט.

די סאָוועטן־מאַכט בכלל איז צום אויסברוך פון דער מלחמה, אין 1941, געווען קאַרגע 24 יאָר אַלט. אין געוויסע טיילן, אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, וואו עס האָבן ביז 1919, 1920, 1921, און נאָך שפּעטער, געהערשט די פּעטליוראָווצעס, פּילסודסקי־לייט, דעניקין, און אַזוי ווייטער, און עס האָבן געבושעוועט פּאָגראָם־באַנדעס, איז די סאָוועטן־מאַכט אַלט געווען ווייניקער. אין משך פון די 20־24 יאָר זיינען פאָרגעקומען קאַמפן מיט אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן, מיט קולאַקעס, מיט אַמאָליקע איינפלוסן פון דער קירכע. די „לעצטע שלאַכט", מיט די קולאַקעס, איז פאָרגעקומען אין די יאָרן 1932־1933. ווען היטלער איז מיט אַכט יאָר שפּעטער אַריין אין אוקראַינע, אין ווייסרוסלאַנד, אין די קאָזאַקן־געגנטן ביים דאָן און קובאַן, האָט ער געטראָפן די איבערוועלטיקע מערהייט פון דער באַ־פעלקערונג אַ סאָוועטיזירטע. דערפאַר זיינען אַ סך אידן באַהאַלטן גע־וואָרן, אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנען, צווישן וועלכע זיי, די געראַטעוועטע אידן, האָבן פאַרנומען אַן אָרט. אָבער אויף אַ געוויסן פּראָצענט איינוואוינער האָבן געווירקט היטלער'ס העצעס און זיי האָבן דערזען אַ געלעגנהייט אָפּצורעכענען זיך מיט סאָוועטישע מענטשן, מיט די פּויערים, וואָס האָבן „פאַרכאַפּט" די פּריצישע און קולאַקישע ערד, אָפּרעכענען זיך מיט אידן. דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז געווען באַ־האַלטן אין די הערצער און אין די מוחות, האָט געשלומערט, געהאַלטן ביים אויסגיין, איז געקומען צום לעבן, אַפילו צווישן געוויסע אַרבעטס־מענטשן (וואָס זיי אָדער זייערע עלטערן זיינען פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע געווען פאַר'סמ'ט). היטלערס אומגעהויערע, זייער טיכטיק־געפיר־טע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אויפן פראָנט און הינטערן פראָנט האָט דאָ און דאָרטן געקראָגן אַן אָפּקלאַנג. און וואו נאָר עס האָט זיך געמאַכט אַ פּאַניק, האָבן די אַנטיסעמיטן דערזען פאַר זיך אַ געלעגנהייט.

מען דאַרף דאָ נאָך צוגעבן, אַז אין מערב־אוקראַינע, מערב־ווייס־רוסלאַנד, בעסאַראַביע, ליטע, לעטלאַנד, עסטאָניע, איז די סאָוועטן־מאַכט אַלט געווען ניט מער ווי אַ יאָר־אַנדערהאַלבן ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. דאָ איז די ירושה פון דער אַלטער פּוילישער הערשאַפט, רומענישער, ווי פון די באַלטישע פאַשיסטן, געווען ווייניק אָנגערירט.

נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל מוז מען אונטערשטרייכן: די מלחמה האָט צווישן די סאָוועטישע פעלקער אַרויסגערוקט די שענסטע און נאָבלסטע אייגנשאַפטן, ממש לעגענדאַרישן מוט, מסירת־נפש, אַנטי־פאַשיסטישע עקשנות, אין אַ פיל גרעסערער מאָס ווי צווישן אַנדערע פעלקער. און אויך אַרויסגערוקט געמיינע און נידעריקע אייגנשאַפטן, כאָטש אין אַ פיל קלענערער מאָס, ווי ביי אַנדערע פעלקער (ביי אידן אַפילו זיינען געווען פאַררעטער, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן די נאַציס אויסצוראָטן אידן!).

היטלערס פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך דאָ און דאָרטן „אָנגענומען", צום מייסטן דאָרט וואו עס איז נאָך פריש געווען די ירושה פון די פּוילישע, רומענישע און באַלטישע אַנטיסעמיטן. דאָס איז געווען דער עיקר אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע, אָבער אין אַ גרויסער מאָס אַן אַנטיסעמיטישע. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון אויסראָטן די נאַצישע באַצילן, דערין די אַנטיסעמיטישע.

דאָס איז אַן אָפענע זאַך. פאָרשטייער פון דער סאָוועטן־מאַכט האָבן אין ניו־יאָרק, למשל, ביי געוויסע געלעגנהייטן אָנגעוויזן אויף דעם. איך געדענק אַ רעדע אין 1943, אָדער 1944, פונעם דעמאָלטיקן סאָוועטישן גענעראַל־קאָנסול אין ניו־יאָרק, יעווגעני קיסעלעוו, אויף אַ צוזאַמענקונפט פון פירער פון לאַנדסמאַנשאַפטן, אין וועלכער ער האָט אָנגעוויזן וואָס פאַר אַן אַרבעט עס שטייט־פאָר צו טאָן נאָך דער מלחמה, אויסצוראָטן די באַצילן פון אַנטיסעמיטיזם. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט מען די אַרבעט אָנגעהויבן. מ'האָט אָנגעהויבן רייניקן.

אַנטי־סאָוועטישע העצער האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן „פּאָגראָמען" — אין קיעוו, אין כאַרקאָוו און אַזוי ווייטער. ווען איך בין געווען אין קיעוו, האָב איך זיך נאָכגעפרעגט. איך האָב גערעדט מיט כאַרקאָווער איינוואוינער. די קלאַנגען זיינען געווען ליגנערישע, בייזוויליק פאַברי־צירטע, ווי איך האָב פריער געוואוסט. דאָ און דאָרטן האָט אָבער „אַרויס־גערעדט" פון עמעצן היטלערישע פּראָפּאַגאַנדע, געמישט מיט אַנטיסעמי־טישע רעשטלעך פון אַמאָליקע, צאַרישע, צייטן, אָדער פון דעם פּילסוד־סקישן, רומעניש־אַנטיסעמיטישן און באַלטיש־פאַשיסטישן נעכטן. דאָ און דאָרטן האָט עמעצער געמיינט, אַז אין אוקראַינע, למשל, אָדער אין

ליטע, זיינען ניטאָ קיין אידן (איידער זיי זיינען געקומען צוריק פון עוואַקו־אַציע, אין די הונדערטער טויזנטער) און ער האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן דערפון, אָדער האָט עס געהאַלטן פאַר גוט. די היטלער־באַציל־ן זיינען געקומען צום אויסדרוק אין פאַרשיידענע פאָרמען. האָט מען זיי גענומען אויסרייניקן. אויפן סאָוועטישן שטייגער.

ווען איך בין אָנגעקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אומגעפער אַ יאָר נאָך דער מלחמה, זיינען זיי שוין געווען אין אַ היפּשער מאָס אויסגעראָטן. ווען איך בין אַוועקגעפאָרן, מיט דריי און אַ האַלב חדשים שפּעטער, האָט די גאַנצע פּראָבלעם אָנגעהויבן פאַרשווינדן. עס האָט זיך שוין געפילט, אַז דאָס סאָוועטישע לעבן קערט זיך אום צוריק צום פאַר־מלחמהדיקן שטייגער. ווייל דער קאַמף פאַר פעלקער־פריינטשאַפט איז אַ גרונטיקער, אַן אומאויפהערלעכער. און עס איז ניט אויסצורעכענען די פאָרמען פון דעם קאַמף.

די נאָענטע פאַרבינדונג פון די קולטורן פון די פאַרשיידענע פעלקער איז איין פאָרם פון דעם קאַמף, פון דער אויפקלערונג, פון דעם סאָוועטישן שטייגער: פעלקער־פריינטשאַפט. אַהער גייען אריין שלום־עליכם אָוונטן אויף רוסיש, אוקראַיניש און אַזוי ווייטער. אַהער גייט אריין אַ פּאַראַדנע דערעפענונג פון אידישן טעאַטער אין מינסק, צו וועלכער עס קומט די רעגירונג, די פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַהער גייט אריין די אויפפירונג פון „טוביה דער מילכיקער" און „200 טויזנט" אויף אוקראַיניש און אַנדערע שפּראַכן. אַהער גייען אריין די איבערזעצונגען פון די ווערק פון אידישע שרייבער אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. אַהער גייט אריין די ראָל פון דעם זייגערמאַכער אין דער פּיעסע „קאָמו פּאָדטשיניאַ־יעטסיאַ ווּרעמיאַ", ווען די צייט גיט זיך אונטער.

די אַפּלאָדיסמענטן פון דעם עולם אויף די רייד וועגן אידישע ליידן, און וועגן דעם, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט לעבן, האָבן אַ סך זאַכן פאַר־ענטפערט. און אַ סך זאַכן, וואָס איך האָב געזען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, צווישן זיי די אַנאָנסן אין דער „וועטשערנאַיאַ מאָסקוואַ", האָבן געוויזן: דאָס אידישע לעבן אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד איז גאָר אַנדערש ווי אין אַנדערע לענדער. ס'איז אַ געזונט אידיש לעבן. די אידישע וויטיקן פון אַמעריקע, למשל, זיינען דאָ ניט בנימצא.

# אידייאישקייט אין קולטור

מאָסקווע.

איך האָב געקראָגן אַן אויסשניט פון דער „ניו־יאָרק טאַימס", לויט וועלכן עס קומט אויס, אַז מען האָט שוין „ווידער" געמאַכט אַן אָנפאַל אויף דעם קאָמפּאָזיטאָר דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש. און מען ציטירט דערביי פון אַן אַרטיקל אין דעם וואָכנבלאַט „קולטורא אי זשיזן" (קולטור און לעבן), געשריבן פון י. נעסטיעוו. און דאָס קעפּל איבער דער געשיכטע אין דער „טאַימס" לייענט זיך: „שאָסטאַקאָוויטשעס נייע סימפאָניע ווערט באַצייכנט ווי ניט אין טאָן מיט דער פּאַרטיי־ליניע". און אויב „פּאַרטיי־ליניע", איז דאָך שוין צרות.

אין לאָמיר זען וואָס פאַר אַ מין „אָנפאַל" מען האָט אויף שאָסטאַקאָוויטשן געמאַכט.

י. נעסטיעוו דערמאָנט קודם, אַז אין מאַי איז געוואָרן צוואַנציק יאָר זינט עס איז אויפגעפירט געוואָרן שאָסטאַקאָוויטשעס ערשטע סימפאָניע. „שוין צוואַנציק יאָר — זאָגט דער שרייבער — אַז די שאַפונגען פון אָט־דעם הויך־טאַלאַנטירטן קינסטלער, וועלכע ברייטערן זיך אויס און אַנטוויקלען זיך כסדר, ציען־צו צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די צוהערער אין אַלע לענדער פון דער וועלט. דאָס בעסטע, וואָס שאָסטאַקאָוויטש האָט געשאַפן, שטעלט פאָר מיט זיך דעם שטאָלץ פון דער סאָוועטישער קולטור." (דאָ און ווייטער אונטערגעשטראָכן פון מיר. — פּ. נ.).

און ווייטער זאָגט נעסטיעוו: „שאָסטאַקאָוויטש פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעכע קאָמפּאָזיטאָרישע מייסטערשאַפט. ווער פון זיינע צוהערער ווערט דען ניט איבעראַשט פון זיין פאַרשיידנאַרטיקער קלאַנגפולקייט, וואָס אָט בלענדט זי מיט קאַלטן בריליאַנטענעם גלאַנץ און אָט, פאַרקערט, ווירקט זי מיט דער געוואַלטיקער קאַרגשאַפט, ריינקייט און „איינזאַמקייט" פון די קלאַנגען. עס איז אויך צו באַוואונדערן אין זיין מוזיק די דערפינדערישקייט פון פאָרמען, כאָטש אַמאָל קוקט עס אויס, ווי דער קאָמפּאָזיטאָר שטרעבט אומישנע צונויפצופּאָרן אין זיין מוזיק די טראַ־

דיציעס פון די אַלטע קלאַסיקער מיט געוואַגטע, אַרויסרופנדיקע פאָרמעלע זוכענישן.״

נאָך דעם דאָזיקן אַריינפיר, וועלכער פאַרמאָגט צום גרעסטן טייל אַ לויב דעם קאָמפּאָזיטאָר שאָסטאַקאָוויטש, שטעלט זיך דער שרייבער אָפּ אויף דער לעצטער סימפאָניע פון דעם קאָמפּאָזיטאָר, די ניינטע. מיט דער־אָ שאַפונג שאָסטאַקאָוויטשעס איז דער שרייבער ניט צופרידן. דער־וואַרט האָט מען פון דעם גרויסן קאָמפּאָזיטאָר — זאָגט ער — אַ סימ־פאָניע וועגן דעם גרויסן זיג. אַזוי איז טאַקע די ניינטע סימפאָניע פון שאָסטאַקאָוויטשן על פי טעות באַצייכנט געוואָרן. אָבער אין דער אמתן איז זי אַ מין „סימפאָניע־סקערצאָ״, אַ שפּילכל, אַ שפּאַס, אַ הומאָריסטישע נאָכמאַכונג פון דער לייכטער מוזיק פון היידען און בעטהאָווען, און ניט דאָס, וואָס מען האָט דערוואַרט און ניט דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך.

י. נעסטיעוו ווייזט אָן, אַז אין שאָסטאַקאָוויטשעס שאַפונג זיינען פאַראַן צוויי וועגן. איין וועג דריקט אויס „די שטרעבונג צו הויכער אידיי־אישקייט און מענטשלעכקייט״ אין דער קונסט. דאָס פילט מען אין דער פרעכטיקער פינפטער סימפאָניע, אין די בעסטע זייטלעך פון קווינטעט, אין דעם הומאַניסטישן אינהאַלט פון דער זיבעטער סימפאָניע. אויפן אַנדערן וועג איז פאַראַן — זאָגט י. נעסטיעוו — „צינישע און בייזע גראָטעסקן, אַ טאָן פון אָן־רחמנותדיקן שפּאָט, פון אויסלאַכן״. דער עיקר פון שאָסטאַקאָוויטשעס מוזיק פאַרמאָגט די עלעמענטן פון דעם ערשטן וועג, „הינטער אים געפינען זיך די שאָטנס פון די גרויסע מוזיקער פון דער פאַרגאַנגענהייט״ — באַך, מוסאָרגסקי, טשאַיקאָווסקי. דער אַנדערער וועג שאָסטאַקאָוויטשעס פאַרמאָגט די מוזיק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן, ווען די בורזשואַזיע האָט גענומען גיין באַרג־אַראָפּ. דאָ שטייט הינטער שאָסטאַקאָוויטשן איגאָר סטראַווינסקי — „אַ קינסטלער אָן אַ פאָטער־לאַנד, אָן גלויבן אין פּראָגרעסיווע, דערהויבנדיקע אידעאַלן און טיפע עטישע פּרינציפּן״. די ניינטע סימפאָניע, זאָגט נעסטיעוו, דערוועקט דאָס געפיל, אַז „אין דער שאַפונג פון שאָסטאַקאָוויטשן האָט דער טיפער דענקער־הומאַניסט נאָך ניט בייגעקומען דעם איראָנישן סקעפּטיקער און סטיליזאַטאָר״.

דער אַרטיקל פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער: „פאַר אַ גאַנצן דור סאָוועטישע מענטשן, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אין די לעצטע צוואַנציק יאָר, איז דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש אַ באַליבטער קאָמפּאָזיטאָר, אַ שטאָלץ און אַ האָפענונג. דער דור גלויבט אין שאָסטאַקאָוויטשן, זעט אין אים

דעם אויסדריקער פון נאָבעלע אידעאַלן און שטרעבונגען. דעם דאָזיקן אמת דערוואַרט ער פונעם קאָמפּאָזיטאָר אין זיין ווייטערדיקן שאַפן."

דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם אַרטיקל וועגן שאָסטאַקאָוויטשן אין „קולטורא אי זשיזן". ס'איז קלאָר, אַז דער שרייבער זינגט אַ לויב שאָסטאַקאָוויטשן! מען קאָן קוים מאַכן אַ קינסטלער גרעסערע קאָמפּלימענטן, ווי די, וואָס נעסטיעוו מאַכט דעם באַרימטן סאָוועטישן קאָמפּאָזיטאָר. עפּעס אַ קלייניקייט — שאָסטאַקאָוויטש איז דער שטאָלץ און די האָפענונג פון דעם סאָוועטישן מענטשן! נאָר וואָס דען? עס איז אין דעם אַרטיקל פאַראַן אויך קריטיק. אַזוי דאַרף זיין. יעדערער, וואָס איז באַקאַנט מיט דער מוזיק פון דעם גרויסן סאָוועטישן קאָמפּאָזיטאָר, ווייס זייער גוט וועגן די שוואַכע מאָמענטן, אויף וועלכע נעסטיעוו ווייזט אָן.

הכלל, אין דעם אַרטיקל איז ניט געמאַכט געוואָרן קיין אָנפאַל אויף שאָסטאַקאָוויטשן. עס איז ניט אַזוי שרעקלעך מיט דער „פּאַרטיי־ליניע", ווען מען קאָן אים מאַכן אַזעלכע קאָמפּלימענטן. אין וואָס־זשע גייט עס פאָרט? וועגן דעם האָט דער „טאַימס"־קאָרעספּאָנדענט אפנים ניט גע־וואָלט — אָדער ניט געקאָנט — אַ טראַכט טאָן. עס איז אָבער יאָ גוטיק אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם, וואָס עס קומט דאָ איצט פאָר אין דער ליטעראַטור און קונסט.

עס קומט פאָר אַ קאַמף פאַר אידייאישקייט. לאָמיר זען וואָס דאָס באַטייט.

איך וועל אָנהויבן פון צוויי פּיעסן, וואָס איך האָב דאָ, אין מאָסקווע, געזען: „פריילעכס" אין אידישן מלוכה־טעאַטער און „סאָטוואָרעניע מירא" (באַשאַפונג פון דער וועלט, מעשה בראשית) אין מאַלי טעאַטער. דאָס זיינען צוויי פּיעסן פון גאָר אַ באַזונדערן כאַראַקטער, סטיל, אויפ־פירונג. זיי פאַרמאָגן אָבער ביידע — אַן אידייע.

די פּיעסע „פריילעכס" הויבט זיך אָן מיט טרויער, מיט אָנגעצונדענע ליכט פאַר אַ שוואַרצן הינטערגרונט. עס טרויערט דאָס אידישע פאָלק אויף זיינע פאַרלוסטן. רחל וויינט אויף אירע קינדער. באַווייזט זיך דער אַלטער אידישער מאַרשאַלעק (זוסקין) און זאָגט: גענוג! גענוג! גענוג שוין געטרויערט! פריילעך זאָל זיין! אידישע שמחות זאָלן זיין!

ס'איז ניט סתם געהוליעט. דורך דער פריילעכקייט גייט דורך דער טרויער. עס דערהערט זיך אָפט דער אידישער קרעכץ. אָבער עס איז פאַראַן דער אידישער בטחון.

עס גייט דורך אויף דער בינע אַ אידישע שמחה. עס ווערט געוויזן ווי אַזוי אונדזערע טאַטעס און זיידעס האָבן זיך געפרייט אויף אַ אידי־

שער חתונה. עס ווערט דערציילט א מעשה פון אמאל — כדי מען זאל זי געדענקען: ס'איז געווען א נעכטן, וואס האט צווישן לייד און פיין אויך פארמאגט שיינס. דאס דאזיקע שיינע טאר מען ניט פארגעסן, כדי עס זאל אויסוואקסן א געזונטער אידישער דור, כדי עס זאלן זיין חתונות ביי אידן, שמחות ביי אידן, כדי אידן זאלן זיין צווישן די בעסטע בויער פון א ניי לעבן.

פלעכטן זיך אידישע טענץ, טראגן זיך אידישע פאלקס־מעלאדיעס, שפינט זיך ווייטער דער גאלדענער פאדעם, ווערט פארטריבן דער יאוש, איז מען ראוי צו בויען, — וועט לעבן א געזונט אידיש פאלק!

„פריילעכס" איז א שפרודלדיקע, פינקלענדיקע, קאלירפולע פאר־שטעלונג. ניט אומזיסט האט דער גרויסער סאוועטישער קינסטלער און גרויסער איד, שלמה מיכאעלס, געקראגן די סטאלין־פרעמיע פאר דער פארשטעלונג. אויך דער גרויסער סאוועטישער אידישער אקטיאר בנימין זוסקין און דער מאלער טישלער האבן געקראגן סטאלין־פרעמיעס פאר דער פארשטעלונג.

איך דערמאן דא נאר די פיעסע „פריילעכס", ווייל זי קאן אונדז דינען ווי א ביישפיל. „פריילעכס" פארמאגט אן אידייע, א מוסר־השכל. און אזוי די פארשטעלונג „סאטווארעניע מירא" אין מאלי טעאטער, כאטש דאס איז א פארשטעלונג פון גאר אן אנדער סארט.

מען דארף וויסן, אז די טענה, אז „מען קאן ניט בויען אויף א בית־עולם" הערט מען אומעטום וואו ס'איז געווען חורבן. עס קומען מענטשן צוריק צו זייערע היים־שטעט, דערזעען דעם חורבן, און זאגן: דא איז פאר מיר קיין ארט ניט! ס'איז פאר זיי באקוועמער אויסצוקלייבן זיך א שטאט, וואס איז ניט חרוב געווארן. אבער וואס עס וואלט זיך באקומען פון אזא צוגאנג, איז קלאר. סטאלינגראד וואלט קיינמאל ניט אויפגעבויט געווארן. און טויזנטער אנדערע שטעט און שטעטלעך אויך ניט.

אין דער פיעסע „סאטווארעניע מירא" ווערן ארויסגעפירט מענטשן, וואס זעען שיינקייט אין דער ארבעט צווישן חורבות, די שיינקייט פון בויען פון דאס ניי, באשאפן די וועלט פון דאס ניי, מעשה בראשית.

די צוויי פיעסן זיינען ביישפילן. דער העלד פון „סאטווארעניע מירא", וועלכער האט צום אנהויב ניט געוואלט וויסן פון בויען, איז אויך א ביישפיל.

מען דארף אינזינען האבן, אז די מלחמה האט טאקע געווירקט אויף פיל מענטשן פאזיטיוו, ארויסגערוקט זייער העלדישקייט, זייער גרייטקייט צו מסירת־נפש. אויף אנדערע מענטשן האט די מלחמה געווירקט נעגא־

טיוו. דער פּראָצענט איז באַזונדערס גרויס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו מענטשן זיינען רייך געוואָרן פון דער מלחמה. זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וועמען עס ווילט זיך אַ הוליע טאָן, לאָזן זיך וואָוילגיין, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך בנוגע דער געזעלשאַפט, בנוגע דער פאַמיליע. עס זיינען פאַראַן קרעפטן, וואָס ציען צום נעכטן...

הקיצור — צוריקגאַנג, הפקרות. און — אַ ביסעלע ניבול־פּה, פּאָרנאָגראַפיע, סתם פּוסטקייט. און אַ קאָפּיטשקע מעלאַנכאָליע, פּעסימיזם. און אַ פּאָרציעלע ציניזם. און טאַקע אַ גוט וואָרט פאַרן פאַשיזם... די דאָזיקע עלעמענטן האָבן זיך גאָר פיין אויסגעליגט אין דער פּרעסע, אין דער ליטעראַטור און טעאַטער אין איירָאָפּע און אַמעריקע.

אין דער סאָוועטישער קונסט פאַרטראָגט מען עס ניט. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פאַראַן אַ גרויסע אַרבעט צו טאָן — אויפשטעלן די חרובע געגנטן, טרייבן פאָראויס די סאָציאַליסטישע בויאונג. האָט זיך דאָ פאַרשטאַרקט דער קאַמף פאַר אידייאישקייט. די שאַפונגען פון קינסטלער זאָלן האָבן אַ זין, זאָלן באַגייסטערן, שטאַרקן און דערהויבן די מענטשן, שאַפן אַ וועלט אָן פאַשיזם.

איינער פון די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע פירער, זשדאַנאָוו, האָט געהאַלטן אין לענינגראַד אַ רעדע וועגן דעם ענין, און ער האָט געזאָגט:

„וואָס וואָלט געווען ווען מיר וואָלטן דערצויגן די יוגנט אין גייסט פון אומעט און אומגלויבן אין אונדזער זאַך? אָט וואָס עס וואָלט געווען — מיר וואָלטן ניט געזיגט אין דער פּאַטערלענדישער מלחמה."

זשדאַנאָוו האָט אָנגעוויזן, אַז די סאָוועטישע ליטעראַטור מוז זיך האַלטן אָן די טראַדיציעס פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן: בעלינסקי, דאָבראָליובאָוו, טשערנישעווסקי, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, „וואָס זיינען פאַרגעזעצט געוואָרן פון פּלעכאַנאָוון און וויסנשאַפטלעך פאַנאַנדערגעאַרבעט און באַגרינדעט געוואָרן פון לענינען און סטאַלינען".

און ווייטער האָט זשדאַנאָוו געזאָגט:

„נעקראַסאָוו האָט אָנגערופן זיין פּאָעזיע — „די מוזע פון נקמה און טרויער". טשערנישעווסקי און דאָבראָליובאָוו האָבן באַטראַכט די ליטעראַטור ווי אַ הייליקע דינסט דעם פאָלק. די בעסטע פאָרשטייער פון דער רוסישער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, אין די באַדינגונגען פון צאַריזם, זיינען אומגעקומען פאַר די דאָזיקע נאָבעלע, הויכע אידייען, זיינען געגאַנגען אויף קאַטאָרגע און פאַרשיקונג. ווי קאָן מען פאַרגעסן די דאָזיקע העררלעכע טראַדיציעס?"

זשדאַנאָווס רעדע אַליין שטימט מיט די טראַדיציעס פון בעלינסקי, דאָבראָליובאָוו, טשערנישעווסקי. דאָס איז די רעדע פון איינעם, וואָס פאַרמאָגט אַליין אַ גרויסן אידייען־באַגאַזש. זשדאַנאָוו איז איינער פון די

אָנגעזועענסטע סאָוועטישע מלוכה־פירער, האָט געשפּילט איינע פון די גרעסטע ראָלן ביים פּאַרטיידיקן לענינגראַד. זשדאַנאָוו איז ניט נאָר דער אָנפירער פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין לענינגראַד — ער איז איינער פון די וויכטיקסטע מלוכה־פירער אין סאָוועטן־לאַנד בכלל. ער איז סעק־רעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פּאָרזיצער פון העכסטן סאָוועט. און דאָך (אָדער צוליב דעם טאַקע) פילט ער זיך פּאָרט היימיש אויפן געביט פון ליטעראַטור. ער ציטירט די שאַפונגען פון פאַרשיידענע שרייבער, ווייזט אָן אויף דער אמתער ראָל פון דער ליטעראַטור, אויף אירע טראַ־דיציעס. דאָס איז אַ מלוכה־פירער פון אַ נייעם טיפּ, אַ סאָוועטישער מלוכה־פירער!

דערפאַר קאָן דאָ פּאַסירן, אַז די רעגירונג זאָל זיך פאַרנעמען מיט ליטעראַטור, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זאָל זיך אַזוי פיל אָפּגעבן מיט ליטעראַטור, מיטן טעאַטער, מיטן פילם. וואָלטן די איצטיקע פירער פון דער רעפּובליקאַנער, אָדער דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי אין אַמעריקע זיך פאַרנומען מיט ליטעראַטור — דאָס הייסט, מיט שטאַרק די טראַדיציעס פון אַ וואָלט וויטמאַן און אַנדערע רעוואָ־לוציאָנער דעמאָקראַטן?

די דאָזיקע שיינע אַמעריקאַנער טראַדיציעס ווערן געהאַלטן טייער דאָ אין לאַנד. עס ניט ריכטיק די אויסטייטשונג פון געוויסע קאָרעספּאָנ־דענטן, אַז מען פירט דאָ כלומרשט אַ קאַמף קעגן דער ליטעראַטור פון מערב. דאָס איז פאַלש! מען לייענט דאָ זייער שטאַרק די בעסטע שריי־בער פון אַנדערע לענדער. עס גייען דאָ מיט גרויס דערפאָלג די פּיעסן פון דעם ענגלענדער פּריסטלי. עס ווערן דאָ געשטעלט אויף דער בינע: דיקענס, מעטערלינק און אַנדערע. אָפּגערעדט שוין דערפון, אַז שעקספּיר ווערט דאָ געשטעלט און געלייענט — ווי ס'איז באַוואוסט — מער ווי אין אַמעריקע און ענגלאַנד צוזאַמענגענומען. עס ווערן דאָ זייער שטאַרק געלייענט און געשטעלט אויף דער בינע: ליעוו טאָלסטאָי, טשע־כאָוו, אָסטראָווסקי, אַלעקסעי טאָלסטאָי, גאָרקי און אַזוי ווייטער. אין דעם צעטל גייען אַריין רוסישע שרייבער, אוקראַאינישע און אַנדערע, גייען אַריין סאָוועטישע שרייבער פון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן. אָבער אין דעם צעטל גייט אויך אַריין דאָס בעסטע פון דער ליטעראַטור אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע. עס איז פּשוט ניט אויסצורעכענען, וואָס דאָ טוט זיך אויפן ביכער־מאַרק, וואָס און וויפיל מען דרוקט, און וויפיל דער עולם צעכאַפּט, באַלד ווי די ביכער גייען אַרויס פון דרוק — קלאַסיקער, היינטצייטיקע שרייבער, וויסנשאַפטלעכע ווערק, פּובליציסטיק, איבערזעצונגען און אַזוי

ווייטער. מען קאָן דאָ נאָר ניט פאַרטראָגן קיין פּוסטע שרייבער, קיין רעאַקציאָנערע שרייבער, אומקום־שרייבער...

מען איז פאַרנומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַרטאָן אין זייער אַ גרויסער אַרבעט. מען דאַרף היילן די וואונדן. מען דאַרף בויען און בויען. פּוסט־און־פּאַסעווען איז דאָ ניט קיין אָנגעלייגטע מלאכה — אויך ניט אין דער ליטעראַטור, אין טעאַטער, אין דער קונסט.

די איינשטעלונג איז דאָ אַזאַ: פּונקט ווי אינזשענערן טאָרן ניט בויען קיין קראַנקע הייזער, פּוילע בריקן, אַזוי טאָרן די „אינזשענערן פון דער מענטשלעכער נשמה", די ליטעראַטן און קינסטלער, ניט שאַפן קיין קראַנקע און פּוילע ווערק. זיי דאַרפן העלפן אויספורעמען נשמות — געזונטע, מוטיקע, שטאָלצע, שאַפנדיקע, פייאיקע אויף מסירת־נפש פאַרן וואוילזיין פון פאָלק, פייאיקע אויף באַשאַפן אַ לעבן פון מאַטעריעלער און קולטורעלער שפע.

# קולטור און לעבן

ווי קוקט אוים די אידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? ווי זעט אוים דאָס אידישע לעבן?

כדי צו ענטפערן אויף די פראַגן, און כדי קלאָר צו מאַכן, ווי אַזוי עס איז גאָר מעגלעך מען זאָל פּרובירן אָפּפרעגן די גרויסע דערגרייכונגען פון דער אידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און מען זאָל ניט אָנער־קענען איר אָנפּירנדיקע ראָל אין דער אידישער קולטור בכלל, מוז מען זיך פריער אָפּגעבן א חשבון וועגן דעם גרונט־שטריך, וואָס די סאָוועטישע אידישע קולטור פאַרמאָגט.

ס'איז קולטור און לעבן צוזאַמען. אידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן לעבן פונעם לאַנד, מיטן לעבן פון די אידן און די סאָוועטישע פעלקער בכלל. אין דעם ליגט איר גרויסע קראַפט. זי איז ניט קיין „פרעמדע". זי איז א גליד פון דער גאַנצער קולטור־משפחה פון דעם סאָוועטישן לאַנד. אַלץ איז איר אייגן. אַלץ, וואָס גייט אָן דעם סאָוועטישן אידן, דעם סאָוועטישן איינוואוינער בכלל, גייט איר אָן.

איז געווען א מלחמה פאַרן לעבן פונעם פאָלק — האָט זיך די אידישע קולטור אריינגעוואָרפן אין דער מלחמה. האָבן אידישע שרייבער זיך געשלאָגן מיט דער פּען און זיך געשלאָגן אויפן פראָנט (62 שרייבער זיינען אוועק אויפן פראָנט און נאָענט פון 20 זיינען געפאַלן אין די שלאַכטן). די קולטור האָט מאָביליזירט דאָס פאָלק, געוועקט זיין גייסט, גערופן אים צו האַלטן הויך זיינע שיינע טראַדיציעס, געצונדן דעם האָס קעגן דעם שונא, גערופן צו העלדישע, איבערמענטשלעכע מעשים, דעם שונא צו באַזיגן.

די ראָל פון דער סאָוועטישער אידישער ליטעראַטור בשעת דער מלחמה — און נאָר די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור איז בשעת דער מלחמה געשטאַנען אויף דער הויך פונעם מאָמענט, איז געווען עכט־נאַציאָנאַל, פאָלקיש, האָט זיך געצאָפּלט צוזאַמען מיט דער נשמה פונעם פאָלק — די־א ראָל פון דער סאָוועטישער אידישער ליטעראַטור בשעת

דער מלחמה איז אַ מאָס, אַ קריטעריע. זי האָט אויסגעהאַלטן די העכסטע פּראָבע, ווי די ליטעראַטור פונעם פאָלק!

ווייל זי איז איינס מיט אים.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט און פאַרן פאָלק איז אויפגעשטאַנען די פראַגע פון ליקווידירן דעם חורבן, היילן די וואונדן, האָט זיך די קולטור ווידער געשטעלט צו דער ארבעט, צו העלפן דעם פאָלק בייקומען זיינע פּראָבלעמען.

„געשטעלט צו דער ארבעט" איז אפשר ניט ריכטיק צו זאָגן. זי איז פון דער ארבעט ניט אַוועק. זי איז ניט קיין דרויסנדיקע. זי „קומט" ניט „צום פאָלק". זי איז איינס מיט אים. זיינע פּראָבלעמען זיינע במילא אירע פּראָבלעמען.

דערפאַר טאַקע איז די מלחמה ניט פאַרגעסן געוואָרן אין דער ליטעראַטור, אין דעם טעאַטער. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז מען ניט „מיד" פון מלחמה־טעמעס. אַלעקסאַנדער פאַדייעווס „יונגע גוואַרדיע" איז דאָס בוך אויפן סאָוועטישן ביכער־מאַרק. די מלחמה, מיט אירע טראַגעדיעס און העלדישקייטן, איז ניט פאַרטריבן געוואָרן פון דער אידישער ליטעראַטור, פונעם טעאַטער. אָבער דער טראָפּ ווערט געשטעלט אויף בויען.

ווייל — ניט קיין „קולטור לשם קולטור" איז זי, די אידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זי איז באמת אַן עכט־אידישע, אָבער ניט דערפאַר וואָס זי איז „אָפּגעשלאָסן", וואָס זי מישט זיך ניט צונויף מיט די קולטורן פון די אַנדערע פעלקער. ווען זי וואָלט געווען אַזאַ, וואָלט זי ניט געווען קיין אמת־אידישע, וואָלט זי קיין קולטור ניט געווען.

ס'איז קולטור און לעבן, אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן. און ווייל מען וויסן ווי עס קוקט אויס די אידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָדער, אויב מען וויל, ווי עס קוקט אויס „אידישקייט" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, מוז מען אינזינען האָבן דאָס סאָוועטישע לעבן.

כדי בעסער צו פאַרשטיין וואָס מיר זייִנען דאָ אויסן, דאַרף מען אינזינען האָבן וואוהין עס פירט דער צוגאַנג פון „קולטור לשם קולטור", אָדער „אידישקייט לשם אידישקייט".

אַנומלט האָט אַ אידישער שרייבער פון ניו־יאָרק — זיין נאָמען איז י. לעשצינסקי — גערעדט, אויף אַ צוזאַמענפאָר פון „איוואָ", וועגן דעם, אַז אַמאָל, אין דער אַלטער געטאָ, מיט דורות צוריק, איז דאָס אידישע לעבן געווען „גאַנץ". ווי נאָר עס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן פּראָגרעסיווע ווינטן, אידן האָבן געקראָגן רעכט, מעגלעכקייטן ארויסצוגיין פון געטאָ, איז די „גאַנצקייט" צעקלאַפּט געוואָרן.

די בענקשאַפט נאָך דער דאָזיקער „גאַנצקייט", אָדער דער סאַמע באַגריף פון „גאַנצקייט", ווען מען רעדט וועגן געטאָ־לעבן, כאַראַקטעריזירט דעם צוגאַנג פון „קולטור לשם קולטור", „אידישקייט לשם אידישקייט". די וואָס האָבן אַזאַ צוגאַנג, קאָנען ניט פאַרטראָגן די סאָוועטישע אידישע קולטור, ווייל זי איז דער היפוך פון געטאָאַיזם. אַזעלכע מענטשן קאָנען אויך ניט פאַרטראָגן די אידישע קולטור אין די לענדער פון די נייע דעמאָקראַטיעס. אויך די פּראָגרעסיווע קולטור אין אַמעריקע, אין פּאַלעסטינע, קאָן זיי ניט זיין צום הארצן.

מיר רעדן וועגן פּראָגרעסיווער קולטור און וועגן קולטור וואָס איז איינס מיטן לעבן. און דאָס לעבן איז געווען אַנדערש אין אַלטן רוסלאַנד, אין אַלטן פּוילן, ווי אין אַמעריקע; איז אַנדערש אין אַמעריקע ווי אין די נייע דעמאָקראַטיעס אין אייראָפּע און איז אַוודאי אַנדערש ווי אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אידישקייט, ווי אַלץ אין לעבן, איז ניט קיין פאַרגליווערטע זאַך.

אַמאָליקע יאָרן האָבן אידן אין אַלטן רוסלאַנד געקוקט מיט שפּאָט אויפן אידישן לעבן אין אַמעריקע. „אַמעריקאַנער אידן" — אויך מיר אידן! אין דעם אַלטן ליטווישן אָדער פּוילישן שטעטל איז געווען איין סאָרט „אידישקייט" און אין דער טעכניש־אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע איז געווען גאָר אַן אַנדער סאָרט „אידישקייט". די „אמתע" אידישקייט איז, הייסט עס, געווען דאָרטן, אין אייראָפּע. איצט האָבן שוין אַ סך פון די, וואָס האָבן געקרימט מיט דער נאָז אויף אידישקייט אין אַמעריקע, שלום געמאַכט. אָבער אידישקייט אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד קאָנען זיי ניט באַגרייפן.

נאָר אַזוי איז עס: אין דער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע האָט זיך געשאַפן אידיש לעבן, וואָס איז גאָר אַנדערש ווי אין דעם אַמאָליקן „פּאַטריאַרכאַלן" שטעטל, און אין דעם סאָציאַליסטישן סאָוועטן־פאַרבאַנד קוקט דאָס אידישע לעבן אויס גאָר אַנדערש ווי אין אַמעריקע. מען מעג אויך זיכער זיין, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער אַמעריקע וועלן אַ סך פון די אינסטיטוציעס, וואָס אידן פאַרמאָגן איצט, אונטערגיין. מען וועט, למשל, ניט דאַרפן קיין אָרגאַניזאַציעס צו קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם. עס וועלן זיך אפשר געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן בענקען נאָך די אָרגאַניזאַציעס, ווי מען בענקט נאָך דער געטאָ. אָבער מען וועט זיך באַגיין... די ייִע לעבנס־פאָרמען וועלן זיך מוזן אָפּרופן אויף דער אידישער קולטור אין אַמעריקע, אויב זי וועט זיין אַ לעבעדיקע קולטור, איינס מיטן לעבן פונעם פאָלק.

די סאָוועטישע קולטור, די סאָוועטישע אידישקייט, איז דער היפוך פון געטאָאיזם, איז אַ ביטערער שונא פון געטאָאיזם. עס איז ניטאָ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין אָרט פאַר ווערק וועגן די היטלער־געטאָס און היטלער־שחיטות, וואו עס זאָל (אין די ווערק) גלאָריפיצירט ווערן ליידן צוליב ליידן, אומקום ווי אַ ציל פאַר זיך. אויף וויפיל אַזאַ צוגאַנג איז אַן אומגליק פאַרן פאָלק, פאַר זיין קיום — און דאָס איז דאָך קלאָר — איז ער במילא אַן אומגליק פאַר דער קולטור פונעם פאָלק.

דאָ האַלט איך פאַר נויטיק צו באַרירן אַ מאָמענט פון דער געשיכטע פון דער ווילנער געטאָ, אונטער די נאַציס, כאָטש איך האָב אים שוין באַרירט אין מיין קאַפּיטל וועגן ווילנע.

אין ווילנע, אין דער געטאָ, זיינען געווען אידישע קולטור־טוער, וואָס האָבן געפונען אַ טרייסט אין די קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס דער יודען־ראַט האָט געהאָלפן שאַפן, מיט דער הסכמה פון דער געשטאַפּאָ (און צוליב די צילן פון דער געשטאַפּאָ). די דאָזיקע אידישע קולטור־טוער האָבן אַוודאי געוויטיקט אויפן גרויסן בראָך, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק. אויך זייערע אייגענע זיינען אומגעקומען אין די שחיטות, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט אויף די ווילנער אידן. די דאָזיקע קולטור־טוער האָבן געהאָפט אויף דער מפלה פון די דייטשן און געהאָפט אויף אַ סוף פון דער געטאָ. אָבער זיי האָבן זיך געפרייט דערמיט, וואָס אַסימילירטע אידן זיינען אומגעקערט געוואָרן צו אידישקייט. זיי האָבן זיך געפרייט מיט דער גרויסער באַזוכערשאַפט אויף אידישע לעקציעס, קורסן, פאָר־שטעלונגען. אידן זיינען ניט אָנגעשטעקט געוואָרן מיטן „דרויסנדיקן" לעבן. אידיש לעבן איז געווען „גאַנץ"...

און עס זיינען דעריבער געווען אין דער ווילנער געטאָ קולטור־טוער, וואָס האָבן געקוקט קרום אויף דער אַרבעט פון די פּאַרטיזאַנען — ווע־לכע האָבן, הייסט עס, געשטעלט אין געפאַר די אינסטיטוציעס און די „גאַנצ־קייט" פון אידישן לעבן.

די קולטור־טוער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, צוזאַמען מיטן פאָלק, צוזאַמען מיט די „קולטור־אינסטיטוציעס". איצט וואָלטן די טוער גע־קאָנט בויען אמתע קולטור־אינסטיטוציעס, אָבער זיי זיינען ניטאָ...

אין די וועלדער, צווישן די פּאַרטיזאַנען, איז די „גאַנצקייט" פון דער געטאָ געווען ניט געווען. אידן און ניט־אידן האָבן זיך געשלאָגן האַנט אין האַנט — פאַרן לעבן פון פאָלק. און די, וואָס זיינען לעבן־געבליבן, בויען איצט.

די דערפאַרונג אין ווילנע — און מעגלעך אויך אין אַנדערע ערטער

— מוז מען האָבן פאַר די אויגן, כדי צו באַגרייפן, אַז קולטור, וואָס האָט קיין שייכות ניט מיטן לעבן פון פאָלק, און די פעלקער אַרום, איז קיין קולטור ניט.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דער טראָפּ געשטעלט געוואָרן — און ווערט געשטעלט — קודם כל אויפן לעבן. און דאָס באַציט זיך סיי אויף אידיש לעבן בשעת דער מלחמה און סיי אויף אידיש לעבן איצט.

דאָ דאַרף מען זאָגן, אַז דער גרעסטער אויפטו פאַר דער אידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין די יאָרן פון דער מלחמה איז געווען אָט וואָס: מ'האָט געראַטעוועט אידיש לעבן, געראַטעוועט מיליאָנען אידן. און דער גרעסטער אויפטו פאַר דער אידישער קולטור זינט די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז דאָס, וואָס די אידן האָבן די מעגלעכקייט ווידער צונויפצוזאַמלען זיך אין די אַלט־געזעסענע אידישע ערטער, אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד, בעסאַראַביע — און מיט זיי צוזאַמען גייען אַזעלכע צענטערן ווי מאָסקווע, לענינגראַד — וואו עס ווערן ווידער אויפגעשטעלט קולטור־אינסטיטוציעס, כאָטש פּאַמעלעך, מיט שוועריקייטן, און דאָס וואָס אידן קריגן די מעגלעכקייט צו פאָרן קיין בירא־בידזשאַן.

עס לייגט זיך ניט אויפן שכל ווי אַזוי עס איז מעגלעך, אַז מענטשן, וואָס האַלטן זיך פאַר אידישע קולטור־טוער, זאָלן ניט מאַכן קיין וועזן דערפון, וואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען געראַטעוועט געוואָרן מיליאָנען אידן. מען זוכט עס צו פאַרשווייגן, ווי מען וואָלט זיך דערמיט געשעמט... פונקט ווי מען זוכט די סאָוועטישע אידישע קולטור צו פאַרשווייגן...

ריכטיק איז אָבער דער צוגאַנג: זאָל נאָר זיין לעבן וועט זיין אידיש לעבן, וועט זיין אידישע קולטור.

אין מאָסקווע, קיעוו, אָדעס, זיינען דאָ ניט קיין הייפעלעך פון שארית־הפליטה, נאָר גרויסע אידישע קהילות. שטעטלעך אין אוקראַינע פאַרמאָגן אידן. אַזוי אין ווייסרוסלאַנד, אין בעסאַראַביע. אָבער אויף וויפיל עס איז דאָ חורבן, און אויף וויפיל דער חורבן איז גרויס, רופט זיך עס אָפּ אויף די פיזישע אַספּעקטן פון דער קולטור, ווי פונעם לעבן בכלל. פעלן דרוקעריייען און פּאַפּיר און עס פעלן צייטונגען; פעלן הייזער און עס פעלן שולן און קלובן.

עס קומט פאַר אַ שווערער פּראָצעס פון רעסטאַווראַציע. אָבער אויף וויפיל דער פּראָצעס קומט פאָר, אויף וויפיל מען בויט און מען שאַפט, שאַפט מען אויפן געביט פון אידישער קולטור.

די אידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פאַרבונדן מיט דער

סאָציאַליסטישער ווירקלעכקייט. איז כאָטש דער חורבן איז גרויס, הערשט אָפּטימיזם אין דער קולטור־בויאונג, ווי אין דער בויאונג בכלל, גייט זי פאָראויס צוזאַמען מיטן פאָלק.

אידישע שרייבער און דיכטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד שאַפן. עס איז ניטאָ אין דער אידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד די סטאַג־נאַציע, די אָפּהענגיקייט, די עקרהדיקייט (אַקאָרעדיקייט, פּרובטלאָזיקייט), וואָס הערשט אין דער אידישער ליטעראַטור און קולטור אין אַמעריקע (און אויך אין דער ניט־אידישער; —אָדער ווייל אויך אין דער ניט־אידישער). מען שאַפט נייע ווערק. עס קומען אויף נייע שרייבער. עס איז פאַראַן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג צווישן אידישע שרייבער און אַקטיאָרן מיט די אידישע פאָלקס־מאַסן.

איך בין געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד דריי און אַ האַלב חדשים, דערפון אַן ערך צוויי חדשים אין מאָסקווע. אין משך פון די דאָזיקע צוויי חדשים האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען אין מאָסקווע מער אידישע קולטור־אַרויסטרעטונגען, ווי מען קאָן עס זען אין ניו־יאָרק, אין משך פון צוויי חדשים אינעם ווינטער־סעזאָן. אין דעם רעכענונג גייט אַריין דער אידישער מלוכה־טעאַטער — אַ זעלטענע אידישע קולטור־אינסטי־טוציע פון גרויסער נאַציאָנאַלער באַדייטונג פאַר אידן אומעטום. אין דעם רעכענונג גייט אַריין אַן אָוונט אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן אין מאָסקווע, אין זאַל פון פּאָליטעכנישן מוזעי, וואו עס האָבן פאָרגעלייענט פון זייערע ווערק: דוד בערגעלסאָן, איציק פעפער, אהרן קושניראָוו, ל. קוויטקאָ, ש. האַלקין, א. ווערגעליס, מ. טייף, ז. טעלעסין (ע. פינינבערג איז שוין געווען שווער קראַנק און זיינע לידער האָט פאָרגעלייענט אַ שילער פון דער טעאַטער־סטודיע ביים מאָסקווער אידישן מלוכה־טעאַטער). וועגן דער באַדייטונג פון דער אידישער ליטעראַטור האָט גערעדט י. דאָברושין. קיין ספּעציעלע „פאַרווײלונג“, מיט „קרעפּטן“, איז ניט געווען. געקומען זיינען העכער טויזנט מאָסקווער אידן, צווישן זיי אַ סך יונגע מענטשן.

אין דעם רעכענונג גייען אַריין די ליטעראַרישע מאָנטיקס, וואָס די צייטונג „איינִיקייט“ אָרגאַניזירט. אויך דער אידישער מלוכה־טעאַטער אָרגאַניזירט ספּעציעלע מאָנטיק־אָוונטן (די טרופּע שפּילט ניט מאָנטיק). אין דעם רעכענונג גייען אַריין פיל אָוונטן, וואָס זיינען אין משך פון דער צייט פאָרגעקומען אין שרייבער־פאַראיין. אידישע שרייבער האָבן פאָר־געלייענט פון זייערע נייע שאַפונגען. עס זיינען פאָרגעקומען דיסקוסיעס וועגן דעם צושטאַנד פון דער אידישער ליטעראַטור און אירע אויפגאַבן. אין דעם רעכענונג גייען אַריין די „גאָלדפאַדען־אַקאַדעמיעס“, צוויי אָוונטן

מיט רעפּעראַטן וועגן גאָלדפאַדענען, און ווייטער: קאָנצערטן פון אידישע לידער, שלום־עליכם פאָרלעזונגען און נאָך. אַלץ אין צוויי חדשים.

איך בין געפאָרן פון מאָסקווע אין דער חרובער שטאָט קיעוו. די העכער הונדערט טויזנט אידן אין שטאָט זיינען „נאָר־וואָס" געווען גע־קומען, האָבן זיך נאָך ניט געהאַט „אַנגעוואָרעמט". איך האָב זיך אָבער באַלד דערוואוסט וועגן גרויסע שלום־עליכם אָוונטן (אין 1946, אין דעם יאָר פון 30טן יאָרצייט נאָך שלום־עליכמען) — אָוונטן וואָס זיינען געווען אמתע פאָלקס־דעמאָנסטראַציעס. אין שרייבער־פאַראיין האָב איך געזען פּלאַקאַטן וועגן אַ נאָר־וואָס אָפּגעהאַלטענעם פּרץ־אָוונט, און זיך דער־וואוסט וועגן אָוונטן פון אידישער פּאָעזיע און אידישער פּראָזע (זע קאַפּיטל וועגן קיעוו).

איך גייט אַריין אין דעם קאַבינעט פאַר אידישער קולטור ביי דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, זעט איר, אַז ער האָט זיך נאָך ווי געהעריק ניט אויסגעפּאַקט. ערשט „נעכטן" איז דער קאַבינעט געקומען פון „גלות", פון עוואַקואַציע, פון אופאַ, וואו ער איז אָפּגעהיט געוואָרן אין די יאָרן פון דער מלחמה. פיל מאַטעריאַלן, מאַנוסקריפּטן, אַנטיקן, וואָס ער האָט מיטגעפירט קיין אופאַ, און געבראַכט צוריק, זיינען נאָך אין די קאַסטנס. מען עפנט זיי ערשט. מען לייגט אויס די מאַטעריאַלן אויף די נאָר־וואָס געמאַכטע פּאָליצעס. דער מוזעי קלייבט אַ ביכל צו אַ ביכל, שטעלט אויף זיין ביבליאָטעק. אָבער איר הערט שוין באַריכטן פון עקס־פּעדיציעס, וואָס דער קאַבינעט האָט אַרויסגעשיקט איבער שטעט און שטעטלעך — צו קלייבן לידער וועגן יעטאַ, וועגן דער מלחמה, וועגן זיג; קלייבן פאָלקס־מעשיות. און איר דערוויסט זיך וועגן אַ ברייטן פּלאַן, אַ פינף־יאָר־פּלאַן פון דעם קאַבינעט פאַר אידישער קולטור — אויפן געביט פון ליטעראַטור־וויסנשאַפט, ליטעראַטור־פאָרשונג, שפּראַך־וויסנשאַפט, שפּראַך־פאָרשונג. איר זעט אַ צעטל פון אָוונטן, וואָס דער קאַבינעט האָט אָרגאַניזירט אין אַ קורצער צייט: דריי שלום־עליכם אָוונטן, אַ פּרץ־אָוונט, אַ שוואַרצמאַן־אָוונט, אַ באַגעגעניש מיט אידישע פּאַרטיזאַנען, אַן אָוונט געווידמעט דער באַבי יאַר טראַגעדיע, באַגעגענישן מיטן קיעווער אידישן מלוכה־טעאַטער, מיטן טעאַטער־אַנסאַמבל פון דער אַקטריסע סידי טאַל, מיטן פאָלקס־זינגער מ. עפּעלבוים, מיט שרייבער־העלדן, און נאָך.

דער קאַבינעט האָט גענומען זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון די אידן אין אוקראַינע בשעת דער מלחמה.

עס וואָלט פאַרנומען אַ סך אָרט אַריינצוגיין אין איינצלהייטן אפילו וועגן איינעם פון די דערמאָנטע פּראָיעקטן פון דעם קאַבינעט. למשל,

ליטעראַטור־פאָרשונג. אהער גייט אריין: 30 יאָר סאָוועטישע אידישע דיכטונג און פּראָזע, דער נייער טיפּ אידישע פּראָזע, די שאַפונגען פון די אידישע קלאַסיקער, די אידישע דראַמאַטורגיע און אזוי ווייטער.

דער קאַבינעט פאַר אידישער קולטור אין קיעוו איז ניט נאָר א וויכטיקע אינסטיטוציע פאַר די אידן אין קיעוו, אין אוקראַינע בכלל, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל, נאָר אויך פאַר אידן אין אויסלאַנד.

דאָס זעלביקע איז נוגע דעם אידישן מוזעי אין ווילנע, וואָס וועגן אים האָב איך געשריבן אין מיין „ווילנער" קאַפּיטל. איך האָב דאָרט געשריבן וועגן דער אידישער קינדער־שול, וועגן אַנדערע פאָרמען פון אידישער קולטור־אַרבעט.

איך האָב צום באַדויערן (צוליב געזונט־צושטאַנד) ניט געקאָנט צופאָרן קיין קאָוונע, וואו עס איז אויך פאַראַן א אידישע קינדער־שולן. צוליב די זעלביקע סיבות האָב איך ניט געקאָנט זיין אין טשערנאָוויץ, וואו עס זיינען פאַראַן א ריי אידישע קינדער־שולן, און וואו עס שפּילט דער קיעווער אידישער טעאַטער (טשערנאָוויץ איז ניט באַשעדיקט געוואָרן; אין קיעוו איז נאָך ניטאָ קיין געביידע פאַר דער טרופּע).

מען קאָן אָבער פון די עטלעכע ביישפּילן זען, וואָס עס זיינען די צענטרען פון דער אידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, — די קוזניעס וואו אידישע קולטור ווערט געשמידט, די קוואַלן פון וואַנען זי שטראָמט אַרויס.

בראש פון די אַלע אינסטיטוציעס, אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקן, געפינט זיך דער אידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט, דער אָרגאַן פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט. עס איז ניטאָ אין דעם קאָמיטעט קיין מעכאַנישע „פאַרטרעטערשאַפט" פון אידן „אויף די ערטער", אָבער דער קאָמיטעט איז אין קאָנטאַקט מיט אידן איבערן סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער איז אין קאָנטאַקט מיט אידישער קולטור־אַרבעט — וואָס ער העלפט אַנטוויקלען — ווי מיט דער באַוועגונג פאַר בירא־בידזשאַן, ווי מיט דער אַרבעט פון די אידישע שרייבער און אַקטיאָרן, מיטן אַרויסגעבן ליטעראַרישע אידישע אַלמאַנאַכן אין מאָסקווע, קיעוו, מינסק, ווילנע, מיט די פּלענער פון דעם קיעווער קאַבינעט, דעם ווילנער מוזעי, מיט דער אַרבעט פון די קינדער־שולן און אזוי ווייטער. דער קאָמיטעט גיט אַרויס די צייטונג „איניקייט", וועלכע איז באמת א מאָביליזאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון אידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער פאַרמאָגט א פּרעסע־ביוראָ, וואָס שיקט איבער די שאַפונגען פון אידישע שרייבער אין

סאָוועטן־פארבאנד קיין אויסלאַנד, העלפּט איינאָרדענען קולטור־אונטער־נעמונגען, דורכפירן קולטור־פראָיעקטן און אזוי ווייטער.

א זייער באַדייטנדיקער צענטער פון אידישער קולטור, פון אידיש לעבן, איז דער מאָסקווער אידישער מלוכה־טעאַטער, וועלכער ווערט אָנ־געפירט פון דעם גרויסן אידישן קינסטלער שלמה מיכאָעלס, וועלכער איז, ווי באַוואוסט, דער פאָרזיצער פון אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט (דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט, ווי ס'איז אויך באַוואוסט, איז דער דיכ־טער איציק פעפער). מיר וועלן נאָך האָבן די געלעגנהייט שפּעטער עפּעס צו זאָגן וועגן דער ראָל פון דעם טעאַטער. א צענטער פון דער אידישער קולטור איז דער פאַרלאַג „עמעס", דער גרעסטער אידישער פאַרלאַג. נאָך צענטערן אין מאָסקווע זיינען: די צייטונג „איינִיקייט" און די אָרגאַני־זאַציע פון אידישע שרייבער (א טייל פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פון סאָוועטישע שרייבער), וועלכע אָרדענען איין קולטור־אונטערנעמונגען, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן. דאָס זיינען די צענטערן פון אידיש לעבן אין מאָסקווע און אין א גרויסער מאָס פון אידיש לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל (עס איז, פאַרשטייט זיך, פאַראַן רעליגיעז אידיש לעבן, מיט דער רעליגיעזער אידישער קהילה און דעם ראַבינאַט אַלס צענטער).*)

פון די דאָזיקע קוואַלן און פון אַזעלכע קוואַלן ווי דער קיעווער קאַבינעט, דער ווילנער מוזעי, די מלוכה־טעאַטערס אין אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און אַנדערע ערטער (טאַשקענט, למשל, האָט א אידישן טעאַטער), די אַרומפאָרנדיקע טרופּעס און דראַמאַטישע קרייזן און זינגער פון אידישן ליד, וואָס ווערן געשיקט אין פאַרשיידענע ערטער דורך די אַלגעמיינע סאָ־וועטישע אַגענטורן, „פילהאַרמאָניע" און „עסטראַדאַ"; די אידישע שריי־בער־אָרגאַניזאַציעס, אָדער סעקציעס, אָדער ביוראָען, אין קיעוו, מינסק, ווילנע, ריגע, קעשענאָוו, — פון די אַלע און אַנדערע קוואַלן שטראָמט אַרוים אידישע קולטור צו די אידישע פאָלקס־מאַסן אין די שטעט און שטעטלעך.

איך האָב שוין דערמאָנט די ליטעראַרישע אָוונטן, וואָס איך האָב בייגעוואוינט אין מאָסקווע, קיעוו. איך וואָלט דאָ געקאָנט ברענגען א גרויסע ליסטע פון ליטעראַרישע אָוונטן, קאָנצערטן, פאָרשטעלונגען אין האָמעל, נאָוואָ־בעליצע, מאָזיר, טשערנאָוויץ, קאָראָסטישעוו, ריגע, מינסק, באָריסאָוו, מאָהילעוו, באָברויסק, וויטעבסק, קעשענאָוו, וויניצע, אָדעס, לוואָוו (לעמבערג), קווישעוו, סאַראַטאָוו, טשקאַלאָוו, און נאָך און נאָך

*) וועגן רעליגיעזן לעבן, זע קאַפּיטל: „אידן אין מאָסקווע—2".

(איך רעד דאָ בלויז פון דער צייט ווען איך בין געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד). אַזעלכע אָוונטן וועלן געוויינלעך פאַרוואַנדלט אין מאַסן־דעמאָנסטראַציעס פאַר דער אידישער קולטור.

עס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט פאַנאַנדערצוברייטערן זיך דאָ וועגן פאַרלאַג־אַרבעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך האָב פאַר זיך אַ ליסטע פון אַרום פופציק אידישע שרייבער, דיכטער, קריטיקער, מוזיקער, מיט נעמען פון זייערע ניי־געשאַפענע ווערק, שוין געדרוקטע אָדער נאָך אין מאַנוסקריפּט, מיט זייערע פּלענער אויף ווייטער. די אַרבעט פון דעם פאַרלאַג „עמעס" און זיינע פּראָיעקטן אויף היינטיקן יאָר און קומענדיקן יאָר איבערראַשן אייך ממש, ווי עס איבערראַשט אייך בכלל די פאַרלאַג־אַרבעט, נעמענדיק אין אַכט דעם שרעקלעכן צושטאַנד פון אידישן דרוק־וועזן (צוליב דער מלחמה). מען בויט אידישע קולטור מיט מסירת־נפש!

מען שאַפט! דאָס מוז מען ווידערהאָלן אָן אויפהער. עס הערשט אַן אַטמאָספערע פון שאַפן. עס ווערן דערמוטיקט יונגע שרייבער. עס קומען צו נייע אידישע שרייבער (אַנאַ סטעלמאַך, י. באָרוכאָוויטש, י. קערלער, א. אַ.). מען קויפט אידישע ביכער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מער ווי פאַר דער מלחמה, כאָטש אידן זיינען דאָ ווייניקער.

די אידישע מלוכה־טעאַטערס האָבן מיר דערמאָנט נאָר פאַרבייגייענדיק, אָבער זיי שטעלן פאַר מיט זיך אַ גרויס פאַרמעגן — ווען מען רעדט וועגן אידישער קולטור און אידיש לעבן. אַ טעאַטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ קולטור־אינסטיטוציע, פאַר זיך אַליין, און אַ קוואַל אויף צו פאַרשפּרייטן אידישע קולטור, דעם אידישן בוך. די אידישע מלוכה־טעאַטערס אין מאָסקווע, מינסק, טשערנאָוויץ, טאַשקענט, ריגע און אַנדערע ערטער, ווי די טעאַטער־אַנסאַמבלען, באַזוכן, ווי געזאָגט, פיל שטעט און שטעטלעך. די דאָזיקע באַזוכן ווערן פאַרוואַנדלט אין דעמאָנסטראַציעס פאַר דער אידישער קולטור.

דער אידישער טעאַטער אין מאָסקווע איז אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע פון אַזאַ מאַסשטאַב, וואָס מען קאָן זיך עס אין אַמעריקע גאָרניט פאָרשטעלן. בלויז דער פיזישער פאַרנעם פון דער אָרגאַניזאַציע קאָן געבן אַ שטיקל באַגריף וועגן דעם. די צאָל אַקטיאָרן און אָנגעשטעלטע גרייכט ביז פיר הונדערט. אין דער אידישער טעאַטראַלער שול, וואָס געפינט זיך ביי דעם טעאַטער, לערנען זיך אַרום זעכציק בחורים און מיידלעך. עס ווערן צוגעגרייט נייע, יונגע אידישע אַקטיאָרן (אגב, אין דער סטודיע האָבן זיך אויך געפונען אַ פּאָר רוסישע מיידלעך, וועלכע האָבן זי דערלערנט

צו ווערן אידישע אַקטריסעס און איין מיידל האָט דווקא געוואָלט פאָרן שפּילן — און איז געפאָרן — אין דעם אידישן טעאַטער אין בירא־בידזשאַן! אָט אַזוי איז עס אין אַ כאַציאַליסטיש לאַנד...).

איך האָב געזען אין דעם מאָסקווער טעאַטער די פּיעסן: „פּרייל־עכס״, „בלאָנדזשענדיקע שטערן״, „טוביה דער מילכיקער״, „שולמית״ (צוליב פאַרנומענקייט מיט אַנדערע אויפגאַבן, צוליב די רייזעס קיין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און ליטע, און צוליב געזונט־צושטאַנד האָב איך ניט געקאָנט זען דעם גאַנצן רעפּערטואַר, וועלכער האָט איינגעשלאָסן נאָך עטלעכע פּיעסן). יעדע פאָרשטעלונג, באַזונדערס פון די ערשטע דריי, איז געווען ממש אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער אידישער קולטור („שולמית״ געפינט זיך שוין אַן ערך צוואַנציק יאָר אין דעם רעפּערטואַר). עס זיינען געקומען צו די פאָרשטעלונגען אידישע אַרבעטער, מלוכה־מענטשן, געלערנטע, אַרמיי־קאָמאַנדירן, גענעראַלן, פּאָלקאָווניקעס זיינען נאָרמאַלע באַזוכער פון דעם טעאַטער. איך האָב געזען אַזעלכע באַזוכער ביי יעדער פאָר־שטעלונג. איך האָב זיי אויך געזען צווישן די, וואָס האָבן געקויפט אידישע ביכער. דער פאַרלאַג „עמעס״ האַלט אויף צוויי קיאָסקן אין די קולואַרן (פּאָיעס) און פאַרקויפט אַ סך אידישע ביכער, ביכלעך, לערן־ביכלעך פון דער אידישער שפּראַך, אלף־בית.

איך האָב שוין דערמאָנט די ליטעראַרישע אָוונטן, וואָס דער טעאַטער אָרגאַניזירט. ער האָט אויך בשעת מיין זיין אין מאָסקווע איינגעפירט אַלגעמיינע קורסן פאַר אידישער ליטעראַטור און געשיכטע, פאַרן ברייטן עולם.

אין דעם טעאַטער, ווי בכלל אויף די ליטעראַרישע אָוונטן און קאָנ־צערטן, האָב איך געזען אַ סך יוגנט.

אַן אַנדער קאַפּיטל אין דער אידישער קולטור־בויאונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז — אידישע קולטור אויף אַנדערע שפּראַכן. די פּיעסן פון שלום־עליכם און אַנדערע ווערן געשטעלט אויף רוסיש, אוקראַיניש און אַנדערע שפּראַכן. עס ווערן אַרויסגעגעבן אויף אַנדערע שפּראַכן, חוץ אידיש, די ווערק פון שלום־עליכם, בערגעלסאָן, פעפער, מאַרקיש, קוויטקאָ, האַלקין, קושניראָוו, האָפּשטיין, ווינער און אַנדערע (די קינדער־לידער פון ל. קוויטקאָ פאַרשפּרייטן זיך אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן אויף רוסיש און אַנדערע שפּראַכן).

דאָס זיינען אַלץ איינצלנע שטריכן פון דער קולטור־בויאונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך רעכן ניט אויס די ווערק, אויף וועלכע אידישע שרייבער אַרבעטן; די ווערק, וואָס דער פאַרלאַג „עמעס״ האָט אַרויס־

געלאָזט און פּלאַנעוועט ארויסלאָזן; דערצייל ניט וועגן די פּלענער פון די טעאַטערס, פון דעם קיעווער קאַבינעט, ווילנער מוזעי און אַזוי ווייטער. אינסטיטוציעס אַרבעטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד לויט לאַנג־טערמיניקע פּלענער. אויסרעכענען די פּלענער פון יעדער אינסטיטוציע וואָלט פאַר־נומען אַ סך אָרט. דער עיקר — איך מאַך דאָ ניט קיין רעגיסטראַציע. מען קאָן באַנוצן די רשימות, די פּלענער, אין דער פּרעסע, ס'הייסט, אין דער פּרעסע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער סאָוועטישער אידישער קולטור.*)

איך האָב געזוכט איבערצוגעבן דאָס, וואָס איך האָב געזען, ביי־געוואוינט. איך האָב געזוכט צו געבן דעם הינטערגרונט פאַר דער אידי־שער קולטור־אַרבעט, ווי פאַר דער ניט־אידישער, געזוכט צו שילדערן די ספּעציעלע — גינסטיקע באַדינגונגען אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד און די ספּעציעלע — ניט־גינסטיקע באַדינגונגען, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון עוואַקואַציע, חורבן, רע־עוואַקואַציע, פאַרלוסט פון קרעפטן א. אַז. וו.

איך זאָג ניט, אַז איך בין צופרידן. צופרידן קאָן מען קיינמאָל ניט זיין, בפרט ווען מען נעמט אין אַכט די ניט־גינסטיקע באַדינגונגען. עס פעלט נאָך אַ סך — צייטונגען, זשורנאַלן, שולן, קלובן, פאַרלאַגן, טעאַטערס און אַזוי ווייטער. געדענקען דאַרף מען אָבער, אַז דאָס גאַנצע

---

*) עטלעכע ציפערן וועלן מיר דאָ ברענגען וועגן דעם טיראַזש פון אידישע ביכער. דער פאַרלאַג „עמעס" גיט אַרויס פּאָליטישע ליטעראַטור אין אַ טיראַזש פון 25 ביז 30 טויזנט עקזעמפּלאַרן אַ בוך. קינסטלערישע ליטעראַטור, איינ-געשלאָסן לידער, ווערט אַרויסגעגעבן אין אַ טיראַזש פון פינף ביז צען טויזנט. סוצקעווערס „ווילנער געטאָ", סמאָליאַרס „מינסקער געטאָ" און ב. מאַרקס „דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ" זיינען אַרויס אין 15 טויזנט עקזעמפּלאַרן יעדער (סמאָליאַרס אויך אין 50 טויזנט עקזעמפּלאַרן אויף רוסיש). עס וועט ווערט זיין צו ברענגען ציפערן פון דער פאַרשפּרייטונג פון אידישע ביכער אויף פאַרשיידענע שפּראַכן פון 1918 ביז 1947. שלום-עליכם — 4 מיליאָן מיט 174 טויזנט עקזעמפּלאַרן, אויף צוועלף שפּראַכן, דערין 1 מיליאָן מיט 955 טויזנט אויף אידיש. ל. קוויטקאָ (איינגעשלאָסן קינדער-ליטעראַטור) — 6 מיליאָן מיט 910 טויזנט עקזעמפּלאַרן, אויף 33 שפּראַכן, דערין 138 טויזנט אויף אידיש. פּרץ מאַרקיש — 167 טויזנט אויף דריי שפּראַכן, דערין 75 טויזנט אויף אידיש. איציק פעפער — 133 טויזנט אויף דריי שפּראַכן, דערין 68 טויזנט אויף אידיש. פאַר מיין אַרויספאָרן פון מאָסקווע איז אַרויס „טוביה דער מילכיקער" אויף רוסיש אין 110 טויזנט עקזעמפּלאַרן און איז באַלד אויספאַרקויפט געוואָרן (דער טיראַזש פון בוך איז באַגרענעצט געוואָרן מיטן „לימיט" דרוק-פּאַפּיר; דער „לימיט" באַגרענעצט דעם טיראַזש פון ביכער, צייטונגען, וועלכע וואָלטן זיך געקאָנט נאָך פיל מער פאַרשפּרייטן).

לאַנד גייט דורך אַ פּראָצעס פון וואוקס, פון שווערן, וווּיטיקפולן וואוקס. צוזאַמען מיטן גאַנצן לאַנד, און מיט אַ געזיכערטן פרידן וועט וואַקסן די אידישע קולטור, וואָס איז איינס מיטן לאַנד.

„איינס מיטן לאַנד". מען קאָן ניט צופיל און צו אָפט אונטער־שטרייכן דעם דאָזיקן מאָמענט אין דער אידישער קולטור־בויאונג. מען זעט עס אין דער טעמאַטיק פון דער אידישער ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַ שטאָל־גיסעריי אין מאַגניטאָגאָרסק, הייזער־בויאונג, אַ אידישער „סטרעלאָטשניק" ביי דער באַן, דאָס צוזאַמענלעבן פון אידן און ניט־אידן, די באַנייטע דאַמבע אויפן דניעפּער, דער קאַמף פאַר אַ גוטער־נערעטעניש, — דאָס און אָן אַ שיעור אַנדערע ענינים, וואָס האָבן צו טאָן מיטן לאַנד, מיט אַלצדינג אינעם אייגענעם לאַנד, זיינען טעמעס פאַר שרייבער.

איך האָב אויף מיין איצטיקן באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט גע־האַט די מעגלעכקייט צו באַזוכן בירא־בידזשאַן, ווי איך האָב עס באַוויזן צו טאָן אין 1936 (פּאַרוואָס — זע קאַפּיטל „בירא־בידזשאַן"). רעדט מען אָבער וועגן אידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, מוז מען בירא־בידזשאַן זייער שטאַרק אריינרעכענען אין חשבון.

בירא־בידזשאַן, וואו אידיש איז אַ מלוכה־שפּראַך, וואו עס זיינען פאַראַן אידישע שולן, מיטל־שולן, הויך־שולן, טעכניקומס. אויך אַ טעג־לעכע אידישע צייטונג, דער „שטערן", און דער אידישער מלוכה־טעאַטער אויף קאַהאַנאָוויטשעס נאָמען, איינער פון די בעסטע אין ווייטן מזרח. בירא־בידזשאַן איז אַ צענטער פון אידישע שרייבער. ס'ווערן ארויסגעגעבן אין בירא־בידזשאַן — און אין מאָסקווע פאַר בירא־בידזשאַן — אידישע ביכער, לערן־ביכער. דער אידישער קולטור־צענטער אין בירא־בידזשאַן איז נאָך קליין אין פאַרגלייך מיט אַזאַ צענטער, ווי מאָסקווע, אָדער קיעוו. אָבער די אידישע מלוכהשאַפט גיט דעם אידישן קולטור־צענטער אין בירא־בידזשאַן אַ ספּעציעלן כאַראַקטער (זע קאַפּיטל: „בירא־בידזשאַן").

דאָ דאַרף מען באַרירן עטלעכע אַנדערע מאָמענטן פון אידיש־לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאַציאָנאַלע מאָמענטן פון דעם דאָזיקן לעבן.

די וואָס פאַרקוקן די אידישע קולטור פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָדער לייקענען זי אינגאַנצן אָפּ, קומען געוויינלעך צום אויספיר, אַז אידיש לעבן גייט אונטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אידן אַסימילירן זיך, הייסט עס. וואָס איז דער אמת?

אין דעם קאַפּיטל „אידן אין מאָסקווע" רעד איך וועגן דעם. לאָמיר זיך נאָכאַמאָל אָפּשטעלן אויף דעם ענין.

אסימילירן זיך אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד?

יאָ, געוויסע אידן ווערן אַסימילירט, כּמעט ניט אויף דעם שטייגער און אפשר אויך ניט אין אַזאַ צאָל ווי אין אַמעריקע. אַז אַסימילירטע אידן זאָלן זיך שעמען מיט זייער אָפּשטאַמונג — איז ניט צו זען. אַז אַסימילירטע אידישע קינדער זאָלן זיך שעמען מיט זייערע אידישע עלטערן (ספּעציעל ווען אַ אידישער בחור האָט חתונה מיט אַ קריסטלעך מיידל, אָדער אַ אידיש מיידל מיט אַ קריסטלעכן בחור) — קאָן קוים געמאָלט זיין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָרט איז ניטאָ קיין אַסימילאַציע צוליב שרעק, צוליב פאַרבעסערן זיך די אייגענע לאַגע, צוליב אַ געפיל פון מינדער־וויכטיקייט.

בשעת איך בין געווען אין פּוילן, איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אויסצוגן פון אַן אַרטיקל פון אַ העברייאישן שרייבער אין פּאַלעסטינע, וועלכער האָט זיך באַקלאָגט דערויף, וואָס געוויסע אידן, אין פּאַלעסטינע, שעמען זיך מיטן העברייאישן בוך, מיט דער העברייאישער צייטונג, גייען אַריבער אויף דער שפּראַך פון דעם אימפּעריאַליסטישן אָקופּאַנט — ענגליש. איך ווייס ניט, ווי גרויס דער עלעמענט איז, אָבער מען קאָן זיך פאָרשטעלן, עס זאָלן זיך געפינען אַזעלכע אידן (אָדער „אידן"), וואָס זאָלן זיך וועלן צושאַרן צום שטאַרקערן, נושא־חן זיין, מאַכן בעסערע געשעפטן און אַזוי ווייטער. אַזאַ סאָרט אַסימילאַציע איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אוממעגלעך.

עס זיינען אָבער אוודאי דאָ אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס אַסימילירן זיך, און איך דערמאָן עס דאָ, כּדי מען זאָל זען דאָס גאַנצע בילד. דאָס איז אָבער נאָר אַ צוגאָב־שטריך צום אמתן בילד — וואָס ווייזט אייך, אַז דאָס נאַציאָנאַלע געפיל צווישן די סאָוועטישע אידן איז נאָך שטאַרקער ווי פאַר דער מלחמה (פּונקט ווי דאָס איז דער פאַל מיט אידן אין אַנדערע לענדער). דערפאַר פאַרקויפט זיך איצט דאָס אידישע בוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַ גרעסערער צאָל עקזעמפּלאַרן ווי פאַר דער מלחמה, כאָטש אידן זיינען פאַראַן ווייניקער. דערפאַר איז שווער צו קריגן אַ בילעט אויף אַזעלכע פאָרשטעלונגען, ווי „פריילעכס", „בלאָנדזשענדיקע שטערן", „טוביה דער מילכיקער" אין מאָסקווער אידישן מלוכה־טעאַטער. דערפאַר ווערן ליטעראַרישע אָוונטן און אידישע קאָנצערטן אַזוי שטאַרק באַזוכט.

פאַר מיין אָפּפאָרן פון אַמעריקע, אין פרילינג 1946, איז דערשינען אין קאָנגרעס וויקלי", אָרגאַן פון אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס, אַ לייט־אַרטיקל: „אַסימילעישאָן טרו איקוואַליטי", אַסימילאַציע דורך גלייכ־

באַרעכטיקונג — אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, הייסט עס. צו דעם אויספיר איז דער שרייבער געקומען נאָכדעם, ווי ער האָט איבערגעלייענט אַ קעיבל פון מאָסקווע, וואָס ב. צ. גאָלדבערג האָט געהאַט צוגעשיקט צום „טאָג". האָט זיך, לויטן אַרטיקל אין „קאָנגרעס וויקלי", באַקומען אַזוי: סיי אין אַמעריקע און סיי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן אידן גלייכהייט, און דער־פאַר אַסימילירן זיי זיך איןביידע לענדער.

איך האָב דעם אַרטיקל מיטגענומען מיט זיך, צווישן אַנדערע מאַ־טעריאַלן, און פּרובירט קאָנטראָלירן אויפן אָרט די מיינונגען וואָס זיינען אין דעם אַרטיקל אַרויסגעזאָגט געוואָרן (כאָטש איך האָב פריער געוואוסט, אַז דער שרייבער פון דעם אַרטיקל איז אומגערעכט). וואָס־זשע האָט זיך באַקומען?

עס האָט זיך באַקומען, אַז דער שרייבער האָט פאַרגעסן: 1) אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פאַראַן ניט סתם גלייכהייט, נאָר נאַציאָנאַלע גלייכ־הייט; 2) אַז דאָרט איז ניטאָ איין קולטור, וואָס זוכט מיט געוואַלד איינצושלינגען די אַנדערע קולטורן, נאָר אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך קול־טורן, פון פאַרשיידענע פעלקער, און אַז איין פאָלק איז פאַראינטערעסירט אין דער קולטור פון דעם אַנדערן פאָלק; אַז די מלוכה איז פאַראינטערע־סירט אין די קולטורן פון די פאַרשיידענע פעלקער.

אין דעם קאַפּיטל וועגן ווילנע גיב איך איבער, וואָס פאַר אַן אינטערעס דער פּרעזידענט פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק, פּאַלעצקיס, האָט אַרויסגעוויזן צום אידישן מוזעי, צו דער אידישער קינדער־שול (ער איז געקומען צו דער גראַדואיר־פייערונג פון דער שול אין פרילינג פון הייַנטיקן יאָר). אין דעם קאַפּיטל וועגן מינסק האָב איך דערציילט וועגן דער זאָרג פון דער ווייסרוסישער סאָוועטן־רעגירונג און דער גאַנצער מינסקער געזעלשאַפטלעכקייט פאַרן ווייסרוסישן אידישן מלוכה־טעאַטער. אין דעם קאַפּיטל „אידן אין מאָסקווע" האָב איך דער־ציילט, ווי דער גרויסער אוקראַאינישער דיכטער, מאַקסים רילסקי, דעפּוטאַט פון העכסטן סאָוועט, האָט געמאָנט ביי די אידישע שרייבער אין מאָסקווע מאַטעריאַלן פאַרן אידישן אַלמאַנאַך אין קיעוו. איך האָב דערציילט — אין קאַפּיטל וועגן קיעוו — וועגן אַן אָוונט פאַר אידישער פּאָעזיע, וואָס דער אַלגעמיינער פאַרבאַנד פון אוקראַאינישע שרייבער האָט איינגעאָרדנט. דאָס זיינען מוסטערן. ניט נאָר זיינען אַנדערע פעלקער פאַראינטערעסירט אין דער קולטור פונעם אידישן פאָלק, ניט נאָר איז די מלוכה פאַר־אינטערעסירט — ניין, נאָכמער: מען מאָנט ביי אידישע שרייבער און קולטור־טוער זיי זאָלן שאַפן און בויען!

אַזאַ דערשיינונג קאָן מען זען נאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פון דער אַנדערער זייט האָט דער שרייבער אין „קאָנגרעס וויקלי" פאַרגעסן, אַז אין אַמעריקע קומט פאָר אַסימילאַציע — ניט אַזוי צוליב דעם, וואָס עס איז פאַראַן גלייכהייט, נאָר דער עיקר צוליב דעם, וואָס עס איז ניטאָ קיין גלייכהייט!

מענטשן אַסימילירן זיך, ווייל זיי האָבן מורא צו זיין אידן; ווייל זיי ווילן זיך אויסבעסערן דורך באַהאַלטן זייער אידישקייט, אָדער אויס־בעסערן די לאַגע פון זייערע קינדער דורך דערציען זיי, ווי ניט קיין אידן. צוליב מורא — געפינען זיך אידן, וואָס הערן אויף לייענען אידישע צייטונגען, ווילן ניט וויסן פון אידישע ביכער, פון אידישן טעאַטער. אַז אַזעלכע דערשיינונגען זיינען ניט מעגלעך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז קלאָר. פונקט פאַרקערט: אַנדערע העלפן, דערמאָנען אידן, מאָנען אידישע קולטור, ווי מיר האָבן געזען פון די אויבן־דערמאָנטע ביישפילן.

איך האָב געזאָגט, אַז אַ געוויסער פראָצענט סאָוועטישע אידן אַסימילירט זיך, אָבער אַז ער איז ניט מאַסגעבנדיק, ווייל בכלל געמומען ווייזן אַרויס די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ גרויסן אינטערעס צו אידישע נאַציאָנאַלע ענינים, צו אידישער קולטור. אָבער איך ווייס ניט, צי מען קאָן אפילו בנוגע די „אַסימילירטע" אָנווענדן דעם דאָזיקן באַגריף — „אַסימילירטע" — ווי מיר פאַרשטייען אים אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

אַ אידישער גענעראַל איז געוויינלעך „אַסימילירט". ער געפינט זיך אין אַ סביבה, וואָס רייסט אים אָפּ פון אידישע ענינים, אפשר אויך פון אידן. אָבער דאָס איז ריכטיק בנוגע אַ אידישן גענעראַל, לאָמיר זאָגן, אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי (זיינען פאַראַן אַזעלכע?). אַ אידישער גענע־ראַל אין דער סאָוועטישער אַרמיי קומט אין אידישן טעאַטער, האָט אַן אינטערעס פאַר בירא־בידזשאַן, און אַזוי ווייטער. און ער האָט קיין מורא ניט, אַז עס וועט אים שאַדן צו זיין קאַריערע, ווי דאָס איז דער פאַל מיטן אידישן גענעראַל אין אַמעריקע (נאָכאַמאָל, זיינען פאַראַן אידישע גענע־ראַלן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, אין פרידן־צייט?).

איך געדענק גוט אַ גענעראַל, וועלכן איך האָב געזען אין אידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָסקווע. ער איז געווען אויסגעפּוצט אין מעדאַלן, אָרדנס, און — געטראָגן אונטערן אָרעם אַ אידישן בוך, וואָס ער האָט געקויפט אין פאָיע (לאָבי) פון טעאַטער. ער איז געווען פאַרטיפט אין דעם, וואָס אויף דער בינע האָט זיך געטאָן — מען האָט געשפּילט „בלאָנ־דזשענדיקע שטערן" — און ער האָט אַ טורכע געטאָן דער ווייב מיטן

עלנבויגן, ווען האַצמאַן (זוסקין) האָט זיך באַקלאָגט, אַז ווען ער האָט זיך געלערנט פאַר אַ שניידער, האָט אים דער באַלעבאָס געגעבן מיט אַ פּרעסל אין האַרצן אַריין!

— אוי, דו הערסט, — האָט דער גענעראַל אַ זאָג געטאָן דער ווייב, — מיט אַ פּרעסל אין האַרצן אַריין!

דאָס, וואָס גענעראַלן, פּאָלקאָווניקעס, מלוכה־פירער גייען אין אידישן טעאַטער, אויף אידישע קאָנצערטן, איז אַליין, פאַר־זיך, אַ וויכטיקע, באַדייטונגפולע דערשיינונג. נאָך וויכטיקער אפשר איז אָבער דאָס, וואָס זיי האָבן קיין מורא ניט, אַז עס וועט זיי שאַדן צו דער קאַריערע!

אין דעם קאַפּיטל „אידן אין מאָסקווע" דערמאָן איך דעם חשובן מיטגליד פונעם פּרעזידיום פון אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, דר. באָרים שימעליעוויטש. לאָמיר נאָכאַמאָל באַרירן דעם מאָמענט.

איך האָב אים געטראָפן אויף אַ אידישן באַנקעט, וואו ער האָט זיך צעזונגען אויפן קול: „טייערע מלכה, געזונט זאָלסטו זיין". האָב איך געטראַכט: וואָלט דער הויפּט פון גרעסטן שפּיטאָל אין ניו־יאָרק אויך געזונגען אַ אידיש לידל אין דער עפנטלעכקייט? וואָס וואָלטן די „טראָסטים" פון שפּיטאָל געזאָגט וועגן דעם? וואָלט ער ניט מורא געהאַט צו פאַרלירן זיין שטעלע? דר. באָרים שימעליעוויטש, דער הויפּט פון גרעסטן שפּיטאָל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דער באָטקין־שפּיטאָל, האָט ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. אויפן זעלביקן אידישן באַנקעט זיינען אויך געווען ניט־אידן. אויף דעם באַנקעט האָט עם מאַקסים רילסקי געשטראָפט די אידישע שרייבער פאַר ניט צושיקן זייערע ווערק פאַרן אידישן אַלמאַנאַך אין קיעוו.

דער הויפּט פון אַ גרויסן שפּיטאָל אין ניו־יאָרק איז געצוואונגען צו באַהאַלטן זיין אידישקייט. דער הויפּט פון באָטקין־שפּיטאָל אין מאָסקווע ווייס ניט פון אַזאַ צוואַנג. עס פעלט אים גאָרניט איין! עס פעלט קיינעם ניט איין אַזאַ זאַך, ער זאָל גאָר באַהאַלטן זיין אידישקייט. פאַרקערט, מען וועט נאָך האָבן צו אים טענות, הלמאי ער גיט ניט אַכטונג אויף דער אידישער קולטור!

אַזוי אַז די טעאָריע „אַסימילאַציע דורך גלייכהייט" איז ניט גילטיק פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד. יעדנפאַלס, אַזוי „איינפאַך" איז עס ניט. אַוודאי ניט איצט, נאָך אַזאַ מלחמה, וועלכע האָט פאַרשטאַרקט ביי אידן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל (אויך וועגן דעם זע דאָס קאַפּיטל: „בירא־בידזשאַן").

די סאָוועטישע אידישע קולטור איז אַ קולטור, וואָס ווערט געבויט

אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד. דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט אַזאַ חורבן, וואָס קיינער קאָן זיך עס גאָרניט פאָרשטעלן. דעם חורבן מוז מען כסדר אינזינען האָבן. און די זייער שווערע אומגערעטעניש פון 1946 דאַרף מען אינזינען האָבן. און רעדט מען וועגן אידיש לעבן בכלל, מוז מען, נאָכאמאָל, אינזינען האָבן, אַז מען האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן פון בראשית. עס זיינען ערשט „נעכטן" ניט געווען קיין אידן אין אוקראַינע, און אַזוי ווייטער. דאָס לאַנד איז אָבער אַ סאָציאַליסטישס, מיט אַן אייגענער דינאַמיק, מיט אַן אייגענעם צוזאַמענלעבן פון פעלקער, מיט אַן אייגענעם צוגאַנג צו דער קולטור פון די פעלקער, וואָס עטוואָס דערפון האָבן מיר דאָ געזען. נעמט מען דאָס אין אַכט, נעמט מען אין אַכט די פאַרשטאַרקטע בויאונג פון בירא־בידזשאַן און דעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט, וואָס ווערט אין דעם אַריינגעלייגט, נעמט מען אין אַכט דאָס, וואָס מען האָט שוין דער־גרייכט — דאָס וואָס איך האָב אין דעם קאַפּיטל אויף אַ סקיצנהאַפטן שטייגער אָנגעמערקט, — קאָן מען זיכער זיין אין דעם מאָרגן פון דער אידישער קולטור און פון אידיש לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי מען קאָן זיך פרייען מיט די דערגרייכונגען פונעם היינט — באמת וואונדער־לעכע דערגרייכונגען, ווען מען נעמט אין אַכט די אומבאַשרייבלעכע שוועריקייטן.

ניט פרייען זיך, נאָר פאַרנעמען זיך מיט פּעסימיסטישע דיאַגנאָזן, וועט דער, וועמען דאָס סאָוועטישע לעבן בכלל געפעלט ניט, וועמען סאָציאַליזם געפעלט ניט. אים וועט ניט געפעלן די קולטור, וואָס איז איינס מיטן דאָזיקן, סאָציאַליסטישן, לעבן. ניט פרייען זיך, נאָר פאַרנעמען זיך מיט פּעסימיסטישע דיאַגנאָזן, וועלן די, וועמען עס ציט צו דער „גאַנצ־קייט" פון דער געטאָ.

# ביראָ־בידזשאַן

אויף מיין איצטיקן באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בין איך ניט געווען אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט (אין 1936 בין איך דאָרט געווען *). איך האָב אָבער גערעדט וועגן דער געגנט מיט טוער אין מאָסקווע, מיט דער דעפּוטאַטקע פון דער געגנט, שפרה קאָטשינאַ, מיטן פאָרשטייער פון דער געגנט אין מאָסקווע, גערשקאָוו, און בין געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן פאָרזיצער פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער געגנט, ל. זילבערשטיין, גערעדט מיט אים אויפן טעלעפאָן.

נאָך מיין קומען צוריק קיין ניו־יאָרק, האָב איך אין אַ באַריכט פאַר די טוער פון „אַמבידזשאַן" אויסגעדריקט מיין טיפע איבערצייגונג, אַז די אידישע אויטאָנאָמע געגנט וועט געבויט ווערן מיט באַנייטן, פאַרשטאַרקטן אימפּעט. די אַנטוויקלונגען אין פרילינג און זומער פון היינטיקן יאָר האָבן עס באַשטעטיקט. וועגן דעם ווייטער. נאָר קודם האַלט איך פאַר נויטיק צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן דעם, ווי ביראָ־בידזשאַן „קוקט אויס" פון מאָסקווע.

ס'איז פאַרשטייט זיך קיין נייעס ניט, אַז ביראָ־בידזשאַן איז אַ טייל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די באַדייטונג דערפון פאַרזעט מען אָפט, אָדער מען פילט זי בכלל ניט. ווען מען איז אָבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גופא, איז ניט נאָר באַגרייפט מען בעסער וואָס דאָס באַטייט, נאָר מען האָט עס כסדר איינזינען. דעמאָלט שטעלט מען ניט די פראַגן, וואָס מען הערט אין אויסלאַנד (מיר האָבן איינזינען פראַגן פון פריינט).

---

*) אפשר וועט נויטיק זיין צו זאָגן, אין עטלעכע ווערטער, פאַרוואָס. איך בין געקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צום סוף פון אַן אַכט־חדשימדיקער רייזע אין אייראָפּע און בין געווען אַזוי אויסגעשעפּט, אַז איך בין אויפן צווייטן חודש נאָך מיין קומען קראַנק געוואָרן. דאָס איז געווען באַלד נאָך דער רייזע איבער אוקראַינע. איך האָב קוים באַוויזן צו באַזוכן מינסק און ווילנע, געמוזט אויסשניידן פון פּלאַן קאָוונע, ריגע, טשערנאָוויץ, קעשענאָוו, וואוהין איך האָב שוין געזאָלט פאָרן. וועגן פאָרן אין ביראָ־בידזשאַן, אַ רייזע פון אַרום 25 טעג הין און צוריק, אום ווינטער, האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

וואָס איז די באַדײַטונג דערפֿון, וואָס ביראָ־בידזשאַן איז אַ טייל פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד?

אין זייער אַ סך טיילן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אפֿשר אין די מייסטע טיילן, איז אין משך פֿון דער מלחמה פֿאָרגעקומען אַ טיפֿע איבערטאַשירונג אויף פֿאַרשיידענע געביטן. עס איז איבערגעטאַשירט געוואָרן די ווירטשאַפֿט, פֿון אַ פֿרידן־ווירטשאַפֿט אויף אַ מלחמהדיקער, און עס איז איבערגעטאַשירט געוואָרן די באַפֿעלקערונג. אָרטיקע אײַנוואוינער, יונגע און מיטליאָריקע, זײַנען אַוועק אויף די פֿראָנטן, אָדער בכלל אויף מלחמה־אַרבעט, אײַנוואוינער פֿון אַנדערע ערטער זײַנען אָנגעקומען, אָדער — ווען עס האַנדלט זיך וועגן גרענעץ־געביטן, פֿראָנט־געביטן — עס איז אָנגעקומען מיליטער. די מייסטע אַרבעט־פֿייאיקע מענער פֿון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט זײַנען אַוועק אויף די פֿראָנטן, ווי עס האָט פּאַסירט אין אַלע געגנטן פֿון דעם לאַנד. אויף וויפֿיל ביראָ־בידזשאַן אַליין איז געווען אַ פֿראָנט־געביט, קענען יאַפּאַן, קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן, אַז אַהין זײַנען געבראַכט געוואָרן די געהעריקע פֿאָרמאַציעס מיליטער. איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגנהייט, און דער עיקר קיין נויטווענדיקייט, צו מאַכן „אויספֿאָרשונגען" וועגן דעם צושטאַנד פֿון ביראָ־בידזשאַן אין מלחמה־צײַט, אָבער מען קאָן זיך עס אַליין זײַן אַ געוויסער מאָס פֿאָרשטעלן. מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן, אַז די ווירטשאַפֿט און די באַפֿעלקערונג פֿון ביראָ־בידזשאַן זײַנען „צעאַקערט" געוואָרן, מער ווי אין אַנדערע, אינערלעכע, טיילן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

עס האָט דעריבער, לויט מײַן מיינונג, קיין זין ניט נאָכצופֿרעגן זיך אויף סך־הכּלען, אויף „אונטערשטע שורות", ווען מען רעדט וועגן דער בויאונג און דער באַפֿעלקערונג פֿון ביראָ־בידזשאַן. אין אַ געוויסן זין איז נאָך דער מלחמה, לויט מײַן מיינונג, געמאַכט געוואָרן אַן אָנהויב פֿון דאָס ניי. אוודאי זײַנען פֿאַראַן די פֿריערדיקע בויאונגען, די פֿאַבריקן, הײַזער, אינסטיטוציעס. עס זײַנען פֿאַראַן די פֿירער, טוער, פֿיל פֿון זיי, אויב אַפֿילו ווייט ניט אַלע. עס איז פֿאַראַן די דערפֿאַרונג. אָבער דער פּראָצעס פֿון „רעקאָנווערזיע", פֿון אומקערן זיך צוריק צו פֿרידלעכער בויאונג, טראָגט דאָ ניט נאָר אַ ווירטשאַפֿטלעכן כאַראַקטער. אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, טראָגט די „רעקאָנווערזיע" אויך אַ אידיש־אויטאָנאָם־געגנטלעכן כאַראַקטער. אידן פֿון ביראָ־בידזשאַן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן בײַ סטאַלינגראַד, בערלין, ווין, בודאַפּעסט, און האָבן זיך געפֿונען, אָדער געפֿינען זיך נאָך אין אַרמיי־טיילן, וואָס ווערן געהאַלטן אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך און אַזוי ווײַטער, האָבן זיך אָנגעהויבן אומ־

קערן, קערן זיך אום, אהיים. פּונקט אַזוי קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז מיליטער־טײלן, וואָס האָבן זיך געפונען אין ביראָ־בידזשאַן, קערן זיך אום אהיים. קורץ, עס קומט פאָר אַ נײַע איבערטאַשירונג פון דער אידי־שער אויטאָנאָמער געגנט. דערבײַ קומט פאָר אַ פּראָצעס פון װײַטערדיקער בויאונג, פון דער פאַרשטאַרקונג פון דער באַפעלקערונג מיט נײַע אידישע אײַנוואַנדערער.

אַז דאָס קומט איצט פאָר, זעט מען. װיכטיק איז אָבער געװען, און איז, די מלוכהשע אײַנשטעלונג אין דער דאָזיקער ריכטונג. די אײַנ־שטעלונג, צו בויען ביראָ־בידזשאַן, איז די גאַראַנטיע, אַלץ אײנס װאָס פאַר אַ דערפאַרונגען די געגנט זאָל ניט האָבן דורכגעמאַכט בשעת דער מלחמה (דערפאַרונגען — װאָס מען דאַרף אינזינען האָבן).

צוזאַמען מיט דער אײַנשטעלונג פון דער סאָװעטן־רעגירונג בנוגע ביראָ־בידזשאַן, צו בויען די אידישע אויטאָנאָמע געגנט, דאַרף מען אינ־זינען האָבן נאָך אַן עלעמענט: דער פאַרשטאַרקטער נאַציאָנאַלער באַ־װאוסטזײַן פון די סאָװעטישע אידן, װי פון אַלע סאָװעטישע בירגער (און װי פון אידן אין פאַרשײדענע לענדער, — װאו דער פאַרשטאַרקטער נאַציאָנאַלער באַװאוסטזײַן נעמט אָבער אַן אַנדערע פאָרמען, װי אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד).

װי בײַ אַלע פעלקער, איז בײַם אידישן פאָלק אין משך פון דער מלחמה שטאַרק אונטערגעשטראָכן געװאָרן דער נאַציאָנאַלער מאָמענט. דאָס פאָלק איז גערופן געװאָרן צו בלײַבן טרײַ זײַנע שענסטע קאַמף־טראַדיציעס, כדי צו באַזיגן דעם שונא, כדי צו בלײַבן לעבן. פיל אידן זײַנען אומגעקומען, סײַ אַלס סאָװעטישע בירגער און סײַ אַלס אידן, אָפט דער עיקר אַלס אידן. אידן זײַנען אומגעקומען אין די געטאָס פון מינסק און אַנדערע סאָװעטישע שטעט, און האָבן געקעמפט אין די געטאָס. אידן זײַנען אויסגעשאָכטן געװאָרן דער עיקר אַלס אידן — אין באַבי יאַר, בײַ קיעװ, און אין אומצאָליקע אַנדערע שחיטה־ערטער. און אידן אין סאָ־װעטן־פאַרבאַנד װײסן פון מאַידאַנעק, אָשװענטשים, טרעבלינקע און נאָך אַנדערע שחיטה־לאַגערן, װאוהין די רויטע אַרמײ איז אַרײַן, אָדער װאוהין די אַמעריקאַנער אַרמײ איז אַרײַן. סאָװעטישע אידן געדענקען עס. זײ זײַנען ניט „מיד" פון דער ליטעראַטור און פון פילמס װעגן די שחיטות... ביכער װעגן די געטאָס פון מינסק און װילנע, אויך װעגן אויפשטאַנד אין דער װאַרשעװער געטאָ, האָבן די גרעסטע פאַרשפּרײטונג (אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע ביכער).

די סאָוועטישע אידן, געטרייע סאָוועטישע בירגער, געדענקען זייער ראָל אַלס אידן.

די צוויי מאָמענטן, די מלוכהשע איינשטעלונג און דער פאַרשטאַרקטער אידיש־נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין פון די סאָוועטישע אידן, דאַרף מען אינזינען האָבן ווען מען רעדט וועגן ביראָ־בידזשאַן.

אין פאַרבינדונג דערמיט וועט ווערט זיין צו רעגיסטרירן דאָ אַ לייט־אַרטיקל אין דער מאָסקווער „איינִיקייט" פון 31טן מאַי (1947).

פאַר דעם, פאַקטיש זינט אָנהויב יאָר, איז פאָרגעקומען אַ פאַרשטאַרקטע בוויאונג פון ביראָ־בידזשאַן, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָרגאַניזירטע איבערוואַנדערונג, פון דער וויניצער געגנט, אין אוקראַינע. ווען איך האָב גערעדט מיטן ביראָ־בידזשאַנער פאַרשטייער אין מאָסקווע, מיט גערשקאָוון, אין סוף 1946, איז ער נאָר־וואָס געווען געקומען פון וויניצער געגנט. באַלד, אין יאַנואַר פון היינטיקן יאָר, איז די ערשטע פּאַרטיע אידן פון דער געגנט אָפּגעפאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן. דעם 7טן מאַי איז דערשינען אַ באַשטימונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג, וואָס דער אינהאַלט אירער איז געווען אַזאַ:

1. עס זאָל דערלויבט ווערן דער אוקראַאינישער רעגירונג דורכצופירן אין חודש מאַי אַ פרייוויליקע איבערוואַנדערונג פון 550 משפחות (1580 מענטשן) אין דער וויניצער געגנט קיין ביראָ־בידזשאַן.

2. די אוקראַאינישע רעגירונג זאָל זיין פאַרפליכטעט צוצושטעלן פאַר די איבערוואַנדערער זעבציק ספּעציעל־איינגעאָרדנטע וואַגאָנעס און באַזאָרגן די איבערוואַנדערער אויך מיט שפּייז אויף דער רייזע. די אויספירקאָמיטעטן פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט און פון כאַבאַראָווסקער קרייז ווערן פאַרפליכטעט צו זאָרגן דערפאַר, אַז די איבערוואַנדערער זאָלן איינגעאָרדנט ווערן אין ביראָ־בידזשאַן באַלד ווי זיי וועלן אָנקומען.

דעם 31טן מאַי, ווען די דאָזיקע 550 משפחות האָבן געהאַלטן ביים אוועקלאָזן זיך אין וועג אריין, האָט די מאָסקווער „איינִיקייט" אָפּגעדרוקט אַ לייט־אַרטיקל: „אַ מלוכהשער ענין". אין דעם לייט־אַרטיקל רעדט זיך וועגן דער דאַנקבאַרקייט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר דער באַשטימונג פון דער רעגירונג, דאַנקבאַרקייט פאַר דער זאָרג, וואָס די רעגירונג ווייזט אַרויס בנוגע דער בוויאונג פון ביראָ־בידזשאַן. אין פאַרבינדונג מיט דער באַשטימונג גופא איז שטאַרק געשטיגן דער אינטערעס פון דער אידישער באַפעלקערונג צו ביראָ־בידזשאַן. „וועגן דעם זאָגן עדות — שרייבט די „איינִיקייט" — די פּולגעפאַקטע זאַלן אויף די מאַסן־אָוונטן, געווידמעט ביראָ־בידזשאַן, וואָס

זיינען די לעצטע צוויי וואָכן פאַרגעקומען אין מאָסקווע; די אָוונטן, וואָס זיינען פאַרגעקומען אין וויניצע, בערשאַד און אַנדערע טיילן פון אוקראַינע.״

אויף דער פראַגע פאַרוואָס עס איז פאַראַן אַ שטרעבונג צווישן דער אידישער באַפעלקערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צו פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן, ענטפערט די „אייניקייט״, דער אָפיציעלער אָרגאַן פון אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, מיט די פאָלגנדיקע וויכטיקע שורות:

„אַלע סאָוועטישע בירגער, דערין אויך אידן, זיינען אומעטום באַזאָרגט מיט אַרבעט לויט זייערע נייגונגען און פייאיקייטן, זיינען באַזאָרגט מיט דירות, פאַר זיי און פאַר זייערע קינדער זיינען אָפן די טירן פון די שולן און אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן, — אַלע געניסן זיי אויף גלייכע יסודות פון דער געבענטשטער פרוכט פון דער סאָוועטישער פעלקער־פריינטשאַפט, פון דער לעניניש־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פאָליטיק. און דאָך איז פאַראַן אַ שטרעבונג איבערצוואַנדערן קיין ביראָ־בידזשאַן.

„אין דער דערציילונג „ביראָ־בידזשאַן״ פונעם ביראָ־בידזשאַנער שרייבער ב. מילער געפינען מיר אַזאַ דיאַלאָג: „וואָס פעלט דיר דאָ? אדרבא, וואָס גייט דיר אָפּ?״ — פרעגט די מוטער גיטל טשענאָוועצקי ביי איר זון לייבלען, וועלכער קלייבט זיך פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן. „מיר פעלט דאָ גאָרנישט, איך פעל אָבער דאָרט״, — ענטפערט לייבל. אָט דער לאַקאָנישער ענטפער לייבלס איז זייער כאַראַקטעריסטיש.

„די נייע איבערוואַנדערער פעלט גאָרניט אין וויניצע, אין בערשאַד, אין קיעוו, אין באָברויסק, נאָר זיי, אַלס סאָוועטישע פאַטריאָטן, פילן, אַז זיי פעלן אויס אין ביראָ־בידזשאַן, — זיינען זיי גרייט צעשיידן זיך מיט די באַקוועמלעכקייטן אין די איינגעזעסענע ערטער און פאָרן אויף דער ניי־בויאונג — אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. דערביי שפילט דאָ אַ גרויסע ראָלע דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער ווירדע, די שטרעבונג אַקטיוו צו באַטייליקן זיך אין דער בויאונג פון דער איין־און־איינציקער אין דער וועלט אידישער סאָוועטישער מלוכהשאַפט.

„אָט דאָס זיינען די ווירקלעכע סיבות פונעם דראַנג קיין ביראָ־בידזשאַן מצד אַ טייל פון דער סאָוועטישער אידישער באַפעלקערונג.״

אין די שורות איז אָפיציעל פאַרפיקסירט געוואָרן די סיבה, אָדער סיבות, פאַרוואָס אידן פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן — „דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער ווירדע, די שטרעבונג אַקטיוו צו באַטייליקן זיך אין דער בויאונג פון דער איין־און־איינציקער אין דער וועלט אידישער סאָוועטישער מלוכהשאַפט״.

דאָס וואָרט „אַקטיוו״ זאָגט, אַז בכלל גענומען זיינען אַלע סאָוועטישע אידן פאַראינטערעסירט אין דער בויאונג פון ביראָ־בידזשאַן און פיל פון זיי באַטייליקן זיך אין דער בויאונג. די איבערוואַנדערער פאָרן, כדי

אַקטיוו צו בויען. דערביישפּיל פון די וויניצער ווערט נאָכגעפאָלגט פון אידן אין אַנדערע ערטער אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, א. אַז. וו.

די „אייניקייט" ווייזט אָן, אַז איצט פאַרט קיין ביראָ־בידזשאַן, איינגאַנצן געגומען, גאָר אַן אַנדערער עלעמענט. איצט פאָרן ניט קיין דעקלאַסירטע, מענטשן אָן פראָפעסיעס, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט אַ באַדייטנדיקן פּראָצענט פון די אַמאָליקע איבערוואַנדערער קיין קרים און ביראָ־בידזשאַן. איצט פאָרן בוי־אַרבעטער, שלאָסער, שמידן, שוסטער, שניידער, קאָלווירטניקעס, טראַקטאָריסטן. און איצט, קאָן מען זאָגן, וועלן די איבערוואַנדערער אויפגענומען ווערן אויף אַ מער־אָרגאַניזירטן אופן ווי אַמאָל, כאָטש שוועריקייטן זיינען פאַראַן גרויסע. דער עיקר אין פּרט פון הייזער פאַר די ניי־געקומענע. איצט פאָרט מען ניט אין דער אַמאָליקער „טיכאָנקאַיאַ", אַ באמת (געוועזענע) שטילינקע סטאַנציע, אַ פּאַרוואָרפענע סטאַנציע, אויף דער ליניע קיין כאַבאַראָווסק און וולאַדיוואָסטאָק. איצט געפינט זיך אויף דעם אָרט די הויפּט־שטאָט פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, ביראָ־בידזשאַן, אַ וויכטיקער אינדוסטריעלער און קולטורעלער צענטער. די גאַנצע געגנט איז אַ צענטער פון אידישער מלוכה־שאַפט, און דאָס גיט דער דאָרטיקער בויאונג אַ כאַראַקטער, וואָס גייט ווייט אַריבער די גרענעצן פון דער געגנט גופא, אַן אַל־סאָוועטיש־אידישן, אַן אַל־נאַציאָנאַל־אידישן כאַראַקטער.

דאָס, וואָס די יונגע אידישע אויטאָנאָמע געגנט, וואָס האָט אַזוי פיל אַריבערגעטראָגן, פאַרמאָגט אויפן קולטור־געביט, איז פאַר זיך אַליין אימפּאָזאַנט. מיר'ן אָנהויבן פון די קינדער־שולן און פונעם פאַקט, וואָס אידיש איז אַן אָבליגאַטאָרישער לימוד אויך אין די ניט־אידישע שולן. די בודזשעטן אויף אידישער, אידיש־מלוכהשער בילדונג וואַקסן פון יאָר צו יאָר. אהער גייען אַריין קינדער־גאָרטנס, עלעמענטאַרע שולן, מיטל־שולן, אהער גייען אַריין פאַך־שולן, העכערע לער־אַנשטאַלטן: פּעדאַגאָגישער, לאַנדווירטשאַפטלעכער, מעדיצינישער, און אייזנבאַן־טעכניקומס, מוזיק־שול און אַזוי ווייטער.

און ווייטער: די ראַדיאָ, די פּרעסע. חוץ די צוויי טעגלעכע צייטונגען אין ביראָ־בידזשאַן, איינע אויף אידיש און איינע אויף רוסיש, גייען אַרויס אַ ריי וועכנטלעכע, חודשלעכע, קאָלווירט־ און פאַבריק־אויסגאַבן אין די ראַיאָנען. עס איז פאַראַן אַ נעץ ביבליאָטעקן, בראש מיט דער שלום־עליכם ביבליאָטעק אין ביראָ־בידזשאַן, וואָס פאַרמאָגט העכער הונדערט טויזנט בענד, אויף רוסיש און אידיש. עס איז פאַראַן אַ מוזעי פון געגנט־קענטעניש און אַ אידישער מוזעי, וואָס איז אַן אינסטיטוציע

פון אַלגעמיין־סאָוועטישן מאַסשטאַב. עס איז פאַראַן אַ אידישע אינ־טעליגענץ, אַ פעסטע גרופּע אידישע ליטעראַטן און קינסטלער. עס איז פאַראַן ליטעראַרישע שאַפונג און ליטעראַרישע מאַסן־טעטיקייט: אָוונטן, פּייערונגען. די מלחמה האָט אָפּגעשטעלט דעם זשורנאַל „פאָרפּאָסט", אָבער עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין אַלמאַנאַכן „ביראָ־בידזשאַן". אין דער פאַרלאַג־אַרבעט פון און פאַר ביראָ־בידזשאַן פאַרנעמען אַן אָרט לערן־ביכער, ביכער פאַר הויכע קורסן, פאַך־שולן. אַ צענטראַלן אָרט אין אידישן קולטור־לעבן, ניט נאָר אין ביראָ־בידזשאַן, פאַרנעמט דער אידישער מלוכה־טעאַטער אויף קאַגאַנאָוויטשעס נאָמען.

ניט דאָ איז דער אָרט אַריינצוגיין אין אַ ברייטער אָפּשאַצונג. וועגן טעאַטער אַליין, ווי וועגן אַ סך פון די אויסגערעכנטע אינסטיטוציעס, איז פאַראַן אַ סך צו זאָגן. וויכטיק איז דאָס, וואָס צייכנט אויס די אידישע קולטור־בויאונג אין ביראָ־בידזשאַן, אין פאַרגלייך מיט דער — וויכ־טיקער — קולטור־בויאונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל. דאָס איז, נאָכ־אַמאָל און ווידעראַמאָל, די אידישע מלוכהשאַפט פון דער געגנט. דאָס איז — די פולשטענדיקע סאָציאַלע געזונט־מאַכונג פון דער געגנט. עס ווערט געשאַפן אַ פאָלק מיט אַלע אַטריבוטן פון אַ פאָלק, איינגעשלאָסן אַ געזונטע עקאָנאָמיק: אַ פאָלק מיט ערד־אַרבעטער, באַן־אַרבעטער, שאַכטיאָרן (מאַינערס), פישער, יעגער, און אַזוי ווייטער, מיט שרייבער און דיכטער, וואָס די־אָ נייע אידישע פּרנסות זיינען טעמאַטיק פאַר זייער שאַפן, מיט אידישע וויסנשאַפטלער, וואָס עקספּערימענטירן אין נייע סאָרטן תבואה און פּרוכט, מיט אידישע בינען־ציכטלער, „סקיס" (לי־זשעס)־ספּאָרטלער, אַנדערע ספּאָרטלער.

די פולע באַדייטונג פון דעם אַלעם איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דער באַרימטער דערקלערונג פון דעם פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, מ. י. קאַלינין, ווען ער האָט געזאָגט אין 1934, בשעת די אידישע אויטאָנאָמע געגנט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן:

„די אויסבילדונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, האַלט איך, איז פאַר אונדז באַזונדערס ווערטפול דערמיט, וואָס דאָס גיט די מעגלעכ־קייט, דורך קאָנצענטרירן באַדייטנדיקע אידישע אַרבעטער־מאַסן אין דער פאָרם פון אַ מלוכהשן איינס (יוניט), אויפהויבן אויף אַ העכערער שטופע די קולטור־שטייגערישע באַדינגונגען פון די דאָזיקע מאַסן און שאַפן אַ פעסטן באָדן פאַר עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויפבלי פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט."

מען דאַרף אינזינען האָבן די דריי עלעמענטן, וואָס ווערן דאָ אַרויס־

גערוקט: 1) קאָנצענטרירן באַדייטנדיקע אידישע אַרבעטנדיקע אויף איין טעריטאָריע, אין איין מלוכהשן איינס; 2) שאַפן אַ פעסטן באָדן פאַר עקאָנאָמישן און 3) קולטורעלן אויפבלי פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט. דאָס זיינען דריי זיילן פון דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און פון פאַרוואַנדלען דאָס אידישע פאָלק אין אַ פולבלוטיקער נאַציע, מיט אַלע אַטריבוטן פון אַ נאַציע.

ווי באַוואוסט, איז לויט דער לענין־סטאַלין לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע די אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור ניט אַלץ. מיט קולטור אַליין וועט מען ווייט ניט פאַרפאָרן, האָט סטאַלין אָנגעוויזן, ווען ער האָט גערעדט וועגן די קאַזאַכן, אוזבעקן און אַנדערע פעלקער, וואָס די געגנטן זייערע זיינען אין די צייטן פון צאַריזם געווען ניט מער ווי קאָלאָניעס, וועלכע זיינען עקספּלואַטירט געוואָרן פון צענטראַל־רוסלאַנד. געבן די פעלקער זייער אייגענע קולטור איז געווען וויכטיק, אָבער גלייכצייטיק דערמיט האָט מען זיי געמוזט געבן אַן אינדוסטריע, אַ געזונטע עקאָנאָמיק.

לויט דער דאָזיקער לענין־סטאַלין לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז מען צוגעגאַנגען צו אידן, נאָך פאַר בירא־בידזשאַן. מען האָט געגעבן אידן אַ נייע עקאָנאָמיק, איינגעוואָרצלט זיי אין דער ערד, אין קאָלווירטן, אַריינגעבראַכט זיי אין די מינען און מעטאַל־פאַבריקן. מנחם־מענדל האָט געדאַרפט ווערן אַ העלד פון דער פּאַרגאַנגענהייט, פון דער ליטעראַטור און טעאַטער, — און אַזאַ איז ער געוואָרן. די בויאונג פון בירא־בידזשאַן איז אַ ווייטערדיקער שריט פון דער געזונט־מאַכונג פון אידישן פאָלק. ניט נאָר אידישע אַרבעטער און קאָלווירטניקעס — עס האָבן זיך באַוויזן פּרנסות, וועגן וועלכע אידן האָבן פריער ניט געוואוסט, ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן: באַן־אַרבעטער, יעגער, בינען־ציכטלער, מאַרמאָר־האַקער און שלייפער, גאָלד־גרעבער (ניט על פּי שלום־עליכם, נאָר בפירוש טאַקע אַרבעטנדיקע, וואָס גראָבן גאָלד) און אַזוי ווייטער.

דערצו איז נויטיק געווען ניט נאָר אַ געהעריקע פּראָגראַם (דאָס — קודם כל), נאָר די געהעריקע געגנט. די גרויסע מעלה פון בירא־בידזשאַן איז, וואָס זי גיט אַלע מעגלעכקייטן אויף צו באַשאַפן אַ פולבלוטיקע נאַציע. די העכער 36 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער לאַנד, וואָס די אידישע אויטאָנאָמע געגנט פאַרמאָגט, האָט גרויסע שטחים פאַר לאַנדווירטשאַפט, פאַרמאָגט סיי אַזאַ וועלט־באַרימטן טייך, ווי דער אַמור, וואָס ציט זיך אין פּאַסיפישן אָקעאַן אַריין, סיי די גרויסע טייכן בירא (320

קילאָמעטער) און בידזשאַן (180 קילאָמעטער) און נאָך אַנדערע — אַרום און אַרום 200 טײַכן; פֿאַרמאָגט באַרג־געגנטן, נאַטור־אוצרות (גאָלד, אײַזן, קופּער, קװעקזילבער, צין, קױלן, גראַפֿיט, א. אַ.), אוראַלטע װעלדער, די טאַיגאַ, הײל־קװאַלן, קאַלך־שטײנער, אַזבעסטאָס, מאַרמאָר, אײדל־שטײנער און אַזױ װײַטער.*) די נײַע פּרנסות, װאָס זײַנען אױסגעװאַקסן און װאַקסן אױס אױף דעם געביט, און די גאַנצע עקאָנאָמיק, װערן, װי געזאָגט, אָפּגעשפּיגלט אין דער אידישער קולטור, װעלכע איז אַ נאַציאָנאַל־מלוכהשע. עס װערן געשאַפֿן נײַע געװאױנהײטן. אין אײַזנבאַן־טעכניקום, אין מעדיצינישן טעכניקום, אין די אַנדערע הױך־שולן, װי אין די עלעמענטאַר־ און פֿאַך־שולן, װי אין די לאַבאָראַטאָריעס, אױף די פּראָװוסטאַנציעס, אין באַרג־אינסטיטוט און אַזױ װײַטער, װערן געשאַפֿן נײַע אידישע טערמינען.

„אונדז שטײט פֿאָר צו לײזן די גאַנצע פּראָבלעם פֿון בילדונג אין דער אידישער שפּראַך", האָט אין אױגוסט (1947) געשריבן דער סעקרעטאַר פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ אין ביראָ־בידזשאַן, א. באַכמוטסקי. ער רעדט װעגן אַ אידישן מלוכה־אוניװערסיטעט אין ביראָ־בידזשאַן, װעגן אַלערלײ װיסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס. און ער רעדט װעגן אַ „גרױסן מוזעי פֿון אידישער קולטור" אין ביראָ־בידזשאַן.

די געזונטמאַכונג פֿון אידישן פֿאָלק גײט דאָ האַנט אין האַנט מיט געבן דעם אידישן פֿאָלק אַלע אַטריבוטן פֿון אַ נאַציע. עס האַנדלט זיך שױן ניט נאָר װעגן מלוכהשאַפֿט — עס האַנדלט זיך װעגן מלוכהשאַפֿט אױף אַ העכערער מדרגה, אין באַדינגונגען פֿון נאַציאָנאַלער פֿולבלוטיקײט.

עס איז באַװאוסט סטאַלינס מאַרקסיסטישע דעפֿיניציע װעגן דעם, װאָס נאַציע איז אַזױנס. און עס איז באַװאוסט, אַז לױט דער דעפֿיניציע

---

*) עס װערן געשטעלט פֿראַגן פֿאַרװאָס ביראָ־בידזשאַן זאָל ניט װערן אַן אָרט פֿון אידישער אײַנװאַנדערונג פֿון אױסלאַנד, פֿון די דײַטשע לאַגערן. אױף װיפֿיל אַזעלכע פֿראַגן װערן געשטעלט פֿון אױפֿריכטיקע מענטשן, דאַרף מען אָנװײַזן, אַז חוץ אַלע פּאָליטישע שװעריקײטן, איז דער סאָװעטן־פֿאַרבאַנד אַ לאַנד, װאָס בױט זיך אױף נאָך אַ שװערן חורבן, בױט זיך אױף מיט גרױסע אָנשטרענגונגען, בײַ אַ גרױסן, אױב אַפֿילו צײַטװײַליקן, מאַנגל אין אַלערלײ מיטלען, באַזונדערס אין װאױנונגען. ניט די אידישע מאַסן, װאָס זײַנען אױסגעמאַטערט פֿון יאָרן מלחמה, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, קאָנען װעלן פֿאָרן אין אַ לאַנד, װאָס ראַנגלט זיך נאָך מיט אַ ממש אומבאַגרײַפֿלעכן חורבן, און ניט אַזאַ לאַנד קאָן טראַכטן װעגן עפֿענען די טױערן פֿאַר אײנװאַנדערונג.

זיינען אידן קיין נאַציע ניט, ווייל זיי וואוינען ניט צוזאַמען אויף איין טעריטאָריע, ווייל זיי האָבן ניט קיין אייגענע עקאָנאָמיק, איינגעשלאָסן א לאַנדווירטשאַפט, וואָס זאָל זיין א באַדייטנדיקער באַשטאַנד־טייל פון דער עקאָנאָמיק. אין בירא־בידזשאַן ווערט געלייזט די פראַגע פון טערי־טאָריע, פון עקאָנאָמיק. באַהעפט מען נאָך דערצו די איינהייטלעכע שפּראַך פון אַלע אידן, די מלוכה־שפּראַך: אידיש, די קולטור, וועלכע איז ניט סתם א נאַציאָנאַלע, נאָר א נאַציאָנאַל־מלוכהשע, באַהעפט מען נאָך דערצו דעם נאַציאָנאַל־פּסיכישן מאָמענט, וואָס אידן האָבן אַלע מאָל פאַרמאָגט, — קאָן מען זען דאָס גרויסע, דאָס היסטאָרישע, אין דער בוי־אונג פון בירא־בידזשאַן: אידן ווערן א פולבלוטיקע נאַציע, און אויך א נייע אידישע פּסיכיק ווערט געשאַפן.*)

ווי האָט געזונגען פרץ מאַרקיש: „עס גייט צו דיר, טאַיגאַ, יונג ווערן א פאָלק".

א פולבלוטיקע אידישע נאַציע ווערט געשאַפן — אין א סאָציאַליס־טישער אָרדענונג, וואו די באַמיאונגען פונעם אידישן ערד־אַרבעטער, מעטאַל־אַרבעטער, ערץ־גרעבער, וויסנשאַפטלער, אינטעליגענט, ווערן ניט צונישט־געמאַכט דורך אידישע קאַפּיטאַליסטן, באַנקירן; וואו עס זיינען ניטאָ די נעשווירן פון ספּעקולאַציע, האַנדל־וואַנדל און אַנדערע איבלען, ווי אונטערוועלט, פּראָסטיטוציע, און אַזוי ווייטער.

עס האַנדלט זיך וועגן אידישער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק, אידי־שער סאָציאַליסטישער מלוכהשאַפט, וועגן אידישער קולטור, וואָס איז נאַציאָנאַל אין פאָרם און סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט.

עס האַנדלט זיך וועגן א נייע־געבוירענער אידישער נאַציע — אין די באַדינגונגען פון סאָציאַליזם.

---

*) דאָ רעדט זיך וועגן די סאָוועטישע אידן און דער עיקר וועגן די אידן פון בירא־בידזשאַן. דאָס בויען פון בירא־בידזשאַן געפינט זיך ניט אין קיין שום סתירה מיט דער בויאונג פון דער אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, — א מלוכה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַדאַנק דער איניציאַטיווע און דער אַקטיוו־סטער ראָל פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע ביי די פאַראייניקטע מלוכות. פאַר־שטייט זיך, אַז אין ארץ־ישראל ווערט געבויט א פולבלוטיקע אידישע נאַציע, כאָטש אונטער אַנדערע באַדינגונגען ווי אין דעם סאָציאַליסטישן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

# צאָלן מיר דעם חוב?

מען פרעגט פראַגן וועגן דער ראָל פון די לאַנדסמאַנשאַפטן פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און אַנדערע סאָוועטישע געגנטן. מען פרעגט וועגן פעקלעך, וועגן „רעליף״. די פראַגן וויל איך דאָ בקיצור באַהאַנדלען.

קודם כל מוז איך זאָגן, אַז איך האָב ניט ליב דאָס וואָרט „רעליף״, הילף.

למשל אַזוי. צוויי ברידער האָבן זיך געשלאָגן קעגן אַ שונא, וואָס האָט זיי ביידע געוואָלט פאַרטיליקן. איין ברודער האָט אין דעם געשלעג פאַרלאָרן זיין הויז, זיין משפחה, און איז אַליין קוים אַרויס אַ לעבעדיקער. דער אַנדערער ברודער, כאָטש ער האָט געמאַכט זיין ביטראָג, איז ער אָבער געבליבן מיט אַ גאַנץ און שיין הויז, מיט זיין משפחה (אין די מייסטע פאַלן), האָט געלעבט גוט און נאָך אפשר „געמאַכט״ געלט אויך. איז אַז דער ברודער קומט און העלפט דעם אַנדערן ברודער אויסבויען זיך אַ נייע היים, היילן זיינע וואונדן — איז עס „רעליף״, הילף?

אמתע הילף, גאָר גרויסע הילף, האָט געגעבן דער ברודער, וואָס האָט אַזוי פיל קרבנות געבראַכט פאַרן זיג איבערן אַלגעמיינעם שונא. דער אַנדערער ברודער, וואָס ער זאָל ניט טאָן, באַצאָלט נאָר פאַר דער הילף, וואָס ער האָט געקראָגן. ער באַצאָלט פאַר זיין הויז, וואָס איז גאַנץ, פאַר זיין לעבן און די לעבנס פון זיין משפחה, וואָס יענער ברודער האָט געראַטעוועט מיט זיין מסירת־נפשדיקן קאַמף.

דעריבער האָב איך ניט ליב צו הערן דאָס וואָרט „רעליף״. מיר גיבן הילף אייראָפּע?! מיר גיבן עס הילף אונדזערע ברידער און שוועסטער?! מיר וועלן זיך דאָך קיינמאָל ניט קאָנען אויסצאָלן פאַר דער הילף, וואָס אייראָפּע האָט אונדז געגעבן. און ווען איר זעט מיט אייערע אייגענע אויגן, וואָס פאַר אַ קרבנות די סאָוועטישע פעלקער, איינגעשלאָסן אונדזערע שוועסטער און ברידער, האָבן געבראַכט, באַגרייפט איר ערשט, וואָס זיי האָבן געטאָן פאַר אונדז און פאַר אַמעריקע בכלל.

ניט הילף גיבן מיר, מיר צאָלן אָפּ אַ חוב.

איז די פראַגע: צאָלן מיר?

וואָס איז שייך אַמעריקע בכלל און סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל, ווייסן אַלע זייער גוט, אַז מיר צאָלן ניט. די רוזוועלט־פּראָגראַם פון קאָאָפּעראַציע איז צעטראָטן געוואָרן. מיר שיקן בילס, חשבונות, פאַר „לענד ליס"... אויב שוין יאָ מאַכן אַ חשבון פון דאָלאַרן און סענטן, וואָלט וויכטיק געווען אָפּצושאַצן וויפיל עס האָט באַטראָפן אַלץ, וואָס דער שונא האָט חרוב געמאַכט דאָרטן און וויפיל עס האָט באַטראָפן יעדער לעבן... דעמאָלט וואָלט אונדז אָנגעקומען דער ריכטיקער ביל...

און וואָס איז מכוח אונדזער אייגענעם חשבון? איך מיין, ווי אַזוי צאָלן מיר, אידן פון אַמעריקע, אונדזערע חובות, וואָס מיר זיינען שולדיק אונדזערע ברידער און שוועסטער?

אָרום און אָרום — ניט זייער גוט. מיטן „דזשאָינט" האָלט עס גאָר ניט גוט. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט, וויל פון קיין זאַך ניט וויסן! סאָוועטישע אידן גייען אים ניט אָן — באַטש אַמעריקאַנער אידן, וואָס האָבן אייגענע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, גיבן זייערעביישטייערונגען צום „דזשאָינט". און מען מוז זאָגן, אַז פיל אוקראַינער, ווייסרוסישע, בעסאַראַביער, ליטווישע און לאַטווישע לאַנדסמאַנשאַפטן זיינען — פּונקט ווי דער „דזשאָינט" — אַרונטערגעפאַלן אונטערן דרוק פון דער רעאַקציע אויף דער אידישער גאַס, וועלכע זוכט דורכצופירן אין אידישן לעבן די „טרומאַן־דאָקטרין". אַ קאַץ קאָן אויך קאַליע מאַכן, און אין פיל לאַנדסמאַנשאַפטן געלינגט עס געוויסע רעאַקציאָנערע „קעץ" קאַליע צו מאַכן, ניט צו דערלאָזן, אַז מיר זאָלן צאָלן דעם חוב אונדזערע ברידער און שוועסטער.

ניט אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן זיינען דאָ אויף איין מדרגה. געוויסע לאַנדסמאַנשאַפטן טוען „עפּעס". אָבער אין בעסטן פאַל האַנדלט זיך טאַקע ניט מער ווי וועגן „עפּעס".

●

מען פרעגט פראַגן. מייסטנס ווערן די פראַגן געשטעלט פון אויפריכטיקע מענטשן. עס איז אָבער אויך אמת, אַז די פראַגן זיינען אַ טייל פון דער סטראַטעגיע פון יענע, וואָס ווילן „אָפּטאָן סטאַלינען" — דורך סאַבאָטאַזשעווען די אַרבעט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, די אַרבעט כאָטש וויפיל ניט איז צו צאָלן דעם חוב, וואָס מיר זיינען שולדיק אונדזערע שוועסטער און ברידער.

מען פרעגט:

1. זיינען דאָ אידן „ביי אונדז" אין שטעטל?
2. וועט אונדזער „הילף" אָנקומען צו די אידן?

3. ווי אַזוי פאַרבינדט מען זיך? פאַרוואָס זאָגן זיי ניט וואָס זיי ווילן? פאַרוואָס שרייבן זיי ניט?

מסתמא זיינען פאַראַן נאָך פראַגן. לאָמיר ענטפערן אויף די דריי.

1. ווען עס זאָלן, חלילה, אַפילו ניט זיין קיין אידן אין דעם געבורט־שטעטל, דאַרף מען זיך אויך פון דעם שטעטל ניט אָפּטרייסלען. איך בין געווען אין מיין געבורט־שטאָט, בריסק, אַ גרענעץ־שטאָט. ווי אַלע שטעט און שטעטלעך ביי דער גרענעץ, האָט זי שלעכט אָפּגעשניטן אין פּרט פון דער אידישער באַפעלקערונג. אַנשטאָט צענדליקער טויזנטער אידן פאַרמאָגט זי איצט הונדערטער אידן, צי אַ טויזנט. אַמאָליקע בריסקער זיינען געראַטעוועט געוואָרן ניט מער ווי אין די הונדערטער און אין בריסק גופא זיינען פאַראַן צענדליקער. אָבער ווען איך בין געגאַנגען איבער די גאַסן פון מיין היים־שטאָט, האָב איך געשפּירט צו זיי אַ ליב־שאַפט. יעדער אַמאָליקער בריסקער וואָלט געהאַט דאָס זעלביקע געפיל, וואָס איך. און פּונקט ווי איך וואָלט ער געוואָלט מען זאָל בויען די היים־שטאָט, אַליץ איינס וויפיל אידן עס זיינען דאָרט ניט פאַראַן.

בפרט ווען עס זיינען דאָ אידן. און אַז ווייניק, איז וואָס? זיינען זיי שולדיק, הייסט עס, וואָס דער שונא האָט אַזוי פיל אויסגעראָטן? דאַרף מען דען ניט דאָס הייפּעלע טייער האַלטן?

דאָס איז — ווען מען רעדט וועגן די גרענעץ־שטעט. בכלל גענומען איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַראַן אידיש לעבן אין כמעט יעדער שטאָט און יעדן שטעטל אין אוקראַינע, וויסרוסלאַנד און אַנדערע סאָוועטישע געגנטן, וואו עס איז פאַר דער מלחמה געווען אידיש לעבן. דאָס איז די גרויסע מתנה, וואָס די סאָוועטן־מאַכט האָט אונטערגעטראָגן דעם אידישן פאָלק — מיליאָנען לעבעדיקע אידן!

שטעלט זיך פאָר, ווען מען וואָלט איצט געקאָנט רעדן וועגן אַ ישוב פון צוויי־דריי הונדערט טויזנט אידן אין וואַרשע! צו אונדזער טיפן ווייטיק זיינען אין וואַרשע אינגאַנצן פאַראַן אַ זעקס־אַכט טויזנט אידן. אָבער אין קיעוו איז פאַראַן העכער אַ העלפט פון דער פריערדיקער אידי־שער באַפעלקערונג, און אַזוי אין אָדעס, כאַרקאָוו, דניעפּראָפּעטראָווסק און אַנדערע שטעט. עס זיינען פאַראַן קליינע שטעטלעך אין אוקראַינע, וואו עס איז דאָ אַזוי פיל אידן ווי פאַר דער מלחמה (קאָראָסטען, אָוורוטש, למשל). עס זיינען דאָ אידן!

נאָכאַמאָל, דאָס איז די גרויסע מתנה, וואָס דאָס סאָוועטישע לאַנד האָט אונטערגעטראָגן דעם אידישן פאָלק: מיליאָנען לעבעדיקע אידן.

2. דאַרף מען עס אָנערקענען. טאָר מען ניט פרעגן, צי אונדזער

„הילף" וועט חלילה ניט אריינפאַלן אין „פרעמדע" הענט — אין די הענט פון די, וואָס האָבן אונדזערע ברידער און שוועסטער גערעטעוועט...

בפרט נאָך ווען דאָס, וואָס מיר קאָנען שיקן, וואָלט אין בעסטן פאַל געווען נאָר אַ קליינער צולאָג צו דעם, וואָס די סאָוועטישע פעלקער טוען איצט — דורך דער סאָוועטן־רעגירונג — פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסן. ווער גיט זיי באַנען און מיטלען צו פאָרן צוריק פון מיטל־אַזיע, אָדער סיביר, קיין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, ליטע און אַזוי ווייטער? ווער גיט זיי צוריק זייערע דירות, אָדער — ווען זייערע דירות זיינען חרוב — אַנדערע דירות? ווער באַזאָרגט זיי מיט אַרבעט, מיט מעגלעכקייטן צו שטעלן זיך אויף די פיס?

די סאָוועטישע פעלקער טוען דאָס. וואָס מער פריינטשאַפט מיר העלפן שאַפן דורך אונדזערע בייטראָגן, אַלץ בעסער וועלן מיר העלפן די אידן גופא. ווען אַ לאַנדסמאַנשאַפט וועט אָבער צוזאַמענרופן עפּעס און זאָגן עס זאָל למען־השם גיין נאָר פאַר אידן, וועט עס ברענגען שאָדן אַנשטאָט נוצן. די אידן פון דעם באַטרעפנדיקן שטעטל, וואָס וועלן סיי־ווי פון די מתנות קיין לעבן ניט מאַכן, וועלן מוחל זיין אַזאַ „הילף".

בפרט ווען עס האַנדלט זיך נישט וועגן הילף — לאָמיר עס געדענקען — נאָר וועגן צאָלן חובות, וועגן זיין גערעכט צו זיך אַליין, צום אייגענעם געוויסן.

ווען מינסקער, לאָמיר זאָגן, וועלן צושיקן אַן עקס־רעי מאַשין פאַר דעם שטאָטישן שפּיטאָל, וועלן זיי טאַקע די זייער שטאַרק חרובע שטאָט מינסק דערמיט ניט אויפבויען, אָבער זיי וועלן האָבן דעם כבוד צו באַ־העפטן זיך מיט די מינסקער, אידן און ניט־אידן, וואָס ברענגען ווידער קרבנות, אויפצובויען דאָס, וואָס דער שונא האָט חרוב געמאַכט. די קאַרגע מיטלען, וואָס מינסקער אין אַמעריקע וועלן צושיקן, וועלן כאָטש עטוואָס לייכטער מאַכן די בויאונג. מינסקער אידן וועלן זיך פילן שטאָלץ: אונדזערע אייגענע אין אַמעריקע פאַרגעסן ניט! און ניט־אידן וועלן עס אָפּשאַצן. זיי וועלן אָפּשאַצן די פריינטשאַפט.

3. ווי אַזוי פאַרבינדט מען זיך? פאַרוואָס שרייבן זיי ניט? אויף דעם זיינען דאָ קלאָרע ענטפערס.

דער אוקראַינער פאַרבאַנד, די פאַרבאַנדן פון די ווייסרוסישע, בעסאַ־ראַביער און אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן פאַרמאָגן אַזעלכע פאַרבינדונגען— דורכן אידישן קאָנסיל פאַר רוסישער רעהאַביליטאַציע (און מבידזשאַן איז די פאַרבינדונג פאַר בירא־בידזשאַן). עס זיינען דאָ אויך דירעקטע פאַרבינדונגען. איך האָב געבראַכט בריוו פון די מעיאָרס אין זשיטאָמיר

און בערדיטשעוו, אַ מינדלעכן גרוס פונעם מעיאָר פון בריסק. איך ווייס וועגן לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס האָבן געקראָגן דירעקטע בריוו פון די מעיאָרס פון זייערע היים־שטעט (טולטשינער, בערשאַדער). זאָל מען נאָר ענדלעך אָנהויבן צאָלן! די אָנערקענונג וועט שוין קומען!

בעטן וועלן זיי ניט. אין דעם בין איך זיכער. און אויף וויפיל איך האָב זיך געקאָנט מאַכן אַ באַגריף פון דעם, וואָס איך האָב געזען און געהערט אויף מיינע רייזעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועט מען אויך ניט שרייבן — טאָמער וועט עס אויסקוקן ווי מען בעט.

ווען עס וואָלטן אָנגעהאַלטן די רוזוועלט־באַציאונגען, וואָלט געווען עפּעס אַנדערש. ווען מען וואָלט אַזוי ניט געשטאָכן די אויגן מיט אונדזער בייטראָג בשעת דער מלחמה, וואָלט ווידער געווען עפּעס אַנדערש. און ווען מ'וואָלט איצט ניט געשיקט קיין בילס פאַר „לענד־ליס", און געהעצט, וואָלט אויך געווען עפּעס אַנדערש...

ווערליג ווי עס האַלט איצט, קאָן מען קיין צופיל בריוולעך ניט דער־וואַרטן. אַזוי דאַכט זיך מיר. ווען מיר וועלן ענדלעך באַווייזן, אַז מיר ווילן טאַקע ערנסט צאָלן, וועט אויך זיין עפּעס אַנדערש. אַזוי דאַכט זיך מיר.

איך האָב פריער גערעדט וועגן אונדזער — אַמעריקעס — בייטראָג בשעת דער מלחמה. מען האָט עס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זייער גוט אָפּ־געשאַצט. אָבער ווען זיי זעען ווי מען וויל זייער אייגענעם בייטראָג, וועלכער איז געווען ניט אין פאַרגלייך גרעסער, פאַרלייקענען, צונישט־מאַכן, און מען זוכט גאָר דעם קליינעם צולאָג (אין פאַרגלייך מיט זייערע אָנשטרענגונגען און קרבנות) צו מאַכן פאַר דער הויפּט־זאַך — און בשעת מעשה שטופּט מען אונטער אַ ביל, מען זאָל באַצאָלן דערפאַר — פאַר־דריסט עס.

יאָ, אַזאַ איינדרוק האָב איך געקראָגן: אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן אַ פאַרדראָס אויף אונדז, זייערע ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן געלעבט אין זאַטקייט און זיכערקייט און וואָס ווייסן ניט וואָס עס באַדייט אויפבויען חרובע היימען...

●

די אַרבעט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן דאַרף זיין אַ געזעלשאַפטלעכע און דאַרף ניט האָבן צו טאָן מיט שיקן פּעקלעך צו אייגענע. שיקן פּעקלעך איז אַ פּריוואַטער ענין.

מענטשן שיקן מתנות צו אייגענע אין דער פאָרם פון שפּייז־פּעקלעך,

געוואַנט, לייוונט, שיך, קליידער. דאָס איז פיין. קיין קניפּ אין בעקל קומט ניט פאַר שיקן אַ ברודער, אָדער אַ שוועסטער, אַ מתנה, אָבער — זייער פיין. ניט מער, ווען מען האָט אַ ברודער אין אַן אַנדער שטאָט אין אַמעריקע און מען שיקט אים אַ מתנה, שיקט מען ניט „סי־אָ־די״, ער זאָל ביים אַרויסנעמען דאָס פּעקל דאַרפן באַצאָלן... פּאַרוואָס־זשע טוען עס געוויסע מענטשן, וואָס שיקן מתנות, דורך פּאָסט, צו אייגענע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד?

עס קאָסט טייער צו באַצאָלן דאָ אַלע אויסגאַבע, איינגעשלאָסן דעם אימפּאָרט־אָפּצאָל (דיוטי)? יאָ, עס קאָסט טייער. איך וויל ניט אַריינגיין אין די סיבות דערפון. איך שטעל מיך פאָר, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס קיין פּריוואַטער האַנדל איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניטאָ, און איינס פון די מיטלען ניט צו דערלאָזן אַזאַ האַנדל איז אַ גרויסער אָפּצאָל אויף זאַכן, וואָס קומען פון אויסלאַנד. אַזוי דאַכט זיך מיר. אָבער דאָס איז ניט דער עיקר פון מיין ענטפער אויף דער פראַגע. דער עיקר איז: — ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער קרבן פון אָפּצאָלן צען־פופצן דאָלער מער פאַר אַ פּעקל, האָבן זיי, דאָרטן, געבראַכט גרעסערע קרבנות... און זיי דאַרפן זיך נאָך איצט אָנשטרענגען, ביים בויען...

נאָר דאָס ברענגט אונדז, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, צום סאַמע עיקר פון אַלע באַציאונגען מיט אייראָפּע, מלוכה־באַציאונגען, געזעל־שאַפטלעכע, פּריוואַטע. מיר ווייסן ניט — אַ סך ווילן ניט וויסן — וועגן זייערע קרבנות, מיר ווייסן ניט — אַ סך ווילן ניט וויסן — פון זייערע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען אונדזערע פּראָבלעמען, ווייל די פּראָבלעמען, די שוועריקייטן, די נויטן זיינען דער עיקר רעזולטאַטן פון דער מלחמה, וועלכע איז אויך געווען אונדזער מלחמה, אַ מלחמה צו ראַטעווען אויך אונדזער לאַנד, אַמעריקע, און ראַטעווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק פון די הענט פון היטלערן און זיינע שותפים.

וועגן דעם האָבן מיר שוין גערעדט דאָ אין דעם בוך מער ווי איין מאָל. וויפיל מען זאָל וועגן דעם ניט רעדן, איז אַלץ ניט גענוג.

# עס געדענקט זיך . . .

(אַ זיי־געזונט)

עס געדענקט זיך אַ באַגינען אין מאָסקווע. דער לעצטער באַגינען.

ער איז געשטאַנען פאַר די אויגן, ווען דער סאָוועטישער עראָפּלאַן איז שוין געווען אויף יענער זייט קאַליניגראַד (קעניגסבערג), אויף יענער זייט סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויפן וועג קיין בערלין.

און אין פּאַריז און לאָנדאָן, און דערנאָך, ווען דער אַמעריקאַנער עראָפּלאַן איז געווען איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, צווישן אירלאַנד און ניופאַונדלענד, און עס האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט, צווישן די שטערן פון אויבן און די כוואַליעס פון אונטן, ניט געשלאָפן אין דעם ווייכן שטול ביים עראָפּלאַן־פענצטערל, און די געדאַנקען האָבן זיך געמישט, און סך־הכלען פון דער רייזע איבער אייראָפּע האָבן זיך אונטערגעצויגן, — האָט זיך געדענקט דער לעצטער באַגינען אין מאָסקווע

ניין, ניט באַגינען. ס'איז נאָך געווען פינצטער אויף די מאָסקווער גאַסן, אָבער איך האָב געשפּירט — נאָך דריי און אַ האַלב חדשים אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַז אָט־אָט וועט די סאָוועטישע הויפּט־שטאָט אַריין אין איר אימפּעטיקן גאַנג.

דער אויטאָמאָביל איז געפאָרן צום פלי־פּלאַץ, און דער בליק איז געווען צוגעשמידט צו די גאַסן, סקווערן און געביידעס. אָט איז דער גרויסער טעאַטער. „נאַר־וואָס" האָב איך דאָ געהערט זשדאַנאָוון, דעם 6טן נאָוועמבער. אָט איז דאָס הויז פון די פּראָפאַראיינען (יוניאָנס), דער האָטעל מאָסקוואַ. עס גיט אַ בליץ די גאָרקי־גאַס און מיר זיינען אויף מאַניעזשנאַיאַ. פון ווייטנס זעען זיך די ווענט פון קרעמל. אינעם נאַכטן הימל טיילן זיך אויס די רויטע שטערן פון די קרעמל־טורעמס. מיר זיינען אויף דער בריק ביים קרעמל, איבערן טייך מאָסקוואַ. זאַמאָסקוואָרעטשיע. קאַלוגער שאָסיי. עס הויבט אָן טאָגן. ווידער זעען זיך די וועלדער אַרום מאָסקווע, און ווידער פירן די געדאַנקען אַוועק צו די דעצעמבער־טעג פון יאָר 1941, ווען דער שונא האָט ביי די וועלדער אַרום מאָסקווע געכאַפּט זיין מפּלה. און אָט איז שוין דער פלי־פעלד. ס'האָט

געברענט דער פראָסט איבערן ווייסן פלי־פעלד. דער עראָפּלאַן איז געווען אַ פּשוטער, אָבער אויפגעהויבן האָט אים אַ זיכערע האַנט, און זיכער גע־פירט, און גיך געפירט. סאָוועטישע פּאַסאַזשירן מאַכן זיך היימיש. מ׳עסט פרישטיק, מ׳שמועסט און איידער וואָס־ווען לאָזט מען זיך שוין אַראָפּ ביי דער לעצטער סאָוועטישער שטאָט: קאַלינינגראַד. און פּונקט אַזוי גיך און אומבאַמערקט גייט אַוועק די צייט צווישן קאַלינינגראַד ביז בערלין. און — מען געזעגנט זיך מיטן לעצטן שטיקל סאָוועטישע טערי־טאָריע, מיטן סאָוועטישן עראָפּלאַן.

בערלין. מינכען. פּאַריז. לאָנדאָן. דער אַמעריקאַנער עראָפּלאַן לאָזט זיך אַראָפּ ביי ניו־יאָרק. און עס געדענקט זיך...

און מען רעדט, מען פרעגט, מען פאַלט אָן, מען דערציילט זאַכן... געדענקט זיך.

●

עס געדענקט זיך: די ערשטע טעג אין מאָסקווע. צוויי ווערטער זיינען געבליבן שטעקן אין מוח: עוואַקואַציע און רע־עוואַקואַציע.

ניין, עס געדענקט זיך אַ פּיעסע: „דאַליאָקאָ אָט סטאַלינגראַדאַ" („וויט פון סטאַלינגראַד"). ס׳איז סוף 1941 אָדער אָנהויב 1942. אַ שטעטל ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין גרויסן סאָוועטישן לאַנד. עס קומען אָן עוואַקואירטע פון אַנדערע ערטער. מען ליגט אויף די גאַסן. מאַשינעריע זשאַווערט אונטערן רעגן. ניטאָ קיינעם און גאָרניט וואו אַהינצוטאָן. כאַאָס, ווייטיק, זידלעריי, געוויין. מ׳הויבט אָן אַרבעטן און עס אַרבעט ניט. די עלעקטריע רייסט זיך אַלע מאָל איבער. שפּאַנט מען זיך איין מיט די לעצטע כוחות. עס אַרבעט אַלץ ניט און — עס אַרבעט. און אַלע׳מאָל הערט מען די נייעס פון פראָנט — מיט ווייטיק. די ראַדיאָ בלייבט שטיל. עס דערהערט זיך די מעלאָדיע פון דעם ליד: „שיראָקאַ סטראַנאַ מאָיאַ ראָדנאַיאַ", און באַלד קומט די נייעס. מען גייט צוריק צו דער אַרבעט, צו דער שווערער אַרבעט, פאַרזאָרגטע. סטאַלינגראַד איז נאָך אַלץ באַלאַגערט.

נאָך איינמאָל: עס בלייבט שטיל די ראַדיאָ און עס הערט זיך די מעלאָדיע. איינמאָל, נאָכאַמאָל, אַ דריטן מאָל. די געשפּאַנטקייט איז גרויס. מען ווייס, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס דאַרף קומען. און מיט־אַמאָל: דורכגעריסן דעם שונא ביי סטאַלינגראַד!

„דאַליאָקאָ אָט סטאַלינגראַדאַ", וויט פון סטאַלינגראַד האָט מען דעם זיג געשמידט, מיט טרערן און ווייטיק.

ווי מען האָט זיך אָנגעשטרענגט! און — אָ! — וואָס פֿאַר אַ שרעק־לעכער ביסן עוואַקואַציע איז געווען!

אַ העלדישער אויפטו איז עס געווען. ווי דען? טויזנטער פֿאַבריקן, מיליאָנען מענטשן אַריבערגעפֿירט, געראַטעוועט. אָבער מיט וויפֿיל פּיין און קרבנות! באַנען זיינען געגאַנגען געפּאַקטע, דערשטיקט צו ווערן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אויף טעג און נעכט געבליבן שטיין ביי אַ סטאַנציע, ביי אַ דערפֿל, אין מיטן פֿעלד. אַנטקעגנדיקע באַנען האָבן זיך פֿאַרביינגעיאָגט — אויף מערב, צום פֿראָנט. איז מען געשטאַנען. מענטשן און מאַשינען האָבן געזשאַווערט. קינדער זיינען קראַנק געוואָרן — וואו אַ דאָקטאָר! ווער מעדיצין! פֿיר וואָכן איז מען געפֿאָרן פֿון מאָסקווע קיין טאַשקענט. דער וועג איז „אָפּגעגעסן" געוואָרן פֿון שטראָמען פֿאַרבייפֿאָרנדיקע מענטשן. ניט געווען שוין אין ערגעץ אַ פּיצל ברויט צו קריגן.

און אַז מען איז ענדלעך אָנגעקומען, איז געווען ווי אין יענעם שטעטל אין „דאָליאָקאָ אָט סטאַלינגראַדאַ"... איז רעכט געווען אין אַ שטאָל, אין אַ ווינקל פֿון אַ שטאָל... נייע קלימאַטן, צו וועלכע מען איז געווען געוואוינט... און דער מאָן, דער זון זיינען אויפֿן פֿראָנט. און וואו די אייגענע זיינען, ווייס מען ניט.

וואָס וואָלט מען געטאָן, ווען מען ברענגט ניט מיט די פֿאַבריקן, די אַקאַדעמיעס? אָבער מען האָט מיטגעבראַכט. סאָציאַליסטישע פֿאַבריקן, דעם פֿאָלקס פֿאַרמעגן — מיטן פֿאָלק. און מען האָט אָנגעהויבן אויס־שמידן דעם זיג הענט ווייט פֿון פֿראָנט...

אָבער מען האָט געבענקט איין יאָר און נאָך אַ יאָר, און דריי־פֿיר יאָר, פֿינף יאָר, אומצוקערן זיך צוריק אין מאָסקווע, קיעוו, אָדעס, באַלטע. זיינען ענדלעך באַנען געגאַנגען אויף צוריק, אויך אָנגעפּילטע, אָבער שוין מיט אַן אַנדער געמיט איז מען געפֿאָרן. און מען איז געקומען צו זיך אין דער היים־שטאָט אַריין, אין דער אייגענער דירה אַריין, און קיין לענדלאָרד איז ניט געווען, וואָס זאָל פֿאַרשטעלן דעם וועג אָדער רייסן אַ פּאַס...

עוואַקואַציע און רע־עוואַקואַציע. וויפֿיל פּיין און וויפֿיל גרויסקייט עס ליגן אין די צוויי ווערטער! וואָלטן אַזעלכע זאַכן מעגלעך געווען דאָרט, וואו באַנען, הייזער, פֿאַבריקן זיינען פּריוואַט־אייגנטום?

●

עס געדענקט זיך, ווי מען האָט גערעדט וועגן דער גוטער צייט פֿון דעם יאָר 1940. עס האָט זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן פֿילן אַ שפֿע,

פראָספעריטי פאר אַלעמען. וועגן דער־אָ שפע אין 1940 האָט מען גערעדט און עס האָט ווײ געטאָן, וואָס די גערעטעניש פון יאָר 1946 איז געווען אזא שלעכטע.

זי האָט זיך געשפירט, די אומגערעטעניש, באַלד ביים אַריינפאָרן. דער הייסער זומער האָט פאַרברענט די פעלדער. נײן, ניט נאָר דער הייסער זומער. פאַר דעם האָט דער שונא די פעלדער פאַרברענט, חרוב געמאַכט, צוגערויבט די טראַקטאָרס, די פערד. איז ניט געווען מיט וואָס צו אַקערן, האָט מען געאַקערט מיט מענטשן־קראַפט, ניט טיף געאַקערט. איז געקומען די הייסע זון און אַלץ פאַרברענט.

ביים אַריינפאָרן אין לאַנד האָט מען דאָ און דאָרטן געזען וואַנדערנדיקע פויערים. ס'האָט געקאָנט פאַסירן, ווי בשעת דער גרויסער אומגערעטעניש אין דער וואָלגאַ־געגנט אין 1921, אָבער אַ סך ערגער, ווייל די אומגערעטעניש דאָס מאָל, אין 1946, איז געווען סײ אין דער וואָלגאַ־געגנט, סײ אין דער אוקראַינע, סײ אין קובאַן און אַנדערע ערטער. די שפייז־קאַמערן פון לאַנד זיינען פאַרברענט געוואָרן און ס'איז געווען נאָך אַזא מלחמה, נאָך אַזא חורבן!

מיליאָנען מענטשן וואָלטן אומגעקומען, ווען ניט די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, ווען ניט סאָוועטן־מאַכט. אַט ווי אין אינדיע, ווי אין כינע, ווי אין די „מערב־לענדער" אַפילו, בשעת אַ הונגער. אָבער סאָוועטן־מאַכט, סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, האָט רעגולירט, איבערגעוואָרפן מיליאָנען טאָנען תבואה אין די הונגעריקע געגנטן. דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך ענגער אונטערגעגאַרטלט.

די העכערע שטופע פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג האָט זיך געלאָזט פילן אין דער עת־צרה, ווען דער דייטש איז באַפאַלן, און האָט זיך געלאָזט פילן אין דער עת־צרה נאָך אַ שרעקלעכער אומגערעטעניש אין כמעט אַלע שפייז־געגנטן פון לאַנד. האָבן די קאָלווירטישע פויערים, האָבן די פאָלקס־מאַסן אומעטום ניט נאָר געקאָנט איבערלעבן, נאָר געהאַט כוחות און מיטלען צו אַקערן און זייען בעסער, מערער, טיפער, איינשפאַנען זיך פאַר דער גרויסער גערעטעניש פון 1947.

און דאָ געדענקען זיך זשדאַנאָווס ווערטער אין באָלשאָי טעאַטער. ער האָט גערעדט וועגן די ממש אומבאַגרייפלעכע פאַרלוסטן בשעת דער מלחמה — פאַרלוסטן אין פיל מיליאָנען מענטשן, אין הייזער פאַר 25 מיליאָן איינוואוינער, אין צענדליקער טויזנטער פאַבריקן, שולן, שפיטאָלן, וואָקזאַלן, טויזנטער עלעקטרישע סטאַנציעס. און ער האָט אָנגעוויזן: אַז

אנדער מלוכה, ביי אזעלכע פּארלוסטן, וואָלט אָפּגעשטופּט געוואָרן צוריק אויף צענדליקער יאָרן.

יאָ, אזוי וואָלט עס געווען, ווען ניט סאָוועטן־מאַכט. אָבער די פּארלוסטן זיינען געווען ממש אומבאַגרייפלעכע. און פון די פּנימער פון מענטשן האָט מען אָראָפּגעלייענט סיי די פּארלוסטן און סיי די יאָרן פון צער און איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג. און אויב אַ גאַסט פון אַמע־ריקע פילט זיך שולדיק אין אייראָפּע בכלל — ווי שולדיק דערפילט ער זיך שוין אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד און ווי פאַרשעמט ער ווערט פון דער אַלגעמיינער אָנשטרענגונג!

175 מיליאָן מענטשן גייען פּאָראויס מיט אָנגעצויגענע מוסקולן צום בעסערן לעבן, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט, אין יאָר 1940. זיי ווייסן, אַז די נייע אָנשטרענגונגען וועלן צוריקברענגען דאָס בעסערע לעבן. זיי זעען ווי עס גייט כסדר צום בעסערן. און דער גאַסט פון אַמעריקע זעט עס אויך.

●

עס געדענקען זיך ציפערן — די פּרייזן אין די קאָמערציעלע געשעפטן באַלד נאָך דער מלחמה. מענטשן האָבן דערמאָנט די ציפערן, ווי בייז־וואונדער. מען האָט אָנגערופן אַסטראָנאָמישע פּרייזן פאַר אַ טעפּל, אַ טשייניק. זינט דעמאָלט האָט מען די פּרייזן אָן אַ שיעור מאָל אָראָפּ־געזעצט, און די טענדענץ האַלט אָן כסדר. זיי האָבן נאָך אַ ווייטן מהלך צו גיין, באַרג־אַראָפּ, ווייל די פּרייזן — אין די קאָמערציעלע געשעפטן, הייסט עס — זיינען נאָך אַלץ זייער הויך. כאָטש עס געדענקט זיך גוט ווי געפּאַקט די געשעפטן זיינען אַלע מאָל געווען.

און דאָס, וואָס זיי זיינען געווען אַלע מאָל געפּאַקט, האָט אָפּגעלייקנט די חשבונות, וואָס מען מאַכט אין אויסלאַנד וועגן דעם אַרבעטערס פּאַרדינסטן.

עס איז קוים געווען אַ גרעסערער און מער זינלאָזער ליגן, ווי דער חשבון, וואָס ווערט געמאַכט אין אַמעריקע וועגן די פּאַרדינסטן פון דעם סאָוועטישן אַרבעטער. אין דער געלער פּרעסע איז ווייט און ברייט פּאַר־שפּרייט געוואָרן אַ טאַבעלע, אַזוי און אַזוי: דער דורכשניטלעכער פּאַר־דינסט איז 200 רובל אַ וואָך. קומט עס אויס לויטן קורס פּונקט 16 דאָלער מיט 60 סענט — אַזוי האָט מען אויסגערעכנט. אָבער אַ קילאָ (העכער צוויי פונט) פּוטער קאָסט שיער ניט אַזאַ סומע.

די דאָזיקע חשבון־מאַכער האָבן זיך אַזוי אַ סטאַרע געטאָן, אַז עס

איז אַזש געוואָרן קאָמיש. ווי אַזוי־זשע לעבט מען? ווען דער חשבון וואָלט געווען אמת, וואָלטן אַלע אויסגעשטאָרבן.

מיטן קורס האָט מען געמאַכט אַ שווינדל. 200 רובל איז 40 דאָלער, 5 רובל פאַרן דאָלער. די חשבון־מאַכער אין דער געלער פּרעסע האָבן גענומען דעם קורס פאַר דיפּלאָמאַטן, 12 רובל פאַרן דאָלער... אָבער מען קאָן איבערהויפּט ניט חשבונען „לויטן קורס", מאַכן „איבערזעצונגען" פונעם רובל אויפן דאָלער. און אַוודאי טאָר מען ניט ברענגען די פּרייזן פון די קאָמערציעלע געשעפטן, ווייל די דאָזיקע פּרייזן האָבן ניט קיין שום שייכות מיט די פּרייזן, וואָס דער אַרבעטער צאָלט אין רעסטאָראַן ביי דער פאַבריק, אויף קאַרטלעך, אָדער ספּעציעלע אָרדערס (אויף קליידער, שיך) אָדער וואָס ער צאָלט, פאַר שפּייז, אויפן קאָלווירטישן פּרייען מאַרק אַפילו. אָפּגערעדט שוין פון נויטווענדיקייטן, פאַר וועלכע דער אַרבעטער צאָלט כמעט גאָרניט, ווי רענט, אָדער אינגאַנצן גאָרניט, ווי דאָקטוירים, מעדיצין, וואַקאַציעס, שטודירן און אַזוי ווייטער.

אָבער דאָס ערגסטע איז אפשר, וואָס ביים מאַכן די חשבונות האָט מען ניט אינזינען דעם גאַנג פון די פּרייזן — אַרונטער. און כאָטש די פּרייזן אויף קאַרטלעך־סחורה זיינען געהעכערט געוואָרן נאָך דער אומגערעטעניש, איז עס געווען אַ דערווייליקער מיטל, כדי אַלע זאָלן זיך איינשטייפן און כדי עס זאָלן זיך סוף כל סוף אויסגלייכן אַלע פּרייזן און עס זאָל זיין איין צוגענגלעכער פּרייז אויף אַלע אַרטיקלען.

עס געדענקען זיך פּרייזן, אָבער עס האָט ניט קיין זינען זיי צו פאַרשריבן דאָ, ווייל זיי זיינען שוין אַנדערע, נידעריקערע. ווייל די אָנשטרענגונגען און די זיכערקייט, אַז מען גייט צו אַ בעסער לעבן, האָט געבראַכט אַ גרויסע גערעטעניש און אַלץ נייע און נייע שניטן אין די קאָסטן פון לעבנס־מיטל און אַ נייע העכערונג פון לעבנס־סטאַנדאַרד.*)

געדענקט זיך, ווי מ'האָט גערעדט וועגן דעם גוטן לעבן פון יאָר 1940, וועגן דער פּראָספּעריטי פאַר אַלעמען, פאַר יעדן דריטל פון פאָלק! מען האָט דעמאָלט געשניטן די פרוכט פון די פינף־יאָר־פּלענער און מען איז דעריבער איצט זיכער, אַז דער איצטיקער פינף־יאָר־פּלאַן וועט ברענגען דאָס בעסערע לעבן צוריק — כדי מען זאָל גיין צו נאָך בעסערס.

●

---

*) אין מיטן דעצעמבער 1947 איז איינגעפירט געוואָרן אַ נייער רובל, קאַרטן זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן, פּרייזן זיינען געוואָרן נידעריקער, לויט איין פּרייז־סיסטעם.

עס געדענקט זיך, ווי מען האָט גערעדט וועגן אַמעריקע און וועגן שלום.

אַן אויסלענדישער זשורנאַל האָט געשריבן, אַז אין סאָוועטן־פאַר־באַנד באַהאַלט מען דעם נאָמען רוזוועלט. אַז מען זידלט זיך, האָט מען דעמאָלט ניט געקאָנט זאָגן אַפילו. אין די דריי און אַ האַלב חדשים, וואָס איך בין געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָב איך אין קיין שום צייטונג, אָדער זשורנאַל, ניט געזען מען זאָל „זידלען אַמעריקע", אָדער בכלל זאָגן עפּעס שלעכטס, — בשעת אין אַמעריקע האָט מען שוין גאָר היפּש גע־גאָסן, טאָג־טעגלעך, עמערס בלאָטע אויף אונדזער גרויסן שותּף און אַרויסגעגעבן די „ריכטיקע" ביכער, וואָס זיינען בשעת דער מלחמה געלעגן באַהאַלטן... אין יענער צייט האָט מען אין אויסלאַנד פאַרגעוואָרפן, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געדענקט מען ניט רוזוועלטן. דאָס איז נאָך דעמאָלט געווען אַ חסרון...

האָב איך אין די ערשטע טעג אין מאָסקווע געפרעגט אַ שול־אינגל: ווייסט ווער רוזוועלט איז געווען ? ווייסט מען ביי דיר אין שול ?

אָהאָ, צי מען ווייסט ! און ער האָט מיר דערציילט וועגן רוזוועלטן. הלוואי קאָנען איצט אַלע אינגלעך אין אַמעריקע אַזוי דערציילן.

צי מען וויים וועגן אַמעריקאַנער הילף בשעת דער מלחמה ? וואָס הייסט, ווי דען ? ווי איז גאָר מעגלעך געווען ניט צו וויסן ? האָט מען ניט געזען פון די אויפשריפטן פון וואַגען די מאַטעריאַלן און די שפּייז־אַרטיקלען זיינען געקומען ?

צי מען איז דאַנקבאַר ? ניין, אַזאַ פראַגע האָט דער אַמעריקאַנער גאַסט ניט געקאָנט שטעלן. עס גלויבט זיך ניט, עס זאָל זיך געפינען וועלכער עס איז „אַמעריקאַנער גאַסט", וואָס זאָל קאָנען שטעלן אַזאַ פראַגע.

עס געדענקט זיך : אַ פּאָר טעג פאַר מיין אַרויספאָרן פון מאָסקווע איז ביי מיר אין האָטעל־צימער געווען סיאָמע מעידמאַן, אַ געזונטער, שיינער בחור אין מיליטערישע קליידער, אַ יונגער שמיכלענדיקער בחור. ניט מער, ער האָט ניט געהאַט ביידע פיס. פאַרלאָרן זיי אין דער שלאַכט ביי אָריאָל. די מאַמע איז געווען מיט אים עטלעכע חדשים צייט אין אַ שפּיטאָל אין טולע. איצט איז ער שוין „אויפן וועג", ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט גיין אויף די קינסטלעכע פיס, מיט צוויי קוליעס. אָט איז ער אַליין געקומען.

פיר ברידער זיינען זיי געווען אין דער מלחמה, אָבער זיי האָט אָפּ־געגליקט. ער האָט „בלויז" פאַרלאָרן די פיס. איין ברודער האָט „ניט

מער" ווי פארלאָרן „שטיקלעך" פוןביידע פיס, ביי סטאַלינגראַד. די אַנדערע צוויי ברידער זיינען ארויס גאַנץ. האָבן זיי אָפּגעשניטן גוט. אַנדערע פאַמיליעס זיינען ניט געווען אַזוי מזלדיק.

ניין, בשום אופן ניט. אין יעדער פאַמיליע קרבנות — גרויסע, שרעקלעכע קרבנות. דאָס געדענקט זיך זייער שאַרף. האָב איך דעם יונגן בחור אָן די צוויי פיס ניט געפרעגט, צי ער איז דאַנקבאַר פאַר די מאַטעריאַלן, וואָס מען האָט געשיקט פון אַמעריקע... איך בין אריין מיט אים אין עלעוויטאָר (ליפט) פון האָטעל, אראָפּגעגאַנגען מיט אים די עטלעכע טרעפּלעך צום גאַס, געזען ווי קונציק ער האָט מאַנעווירט מיט די צוויי קוליעס און מיט די קינסטלעכע פיס, און ניט געוואָלט קיין הילף, און געשמייכלט...

(אגב, דער בחור, וועלכער האָט פאַר דער מלחמה געהאַט געענדיקט אַן עקאָנאָמישן אינסטיטוט, לערנט זיך איצט אויף יורי, קריגט 550 רובל אַ חודש, און לעבט זיך דורך גוט, ווי ס'איז געווען צו זען אויף אים. זאָל דאָס ווידער זיין אַ באַוויז, אַז מען טאָר פאַרדינסטן ניט איבערזעצן „לויטן קורס", אָנכאַפּן פּרייזן פון די קאָמערציעלע געשעפטן און מיינען, אַז מען האָט וועלכן ס'איז באַגריף ווי מען לעבט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד!)

ניין, ניט אים און ניט אַנדערע האָט דער „אַמעריקאַנער גאַסט" געקאָנט פרעגן, צי מ'איז דאַנקבאַר... ער איז געווען גליקלעך, דער גאַסט, דערפון וואָס דער בחור האָט ניט אַ פרעג געטאָן, ווי אַזוי מען קאָן זאָגן אין אַמעריקע, אַז די „אַמעריקאַנער הילף" האָט געוואונען די מלחמה. ער האָט געהאַט טאַקט, דער בחור. ער האָט געזען ווי דער גאַסט פון אַמעריקע, וואו מען האָט קיין עין־הרע געהאַט פּראָספּעריטי, איז געווען אַזוי באַשיידן קוקנדיק אויף אים. דער בחור האָט מיטן מויל גאָרניט געזאָגט.

נאָר עס געדענקט זיך...

●

אָבער ניט אַלע האָבן אַלע מאָל געשוויגן. עס געדענקט זיך אַ פּאָלקאָווניק אויפן באַן צווישן אָדעס און מאָסקווע. ער האָט באַרירט דאָס, וואָס עס דריקט אַ סך סאָוועטישע מענטשן — די מעשה וואָס מען לאָזט פון ציט צו ציט הערן אין אַמעריקע, אַז די אַמעריקאַנער מאַטעריאַלן האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָל אין דער מלחמה. געדענקט זיך גוט, וואָס דער פּאָלקאָווניק האָט געזאָגט:

— לאָמיר זען. איר האָט אונדז, למשל, געשיקט עלף טויזנט טאַנקען.

פיין. עלף טויזנט טאַנקען איז ניט פון די קליינינקייטן. מיר האָבן עס אָפּגעשאַצט. אָבער מיר האָבן דאָך אין דער מלחמה געדאַרפט האָבן צוויי הונדערט טויזנט טאַנקען. טאָ וואָס איז מער? פאַרגעסט אַ ווײַלע פון די מענטשן, וואָס מיר האָבן געדאַרפט האָבן צו די טאַנקען. אָבער וואָס איז מער — עלף טויזנט, צי הונדערט מיט ניין און אַכציק טויזנט?

אַ פראַגע איז דאָס געווען אַ האַרבע. אָבער דער פּאָלקאָווניק האָט ערשט אָנגעהויבן.

— איצט לאָמיר זען, — האָט ער פאַרגעזעצט, — וואָס פאַר אַ טאַנקען האָט איר אונדז געשיקט? קיין טענה צו אייך האָבן מיר ניט. וואָס איר האָט געהאַט, האָט איר געגעבן. אָבער אייערע טאַנקען זיינען ניט געווען קיין זייער גוטע. די שערמאַן־טאַנקען, וואָס איר האָט אונדז געשיקט צום אָנהויב, האָבן זיך זייער גיך אָנגעצונדן, האָבן פאַרברענט אַ סך אונדזערע טאַנקיסטן. פון דער אַנדערער זייט, ווייסט איר גוט, אַז אונדזערע טאַנקען זיינען געווען די בעסטע. די דייטשן האָבן געציטערט פאַר אונדזערע סטאַלין־טאַנקען. איז ווי אַזוי קאָן מען זאָגן, אַז אייערע עלף טויזנט איז מער פון אונדזערע הונדערט מיט ניין און אַכציק טויזנט?

— און נאָך איין פונקט וועל איך אָנרירן, — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט, איידער ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער טאַנקען־פראַגע. — ווען איר האָט אייערע טאַנקען געמאַכט, האָט איר מיט קיין זאַך ניט מקריב געווען. פאַרקערט, איר האָט בשעת דער מלחמה געלעבט בעסער ווי ווען עס איז. מיר ווייסן עס. מיר אָבער האָבן צוליב אונדזערע טאַנקען און אַנדערע קריגס־מאַטעריאַלן געדאַרפט אָפּזאָגן זיך פון דעם נויטיקסטן, צי דאָס איז געווען שפּייז, קליידער, מעדיצין, נאָדלען, קנעפּלעך, ביכער, טעפּלעך, אָדער אַנדערע זאַכן. איז ווי אַזוי פאָרט קאָן מען ביי אייך זאָגן...

דער פּאָלקאָווניק האָט געהאַט איינזעעניש מיטן גאַסט פון אַמעריקע. ער האָט גערעדט רואיק און העפלעך. אָבער ס'איז געווען ביטער צו הערן זיינע ווערטער. און זיי האָבן זיך שאַרף איינגעקריצט.

צום שאַרפסטן געדענקען זיך אָבער די ווערטער פון פּשוטע מענטשן, מיט פּנימער, אויף וועלכע די מלחמה, די עוואַקואַציע, די רע־עוואַקואַציע, די קרבנות זיינען געווען אויסגעקריצט. זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט ליקווידירן דעם חורבן, מיט אויפשטעלן זייער לעבן. אָבער די מענטשן האָבן געהערט, ווי אין אַמעריקע רעדט מען וועגן אַ דריטער וועלט־מלחמה. האָבן זיי עפּעס געזאָגט, אָדער געוואָרפן אַ בליק, און געהייסן האָט עס: גיט אַ קוק וואָס דאָ טוט זיך! משוגע זייט איר געוואָרן? ווען איר

וואָלט געוואוסט וואָס די מלחמה איז געווען, וואָלט איר ניט געוואָגט צו רעדן וועגן אַ נייער מלחמה!

דער פאַרלאַנג נאָך אַ זיכערן שלום האָט אַרויסגערעדט פון די פּנימער, פון די אויגן פון די סאָוועטישע מענטשן, פּשוטע און הויכ־געשטעלטע, ציווילע און מיליטערלייט. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין געבעט, קיין הכנעהדיקער פאַרלאַנג...

דאָס געדענקט זיך: זיי זיינען שטאָלץ. קאָאָפּעראַציע — אומ־באַדינגט נויטיק! אָבער ווי גלייכע מיט גלייכע. זיי ווייסן דעם פּרייז, וואָס זיי האָבן באַצאָלט. זיי ווייסן וואָס זיי האָבן באַוויזן. זיי ווילן זיך ניט לאָזן „אַרומשטופּן", מען זאָל אויסנוצן דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן אַזוי פיל מקריב געווען און געפינען זיך אין אַזאַ חורבן... דאָס געדענקט זיך זייער גוט.

●

אין זכרון האָט זיך איינגעקריצט דער איינדרוק איבער אַלע איינ־דרוקן: סאָציאַליזם.

אָן דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע וואָלט מען ניט געוואונען די מלחמה — ניט זיי און במילא ניט מיר. אָן דעם סאָציאַליזם אין דאָרף וואָלט מען פאַרהונגערט געוואָרן בשעת דער מלחמה, וואָלטן מיליאָנען אויסגעשטאָרבן פון אומגערעטעניש אין 1946. אָן דער סאָציאַליסטישער באַציאונג צו מענטשן און פאַבריקן און קולטור־אינסטיטוציעס, וואָלט מען ניט געקאָנט עוואַקוירן צענדליקער מיליאָנען מענטשן, וואָלטן זיי ניט געהאַט וואָס צו טאָן אין די פּוסטע ערטער, ווען מען וואָלט זיי עוואַקוירט (ריכטיקער: זיך אַליין עוואַקוירט), וואָלטן זיי ניט רע־עוואַקוירט געוואָרן, צוריק צו די אַלטע היימען, וואָלטן זיי ניט געקראָגן צוריק זייערע דירות, זייער אַרבעט, ווי זיי האָבן עס געקראָגן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אָן סאָציאַליזם וואָלטן מיליאָנען אידן ניט געראַטעוועט געוואָרן.

אָן סאָציאַליזם, אָן דעם סאָציאַליסטישן אימפּעט פון בויען, אָן דער סאָציאַליסטישער באַלוינונג מיט אַ בעסער לעבן פאַרן פאָלק, אָן דער סאָציאַליסטישער קולטור, אַ קולטור פון אָפּטימיזם, וואָלט געווען ביטערע פאַרצווייפלונג דאָרט, וואו דער חורבן שפּרייט זיך ווייט אויף צענדליקער טויזנטער קוואַדראַט־מיילן, דרינגט אַריין אין די געדערים פון דער ערד, אין די מינעס און שאַכטן.

נאָכן אַרויספאָרן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז עס נאָך קלאָרער גע־

וואָרן. אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד, האָט צווישן דעם דורכשניטלעכן בירגער געהערשט אַפּהעגטיקייט, פּעסימיזם, אויסזיכטלאָזיקייט, אַ לעבן אָן אַ מאָרגן. וואָס וואָלט שוין געווען, ווען דער חורבן וואָלט אין די לענדער געווען אַזוי גרויס, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד?

אָך, אַ חורבן! ער האָט זיך איינגעקריצט אין מוח, אין האַרצן טיף־טיף. אָבער קיין פאַרצווייפלונג איז ניטאָ, קיין אַפּהעגטיקייט, קיין פּעסי־מיזם. מען ווייסט, אַז היינט איז שווער, אָבער אַז מאָרגן וועט געוויס זיין בעסער. און מען גייט צו דעם מאָרגן מיט אַלע כוחות, און ער שיינט ווי אַ ליכט און באַשיינט דעם היינט. וואָס־זשע, איז ווידער געשען אַ נס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, — ווידער, ווי בשעת די דייטשן זיינען באַפאַלן?

דער ענטפער איז: סאָציאַליזם.

און סאָציאַליזם גייט מיט שלום. אויף בויען סאָציאַליזם אויף אַ זעקסטל פון דער ערד דאַרף מען האָבן שלום. דער באַגער נאָך שלום איז ניט נאָר אַ סוביעקטיווער, נעמט זיך ניט נאָר דערפון, וואָס די ווייטיקן פון דער מלחמה ליגן נאָך אין די ביינער. ער איז אַן אויסדרוק פון סאָציאַליסטישער בויאונג.

●

מען בויט!

אַ שילד אין אָדעם געדענקט זיך: מען דאַרף אַרבעטער! פון אומעטום טראָגט זיך דער געשריי: אַרבעטער דאַרף מען! איז געווען גרויסע נייעס אין דער פּרעסע: קאָנטאָר־אָנגעשטעלטע גייען אַריבער צו אַרבעט ביים וואַרשטאַט. דער וואַרשטאַט רופט, די רישטאָוואַניעס רופן. און דער שרייב־טיש. און די לאַבאָראַטאָריע. עס הערשט אַן אַטמאָספערע פון בויען און שאַפן.

„וואָס מיר וועלן טאָן אין דעם יאָר 1947" — געדענקט זיך אַ קאָפּ אין איין מאָסקווער צייטונג און אין נאָך איינער, דעם 1טן יאַנואַר פון דעם יאָר. דירעקטאָרן פון פאַבריקן, שרייבער, טעאַטער־אָנפירער, פילם־קינסטלער, הייזער־בויער, שאַכטן־בויער, ווּיסנשאַפטלער האָבן אויסגע־ליינט זייערע פּלענער: אָט דאָס און דאָס קליבן זיי זיך אויפצוטאָן אין דעם נייעם יאָר.

און אַן אַנדער קאָפּ איבער אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג געדענקט זיך: „פייערלעך אויפן דניעפּר". די דניעפּר־סטאַנציע, וואָס איז אויפגעריסן געוואָרן אין 1941, ווען די רויטע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן — און אין

הונדערטער מיליאָנען הערצער האָט עס דעמאָלט א ריס געטאָן — האָט שוין אָנגעהויבן געבן ליכט...

פייערלעך אויפן דניעפּר, פייערלעך איבערן גאנצן לאנד — סיגנאַלן פון בויען, סיגנאַלן פון סאָציאַליזם.

מיניען זיי זיך פון דערווייטן, העט איבערן אָקעאַן. דערציילן זיי וועגן נייע צווישן־באַציאונגען, וועגן אַן איבערשאַצונג פון ווערטן, וועגן נייע באַגריפן און נייע מענטשן: וועגן א געזעלשאַפט אָן פּריוואַט־אייגנטום, וואו אַרבעטלאָזיקייט איז ניט מעגלעך; וועגן קאָלעקטיווע פעלדער און גערטנער, וועמענס פּרוכטן מען וועט ניט וואַרפן אין ים אַריין, אָדער פאַרברענען; וועגן א נייעם צוגאַנג צו אַרבעט, ווי צו אַן ערן־זאַך; וועגן א נייער באַציאונג צו קולטור, וועגן אידישער קולטור, וועגן אידיש לעבן אין א סאָציאַליסטיש לאַנד.

מיניען זיך די פייערלעך פון דער ווייטנס, איבערן אַטלאַנטישן ים, און געדענקען זיך.

סוף